This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

Ли. мсш. 5-161

סאָוועטיש

4

1973

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרייבער־פארבאנד פון ססר

דערשיינט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל״

מאָסקווע

אפרעל

4

1973

אינהאלט

30 יאָר פונעם אופשטאנד אין װארשעװער געטאָ

איציק פעפער. די פאָן פון דער געטאָ אין פײַערן פלאַטערט (פראגמענט פון דער פּאָעמע „שאָטנס פון װארשעװער געטאָ״) . . . 3

פערעץ מארקיש. טראָט פון דורעס (פראגמענט) . . 8

שמועל האלקין. אף טויט און אף לעבן (דראמאטישע פּאָעמע. דאָס צװייטע בילד פונעם פערטן אקט) 16

בוזי מילער. לויטערקײַט (דערציילונג) 23

טעװיע גען. בוזי מילער (צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג) 25

שלוימע טשערניאװסקי. אלץ, װאָס לעבט (לידער) 43

אװראָם גאָנטאר. דער נאקעטער פּרינץ (קינדער־יאָרן. דערציילונג) ציײכענונגען פון ה. פערקעל. 45

כאַים מאלטינסקי. די עצעם סיבע (לידער) 85

מישע לעװ. קורסאנטן (דערציילונג). ציײכענונגען פון א. סלעפּישעװ 88

הירש רעלעס. גוטע טרוימען (לידער) 115

איציק בראָנפמאן. די מומע קאטיע. — צװיי װײַסע רויזן (לידער) 116

טריבונע פון לעבן

אוראן גוראלניק. שאָלעם־אליײכעם אין אינסטיטוט פון דער װעלט־ליטעראטור 117

ארן װערגעליס. בריװ פון אײראָפּע (פאָרזעצונג) . . 126

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. הירש בלאָשטיין. שטענדיק אן אָנהייבער 138

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

מוישע שאפּיראָ. װעגן אייניקע גראמאטיװע פראגן פון יידיש 145

ארן ראסקין. דער העברעיִשער װאריאַנט פון „טעװיע דעם מילכיקן״ 155

קורצע רעצענזיעס. י. סערעבריאני. מייער יעלינס טעמע; װ. דניעפּראָװסקי. א בוך װעגן דער יידישער אװטאָנאָמער געגנט; ל. װילסקער. א בוך װעגן ביכער; נ. ריכטער. מיסטיפיקאציעס פונעם מיסטער שװארץ 163

יוסעף שוסטער. א מײַסטער פון ביכער־גראפיק . . 170

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער. זאכאר דיטשאראָװ. די „יידן־פראגע״, און װער עס מאכט פון איר פאלשן קאפּיטאל 171

אונדזערע מיטיילונגען. א. פריבלודע. צו דער געשיכטע פון יידישע נעמען 177

דאָס איז טשיקאװע. י. גינעװסקי. די „סוידעס״ פון שעפערישקײַט 180

די פּאָטשט פון „סאָװעטיש היימלאנד״. ד. גראָזאָװסקע. אונדזערע לייענער 183

כראָניק 87, 175, 179, 185, 188

פארשיידנס 186

נאָטיצן אפן קאלענדאר 189

מוישע שאפּיראָ. שמועסן װעגן יידישער שפּראך . . 190

לאָמיר זינגען נײַע לידער. כ׳װאָלט מײַן ליד... װערטער און מוזיק פון עסטער רימער (ארגענטינע), באארבעט זינאָװי קאָמפּאנייעץ 192

הויפּט־רעדאקטאָר

א. װערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, מ. לעװ, כ. מאלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פרײַ.

פאראנטװאָרטלעכער סעקרעטאר

י. טשיטשעלניצקי

אין 30־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ דער־מאָנען מיר די העראָישע עפּאָפּיי, די העלדן און קדושים, אונטערשטרײַכנ־דיק די אקטועלקײַט פון די היסטאָרי־שע געשעענישן פאר דעם הײַנטיקן דאָר קעמפער קעגן די פינצטערע קויכעס פון פאשיזם און רעאקציע, פאר שאָלעם און גערעכטיקײַט.

דער אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ האָט געפונען א ווירדיקע אָפּשפּיגלונג אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראטור, וועלכע איז אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע, צוזאמען מיט די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראטורן, געווען דורכויס א פראָנט־ליטעראטור, און מיט דעם האָט זי זיך שוין פון אָנהייב אָן איבערגערופן אין וואָרט און טאט מיט די אנטפלעקונגען פונעם אנטיפאשיסטישן שלאכט־גײַסט אף יענער זײַט פראָנט־ליניע, אין די גע־טאָס פון אייראָפּע, דאָרט, ווו דאָס יידישע פאָלק, ניט געקוקט אפן פאַ־ראט פון די ציוניסטיש־נאציאָנאליס־טישע מאנהיגים, האָט געשטעלט א מוטיקן ווידערשטאנד דעם פאשיזם.

אלס אויסדרוק פון ייראס־האקאָוועד בענעגייע די העלדן ברענ־גען מיר דאָ אייניקע ווערק וועגן אופשטאנד פון ווארשעווער געטאָ, וועלכע די סאָוועטישע יידישע ליטעראטור האָט געשאפן אף די הייסע שפורן פון די געשעענישן.

30 יאר פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

איציק פעפער

די פאָן פון דער געטאָ אין פײַערן פלאַטערט

(פראגמענט פון דער פאָעמע
„שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ")

מע שיסט אף דער געטאָ, און ס'ענטפערט די געטאָ
אף סינע מיט סינע, אף פײַער מיט פײַער.

עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ,
געשווימט האָט די געטאָ מיט סרייפעס מיט נײַע.
א פלאם טוט א הייב זיך פון שווארצע פאבריקן,
א פלאם טוט א זעץ פון די שטיינערנע קוימענס,
און ס'טראָגט זיך דער אופרײַס פון בריקל צו בריקל,
מע קוקט אף די סרייפעס: ס'איז ניט קיין כאלוימעס,
דאָס האָבן די יידן א פײַער צעצונדן,
א פײַער, וואָס וועט פון דער ערד ניט פארשווינדן!

עס זײַנען געקומען די פרעכע טעווטאָנען
צום סײדער צום ערשטן אף ווידער דערמאָנען —
„אוואָדים האָיינו״... נאָר מ׳האָט זיי באַגעגנט
מיט בליצן און דונערס. מיט בלײַ האָט גערעגנט
אין װאַרשעװער געטאָ. פֿון קעלערס, פֿון גאַנ׳קעס
זיי זײַנען ארויס — די סטאָליאַרעס און שמידן,
די שטילע, די גוטע, די פּאַשעטע ייִדן,
מע האָט זיך געװאָרפן אף ריזיקע טאַנקן
מיט מוירדישן מוט און מיט אײַזערנעם צאָרן.
די שנײַדער די יונגע מיט בלײַ אף די אָרעמס,
די װאַרשעװער שוסטערס מיט מעסערס אין טאַשן,
און זקיינים אפילע פון אלקערלעך שטילע —
זיי האָבן געטראָגן אין זעקלעך פון טפילן
דעם טויט פאַר די סאָנים. מיט פלאַמען געװאַשן
זיי האָבן די גאַסן, מיט סרייפעס געאַקערט
די ווילדע כאַיאָלעס, וואָס האָבן געהוליעט
אין בריסל, אין ניצע, אין פּראַג און אין קראָקע.
עס האָבן די דײַטשישע טאַנקען געפלאַקערט,
ווי ס׳פלאַקערן טרוקענע סטויגן אין יולי,
זיי האָבן געמיינט, אַז זיי לויפן נאָך האָזן,
נאָך אַלטע באַזיגטע, פאַרקנעכטעטע שוואָטים.

נאָר דאָ האָבן אַנדערע ווינטן געבלאָזן,
מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט הייס דאָ געאָטעמט...
מיט פלאַמען געזעצט האָט פון יעטווידן ווינקל,
אף יעטווידן טראָט האָבן מעסערס געפינקלט...
מיט בלײַ און מיט טויט האָט צעצײַנעט די וועלט זיך,
עס האָבן די יונגען אף דעכער געשטעלט זיך,
ס׳איז יעטווידער בוידעם אַ שוצגרוב געוואָרן,
און יעטווידער הויף האָט געפײַערט מיט צאָרן.

און ווער ס׳האָט קיין ביקס אין דער האַנט ניט געהאַלטן,
האָט באָמבעס געגרייט אַף צעשמעטערן בריקן,
פון טויט האָט זיך קיינער שוין מער ניט באַהאַלטן.
און ווער ס׳האָט קיין מעסער אין האַנט ניט געהאַלטן,
האָט אייגענע נעגל אַף וואָרגן און שטיקן...

עס זײַנען געקומען די ווילדע טעווטאָנען
מיט צלאָמים און שאַרבנס אַף זייערע פּאַנען,
זיי האָבן געהאַפט, אַז דער וועג איז א גלאַטער,
און ווו נאָר זיי קומען — איז ציטער, און פלאַטער,
און קנעכטשאַפט, און טרערן, און קינדער־געשרייען.
זיי זײַנען געקומען נאָך וואָלוולע טראָפייען,
נאָך שטילע קאָרבאָנעס, וואָס ליגן פאַרנורעט
און וואַרטן — דער טויט זאָל פון שאַנד זיי באַפרײַען...
נאָר ס׳האָט אין דער געטאָ געשטיגן דער שטורעם,
געשמעקט האָט מיט מאַסקווע און ניט מיט מיצראַיִם!..
עס האָט „שפּויך כאַמאָסכאָ״ דער ווינט שוין געזאָגט איצט,
און ס׳האָבן שוין בלוטיקע טײַכן געיאָגט איצט,
עס האָבן פון ווייטעק די שטערן צעוויינט זיך,
און ס׳האָבן האַגאָדעס אליין שוין געלייענט זיך...

. . . .

ווי ביטער די פּײַן איז פון נאָכגיביק־שוואַך זײַן,
אַזוי איז זי זיס, אונדזער קראַפט, פון פאַראַכטן,
ווי ביטער, ווי פּײַנלעך איז שטויב אַף א שליאַך זײַן,
פון אַלע געטראָטן אין פּרי, אין פאַרנאַכטן,
ווי ביטער איז לעבן ווי קנעכט און זיך בויגן,
האַכנאָעדיק טראָגן די פּלייצעס געבויגן, —
אַזוי איז ער הייליק, דער אופקום, אין שלאַכטן...

עס פאלן די שטאָלענע כּיַעס צעשמעטערט,
פון רויך און פון ווייטעק דער הימל איז גרוי שוין,
עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

* * *

עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

עס פאלן די דעכער ווי ליידיקע קוישן,
און כורוועס אַף כורוועס, צעדרויבט און צעשמעטערט,
אין וואַלגער זיך לייגן אַף בערגיקע וועגן,
און ס׳שטורעמט פון שטויב און פון שטיינער א רעגן.

און הויך איבער כורוועס און הויך איבער דעכער
די פאָן פון דער געטאָ אין פיַערן פלאַטערט,
א פּיַנטלעכע קויל האָט זי דריַ מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט און איר כיין ניט צעפּאַטערט
אין טעג פון ניסיוינעס. זי פלאַמט אין די הייכן,
דער ווייַ האָט איר נעכטיקן שטאָלץ ניט געבראָכן,
זי היט אירע ווונדן ווי אייביקע צייכנס,
ווי צייכנס פון אומקום, פון צאַר און ניצאָכן,
זי פלאַטערט מיט רום פון די זיידעס און טאַטעס,
מיט גוורע פון זין און מיט זויבער פון טעכטער.

דריַ ווונדן שוין בריִען דאָס לייַב פונעם וועכטער,
וואָס נעמט ניט אַראָפּ פון דער פאָן זיַינע אויגן,
אים האָבן דריַ ווונדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
נאָר ער שטייט ווי פריִער א שטאָלצער, א שלאַנקער,
ער שטייט ווי א פעסטונג, וואָס ווייסט פון קיין וואַקל,
ער שטייט ווי א שיף אַף א מעכטיקן אַנקער,
ער שטייט ווי א שלאַכטמאַן — די פאָן איז זיַין פאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פון די לאַנגע מעסלעסן,
ער האָט שוין דעם טאַם פון א דרעמל פאַרגעסן,
צוויי טעג זיַינען שיקער פון דעמלט אַנטלאָפן,
ווען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט עפּשער א קויל שוין די מאַמע געטראָפן?
צוויי טעג, אַז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,
עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָט ביידע געפּאַקט שוין מיסטאַמע...

איצט שטייט ער אַליין אַפן הויכן באַלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווייַל עס האָט אים די אײדע געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אַוואַדע, אַוווּ ער געפינט זיך.

איצט שטייט ער אַליין דאָ פאַרגרויט און פאַרפּינצטערט.

דאָס וואַרשעווער ייִנגל איז ניט צו דערקענען,
עס זיַינען שוין גרוי זיַינע ייִנגלשע לאָקן,
צעאַקערט זיַין שטערן איז ווי בא א זאָקן,
און נאָר זיַינע אויגן אין פינצטערניש ברענען,
די אויערן הערן דאָס פּיַפּן פון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער פּוילן,

די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רייצן,
און בריזן, און פאלן אַף כורוועס דערוואָרגן,
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרייצן
דעם טונקל פון אָוונט, די בלוי פון פרימאָרגן.
מע רײַסט ניט קיין קריַע, מע זעט ניט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפּשײַן פון שטערן,
מע זיצט ניט קיין שיווע, מע מאכט ניט קיין מאָלעס,
דאָס קאָל פון די ביקסן דאָס איינציקע קאָל איז
אין וואַרשעווער געטאָ. נאָר וואָלקנס אין הימל
און רויכן אַף ערדן זיך לאָזן אין גאָלעס.
אויס גאָלעס! אויס געטאָ! אויס שאנד און אויס שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן,
און ריקעס פון גאסן צו גאסן שוין פליסן,
און ס'מאָלן דאָס ברויט פון מילכאָמע די מילן...

אמאָליקע צײַטן אין שלאכט מיטן סוינע
פלעגט עמעצער פרווון זײַן לעבן נאָך שוינען,
אמאָל פלעגט אין הערצער נאָך קומען די מוירע,
אמאָל פלעגט דער פּאכעד זיך שפּיגלען אין אויגן,
דער טויט פלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן,
און ס'פלעגט די האכנאָע די מוטיקייַט בייגן...

ניטאָ אזא שרעק, וואָס זאָל שלאבעריק מאכן
דאָס הארץ און די האנט פונעם וואַרשעווער ייִנגל.
ווען ס'פליִען אין אָפּגרונט אפילע די שליאכן,
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס'קאָן קיינער אים צווינגען
אָט דאָ מיטן אויצער דעם גרעסטן זיך שיידן,
ער שטייט ווי א דענקמאָל, פון שטיין א געטאָקטער,
דעם שטאָלץ און דעם ווייַ פון א דאָר איצטער טראָגט ער,
דער יונג מיטן זילבערנעם קאָפּ פון א זיידן.
ער שטייט ווי א דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאשכעס פון צוקונפט פארבאָרגן.

טראָט פון דוירעס

(פראגמענט)

די לעצטע עטלעכע כאדאָשים זײַנען די פאקטישע הערשער איבער דער געטאָ געוואָרן עטלעכע אָנגעפאָרענע הענקער, אָנגעטאָן ציוויל און פארשטעלט פאר פאבריקאנטן. זיי זײַנען געקומען באשעפטיקן די ייִדן פון רעזערוואט מיט ארבעט. נאָך דעם ווי פאָן פראָש האָט א דורכגעשאָסענער זיך אויסגעצויגן בא זיך אין קאבינעט, און נאָך דעם, ווי אף די גאסן פון געטאָ האָבן זיך גענומען וואלגערן נעווײלעס, אויסגעפוצטע אין דער גרוי־גרינער אוניפאָרם פונעם רײַך, זײַנען די דײַטשן איבערגעגאנגען צו אן אנדער טאקטיק. נעמלעך, קיין מיליטערישע מאכט קומט מער ניט ארײַן אין געטאָ.

— אף אריבערזידלען די ייִדן, — איז פאול פריקע געקומען צום אויספיר, — דארף מען אָנווענדן קלוגע טאקטיק און דערפארונג. דער מיליטערישער מאכט וועט זײַן איצט שווער צו געווינען נאָכאמאָל דעם צוטרוי פון די פארורטײלטע. איז דארפן זיך קיין מיליטערלײַט אין געטאָ מער ניט ווײַזן. אונטערהאנדלונגען וועגן ארויספאָרן פון געטאָ ווערן אויך געפירט מיט ציווילע לײַט, מיט פאבריקאנטן, וואָס באשעפטיקן די ייִדן מיט ארבעט אין געטאָ און לייגן זיי פאָר ארבעט אויסער דער געטאָ.

פאול פריקע איז געוועזן צופרידן מיט דעם דאָזיקן וואריִאנט.

איינער אזא איבערגעטאָנענער הענקער, וואָס האָט פארכאפּט אין זײַנע הענט די גאנצע באקליידונגס־אינדוסטריע און די גארבערײַען פון דער געטאָ, האָט זיך נאָך אויך פארשטעלט פאר א פרײַנט און פאר אן אָנהענגער פון פיזישער מי. ער האָט עס אײַנגעטײַנעט מיט די אויסגעבלוטיקטע, פארכאלעשטע, הונגעריקע און פון די פיס פאלנדיקע קנעכט:

— ארבעט ברענגט פרייד!

די פארורטײלטע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, וואָס זײַנען, ווי אונטערגעבראָכענע, געפאלן אף אראָפּ. אָבער דער דײַטשישער באלעבאָס האָט זיי אָפּגעמינטערט:

— אלע ייִדן, וואָס ארבעטן, זײַנען געראטעוועט.

דעמלט האָט אפן דעק פון די אויסגענאָגטע נעשאָמעס זיך אָנגעצונדן א בלאס, געשפענסטיק פײַערל פון האָפענונג. דער הענקער האָט עס באמערקט. איצט האָט אים שוין גאָרניט געקאָסט צוגעבן מיט פרעכן כויזעק פון א זיגער:

— מיר, דײַטשן, וועלן אײַך אויסלערנען, ווי מע דארף ארבעטן. מיר עפענען נײַע אָביעקטן. נײַע ווארשטאטן. מיר פארברייטערן די פראָדוקציע. צו וואָס זאָלן גוטע ארבעטער זיך שטיקן אין דער ענגשאפט פון רעזערוואט? עס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן נײַע פאבריקן. די, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין דער ארבעט, וועלן מיר אריבערפירן אין בעסערע און פרײַערע באדינגונגען. מיט די פאמיליעס.

— עס גייט גוט, — האָט דער פאבריקאנט מיטגעטײלט פאול פריקען די רעזולטאטן פון זײַן טאקטיק און פאָליטיק אין געטאָ.

פאול פריקע האָט אים אויסגעהערט און אינערלעך זיך געקוויקט מיט דער פרוכט פון זײַן געדאנק. ער האָט וועגן קיין דעטאלן ניט איבערגעפרעגט. עס וואָלט ניט געשטימט מיט דעם גראד באשיידנקײַט, וואָס יעדער אווטאָר דארף אויסהיטן. האָט פאול פריקע אָפּגענומען מיטײלונגען, אויסגעדריקט צופרידנקײַט און געבעטן אָנצייכענען דעם טערמין פון אן אקציע, וואָס דארף זײַן די לעצטע:

— דער הער שאוטמאן באגרײַפט דאָך, אז מער ווי דרײַ מאָנאטן קאָן עס ניט גיין. מע פאָדערט פון בערלין. שלוס.

און האגאם פריקען אליין וואָלט גאָר אויך ניט אויסגעמאכט, אז דער פאבריקאנט הער שאוטמאן זאָל נאָך אויסקוועטשן פון די לעצטע עטלעכע צענדליק טויזנט קנעכט וויפל עס לאָזט זיך, ווײַל דאָס בלוט פון דער געטאָ איז געגאנ־

גען צום הער שאוטמאַן און צו פּריקען אין גאָלדענע קיילים, — אָבער דער רײַך האָט געפּאָדערט: ליקווידאַציע. די לעצטע אַקציע. דער פראָנט איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן נעענטער צו דער גובערנאַטאָרשאַפט. ס'האָט אין דער גובערנאַטאָרשאַפט ניט געטאָרט בלײַבן קיין איין ייִד. האָט מען פּריקען געײַלט פון בערלין, און פּריקע האָט געײַלט די פאַבריקאַנטן:

— זאָל דער הער שאוטמאַן אָנצייכענען אַ טערמין. דער גרעסטער טייל דאַרף אַרויסגעפירט ווערן. די איבעריקע — אפן אָרט. זאָל דער הער שאוטמאַן זאָגן, וויפל ער דאַרף באַגבעטן. וויפל אווטאָמאַטן. ס'וועט אַלץ זײַן באַזאָרגט.

דער פאַבריקאַנט הער שאוטמאַן האָט פּריקען ניט אונטערגעפירט. שותּפים פון איין און דעם זעלבן בלוט־ און גאָלד־געשעפט, האָבן זיי זיך צונויפגערעדט אף אַזאַ טערמין, אַז אין דער ערשטער ריי זאָלן ניט לײַדן זייערע אינטערעסן. דער טאָג איז געווען באַשטימט.

אין יענער נאַכט האָבן אָפּטיילונגען פון דער פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם ייִדן־ראַיאָן.

אָבער די אונטערערדלער זײַנען שוין אַ צײַט לאַנג געווען גרייט צו באַגעגענען דעם נײַעם פאַרברעכן, וואָס פּאַול פּריקע און דער הענקער שאוטמאַן האָבן צוזאַמען פאַרקאָכט.

קיין איין נאַכט זײַנען די אַרבעטער ניט געווען דאָרט, ווו די עסעס האָבן זיי געקאָנט טרעפן. אַלע אונטערערדישע שלאַכטלײַט זײַבן געווען אף זייערע באַצירקן. ווער ס'איז געווען פאַרשטעקט אין בונקערס, ווער אין מאַלינעס.

נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין געטאָ די ייִדן־פאַרניכטלער מיט מאַשין־געווער, אָנגעפירט פונעם עסעס־גענעראַל באַראָן פאָן קאַלמעדי. אַלע גאַסן זײַנען געווען באַלאַגערט. עסעס־אָפיצערן זײַנען געגאַנגען פון בלאָק צו בלאָק, פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט און קיינעם דאָרט ניט געטראָפן. אייניקע, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם פוקסן־מאַנעווער פון אַ פאַבריקאַנט און געגלייבט, אַז די, וואָס אַרבעטן, וועלן זײַן געראַטעוועט און געשוינט, האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן לעבן די וואַרשטאַטן. די מאַשינעס זײַנען באַשפּריצט געוואָרן מיט זייער בלוט.

קיינמאָל זײַנען נאָך די עסעסאָווצעס ניט געווען אַזוי זיכער אין לײַכטן דערפאָלג, ווי אין יענער נאַכט. אַלץ איז געווען צוגעגרייט און באַוואָרנט.

באַראָן פאָן קאַלמעדי האָט געציילט די ערשטע טראָפייען אָן איבעריקן ענטוזיאַזם. ער האָט אויסגערעכנט פאַרכאַפּן די פאַרווּרטיילטע אין די וואַרשטאַטן, און פון דאָרטן וועלן זיי שוין ניט האָבן קיין אַנדער וועג, ווי אף די אומשלאַג־פּלעצער. נאָר ווי אַליאַרמירט דורך אַ געהיימען סיגנאַל, האָבן אַלע באַצײַטנס פאַרלאָזט די וואַרשטאַטן. באַראָן פאָן קאַלמעדי האָט זיך נאָר צערייצט דעם אַפּעטיט מיט דעם בלוט פון די עטלעכע דערשאָסענע אַרבעטער, וואָס זײַנען געבליבן אין די וואַרשטאַטן און זיך קעגנגעשטעלט די עסעסאָווצעס.

אַרײַנגעגאַנגען זײַנען די עסעסאָווצעס דאָס מאָל אין געטאָ ווי אף אַ פּאַראַד. ס'זאָל באַ די דערשלאָגענע אײַנוווינער ניט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט. זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מיט מוזיק. די אָנגעבלאָזענע פּיסקעס פון די מוזיקאַנטן האָבן געגלאַנצט, פאַריסענע אין דער הייך אײַניינעם מיט זייערע מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן. זיי האָבן זיך אַליין אונטערגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט. זיי האָבן געוווּסט, אף וואָס פאַר אַ פּאַראַד זיי גייען. אָט באַלד וועלן זיי דאַרפן פאַרטויבן דאָס געוויין פון זקנים און דאָס געשריי פון קינדער. זיי זײַנען דערפאַרן. זיי ווייסן, וויאַזוי מע מאַכט עס. האָבן זייערע אָנגעבלאָזענע פּיסקעס זיך געגאָרגלט ביז צום פּלאַצן, אָנפילנדיק מיט ווילדער קאַקאָפאָניע דעם וויסטן אָוולדיקן רוים פון דער געטאָ. קיין שום קוילעס האָבן זיך מיט זיי ניט פאַרמאָסטן. ניט קיין געוויין און ניט קיין געשריי. זיי האָבן געבלאָזן אין רוים אַרײַן, און ס'איז זיך ערגעץ פאַנאַנדערגעגאַנגען און זיך אויסגעהויכט אין דער טרויעריקער וויסטקײַט פון דער געטאָ. קיינעם האָבן זיי ניט אופגעוועקט.

באַראָן פאָן קאַלמעדי איז אומגעפאָרן אין זײַן מאַשין איבער דער אויסגעליידיקטער געטאָ, ווי אָן אויסגעפּוצטער גרויסער שטשור, וואָס האָט זיך באַנאַכט אַרויסגעכאַפּט פון זײַן נאָרע אפן רייעך פון בלוט און ער זעט עס ניט... ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין פאַרשיידענע זײַטן, פאַנאַנדערגעוואָרפן די פאַרניכטלער־גרופּעס אומעטום, ווו ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז פאַראַן אַן אָטעם פון לעבן, און די עסעסישע קלעזמער האָבן מאַרשירט איבער די ליידיקע גאַסן פון דער געטאָ, זיך געריסן די קישקעס און געבלאָזן די באַקן און געטאָן די זאַך אָרנטלעך, ניט גענאַרט, אויסגעפילט די גאַנצע פּראָגראַם, וואָס זיי האָבן אָנגעמערקט פאַר אַזאַ יאָמטעוו, — זיי האָבן געדרייט מיט די מעשענע טרויבן און מיט די קעפּ און מיט די באַקן און אַלע ווײַלע אַ לעק געטאָן די אופגעשוואָלענע ליפּן און דעם שווייס, וואָס האָט גערונען פון אונטער די דאַשעקעס צו די מײַלער. זיי האָבן מאַרשירט און ניט פאַרגעסן ציילן דעם טאַקט.

באַראָן פאָן קאַלמעדי האָט זיך געערגערט. יעדע קאָמאַנדע, וואָס ער האָט געגעבן זײַנע גאָרגלשנײַדער, האָט ער אַרויסגעכריפּעט מיט אַזאַ צעיושעטקײַט, ווי ער וואָלט איבערגעכאַ־

זערט דעם פיורערס ווערטער — דירעקט פון בערלין. און זײַן יעדע קאָמאנדע האָט באַטײַט:

פון דעם פארפלוכטן רעזערוואט ניט ארויסגיין, ביז ער וועט ניט קאָנען ראפּאָרטירן בערלין, אז מיט די יודען איז עס — פימפע. שלוס.

אין די טויערן פון געטאָ האָבן זיך באוויזן נײַע פארניכטלער־גרופּעס, וואָס לויטן אויסגעארבעטן פּלאן האָבן זיי באדארפט קומען בײַטן די ערשטע, ווען לויט זייער כעזשבן וועט שוין א היפּשע ארבעט פון דער ליקווידאציע זײַן אָפּגעטאָן. זײַנען זיי געשטאנען, ווי א רעזערוו, און געווארט, ביז מע וועט זיי לאָזן אין „געשעפט". און די קלעזמער האָבן געשפּילט.

באראָן פאָן קאלמעדי האָט שוין אליין אויך דערפילט די לעפּישקײַט פון זײַן קלעזמער־קאָמאנדע, גלײַך ווי בלויז צוליב דעם איז ער ארײַן מיט זײַנע פארניכטלער־גרופּעס אין געטאָ, אף אָפּשפּילן איר א דאָבראניטש. ס'האָט זיך געקאָנט אויסדאכטן, אז עמעצער פון זײַנע טיילן דארף זיך נאָך באלד ארײַנשטעלן אין געטאָ א ביסל קאליאדעוועו אויך... די מוזיק האָט אים אליין שוין אויך גענומען פארטויבן. ער וואָלט זי צו אלדי טײַוולען אָפּגעשטעלט. נאָר דאָס וואָלט אויך גלײַכצײַטיק אָפּגעשטעלט דעם שלאכט־גײַסט פון זײַנע גאָרגלשנײַדער. דער באנאכטיקער אָנפאל וואָלט זיך אויסגעדאמפט און געוויס פארלאָרן פון זײַן עפעקט. דאָך האָט ער באשלאָסן — געבן א באפעל די מוזיקאנטן, זיי זאָלן פאָרלויפיק מאכן אן איבערײַס, ביז ער וועט זיי וועגן דער פּאָרזעצונג אליין מעלדן. נאָר גראָד דעמלט איז א פּארסאָפּעטער צוגעלאָפן צו אים איינער פון זײַנע אָרדינארן און אים איבערגעגעבן:

— דער שופּאָ־טייל אונטער דער אָנפירונג פונעם גרופּענפיורער האָט דורכגעבראָכן אן אונטערערדישן בונקער און זיך ארײַנגעריסן אינעווייניק.

— מוזיק! — האָט ווי אף א פּאראד אויסגעריטשעט פאָן קאלמעדי. — ארײַנפירן די רעזערוו־גרופּן.

— צום באפעל, הער גענעראל! — האָט דער אָרדינאר אויסגעקלאפּט מיט די אָפּצאסן און איז פארשוווּנדן.

קאלמעדי האָט באפעלט דעם שאָפער, ער זאָל פארקערעווען צום בונקער. דער באראָן וויל זײַן נעענטער צו זײַנע סאָלדאטן.

זײַן מאשין האָט א שפּריץ געטאָן פון ביידע פארעס איבער דער געטאָ מיט מילכיקער שײַן און זיך געלאָזט אין דער פינצטערניש.

אין דעם אונטערערדישן בונקער, וווּהין די עסעסאָווצעס האָבן זיך ארײַנגעריסן, האָט מען זיך צו א צוזאמענשטויס געגרייט. די אונטערערדישע שלאכטלײַט האָבן ניט געשטערט די עסעסאָווצעס אראָפּנידערן דורך די געדרייטע טרעפּ וואָס טיפער אין דעם פארקאָנספּירירטן אָרט. און די עסעסאָווצעס זײַנען געגאנגען זיכער. עפּשער האָבן זיי געהערט די מוזיק, וואָס האָט זיי באגלייט אף דער דאָזיקער שכיטע.

מיט די אווטאָמאטן פאָרויס, אף צוגעבן זיך קוראזש, האָט זיך זיי געגלוסט אונטערזינגען צו דער מוזיק, וואָס האָט זיי באגלייט אין דער נידער. און מיטאמאָל האָט דער פאָרויסגייענדיקער, דער ראָטענפיורער, א געשריי געטאָן, ווי ער וואָלט באדארפט דורכשפּאלטן דעם גאנצן שיכט ערד, וואָס איז, ווי א פינצטערער קופּאָל, געהאנגען איבער זײַן גרופּע.

אין דער ערשטער רגע האָבן די עסעסגרופּעס עפּשער געמיינט, אז דאָס איז בלויז אזא הילכיקע קאָמאנדע פון זייער ראָטענפיורער, אז ס'איז א הילכיקע פאָראָרדענונג: אָנהייבן! נאָר טייקעף נאָך דעם געשריי האָבן זיך דערהערט קרעכצן. די עסעסאָווצעס האָבן לויט די קרעכצן גענומען זוכן דעם ראָטענפיורער אין דער פינצטער. קליינינקע טאשן־לאמטערנדלעך האָבן א ווונק געטאָן איינער צו דעם אנדערן. בא זייער קנאפּער שײַן האָבן די מאָרד־ריטער דערזען זייער ראָטענפיורער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט געבעטן הילף, דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען פארברענט. ער האָט געסקאווטשעט און געזוכט אין דער פינצטערניש זײַן ריִע, זײַן פיורערשאפט, זײַן מאכט, זײַן זיגערישע פריילעכקײַט. ער האָט ענדלעך געזוכט די האנט, וואָס האָט עס דאָ, אין דער אונטערערד, בא אים אלץ צוגענומען.

נאָר די האנט איז איצט געווען אויסגעשטרעקט מיט א רעוואָלווער און געווארט אף דעם צוריקגאנג פון די עסעסאָווצעס. דאָס איז געווען טאסיעס האנט. די זעלבע האנט, וואָס האָט מיט א געפּערלטן קסאוו פארפילט די פּאספּאָרטבלאנקען פאר די כאוויירים אין דער אונטערערדישער דרוקערײַ. די זעלבע האנט, וואָס האָט אף א שיפרירט לאָשן, פון איר אליין אויסגעטראכט, צו וויסן געגעבן דער וועלט, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ, און וואָס האָט ערשט נעכטן אָנגעשריבן איר לויפיקע קאָרעספּאָנדענץ: „האגאנא איז שוין אזוי גרויס, ווי איר קוזין קערעוו. בלאָק, האגאנאס פאָטער, האָט געבעטן דעם הער א., ער זאָל אף זיך נעמען די פאראנטוואָרטלעכקײַט און זי דערציִען. ער האָט איר געקויפט א סאך שפּילצײַג, און זי שפּילט זיך מיט זיי זייער שיין. האגאנא שמועסט אָפט מיט סאָוועסעצקין. נאָכאמאָל א גרוס פון האגאנא. מיט באזונדער האזשגאָכע רינגלט זי ארום נאצראוווסקי".

די זעלבע האנט.

און איצט האָט זי מיט א פלאש וויטריאָל אויסגעגאָסן איר הארץ אפן פּאָנעם פונעם ראָטענפיורער, וואָס האָט זיך אזוי זיגעריש ארײַנ־

געריסן אין דעם אונטערערדישן בונקער און געפירט זייַנע גאָרגלשניַידער אַף אַ בלוטיקער הוליאַשטשינע אין דער באַגלייטונג פונעם באַראָן פאָן קאַלמעדיס מוזיק.

דאָס דאָזיקע פייַערדיקע קסאָוו מיט דער פלאַש וויטריאָל האָט טאַסיע געשריבן ניט שיפּרירט, נאָר אַף אַ זייער אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך, דיקטירט פון דעם אונטערערדישן שטאַב, פון דער גאַנצער געטאָ און פון צענדליקער טויזנטער פאַרפייַניקטע. זי האָט דאָס געשריבן אַזוי, ווי אַ דאָרשטיקער טרינקט פון אַ קוואַל. איר פּאָנעם איז געווען באַגייַסטערט. די אויגן האָבן געברענט. און זי איז געווען שיקער פון דעם מיִעסן כאַזערישן געוואַי, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער אייביקער פינצטערקייַט אַרייַן פון דעם ראָטענפיורער, ווען זי האָט פאַרשטערט די בלוטיקע הוליאַשטשינע מיט קאַלמעדיס מוזיק.

ווען די עסעסאָווצעס האָבן זיך געלאָזט צו זייער ראָטענפיורער, האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט פון ביידע זייַטן אַן איבערפלעכט פון זיך דורכקרייצנדיקע קוילן. און דעמלט האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ גרופּע אונטערערדלער מיט אַלעקסאַנדערן בעראָש און אַפּגיך אופגעשטעלט אַ באַריקאַדע אַף דער גאַסן־קרייצונג. אונטן, אין דער אונטערערד, איז געגאַנגען אַ געשלעג מיט דער עסעס־גרופּע. אָנגעפירט מיט דעם געשלעג האָט מעטעק. טאַסיען האָט מען אָפּגעטראָגן אַ פאַרוווּנדעטע. פון אויבן איז אופגעשטעלט געוואָרן די באַריקאַדע.

אַלעקסאַנדער האָט אופגעמונטערט די אופשטענדלער:

— אָט אַזוי האָבן מיר אופגעשטעלט באַריקאַדעס אין נייַן־און־דרייַסיקטן יאָר, ווען די רעגירונג איז געלאָפן, און מיר האָבן פאָרגעזעצט די שלאַכט מיט די דייַטשן. אָט אַזוי האָבן מיר אופגעשטעלט באַריקאַדעס אין די צייַטן פון רידז־סמיגלאַ, ווען רייַטער־פּאָליציי האָט געשאָסן אין פרידלעכע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס. און אָט אַזוי האָט מען מיסטאָמע אויך אופגעשטעלט באַריקאַדעס אין מאָסקווע, ווען די דייַטשן האָבן זיך געריסן צו דער שטאָט. און דער סאָף... דער סאָף איז געווען דער אָנהייב.

די מוזיק האָט געשפּילט. דער באַראָן פאָן קאַלמעדי האָט אונטערגעהאַלטן די זיגערישע הוליאַשטשינע פון די עסעסאָווצעס מיט גרויסאַרטיקע רולאַדן פון מיליטערישע מאַרשן. און די אונטערגעקומענע רעזערוון אַף צו בייַטן די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אונטער דער ערד, האָבן די אופשטענדלער באַגעגנט מיט פייַער בא דער באַריקאַדע. איינצייַטיק האָבן זיך אַזעלכע שלאַכטן פאַרבונדן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון געטאָ. דער נאָוואָליפּיע האָט געענטפערט די פראַנציסקאַנער, און ווי אַ ווידערקאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסערייַ אַף מוראַנאָוו און אַף דזשיקע, און אַמשטאַרקסטן האָט זיך צעפּלאַקערט די שלאַכט אַף זאַמענהאָף־גאַס.

ווען צו פאַרבייַטן אין דער אונטערערד האָבן די רעזערוו־גרופּעס שוין ניט געהאַט. מיט דעם ערשטן דייַטשישן בלוט האָט זיך געקילט די אונטערערד. און אויבן אין געגאַנגען אַ באַריקאַדן־שלאַכט. און די מוזיק האָט געשפּילט. צעשלאָגענע עסעסאָווצעס זייַנען געלאָפן צוריק, זוכנדיק דעם אַרויסגאַנג פון דער געטאָ. און די איבעריקע רעזערוון זייַנען שוין מער אין קיין שלאַכט יענע נאַכט ניט אַרייַנגעטראָטן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט אָבלאַוועס איבער די ווייניק באַשיצטע ראַיאָנען פון דער געטאָ. זיי האָבן דאָרטן אונטער דער זעלבער אָנגרייַפערישער מוזיק אַרויסגעטריבן פון די הייַזער זקיינים און קראַנקע און אונטער מוזיק זיי געשלעפּט צו די אומשלאַג־פּלעצער.

פאַר דעם באַראָן פאָן קאַלמעדי איז דאָס אויך געווען אַ זיג. נאָך דעם, ווי זייַנע גאָרגלשנייַדער האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט פאַרלאָרן קנאַפּע פערציק מאַן און נאָך דעם, ווי ס'איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן בא זיי דאָס גאַנצע געווער, איז דער פאַרטריבענער בייס דער אָבלאַווע טייל ייִדן אויך געווען אַ טריִומף.

אַף נאָוואָליפּיע איז די שלאַכט פאָרגעזעצט געוואָרן.

אַ גרופּע עסעסאָווצעס, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן און מיט האַנט־גראַנאַטעס, האָט זיך דורכגעריסן צו אַ באַהעלטעניש, ווו ס'האָבן זיך געפונען פרויען און קינדער, און איז גלייַך אַרומגערינגלט געוואָרן פון די ייִדישע אופשטענדלער אַף נאָוואָליפּיע. די שלאַכט איז געווען אַ צווייענדיקע: אי אַף פאַרניכטן די עסעסאָווצעס, אי אַף באַשיצן די, וואָס האָבן זיך געפונען אין בונקער. די עסעסאָווצעס האָבן שוין געהאַט אַרויסגעשלעפּט פונעם בונקער פאַרכאַלעשטע פרויען און קינדער. און דאָ האָט אַלעקסאַנדער מיט ביידע פלאַנגען פון זייַן גרופּע אופשטענדלער פאַרשלאָסן די עסעסאָווצעס אין אַ קרייַז און אונטער דעם פייַער גענומען אַרויסרייַסן די קינדער מיט די פרויען. אָן געווער האָבן אייניקע אופשטענדלער זיך געוואָרפן אַף די עסעסאָווצעס און זיי אַנטוואָפנט.

אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט אָנטיילגענומען אויך לייבעניו דער טרעגער. ער האָט דער ערשטער אַרויסגעריסן בא אַן עסעסאָוועץ אַ ביקס, אָבער זיך באַנוצן מיט איר איז אים עפּעס געווען ניט צו דער האַנט. האָט ער זי איבערגעגעבן אַ צווייטן, וואָס האָט געהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער אונטערערד, און אַליין האָט ער זיך אַרופגעוואָרפן אַף אַן עסעסאָוועץ, זיך אים אייַנגעקלאַמערט אין גאָרגל און געשריגן:

— די הינטישע קישקעס!

ער איז שוין געווען פארווונדעט, לייבעלע דער טרעגער. נאָר ער האָט ניט געוווסט וווהין. אין קאָפ האָט זיך עפעס גענומען דרייען די גאנצע געטאָ און די גאנצע וועלט און דאָס גאנצע לעבן זײַנס מיט דעם געשטאָרבענעם פשעיאזד, מיט זײַן דערהארגעט ווײַב און מיט די קינדער. ער האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען, אָפגייענדיק מיט זײַן לעצט ביסל בלוט:

— לאָזט מיך רײַסן פון זיי שטיקער!

ער האָט געשריגן, ליגנדיק אָף א האלב דערוואָרגענעם עסעסאָוועץ. דער עסעסאָוועץ האָט געכריפעט, אויסשפײַענדיק מיט שוים די נעשאָמע. און לייבעלע האָט אָף אים געקוקט מיט גרעסער געוואָרענע ערעוו־מיסעדיקע אויגן. ער האָט אָף אים געקוקט און שוין מיט אויסגייענדיקע קויכעס אים ארײַנגעשריגן:

— אָט אזוי וועט איר אלע ליגן... אלע... זשאבעס!..

צו זײַן באוווסטזײַן איז שוין מער גאָרנישט ניט דערגאנגען. ער האָט שוין ניט געפילט דעם אייגענעם ווייטעק און ניט געהערט די שיסערײַ ארום זיך. ער האָט זיך נאָכאמאָל אָנגעבויגן איבערן כריפענדיקן עסעסאָוועץ, וואָס האָט אָף אים געקוקט מיט אן אײַזערנעם טויטן־בליק, א כראקע געטאָן אָף אים, און אלץ איז מיטאמאָל פארשווונדן געוואָרן פון זײַנע אויגן. ער האָט א פאל געטאָן, און די הענט האָבן זיך אים אליין אויסגעשפרייט אין ביידע זײַטן. ער האָט געגעבן דעם לעצטן אָטעם, און דער קאָפ האָט, פאלנדיק, זיך אין עפעס פארטשעפעט און איז געבליבן אופגעהויבן ווי א לעבעדיקער, צוקוקנדיק די שלאכט.

די פרויען מיט די קינדער, וואָס די אופשטענדלער האָבן ארויסגראטעוועט, זײַנען אינמיטן שלאכט אוועקגעפירט געוואָרן אין א באהעלטעניש. צו דעם אָרט פון דער שלאכט האָבן גענומען אונטערקומען נײַע גרופעס דײַטשישע סאָלדאטן. זיי האָבן געטראָגן לײַכטע קוילנווארפערס, אָף די בײַכער האָבן געסטארטשעט אווטאָמאטן, און פון די גארטלען זײַנען ארויסגעהאנגען גראנאטעס. די אופשטענדלער איז אויסגעקומען אָפטרעטן. אָבער וווהין? די באריקאדע איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואָס הינטער אים האָבן די אופשטענדלער זיך געקאָנט באשיצן. אָפטרעטן האָט באטײַט — פירן דעם סוינע נאָך זיך, אין די באהעלטענישן, ווו עס ליגן די קראנקע, ווו עס געפינען זיך די געראטעוועטע פרויען און קינדער.

צו דעם אָרט, ווו דעם איבערוואָג — סײַ אין געווער, סײַ אין מענטשן — האָבן געהאט די עסעסאָווצעס, האָט זיך דערנעענטערט דעם באראָן פאָן קאלמעדיס לימוזין. דער באראָן האָט איבערגעטראָגן זײַן קאָמאנדע־פונקט צו דעם פראָנט דעמלט, ווען דער קליינינקער בונקער איז געווען באלייגט פון עסעס און קיין געפאר האָט דעם דאָזיקן מוזיק־גענעראל שוין ניט געדראָעט. ער האָט זיך געריסן א קוק טאָן מיט זײַנע אייגענע אויגן אָף דעם שלאכטפעלד אין געטאָ. ער האָט זיך געריכט דערזען הונדערטער אויסגעהארגעטע אופשטענדלער, אויסגעמישטע מיט די קערפערס פון די דערשאָסענע קינדער און פרויען, וואָס די עסעס האָבן ארויסגעשלעפט פון די באהעלטענישן, — ער האָט זיך דאָס אלץ געריכט זעען מיט זײַנע אייגענע אויגן און פארנאָטירן עס בא זיך צום ראפאָרט, וואָס ער האָט זיך געקליבן אָפשיקן קיין בערלין, — ער איז שוין געגאנגען מיט דער זיכערקײַט, ווי נאָך א געלונגען געענדיקטער שלאכט, ווען דאָס פעלד איז טויט און כוץ באאָבאכטן דעם סוינעס הארוגים איז גאָר ניטאָ וואָס צו טאָן און היטן איז זיך אויך ניטאָ צו וואָס.

נאָר ארויסגייענדיק פון דער מאשין, האָט ער דערזען זיך וואלגערן קאסקעס. טויט־פארווונדעטע עסעסאָווצעס האָבן קרעכצנדיק געפויזעט איבערן ברוק. אייניקע זײַנען געלעגן נאזנדיקע, ווי זיי וואָלטן געשווומען. די מוזיק האָט געשפילט, אָפשטעלן זי איז ניט געווען קיין מעגלעכקײַט. אָפשטעלן זי האָט געהייסן ארויסרופן צווייפל אינעם זיג. ער איז געגאנגען איבער דער גאס, דער אָפגעשאָטענער מיט הארוגים. פון דער ווײַט האָבן זיך שוין גענומען אויסשיילן די קאָנטורן פון דער באריקאדע, און דעמלט האָט אלעקסאנדער אָפגעגעבן א קאָמאנדע זײַן גרופע אופשטענדלער, וואָס אונטער זייער שוץ האָט מען ארויסגעפירט די פארווונדעטע און ניט צוגעלאָזט די עסעסאָווצעס צו דעם בונקער:

— פײַער איבער די פאשיסטישע הינט!

און מיט די לעצטע קוילן, וואָס יעדערער פון די אופשטענדלער האָט נאָך פארמאָגט, האָבן זיי באנײַט די שלאכט.

דער באראָן פאָן קאלמעדי האָט זיך פארלוירן. ער האָט ניט פארשטאנען, ווו ער איז.

ווער האָט עס געעפנט א פײַער? שיקט זיך, אז די אויסגעהארגעטע שלעפער פון דער געטאָ באשיסן טויטערהייט אים, דעם באראָן פאָן קאלמעדי? ער האָט אָנגעהויבן זוכן א באהעלטעניש. ער האָט זיך אײַנגעבויגן אינדרײַען און אן אײַנגעבויגענער גענומען לויפן צוריק צו דער מאשין. נאָר דעם וועג צו דער מאשין האָט אים פארשטעלט אן אופגעריסענע גראנאטע, וואָס די אופשטענדלער האָבן א שלײַדער געטאָן אין אים. ער האָט זיך א לאָז געטאָן אין דער פארקערטער ריכטונג שוין מיט די הענט אָף דער ערד. אין איין אויגנבליק האָט ער זיך אינגאנצן פארפלאָנטערט, ווי אן ארויסגעיאָגטע כײַע, וואָס האָט פארלוירן די נאָרע. ער האָט פון שרעק ניט

געזען, ווו זײַנע זײַנען און ווו איז דער סוינע. ניט אנדערש, ווי מע האָט אים באַוווּסטזיניק פאַרנאַרט אהער, אַף אָט דעם קלוימערשט פאַרקערפּערטן טרויס פונעם פיורער, — אַז ער, דער באַראָן פאָן קאַלמעדי, זאָל אונטערשרײַבן דאָס לעצטע זײַטל פון דער געטאָ און אופעפענען אַ נײַ זײַטל פון דער ייִדן־ריינער שטאָט וואַרשע. גראַנאַטעס האָבן זיך געריסן ארום אים. לויפן איז ניט געווען וווהין. די ווינציקע אופּשטענדלער, וואָס זײַנען געווען אין שלאַכט, האָבן זיך פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די הויפן, אין די נישעס פון די פאַציאַטעס, אין די געוועלבן פון די דעכער און האָבן אַזויאַרום געבילדעט אַ קרײַז, וואָס אין אים האָבן זיי געהאַלטן די גאַנצע טיטשקע עסעסאָווצעס. די דײַטשן האָבן ניט געזען, פונוואַנען ס'פאַרפאַלגט זיי דאָס פײַער. נאָר יעדער אויסגעשאָסענער פאַטראָן איז געווען אַדרעסירט פּינקטלעך. און אַף יעדן אויסגעשאָסענעם פאַטראָן פון די אופּשטענדלער זײַנען אויסגעבראַכט געוואָרן הונדערטער דײַטשישע קוילן אין דער פּוסטקײַט אַרײַן.

מיט דער דאָזיקער שלאַכט האָט אָנגעפירט אַלעקסאַנדער. ער אַליין האָט זיך די גאַנצע צײַט געפונען אין אַ געוועלב פון צוויי ווינקלאַרטיק אײַנגעבראָכענע ווענט, וואָס האָבן אויסגעבילדעט אַ ווינקל־נעסט, און פון דאָרטן געפירט זײַן פײַער. אים האָט מען ניט אַרויסגעזען. און ווען ס'האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן דער הויכגעשטעלטער גאַסט, ווי ער וואָרפט זיך פון זײַט אין זײַט, — האָט ער, כוץ סינע, אויך דערפילט עקל צו אָט דעם גרויסן אָפּגעפרעסענעם שטשור, דעם אויסגעפוצטן אין פאַרשיידענע פאַזומענטן, וואָס איז געקומען אַף דער לעצטער הוליאַשטשינע פון דער געטאָ. דאָס האָט ער מיט זיך מיטגעפירט די דײַטשישע קלעזמער, ס'זאָלן אים זײַן פרייִלעכער צו געניסן פונעם בלוט, פונעם לעצטן בלוט, וואָס האָט נאָך געפלאָסן אין דער געטאָ. זיי שפּילן, די קלעזמער, זיי מאַכן אים פריילעך, דעם באַראָן. ס'גייט אים ניט אײַן די מוזיק. אַף ווידערשטאַנד האָט ער ניט אויסגערעכנט. ניט אַף צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד איז ער געקומען אהער, אין געטאָ. ער איז, וואַרשײַנלעך, געקומען אונטערכאַסמענען מיט זײַנע הויכגעבירטיקע שטיוול דעם זיג. דעם זיג, וואָס דאָס דײַטשישע דריטע רײַך האָט אָפּגעהאַלטן איבער די אויסגעבלוטיקטע און אויסגעצערטע ייִדן פון דער געטאָ. זי שפּילט, די מוזיק. און די עסעסאָווצעס רײַסן זיך צום בונקער. זיי דאַרפן דאָך מיט עפּעס וואָס באַצאָלן פאַר דער פײַערונג, וואָס דער באַראָן האָט פאַר זיי אײַנגעאָרדנט. זאָלן זיי כאָטש אַרויסשלעפּן פון דאָרט די זקיינים. זאָל זײַן — די פרויען. זאָל זײַן — קליינע קינדער. אָבער — מעזומען. זיי וועלן די דאָזיקע טראָפייען אונטערטראָגן דעם באַראָן. דער באַראָן וועט האָבן וואָס אַראָפּצושרײַבן פונעם רעזערוואַט. די מוזיק שפּילט דאָך.

און אַלעקסאַנדער האָט אַף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז ער פירט אָן מיט דער שלאַכט. אַף אַ ווײַלע האָט ער פאַרלוירן דעם רעשוס איבער זײַנע געפילן. דער גענעראַל, דער באַראָן פאָן קאַלמעדי מיט דער מוזיק אין געטאָ, מיט דעם בלוט איבער די גאַסן, מיט די קינדער, געשלעפּטע פונעם בונקער, — דאָס אַלץ אינײנעם האָט אים אַ ריס אַרויס געטאָן פון זײַן פאַרפּעסטיקונג. עס זײַנען, דוכט זיך, די אײַנגעבראָכענע צוויי ווענט זיך אַליין פאַנאַנדערגעגאַנגען. און איבער דעם גאַנצן צוזאַמענוואַלגער פון די עסעס און די אופשטענדלער האָט אַלעקסאַנדער געזען איצטער דעם הויכן דענעק פונעם גענעראַל, דעם אָנפירער פון דער אַקציע, דעם אַקציאָנער פון דעם בלוט, וואָס גיסט זיך אין געטאָ, דעם צוקינפטיקן אייגנטימער פונעם בראָך און פון דעם אָרעמען האָב־און־גוטס, וואָס טליִעט נאָך אין די כאָרעוו־געוואָרענע הײַזער פון דער געטאָ. און דעם יוירעש פון די ייִדישע אונטערנעמונגען, דעם, וואָס האָט געשלאָגן יאַדאַכאַס מיט דעם מאַלעכהאַמאָוועס, — אים און מער קיינעם ניט האָט געזען אַלעקסאַנדער, און ער איז אַרויס פון זײַן פאַרפּעסטיקונג.

פאַרבײַ אים איז דורכגעלאָפן באַרלעווי מיט אַן אווטאָמאַט, אופגעהויבן אין דער הייך, מיט אַ דײַטשישן אווטאָמאַט פון אַ דערהאַרגעטן עסעסאָווצעץ. מיט דעם דאָזיקן טראָפּיינעם אווטאָמאַט, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן באַם עסעסאָווצעץ און אים צורעכט געמאַכט אַפן אָרט, האָט באַרלעווי סאַליוטירט זײַן קאָמאַנדיר איבעמיטן דער שלאַכט.

נאָר אַלעקסאַנדער האָט גאָרנישט ניט געזען אין יענעם אויגנבליק, כוץ דעם מאַלעכהאַמאָוועסדיקן פאַנאָמאַר אין די גענעראַלסקע פּאָגאָנעס מיט די פאַשיסטישע צאַצקעס. ניט אָפּווײַכנדיק אַף קיין איין גראַדוס — ניט לינקס, ניט רעכטס, האָט ער מיט די אויגן אײַנגעשלונגען דאָס געפעכט, ניט לייגנדיק קיין אכט אַף דער געפאַר. ער איז אַרויס ווי פון זיך אַליין און ערגעץ געשטיגן. זײַן ציל־ברעט איז געווען דער הויכער דענעק פונעם גענעראַל, די גאָלדענע פאַזומענטן פונעם באַראָן. ער האָט ניט באַמערקט, וואָס עס טוט זיך רעכטס און וואָס עס קומט פאָר לינקס. ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם גענעראַלסקן דענעק. אָט האָט ער זיך באַוויזן. אָט איז ער פאַרשוווּנדן. אַלעקסאַנדער האָט זיך געיאָגט נאָך אים אי מיט די אויגן, אי מיטן אָטעם, אי מיטן אווטאָמאַט. קוילן זײַנען געפלויגן פאַרבײַ אים. זיי האָבן

אים ניט אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געגעבן אַ ניידער, אַז זיי וועלן אים ניט שע־דיקן, ביז ער וועט ניט האָבן אָפּגעטאָן זײַן באַרוף. האָבן זיי זיך איבערגעקרייצט, די קוילן, און זײַנען פאַרבײַגעפלויגן, און נאָר אונטער־געשטרײַכט זײַן היפּש פּאָנעם מיט די שמאָלע, נאָענט איינס צום אַנדערן אוועקגעשטעלטע אויגן. אַלעקסאַנדער האָט אַליין ניט געקאָנט באַשטימען, צי ס'האָט געדויערט אַ רעגע, צי אַ גאַנץ לעבן, נאָר אַלץ איז דורכגעגאַנגען פאַר אים אין אָט דעם אויגנבליק, ווען ער האָט זיך מיט די קויכעס פון דער גאַנצער געטאָ, מיט איר גערעכטיקײַט און מיט איר אומשולד, מיט איר פּײַן און מיט איר טרויער, מיט איר טויט און מיט איר אומשטערבלעכקײַט באַדאַרפט פאַראַנקערן אַף דעם גענעראַל מיט דער רער פונעם אווטאָמאַט, און — אָט איז זי, די גליק־לעכע רעגע. אָט האָט זי אַ בליץ געטאָן מיט אַ שטיק פײַער, וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. אָט האָט זי אַ דונער געטאָן מיט אַ ציקלדיקן הילך און מיט אַן אָפּהילך. דער גענעראַל דער באַראָן פאָן קאַלמעדי האָט דעם לעצטן קריך געטאָן אַף דער ערד. צום לעצטן מאָל אויסגעטאַנצט דײַטשלאַנדס זיג איבער דער געטאָ אונטער די צעיושעטע בלאַז־מאַרשן פון זײַנע קאָמעדיאַנטן. אַ גאַנצע אווטאָמאַט־סעריע איז דורכגעגאַנגען דורך אים, ווי דורך אַ פאַרמאַכטן קאַסטן מיט אָנגעראַבעוועטע קישקעס, מיט אָנגעראַבעוועט בלוט, מיט אָנגע־ראַבעוועטע לונג־און־לעבער. זי איז דורכגע־גאַנגען, די סעריע, אַף דורך און דורך און איז אַרויס דורך דעם רוקן, ניט פאַרהאַלטנדיק זיך אין דעם גענעראַלסקן אָנגעפּלאַדנטן, פּעטן לײַב. די עסעסאָווצעס האָבן אים, אַן איבערגעקרימטן, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אויפגעהויבן און אָפּגע־טראָגן צו דער מאַשין. די מוזיק האָט געשפּילט. די בלאָזערס האָבן ניט אָפּגעריסן די ליפּן פון די מעשענע פּיסקלעך. זיי איז ניט אָנגעגאַנ־גען — אַ פּאַראַד צי אַ לעווײַע. דעם באַראָן פאָן קאַלמעדי איז עס שוין אויך ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך געלאָזט שלעפּן פון די עסעסאָוו־צעס. די הענט זײַנען אים נאָכגעהאַנגען. דער גענעראַלסקער בויך איז געווען איבערגעדעקט מיט זײַן גרוילעכער שינעל, וואָס אין איר איז ער געקומען אַף דעם לעצטן אַקט פון דער געטאָ־טראַגעדיע. און אַלעקסאַנדער האָט ניט באַוויזן צו איבערצײַגן זיך אין דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, ער האָט ניט באַוויזן זיך אַנטרינ־יקען מיטן הילך פונעם אווטאָמאַט, ווי צוויי קוילן פון ביידע זײַטן האָבן אָפּגעשטעלט זײַן האַרץ. ער האָט אַ פאַל געטאָן אַף דער אויס־געבלוטיקטער געטאָ־ערד. ער האָט זי טויטער־הייט אַרומגענומען און זיך צוגעטוליעט צו איר. ס'האָט קיינער ניט געהערט פון אים קיין קרעכץ. ער האָט ניט באַוויזן קיין וואָרט אַרויס־ברענגען. זײַן פּאָנעם האָט אויסגעזען אַ ביסל פאַרוווּנדערט, ווי עס וואָלט נאָך אַלץ עמעצן געזוכט. ס'איז ניט געקומען אַף אַלעקסאַנדערס פּאָנעם קיין רו נאָך דעם, ווי זײַן האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. טויטערהייט האָט ער געקוקט איבער דעם דורכגעשאָסענעם און אומגעוואַל־גערטן גענעראַל — ווײַטער. צו דער אַרישער זײַט. און ווײַטער — צו דער הענקער־נעסט. און אַזוינעם, אַ פאַרוווּנדערטן, מיט ניט געקומענער רו אַף דעם אומבאַוועגלעכן פּאָנעם, האָט נאָסן מיט נאָך אַ פּאָר כאַווײרים אַראָפּגעטראָגן אַלעקסאַנדערן אין בונקער און פון דאָרטן — אין דער דרוקערײַ, אים צוגעדעקט מיט דער פאָן, און די קאָמאַנדע האָט גענומען אַף זיך באַרלעווי.

דרײַ טעג האָט געדויערט די שלאַכט אין באַ־זונדערע ערטער און אַף באַזונדערע גאַסן פון דער געטאָ.

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט יעדער שטיין פון דער געטאָ אַרויסגעוויזן ווידערשטאַנד.

אַף די אויסגעפּײַניקטע אָוול־גאַסן פון דער געטאָ האָט זיך געגאָסן פּײַנטלעך בלוט. אַף די קרייץ־פּונקטן פון דער געטאָ האָבן זיך געוואַל־גערט פּײַנטלעכע פּגאָרים. יעדער אַנטיילנע־מער אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט זיך דער־פילט צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט פון געטאָ־געפענקעניש אַ פרײַער מענטש. אַ סאָלדאַט. אַ קעמפער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. איבער דער געטאָ האָט זיך באַוויזן הימל. אויפשטענדלער האָבן געקוקט אָן פּאַכעד אין דער הייך. זיי זײַנען געגאַנגען איבער די גאַסן זיכער. זיי האָבן דערפילט דעם טאַם ניט נאָר פון דערהאַרגעט ווערן, נאָר פון שלאַכט. פון שלאָגן זיך. פון האַרגענען. זיי האָבן אַ טרונק געטאָן דאָס נעקאָמע־געטראַנק. זיי האָבן דער־פילט דעם טאַם ניט נאָר פון פאַלן, נאָר פון אומוואַלגערן. און ס'האָט זיי אויפגעהויבן. אויס־געגלײַכט און באַפליגלט. גוורע האָט אַ שפּאַר געטאָן פון זייערע ביינער. גוורע, געבוירענע אין ווידערשטאַנד. מיט שטאָלץ פון קעמפער פאַר אייגענער ווירדע האָבן זיי געציילט די דײַטשישע האַרוגים, וואָס זײַנען געלעגן צע־וואַלגערט איבער די גאַסן פון געטאָ.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין ציווילער האַלבאַשע, בלויז די מאַרינאַר־קעס אָנגעגורט מיט רימענס, אַז די גראַנאַטעס זאָלן זיך האָבן אין וואָס צו האַלטן, האָבן די אונטערערדלער אויסגעזען ווי אַ פאַלקס־גוואַר־דיע. זיי האָבן מיט זייער הוילעך דערמאָנט די רויטגוואַרדייער בייס דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד אין די גרויסע אָקטיאַבער־טעג. אין דער דאָזיקער שלאַכט איז יעדערער פון זיי גע־וואָרן אי עלטער, אי ייִנגער. מער פאַרזאָרגט

און מער מענלעך. אף יעדן פון זיי האָט זיך בוילעטער אָנגעזען דער אַל, וואָס זיי האָבן אף זיך גענומען און וואָס זיי טראָגן אים מיט די לעצטע קויכעס, נאָר מיט דעם גרעסטן קאַווּעד.

— סע פעלט געווער, — האָט אָפּגעהאַקט, ווי מיט א האלב מויל, אַרײַנגעשטעלט נאָסן, — געווער.

טאַדעוש האָט אויסגעהערט און, מאַסקים זײַענדיק, צוגעגעבן:

— איצט וועט אונדז פעלן אַלעקסאַנדער... אַלעקסאַנדער, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — און כריסטינע... און... אַף ווּיגדען איז, ווײַזט אויס, אויך זיך שוין ניטאָ וואָס צו ריכטן...

די הענט פאַרלייגט אפן רוקן און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, האָט ער געשפּאַנט איבערן צימער און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, א זאָג געטאָן:

— דער גובערנאַטאָר, דאַרף מען מיינען, וועט אונדז די אַרויסטרעטונג אונדזערע ניט פאַרשוויַיגן...

— יאָ, — האָט טאַדעוש ווידער פאַרקייטלט די הענט אפן רוקן, — און דאָך האָבן מיר זיי געגעבן עפּעס צו פאַרשטיין אזוינס, וואָס וועט זיי צווינגען זיך פאַרטראַכטן... און דעם גובערנאַטאָר אליין אויך.

— ס'איז קלאָר, — האָט, קוקנדיק צו דער נישע, ווו טאַסיע האָט געפיבערט, זיך אָנגערופן מעטעק, — אז איצט, נאָך דעם ווי די געטאָ האָט פאַרלאָרן קימאַט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, הייבט זיך ערשט אָן איר לעבן אף אן עמעס... מיט זין און מיט געדאַנק און מיט ווירדע... און ווי די דאָזיקע שלאַכט זאָל אין סאַכאַקל ניט זײַן פאַר אונדז טרויעריק, איז זי דאָך דער ערשטער סימען פון דעם, אז די געטאָ לעבט. אז די געטאָ האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. אז די געטאָ שטעלט זיך קעגן דער גאַנצער פאַשיסטישער פאַרניכטונגס־מאַשין.

ער האָט זיך א שפּאַר אָן געטאָן מיט ביידע הענט אין טיש:

— דאָס איז אונדזער רעפּעטיציע צום אופשטאַנד...

אַף טויט און אַף לעבן

(דראַמאַטישע פּאָעמע)

דאָס צווייטע בילד פֿונעם פֿערטן אַקט[1]

עס ברענט דער לעצטער קוואַרטאַל פֿון געטאָ. פֿאַרשטעקט צווישן האַלב־כאָרעווע ווענט פֿון אַ פּירשטאָקיק הויז זיצן צוויי קעמפֿער. איינער פֿון זיי טויט איבער אַ שוך. דורך דעם דורכבראָך אין דער מיטלסטער וואַנט זעט מען די געבליבענע טרעפּ פֿון שטוב. וועלכע הענגען ווי אינדערלופֿטן.

1־טער קעמפֿער. ס׳איז פֿונעם פֿלאַם צעשמאָלצן דער אַספֿאַלט,
דו טוסט אַ טראָט, — איז ווי אין הייסן פּעך.
2־טער קעמפֿער. עס ברענט שוין העכער פֿערציק טעג און נעכט,
און מיך עס שוידערט אַלץ, און מיר איז קאַלט.

עס דערהערן זיך טריט. זיי פֿאַרשווינדן הינטער דער וואַנט.
עס קומען אָן יאַנעק און דאָס מײדעלע, דעם קלעזמערס טאָכטער.

יאַנעק. פּאַראָל!
דאָס מײדעלע. „איך גיי מײַן וועג״.
יאַנעק. „דער וועג איז פֿרײַ״.
דאָס מײדעלע. קיין דײַטשן זעט מען ניט?
יאַנעק. נאָך גאָר ניט לאַנג
א גרופּע דײַטשן זײַנען דורך פֿאַרבײַ.
דאָס מײדעלע. ווו זײַנען זיי אַוועק? אין וועלכער זײַט?
יאַנעק. זיי וואָלטן, טאָכטער, זײַן שוין זייער ווײַט,
נאָר מיר האָבן זיי גראָד פֿאַרשפּאַרט אַ גאַנג.
דאָס מײדעלע. אהא, כ׳פֿאַרשטיי, אָט דאָס איז זייער גוט.
איצט, פֿעטער, זאָגט, ווו קאָן איך זען יאַנען?
יאַנעק. נאָר יאַנען דאַרפֿסטו, אַנדערש לוינט דיר ניט?
דאָס מײדעלע (שטרענג).
אים עפּעס איבערגעבן כ׳מוז — פֿאַרשטאַנען?
יאַנעק. איז אָט וואָס, טאָכטער, איך בין יאַן. דערצייל!
דאָס מײדעלע. אויב דו ביסט יאַן, איז זאָג מיר יאַנס פּאַראָל.
יאַנעק. „א שטיקל סוכער״.
דאָס מײדעלע. סוכער — גיב.
יאַנעק. אזוי זשע רייד, אזא האָב איך דיך ליב.

ער גיט איר אַ סוכער

דאָס מײדעלע (קײַענדיק).
דער פֿעטער קאַזשיק האָט מיר אָנגעזאָגט,
כ׳זאָל לויפֿן גיך און איבערגעבן... יאַנען,
אַז אָנגעקומען זײַנען פּאַרטיזאַנער
פֿון וואַלד אין געטאָ — ייִדן און פּאָליאַקן.

[1] געקירצט.

זיי שלאָגן זיך שוין דאָרטן, שוין פאַראַן
פאַרווונדעטע... דערהאַרגעטע...
(נאָך א קורצער פּאַוזע.)
ער האָט מיר ניט געהייסן זאָגן אײַך...

יאַנעק. אַז וואָס?

דאָס מיידעלע. אַז ער אַליין...

יאַנעק. פאַרווונדעט? שווער?

דאָס מיידעלע צעוויינט זיך, עס קומען אָן גדאַליע און דער פּאָליט.

יאַנעק. ניטאָ, ניטאָ שוין קאַזשיק אויך.

דאָס מיידעלע (וויל אים מיט עפּעס טרייסטן).
אוי, פּעטער יאַן!
איך האָב געהערט אין גרוב דורך ראַדיאָ:
מע טרײַבט דעם דײַטש אין האָלדן־און־נאַקן.
(מיט א שווערן זיפץ.)
אָט, ווען די רויטאַרמיי באַוויַזט אַרײַן
אין געטאָ!..

יאַנעק. (הייבט זי אויף אין דער הייך).
קינד, נו וואָס וואָלט דעמאָלט זײַן?

דאָס מיידעלע. וואָס הייסט? מיר וואָלטן בלײַבן לעבן!..

געדאַליע (גערירט ביז טרערן). ניט געזאָרגט!
מיר ווען דיך ניט לאָזן, קינד, דו האָרכסט?
געדאַליע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט
קא ליגן, יאָך וועל דיר א טאַטע זײַן.

זי טוליעט זיך צו צו געדאַליען.

יאַנעק. און איצטער לאָמיר אָפּדערגיך באַשליסן,
וואָס ענטפערט מען אויף דעם?
(ער באַווײַזט זיי א פּאַפּיר.)
דער דײַטש לייגט פאָר:
מיר זאָלן אָפּשטעלן דעם ווידערשטאַנד —
דאָס האָט איר איינס, באַפרײַען זאָלן מיר
און אומקערן צוריק זיי אַלע דײַטשן,
וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט אין שלאַכט
אַלס קריגסגעפאַנגענע — איז צוויי,
און דריטנס... דריטנס, שענקען זיי
דערפאַר דאָס לעבן די, וואָס לעבן נאָך,
די שווער־פאַרווונדעטע זיי זאָגן צו
שפּיטאָלן, הילף... וואָס ענטפערט מען דערויף?

פּאָליט. איין ענטפער איז פאַר זיי פאַראַן...

געדאַליע. א בראָך
צו זייער קאָפּ, צו זייער הענט־און־פיס,
צו זייער לײַב־און־לעבן... לאָז מיך נאָר,
איך פיר אַרויס זיי און צעשיס!

יאַנעק. און גאָר?
ווער קאָן זיך עס אַזוינס פאַרגינען? ניין!
פאַר יעדן לעבעדיקן דײַטש, וואָס יאָך
וועל אָפּגעבן, איך פאָדער צוואַנציק ייִדן —
געזונטע, יונגע. טאָמער ניט? כ'רײַס אויף
די גרוב, — באַגראָבן זיי דאָרט און באַשיטן,
זיי זיצן דאָרטן, דאַנקען גאָט, א סאַך,
און זײַנען נאָך דערווײַל בא מיר אין האַנט,
איך וואָלט געקאָנט זיי מאַכן איינס און צוויי די קונץ,
נאָר אונדז איז וויכטיק צו פאַרציִען... אונדז? —

וואָס לענגער — ערגעץ מוז א פונק פארפליִען...
מיר זײַנען שטאָלץ, וואָס אונדזער ווידערשטאַנד
דעם דײַטש, ער דויערט שוין אזויפיל צײַט,
ווי בא דעם דײַטש פארכאפּן האלב איראָפּע,
און מיר האָבן דערוויַיל קיין ווײַסע פּאָן
נאָך ניט ארויסגעהאנגען...
גדאַליע, סטערקען רוף, נאָר שנעל...
נעם מיט דאָס קינד... פארייניקן מיט די,
וואָס מיר האָבן ארויסשיקן באשטימט
פון געטאָ... איר צו שטארבן איז נאָך פרי.

גדאליע נעמט דאָס מיידעלע און גייט אוועק צוזאמען מיטן פאַליט. עס באווײַזט זיך סטערקע. זי לאָזט זיך לויפן צו יאנעקן.

יאנעק. וואָס ווייִנסטו, סטערקע, כ'בין נאָך דאָ... דערוויַיל...

ער פרוווט אויסטאָן פון איר דעם אווטאָמאט.

סטערקע. וואָסווילסטו טאָן?

יאנעק. ער ציט דאָך דיר אראָפּ
דעם האלדז, אָט זע, א טיפער שניט.

סטערקע. מע נעמט
אראָפּ דעם קאָפּ, באווייִנט מען ניט די האָר. (און מיטאמאָל.)
דעם עמעס זאָג! מיר דארפן זיך צעשיידן?

יאנעק באווײַזט אף יאָ.

סטערקע. נאַ, יאנעק, נעם די ביקס, נאָר גיכער. אײַל...
ביז קיינער איז ניטאָ — באפרײַ אונדז ביידן —
ניטאָ קיין אנדער אויסוועג, יאָ! אויב נאָר
דו קאָנסט עס טאָן, איך בעט דיך, יאנעק, טו.
ס'זאָל זײַן ניט שווער, די אויגן מאך איך צו.

זי גיט אים איבער דעם אווטאָמאט. יאנעק ציילט די קוילן.

יאנעק. דײַן קויל איז דאָ ניטאָ... איז בלײַבט עס... פעסט:
דו נעמסט מיט זיך די מוטער און דו ווײסט...

סטערקע. וווּהין?

יאנעק. אף יענער זײַט, און טאקע באלד.
ארויס וועט איר פון שטאָט, פון דאָרט אין וואלד,
מע וועט אײַך דאָרט באגעגענען, ווי נאָר
איר וועט ארויסגיין פון קאנאל, און נעמט
צו זיך דעם קלעזמערס קינד.

סטערקע. אָן דיר — איך גיי
אין ערגעץ ניט! דערשיס מיך אף אן אָרט,
און זאָל מען שפּעטער זאָגן וועגן דיר:
ער איז געוועז אזוי פארליבט אין איר —
דערשאָסן האָט ער זי, נאָר ניט פארשעמט.
(זי פאלט צו צו אים.)
נו, זאָג, מיט וואָס ארויסרופן דײַן האס
צו מיר? איך ווייס, דו קאָנסט זײַן שטארק אין קאס, —
כ'האָב דיך געזען אין ליבשאפט, אויך אין צאָרן, —
זאָלסט ווערן אופגעבראכט אזוי — דײַן האנט
קיין ציטער זאָל ניט טאָן, דו ווילסט, איך וועל
דיר פאלן צו די פיס... די שווערסטע זינד
כ'וועל אויסטראכטן אף זיך...

יאנעק. זאָלסט פארן מויל
ניט ברענגען גאָר אזוינס! דו גייסט!.. דאָס קינד
זאָל הייסן...

סטערקע (דערשראָקן). יאַנעקל... וואָס רעדסטו?

יאַנעק. די לעצטע האָפענונג — נאָך ניט פאַרלאָרן,
נאָר מיר זײַנען שוין פאַרט קימאַט די לעצטע.

סטערקע. איז לאָמיר ביידע...

יאַנעק. ביז דעם לעצטן מענטש,
האָב איך געזאָגט — און ביז דער לעצטער קויל.

סטערקע. איך גיי ניט, יאַן! איך וויל ניט, און איך קאָן ניט!

יאַנעק. ביסט ניט אליין, דו שטעלסט דאָך אין סאַקאָנע...

סטערקע. דו ביסט מיר טײַערער פון דעם, וואָס לעבט
נאָך ניט.. איין גורל, יאַנעק, פאַר אונדז ביידן!
דער טויט וואָלט אונדז באַדאַרפט צעשיידן,
נאָר ניט דאָס לעבן, וואָס דו וואַרפסט מיר צו...
(זייער שטיל).

יאַנעק. ווען ס'לעבט די גאַנצע געטאָ אויף אפסנײַ,
זיי וואָלטן, סטערקע, אלע דיך געבענטשט
אין וועג... זיי וואָלטן דיר געזאָגט: ביסט לײַב
פון אונדזער לײַב און אונדזערע ביסטו,
מיר זײַנען אַף דיר גויזער: לעבן בלײַב!

געדאַליע און יודיטא קומען צו לויפן.

יאַנעק. וואָס האָט געטראָפן?

געדאַליע. שוין ניטאָ קא וועג!
א באָמבע האָט די מיט פון הייל פאַרשאָטן,
ניט דורכצוקריכן.

יאַנעק. יענע זײַנען דורך?

געדאַליע. צוויי אלטע — ניט באַוויזן. שוין, מיר דוכט...
די לעצטע צוויי...

סטערקע (כאַפּט זיך אָן אין דעם).
א גוטער סימען — כ'גיי ניט!
ס'האָט גאָט אליין אוועקגיין מיר פאַרבאָטן —
אין דעם פאַר מיר אַן אָנזאָג איז פאַראַן.

יאַנעק. ניט גאָט — דער דײַטש! ווײַזט אויס, ס'איז אים
נאָך ווייניק!
דעם לעצטן האָט ער נאָך ניט אויסגעראָטן —
דאָס לעצטע קינד...
(צו געדאַליען, שטאַרק אופגערעגט.)
געדאַליע! דו ביסט דער,
וואָס וועט פאַר זיי אין הייל א דורכגאַנג מאַכן,
דו וועסט זיך מער ניט אומקערן אהער,
וועסט בלײַבן דאָרט, צי גיין אין וואלד — ווּהין
מע וועט דיך שיקן. זײַן וועסט אין רעשוס
פון אופשטענדלערישן קאָמיטעט:
איך האָב אליין געקליבן זיך אהין
נאָך הילף, נאָר איצטער, דאַכט זיך, איז שוין שפּעט.
איצט גיין וועסטו... גיב איבער דאָרט א גרוס
און אייניקע — א דאַנק... נו, וואָס?

געדאַליע. וויבאלד
דו זאָגסט: מע דאַרף, איך גיי.

יאַנעק. און זיי... כ'גיב אָפּ
אַף דײַנע הענט — געדענק!

סטערקע גייט צו צו יודיטען, יודיטא שליסט זי און יאַנעקן אײַן אין אירע אָרעמס.

יודיטא. ניט אלץ נאָך, קינדערלעך, פאַרפאַלן,
ס'איז אונדזער צאָרן נאָך ניט אויסגעלאָשן —

דער בעסטער סימען, אז מיר לעבן נאָך!
מיט בלוט באשווער איך הײַנט דעם לעצטן מענטש,
מיט אונדזער בלוט, וואָס גיסט זיך, ווי א טײַך,
אז דאָס, וואָס הייליק איז פאר מיר, פאר אײַך
אַט הײַנט, זאָל אינעם וואַכעדיקסטן טאָג
ניט ווערן וואָך!..

א קעמפער קומט אָן.

יאנעק. (באפרײַט זיך פון יודיטעס אָרעמס).
נו, זאָג! וואָס שטייסטו, זאָג!

קעמפער. א גרויסע מאכנע דײַטשן אפן וועג
אהער, מע זעט קיין סאָף ניט און קיין ברעג.
דער פּאָליט האָט געשיקט מיך... ער רײַסט אוף
די גרוב... אָן א דערלויבעניש דערוף...

עס דערהערט זיך א שרעקלעכער אופרײַס.

יאנעק (טוט א כאַפּ דעם קעמפער פארן אקסל).
דו הערסט, צי ניט! זיי וועלן ניט אוועק
פון דאָרטן, כ׳האָב געזאָגט: קיין איינער ניט!
נאָך מיר!

יאנעק פארשווינדט, נאָך אים — דער קעמפער.

סטערקע. יאַ־נעק! יאַ־נעק!

יודיטא פארצוימט איר דעם וועג. א לאנגדויערנדיקע פּאוזע.

געדאליע. איך האָב פארגעסן וואָרענען...
יודיטא. זאָגט, וואָס?
געדאליע. קעדיי ניט פאלן זאָל באם דײַטש קיין כשאד,
אז דער ארײַנגאנג אין דער הייל איז דאָ...
יודיטא. וואָס דארף מען טאָן?
געדאליע. פארמאכן אקוראט.
דערנאָך מיט שטיינער אויסבעטן פון אויבן.
יודיטא. דאָס הייסט, אז עמעץ מוז פארבלײַבן?
געדאליע. יאָ.
יודיטא. בלײַב איך.
געדאליע. וואָס רעדט איר! איר? איך גיי און רוף
אהער א קעמפער פונעם פּאָסט.
יודיטא. דערוף
האָט יאנעק ניט געגעבן אײַך קיין רעכט,
און איך וועל אײַך דאָס קיינמאָל ניט דערלויבן:
איר ווילט ארויסנעמען בא מיר פון האנט
דאָס איינציקע, וואָס איך בין טאָן אימשטאנד?
אויב עפּעס בעטן, כ׳בעט מיר געבן איצט
אזוינס, איך זאָל ניט בלײַבן אומבאשיצט...
סטערקע (ווי זי וואָלט ערשט געקומען צו־זיך).
מיר בלײַבן דאָ!
יודיטא (צו סטערקען, באפעלעריש). אין הייל אראָפּ!
סטערקע. און דו?
יודיטא. כ׳וועל זײַן מיט דיר... כ׳וועל אָפּהיטן דײַן רו...
כ׳וועל שטענדיק, שטענדיק זײַן, מײַן קינד, מיט דיר.
סטערקע (צו געדאליען.) פארגעסט ניט דעם באפעל פון קאָמאנדיר!
(צו יודיטען). נו, רעכט, איך גיי, נאָר דו וועסט גיין
פּאָרויס...
געזאָגט: איך בלײַב, וועט אנדערש שוין ניט זײַן!
דו ווייסט א פאל, ווען כ׳האָב מײַן וואָרט געביטן?

זאָל דוכטן, כ׳בין פון טפיסע ניט אַרויס.
כ׳האָב ניט געטראַכט דאָס לעבן זיך פאַרהיטן
און ניט געטראַכט מער אָנקוקן די שײַן
פון טאָג, ניט דיך, ניט יאַנעקן... געזעגן —
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר דעם! וואָס וועט געשען?
(און פאַרכאַפּט זיך.)
אָ, ניין, ניט ווײַל מײַן לעבן בילִיק שעץ איך,
נאָר שטעל זיך פאָר — אַז יאַנעק קומט אַהער,
דאָס האַרץ וועט אים אַ ציִ טאָן צו דעם אָרט, —
און כאָטש ער איז אַ שטאַרקער מענטש, נאָר פאָרט...
ווער וועט אים לעבן זיך אַנידערזעצן?..
און טרייסטן אים, אים זאָגן אַ גוט וואָרט,
ער קאָן אין דעם זיך נייטיקן אַמאָל...

עס דערטראָגט זיך אַ נאָענטע שיסערײַ. סטערקע פאַלט צו צו דער מוטער, יודיטאַ רײַסט זי אָפּ פון זיך מיט גוואַלד.

אין היי!!

געדאַליע נעמט אַרום סטערקען באַ די אַקסל, און זיי לאָזן זיך גיין, יודיטאַ שטייט אָפּ פון זיי אַף עטלעכע שפּאַן.

סטערקע (איידער זי פאַרשווינדט אַהינטער דער כאַרעווער וואַנט).
ווען ניט דאָס קינד, וואָס אַלע איר דערוואַרט
ווי אַף מאָשיִעכן, כוץ מיר, דער מוטער,
מיט הענט און פיס איך וואָלט זיך אײַנגעשפּאַרט.
ס׳וואָלט מײַן געשריי די טויטע אופגערודערט:
איר מיינט, איך וועל געבוירן אײַך אַ פאָלק?
דעם כורבן אופבויען וועט יאַנעקס קינד?..
נאָר דאָס איז פאָרט דאָס איינציקע, וואָס בינדט
צום לעבן נאָך, און כ׳גיב זיך אונטער, כ׳פאָלג...

געדאַליע (צו יודיטען, ווען סטערקע איז שוין ניטאָ).
אָט האָט איר אײַך מײַן האַנט: ווען אײַער מאַן
וואָלט דאָ זײַן, וואָלט ער אײַך געזאָגט: מע קאָן
אַף אים, אַף דעם געדאַליען, זיך פאַרלאָזן —
קיין שטויב אַף איר זאָל פאַלן ער ט׳ניט לאָזן.
און יאָך, פון מײַן זײַט, מוטער, זאָג אײַך צו...
אויב ס׳איז באַשערט מיר זײַן אַ... פּאַרטיזאַן,
איך וועל דעם דײַטש די פּאַסטראָמקעס צערײַסן!
ער וועט זיך נאָר די עלנבויגנס בײַסן —
יאָך וועל אים ווײַזן, וואָס געדאַליע קאָן...

ער גיט איר איבער אַ רעוואָלווער.

אָט דאָס איז יאַנס, אַף יעדן פאַל, נעמט צו.
ס׳איז אַלץ דאָרט גרייט... דאָס צינגל דריקט נאָר אָן.

יודיטאַ נעמט צו דעם רעוואָלווער. זי ווײַזט געדאַליען, ער זאָל גלײַך אַוועקגיין.

יודיטאַ (אַליין, זי קוקט זיך אַרום, זי הערט זיך צו).
ס׳איז שטיל אַרום, און ס׳דרייט זיך מיר דער קאָפּ.
איך גיי... איך מיין, אַז זי איז שוין אַראָפּ...

זי לאָזט זיך האַסטיק גיין אין דער ריכטונג, ווו סטערקע און געדאַליע זײַנען אַוועק. עס ווערט שטיל. מע זעט, ווי יודיטאַ טראָגט איבער שטיינער אַף צו פאַרוואַלגערן דעם אַרײַנגאַנג. אַ רעגע בלײַבט זי זיצן אויסגעשעפּט.

אָט וועל איך באַלד פאַרוואַלגערן די דעק
און אַלץ פאַרענדיקט, שוין... אין וועלכן וועג
זאָל איך זיך לאָזן? לעאָ, דאַכט זיך מיר,
אַז אַלע וועגן פירן איצט צו דיר...

א נאָענטע שיסעריַי, זי פּרוּווט איבערלויפן אפן צווייטן ברעג פון דער כורווע. עס קומט אָן א דײַטשער אָפיצער. ער דערזעט יודיטען. פון אומדערוואַרטקײַט בלײַבט ער שטיין. אויך יודיטא בלײַבט ווי פאַרגליווערט. דער אָפיצער פאַרויס מיטן רעוואָלווער לאָזט זיך איבער דער גרויסער קופּע שטיינער. יודיטא שיסט אויס און טרעפט ניט. זי לאָזט זיך לויפן. דער אָפיצער שיסט אויס יודיטען אין רוקן. זי פאַלט פון יענער זײַט קופּע שטיינער. פאַרבײַ לויפן דורך עטלעכע באוואָפנטע קעמפער, אהינטער זיי ראַטניצקי, דער קאָפּ איז בא אים באַנדאַזשירט, ער באמערקט דעם אָפיצער און שיסט אויס אין אים. דער דײַטש

פאַלט, ראַטניצקי בייגט זיך אָן און רײַסט ארויס דעם רעוואָלווער פון זײַן פאַרקלעמטן פויסט.

ראַטניצקי. ס'איז ניט קא העפקער!
אף מײַנע כורוועס דאָס געפונען!..

ער לאָזט זיך אָניאָגן די איבעריקע קעמפער. פון א צווייטער ריכטונג רײַסט זיך ארײַן יאַן, א פאַרשטויבטער, א פאַרסאָפּעטער, מיט א פאַרוויקלטער רויטער פאָן אין האַנט. א רעגע קוקט ער זיך ארום אין אלע זײַטן און לאָזט זיך גלײַך צו די טרעפּ, וואָס אהינטער דער האַלב־כאַרעווער וואַנט.

יאַנעק (אף די טרעפּ).
ניין, ניין, כ'וועל נאָכאמאָל דערטראָגן זי ארוף!
די גאַנצע וועלט דערהערן זאָל דעם רוף
פון בלוט, וואָס טאָר ניט, וועט ניט, וועט ניט בלײַבן טויט!

ער שטײַגט ארוף נאָך א שטאָק און כאַפּט א קוק ארום.

צעשטערט איז אַלץ, וואָס מיר האָבן געבויט,
געפלאַנצט, געכאָוועט זיבן הונדערט יאָר
אף פּוילנס ערד... דו הערסט מיך, ערשטער — דער,
וואָס וועט צוריק זיך אומקערן אהער?
פאַר אַלץ, פאַר אַלץ זאָל ווערן אופגעמאָנט.

ער נעמט האַסטיק קלעטערן ארוף, דערגרייכט דעם שפּיץ און נעמט פיבערהאַפט פאַרפעסטיקן די פאָן.

ס'איז איצט אין געטאָ אזוי שטיל — מיר דאַכט,
איך הער, ווי ס'גייט די אויסלייזונג אהער
און, סטערקע, דו ביסט צווישן זיי,
נו גיכער, גיכער גיי...
נעקאָמע!

יודיטא (זייער שטיל).
דאָס דאַכט זיך מיר, אז עמעצער דערמאָנט
איר נאָמען...

זי טוט א קער דעם קאָפּ און דערזעט יאַנעקן, זי לייגט צו די פינגער פון דער האַנט צו די ליפּן און בלײַבט ליגן טויט. עס ווערט אָן אָנגעלאָף פון דײַטשן. זיי רינגלען ארום די כורווע.

דײַטש. לעבעדיק אים נעמען!
די רויטע טוך אראָפּ!

די דײַטשן דערנעענטערן זיך צו די טרעפּ.

יאַנעק (וויקלט זיך אײַן אין דער פאָן).
געהייליקט זײַט, געפאַלענע אין שלאַכט!
און זײַט באַצאָלט, פאַרשניטענע אין געטאָ!

ער טוט א שלײַדער די גראַנאַטע, און אין דעם זעלבן אויגנבליק טוט ער א שפּרונג אראָפּ. עס דערהערט זיך א שרעקלעכער אופרײַס. אין דער הייך צעפלאַטערט זיך די פאָן.

סאָף

1945 — 1944

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער בוזי מילער צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און פּיל שעפֿערישע יאָרן.

בוזי מילער

לויטערקײַט

קאַפּיטל אַכט

ע טלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט עמקע צוזאַמען מיט זוניק פֿאַרברוינטע קאָלווירטישע פּיי־שער־יונגען אַלע קאַיאָר זיך געלאָזט אין אַ באַרקאַס אויפֿן ראַכוועסדיק צעוויגטן אַמור. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געטאָן די שווערע און פֿאַרכאַפּנדיקע אַרבעט: בעריעש פֿלינק האָט מען אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער די לאַנגע אויסגעצויגענע נעצן; וואָגיק אָנגעלאָדענע, נאָכדעם מיט אַלע קויכעס אַרויסגעשלעפּט זיי, און אָט פֿליעסקעט זיך שוין אויפֿן דעק אַ פֿינקלדיקער געווימל — קלענערע, גרעסערע, גאָר גרויסע פֿיש... מע לאָדט אויס דעם געפֿאַנג, און ווידער שלינגען די שוימיקע כוואַליעס אײַן די נעצן און קערן זיי נאָכאַמאָל אום, איבערגעפֿולטע מיט פֿליעסקענדיקן גאָלד און זילבער...

שטאַרע פֿון מידקייט, פֿאַלט מען נאָך אַ לאַנגן אַרבעטסטאָג אַוועק אויף קורצן נאַכטלעגער, און אין די קנאַפּע רעגעס פֿאַרן אײַנשלאָפֿן זעט מען ווידער, שוין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, — פֿיש, פֿיש, פֿיש... אײנע איבער די אַנדערע שפּרינגען זיי, פּאַטשן שטאַרק מיט די עקן, וואַרפֿן זיך מיט די גלאַנציקע קעפּ פֿאַרויס.

עס איז נאָך פֿרי און קיל, נאָר מע איז שוין אויף. ווי אַ רויטער פֿיש טוט אַ שווים אַרויס באַם האָריזאָנט די זון, און וויפֿל כוואַליעס אין טײַך, אַזויפֿיל העלע פֿלאַטערנדיקע פֿיש... אין זיי שנײַדט זיך אַרײַן דער טונקעלער באַרקאַס. ער יאָגט ראַשיק פֿאָרויס. דערשראָקן — מע זאָל זי אויך ניט פֿאַנגען אין דער נעץ — שפּרינגט אַרויס די זון פֿון וואַסער, טרייסלט אָפּ פֿון זיך די רויטקייט, ווערט ראָז, גאָלדיק, און דער טײַך אויף זײַן גאָרער ברייט און לענג באַדעקט זיך אויפֿן גאַנצן טאָג מיט גינגאָלדענער ליסקע.

און ווידער נאָכן לאַנגן אַרבעטסטאָג, אין דער צוגעפֿאַלענער שטאָקפֿינצטערניש צע־צוויטען זיך אויפֿן ברעג אָט דאָ, אָט דאָרט רויכיקע שײַטערס. די נאַכט פֿאַרטויבט די שטימען פֿון די מענטשן, וואָס ליגן אָדער זיצן, מיט די הענט אַרומגעכאַפּט די קני, באַם פֿײַער. קיין סאַך רעדט מען ניט. מער שווײַגט מען, איבערגעפֿולט מיטן געפֿיל פֿון גליק פֿון אַ טאָג אײַנגעגעבענער אַרבעט, פֿונעם רײַכן געפֿאַנג, דערפֿון, וואָס דער שײַטער טרײַבט אָפּ די קאָמאַרן, וואָס אינעם פֿאַרייכערטן קעסל ווערט פֿאַרטיק די אוכאַ. שווײַגט מען — גליק איז ניט באַריידעוודיק.

שפּעטער, ווען מע זעטיקט זיך אָן מיטן הייסן געפֿעפֿערטן מײַכל, פֿאַרציט מען אַ ליד. דער טײַך טראָגט זי אַוועק אַזש אויף יענער זײַט גרענעץ. דער טײַך אין דער פֿינצטער אָטעמט מיט פֿרישקײַט, און ניט געקוקט אויף אַ טאָג האָרעוואַניע, ווילט זיך ניט שלאָפֿן. עס ווילט זיך לאַנג אַזוי אַרײַנעטעמען די קילקײַט פֿון דער נאַכט, אײַנהערן זיך אין די געהיימניסן,

---

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 8 און נומ. 12 פֿאַרן 1971 יאָר און נומ. 9 פֿאַרן 1972 יאָר.

וואָס טוען זיך אָפּ אױף דער ערד, אינעם וואַסער, אין די ווײַטע בערג אױף יענער זײַט גרענעץ, און זיך אַליין דערשפּירן מיטאַמאָל, ווי אַ טייל פֿון דער וועלטס אייביקן געהיימניש.

אין גומענע שטיוואַלעס מיט לאַנגע כאַליעוועס העכער די קני, אין אַ קלינגענדיקער, ווי פֿון בלעך, ברעזענטענער ראָבע האָט עמקע זיך אומגעקערט פֿון דער פּוטינע. אַ פֿאַרברוינטער פֿון זון און ווינט, אַ דורכגערייכערטער בײַ די באַנאַכטיקע שײַטערס, איז ער איצט ענלעך געווען אױף די געזונטע פֿישער־יונגען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געהאָרעוועט, גערוט, זיך געבריט מיט דער הייסער אוכאַ. נאָר געווען איז אין עמקען אויך אַזוינס, וואָס האָט אים פֿון זיי אונטערשיידט, אויסגעגעבן אין אים דעם שטאָטישן, — די דאַרקײַט זײַנע, די גרויסע האָרן־ברילן און דער קוק פֿון אונטער די דאַזיקע ברילן — אַ קוק פֿון אַ מענטשן, וואָס, כאָטש דעם, וואָס ער זעט אין אָט דער געגעבענער רעגע, זעט ער נאָך עפּעס, דערוויַיל פֿאַרהוילנס, נאָר גלײַכצײַטיק שפּירט ער שוין, ווי אָט דאָס הײַנטיקע, מאַמאַשעסדיקע, קלאָרע שליסט זיך אײַן אין יענעם ווײַטן, נאָך ניט באַוווּסטן, וואָס דערווײַל האָט ער דערפֿון בלויז אַ מעטושטע־שע, נעפּלהאַפֿטע פֿאַרשטעלונג.

פֿון דער פּוטינע איז עמקע געקומען ניט מיט קיין ליידיקע הענט און ניט אַליין. אינעם דאָרף באָם אמור, ווו ער האָט אַזוי גערן אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג אין איינער פֿון די פֿישער־בריגאַדעס, איז געווען אַ גרענעץ־זאַסטאַווע. אױף דער דאָזיקער זאַסטאַווע האָט מען עמקען געקענט און געהאַלטן פֿאַר אַ היימישן מענטשן נאָך דעם, ווי ער איז דאָ אַ פּאָר מאָל אַרויסגעטראָטן מיט שמועסן אױף ליטעראַרישע טעמעס. באַזונדערס איז געפֿעלן די גרע־נעצלער, ווי ער לייענט פֿאָר אױף אויסווייניק די לידער פֿון מאַיאַקאָווסקין און הײַנען. אָבער נאָך מער האָט עמקע בײַ זיי אויסגענומען נאָך די אַרויסטרעטונגען בייס דער וועטשערע, ווען ער האָט געשאָטן מיט וויצן און שאַרפֿזיניקע געשיכטעס, אָדער געזונגען מיט זײַן שטאַר־קער שטים רוסישע און אוקראַיִנישע לידער, וועלכע אַלע האָבן מיטגעזונגען צוזאַמען מיט אים.

אױף דער דאָזיקער זאַסטאַווע האָט עמקע איצט געטראָפֿן אַ נײַעם קאָמאַנדיר און האָט זיך מיט אים גלײַך באַפֿרײַנדעט. דאָס איז געווען אַ יונגער וווּקסיקער און ברייטפּלייציקער אוק־ראַיִנער מיט טיף־בלויע, מאַמעש קאָרנבלימלדיקע אויגן אױפֿן ברייטן כיינעוודיקן געזיכט — אַ געזיכט פֿון אַ מענטשן, וואָס גלייבט אין זײַנע קויכעס, איז זיכער אין זיך און אין די, מיט וועלכע ער איז געשטעלט אָנצופֿירן. אױף דער סלוזשבע איז ער געווען שטרענג, ניט זיך, ניט קיינעם ניט דערלויבט קיין מינדסטע אָפּווײַכונג פֿון די אײַזערנע קלאָלים פֿון דער גרענעץ־דינסט, אָבער אין די פֿרײַע מינוטן אַן אַנדער מענטש: אַ לעביונג, אַ ווערטלזאָגער, אַ האַרמאָ־ניסט. דערצו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען מיט עמקען זעמליאַקעס — דער קאָמאַנדיר פֿון דער זאַסטאַווע האָט געשטאַמט פֿון אַ דאָרף ניט ווײַט פֿון קרעמענטשוק — דער שטאָט, ווו עמקע איז געבוירן געוואָרן. דאָס דאָזיקע דאָרף איז געשטאַנען באַנאַנד מיט אַ ייִדישן שטעטל, און דער קאָמאַנדיר האָט גוט גערעדט ייִדיש. דערבײַ האָט ער גערעדט, ווי אַלע אין יענעם שטעטל, אױפֿן עטוואָס צעצויגענעם אייגנאַרטיקן פּאָדאָליער דיִאַלעקט. עמקען, וועלכער איז פֿון קינדווײַז בײַ זײַן טאַטן, אַן אָנגעזעענעם ייִדישן קולטור־טוער, געוווינט געוואָרן צו אַ ריינעם ליטעראַרישן ייִדיש, איז געווען עטוואָס מאָדנע, ווען מיט אַ גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע טוט אים אָט דער שטשירע אוקראַיִנער מיטאַמאָל אַ זאָג:

— כ׳זאָל אַזוי געזינט זײַן, — ביסט אַ ווױלער בוכער, עמקע! אַזעלכע האָב עך ליב...

אױף עמקעס פֿראַגע, ווען זיי האָבן זיך נאָר באַקענט, ווי מע רופֿט אים, האָט דער קאָמאַנ־דיר מיט אַ פֿריילעכן באַס אויסגעזונגען:

אוי, נע כאָדי, הריציו,
טײַ נא וועטשאָרניצי...

— אָט דאָס בין איך טאַקע, — האָט ער געזאָגט, — יענער הריציו, וואָס „נע כאָדי נא וועטשאָרניצי...”

— און נאָכן טאַטן נאָך?

— דער טאַטע איז בײַ מיר שוין אַן עלטערער און זייער בעקאָוועדיקער מענטש אין דאָרף. און ער וועט דיר מוחל זײַן, אויב דו וועסט זײַן נאָמען, אַגעוו, הייסט ער אַכרים, — ניט מאַטריִעך זײַן.

און אַזוי איז פֿאַרבליבן: דער אים — עמקע, יענער אים — הריצקאָ.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט זײַן אַרבעט אין דער פֿישער־בריגאַדע, האָט עמקע אַ פּאָר טעג פֿאַרבראַכט אױף דער זאַסטאַווע. ער האָט זיך שוין געקליבן אהיים פֿאָרן, ווען דער קאָמאַנדיר האָט דערהאַלטן אַ פֿאַראָרדענונג קומען אין שטאַב פֿונעם גרענעץ־מיליטער קיין כאַבאַראָווסק. יאָוען זיך אהין האָט ער געדאַרפֿט מאָנטיק. געווען איז שאַבעס. האָט עמקע צוגערעדט זײַן

נייעם פרייַנט, ער זאָל צוזאַמען מיט אים צופֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָרט וועלן זיי פֿאַר־ברענגען דעם רעשט פֿונעם שאַבעסדיקן טאָג און דעם גאַנצן זונטיק, ער וועט אים באַקענען מיט זײַנע כאַווירים, צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אַ פּאָר שיינע מיידלעך אויך, און זונטיק פֿאַר־נאַכט וועט ער מיטן צוג אַרויספֿאָרן קיין כאַבאַראָווסק.

דעם קאָמאַנדיר איז דער פּלאַן געפֿעלן געוואָרן, און אַזוי האָבן זיי געטאָן.

און אָט שטייען זיי ביידע אָפּן וואָקזאַל־פּלאַץ אין ביראָבידזשאַן.

— איז ווער, פֿונדעסטוועגן, האָט וועמען געבראַכט קיין ביראָבידזשאַן, — האָט געלאַכט דער קאָמאַנדיר, — זי אונדז, אָדער מיר זי?

זי — האָט ער געמיינט די צעפּאָרענע לאַסטמאַשין, מיט וועלכער זיי האָבן זיך קוים דערקליבן אַהער. אין וועג איז זי עטלעכע מאָל אַזוי טיף פֿאַרהרוזנעט געוואָרן אין בלאָטע, אַז מע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס, ביז מע האָט זי „מיט מיקעס און דריקעס", ווי הריצקאָ האָט געזאָגט, אַרויסגעשלעפּט און געצוווּנגען פֿאָרן ווײַטער.

קויטיקע פֿון וועג, זײַנען זיי איצט געשטאַנען אָפּן וואָקזאַל־פּלאַץ, האַלטנדיק בײַ די פֿיס אַ גרויסן פֿאַרבונדענעם זאַק.

— איז וווּהין גייען מיר, עמקע?

— וואַרט אַ ווײַלע, הריצקאָ, כ'וועל אַ טראַכט טאָן.

— ווו ווויִנסטו?

— אָט, — עמקע האָט אַ ווײַז געטאָן אָפּן צווייגאָרנדיקן הילצערנעם הויז איבערן וועג.

— איז דאָך צוויי שפּאַן!

— יאָ, נאָר גיין וועלן מיר ניט אַהין.

— פֿאַרוואָס?

— צוליב צוויי סיבעס: איינע איז אַ לאַנגע, די צווייטע — אַ קורצע: געפֿילטע פֿיש ווילסטו פֿאַרזוכן?

— נאָך אַ מין!

— טאָ קום! — און עמקע האָט זיך אַ נעם געטאָן פֿאַרן זאַק.

— נאַ, נאָ! — האָט אים אָפּגעשטעלט הריצקאָ. — יעדערע פֿון די צוויי קעטינעס — איך רייד שוין ניט פֿון די סאַזאַנען — איז שווערער פֿון דיר אינגאַנצן.

ער האָט לײַכט אַרופֿגעוואָרפֿן דעם זאַק אויף די פּלייצעס.

— ס'איז ווײַט?

— ניט זייער, — האָט געענטפֿערט עמקע. — אָט וועלן מיר מיט דיר אַרויף אויף דער אָק־

בוזי מילער

(צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג)

פֿאַראַן מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז יובילייען זײַנען ביכלאַל אַן איבעריקע זאַך: די יובילייאַרן פֿילן זיך דערנאָך אַזוי, ווי מע וואָלט זיי אין איין אוּנטאָנגעהאָדעוועט מיט אַ פּוּד צוקערקעס. אין מעשעך פֿון די אַלע פֿופֿציק צי זעכציק יאָר, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט, האָבן זיי ניט געהאַט אַזויפֿיל זיסקייט, וויפֿל זיי האָבן געדאַרפֿט אַראָפּשלינגען אין די צוויי־דרײַ שעה, ווען מע איז געזעסן בײַם יאָמטעוודיקן טיש...

האַקלאַל, וואָס מע זאָל ניט זאָגן און ניט ריידן, אָבער הײַנט לויב איך דעם אַלטן מינהעג אָפּצור־מערקן יובילייאַרן. ווײַל ווען נאָך וועל איך האָבן אַזאַ גליקלעכע געלעגנהײַט צו זאָגן פֿיל גוטע ווער־טער בוזי מילערן? אין אַ מיטן מיטוואָך איז מען אײַנגעהאַלטן, צוריקגעהאַלטן, אַ גוט וואָרט ציילט מען. ווײַל וואָס עפּעס אינמיטנדערינען נעמען לויבן און רימען עמעצן, זאָל אַפֿילע דער עמעצער זײַן דײַן נאָענטער פֿרײַנט? עס פּאַסט ניט, עס קאָן אַרויסרופֿן פֿאַרוווּנדערונג. נאָר הײַנט מעג איך און כ'טו דאָס מיט פֿאַרגעניגן, און בײַ מײַן גאַנצער סוביעקטיווער באַציִונג צום יובילאַר וועל איך דאָך ניט זאָגן גאָרניט גוזמעדיקס, וואָס זאָל ניט אַנט־שפּרעכן דער ווירקלעכקײַט.

מיט בוזי מילערן בין איך שוין באַפֿרײַנדעט אַ שאָק מיט יאָרן. עס איז גאָרניט צו באַגרײַפֿן, וויפֿל צײַט עס איז אַוועק, זינט מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל זיך דערזען אין כאַרקאָוו. בוזי — אַ הויכלעכער, זייער אַ שטאַלטנער זיבעצניאָריקער באָכער, מיט פֿאַרקעמטע אַרופֿצו „גאָלדענע" האָר אָפּן קאָפּ און מיט אַ דאָרפֿיש־פֿרישער ראָזקײַט אויף די איידעלע לענגלעכע באַקן, אַ ראָזקײַט, וואָס די שטאָט האָט נאָך ניט באַוויזן זי אָפּצווווישן. די אויגן אונטער די דינע ברעמען ציִען צו מיט זייער העלקײַט, ליכ־טיקײַט. אין זײַן גאַנצן אויסזען און הוילעך האָט מען געפֿילט, אַז דער כעוורעמאַן האָט גאָרניט לאַנג, מאַמעס טאַקע מיט געצײַלטע וואָכן צוריק אופֿגע־האָדעוועט זיך נאָך אין דער היים, אונטער אַ גוטן, טרײַען אויפֿזיכט. אָבער לאָמיך לאָזן אַ ביסל ריידן אַליין דעם באַלסימכע. יענע צײַט, ווען מיר אַלע זײַנען נאָך געווען אַזוי יונג, באַשרײַבט ער אין

טיאַבער־גאַס, פֿון איר פֿאַרקערעווען אַף דער לעניִן־גאַס, זיך אַ נעם טאָן לינקס אַף דער קאָמסאָמאָלסקער, איבערשנײַדן די דזשערזשינסקער און אַרויס אַף דער וואָלאָטשײַעווסקער...

— פֿאַשליִ! — האָט אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן הריצקאָ.

ניט לאַנג פֿאַר דעם איז דורכגעגאַנגען אַ רעגן, און אַף די גאַסן זײַנען געשטאַנען טיפֿע קאַליוזשעס. נאָר עמקע אין זײַנע גומענע און הריצקאָ אין די יוכטענע שטיוול האָבן זיך דרייסט אַ לאָז געטאָן אין וועג.

קאַפּיטל נײַן

אין אַ לײַכטן געבלימלטן כאַלאַט, אַ פֿאַרפֿאַליעטע — זי האָט פּונקט געוואַשן די דילן, — איז אַפֿן גאַנעק אַרויסגעלאָפֿן סימע.

— פֿאַלקאָן, פֿאַלקאָן! שטילער, פֿאַלקאָן!

— דעם קעלעוו דײַנעם הערן מיר פֿאַר אַ פֿירער, — האָט געזאָגט עמקע, פֿאַרמאַכנדיק הינטער זיך די קאַליטקע און דורכלאָזנדיק זײַן פֿרײַנט פֿאָרויס.

דערזען סימען אַפֿן גאַנעק, האָט פֿאַלקאָן אָופֿגעהערט בילן און האַכנאָעדיק אָוועקגעשלעפּט איבערן לאַנגן דראָט די קלינגענדיקע קייט צו זײַן קאָנורע. פֿאַלקאָן, — אַלע סימעס פֿרײַנט האָבן עס גוט געוווּסט, — איז געווען אַ ווילער הונט, און האָט ער געבילט, בייס עמעצער פֿלעגט זיך באַווײַזן, איז עס געווען ניט קיין בייזע, נאָר אַן אָופֿגעלייגטע בילערײַ, אַף אָנזאָגן די באַלעבאַטים: „געסט זיינען געקומען, גייט אָופֿנעמען געסט!”

— זע נאָר, עמקע! — האָט סימע מיט פֿריידיקן כידעש זיך אַ לאָז געטאָן אים אַנטקעגן. — כ'האָב דיך גאָרניט דערקענט אין דער ראָבע...

דערזען דעם אומבאַקאַנטן מיטן זאַק אַף די פּלייצעס, איז זי גלײַך שטיין געבליבן און אַפֿגיך פֿאַריכט אַף זיך דאָס געבלימלטע כאַלאַט.

— אָוועק, און — ווי אין וואַסער אַרײַן! — האָט זי מיט פֿאָרוווּרף אַ זאָג געטאָן צו עמקען. — כײַ וואָלסטו כאָטש צו וויסן געגעבן, ווען דו קומסט.

— אַלץ ריכטיק! — האָט אַן אָופֿגעלייגטער אויסגערופֿן עמקע. — אין וואַסער אַרײַן... טאַקע אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט! און צו טאָן געהאַט דעריבער נאָר מיט פֿיש. אַ סימען האָסטו — אַ פֿולער זאַק... באַקען זיך — מײַן כאַווער, אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ גרענעץ־זאַסטאַווע.

זײַן גרעסערער דערציילונג „לויטערקײַט”, איבער וועלכער ער אַרבעט די לעצטע פּאָר יאָר און וואָס אַ סאַך קאַפּיטלען פֿון איר זײַנען שוין געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד”:

„אין דער דעמלטיקער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט, באַם אָנהייב פֿון דער פּושקין־גאַס, דאָרט, ווו מע גייט אַרויף אַף איר פּונעם טעוועלעוור־פּלאַץ, איז פֿון רעכטס געשטאַנען אַ הויכער מויער פֿון רויטע ציגל. אַמאָל איז דאָ געווען אַ כאָרשול. דאַן — סאָף צוואַנציקער, אָנהייב דרײַסיקער יאָרן — האָט זיך דאָרט געפֿונען אַ ייִדישער קלוב. מיר, אַרבעטער־ייִנגלעך, אַזעלכע, ווי איך און הירשקע, וואָס זײַנען געקומען פֿון זייערע קליינע שטעטלעך אין דער הויפּטשטאָט אַרבעטן ווער אַף אַ פֿאַבריק, ווער אַף אַ זאַוואָד, פֿלעגן, נאָר אַריבערטרעטנדיק די שוועל פֿון קלוב, זיך לאָזן צוערשט אין בופֿעט. דאָ האָט מען פֿאַר אַ גאָר ביליקער פּרײַז געקאָנט אַרײַנכאַפּן אַ געשמאַקן ווינעגרעט. באַ איין טישל עסנדיק אונדזערע ווינעגרעטן, האָבן מיר זיך אין איינעם אָן אָוונט באַקענט מיט הירשקע דיִאַמאַנטן, און זינט דאַן שוין, ווי נאָר אַ פֿרײַע מינוט, געווען צוזאַמען. פֿון בופֿעט פֿלעגן מיר אַרײַנגיין אין זאַל, ווו עס זײַנען אָפֿט פֿאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, דיספּוטן. מע האָט דאָ געקאָנט זען אַ סאַך ייִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען שוין צו יענער צײַט געווען באַוווּסט: דעם גלײַכצײַטיק צעוויכערטן און פֿאַרדימיעןטן פּערעץ מאַרקישן; דעם סאָליד־געזעצטן לייב קוויטקאָ; דעם ענלעכן אַף אַ געוויינלעכן באַאַמטן, מיט אַ קלוגן קוק פֿון אונטער די האָרן־ברילן, איציק פֿעפֿערן; די דאַן נאָך יונגע און זייער כיינעוודיקע דיכטערן מיט גרויסע גרינבלעך־גרויע אויגן — כאַנע לעווינע; דעם ניט־הויכן בלאָנדן דאַניִעלן, און נאָך און נאָך”[1].

דרײַ אַרבעטער־יאַטן — בוזי מילער, הירשקע דיִאַמאַנט, דער מעכאַבער פֿון די דאָזיקע שורעס — און אַ פֿערטער כעווערעמאַן, אַן „אינטעליגענט” — עמע קאַזאַקעוויטש[2] — האָבן זיך זייער באַפֿרײַנדעט.

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 8, 1971, ז. 49.

[2] אין הײַנטיקן כודעש וואָלט אַלט געוואָרן 60 יאָר עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש (1913 — 1962). מיט דער פּובליקאַציע פֿון ב. מילערס גרעסערער דערציילונג „לויטערקײַט”, אין וועלכער עס ווערט אין אַ גרויסער מאָס אָופֿגעשטעלט דאָס געשטאַלט פֿון עמ. קאַזאַקעוויטשן אַלס שרײַבער און מענטש, האָבן מיר אין זינען, צווישן אַנדערס, אויך אָפּצומערקן די דאָזיקע יובילײ־דאַטע (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד”).

ווען דער קאָמאַנדיר זאָל זיך באַגעגענען אין טײַגע מיט א גרענעץ־ברעכער, וואָלט ער שוין געוווּסט, וואָס ער האָט צו טאָן. און דאָ האָט ער זיך פאַרלוירן. זע נאָר, — האָט ער געטראַכט, — אליין אזא קליינינקס, אינעם געבלימלטן כאַלאַטל, און די אויגן אזעלכע גרויסע, אזעלכע שוואַרצע. האָט ער, ניט צו וויסן צוליב וואָס, א רײַב געטאָן די רעכטע האַנט אינעם זאַק, ניט אַראָפּנעמענדיק אים פון דער פּלייצע, און זי אויסגעשטרעקט דעם מיידל. יענע, אויך ניט צו וויסן פאַרוואָס, האָט זיך פאַרויטלט, אַרײַנלייגנדיק אין זײַן גרויסער האַרטער דלאָניע איר קליין איידל הענטל.

— סימע, — האָט זי געזאָגט. וואָס ער האָט געענטפערט, האָט זי ניט פאַנאַנדערגעקליבן און האָט זיך גלײַך א כאַפּ געטאָן:

— וואָס זשע שטייען מיר דאָ? קומט אין שטוב! איר זײַט דאָך מיד פון וועג.

— אלץ ריכטיק! — האָט עמקע געענטפערט. — נאָר קוידעמקאָל וועלן מיר מיט אים אוועק אין מערכעץ, זיך גוט דאָרט אויסבעזעמען. דערנאָך קומען מיר, און דאַן, סימע, קאָנסטו טאָן מיט אונדז, וואָס דו ווילסט.

צוריקגעקומען זײַנען זיי אין א פּאָר שאָ ארום, רויטע, צעפּאַרעטע, אָפּגעפרישטע און מונטערע. די באָד האָט אַראָפּגעשווענקט פון זיי די גאַנצע מידקײַט נאָכן שווערן וועג.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך. נאָך פון דער גאַס האָבן זיי באַמערקט, אז בא סימען אין שטוב לויכט זיך אין אלע פענצטער. ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן זיי דאָ געטראָפן א היפּשן אוילעם. ערשטנס, איז דאָ געווען גאַליע. סימע האָט איר, פאַרשטייט זיך, באַוויזן אָנצוזאָגן, אז עמקע האָט זיך אומגעקערט, און ניט אליין, נאָר „מיט עפּעס נאָך איינעם, זייער א הויכן און זייער א שיינעם קאָמאַנדיר פון דער גרענעץ...” דאָס זעלבע האָט זי אָנגעזאָגט איר געשווירענער כאַווערטע לילקען. מיט יענער האָבן זיי זיך געלערנט צוזאַמען פונעם ערשטן ביזן זיבעטן קלאַס. נאָכדעם איז איינע אוועק אין פּעדאַגאָגישן, די צווייטע — אין מעדיצינישן טעכניקום, נאָר דאָס האָט ניט געשטערט זייער פרײַנטשאַפט. וועגן עמקעס קומען האָט סימע אויך צו וויסן געגעבן הירשקען, הירשקע — מיר, און אלע זײַנען מיר איצט געווען דאָ. אין דער היים זײַנען אויך געווען סימעס טאַטע־מאַמע, איר ייִנגער שוועסטערל און ברודערל.

— אָהאָ, קיין אײַנהאָרע, אַן אוילעם! — האָט, באַווײַזנדיק זיך אף דער שוועל, אויסגערופן עמקע, — ווי אף א גוטער פּרעמיערע! באַקענט זיך, — און ער האָט גלײַך גענומען פאָרשטעלן זײַן כאַווער אלע בײַוועזנדיקע. געטאָן האָט ער עס אופגעלייגט, מיט א כאָכמע, מיט א ווערטל. עס האָט זיך גלײַך געפילט, אז דאָ אין שטוב איז עמקע א היימישער מענטש.

געשאַפן א ליטעראַרישע גרופּע, און סמיכעס אף שרײַבערײַ און אף די ערשטע ביכלעך, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן, האָט זיי געגעבן דער טרײַערטוער און בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור הענעך קאַזאַקעוויטש. ער האָט „דורכגעשטופּט” איינע נאָך די אנדערע דרײַ ביכלעך פון דרײַ אָנפאַנגער, וואָס האָבן אפילע נאָך ניט באַוויזן אָפּצודרוקן זיך אין א צײַטונג. נאָר איין ביכל — דעם זונס — האָט ער אָפּגעלייגט אף שפּעטער:

— וועסט נאָך, עמקע טײַערער, באַווײַזן. זיי אַרבעטן שוין, זיי זײַנען אין גרויסע קאָלעקטיוון, און דו וואָס? פאַנטאַזירסט, שרײַבסט וועגן די קרימער מינאַרעטן...

בוזי מילערס ביכל, וואָס איז דערשינען אין 1931, האָט געהייסן „מישמוירעס בײַטן זיך”. דאָס איז געווען א בינטל דערציילונגען, וועלכע האָבן זייער אויסגענומען מיט דער אומיטלבאַרקײַט זייערער, מיטן כיין פון א יונגן שרײַבער, וואָס דערציילט וועגן אנדערע, פּונקט ווי וועגן זיך אליין; די דיסטאַנץ פונעם מעכאַבער און זײַנע העלדן איז א מינימאַלע, ער איז איינער פון א סאַך, צווישן די, וועלכע קומען אף דער אַרבעט אין צעך — אמאָל אין דער ערשטער וואַכטע, אמאָל אין דער צווייטער, אמאָל אין דער דריטער, באַנאַכטיקער, וואַכטע.

נאָך דער דריטער וואַכטע זײַנען די אויגן רויטלעך, דער קאָפּ — שווער. אויסער דעם, וואָס בוזי האָט א גאַנצע נאַכט ניקעלירט פאַרשיידענע דעטאַלן, האָט ער בייסמײַסע נאָך „ניקעלירט” אין קאָפּ א נײַע דערציילונג, ווי ער אליין זאָגט איידעס וועגן דעם אין דער זעלבער דערציילונג זײַנער „לויטערקײַט”:

„איך פלעג דאַן מײַנע ערשטע דערציילונגען אינגאַנצן צונויפשטעלן אין קאָפּ, בייס די הענט זײַנען געווען פאַרנומען מיט זייער ניט לײַכטער, אָבער געוווּנטער מי בא די שלײַף־שײַבעס (איך האָב געאַרבעט אין א ניקעליר־צעך). וואָס איך פלעג ניט באַווײַזן בא דער אַרבעט, האָב איך דערטראַכט באַנאַכט אפן האַרטן געלעגער אינעם געדונגענעם ווינקל, וווּהין איך פלעג קומען נאָר איבערנעכטיקן”.

געוויס האָט דאָס ערשטע ביכל דערציילונגען געהאַט סימאָנים פון אָנפאַנגערישקײַט. נאָר אזא מײַסטער, ווי דער ניסטער, האָט זיך זייער גוט אָפּגערופן וועגן זיי. „מע זעט, — האָט ער געזאָגט, — דעם אינסטרומענט האַלט איר פעסט אין די הענט”.

דערנאָך איז געקומען א צווייט ביכל און א דריטס — מיט א ראָמאַנטישן נאָמען „אונטערן רעגנבויגן”, — ווו מאַמעש א שעדעווער, צווישן אנדערע גוטע דערציילונגען, איז געווען די דערציילונג

— אָט דאָס איז דער באַלעבאָס פונעם הויז וועלוול שפּיטאַלניק, — האָט ער געזאָגט. — ווּעסטו אים רופן פּאָשעט — וואָלאָדיע, וועט ער זיך אויך ניט באַליידיקן. עמעס, וואָלאָדיע? אָט די גאַנצע שטוב, ווי דו זעסט, האָט ער אַליין אויסגעבויט. מיט די אייגענע הענט. אַ מענטש — וואָס אין דער קאָרט: אַ סטאָליער, אַ טעסלער, אַ בלעכער, אַ גלעזער, אַ מולער, אַ...

— עפּשער וועט זײַן גענוג שוואָכים? — האָט עמקען איבערגעשלאָגן דער באַלעבאָס און דערלאַנגט דעם גאַסט די האַנט.

— און אָט דאָס, — האָט פאַרגעזעצט עמקע נאָך מער אופגעלייגט, — איז וואָלאָדיעס פרוי — פירע, זאָל לעבן! זי פּאַסט זיך צו איר מאַן, כלעבן, מער, איידער כאַווע האָט זיך געפּאַסט צו אָדאָמען. יענע האָבן ניט געוווּסט פון קיין דײַגעס — גאָט האָט זיי באַשאַפן און באַשאַפן פאַר זיי אַ גאַניידן, האָבן זיי דאָרט שפּאַצירט און געריסן פּאַרטיקע עפּל פון בוים... און די האָבן אַליין פאַרפלאַנצט זייער גאָרטן, עמעס, ניט קיין גאַניידן, נאָר גאַניידן־עפּעלעך וואַקסן אין אים. און כאָטש זיי זײַנען צו קליין און צו ביטער, נאָר דאָס מאַכט שוין ניט אויס.

— און דאָס איז זייער טאָכטער סימע. מיט איר ביסטו שוין באַקענט, — אַ לערערן. דאָס איז איר שוועסטערל, סוועטע. זעסט — סאַראַ שוואַרצכיינעוודיקע! אַ שילערן, אַן אָטליטשניצע. און דאָס איז דער מיזיניק, דאָדיק, אַ געבוירענער שוין דאָ, אין בּיראָבּידזשאַן.

אַזוי האָט עמקע אַלעמען באַקענט מיט זײַן כאַווער, געבנדיק יעדן איינעם אַ קורצע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק. יענער האָט יעדן איינעם מיט זײַן ברייטער דלאָניע פעסט געדריקט די האַנט און דערבײַ אָנגערופן זײַן פאַמיליע, אָבער אַזוי, אַז קיינער האָט זי רעכט ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבן. איבערפרעגן איז געווען ניט באַקוועם, נאָר גראָד סוועטע, סימעס שוואַרצכיינעוודיק שוועסטערל, ווען דער גאַסט האָט איר געגעבן די האַנט, האָט אים טמימעסדיק איבערגעפרעגט:

— ווי־אַזוי, ווי־אַזוי, זאָגט איר, איז אײַער פאַמיליע? כ׳האָב ניט אײַנגעהערט! — און זי האָט מאָנענדיק אָנגעשטעלט אויף אים אירע שוואַרצע נײַגעריקע אויגן.

דער גאַסט איז אויף אַ ווײַלע ווי געבליבן אין פאַרלעגנהײַט.

— איר פאַרשטייט, — האָט פאַר אים זיך אָנגערופן עמקע, — אָט דער גוואַר און קראַסאָוועץ, ווי איר קוקט אים אָן, אַז עס קומט צו זײַן פאַמיליע, הייבט ער אָן פּאָנפּען. איר פאַרשטייט, ער האָט מוירע, — וועט ער זי נאָר אָנרופן, וועט מען אים גלײַך אַרויסשטעלן פון שטוב.

— וואָס זשע, אַזאַ שרעקלעכע פאַמיליע? — האָט געפרעגט די באַלעבאָסטע.

„גאָלד”. דאָס ביכל, ווי אַלע אונדזערע ביכלעך פון יענער צײַט — פון דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן, — איז איצט אַ יעקאָר־האַמציִעס, אָבער פּונקט אַזוי, ווי כ׳וואָלט געלייענט די דערציילונג ניט מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק, ווען זי איז געוואָרן אָפּגעדרוקט, נאָר אַקאָרשט, אין אַ נײַעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד”, שטייט מיר פאַר די אויגן, ווי אַ לעבעדיקע, די אַלטע, הויט און ביין, דאָבציע, וועלכע קוקט מיט אירע פאַרטרערטע אויגן אינעם כאָלעל פון דער אָפענער טיר: דאָרטן, אין פירהויז, אין אַ שטײַג, איז פאַרשפּאַרט איר אינדיק.

מילער איז טיף אַרײַנגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אַן אייגנטימער, מיט אַ זעלטענער שילדערונגס־קראַפט באַווײַזן די אויסעסנדיקע און אויסזויגנדיקע דעם מאַרך פון די ביינער יאָגעניש נאָך אַ פאַרמעגן, וואָס איז, אייגנטלעך, גאָר קיין פאַרמעגן ניט, ווײַל ער צעטרעט, ער פאַרומרייניקט די נעשאָמע באַם מענטשן, מאַכט אים צונישט, מאַכט אים ענלעך אָפּן פאַרברודיקטן און פאַרקויטיקטן אינדיק באַ דאָבציען אין שטײַג, וואָס ווייסט נאָר זײַן „אָלדראָלדר!”.

אַן אַנדער פּרעכטיקע דערציילונג, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָרן אַרום, — „פּערל נויעכס” — איז געווידמעט דער זעלבער טעמע: זי דעקט אויף און דעמאַסקירט דאָס באַלעבעסל, דעם קליין־אייגנטימער, וואָס אַז מע רירט אָן זײַנע אינטערעסן, ווערט ער ערגער פון אַ כײַע, ער איז גרייט צו צעטרעטן דאָס אייגענע ווײַב.

דאָס אומקערן זיך ווידעראַמאָל צו אַזאַ טעמאַטיק באַווײַזט, אַז בוזי מילער האָט זײַן באַשטענדיקן קרײַז פּראָבלעמען, צו וועלכע ער איז באַזונדער פילבאַר און זיי אינטריגירן אים אַלס קינסטלער, וועלכער איז פייִק אַרײַנצוקוקן אין די טיפערע געהיימניסן פון מענטשלעכע צווישנבאַציִונגען, דערגרונטעווען זיך צום סאַמע איקער, צו דעם, „וואָס אין פּידעלע שטעקט”. דער שרײַבער מאַכט דאָ ניט קיין פּשאָרעס, ער ברענגט די העלדן אין שאַרפע צוזאַמענשטויסן, העכסט דראַמאַטישע און טראַגישע קאָנפליקטן, און דאָס זײַנען קאָנפליקטן ניט נאָר צווישן פאַרשיידענע מענטשלעכע כאַראַקטערס, נאָר אויך צווישן פאַרשיידענע, די־אַמעטראַל קעגנזעצלעכע וועלט־אָנשויונגען.

נויעך, דאָס געוועזענע קלייט־מעשאָרעסל, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן נאָר איין פאַרלאַנג און איין טרוים — ווערן אַליין אַ באַלעבאָס, אַן אייגנטימער פון אַ מיל, פון אַ קלייט, נאָר די ווירקלעכקײַט צווינגט אים גאָר צו ווערן אַ קאָלווירטניק, קאָן אוואַ־

— יאָ, — האָט געענטפערט עמקע, — א שרעקלעכע: אוביבאַטקאַ.

דער באַזיצער פון דער פאַמיליע האָט דערבײַ שטום צעפּירט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „אָט, ווי איר זעט און וואָס קאָן מען דאָ העלפן?״ דערבײַ האָט אַזאַ כיינעוודיקער שמייכל באַשײַנט זײַן ברייטלעך פּאָנעם מיט די קאָרנבלימלדיקע אויגן, אַז מע האָט גלײַך געזען: דער כאַראַקטער פון אָט דעם גוורעדיקן יונג האָט מיט זײַן שרעקלעכער פאַמיליע גאָרניט צו טאָן.

— אַן אוקראַיִנער? — האָט געפרעגט וועלוול.

— א יאַק זשע? — האָט אַף זײַן מאַמעלאָשן געענטפערט דער גאַסט.

— זײַנען מיר דאָך זעמליאַקעס! — האָט זיך אָנגערופן וועלוול. — פונוואַנען איז?

— פון הינטער קרעמענטשוק. אָט מיט אים, מיט עמקען, זײַנען מיר עמעסע זעמליאַקעס!

— וועגן איין זאַך וויל איך אײַך וואָרענען, — האָט געזאָגט עמקע, — וועט עמעצער וועלן ריידן לאָשנהאָרע אַף מײַן פרײַנט, בעט איך אײַך — נאָר ניט אַף ייִדיש...

— מייוון קאָל דיבער, — האָט א זאָג געטאָן דער גאַסט און זיך דערבײַ אַזוי געשמאַק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז אַלע אַרום אים האָבן, פון אומגעריכטקײַט אַזוינס צו דערהערן, אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער.

— פונוואַנען קומט עס צו אײַך? — האָט געפרעגט דער באַלעבאָס.

— פּשוט, — האָט יענער געענטפערט, — דאָרט, ווי כ׳אָ געוווינט, איז געווען האַלב דאָרף — האַלב שטעטל און מיר האָבן די גאַנצע צאַט זעך געכאָוועט מיט ייִדישע יאַטן.

דער פּאַדאַליער ייִדיש אין מויל פון אָט דעם אוקראַיִנער האָט געהאַט דעם זיבעטן כיין, און אַלע האָבן צופרידן געלאַכט, הערנדיק אים.

— וואָס שטייען מיר דאָ? — האָט זיך א כאַפּ געטאָן די באַלעבאָסטע. — קומט אַרײַן אין זאַל!

מע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַרום עמקען און זײַן פרײַנט אין ענגלעכן פּאָדערצימער. אַף רעכטס האָבן צוויי צוגעמאַכטע טירן געפירט אין באַזונדערע כאַדאָרימלעך צום שלאָפן. אַף לינקס איז געווען ברייט צעעפנט די טיר אין דער געראַמער קיך, ווו עפּעס האָט געזאָטן און זיך געבלעזלט אין גרויסע טעפּ אַף דער פּליטע און עס האָט זיך געהויבן איבער זיי א הייסע פּאַרע. עס האָט געשמעקט מיט געקאָכטע קאַרטאָפל, מיט געהאַקטע ציבעלעס און איבערגעפרעגלטער שמאַלץ. און אַנטקעגן האָט מיטן העל־גרינעם געפרענדזלטן אַבאַזשור איבערן ווײַס־פאַרשפּרייטן טיש, מיט א ברייטן דיוואַן, מיט א שיין געשניצטן ווענטל (דעם באַלעבאָס׳ אַרבעט), מיט שיין אויסגעהעפטע בלומען (דער באַלעבאָסטעס אַרבעט), מיט פּאַ־

דע ניט שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זײַן ווײַב, פּערל, איז אַן אָנגעזעענער מענטש אין קאָלווירט, א גוטע מעלקערן, מע רעכנט זיך מיט איר א סאַך מער, ווי מיט אים, דעם „באַלעבאָס״. עס איז שוין ניט פּערל נויעכס, נאָר נויעך פּערלס. ער שרײַבט:

„א ווײַב דאַרף איך האָבן אין שטוב, ניט אין קאָלכאָז. גענוג, וואָס די פערד אָפּגעגעבן, די בעהיימע. גענוג פונמײַנעטוועגן!״

אומפאַרגעסלעך דראַמאַטיש איז דער עפּיזאָד, ווען נויעך וויל ניט אַרופנעמען אַף דער פור פּערלען, ער טרײַבט די פערד גלײַך אַף איר:

„...ניט מוירע האָבנדיק, אַז די פערד וועלן זי צעטרעטן, איז פּערל אויסגעוואַקסן קעגן זיי און אָנגעכאַפּט פאַרביידע צײַמלעך.

— שטיי, זאָג איך!.. וועסט ניט אַנטלויפן, — האָט זי, שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, געזאָגט, — אָט דאָ באַלד וועט צווישן אונדז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערן: אָדער — אָדער...

ניט ער — זי האָט געהאַלטן די פערד בא די צײַמלעך... פאַר פּערלס אויגן האָט אין אָט דער קורצער מינוט דורכגעשוועבט איר גאַנץ לעבן — פון דאַן, ווען, א קינד נאָך, האָט זי געהאָרעוועט בא זכאַריען... די כאַסענע... איר צוריקער מיטן האַלב־פאַרפרוירענעם פּיצל קינד צו נויעכן. יאָרן האָרעוואַניע, איזדיעקעניש, פּײַן, וויפל פּײַן! דערנאָך — דער קאָלווירט. זי איז אַוועק אַהין אַרבעטן, און פאַר איר האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ לעבן. א שווער לעבן. שווער אין קאָלווירט, שווער אין דער היים — און דאָך מיט פריידן אויך. דער איקער — זי איז געוואָרן מיט מענטשן גלײַך. און אים, נויעכן, ווייסט זי, פאַרדריסט עס, — האַלעמײַ זי, און ניט ער. נאָר וווער זשע לאָזט אים אויך ניט? איר קאָוועד האָט זי פאַרדינט נאָר מיט האָרעוואַניע...״[1]

ניין, עס איז ניט פּערל נויעכס, עס איז פּערל אַן און פאַר זיך, א זעלבשטענדיקער מענטש, א פרײַער און שטאָלצער, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרקערעווען אַף צוריק פונעם ברייטן וועג, וועלכן זי האָט געפונען און אויסגעקליבן.

בוזי מילער האָט פון לאַנג און אַף שטענדיק פאַרבונדן זײַן לעבן און זײַן ליטעראַרישן גוירל מיט ביראָבידזשאַן. ער איז אַן אַלטער ביראָבידזשאַנער, ער האָט זיך באַזעצט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיט קנאַפּע פיר צענדליק יאָר צוריק, פאַרפונדעוועט זיך דאָרטן, ער האָט שוין, באָרעכהאַשעם,

---

[1] „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער״. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״. מאָסקווע, 1969. ז. 567 — 568.

מיליען־פאָטאָגראַפיעס אונטער גלאָז אף די ווענט און מיטן לאַנגן שמאָלן שפּיגל אין ווינקל גערופן צו זיך דער גרויסער זויבער צוגעקליבענער זאַל. אלע האָבן זיך א לאָז געטאָן אהין. דערפילט, אז עפּעס פלאָנטערט זיך בא אים אונטער די פיס, האָט דער גאַסט מיטאמאָל זיך אָנגעבויגן און אופגעהויבן א קליין ראָב קעצל.

— ווײמעס איז עס אזא שיינע קיצע? — האָט ער געפרעגט.

— ס'איז מײַנס, מײַנס! — האָט זיך אף די שפּיץ פינגער געשטעלט און אויסגעשטרעקט דאָס הענטל דער ייִנגסטער שפּיטאַלניק.

— סע דאַנס? נו, נא דיר, אז סע דאַנס, — האָט דער פעטער דער גוואר זיך אָנגעבויגן, אָפּגעגעבן דאַדיקן דאָס קעצל און א גלעט געטאָן דאָס ייִנגל איבערן קאָפּ.

עמקע האָט דערוויַיל זיך אָפּגעשטעלט בא דער קיך.

— זע נאָר, הריצקאָ, מע האָט דאָך שוין געפּאַלמעסט אונדזערע פיש!

און צו דער באַלעבאָסטע:

— פּירע־לעבן, איר מוזט מיך לאָזן א קוק טאָן, וואָס איר האָט דאָ געמאַכט.

— אז ס'איז נאָך ניטאָ אף וואָס צו קוקן, — האָט יענע געענטפערט, א פאַרפּלאָמטע, א צופרידענע סײַ פון דער ארבעט, וואָס זי האָט ערשט אָפּגעטאָן, סײַ דערפון, וואָס מע האָט די ארבעט באמערקט. — אָט וועל איך אף מאָרגן אָנפילן פיש, וועט איר שוין א סימען האָבן.

— און דאָס איז א הונט? — האָט געזאָגט עמקע, ווײַזנדיק אף צוויי גרויסע טעלער.

— דאָס האָב איך דערוויַיל פון אײַער קעטא באַוויזן ארויסנעמען די רויג.

די צונטער־רויטע רויג איז געווען רייצנדיק ארומגעלייגט מיט גרויסע ווײַסע ציבעלע־רעדער.

— אזא מײַכל בעט מאמעש — וואָס? — האָט געפרעגט עמקע.

— א גיטן טרינק בראָנפן! — האָט געזאָגט דער גאַסט, און אלע זײַנען מיט געלעכטער אַרײַן אין זאַל.

באַם טיש האָט מען געמאַכט אן ענגע מעסיבע, מע האָט געגעסן ווטשערע, געשמועסט, א סאַך געוויצלט זיך, געלאַכט. דערנאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט שפּאַצירט אין גאַס, גע־זונגען. אָט דער איין־און־איינציקער אָפּדערנאַכט איז געווען געענוג, אז עמקעס נײַער פרײַנט, דער קאָמאַנדיר פון א זאַסטאַווע באַם אמור הריצקאָ אָכרימאָוויטש אובייבאטקא, מיט זײַן גאַנצער האַלטונג, מיט זײַן פּאָדאָליער ייִדיש, זאָל אונדז מאַמעש אײַנגעבאַקן ווערן אין האַרצן.

אף מאָרגן, זונטיק, זײַנען מיר אלע ווידער געקומען צו סימען און אירע עלטערן אף מיטיק מיט די געפילטע פיש, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט.

אייניקלעך, וואָס ווייסן ניט פון קיין אנדער היים, אויסער ביראָבידזשאַן.

קלאָר, אז דער גרעסטער טייל פון מילערס שאַפונג איז וועגן ביראָבידזשאַן, וועגן זײַנע „זעמליאַקעס" פון די שטעטלעך אין אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, אויך וועגן די איבערוואַנדערער, וואָס זײַנען געקומען פון גאָר ווײַט, פון אן אנדער וועלט — פון ארגענטינע, פון קאַנאַדע און וואָס זייער היים איז געוואָרן די ייִדישע געגנט. ער האָט די נײַע היים באַוויזן אונדז פון אינווייניק, ער לעבט מיט אירע מענטשן, האָ־רעוועט און בויט די היים צוזאַמען מיט זיי, און דאָס האָט זיך זייער גוט אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פונעם טאַלאַנטפולן שרײַבער.

וועגן ביראָבידזשאַן שרײַבט מילער אין אלע זשאַנ־רען — פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמאַטורגיע, קריטיק. ס'איז צו באַוווּנדערן זײַן ארבעטספייִקײַט. א גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען אין דער רעדאַקציע פון „ביי־ראָבידזשאַנער שטערן", ווו ער איז שטעלפאַרטרעטער פון פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר. און וואָס פאַר אן ארבעט קומט ניט אויס צו טאָן אין אײַליקן הו־הא פון ארויסלאָזן א צײַטונג? כוץ דעם, איז ער א לעק־טאָר, טרעט אָפּט ארויס אין ביראָבידזשאַנער ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס, נעמט דעם אקטיווסטן אָנטייל אין אלע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס, וואָס ווערן דורכ־געפירט אין דער געגנט.

ווען זשע שרײַבט ער? דאָס ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן נאָר, אז מיר לייענען זייער אָפּט זײַנע נײַע זאַכן און האָבן גרויס פאַרגעניגן פון זיי. אײַליקײַט, בעכיפּאַזנדיקײַט פילן מיר ניט אין זײַנע ווערק. די שורעס זײַנען גוט געשליפן, די שפּראַך איז א לויטע־רע, און דער איקער — די ווערק האָבן וואָגיקן אינ־האַלט.

אין דער גרעסערער דערציילונג „ברידער" דער־ציילט אונדז דער מעכאַבער דאַפקע גאָר ניט אײַליק, זייער געטרײַ, מיט א סאַך פײַנע פּראַטים און דע־טאַלן, וועגן אן איבערוואַנדערישער מישפּאָכע, וועגן קינדער, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אין צענדליקער מײַסטערהאַפטע נאָוועלן, אזעלכע, לעמאָשל, ווי „א פרילינגדיקער עסקיז", „אן אנדער סאָף", „אין א הארבסטיקן טאָג", „א מוזיקאַלע נאָוועלע", זײַנען געוויזן פאַרשיידענע ווינקלען פון דער געגנט, פון דער שטאָט און אויך געהיימניספולע ווינקלען פון מענטשלעכע הערצער.

אין דער נײַער גרעסערער דערציילונג „לויטער־קײַט" איז דער הויפּט־העלד עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש. וועגן קאַזאַקעוויטשן — דעם באַרימטן רוסישן פּראָ־

אזייגער צוויי באַטאָג זײַנען מיר די ערשטע אַרײַן צו די שפּיטאַלניקס אין הויף — עמקע, הריצקאָ און איך. דאָס מאָל האָט פּאָלקאַן ניט געוואָלט לעקאָוועד אונדז אַפילע זיך מאַטריִעך זײַן און אופהייבן זיך. בא דער קאָנורע, מיטן קאָפּ אַף די פּאָדערשטע אויסגעשטרעקטע לאַפּעס, האָט ער בלויז פּוילבלעך אַן עפן געטאָן איין אויג און באַלד עס צוגעמאַכט, ווי איינער רעדט: „גייט אײַך, גייט, איר זײַט בא מיר באַגלייבטע לײַט".

אזױוױ מיר זײַנען געווען די ערשטע, האָבן מיר ניט געײַלט אַרײַן אין שטוב, און עמקע האָט באַשלאָסן ווײַזן דעם גאַסט וועלוול שפּיטאַלניקס נאַכלע.

— דו זעסט אָט די שטוב? ווי גרויס זי איז, איז זי אינגאַנצן, פֿונעם פֿונדאַמענט ביז אָט דעם שיינעם קאָניק אַפֿן דאַך, געמאַכט מיט זײַנע אייגענע הענט. פֿאַרשטייט זיך, אים האָבן געהאָלפֿן פּירע און די קינדער, מיט וואָס זיי האָבן געקענט, שכיינים. באַזונדערס אָט דער שאָכן איבערן פּלויט — באַבושקין יעגאָר איוואַנאָוויטש. א טײַערער מענטש, נאָך פֿון די בויער פֿון דער טראַנססיבירער מאַגיסטראַל.

— און אָט דאָס סעדל זעסטו, — האָט פֿאַרגעזעצט עמקע, ווען מיר זײַנען אַריבער אַף יענער זײַט שטוב. — יעדער ביימל, יעדער קוסט איז אויך פֿאַרפֿלאַנצט מיט די אייגענע הענט. און אָט דער גאָרטן. אַצינד איז ער שוין אויסגעגראָבן, נאָר זומער האָסטו דאָ וואָס דו ווילסט, — קאַרטאָפֿל, אוגערקעס, פּאָמידאָרן, ציבעלעס, בורעקעס, מערן — וואָס ניט! און אָט איז די שטאַל פֿאַר דער קו, דאָס שטעלכל פֿאַר די אויפֿעס. און דאָס איז אַ דוש — פֿון אַן אייגענער קאָנסטרוקציע. זומער אין אַ הייסן טאָג שטעלסטו זיך אַוועק אונטער אים, איז מעכײַע־נעפֿאָשעס!

— ווען זשע באַוויַזט ער דאָס אַלץ אופטאָן? — האָט געפֿרעגט הריצקאָ. — ער אַרבעט דאָך ערגעץ אויך?

— אַלץ הייסט אַרבעטן — דער בעסטער סטאַכאַנאָוועץ אַף דער מעבל־פֿאַבריק! — האָט געענטפֿערט עמקע. — אַלץ, וואָס דו זעסט, ווערט געטאָן בײַסן אורלויב, אין די רו־טעג, נאָך דער אַרבעט.

— אַבי מע זוגט, אַז ייִדן קענען ניט אַרבעטן, — האָט זיך אָנגערופֿן דער גאַסט.

— די, וואָס זאָגן עס, — האָט געענטפֿערט עמקע, — זײַנען אַליין טויגעניכצן און הול־טײַעס. וועלוול שפּיטאַלניק איז דאָך ניט איינער, אָט די גאַנצע וואָלאָטשײַעווקער גאַס איז פֿאַרבויט אַף דעם זעלבן אופֿן, ווי ער האָט געבויט. דאָס זײַנען אַלץ מענטשן, וואָס זײַנען פֿון די ערשטע געקומען אַהער, אַף דער סטאַנציע טיכאָנקע, געקומען ניט שפּילן זיך, נאָר לאָזן טיפֿע וואָרצלען אינעם היגן באָדן.

זאַ־קער און ייִדישן פּאָעט — האָט מען אַ סאַך שוין געשריבן. עס זײַנען פֿאַראַן וועגן אים מאָנאָגראַפֿיעס, זייער פֿיל זיכרוינעס. אָבער די יאָרן פֿון קאַזאַקע־וויטשעס לעבן, וואָס בוזי מילער באַשרײַבט, זײַנען קימאַט נאָך פֿון קיינעם ניט באַרירט. מילער שיל־דערט אונדז קאַזאַקעוויטשן אין זײַן יוגנט, אין זײַן ביראָבידזשאַנער פּעריִאָד, ער ווײַזט אים אין דער אַרומרינגלונג פֿון זײַנע פֿרײַנט און כאַווײרים, אַפֿן שיינעם בילדערישן פּאָן פֿון דער אופֿקומענדיקער שטאָט ביראָבידזשאַן און פֿון דער נאָך גאָר יונגער געגנט. ביראָבידזשאַן איז געווען אַ גוטע צוגרייי־טונגס־שול.

אין די פּיעסן זײַנע איז בוזי מילער טרײַ דער זעלבער טעמע — ביראָבידזשאַן. די קאָמעדיע „פֿון הימל פֿאַלט גאָרניט אַראָפּ" גייט איצט אַף דער בינע פֿון ביראָבידזשאַנער פֿאָלקס־טעאַטער, און ווי ס'איז צו זען פֿון די אָפּרופֿן אין דער פּרעסע, ווערט דער ספּעקטאַקל אופֿגענומען זייער וואַרעם. מוזיקאַליש דורכגעוועבט מיט איין געזאַנג, מיט איין ליד איז די פּיעסע „דער אָטעם פֿון מײַן געליבטער". מע זאָגט, אַז אויב מע קאָן אַ פּיעסע לייענען, איז עס אַ סימען, אַז ס'איז ליטעראַטור. אויב אַזוי, האַלטן מילערס פּיעסן אויס דעם דאָזיקן שווערן אויספּרווו.

ווען די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" וואָלט אײַנגעשטעלט אַ פּרעמיע פֿאַר דער בעסטער דערציילונג פֿונעם יאָר, בין איך זיכער, אַז אין 1970 וואָלט די פּרעמיע געקראָגן בוזי מילער פֿאַר זײַן דערציילונג „מענטשן גייען אינדערפֿרי צו דער אַרבעט". די דערציילונג איז קימאַט סוזשעטלאָז, ס'קומט, אייגנטלעך, גאָרניט פֿאָר, אָבער פֿון דער ערשטער שורע ביז דער לעצטער לייענען מיר זי מיט גרויסער שפּאַנונג. זי איז פֿול מיט לעבן. יעדע דע־טאַל, יעדער שטריך, אַרויסגעכאַפּט פֿון די פּרימאָרגנ־דיקע גאַסן, איבער וועלכע עס גייען מענטשן אַף דער אַרבעט, איז געגעבן אַזוי רעאַליסטיש און גלײַכצײַ־טיק ראָמאַנטיש באַפֿליגלט, אַז ס'וואַקסט אויס אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע, אַ געזאַנג די שעפֿער און זייער מי. די דערציילונג איז אַ ליד אין פּראָזע.

„די דאָזיקע מענטשן קענט איר ניט. ס'הייסט, איר קענט זיי יאָ, און אַפילע זייער גוט, ווײַל איר טרעפֿט זיך מיט זיי יעדן טאָג פֿאַנעם צו פֿאָנעם. בייס איר גייט אַף דער אַרבעט און זיי קומען אײַך אָן אַנטקעגן. זיי גייען אויך צו דער אַרבעט..."[1]

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1970.

ער האָט צוגעגעבן:

— באַ ייִדן, ווי באַ אַלע אומעס, זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן קריפּלען און נישטן אויך, און ניט ווייניק! ניט זיי אָבער שטעלן פאַר דאָס פאָלק, דאָס פאָלק שטעלן פאַר וועלוול שפּיטאַלניק מיט זײַן ווײַב און קינדער און זייער גלײַכן. פאַר דרײַ טוץ פּוילע אינטעליגענטלעך, וואָס מיינען, אַז אויף זיי שטייט די וועלט, וועל איך ניט אָפּגעבן דעם מינדסטן נאָגל פון וועלוול שפּיטאַלניקס לינקן פוס.

ביז מיר האָבן באַטראַכט די נאַכלע, זײַנען צוגעקומען גאַליע, הערשקע, ליליע, נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע. פאָלקאַן האָט אויך זיי, ווי היימישע מענטשן, געשענקט ניט מער ווי איין בליק פון זײַן האַלב־צוגעמאַכטן אויג.

אַלע צוזאַמען האָבן מיר זיך אופגעהויבן אויפן גאַנעק, וואָס האָט געפירט צו דער געגלעזטער װעראַנדע. עמקע איז געגאַנגען פון פאָרנט. אויפן אייבערשטן טרעפּל איז ער פּלוצעם שטיין געבליבן און אונדז אַלעמען געגעבן אַ צייכן, מיר זאָלן ווײַטער ניט גיין. שטייענדיק אַזוי איינער הינטערן אַנדערן, האָבן מיר דורכן ברייטן פענצטער פון דער װעראַנדע דערזען: באַם סטאָליער־װערסטאַק, וואָס האָט פאַרנומען אַ היפּשן טייל פון דער װעראַנדע, האָט געאַרבעט וועלוול שפּיטאַלניק.

ער איז פעסט געשטאַנען אויף זײַנע קורצלעכע פיס, און דער אייבערשטער טייל פון זײַן בראָנזיק־ברוינעם מוסקולדיקן קערפּער אין דער גרינער מײַקע האָט זיך ריטמיש באַוועגט אַהין־און־צוריק צוזאַמען מיטן גרויסן הובל, פון אונטער וועלכן עס זײַנען געפלויגן געקרײַזלטע געלע סטרוזשקעס. אײַנגאַנצן פאַרטאָן אין דער אַרבעט, איז ער ענלעך געווען צו אַ מאַשין, וואָס מע האָט זי אויף לאַנג געלאָזט אין גאַנג און וואָס קלײַבט זיך נאָך אַזוי גיך ניט אָפּשטעלן.

מיט ראָש אין עפן טוענדיק די טיר, האָט עמקע אויסגעשריִען:

— זעט, ווי אַ ייִד איז מעכאַלעל זונטיק!

דערהערט אָט דעם אומגעריכטן געשריי, האָט וועלוול זיך אָפּגעשטעלט אומצופרידן, נאָר דערזען אונדז, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קנאַפּן שמייכל:

— עמקע מיט זײַנע שטיק!

געווען איז אין אָט די ווערטער אי פאַרוואורף, אי צופרידנקײַט, ווי אַלע מאָל, ווען אָט דער לעבעדיק־פרייִלעכער פאַרשוין, עמקע, באַווײַזט זיך אויף דער שוועל.

— וואָס — עמקע? — האָט יענער זיך אָנגערופן. — אָפּרוען דאַרף מען אַמאָל, צי ניט?

אין דער מינוט האָט זיך אין עפן געטאָן די טיר פון פאָדערצימער אויף דער װעראַנדע און אויף דער שוועל האָט מיט אַ גרויסן קאָכלעפל אין דער האַנט זיך באַוויזן פירע.

— אָט, אָט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ. — זידלט איר אים כאָטש גוט אויס! מיר העלפט ניט... אַ מענטש זאָל קיינמאָל ניט וויסן קיין כילעק צווישן וואָך און יאָמטעוו.

אַזוי הייבט מילער אָן די דערציילונג, און מיט אַ פּאָר זײַטלעך ווײַטער, נאָך דעם, ווי ער האָט קאָלאָריטפול אויסגעמאָלט דעם מאַרשרוט זײַנעם — די גאַסן מיט די נײַע הײַזער, דעם סקווער, דעם טעאַטער, וואָס ער גייט פאַרבײַ, — באַמערקט ער אַזוי ווי דערעכאַגעוו:

„איידער איך וועל דערציילן וועגן באַזונדערע מענטשן, ווילט זיך עפּעס־וואָס זאָגן וועגן זיי אַלעמען צוזאַמען — וועגן די, וועמען איך באַגעגן אויפן וועג צו דער אַרבעט. כ'האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז זיי אַלעמען פאַראייניקט איינער אָן אַלגעמיינער שטריך, וואָס ניט אַלע שטויסן זיך אָן וועגן דעם. אויך איך האָב אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט כאַפּן, אין וואָס אָט דער שטריך באַשטייט, ניט געקאָנט אָפּזוכן דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר אים. ביז איך האָב עס ענדלעך געפונען: באַפרידיקונג, און אויב איר ווילט, אַפילע עפּעס ענלעכס אויף גאַדלעס. יאָ, גאַדלעס. דערמיט, וואָס מיר אַלע, די אײַנוווינער פון אָט דער נאָך גאָר ניט אַלטער און בעמיילע ניט זייער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט אַנטליִען די נעמען פון צוויי ווײַטמיזרעכדיקע טײַכן פאַר איר אייגענעם נאָמען, זײַנען ניט געקומען אַהער אויף גרייטן...״[1]

בוזי מילער איז ניט געקומען אויף גרייטן. ווען ער זאָל ניט זײַן קיין שרײַבער, ניט האָבן אָנגעשריבן קיין איין דערציילונג, קיין איין פּיעסע, קיין איין ליד, וואָלט זײַן יובילייִ סײַווי געווען אַ יאָמטעוו. ער איז דאָך איינער פון די טרײַסטע אומדערמידלעכע בויער פון ביראָבידזשאַן. איז ער נאָך אָבער אַ שרײַבער, און זייער אַ גוטער שרײַבער, מיט וועלכן עס שטאָלצירט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור. קומט דאָך אים אַוואַדע לעבן צוויי מאָל זעכציק — די געוווּנטשענע הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, זײַן געזונט. וועגן נײַע שעפערישע אופטוען איז ניט שײַעך צו ריידן, מיר זײַנען זיכער, אַז זיי וועלן זײַן, אַבי נאָר טאַקע ווידעראַמאָל — יאָרן און געזונט.

טעוויע גען

---

[1] דאָרטן.

■ ■ ■

— אדראבעבע, און וואָס הייסט באַ דיר יאָמטעוו? — האָט וועלוול זיך אַ קער געטאָן צו איר.
— דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט, כּוך דיר, — האָט יענע געענטפערט, — אַז יאָמטעוו אַרבעט מען ניט.

— און דיר איז שוין צײַט צו וויסן, אַז באַ מיר איז פאַרקערט: ווען איך אַרבעט, איז באַ מיר יאָמטעוו!

— וואָס זאָגט איר אַף אים? — האָט אַ פאַרפּלאָמטע אַפּעלירט צו אונדז פּירע.

— און זי אַליין, מיינט איר, איז בעסער? — האָט געזאָגט וועלוול.

יאָ, דאָס האָבן מיר געוווּסט, — זי, פּירע, איז אויך „ניט בעסער“... זיי זײַנען געווען „אַ פּאָר פון גאָט“. און טאַקע דאָס, ווײַזט אויס, האָט זיי צונויפגעפּירט, ווען ער איז נאָך אַלט געווען קנאַפּע אַכצן און זי ניט קיין פולע זיבעצן. און אָט האָט מען שוין דרײַ קינדער, די עלטערע טאָכטער — אַ קאַלע־מויד — און אַליין איז מען נאָך גאָר יונגע לײַט.

ענלעכע מיט די כאַראַקטערס, זײַנען אָט די צוויי האָרעפּאַשנע מענטשן לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אויסערלעך. ער — ניט הויך, דאַר, נאָר שטײַף געקנאָטן. טונקל־בלאָנד, דאָס לענגלעכע פּאָנעם מאָגער, אין די גרינבלעך־קאַליריקע אויגן אַ שטענדיק באַשעפּטיקטער אויס־דרוק. אַ שווײַגער. זײַן קלאַל: די צונג מעג רוען, אַרבעטן דאַרפן די הענט. זי — אַ פּולבלעך־קײַלעכדיקע, אַ פּעך־שוואַרצע, מיט טונקעלע וואָנצעלעך אַף דער אייבערשטער ליפּ. אַ קע־סיידער־שמייכלענדיקע און זייער אַ באַריידעוודיקע. פון די, אַף וועמען מע זאָגט: „אַ ווײַבל — אַ ברען“.

געאַרבעט האָט זי אַלס פאַרקויפערן אין אַ מאַגאַזין. ביזן אוועקגיין צו דער אַרבעט פלעגט זי באַווײַזן אויסמעלקן און אַרויסטרײַבן אין טשערעדע די קו, אָפּקאָכן פרישטיק און מיטיק. נאָך דער אַרבעט האָט זי זיך געפּאָרעט אין גאָרטן, געראַמט אין שטוב, און — דאָס איז פּאַשעט געווען אַף כּידושים, — ווען מע זאָל צו איר ניט קומען, און וויפל מענטשן עס זאָלן ניט קומען — איז שטענדיק גרייט געווען פאַר אַלעמען דער טיש. באַ איר האָט גאַרניט אויסגע־מאַכט צווישן איין אַרבעט און אַ צווייטער שפּילנדיק אויסקלעפּן אַ פּאָר מייעס קרעפּלעך מיט קעז, אָדער אָפּבאַקן עטלעכע בעקנס קנישעקלעך מיט לעבער, וואָס צעגייען אין מויל, אָדער אָפּקאָכן פּראַקעס, וואָס מע לעקט פון זיי די פינגער. און וואָס איז שײַך אָן עסיק־פלייש, אַ ראָסל־פלייש, געפילטע פיש, איז פּירע געווען דערויף איין בעריה.

אָט די אַלע מינים מאַכאָלים זײַנען טאַקע געשטאַנען אַצינד אַפן ברייט־פאַנאַנדערגערוקטן טיש אינעם גרויסן זאַל, וווּהין מיר זײַנען אַלע אַרײַנגעגאַנגען. און אין צענטער, צווישן שיסלען, טעלער און טעלערלעך, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די לענגלעכע פּאָלומעסע־קעס מיט די צוגעברוינטע און געשמאַק שמעקנדיקע געפילטע פיש, וואָס האָבן זיך געבעטן אין מויל אַרײַן. צווישן די שיסלען און טעלער האָט געפינקלט אין לענגלעכע פלעשער דער בראָנפן און אין בײַכיקע גראַפינען אַ טונקעלע נאַליווקע פון ווילדע ווײַנטרויבן און סמאָ־ראָדינע.

— אָצע דילאָ! — האָט אַנציקט אויסגערופן הריצקאָ אָכרימאָוויטש, באַטראַכטנדיק דעם טיש, און דאָ טאַקע אַף ייִדיש צוגעגעבן: — כ'לייבן, אַזוינס האָב עך שוין לאָנג ניט געזעין...

— און דו האָסט מוירע געהאַט, — האָט עמקע אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, — אַז מיר וועלן ניט האָבן ווו צו באַשטאַטן אונדזער קעטאַ מיט די סאַזאַנעס. איך האָב דיר געזאָגט: כ'וועל שוין געפינען פאַר זיי אַן אָרט. איז ווי — געפונען?

— די סט' ניט געפינען? — האָט געענטפערט הריצקאָ. — איצט זיי עך שויך, אַף דיר מייג מען זיך פאַרלאָזן אין אַלץ, ביסט שען איינמול אַ יאָט!

אַ כיינעוודיק־פאַרהאָועטע, אַ פאַרויטלטע, האָט סימע, — זי האָט אין אַלץ געהאָלפן דער מוטער, — זיך באַוויזן מיט צוויי טאַצן ברויט אין די הענט. איין טאַץ האָט גלײַך באַ איר צוגענומען עמקע, דעם צווייטן — דער גאַסט.

— בעז כליבא נעמא דילאָ! — האָט ער געזאָגט, שטעלנדיק דאָס ברויט אַפן טיש.

סימע האָט, מײַסע באַלעבאָסטע, געוואָרפן אַן אומרויִקן בליק אַף הירשקען:

— דיר איז דאָ באַקוועם?

ווי אַלע מאָל, האָט יענער אָפּגעזוכט פאַר זיך אַן אָרט ערגעץ באַם עק טיש. סימע האָט באַמערקט, אַז דאָ וועט זי ניט קענען זיצן לעבן אים, און הײַנט, באַ זיך אין דער היים, האָט זיך איר דאַפקע מער, ווי ווען־ניט־איז, געוואָלט זיצן מיט הירשקען באַנאַנד.

— זעץ זיך איבער אהער, דאָ וועט דיר זײַן בעסער, — האָט זי אים אָנגעוויזן אַן אָרט עטוואָס העכער, באַ דער רעכטער זײַט טיש. הירשקע האָט זיך פאַרויטלט, דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם, ווי אַלע מאָל, ווען צו אים ווערט צוגעצויגן די אופמערקזאַמקײַט, נאָר ער האָט זיך געהאָרכזאַם אופגעהויבן און אַריבערגעגאַנגען אַפן אָרט, וואָס סימע האָט אָנגעוויזן. זי

האָט זיך גלײַך אוועקגעזעצט לעבן אים און ניט באַמערקט דערבײַ דעם צופרידענעם בליק, מיט װעלכן טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעװוּנקען. זײ אַלײן האָבן גוט פאַרשטאַנען אײנער דעם אַנדערן.

הירשקע, פּונקט װי עמקע, איז געװען אַן אַפּטער אַרײַנגײער צו זײ אין שטוב. צוערשט האָבן טאַטע־מאַמע געהאַט אױסזיכטן אַף עמקען. נאָר זינט יענער האָט גענומען שפּאַצירן מיט גאַליען, האָבן זײ באַשלאָסן, אַז הירשקע װאָלט אױך זײַן ניט קײן שלעכטע פּאָר פּאַר זײער סימען. ער קומט זײ אַפּילע העלפן אַראָפּנעמען דעם גאָרטן. דערבײַ זאָגט ער, אַז אָט די אַרבעט געפעלט אים זײער, זי דערמאָנט אים זײַן הײם, דאָס דערפל רודניע, ניט װײַט פון זשיטאָמיר, װוּ זײַן מאַמע מיט די שװעסטערלעך פירן אַ פּויערישן אַרט לעבן. זײ װײסן, סימעס עלטערן, אַז אין די אָװנטן שפּאַצירט זײער טאָכטער אָפּט מיט הירשקען, און האָבן ניט קעגן, — אַ װוילער באָכער, אַ שטילער, אַ בענימעסער, טרינקט ניט, רײכערט נײַט. דערצו נאָך, זאָגט מען, האָט ער אַ טאַלאַנט. אין דעם קלײַבן זײ זיך װײניקער פאַנאַנדער, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. איז ער אָבער אַ מאָדנער באָכער, אָט דער פּאָעט: שוין אַ היפּשע צײַט, אַז ער פירט זיך אַרום מיט סימען, מע זעט, עס גײט אים אויס נאָך איר דאָס כּײַעס, נאָר ער שװײַגט. קײן װאָרט ניט װעגן טאַכלעס... סימע, האָבן זײ געהאַלטן, איז אױך דערין שולדיק: געפעלט ער איר, דאַרף מען צו עפּעס קומען, אויב ניט, איז צו װאָס די אַרומפּירעכץ? דערפאַר זײַנען טאַטע־מאַמע איצט געװען צופרידן, װאָס זײער טאָכטער האָט איבערגעזעצט הירשקען און אַלײן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, זיך אװעקגעזעצט לעבן אים. זײ האָבן אײַנגעזען אין דעם אַ גוטן סימען.

אופגעלײגט דערפון און פון אַלץ מיטאַנאַנדער, האָט פּירע זיך אָנגערופן צום מאַן:

— נו, װאָלאָדיע, זאָג שוין אַ װאָרט. לאָמיר אָנהײבן!

װעלװל שפּיטאַלניק האָט זײַנע גרױלעכע אויגן אָנגעשטעלט מיט פאַרװוּרף אַפן װײַב. װער נאָך װײסט עס אַזױ גוט, װי זי, אַז אים איז גרינגער אָפּצושטײן אַ טאָג מיטן הובל, אײדער אַרויסבריענגען פון מויל אַ װאָרט. פּירע האָט אויסגעהאַלטן דעם מאַנס שטומען פאַרװוּרף און, װי פאַרענטפערנדיק זיך, געזאָגט:

— ביסט דאָך באַלעבאָס, װער דען זאָל אָנהײבן?

יאָ, דאָ איז זי גערעכט, — ער איז באַלעבאָס. האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און ניט געשיקט גענומען אין האַנט דאָס גלעזל בראַנפן, אַזױ אַז עס האָט זיך איבערגעגאָסן:

— װאָס זאָל איך זאָגן? אָט האָבן מיר דאָ, קײן אײַנהאָרע, אַ פולן טיש. אַ דאַך איבערן קאָפּ. שכײנים, פרײַנט. און מיט צען יאָר צוריק איז דאָ נאָך גאָרניט געװען. טײַגאַ. מיר האָבן אַלץ דאָ אופגעטאָן מיט די אײגענע הענט...

װעלװל איז מיטן גלעזל אין דער האַנט אַנשװיגן געװאָרן. ער האָט געװאָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר באַשלאָסן, אַז ער האָט אַזױ אױך שוין אַ סאַך געזאָגט, פאַרענדיקט:

— איז לאָמיר אויסטרינקען, עס זאָל זײַן נאָך מער, עס זאָל זײַן! — און האָט מיטן גלעזל זיך אַ צי געטאָן צו אַנדערע אופגעהױבענע גלעזלעך און קעלישעקלעך מיט פינקלדיקן בראַנפן און טונקעלער נאַליװקע.

װי געװײנלעך, נאָך דער ערשטער קויסע, איז באַם טיש געװאָרן שטיל. מע האָט נאָר געהערט, װי עס קלינגען גאָפּל־מעסער.

װען מע האָט פון אַלץ צוביסלעך פאַרזוכט, האָט עמקע זיך אָנגערופן:

— איך קען דיך שוין, װאָלאָדיע, ניט דאָס ערשטע יאָר. נאָר ביז הײַנט האָב איך גאָר ניט געװוּסט, אַז דו ביסט נישקאָשע פון אַ ליגנער.

װעלװל האָט אָנגעשטעלט אַף עמקען אַ שטױנענדיקן בליק. יענער האָט דערקלערט:

— זינט איך קען דיך, טײַנעסטו, אַז דו ביסט ניט קײן רעדנער. און הײַנט האָסטו אװעק־געלײגט אַ דראָשע, אַז מיר דאַרפן אַלע באַ דיר הײצן די הרובע...

— עמקע מיט זײַנע שטיק! — האָט אַ שמײכל געטאָן װעלװל.

— נײן, איך מײן עס ערנסט, — האָט עמקע זיך אופגעשטעלט. — הערט זיך אײַן, װאָס אָט דער מענטש האָט אָקאָרשט געזאָגט: עס איז גאָרניט געװען. עס איז דאָ. און — זאָל זײַן! קורץ און אויסשעפּנדיק האָט ער איבערגעגעבן דעם טאַמציס פון אַלץ, װאָס מיר האָבן מיט אײַך דאָ אופגעטאָן פאַר אָט די קנאַפּע צען יאָר. אַף אָט דער טעמע האָב איך אָנגעשריבן פאַר אָט די יאָרן ניט אײן צענדליק לידער, ערגערע און בעסערע, נאָר כלעבן, אין זײ האָב איך אָט די טעמע באַלויכטן אַ סאַך שװאַכער, אײדער װעלװל אין זײַנע פּאָר געצײלטע װערטער.

— זאָל זײַן! — האָט עמקע אופגעהויבן דאָס גלעזל.

װעלװל, זיכער, אז עמקע טרײַבט פון אים לײַצאָנעס, האָט אים א דראָע געטאָן מיטן פינגער און האָט אויך צוגעטראָגן דאָס גלעזל צו די ליפּן.

נאָר אויסטרינקען האָט ער ניט באַוויזן. אף דער שוועל פונעם זאַל איז געשטאַנען אן עלטערער מענטש מיט א גראָווער, פּאַרקײַלעכיקט אַרונטערגעבויגענער באָרד און מיט א שולדיקן שמייכל אין די וואַסעריקלעך־בלויע אויגן.

— איך קלאַפּ און קלאַפּ, מע ענטפערט ניט, בין איך אַרײַן אַהער. נאָר בא אײַך, זע איך, איז גאָר א סימכע, און איך בין אַרײַן אינגאַנצן ניע ווּפּאַד...

װעלװל האָט אוועקגעשטעלט דאָס גלעזל און זיך געלאָזט צום אַרײַנגעקומענעם.

— יעגאָר איוואַנאָוויטש, טײַערער, וואָס הייסט עס — ניע ווּפּאַד? פּאַרקערט, סאַמע גוט! קומט צום טיש, אָט איז פאַר אײַך אַן אָרט.

— ניין, ניין, וואָלאָדיע, — האָט זיך אוועקגעמאַכט יענער. — איר יאָמטעווט, און איך בין גראָד אַרײַן צוליב א וואָכעדיקן איניען.

— הײַנט איז דאָך זונטיק.

— מײַן דאָמנע קאַליסטראַטאָווּנע ווייסט ניט פון קיין זונטיק. דאַפקע הײַנט האָט זיך איר פאַרוואָלט שאַטקעווען קרויט, און בא אונדז האָט זיך צעבראָכן די מאַשינקע. גיי אַרײַן, זאָגט זי, צו די שכיינים, נעם בא זיי.

פּירע האָט זיך אופגעהויבן.

— יעגאָר איוואַנאָוויטש, באַלד גיי איך נאָך דאָמנע קאַליסטראַטאָווּנע, וועל זי אויך ברענגען אַהער, און מיר וועלן צוזאַמען עסן מיטיק.

— ניין, ניין, זי וועט אפילע ניט וועלן הערן! נו, גוט, איך וועל מיט אײַך — ביט פּאָ־סיעמו — נעמען א גלעזל. איינס, ניט מער.

וואָלאָדיע האָט אוועקגעזעצט דעם שאָכן לעבן זיך אויבנוף.

— יעגאָר איוואַנאָוויטש באַבושקין, א קאָרענאָי דאַלניעוואָסטאָטשניק, א טײַערער מענטש, — האָט ער אים פאָרגעשטעלט.

— אַלץ יונגע לײַט, זע איך, — האָט געזאָגט יעגאָר איוואַנאָוויטש, באַטראַכטנדיק דעם אוילעם באַם טיש, — דאָס איז גוט. און אפילע א מיליטערמאַן אויך?

— יאָ, ס'איז מײַן סימעס פרײַנט. איר קענט דאָך זיי אַלע, — האָט דערקלערט וואָלאָ־דיע. — און דער מיליטערמאַן איז א קאָמאַנדיר פון א גרענעץ־זאַסטאַווע באַם אַמור. געקומען אף א טאָג צוגאַסט.

— פון א זאַסטאַווע? ווי האַלט עס דאָרט בא דער גרענעץ? — האָט יעגאָר איוואַנאָוויטש זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר. — די סאַמורײַען שקאָדעווען שטאַרק? מע וואַרפט אַריבער שפּיאָנען, האַ?

— ניין, מיר לאָזן זיי איבעריקס ניט צעפירן זיך די הענט, — האָט געענטפערט הריצקאָ אָכרימאָוויטש.

— און ווי איז ביכלאַל אף דער גרענעץ? — האָט געפרעגט יעגאָר איוואַנאָוויטש. — מיט קיין מילכאָמע שמעקט ניט?

— גראַניצאַ, באַטיאַ, נאַ זאַמקע!

— טאַ־טאָ זשע! — האָט געזאָגט יעגאָר איוואַנאָוויטש און אופגעהויבן די אָנגעגאָסענע קויסע. — בודיעם זדאָראָווי! — ער האָט אויסגעטרונקען און א שטעק געטאָן דעם גאָפּל אין א שטיקל געפּילטע פיש.

— אָט דאָס מײַכל באַקומט זיך בא דיר גוט, פּירע, — האָט ער זיך א קער געטאָן צו דער באַלעבאָסטע. — מײַן דאָמנע קאַליסטראַטאָווּנע איז דאָך א גרויסע בעריע אף קאָכן און באַקן, נאָר קיין געפּילטע פיש באַקומען זיך בא איר ניט, כאָטש טו וואָס דו ווילסט...

— יעגאָר איוואַנאָוויטש איז פון די עלטסטע טוישווים אין בירעבידזשאַן, — האָט געזאָגט וואָלאָדיע, — ער לעבט דאָ נאָך פון פאַר דער רעוואָליוציע. פון וואָס פאַר א יאָר, יעגאָר איוואַנאָוויטש?

— פונעם טויזנט נײַן הונדערט צוועלפטן. יאָ, מײַנע פרײַנט. מע האָט נאָך פון קיין שום בירעבידזשאַן ניט געוווּסט, ווען איך האָב שוין דאָ געוווינט.

פאַרבײַסנדיק מיט די געפּילטע פיש, האָט ער געזאָגט:

— אַליין בין איך א סיביריאַק. א קאָרענאָי. געבויט די טראַנססיבירער אײַזנבאַן־מאַגי־סטראַל. געווען איז מיר דעמלט אַזויפיל אַן ערעך, וויפל יעדערן פון אײַך אַצינד. מיט מײַן דאָמנושקע האָבן מיר דעמלט נאָרוואָס כאַסענע געהאַט. זי האָט דאַפקע געוואָלט, מיר זאָלן פאָרן ווײַטער, כאָטשבי קיין כאַבאַראָווסק, — פאָרט א שטאָט. נאָר מיר איז געפעלן דאָ. וואַלד

ווי פל דו ווילסט, פֿאַשע, פיש, יאַגד, — וואָס דאַרף מען נאָך? האָב איך דאָ אוועקגעשטעלט מײַן שטוב. איצט איז דאָ א גאַנצע גאַס, מיט א פֿײַנעם נאָמען — וואָלאָטשײַעווקער, און דערמלט איז מײַן שטוב דאָ געשטאַנען איין־איינציקע. שפּעטער זײַנען צוגעקומען נאָך עטלעכע, און דאָמנושקע מײַנע האָב איך געטרייסט: זאָרג ניט, זאָג איך איר, מיט דער צײַט וועלן אהער אויך קומען מענטשן און ס'עט נאָך אויסוואַקסן א מין שטאָט! „יאָ, — האָט זי געענטפֿערט, — בערן און וועלף וועלן קומען, און מער קיינער ניט!" און וואָס מיינט איר, — אין אכט־און־צוואַנציקסטן האָבן אָנגעהויבן גיין עשעלאָנען, איינער נאָכן אַנדערן! יוגנט, קאָמסאָמאָלצעס! עס האָט זיך אָנגעהויבן א לעבן — פֿרעגט ניט! א ייִדישער ראַיאָן געוואָרן, דערנאָך א געגנט. מיר, סיביריאַקעס, האָבן פֿריִער ייִדן ווייניק געקענט. ס'איז ניט אויסגעקומען. עס פֿלעגט נאָר אויסקומען הערן אַמאָל פֿאַרשיידענע באָבעמײַסעס — הענדלער, טענדלער, ווייס איך וואָס... און דאָ, כ'טו א קוק — מענטשן ווילן אַרבעטן! ווילן זיך פֿאַרפֿונדעווען! אזעלכע מענטשן איז דאָך א פֿאַרגעניגן צו העלפֿן. און די ערשטע צײַט האָבן מיר, די קאָרעננאָיע אײַנוווינער, זיי דאָ טאַקע געהאָלפֿן מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקענט. אָט — מײַן שאָכן, וואָלאָדיע, אין די אויגן און הינטער די אויגן וועל איך זאָגן איינס — א גאָלדענער מענטש, א פּאָר גאָלדענע הענט! און ער איז דען איינער אזא? און אָט אזוי לעבן מיר אין גוטשכיינעשאַפֿט, האַלעוויי אף ווײַטער ניט ערגער.

— האַלעווײַ! — האָט אונטערגעהאַלטן וואָלאָדיע. — נאָך א קויסע, יעגאָר איוואַנאָוויטש!

ער האָט אויסגעטרונקען, נאָר וויפֿל מע האָט אים ניט געבעטן, ער זאָל נאָך א ביסל זיצן, האָט ניט געהאָלפֿן.

— איך וועל שוין אזוי אויך פֿון מײַן דאָמנע קאַליסטראַטאָוונע אַרײַנכאַפּן א קיילעק!

— אָט וועגן וועמען מע דאַרף שרײַבן פֿאַעמעס! — האָט זיך אָנגערופֿן עמקע, ווען יעגאָר איוואַנאָוויטש איז אוועקגעגאַנגען.

עמקע האָט זיך פֿאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— און עפּשער — ראָמאַנען אויך...

ער האָט אופֿגעהויבן זײַן גלעזל.

אַלע האָבן אויסגעטרונקען. מע האָט פֿאַרביסן. ווען מע האָט שוין פֿאַרזוכט פֿון אַלע מינים מײַכאָלים, וואָס זײַנען געשטאַנען אפֿן טיש, האָבן זיך דערהערט שטימען:

— לידער!

— עמקע, הירשקע, לייענט לידער.

— ניין, אויב לידער, איז געזונגען! — הריצקאָ אָכרימאָוויטש האָט מיטאַמאָל מיט א פֿײַנעם באַס פֿאַרצויגן:

מאַן טאַטע איז א שמאַראַוואָזניק,
מאַן מאַמע גאַנוועט פיש אין מאַרק...

מע האָט זיך אַלע צעלאַכט, אזוי פֿײַן האָט זיך עס בא אים באַקומען. אָבער מע האָט אים ניט אונטערגעהאַלטן.

— פֿריִער לייענען לידער, דערנאָך זינגען! — האָט א געשריי געטאָן סימע.

— עמקע, — האָט זיך א קער געטאָן צו אים הריצקאָ, — לייען זיי די ליד, ווּס די אָסט אונגעשריבן אף דער פּוטינע, אַ? אזא יור אף אינדז אָלעמען, ווּס פּאַר א לידו! ווי זוגסטע דאַרט:

מיר דאַרפֿן אובן פיש?
מע דאַרף!
מע דאַרף!

— „אובן", „אובן", — האָט עמקע אים איבערגעקרימט. — ווען ווּעסטו שוין ריידן א ליטעראַרישן ייִדיש? ס'א ביזע־ביזאַיען!

— יעסט, איספּראַוויליוס! — האָט הריצקאָ אָכרימאָוויטש אויסגעצויגן די הענט „פּאַ שוואַם", און אַלע האָבן זיך ווידער צעלאַכט.

עמקע האָט א פֿיר געטאָן מיט די האָרן־ברילן:

— נו, גוט, מיר וועלן הײַנט לייענען לידער. הירשקע, מיר וועלן מיט דיר הײַנט לייענען לידער?

א פֿאַרטראַכטער האָט הירשקע קאַלופּעט מיטן גאָפּל אין טעלער. אף עמקעס ווענדונג האָט ער אומבאַשטימט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מיר וועלן לייענען! — האָט קאַטעגאָריש, פֿאַר אים אויך, געזאָגט עמקע. — איך וועל אײַך לייענען „די ליד וועגן פּישפּאַנג“, זי איז באַ מיר אַ פֿריש־צאַפּלדיקע, כ׳האָב זי אַקאָרשט אָף דער פּוטינע אָנגעשריבן. נאָר אָט די פֿיש, וואָס אונדזער פּירע־לעבן האָט זיי אַזוי גוט אָנגעפּילט און וואָס מיר האָבן זיך דערוווּיל אַפֿילע אָף קײן העלפֿט מיט זיי ניט ספּראַוועט, אָט די פֿיש פֿאָדערן צוערשט אַ ביסל האַרטע פּראָזע. מיט איין וואָרט, איך וויל זאָגן אַ טאָסט!

— דאַוווּי, עמקע!

— דאַוווּי! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— אייגנטלעך, — האָט עמקע פֿאַרגעזעצט, — וויל איך זאָגן עטלעכע טאָסטן. נאָר אַזוווי מיר טאָרן הײַנט ניט זײַן שיקער — מיר ווילן דאָך לייענען לידער, — וועל איך פֿון אַלע טאָסטן מאַכן איינעם, אָבער אַזאַ, אַז פֿאַר אים דאַרפֿן אַלע אויסטרינקען ביזן דנאָ. געמאַכט?

— רעד שוין!

— מאַטער נישט!

— גיסט אָן די גלעזלעך.

עמקע האָט אַראָפּגענומען דיברילן, זיי אַקוראַט אויסגעווישט און ווידער אָנגעטאָן, ווי אַפּלייגנדיק דערמיט אָן אַ זײַט דעם וויציקן טאָן, מיט וועלכן מע האָט ביז איצט דאָ געוועדט באַם טיש, און געבנדיק צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס וועט געזאָגט ווערן ווײַטער, איז ביז גאָר ערנסט.

— דעם ערשטן טאָסט לייג איך פֿאָר, — האָט ער געזאָגט, — פֿאַר די באַלעבאַטים פֿון אָט דעם הויז — פֿאַר וואָלאָדיע און פּירע שפּיטאַלניק! מיט דער געטרײַער האַרעוואַניע פֿון אַזעל־כע, ווי זיי, ווערט געשאַפֿן אַלץ, וואָס אונדז איז איין לעבן ליב און טײַער...

וועלוול און פּירע האָבן זיך אַ ריר געטאָן אָף זייערע אָרטער, ביידע צוזאַמען געוואָלט זיך אָוועקמאַכן פֿון אָט דעם קאָוועד — פֿאַרוואָס קומט עס זיי? — נאָר מאַכמעס עמקעס ערנסטן און אַפֿילע פֿײַערלעכן טאָן ניט געוואָגט עפּעס זאָגן, געבליבן זיצן אי שטאָלץ, אי אַ ביסלע ווי פֿאַרלוירן פֿון אַזאַ אומגעריכטן פֿאַר אַלעמען אַרויסגעוויזענעם קאָוועד.

— דעם צווייטן טאָסט — פֿאַר אונדזערע ווויליע מיידלעך! אָן זיי, הערט איר, וואָלט דאָך אומעטיק געוועזן צו לעבן אָף דער וועלט...

אַלע דרײַ מיידלעך האָבן אופגעהויבן אָף עמקען די אויגן, גאַליע — מיט אייפערזוכט: וועלכע נאָך מיידלעך, אַכוץ איר, דאַרף ער עס האָבן, עמקע, עס זאָל אים ניט זײַן אומעטיק צו לעבן אָף דער וועלט? סימע — מיט דאַנקבאַרקײַט: האַלעווײַ זאָלן אָט די ווערטער זײַנע דערגיין צו הירשקען, ווײַל יענער, דאַכט זיך, קען אויסקומען אָן מיידלעך אויך... ליליע — מיט האָפֿענונג: עפּשער וועט זי נאָך באַגעגענען אין לעבן אָן עמעסע, ניט אָפּגענאַרטע ליבע? עפּשער...

— דעם דריטן טאָסט, — האָט פֿאָרגעזעצט עמקע, — פֿאַר מײַן פֿרײַנט, דעם קאָמאַנדיר פֿון אַ גרענעץ־זאַסטאַווע הריצקאָ אַכרימאָוויטשן — פֿאַר די, וואָס שלאָפֿן ניט קיין נעכט, קעדיי מיר זאָלן קענען רויִק שלאָפֿן, רויִק אַרבעטן, רויִק פֿאַרברענגען מיט אונדזערע גע־ליבטע. נו, און דעם פֿערטן טאָסט — פֿאַר דיכטער! פֿאַר די, וואָס באַזינגען אונדזער מי, אונד־זער וואָפֿן און אונדזער ליבע! אויסגעטרונקען! — האָט באַפֿוילן עמקע און מיט איין אָטעם איבערגעקערט אין מויל אַרײַן זײַן גלעזל. דאָס זעלבע האָבן געטאָן אַלע אַנדערע.

— אָט דאָס זײַנען טאָסטן! — האָבן זיך דערהערט שטימען. — איינס אין איינס!

— יעדער איינער איז גאָר ווערט, מע זאָל אויסטרינקען פֿאַר אים באַזונדער!

— פֿאַר די מיידלעך — אוואַדע! — דאָס האָט אויסגעשריגן דאַפֿקע הירשקע. ער איז שוין געוועזן שיקערלעך. סימע האָט אָף אים אַ קוק געטאָן אַ צעשטראַלטע און אויסגערופֿן:

— און פֿאַר די דיכטער — אויך!

— פֿאַר די גרענעצלער! — האָט זיך אַנטשלאָסן אַרײַנשטעלן איר וואָרט אויך סימעס שוואַרצכיינעוודיק שוועסטערל סוועטע. פֿון איר אָרט, באַם ברעג טיש, ווו זי איז געזעסן מיט איר ברודערל, האָט זי די גאַנצע צײַט ניט אַראָפּגעלאָזט איר פֿאַרגאַפֿטן בליק פֿון די רויטע קוביקלעך אינעם קאָמאַנדירס גרינע פּעטליצעס. זי איז געוועזן אָפּן זיבעטן הימל — צו אים איז דערגאַנגען איר זאָג, ער האָט ספּעציעל צו איר זיך אַ וויטע געטאָן:

— פֿאַר אונדזערע פּיאָנערן!

— איך בין שוין אַ קאָמסאָמאָלקע, — האָט סוועטע זיך באַליידיקט.

— איז דאָך אוואַדע גיט, — פֿאַר אינדזער קאָמסאָמאָל!

— פֿאַר אַלץ טרינקען וועט ניט קלעקן קיין בראַנפֿן! — האָט געזאָגט עמקע.

— וועט קלעקן נאַליוקעס! — האָט זיך אָנגערופֿן פּירע.

— א קאַטשקע איז ניט קיין פויגל און נאַליווקע איז ניט קיין געטראַנק, — האָט עמקע איר געענטפערט. — אַצינד וועלן מיר לייענען לידער. הירשקע, מיר וועלן לייענען לידער?

שוין עטוואָס שיקערלעך, האָט הירשקע זיך געפילט דרייסטער און האָט מיט גרייטקייט זיך אָנגערופן:

— אוודאי וועלן מיר לייענען! נאָר דו הייב אָן.

— פון וואָס זשע זאָל איך אָנהייבן? — א ווײַלע האָט עמקע געקלערט און מיטאַמאָל א וואָרף געטאָן מיט דער געקרויזטער פּאַטלע:

— איר ווייסט גאָר וואָס: איך זעץ איצט איבער מאַיאַקאָווסקין, וועל איך אײַך עפּעס פאָרלייענען זײַנס.

— דאַווײַ!

— איך האָב זייער ליב מאַיאַקאָווסקין, — האָט עמקע געזאָגט, — צוויי דיכטער אין דער וועלט־ליטעראַטור שעץ איך זייער הויך — היינען בא די דײַטשן און מאַיאַקאָווסקין בא אונדז. אַגעוו, איז צווישן זיי פאַראַן א סאַך אַלגעמיינס. אַלנפאַלס, מער איידער עס קאָן זיך דוכטן פון ערשטן אויגנבליק. דאָס איז נאָך דערווײַל ניט גענוג באַלויכטן אין דער ליטעראַטור. איך קלײַב זיך אָנשרײַבן וועגן דעם א ספּעציעלע אַרבעט.

אף א ווײַלע האָט עמקע זיך פאַרטראַכט און פאַרגעזעצט:

— די רוסישע שפּראַך... איר געדענקט, ווי דער אַלטער טורגעניעוו האָט געזאָגט: «...О великий, могучий, правдивый и свободный русский язык»

און בעעמעס, די דאָזיקע שפּראַך איז אַזוי רײַך — אומבאַגרײַפלעך רײַך, דאָס איז אַזא אויצער — א פּרעכטיקער אויצער, אַז עפּעס וואָס צוגעבן צו איר נײַס איז שוין, דאַכט זיך, אומעגלעך. איז געקומען מאַיאַקאָווסקי — פאַרגעסט ניט, נאָך פּושקינען, נאָך לערמאָנטאָוון, נאָך נעקראַסאָוון און בלאָקן, און געפונען אין איר, אין אָט דער וווּנדערלעכער שפּראַך, נײַע מעגלעכקײַטן... לייענט זיך אײַן אין זײַנע לידער, פאָעמעס. מיט וואָס פאַר א ריזיקער קראַפט קנעט ער און פורעמט דאָס מעכטיקע רוסישע וואָרט און צווינגט עס א גלאַנץ טאָן מיט נײַעם בלענד, מיט נײַעם שימער...

עמקע האָט באַטראַכט אַלע, וואָס זײַנען געזעסן באַם טיש, און האָט פאָרגעזעצט שטילער, ווי ריידנדיק וועגן עפּעס ביז גאָר אינטימס:

— איר פאַרשטייט, איבערזעצן מאַיאַקאָווסקין באַטײַט פירן א שווערן געראַנגל סײַ מיט אים, סײַ מיט זיך אַליין. איבערגעבן זײַן וואָרט אף אַן אַנדער שפּראַך איז זייער שווער. און פאַר אָט דער אַנדערער שפּראַך איז עס אויך אַן אויספּרווו — צי וועט זי פייִק זײַן כאַטשבי טיילווײַז איבערגעבן אָט די ריזיקע קראַפט זײַנע? טאַקע דאָס צווינגט מיך פאַרנעמען זיך מיט איבערזעצן מאַיאַקאָווסקין. און ווייסט איר, וואָס איך זעץ איצט איבער? „אַבלאַקאָ וו שטאַנאַך” — „דעם וואָלקן אין הויזן”. דאָס איז איינע פון די שטאַרקסטע און סאַמע נעווײַזשע זאַכן מאַיאַקאָווסקיס. און די שווערסטע צום איבערזעצן. איך האָב ערשט איבערגעזעצט בלויז א פאָר טיילן פון אָט דער פאָעמע. שווער קומט עס אָן — מיט רוכעס. אָט, אַשטייגער, אַזוינס...

מיט א קלאָרן דײַטלעכן רוסיש האָט עמקע דורכגעלייענט:

Вошла ты,
резкая, как «нате!»,
Муча перчаток замш,
Сказала:
«Знаете —
Я выхожу замуж»

עמקע האָט אַלעמען אַרומגעפירט מיטן בליק, ווי וועלנדיק זען, אף וויפל עס איז דער־גאַנגען דאָס דורכגעלייענטע, און געפרעגט:

— האָט איר שוין געזען אין דער רוסישער פּאָעזיע עפּעס ענלעכס לויט דער עקספּרעסיע, לויט דער דרייסטקייט פון אינהאַלט און פאָרם? און וואָס וועט איר זאָגן אף אָט דעם גראַם: „זאַמש” און „זאַמוזש”? פּרוווט עס איבערגעבן אף אַן אַנדער שפּראַך, אַשטייגער, אף ייִדיש. איך האָב געפּרוווט. אָט וואָס עס באַקומט זיך בא מיר דערווײַל.

און ער האָט דורכגעלייענט:

פײַניקנדיק די הענטשקעס, ביסטו אופגערודערט־הייס,
ביסטו שאַרף, ווי א „נאַט אײַך”,
פון גאַס אַרײַן.
און געזאָגט:

איר ווייסט —
איך האָב כאַסענע.

— עס איז נאָך, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס, — האָט עמקע גלײַך צוגעגעבן. — מע דאַרף נאָך זוכן און זוכן דעם אַדעקוואַט... אָדער — אַזוינס:

Я,
Обсмеянный у сегодняшнего племени,
Как длинный
Скабрезный анекдот,
Вижу идущего через горы времени,
Которого не видит никто.

Где глаз людей обрывается куцый,
Главой голодных орд,
В терновом венце революций
Грядет шестнадцатый год.

אַלע האָבן געהערט עמקען מיט פאַרכאַפּונג. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי פרײַ ער גייט איבער פון רוסיש צו יידיש, און פאַרקערט, ווי גלענצנדיק ער ווייסט און פילט אָט דיביידע שפּראַכן, ווי ער איז פאַרליבט אין זיי, ווי אַלציינס אויסדריקלעך מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן זילב זיי קלינגען בא אים אין מויל. דורכגעלייענט מאַיאַקאָווסקיס צוויי סטראָפעס, איז ער גלײַך אַריבער צו דער איבערזעצונג:

איך,
אַן אויסגעלאַכטער בא הײַנטיקע לײַט,
ווי אַ לאַנגער אַנעקדאָט
אַ געמיינער,
איך זע דעם,
וואָס שפּאַנט איבער בערג פון צײַט,
דעם, וועמען ס'זעט ניט קיינער.

ווו מענטשנס בליק זיך רײַסט אָפּ אַ קורצער,
בעראָש פון אָרדעס לעכצנדע,
אין דאָרן־קראַנץ פון רעוואָליוציעס
וועט אָנקומען דאָס יאָר דאָס זעכצנטע.

די דאָזיקע סטראָפעס האָט עמקע דורכגעלייענט מיט אַ הויכער, דונערדיקער שטים, ווי עס פלעגט זיי פאָרלייענען אַליין מאַיאַקאָווסקי. ייִנגלווײַז איז עמקען אים אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל הערן אין כאַרקאָוו.

— נו, גענוג, — האָט ער געזאָגט, — מאַיאַקאָווסקין וואָלט איך אײַך געקאָנט לייענען און לייענען.

— אייגנס, אייגנס לייען, — האָט צו אים זיך אַ קער געטאָן גאַליע.

— נאָך מאַיאַקאָווסקין? — ניט קעדײַ.

— מיר וועלן דיר מוחל זײַן, אויב עס וועט זײַן אַ ביסל שוואַכער.

— פאַר אָט דעם האָב איך טאַקע מוירע...

— כ'האָב דאָך געבייטן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט הריצקאָ אַכרימאָוויטש, — לייען איבער „די ליד וועגן פישפאַנג". האָסט דאָך ציגעזוגט.

— נו, גוט, אויב צוגעזאָגט, איז ניט שײַעך.

עמקע האָט זיך ווידער אופגעהויבן, אַרומגעפירט אַלעמען מיט אַן ערנסטן בליק פון אונטער די האָרן־ברילן:

— צו אַ ליד דאַרף מען ניט קיין פאָרעדעס, אַ ליד דאַרף אַליין זאָגן וועגן זיך אַלץ, אויב ניט, איז עס אַ שלעכטע ליד. פונדעסטוועגן, צו מײַן ליד וועל איך מאַכן אַ שטיקל פאָרעדע. זי איז וועגן פישפאַנג, וועגן דער פוטינע, פון וועלכער איך קום ערשט. פון אַזאַ פישפאַנג האָבן ייִדן פרײַער קיינמאָל ניט געוווּסט. פונקט ווי זיי האָבן וועגן אַ סאַך זאַכן ניט געוווּסט — וועגן אַזאַ וואַלד, ווי די טײַגע, וועגן אַזאַ טײַך, ווי דער אַמור. אין דער אַמאָליקער ייִדישער פּאָעזיע זײַנען דעריבער פיש געווען אַ גרויסער דעפיציט, אויב ניט רעכענען דעם לעוויאָסן... און נאָך אין אַ ייִדישער פאָלקסליד, וואָס הריצקאָ האָט זי אונדז הײַנט געפּרוּווט

דערמאָנען, האָט איר געקאָנט הערן אויך „מײַן מאמע גאנוועט פיש אין מארק"... די דאָזיקע ווערטער נעם איך טאקע אלס מאָטאָ צו מײַן ליד.

אף אויסווייניק, ווי פריִער, האָט עמקע געגומען לייענען:

און אָט דאָ — אמור איז, און אָט דאָרט — דאָס לאנד איז,
זעגלען רוישן, כוואליעס שטראָמען, גרויסע נעצן זינקען.
אף די כוואליעס וויגן זיך די פישערשע שאַלאנדעס,
און די פישערס רויכערן און ווייצלען זיך און זינגען.

ער איז אריבער אף א קירצערן, אָפּגעהאַקטן ריטם:

ס'בושעווען די כוואליעס!
ווינטן זײַנען פריש!
נעצן זײַנען פעסט!
הארפונעס זײַנען שארף!
מע דארף האָבן פיש?
מע דארף!
מע דארף!

זיך אליין איבערגעשלאָגן, האָט עמקע מיט א שמייכל געפרעגט:

— מע דארף... לייענען ווײַטער?

— מע דארף, מע דארף! — האָבן אלע אויסגערופן אין איין קאָל.

ס'פלעטשטשען זיך די פישן אין די נעצן דינע
און הארפונעס טוען זיך צו כוואליע־שוים א ריס,
גלײַך אנטקעגן כינע
גייט דאָ די פוטינע.
מע דארף האָבן פיש?
מע דארף!
געוויס!

עמקע האָט אָנגעשטעלט א פרעגנדיקן בליק און דערהערט:

— מע דארף! — דאָס האָט אויסגערופן גאליע.

— געוויס! — האָט זי אונטערגעהאלטן ליליע.

עמקע האָט צו זיי ביידע קורץ א שמייכל געטאָן און פאָרגעזעצט:

פאנצערלעך אף פישן — זאפטיקע און בלייכע,
הענט און פיס פארברוינט פון ווינטן און פון זון.
— וואָס לאכסטו?
— וואָס איך לאך? עס זאָגט שאָלעם־אלייכעם:
דאָקטוירים הייסן לאכן, לאכן איז געזונט!

— א קטאָ אָן?
— ס'ארט דיך, ווער!
די ווינטן זײַנען פריש!
נעצן זײַנען פעסט!
הארפונעס זײַנען שארף!
— מע דארף האָבן פיש?
— מע דארף!
מע דארף!

עמקען האָט מען אפלאָדירט. מע האָט אים געבעטן לייענען נאָך.

— עפשער דארף מען ניט? — האָט ער געזאָגט.

אונטער הריצקאָ אָכרימאָוויטשעס קאָמאנדע האָבן אלע באַם טיש א דונער געטאָן מיט א כאָר:

— מע דארף! מע דארף!

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך האלט איצט אין שרײַבן א פּאָעמע. זי איז שוין קימאַט פארענדיקט.

— אין צענטער פון דער פּאָעמע, — האָט ער דערציילט, — אַ פראַנצויזישער זשורנאַליסט. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געקומען צו אונדז אין לאַנד און האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ באַגײַסטערטן בוך — „אַ לאַנד, וואָס ווערט געבוירן אינעם וויכער". אונטער דער ווירקונג פון פאַרשיידענע אומשטענדן בײַטן זיך אָבער מענטשן ניט אַלעמאָל צום גוטן. מיט דער צײַט האָט דער דאָזיקער זשורנאַליסט — זײַן נאָמען איז אַרמאַן וואַטאַ, און אַזוי וועט טאַקע הייסן די פּאָעמע, — מיט דער צײַט האָט ער אָנגעוווירן זײַנע פּראָגרעסיווע אידייען און צוזאַמען מיט זיי אויך די רעשטן פון זײַן טאַלאַנט. און אָט, פאָרט ער ווידער קיין רוסלאַנד, דאָס מאָל מיט אַ גוט באַצאָלטער באַשטעלונג פון אַ רעאַקציאָנערן בלעטל צו באַשמוצן דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַמאָל געריימט. ער פאָרט איבערן לאַנד, קוקט זיך צו צום נײַעם לעבן און באַגעגנט מענטשן, וועלכע געדענקען נאָך זײַן ערשטן בוך. זיי נעמען אים אויף, ווי אַ פרײַנט, טראָגן אים אונטער בלומען, און ערשט איצט באַגרײַפט וואַטאַ, ווי נידעריק ער איז געפאַלן, ווי אָרעם און נישטיק ער איז...

עמקע האָט דורכגעלייענט ניט קיין גרויס קאַפּיטל פון דער פּאָעמע און זיך אַ קער געטאָן צו הירשקען:

— איצטער — דײַן ריי.

— באַלד, באַלד, — האָט ער זיך אָפּגערופן ווי פון שלאָף, — איך וועל לייענען...

הירשקע האָט איבערגעקליבן אין געדאַנק זײַנע לידער און ניט געוווּסט וואָס צו לייענען. אַרויסטרעטן נאָך עמקען איז ניט לײַכט. יענער פאַרכאַפּט גלײַך מיט זײַן פּאַטאָס. און אין הירשקעס לידער איז אינגאַנצן קיין פּאַטאָס ניטאָ. אויף דער אינהאַלט — אָן אַנדערער. בײַ עמקען אין יעדער ליד — דאָס לאַנד, די וועלט. און בײַ אים, בײַ הירשקען? ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, ווען בײַ זיי איז אינמיטן ווינטער געבוירן געוואָרן אַ קעלבל. עס זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן, האָט מען עס אַרײַנגענומען אין קיך. שאַקלט זיך דאָס נײַגעבוירענע קעלבל אָף די דינע פיסלעך אין קיך... וועגן דעם האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד. און וועגן זײַנע שוועסטערלעך, וואָס שיילן קאַרטאָפל... איז וואָס פאַר אַ פּאָנעם וועט עס האָבן נאָך עמקעס דונערדיקע שורעס? פאַראַן בײַ אים, בײַ הירשקען, אויך לידער וועגן דער ערד, וועגן דער וועלט, נאָר בײַ אים זעען זיי אויס גאָר אַנדערש.

ווען מע האָט בײַם טיש אינגאַנצן שוין אָנגעוווירן די האָפענונג עפּעס צו דערהערן פון הירשקען, האָט ער געעפנט דאָס ברייטלעכע מויל און, ניט אופהייבנדיק די אויגן, שטיל אָנגעהויבן:

די וועלט איז גרויס, דאָס האַרץ איז קליין,
דער יעגער טראָגט די ביקס מיט שרויט,
דער יעגער האָט אַ בייזן מיין, —
נאָר כ'בין ניט אויסן איצט דעם טויט.

קיין אַפּלאָדיסמענטן זײַנען ניט געווען. נאָר בײַם טיש איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן צו הירשקען און געוואַרט, וואָס נאָך וועט ער זאָגן מיט זײַן שטיל ניט געצײַלט קאָל. און ער האָט אַלץ אַזוי טאַקע, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, ווי פאַר עפּעס זיך שעמענדיק, געלייענט אָף אויסווייניק:

איך האָב ליב ביז מידקײַט גיין
דורך די סעדער, דורך די געסלעך,
דורך די גאַסן צו דער פאַרשטאָט,
צו דעם דניעפּער, צו דעם ווינט,
כ'זאָל דערפילן זיך אַליין:
בין געוואָרן העכער, גרעסער,
און אַזויפיל העלע טרעפּלעך
האָב איך אונטער זיך דערפילט.

ווי בײַ אַלע, ווי בײַ דיר,
איז ער לויטער, מײַן געוויסן,
און אַהיים וועל איך אַוועקגיין,
מיט אַ גליקלעך, מיד געזיכט,
אַז כ'וועל עפענען די טיר,
זאָל די שטוב מײַנע פאַרגיסן
פּונעם וווּנדערלעכן דרויסן
אָט דאָס וווּנדערלעכע ליכט...

הירשקע האָט שוין ניט געלייענט, נאָר די שטילקײַט בײַם טיש האָט נאָך געדויערט. און אין אָט דער שטילקײַט האָט נאָך, ווי אַ סטרונע, געציטערט זײַן קאָל. מיר אַלע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, האָבן זיך דערפילט אַזוי, ווי עס זאָל אונדז מיטאַמאָל אינדערעמעסן פאַרגיסן „פּונעם וווּנדערלעכן דרויסן אָט דאָס וווּנדערלעכע ליכט"...

צום עסן האָט זיך מער קיינער ניט צוגערירט. עמקע האָט ערגעץ אין דער אומבאַשטימטער ווײַט אָנגעשטעלט דורך די ברילן זײַן פאַרקלערטן בליק. מיטאַמאָל האָט ער אַוועק־

געלייגט די האַנט אַף הריצקאַ אַכרימאָוויטשן, לעבן וועלכן ער איז געזעסן, זיך אַנגעבויגן צו אים, און, פּונקט ווי דאָ וואָלט, כאָטש זיי ביידן, ניט זײַן מער קיינער, אים פאַרטרויליך א זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, הריצקאַ, איך וועל גאָר אַמאָל, דאַכט מיר, נעמען זיך צו פּראָזע.

— ווּס אי, — האָט יענער געפרעגט, — שראַבסט דען שלעכטע לידער? אזא יור אַף מיר.

— לידער שרײַבט ער, — האָט עמקע אַנגעוויזן אַף הירשקען.

הירשקע איז נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט לייענען, געזעסן פאַרכושט, מיט אזא אויסזען, ווי פּאַר זיך זאָל ער נאָך עפּעס פאַרזעצן לייענען ווײַטער, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי האָט ער געהערט אָדער ניט, וואָס עמקע האָט געזאָגט און וואָס הריצקאַ אַכרימאָוויטש האָט אים געענטפערט. און איך האָב געטראַכט: וואָס פּלוצעם האָט עמקע געטאָן אזא זאָג? און צי איז עס בא אים ערשט־אַ אַפן זינען געקומען, אז ער וועט אַמאָל איבערגיין צו פּראָזע, אָדער ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיט אָט דעם געדאַנק?

און נאָך האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס עפּעס האָט עמקע מיט אזא וויכטיקן געדאַנק געפונען פאַר נייטיק צו טיילן זיך ניט מיט מיר, ניט מיט הירשקען, זײַנע אלטע פרײַנט, נאָר דאַפקע מיט אים, דעם שפּאָגל־נײַעם כאַווער זײַנעם, דעם קאָמאַנדיר פון א זאַסטאַווע? ער איז א ווילער באַכער ביכלאַל, האָב איך געטראַכט וועגן אָט דעם קאָמאַנדיר, נאָר צו ליטעראַטור האָט ער דאָך ניט קיין שײַכעס.

און יענער האָט עמקען האָפערדיק געענטפערט:

— פּראָזע איז פּראָזע! ביסט א ווילער בוכער, עמקע, כ׳גלייב, פּראָזע וועט בא דיר אויך באַקימען זיך שטאָ נאַדאָ! אָט וועסטע זעין...

האָט הריצקאַ אַכרימאָוויטש געוווּסט דעמלט, אז ער זאָגט נעוויזעס? מיר האָבן נאָך אלע דאַן א סאַך ניט געוווּסט. די נאָענטסטע צוקונפט איז אויך געווען פון אונדז פאַרהוילן. נאָר אין עמקעס ווערטער, אין דעם, וואָס געזאָגט האָט ער זיי ניט אונדז, זײַנע לאַנגאָניקע צײַ־ווילע כאַווירים, נאָר אים, דעם נײַעם כאַווער זײַנעם, דעם קאָמאַנדיר פון א גרענעץ־זאַ־סטאַווע, — מעגלעך, אז מיט דעם אלעם האָט דאַן די נאָך פאַרבאָרגענע פון אונדז צוקונפט געלאָזט שוין פאַלן אַף אים א שוואַכן פלאַטער פון אירע נאָך ווײַטע, אָבער גרויזאַם צע־פאַכטע פליגל? מעגלעך...

ווי עס מאַכט זיך, האָבן אלע מיטאַמאָל זיך א הייב געטאָן פון טיש.

— שטייט א ווײַלע! — מיט אַן אופגעהויבענער האַנט האָט עמקע אונדז אָפּגעשטעלט און א ווײַז געטאָן אַף דער שוועל צווישן דעם זאַל און דעם פאָדערצימער.

הינטער טיולענע פאַרהאַנגען האָבן צוויי גרויסע פענצטער פונעם זאַל געקוקט אַף מײַ־רעווו. אין א העליש פײַער איז דאָרט פאַרגאַנגען די זון. ביידע פענצטער מיט די ראַמען און מיטן טיולענעם האַפּט זײַנען געלעגן רויט־אָפּגעשפּיגלטע אַפן ציכטיקן דיל אַנטקעגן דער שקיִע, און אין דער אָפּשפּיגלונג פון איינעם פון די פענצטער איז אין רעכטן מיטן געזעסן דאָס קעצל. א ראַבס, מיטן געשטרײַפטן רוקן, האָט עס איצט קעגן דער פאַרגייען־דיקער זון זיך געלויכטן מיט יעדן הערעלע...

— אָסטאַנאָוויס, מגנאָווענִיע, טי פּרעקראַסנאַ! — האָט אויסגערופן עמקע.

מיר האָבן אלע א לענגערע ווײַלע געקוקט פאַרגאַפט אַף דעם דאָזיקן בילד.

די זון איז פאַרגאַנגען.

די אָפּשפּיגלונג אַפן דיל האָט זיך אויסגעלאָשן.

דאָס קעצל איז אַנטלאָפן.

אלע צוזאַמען האָבן מיר באַגלייט הריצקאַ אַכרימאָוויטשן צום וואָקזאַל. ווי מיט אַן איינענעם, איז שווער געווען מיט אים זיך שיידן. מיט עמקען האָט ער זיך צעקושט. דער צוג האָט גערירט. שטייענדיק אין טאַמבור, האָט הריצקאַ אַכרימאָוויטש אובייבאַטקאַ צו אונדז אלעמען געמאַכט מיט דער האַנט. צו עמקען האָט ער געשרי:ען:

— זאָלסט איינגיכן קימען צי אינדז, די הערסט? אילע וואַרטן מיר אַף דיר!

דערנאָך האָבן מיר לאַנג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, שפּאַצירט.

שוין אַהיים קומענדיק, באַם שלאָפן לייגן זיך האָט מיר פּלוצעם א קלאַפּ געטאָן אין מויער: איינער א מענטש איז אָט דעם גאַנצן טאָג מיט אונדז ניט געווען און קיינער האָט אים אַפילע מיט קיין איינציקן וואָרט ניט דערמאָנט, ווי ער זאָל גאָר אַף דער וועלט ניט זײַן. און איך האָב אויך וועגן אים לאַכלוטן פאַרגעסן, — שאָלעם ליבקין.

■ ■ ■

שלוימע טשערניאַווסקי

אַלץ, וואָס לעבט

פופצן און פופציק

פופצן און פופציק — די ציפּערן יובלען שוין,
פונקט ווי די רויזן צעעפנטע בונט.
פופצן געשוועסטערטע זײַט איר, רעפּובליקן,
פופציק שוין יאָר, ווי באַהעפט אין איין בונד —

אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד דעם אַלמעכטיקן,
וועלכן ס'האָט אונדזער איליטש נאָך פאַרטראַכט.
די פאָן זאָל ער ווערן פון גליק און גערעכטיקײַט,
בײַקומען סאַנים און זיגן אין שלאַכט.

פופצן רעפּובליקן לײַבלעך־געשוועסטערטע
פעסטיקן, קרעפטיקן, היטן דעם בונד,
אַלע אַף אופטוען נײַע פאַרמעסטן זיך.
וואַקסן זיי, קרעפטיקע, זיי צו געזונט!

קעכלט זיי אונדזער פאַרטיי לײַבלעך־טײַערע,
ווערן זיי שטאַרקער נאָך, וווּנדערלעך שיין:
פּרעכטיקע, מעכטיקע, ברויט — פולע שײַערן,
זאָל איבער זיי נאָר דער הימל זײַן ריין,

ריין איבער ראַכוועסן ברייטע די רוסישע,
הערן באַ ווינטן פון שאָלעם די שטים.
היימלאַנדס בעריאָזקעלעך קושן זיי, קושן זיי
דרײַ מאָל אַזוי, ווי דער מינהעג באַ אים.

שטיפן פאַרשײַטע די ווינטן און פרייען זיך,
איינער מיט אַנדערן גייט אין געוועט,
שפּרייטן פון קרעמל אַ טישטעך אַ שנייִקן,
רופן אַף מאַלצײַטן דערפער און שטעט.

פופצן רעפּובליקן יובלען און פײַערן:
לענינען קאָוועד און לויב אים און רום!
זײַנע געבאָטן זיי פילן אויס פײַערלעך,
נעמען, ווי שוועסטער, זיך צאַרטע אַרום...

פ ײַ ע ר

ס'האָט פּראָמעטיי געוואָלט אונדז מאַכן לײַכטער,
געבראַכט דאָס גוטע פײַער אַף דער ערד,
אַז בלויז פון גליק די אויגן זאָלן פײַכט זײַן
און קיינמאָל פון קיין אומגליק ניט פאַרטרערט.

ס'זאָל וואַרעמען אין ווינטער אונדז דאָס פײַער,
די פינצטערניש פאַרטרײַבן פון דער נאַכט,
פון שרעק און נויט דער מענטש זאָל זיך באַפרײַען —
ס'האָט פּראָמעטיי דאָס פײַער אונדז געבראַכט.

נאָר ס'פאַלט נאַפּאַלם, מיט אים דער טויט צוזאַמען...
אַ שאַרפע שווערד די שטראָף האָט שוין אַנטבלויזט
אַף די פאַרדאַרבער און אַף די פאַרסאַמער,
אַף אונטערצינדער פון אַ פרעמדן הויז...

אַף די, וואָס קומען אָן ווי ווילדע שלעגער
פון פרעמדן ברעג — מיט פײַער צום סועץ,
ס'וועט נאָך דאָס פאָלק זיי, ווי אַ ריכטער, פרעגן:
ווּהין האָט איר פאַרוואָרפן אײַער נעץ?

ס'האָט פּראָמעטיי געוואָלט אונדז מאַכן לײַכטער,
געבראַכט דאָס גוטע פײַער אַף דער ערד,
אַז בלויז פון גליק די אויגן זאָלן פײַכט זײַן
און קיינמאָל פון קיין אומגליק ניט פאַרטרערט.

כ׳בין געקומען

אף דער ערד בין איך געקומען,
כ׳זאָל זי קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.
אַלץ, וואָס לעבט, איך נעם אַרום איצט —
סײַ די פֿייגל, סײַ די גראָזן.

כ׳בין געקומען לעשן טרערן
און דעם טויט פֿון דר׳ערד פאַרטרײַבן.
ווי דער מוילעד צווישן שטערן,
אײביק יונג איך וויל פֿאַרבלײַבן...

• • •

ווי אַ ווײַנשטאָק, גרינט דער הימל,
הענגלעך ווײַנטרויבן אף אים.
וואָך מײַן האַרץ איז און ניט דרימלט
אף די שײנע בערג פֿון קרים.

אָט די נאַכט כ׳וועל ניט פֿאַרגעסן,
יעדן שטערן איך געדענק —
זיי, ווי ווײַנטרויבן, געגעסן
מיט די אויגן, און געבענקט.

באַנאַכט באַם יאַם

ווער האָט פֿון זילבער אויסגעשפּרייט
אַ סטעזשקעלע אף יאַמען־לענגען?
דער מוילעד, וואָס אין הייכן גייט
און וויל אַ שעפּע ליכט אונדז ברענגען.

און זילבערדיק דער יאַם שוין פֿליסט,
ווי ער איז קיינמאָל ניט געפלאָסן.
ער שווענקט מיט זילבער מײַנע פֿיס,
מיט זילבער איז דער ברעג פֿאַרגאָסן.

פֿון פֿישער־שטיבל שטראַלט די ליכט,
וואַרט אף אַ גאַסט, וואָס שווימט פֿון דאַרעם,
באַלײַכט באַם שוועל אַ פּרויס געזיכט,
וואָס האַלט אַ קינד אין ווייכע אָרעמס.

זי לייגט די ליפּן צו צום קינד,
און ווי באַם קלאָרן יאַם דער זילבער,
אַפֿילע ניט גערירט פֿון ווינט,
זיי זײַנען ריין און זײַנען פֿילבאַר...

אווראָם גאָנטאר

דער נאַקעטער פּרינץ

(קינדער־יאָרן)



ווער בין איך?
וואָס האָב איך געבראַכט
פאַר דער וועלט?
— א האָפּערדיק האַרץ
אונטער לײַנענעם העמד.
ווי צוואַנגען געשטאַלטע
שטאַרקע צוויי הענט,
א מונטערן בליק
צו דער צוקונפט געווענדט.

1

דאָס ווײַסע צווישטאָקיקע הויז אױף די פּיסקעס, וואָס האָט געהערט דעם דײַטש הער־בערט מוצי, דעם געוועזענעם אָפיצער פון דער רוסישער אַרמיי, איז זעלטן ווען פון די שכײנים געלונגען ווי עס דאַרף צו זײַן אָנקוקן פון דער נאָענט. דאָס מויערל מיט די קאָלאָנעס און מיט די מירמלנע טרעפּ איז געווען אַרומגערינגלט מיט א הויכן פּאַרקן און געשטאַנען אין א קרײַז פון אונטערגעשוירענע קאַרליקאָווע אַקאַציע־קוסטעס און ריזיקע יאָ־וואָרן, וואָס האָבן מיטן גרינעם געבלעטער און געדיכטן שאָטן אײַנגעדעקט דעם דאַך. ווינטער האָבן די צונויפגעשאַרטע הורבעס שניי דערגרייכט ביז צו די שמאָלע פענצטער פונעם צווייטן שטאָק.

בלויז א דין סטעזשקעלע, א שפּאַן די ברייט, האָט געפירט פון דער פּאַראַד־טיר צום טויער. אין הויכן פּלויט איז שווער געווען צו געפינען א שפּעלטיקל. די געדיכט־צונויפגע־קלאַפּטע ברעטער האָבן ניט דורכגעלאָזט אַפילו קיין טראָפּן שײַן. זען, וואָס עס טוט זיך אינווייניק, האָט מען געקאָנט נאָר דעמלט, ווען עמעצער פלעגט אופעפענען די פּערטקע.

אױף די פּיסקעס האָבן זיך פונדעסטוועגן געפונען בורדיקעס, פאַר וועלכע ס׳איז ניט געווען קיין גרויסע טירכע אונטערצושפּרינגען און מיט דער אויסגעצויגענער האַנט אָדער מיט דער הילף פון א שטעקל אָנקוועטשן אױף דער רויטער קנאָפּקע, וואָס איז געווען אײַנגעפּאַסט אױף דער אייבערשטער באַלקע פון דער פּערטקע.

דעמלט פלעגט אַרויסקומען אױף דער גאַס דער סאַד־וועכטער יאַנקאָ מיט דער מיטלע אונ־טער דער פּאַכווע, זיך אַרומקוקן אין אַלע זײַטן, נאָר געוויינלעך קיינעם ניט באַמערקן. דאָך

האָט ער געהאַלטן פאַר ניט איבעריק אויסשרײַען הויך אַף אַ קאָל, גלאַט אין דער גאַס אַרויס: „כ'וועל דיך פּאַקן, וועל איך דיר אָפּרײַסן די אויערן!" — ער האָט געוווּסט, אַז ערגעץ דאָ ניט ווײַט, פון הינטער אַ וואַנט צי פון טיפן בוריאַן, קוקן אַף אים אַ פּאָר דערשראָקענע, אַפּכויזעקנדיקע ייִנגלשע אויגן...

אַ סוואָרע, אַז ס'איז טאַקע געווען געפערלעך אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דעם דאָזיקן יאַנקאָ. אַף די פּיסקעס האָט מען געוווּסט, אַז דער סאָד־וועכטער איז גרייט אײַנצושטעלן דאָס לעבן פאַר זײַן אַלטן באַלעבאָס דעם געוועזענעם אַפּיצער און אויך פאַרן אַפּיצערס טעכטער, די פּעציאָרעס, סטעפען און פראַניען, וואָס האָבן, ווי די געשפּענסטער, אין זייערע לאַנגע ווײַסע קליידער, אַרומגעשפּאַצירט אין סאָד אין דער באַגלייטונג פון צוויי אויסגעדאַרטע הינט — כאַרטן.

אַך, סאַראַ קישעפדיקער סאָד דאָס איז געווען! אָנגעהויבן האָט ער זיך באַם ווײַסן הויז מיט די הויכע קאָלאָנעס און זיך געצויגן ביז צום פלאַכן ברעג פונעם גנילאָפּיאַט, ווו עס איז געשטאַנען דעם אַפּיצערס הילצערנע קופּאַלניע, אָן אויסגעפאַרבטע מיט אייל־פאַרב אין ווײַ־סע און אין בלויע פּאַסן.

די רעכטע זײַט פונעם סאָד, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער לעוואַדע און איז גע־לאָפן אַ ביסל באַרג־אַראָפּ, איז פאַרצוימט געווען מיט אַ פּלויט פון שטעכיקן דראָט, פונדאַנען האָט מען געקאָנט זען, וואָס אין סאָד טוט זיך.

ווינטער, האָט מען געוווּסט אַף די פּיסקעס, בלײַבט הערבערט מוציס הויז אײַנגאַנצן פּוסט. דער אַפּיצער מיט זײַנע ביידע טעכטער סטעפע און פראַניע פאָרן אַוועק קיין פּייטערבאַרג; דאָרט, האָט מען געשמועסט, האָבן זיי אַ ווינטערדיק הויז, נאָך אַ שענערס און אַ גרעסערס, ווי דאָ. ערשט דעמלט, ווען דעם אַפּיצערס סאָד באַדעקט זיך ווידער מיט אַ גרינעם דורכזיכטיקן האַפּט, ווען דער ווײַסער צוויט באַפאַלט די ווײַנשל־ביימער, קערן זיי זיך אום.

אין אַ שיינעם פרילינגדיקן טאָג עפנט זיך ברייט דער טויער, וואָס שטייט פּונקט אַנט־קעגן די מירמלנע טרעפּ, און אין הויף קנאַקן אַרײַן צוויי ביסטרע סיוואָקעס, געשפּאַנטע אין אַ שוואַרץ־לאַקירטן טאַראַנטאַס. אָט דעמלט, ווען דער טויער עפנט זיך אין דער גאַנצער ברייט, האָבן די פּיסקעוואַטע ייִנגלעך די געפּעליקײַט צוצוקוקן, ווי יאַנקאָ, דער סאָד־וועכטער, שטעלט אונטער אַן אַקסל, אַף וועלכן הערבערט מוצי שפּאַרט זיך אָן מיט אַ האַנט און הייבט זיך פּאַמעלעכן אויף אַף די טרעפּ פון זײַן ווײַסן הויז. פאַר די געציילטע רעגעס געלינגט דער כאַ־ליאַסטרע צו באַמערקן, אַז באַ הערבערט מוצין איז דער לינקער פּוס קירצער, ווי דער רעכ־טער, אַז דער זומערדיקער לײַכטער מאַנטל גייט זיך קוים צונויף אַף זײַן בויך, אַז די באָרד זײַנע, וואָס איז צעקעמט אַף ביידע זײַטן, איז שיטערער געוואָרן און איז שוין מער גראָוו, ווי געל.

פונוואַנען מ'האָט אַף די פּיסקעס געוווּסט די אַלע איינצלהײַטן וועגן אַפּיצערס געזינד, איז פּאַשעט געווען אַ רעטעניש. וואָס דאַרף מען מער, אַפּילע ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, וועלכע ווינט דאָס גאַנצע לעבן אין מייער גענדזערס געהײַ, וואָס שטייט אַף דער צווייטער זײַט לעוואַדע, פּונקט אַנטקעגן מוציס סאָד, אַפּילע זי איז קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם אַפּיצערס הויז, כאָטש ריווקע האָט מיט אירע גענדז און קאַטשקעס, מיט אירע הינער און אינדיקעס אָנגעשפּאַרט אין די שענסטע באַלעבאַטישע הײַזער. פונדעסטוועגן וואָלט זי אײַך געקאָנט אויסדערציילן פיל פּראָטים וועגן אַלטן מוצי גופא, וועגן זײַן ווײַב דער פּאַ־ליאַטשקע, וואָס איז געשטאָרבן אין אַ קימפּעט נאָך מיט ווייסעך וויפל יאָר צוריק, וועגן סטע־פען און פראַניען, וועגן אַלטן יאַנקאָ און דער פּאָקאָיאָווע מיטן טשיפּעק, וואָס האָט אויס־געכאָוועט דעם אַפּיצערס טעכטער ניט ערגער, ווי אָן אייגענע מאַמע.

אָט טוט, לעמאָשל, אַ פרעג באַ איר, באַ ריווקען הייסט עס, ווער איז די עלטערע און ווער איז די ייִנגערע, סטעפע צי פראַניע, — וועט זי אײַך ענטפערן אַזוי געניוי, און מיט אַזאַ פּינקטלעכקײַט, גלײַך זי וואָלט זיך פון קינדווײַז אָן געשפּילט אין איין זאַמד מיט די אַפּי־צערסקע טעכטער:

— אַ מאָשל, ווער ווייסט ניט, אַז סטעפע איז די עלטערע! — שרײַט זי אויס, ריווקע. — אָט האָט איר אַ סימען, — און זי נעמט כעזשבענען, דערבײַ הערן אירע הענט ניט אויף עפּעס צו טאָן — אַרומפּליקן אַ הון, אויסרײַבן מיטן ווישטעך אַ פאַררייכערט טעפּל אָדער נאָך עפּעס אַזוינס, — ווען כ'בין געלעגן אין קימפּעט מיט מינדלען, אַ כוידעש נאָך כאַנעקע איז עס געווען, האָט מען די מוציכע געבראַכט פון פּייטערבאַרג מיט איר ערשטלינג, מיט סטעפען הייסט עס.

— און עפּשער איז עס געווען פראַניע?

— אז מע זאָגט אײַך סטעפּע, איז ניטאָ זיך וואָס צו שפּאָרן! פּראַניען האָט אַראָפּגע־בראַכט די פּאַקאַיאָווע, שוין אָן דער מאַמען, אין אַ יאָר ארום איז עס געווען, ווען כ׳בין גע־לעגן אין קימפּעט מיט פּרויקעלען, אויך נאָך כאַנעקע. — זי וועט אײַך אויסמאָלן, די קורע־לאַפּניטשקע, וואָס פאַרא קליידעלעך און וואָס פאַרא היטעלעך האָבן זיי געטראָגן, דעם אָפּי־צערס טעכטערלעך, ווען זיי זײַנען נאָך געווען די גרייס, ווי אַ הונט זיצנדיק.

2

ניטאָ מיסטאַמע דער מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט זײַן זיכער, אַז ער געדענקט זיך קימאַט פון סאַמע געבוירן אָן. ער וועט אײַך דערציילן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר, נו, זאָל זײַן אַנדערהאַלבן, ניט מער.

אַזוי האָט אויך געקלערט הערשעלע נאָטע דעם מוליערס. ער וועט אײַך אויסמאָלן מיט אַלע פּישטשעוועס, וויאַזוי די מאַמע זײַנע האָט אויסגעזען, וואָס פאַר אַ קלייד זי האָט גע־טראָגן, וויאַזוי די האָר זײַנען בײַ איר פאַרקעמט געווען, כאָטש געשטאָרבן איז זי, די מאַמע זײַנע, עסטער די זאַקנמאַכערן, ווען ער, הערשעלע, איז נאָך קיין דרײַ יאָר ניט אַלט געווען.

מער פון אַלץ האָט זיך אים פאַרגעדענקט דער מאַמעס טונקל־בלאָווע סאַמעטן קלייד מיט די שמאָלע אַרבל און מיט די הויכע מאַנזשעטן, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּיליעט ביז די עלנ־בויגן מיט אַ סאַך, אַ סאַך ווײַסע פּערלמוטערנע קנעפּעלעך. ווײַסע פּערלמוטערנע קנעפּעלעך זײַנען אויך געווען צעשטעלט אין צוויי לאַנגע רייען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דעם גאָר־טעלע ביזן האַלדז מיטן שטײַפן קעלנערל. און דאָס זייגערל אירס געדענקט ער, דאָס זייגערל מיטן לאַנגן דינעם גלאַנציקן קייטעלע. די מאַמע האָט עס געטראָגן אין אַ שאַבעסדיקן טאָג, אָדער ווען זי פלעגט גיין מיטן טאַטן אויף אַ סימכע. די שכיינים פלעגן מיט פאַרגעניגן און מיט קינע נאָכקוקן דעם שיינעם פאַרפאָלק און זיך ווינטשן, אַז אַלע זייערע ליבע זאָלן האָבן ניט קיין ערגערע דאָליע, ווי די זאַקנמאַכערן עסטער, כאָטש איר מאַן איז אַ פּראָ־סטער מוליער. טאַקע אַ מוליער, נאָר דערפאַר וואָס פאַר אַ קראַסאַוועץ! שיין און הויך, ווי אַ טאָפּאָל. „מיט אַזאַ מאַן, — האָט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע אונטערגעפּירט דעם סאַכאַקל, — קאָן אַ ווײַב ווערן ברייטער ווי לענגער”.

עמעס, דער טאַטע איז טאַקע געווען אַ שיינער, מיט טיפע שוואַרצע אויגן, מיט אַ שטאַרקן האַלדז, אויף וועלכן דער קאָלנער איז זיך קיינמאָל ניט צונויפגעגאַנגען, און מיט צוויי פעסטע הענט, ווי די צוואַנגען, און ציין האָט ער געהאַט, ווי איבערגעקליבענע. אָבער די מאַמע!.. קיינעם וואָלט אַזוי ניט געפּאַסט דאָס טונקל־בלאָווע קלייד! און דאָס זייגערל איז געווען גאָר אַן אַנטיק — די גרייס, ווי אַ זעקסער, ניט מער, און געגלאַנצט האָט עס, ווי עס וואָלט אויף אַן עמעס געווען פון ריינעם גאָלד. נאָר דעריקער, וואָס דאָס פּיטשעמאַנטשיקע האָט געהאַט אַ דעקעלע, וואָס האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט מיט אַ קנאַק און אינווייניק איז געווען אַ קײַלעכדיק קלאָר־ווײַס ציפערבלעטל מיט ניט קיין געוויינלעכע ציפערן — צונויפגעשטעלטע פון פּאַסיקלעך און ציילעמלעך. עמעס, ער געדענקט ניט, הערשעלע, אַז דאָס זייגערל זאָל האָבן ווען אַמאָל געגאַנגען, נאָר ניט דאָס איז דער איקער.

און נאָך געדענקט ער דאָס קלאַפּן פון דער מאַמעס זאַקן־מאַשין. דער דאַזיקער ניגן הילכט נאָך ביז איצט אין זײַנע אויערן. זומער, ווען אַלע גייען אַוועק אויף דער אַרבעט, פלעגט די מאַמע זיך זעצן צו דער מאַשין, און ער אויף איר לעבן אויף זײַן קליין בענקעלע. אַזוי האָבן זיי ביידע געקאָנט אָפּזיצן שאָענווײַז — די מאַמע בײַ די זאַקן, און ער מיט אַ קנויל פאַרפּלאָנ־טערטע בײַוול. ווען די מאַמע פלעגט זיך פאַרטיפן אין דער אַרבעט, האָט זי אַליין ניט גע־פילט, ווי זי הייבט אָן זינגען, פון אָנפאַנג שטיל, שטיל, און דערנאָך אויף קאָל.

געזונגען האָט זי מערסטנס וועגן אַ קליין פייגעלע, וואָס איז ווײַט פאַרפלויגן,

פאַרפלויגן, פאַרפלויגן
מיט פאַרבענקטע אויגן.

און בײַ הערשעלען האָט געציטערט דאָס האַרץ, ער האָט ניט געוואָגט קיין פּיפּס צו טאָן, ביז די מאַמע האָט זיך אַליין ניט געכאַפּט אַ קוק טאָן, פאַרוואָס איר באָכער איז אַזוי שטיל געוואָרן. עפּשער איז ער גאָר אײַנגעשלאָפן?

און נאָך געדענקט הערשעלע, פון זינט ער איז געבוירן געוואָרן, מוצי דעם אָפּיצערס סאָד... אַ, דער דאָזיקער סאָד איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן, באַנאַכט איז ער אים

געקומען צו כאָלעם, עס פֿלעגט זיך אים כאָלעמען, אַז ער שפּאַצירט אַרום צוזאַמען מיט סטעפּען און מיט פראַניען צווישן די געדיכטע עפּל־ביימער און ער האָט קיין טראָפּעלע ניט מוירע פֿאַר די הויכע אויסגעדאַרטע הינט, פֿאַר די כאָרטן מיט די שפּיצעכיקע מאָרדעס און מיט די לאַנגע ווײַסע האָר, וואָס הענגען אַראָפּ איבער זייערע אײַנגעצויגענע בײַכער. דער, וואָס פֿאַרשטייט ניט, קאָן גאָר מיינען, אַז די דאָזיקע הינט הונגערן קעסיידער, אָבער הער־שעלע ווייסט זייער גוט, אַז דאָס איז אַזאַ אײדעלע פּאָראָדע. זיי קאָנען אײַך, אָט די כאָרטן, פֿאַר אַ מײַל דערשמעקן די ווילדע קאַטשקע, דעם האָז צי דעם פֿוקס, וואָס דער יעגער האָט אונטערגעשאָסן. ע, דאָס זײַנען עמעסע יאַגד־הינט! דער אָפּיצער הערבערט מוצי האָט זיי גע־בראַכט פֿון זײַן „הײַמאַט”, פֿון דײַטשלאַנד. דאָס האָט הערשעלע געהערט אויך פֿון ריווקע דער קורעלאַפּניטשקע, פֿון זייער שכיינע.

— אַמאָל, — האָט זי געזאָגט, — ווען ער איז נאָך געווען מיט צוויי גלײַכע פֿיס, ביז ס'האָט אים געכאַפּט דער רעמאַטיז, פֿלעגט ער צוזאַמען מיט זײַן יאַנקאָן, מיטן סאָד־וועכטער, פֿאַרפֿאַלן ווערן אין די וועלדער און אין די בלאָטעס. דאָרטן טאַקע האָט ער אָפּגעשפּאָרט זײַן קרענק. זיי פֿלעגן זיך ביידע, מוצי מיט יאַנקאָן, אומקערן מיט פֿולע טאַשן און מיט אַזעלכע גרויסע טאָרבעס, ווי נעצן, פֿון וועלכע עס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען די לאַנגע העלדזער פֿון אונטערגעשאָסענע קאַטשקעס און די לאַפּקעס פֿון האָזן, — זי האָט עס אַליין געזען. מיט די אייגענע אויגן, — טפֿו! ווען מע זאָל זי אָפּגילטן, וואָלט זי ניט פֿאַרזוכט פֿון אָט דעם דײַטש... — פֿלעגן זיי זיך, הייסט עס, אומקערן אין די הויכע פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול, מיט די יאַגד־טאַשן, און נאָך זיי זײַנען געגאַנגען, ווי די סטראַזשן, ביידע כאָרטן, די אויסגעדאַרטע הינט.

נאָר ניט אין דעם גייט עס. ווען הערשעלע איז נאָך געווען גאָר אַ פּיצל, פֿלעגט עמעצער פֿון די עלטערע — דער טאַטע צי די שוועסטער כאַנקע — אין אַ פֿרײַער שאָ אָדער גאָר אום שאַבעס, ווען כאַנקע פֿלעגט קומען אויפֿן גאַנצן טאָג פֿון דינעס קלייט, ווו זי האָט געדינט, — נעמען אים פֿאַר אַ הענטל און אָוועקפֿירן אָף דער לעוואַדע. דאָרטן האָט מען אויסגעשפּרייט אויפֿן גראָז אַ קאָלדרע צי גלאַט אַן אַלטן בעגעד, נאָענט, לעבן סאַמע דראָטענעם פּלויט פֿונעם אָפּיצערס סאָד, ווו די ביימער וואַרפֿן אַריבער סײַ די צווײַגן, סײַ דעם שאָטן, און מע איז דאָרט אָפּגעלעגן ביז זון־פֿאַרגאַנג. אַפֿילע ווען כאַנע צי דער טאַטע, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, איז אַנשלאָפֿן געוואָרן, איז ער, הערשעלע, געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און ניט אָפּ־געווענדט דעם בליק פֿונעם סאָד, געזען אַלץ, וואָס דאָרט קומט פֿאָר. אָט האָט אין דער טיף צווישן די קוסטעס דורכגעשווינדלט אַ ווײַס לופֿטיק קלייד, און אין דער זעלבער רגע האָט מיט אַלע פֿיר פֿיס אַ שפּרונג געטאָן איין הונט, דערנאָך אַ צווייטער, — ווייסט ער שוין, הערשעלע, אַז דאָס לערנט פראַניע אָדער סטעפּע די הינט מאַכן פֿאַרשיידענע קונצן. שפּע־טער, אַרום האַלבן טאָג, ווען עס ווערט שוין ביז גאָר הייס, דערטראָגט זיך פֿונעם ווײַסן הויז אַ געקלאַנג, ווי מע זאָל פּויקן אין אַ מעשענער טאַץ, — דאָס רופֿט מען די ביידע שוועסטער צום וואַרמעס, און אין אַ מינוט אַרום דערטראָגט זיך פֿון דער טיף אַ פֿאַרצויגענער אויסגעשריי: „פראַניו! סטעפּאַ!..”

דאָס שרײַט די פּאַקאָיאָווע זייערע, די פּאָלקע מיטן אָנגעקראַכמאַלעטן ווײַסן פֿאַטשיי־לעכל, וואָס איז אויסגעבונדן מיט ביידע שפּיצן איבערן קאָפּ, וואָס זעען אויס, ווי צוויי אויערן פֿון אַ ווײַסן קראָליק. טאַקע צוליב דעם דאָזיקן אויסגעשריי פֿון דער פּאָקאָיאָווע ווייסט מען אָף די פּיסקעס די נעמען פֿון מוציס טעכטער. אויפֿן רוף אירן ענטפֿערן אָפּ די כאָרטן מיט אַ קלינגענדיקן האַוו־האַוו, און איבער די געשלענגלטע פֿאַרוואַקסענע שטעגן אין סאָד שווינד־לען דורך צוויי קלאָר־ווײַסע לופֿטיקע קליידער...

איצט איז שוין אין סאָד קיין לעבעדיקער נעפֿעש ניטאָ. אין דער שאָטנדיקער געדיכטקײַט הייבט זיך אָן אַ שושקערײַ און אַ געפֿלוידער. דאָס ייִנגל ווייסט, אַז דאָס קריגן זיך די בלע־טער פֿונעם עפּלבוים מיט די בלעטער פֿונעם באַרנבוים, זיי שפּאַרן זיך אַלץ, וואָס איז געשמאַ־קער — עפּל צי באַרן. באַרן צי עפּל.

— שור־שור־שור! — זאָגט דער באַרנבוים און הייבט אָן וויגן די הויכע צווײַגן, פֿון וועלכע עס הענגען אַראָפּ דרײַ און צוואַנציק געלעקלדיקע געל־רויטע שווערע פּײַרעס. — שור־שור־שור! — און באַטײַטן באַטײַט עס: ווי זאַפֿטיק און זיס מיר זײַנען...

— ליר־ליור־ליור! ליר־ליור־ליור! — ענטפֿערט אָפּ דער עפּלבוים, וואָס האָט צעשפּרייט די צווײַגן אין אַלע זײַטן. ניין, ער גיט זיך אַזוי גרינג ניט אונטער, נעמט פֿון פֿאַרדראָס אַזוי שטאַרק פֿאָכן מיט די צווײַגן, אַז ער פֿאַרלירט אַזש דעם שווערסטן פֿון זײַנע עפּל, דער עפּל פֿאַלט אַראָפּ מיט אַ טעמפּן קלאַפּ: פּאַך! פּונקט ווי עס וואָלט אויסגעשאָסן אַן ענגער קאָרעק פֿון אַ פֿלאַש. שור־שור־שור!..

הערשעלע פאַרשטייט יעדער שאָרך. ער הערט און זעט אַלץ, וואָס דאַרט אין דער גרי־נער געדיכטעניש קומט פאָר. און זיי, זאָלן זיי זיך שלאָפן, סײַוויסי וועט ניט דער טאַטע, ניט כאַנקע ניט הערן דאָס, וואָס ער הערט; ניט זען דאָס, וואָס ער, הערשעלע, זעט. איינמאָל האָט ער שוין געפּרוּווט דערציילן דער שוועסטער וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין סאָד, האָט זי זיך צעלאַכט, און אָפּדערנאָכט, ווען ער איז געלעגן אין בעט, צופּוסן דעם טאַטן, און אַלע האָבן געמיינט, אַז ער שלאָפט שוין, האָט זי דערציילט, כאַנקע, וועגן די נאַרישקייטן, וואָס דאָס ברודערל האָט איר הײַנט אָנגעפּלאַפּלט, — דעמלט האָבן שוין אַלע געלאַכט, און ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, די שכיינע זייערע, וואָס האָט א פּולע שטוב מיט ייִנגעלעך און מיידעלעך און ווייסט, וואָס אַזוינס קינדער זײַנען, האָט א זאָג געטאָן:

— ס׳וועט מיט דער צײַט איבערגיין, ער איז, אַיער הערשעלע, א כוילעניפּלניק.

א צווייט מאָל, ער איז שוין אַלט געווען א יאָר פינף צי זעקס, איז ער געקומען צו לויפן מיט א פולן בוזעם רויטע פּעפּינקעס און לענגלעכע טאַראַלקעס. הערשעלע האָט דערציילט, אַז סטעפע און פּראַניע האָבן אַליין מיט זייערע אייגענע הענט אים אָנגעלייגט די עפּל אין העמדל און אָפּגעלאָזט אהיים. אויך דעמלט האָט מען אים ניט געגלייבט, און דערצו נאָך שיר ניט אָנגעבויקערט. ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, די שכיינע זייערע, האָט אײַנגערוימט דעם טאַטן און אויך כאַנקען, אַז מע טאָר ניט אַראָפּלאָזן קיין אויג פונעם ייִנגל: וואָס איז, זי פאַרשטייט ניט, זי האָט כאָלילע קיין קינדער ניט? אַלע ייִנגלעך זײַנען אַלציינס, יאַנקאָ וועט אים פּאַקן אין סאָד, וועט ער אים אויסוואַלגערן אין קראָפּעווע, די שאָ זאָל ניט זײַן.

און ווען הערשעלע איז אַפן אַנדערן טאָג געקומען צו לויפן פונעם גנילאָפּיאַט א נאַקע־טער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, האָט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, די שכיינע זייערע, אים באַגעגנט מיט אַן אויסגעשריי:

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, אָט טוט א קוק אַף אַיער נאַקעטן פּרינץ! כ׳האָב דאָך אײַך געוואָרנט, אַז יאַנקאָ וועט אַראָפּרײַסן פון אים דאָס לעצטע העמדל!

זי האָט געכאַפּט דאָס ייִנגל פאַר א האַנט, באַקוקט פון אַלע זײַטן און זיך געכידעשט, וואָס דאָס לײַב זײַנס איז ניט פאַרלאָפּן מיט קיין בלאָטערן.

— נו?! — האָט דער טאַטע, וואָס האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל פונעם פּירהויז, אויסגעשריגן. — נו! ווו זײַנען דײַנע מאַטקעס?!

הערשעלע איז צוגעפאַלן מיטן גאַנצן נאַקעטן דאַרן גופל צו ריווקעס געקווייטלט קליידל, און זײַנע דערשראָקענע אויגן האָבן אַלע מאָל געכאַפּט א בליציקן בליק אַפן טאַטן.

וואָס קאָן ער דערציילן? מע וועט אים סײַווי ניט גלייבן. זאָל דער טאַטע גיין מיט אים און זאָל ער פרעגן בא די ייִנגלעך, וועלן זיי אים זאָגן, אַז די הייזלעך זײַנע האָט עמעצער צוגעלאַקכנט, ווען ער האָט זיך געפּליוסקעט אין טײַך.

נאָר דער טאַטע האָט אים געגלייבט, כאָטש זאָגן עס האָט ער ניט געזאָגט. ער האָט גע־ווּוסט, דער טאַטע זײַנער, אַז קיין ליגן וועט הערשעלע ניט אָפּטאָקן.

אָבער דער נאָמען, וואָס ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, די שכיינע זייערע, האָט אים גע־געבן, האָט זיך צום ייִנגל צוגעקלעפּט אַף שטענדיק, און אַלע, מע רעדט שוין ניט פון די שנעקעס אַפן גאַס, נאָר אַפילע אין שטוב — כאַנקע און דער טאַטע — האָבן אים גענומען רופן „דער נאַקעטער פּרינץ". הערשעלע איז מיט דער צײַט אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו זײַן צונעמעניש, אַז ס׳האָט אים שוין ניט געאַרט, — זאָל מען...

אויך יענץ מאָל, ווען ער האָט געבראַכט די פּעפּינקעס מיט די טאַראַלקעס אין בוזעם, האָט ער קיין ליגן ניט געזאָגט.

דעמלט איז ער געלעגן אינעם פאַרוואַקסענעם ריווטשאַק, וואָס ציט זיך לענגויס דעם דראַטענעם פּלויט פון מוציס סאָד. די זון האָט זיך געהאַט איבערגעקויקלט אַפן אַנדערן הויכן ברעג פונעם גנילאָפּיאַט. אין סאָד האָט שוין פון לאַנג אָפּגעקלונגען דער מעשענער געקלאַנג, די פּוילישע פּאַקאָיאָווע האָט שוין אויסגערופן מיט איר דין קאָל: סטעפע! פּראַניע! די הינט, ביידע כאָרטן, האָבן שוין אָפּגעענטפערט: האַוו־האַוו! און אין סאָד איז געוואָרן שאַ־שטיל. בלויז אין דער גרינער געדיכטעניש האָבן די ביימער זיך גענומען סוידען און אויסטײַנען: שור־שור־שור! און שור־שור־שור!..

ער איז געלעגן און אַלץ געהערט און געזען. אָט האָט א ווינטל זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער מיט פון א קוסט, א טרייסל געטאָן בלויז איין צווײַגל און אָפּגעריסן דערפון עטלעכע בלעטע־לעך — פאַרוואָס איז דאָס דער ווינט אָנגעפאַלן דײַקע אַף זיי? מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינ־דיקט די דאָזיקע בלעטעלעך?.. און אָט האָט עס זיך אופגעהויבן העכער, דאָס ווינטל, צום סאַ־מע שפּיץ פון יענעם באַרנבוים, אַף וועלכן עס הוידען זיך די לענגלעכע גלעקלדיקע באַרן. אײַנע א באַר, די סאַמע שווערסטע, די סאַמע לאַנגע, האָט א ציטער געטאָן, זיך אָפּגעריסן

איניינעם מיטן גרינעם שטעקעלע און: פאַך! — א קנאַק געטאָן אין דר׳ערד, פּונקט ווי א קאָרעק וואָלט זיך אַרויסגעריסן פונעם ענגן גערגעלע פון א שוימענדיקער פלאַש. די באַר איז אונטערגעשפּרונגען און זיך גענומען קײַקלען. נאָך איין קאַפּעלע, איין קאַפּעלע — ווערט זי זיך דערקײַקלען ביז צום דראָטענעם פּלויט. הערשעלע האָט אַפילו ניט געפילט, ווי ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, ווי ער האָט אַפן בײַכל זיך גערוקט נעענטער און נעענטער — אָט איז שוין דער צעשויבערטער קאָפּ זײַנער פון יענער זײַט פּלויט... נאָר עמעצער האָט אָנגעכאַפּט זײַן העמדל און וויל אים אונטערהייבן פון דער ערד, הערשעלען. האַ־אַ־אַ! — האָט זיך אַרויסגעריסן א געשריי פון צווישן זײַנע פאַרקלעמטע ציין, און ווידעראַמאָל — האַ־אַ! — ער האָט זיך געפּרוּווט א רוק טאָן אָף צוריק, פון אונטערן דראָט אַרויס, נאָר מע האַלט אים פעסט. ווען ער האָט באַמערקט, אַז דאָס האָבן אים פאַרטשעפּעט די שטעכלקעס פונעם דראָט, איז שוין געווען צו שפּעט אויסצופּלאָנטערן זיך — איבער זײַן קאָפּ איז געשטאַנען יאַנקאָ.

ער האָט געהאַלטן איינעם פון זײַנע קאָרטן באַם רימענדל מיט די מעשענע בלעכלעך, וואָס האָט אַרומגענומען, ווי א רינג, דעם לאַנגן האַלדז פונעם הונט. ער האָט צוגעהאַלטן דעם קעלעוו, ניט געלאָזט, ער זאָל זיך אַרופוואַרפן אַפן ייִנגל. ר־ר־ר־ו, ר־ר־ר־ו! — האָט זיך איבערגעגאָסן אין זײַן כאָרכלענדיקן גאָרגל, פּונקט ווי עס וואָלט זיך דאָרט געבולקעט קאָכיקער בלײַ.

יאַנקאָ האָט אָפּגעטשעפּעט הערשעלעס העמדל פונעם דראָט, אים אָנגענומען פאַר א האַנט און אוועקגעפירט דורך די פאַרוואַקסענע געדרייטע סטעזשקעלעך צום ווײַסן הויז. ער האָט ניט געפילט, הערשעלע, קיין שום שרעק, אָבער פאַר די אויגן איז געשטאַנען א געדיכטער נעפּל. געזען האָט ער גאָרניט, בלויז געהערט, ווי זײַנע באָרוועסע פיסלעך פּאַטשן איבער דער האַרטער סטעזשקע, ווי אומיסטן הויך: פּיטש־פּאַטש, פּיטש־פּאַטש.

דערנאָך, ווען אין די אויגן איז ליכטיקער געוואָרן, האָט ער דערזען זײַן אייגענע אויסגעצויגענע האַנט, און וועלכער ער האָט געהאַלטן די שווערע לענגלעך־גלעקלדיקע באַר... אַרום אים זײַנען אין א רעדל געשטאַנען סטעפּע, פּראַניע, די פּאַקאָיאָווע מיט די אָנגעקראָכמאַלעטע פּאַטשיילע־שפּיצן, וואָס האָבן געסטאַרטשעט אַף איר קאָפּ, ווי צוויי אויערן פון א ווײַסן קראָליק. סטעפּע און פּראַניע, אין די דינע קלאָר־ווײַסע לופטיקע קליידער, האָבן געהאַלטן בא די האַלדז־בענדער די אויסגעדאַרטע קלאָווים און מיט דערשראָקענע פּנעמער געקוקט אַף אים, וואָס האָט אויסגעצויגן די האַנט, אין וועלכער עס איז פאַרקלעמט געווען א זאַפטיק־רײַפע, לענגלעך־גלעקלדיקע באַר.

זיי האָבן איבערגעפירט זייערע בלוי־דערשראָקענע בליקן פונעם ייִנגל אַף יאַנקאָן און צוריק פון יאַנקאָן אַפן ייִנגל. דאָס האָט געדויערט לאַנג, זייער לאַנג, אַזוי האָט זיך געדאַכט הערשעלען, און דערנאָך האָבן זיי גענומען גיך־גיך ריידן, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע. ניין, זיי האָבן גערעדט ניט אַף ייִדיש, עפּעס אַף א מאָדנע מין לאָשן, נאָר הערשעלע האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס גייט א רייד. „בירנע... בירנבאַום... גראַס... הונד...״ — האָבן זיי געפּלאַפּלט דערשראָקן. און יאַנקאָן, דעם סאָד־וועכטער, האָבן זיי אויסגעפרעגט שוין גאָר פאַרשטענדיק: „צאָ טאָ זאַ כלאָפּעץ?״ ווען די שרעק האָט זיי פאַרלאָזט, האָבן זיי זיך צוגערוקט נעענטער צו אים, צו הערשעלען הייסט עס, אים געבעטן זיך זעצן אַף דער ווײַסער באַנק לעבן די אונטערגעשוירענע קוסטעס, זיך אויך צוגעזעצט פון ביידע זײַטן און גענומען אים אויספרעגן, וויפל יאָר ער איז אַלט, ווער איז זײַן טאַטע און זײַן מאַמע. און זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען: וואָס זשע, ער ווייסט ניט, וואָס עס הייסט „מוטער״, „פאַטער״, „אַפּפעל״? — „מאַמע״, „טאַטע״, „עפּל״. און ווען די פּאַקאָיאָווע האָט אים צוגעטראָגן א ווײַס שיסעלע מיט פעפערנקעס און לענגלעכע טאַראַלקעס און באַוויזן מיט די הענט, ער זאָל זיי אַרײַנרוקן צו זיך אין בוזעם, איז ער אינגאַנצן געקומען צו־זיך און מיט כיישעק דערציילט, ווי מע רופט אים, אַז ער האָט א שוועסטער כאַנע, און אַז דער טאַטע זײַנער הייסט נאָטע און אַז ער איז א מולער. וואָס אַזוינס איז א מולער, האָט סטעפּע מיט פּראַניען ניט געקענט פאַרשטיין, נאָר די פּוילישע פּאַקאָיאָווע האָט אונטערגעזאָגט: „מאַורער״, און דאַן האָבן זיי ביידע גענומען שאָקלען מיט די קעפּ — יאָ, יאָ, איצט ווייסן זיי שוין...

אָט דאָס איז די עמעסע געשיכטע וועגן די פעפערנקעס מיט די טאַראַלקעס. און ריוקע די קורעלאַפּניטשקע, זייער שכיינע, האָט דאָס מאָל געטראָפן, ווי מיט א שטיין אין אויג אַרײַן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם, ווי הערשעלע האָט געבראַכט די עפּל, וועלכע פּראַניע און סטעפּע האָבן אים געגעבן, האָט אַפן דראָטענעם פּאַרקן פון הערבערט מוציס סאָד, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דער לעוואַדע אַזש ביזן ברעג פונעם גנילאָפּיאַט, באַוויזן זיך א גרין בלעכן שילדל מיט ווײַסע ייִדישע אויתיעס. דאָס שילדל איז צוגעפעסטיקט געווען מיט האַרטן דראָט פּונקט אַף יענעם אָרט, וווּ הערשעלע האָט געפּרוּווט דורכרוקן דאָס

צעפּאַטלטע קעפּל זײַנס. ווי אַ שנעק אַף די פּיסקעס האָט שוין איצט געוווּסט, אַז דער, וואָס וועט זיך דערוועגן קריכן אין סאָד אַרײַן, וועט געשמיסן ווערן מיט קראָפּעווע.

זעט איר, אַז אָפּכויזעקן פון ריווּקע דער קורעלאַפּניטשקע איז ניטאָ וואָס! אַלע שכיינים פון מײַער דעם גענדזערס געהײַ, גרויס און קליין, זײַנען געגאַנגען איבערלייענען דאָס שילדל. — אַ דורכגעטריבענער דײַטש, דער מוצי, ער ווייסט אָבער, אַז פאַר די פּיסקעוואַטע האַלעדראַנצעס דאַרף מען שרײַבן אַף ייִדיש.

3

העכער צוויי יאָר איז דאָס דראָענדיקע שילדל מיט די ייִדישע אויסיִעס געהאַנגען אַפן שטעכדראָט פון הערבערט מוציס סאָד. דערנאָך האָט אַף דער הויכער פּערטקע, וואָס האָט זומער און ווינטער פאַרצאַמט דעם וועג צום ווײַסן הויז מיט די מירמלנע טרעפּ, זיך אויך באַוויזן אַ שילדל, און אויך אַף ייִדיש. דאָס רויטע פּירקאַנטיקע בלעכל איז אַרומגעזוימט געווען מיט אַ דין ווײַס פּאַסיקל, און מיט ווײַסע אויסיִעס איז געווען דײַטלעך אָנגעשריבן „קינדער־היים נום. 1".

דעם זעלבן טאָג, ווען דאָס דאָזיקע שילדל האָט זיך באַוויזן אַף דער פּערטקע, האָט סראָליק זעליק דעם מאַקאָוואָזס, אַ קלײַענדיק באָכערל, ניט אַף קיין סאַך עלטער פון הערשעלען, אַראָפּגעריסן דאָס דראָענדיקע שילדל פונעם שטעכדראָט, וואָס האָט פאַרצוימט הערבערט מוציס סאָד.

אַ פּאַטעפּאַלנעסט פון אַ צעפּאַנאַכעטן שמענדריק — ברענגען ספּעציִעלע אָפּצווענגעס, העמערלעך און שטיקער אײַזן אַף אַראָפּצורײַסן די טאַבליצע. און אַז זי הענגט, האָט עמעצער מוירע פאַר איר? אָבער גאָר ניט דערפאַר ווײַל עמעצער האָט מוירע פאַרן אָפּיצער מוצי מיט זײַנע כאַרטן, צי פאַר זײַן קראָפּעווע, האָט ער עס געטאָן. ווער האָט עס מוירע, און דעריקער אַצינד, ווען מוצי מיט זײַנע פּעציאָרעס האָבן געמאַכט די פּלייטע. „אין פּייטערבאַרג, — האָט סראָליק דעם מאַקאָוואָזס דערקלערט דער כאַליאַסטרע, וואָס איז זיך אַהער צונויפגעלאָפן, — האָט מען אַראָפּגעריסן די קרוין פון ניקאָלקעס קאָפּ, און מיר דאָ, אַף די פּיסקעס, — מוציס פּליודערן..."

פאַרוואָס עפּעס די פּליודערן, האָט הערשעלע ניט פאַרשטאַנען, און ניט נאָר ער — קיינער האָט מינאַסטאַם ניט געוווּסט, וואָס סראָליק מיינט דערמיט. די גאַנצע כאַליאַסטרע, אַלע, וואָס שטייען איצט אַף דער לעוואַדע, זײַנען געווען לעבן דעם צעפּראַלטן טויער און געזען, ווי הערבערט מוצי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די מירמלנע טרעפּ, און פּונקט, ווי שטענדיק, האָט יאַנקאָ אים געהאָלפן זיך אַרײַנזעצן אינעם שוואַרץ־לאַקירטן טאַראַנטאַס, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקעוועט מיט אָן אַ שיר טשעמאָדאַנעס און קלומקעס. דאָרט אין טאַראַנטאַס, אונטער דער אופגעשטעלטער בויד, זײַנען שוין געזעסן סטעפּע און פּראַניע. דאָס מאָל שוין ניט אין קיין ווײַסע קליידער, ווי זיי האָבן זיך פאַרגעדענקט הערשעלען, נאָר אין טונקל־גרויע, באַזוימטע באַ די הענט און באַ די קעלנער מיט ברוינעם פוטער. אויך דער אָפיצער אַליין איז געווען אין אַ מין ברייטן מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער, כאָטש ס'איז נאָך ניט געווען אַזוי קאַלט, מע זאָל זיך דאַרפן קוטען. וואָס זשע פּלוידערט ער, סראָליק? וואָס פאַרא פּליודערן? נאָר פונדעסטוועגן איז אים דייקע געפעלן געוואָרן, הערשעלען, וואָס סראָליק האָט זיך דערטראַכט פּונקט אין יענעם טאָג, ווען מע האָט אופגעהאַנגען דאָס שילדל אַף מוציס טויער, אַראָפּרײַסן די סטראַשידלע פונעם סאָד־צוים.

יענעם אָסיען און אויך יענעם ווינטער האָט הערשעלע פאַרגעדענקט אַף לאַנג, מעגלעך דערפאַר, וואָס דער אָסיען איז געווען אַ זוניקער און דער ווינטער אַ בייזער, אַ שטעכיקער, מיט ברענענדיקע פרעסט, מיט וויוגעס, וואָס האָבן אין די נעכט געקלאַפּט אין די פאָרקאָווען פענצטער און אין די דעכער, אַרײַנגעוואָיעט אין די קוימענעס, זיך אַרײַנגעריסן דורך אַ מינדסט שפּעלטיקל; מעגלעך דערפאַר, וואָס די אַלע לאַנגע טעג און וואָכן האָבן זיך געצויגן אָן אַ סאָף און אָן אַן ענד, און עסן האָט זיך געוואָלט אַפילע אין שלאָף. פונדעסטוועגן איז אים מיטן טאַטן נאָך געווען גרינגער פון אַנדערע, ווי, לעמאָשל, זייער שכיינע ריווּקע דער קורעלאַפּניטשקע מיט אַלע אירע ייִנגעלעך און מיידעלעך, מיט אירע הענדעלעך און מענדעלעך, פרויקעלעך און זינדעלעך... זיי זײַנען וואָכנווײַז ניט אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער סטאָליעטנע וואַטאָווער קאָלדרע. געהייסן האָט די קאָלדרע אַזוי,

ווײַל זי איז טאקע געווען צונויפגעשטוקעוועט פון הונדערטער פארשיידנקאָליריקע פירעקיקע שמאטקעלעך. און עפשער האָט זי גאָר געדארפט זיך אָנרופן „סטאָקלעטנע”? בא מייער געגנדזער אין געהײַ איז קימאט אין יעדער שטוב געווען אזא קאָלדרע, און אלע האָבן זי דאפקע גערופן „סטאָלעטנע” און ניט „סטאָקלעטנע”. הערשעלע האָט גאָר געמיינט, אז „סטאָלעטנע” איז דערפאר, וואָס זי דינט דער קורעלאפניטשקע מיסטאם שוין הונדערט יאָר, אזוי פארשמאָלצעוועט איז די קאָלדרע געווען. יאָ, זײַנען זיי געלעגן אונטער דער קאָלדרע, די הינדעלעך און די מינדעלעך, און געוואַרט, ביז די מאמע זייערע, ריווקע די קורעלאפניטשקע, וועט קומען פונעם מארק און זיי עפעס ברענגען. נאָר וואָס ברענגען, וועט ברענגען, אז אירע קוישן האָבן שוין פארגעסן, ווי עס זעט אויס אן אָף און אפילע א הינערש איי? מע האָט דען געקענט ארויסשטעקן די נאָז? די פויערים האָבן מוירע געהאט עפעס ברענגען אפן מארק, ווײַל אף די וועגן האָבן אָרודעוועט באנדעס. כוץ דעם ביסל פּראָדוקטן, האָט מען נאָך געקענט פארלירן דאָס לעבן אויך. און אים, הערשעלען, מיטן טאטן איז נאָך פּאָרט געווען גרינגער. כאנקע פלעגט עטלעכע מאָל אין דער וואָך זיך אריבערכאפן פון דינעס קלייט, ווו זי האָט געדינט, און ארײַנברענגען פארן טאטן און פארן ברודערל ברויט, אמאָל א שטיקל קוילעטש, א הערינג און א טעפל קוליש אויך, קארטאָפליעס און מייערלעך. זי האָט עס אלץ אפגיך ארויסגעלייגט אפן טיש, איבערגעגאָסן אין א ריין פענדל, און אזוי האָוועדיק, זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, זיך א וויצל געגעבן מיטן ברודערל, אים א פאטל געטאָן מיט דער האנט די פארפלאָנטערט־קוטשעראווע האָר, א קוועטש געטאָן מיט א פינגער די שפיץ נאָז און דערבײַ ארויסגעלאָזט דורך די צונויפגעצויגענע ליפן: פי־פי! — ווי זי וואָלט אָנגעדריקט אף א קנאָפקע. און דאָס אלץ האָט זי אָפגעטאָן שטייענדיק און גייענדיק, פאר געציילטע מינוטן — אפילע ניט אראָפגענומען פון זיך דאָס שאלעכל און דער מאמעס פליסן רעקל, וואָס איז אף איר איצט געווען אויסגעגאָסן.

בא הערשעלען איז שוין גרייט געווען אן אויסגעהויכט רעדעלע אף דער אָנגעפרוירענער טאפליע, קעדיי קענען נאָכקוקן דער שוועסטער, וואָס האָט הענדעם־פענדעם אָפגעטאָן אירס אין שטוב און אנטלאָפן צוריק צו דער אלמאָנע דינע. הערשעלע לייגט צו דאָס רעכטע אויג צום אײַז־רינגעלע און זעט דײַטלעך, ווי זײַן שוועסטער שפרינגט געשיקט אריבער איין הורבע שניי, דערנאָך א צווייטע — דאָס האָט דער ווינט פאר דער נאכט זיי צונויפגעשאָרט, די הורבעס, אינמיטן שליאך, אזוי, אז קיין סטעזשקע וועסטו אין ערגעץ ניט געפינען. נאָר כאנקע זוכט קיין סטעזשקע ניט, זי שפרינגט, שפרינגט, און דער שניי דערגרייכט איר העכער די קני. דאָס טונקעלע קליידל אירס צעשפרייט זיך אף א רעגע איבער דער ווײַסקײַט, ווי א שירעם, נאָר אָט איז זי שוין פון יענער זײַט שליאך, זי פארקערעוועט אין געסל, וואָס אף רעכטס. „שוין”, — זאָגט הערשעלע צום טאטן און דרייט זיך ווידער אויס צום פענצטער, קעדיי נאָכאמאָל א קוק טאָן אף דער שוועסטער, נאָר דאָס אײַז־רעדעלע האָט שוין באוויזן באדעקט צו ווערן מיט א פליווקעלע אײַז.

דער טאטע סאָרטעוועט איבער אלץ, וואָס כאנקע האָט געבראכט, צעגיסט דעם קוליש אין צוויי קיילים — דעם קלענערן כיילעק פאר זיך מיטן זון און דעם גרעסערן פאר ריווקע דער קורעלאפניטשקעס „הינדעלעך און הענדעלעך”. און הערשעלע ווייסט שוין, אז ער דארף דאָס אלץ ארײַנטראָגן צו דער שכיינע שא־שטיל, קיין וואָרט ניט זאָגן — זיי זאָלן זיך כאָלילע ניט באליידיקן, קיין נעדאָוועס דארפן זיי ניט, זיי זײַנען ניט קיין בעטלערס און קיין שלעפערס. יאָ, יאָ, שא־שטיל אוועקשטעלן דאָס געבראכטע, אז קיינער זאָל ניט הערן און ניט זען, און אף די שפיץ פינגער ארויס און פארמאכן הינטער זיך די טיר — די פיסקעוואטע מאמעס האָבן גוט אויסמושטרירט זייערע קינדער לויט דער מעטאָדע — א קניפ אין באק, נאָר די פארב זאָל שטיין.

אָבער דעם לעצטן ווינטער, אינעם יאָר, ווען אונדזערע האָבן ארויסגעמעשאלייעכט די דײַטשן מיט די אוסטריאקעס, האָט ריווקע די קורעלאפניטשקע געטאָן ווי א כאכאָמע. ווי נאָר די פרעסט האָבן א כאפ געטאָן פאר די אויערן, האָט זי ארויסגעטראָנצלט אירע פיר קלענערע האָלאָפופניקעס „ביגדיי־מאלכעס”, ווי זי אליין האָט עס דערציילט, גענומען צוויי אף די הענט און צוויי בא ביידע זײַטן און זיי געבראכט צו מוציס טויער מיטן נײַעם שילדל. עמעס, ווײַט גיין האָט מען ניט באדארפט, אזוי אז קיינער פון איר קאפעליע האָט ניט באוויזן פארקאָליעט ווערן.

כאָטש די נײַע טאבליצע איז געהאנגען, איז פונדעסטוועגן דער טויער, פונקט ווי פאר מוציס צײַטן, געווען פארמאכט און פארייגלט. זאלבעפינף האָבן זיי גענומען קלאפן און קלינגען אזוי, אז אין דער זעלבער מינוט האָט זיך צעפראלט די פערטקע און דרײַ דערשראָקענע בלוי־ווײַסע פענעמער האָבן זיך ארויסגערוקט אף דער פארשנייטער גאס. די קורעלאפניטשקע

האָט גוט באמערקט, אז דאָס איז די פאָקאָיאָווע, די פאָלקע, אין דער אָנגעקראָכמאלעטער פאטשיילע מיט די אויערלעך אפן קאָפּ, יאנקאָ, און נאָך עפּעס גאָר א יונג מיידל, אן אומבאקענטע, אין פענסנע. אָבער לאנג קוקן אף זיי האָט ריווקע איצט ניט געקענט. זי האָט מיט בײדע הענט ארײַנגעשטופּט אלע פיר אירע קינדער אין הויף ארײַן, כאפּנדיק א קוש געטאָן יעדערן באזונדער אין די בעקלעך און פארקלאפּט הינטער זיך די פערטקע, אזוי אז די אלע דרײַ, וואָס זײַנען ארויס איר אנטקעגן, האָבן אפילע ניט באוויזן עפעס צו פרעגן בא איר.

שפּעטער, ווען ריווקע פלעגט נעמען דערציילן, ווי קונציק זי האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל ארבעט, איז זי זיך מוידע געווען, אז דאָס הארץ האָט זיך בא איר דעמלט אָפּגעגאָסן מיט בלוט: עפּעס אזוי ווארפט מען אונטער פיר אייגענע קינדער? זי האָט זיי געפונען אונטער א פלויט?! נאָר וויפל קאָן מען צוזען, ווי די אייגענע אייפעלעך גייען אויס פון הונגער און פון קעלט?

עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט ריווקע די קורעלאפּניטשקע צוקומען צום הויכן פלויט — זי, זעט איר, האָט דאפקע געפונען א לעכעלע צווישן די ברעטער! ווײַזט אויס, אז אן אנדער מאמע האָט עס אויסגעדליבעט מיט א צוואָק — און דורך דעם דאָזיקן לעכעלע צוגעקוקט, וואָס טוט זיך דאָרט אינווייניק, אינעם הויף פונעם „קינדערהיים נום. 1״. זי האָט שוין געוווסט די שאָ, ווען דאָס אומבאקאנטע מיידל מיט די פענסנע אף דער נאָז פירט ארויס אלע קינדער, נײַנצן זײַנען זיי געווען, אין הויף ארײַן, און שפּילט מיט זיי אין שניי־גאָמלקעס. די קינדער זײַנען אָנגעטאָן ווארעם — אלע אין מאנטעלעך און אין ווארעמע היטעלעך. אײנמאָל האָט זי אפילע געהערט, ווי די לערערקע אין די ברילן, — די קינדער האָבן זי גערופן פרידע יאקאָוולעוונע, — האָט געזונגען צוזאמען מיט די ברעקלעך דאָס לידעלע „כאנעקע, כאנעקע — א יאָמטעוו א שיינער...״ זי, די פרידע, איז געשטאנען אינדערמיטן און געפּליעסקעט מיט די הענט, און די קינדער האָבן אין א ראָד זיך געדרייט ארום איר און געזונגען: „כאנעקע, כאנעקע״... און ס׳וואָלט געווען גוט וואָס בעסער דארף מען ניט, ווען דאָס אלץ זאָל ניט שטיין אף קיין הינערשע פיסלעך.

ריווקע האָט שוין אפילע פארפירט א באקענטשאפט מיט דער פאָלקע, דער פאָקאָיאָווע. זי האָט זיך אײנמאָל דערוואוסט אף איר בא דער פערטקע, ווען יענע איז געגאנגען אפן מארק עפעס אײַנקויפן, און איר ארײַנגערוקט צוויי צענדליק אייער: זאָל יעדער יאָסעמל פארזוכן כאָטש איין אייעלע. און די לערערקע פרידע מעג אויך אופעסן אן איי.

די פאָקאָיאָווע, — ריווקע האָט זיך שפּעטער דערוווסט, אז זי הייסט גאָר באסיע... איר האָט שוין געהערט, א פאָלקע זאָל הייסן באסיע?! לאָזט זיך אויס, אז באסיע איז פארצויגן פון בארבארא. יאָ, איז אָט די פאָקאָיאָווע האָט דאפקע פארוואָרפן מיט הענט און פיס — די קינדער, האָט זי פארזיכערט, האָבן אלץ, וואָס זיי דארפן, זיי זײַנען ניט הונגעריק. פונדעסטוועגן האָט ריווקע זי איבערגעשפּארט, נאָך מער, זי האָט זיך דערוווסט בא איר, אז דאָרטן, אין קינדערהיים, ווייסט מען גאנץ וויל, אז די פיר קינדער, וואָס זי, ריווקע, האָט אונטערגעוואָרפן, האָבן א טאטן מיט א מאמען, מע ווייסט אויך, ווער און וואָס זיי זײַנען.

האקלאל, אלץ וואָלט געווען גוט, ווען ס׳זאָלן ניט זײַן קיין דײַטשן מיט קיין אווסטריאקעס, קיין הײַדאמאקעס מיט קיין פאָליאקן, און אוואדע ניט קיין פעטליוראָווצעס...

דאָס שילדל אפן הויכן פלויט איז געווען ווי א מין צייכן, א פאראָל. ווי נאָר ס׳האָט זיך באוויזן א באנדע אין שטאָט, פלעגט יאנקאָ עס אראָפּנעמען. אופהענגען עס צוריק פלעגט ער, ווען אונדזערע האָבן זיך אומגעקערט.

אָף די פּיסקעס האָט מען לויט דעם שילדל געוווסט, ווער איז אין שטאָט — אונדזערע צי ניט אונדזערע. עמעס, ס׳איז געווען נאָך א סימען, א באנאכטיקער: קוים איז באנאכט געווען שטיל און צום הימל האָבן זיך ניט געטראָגן קיין גוואלד־געשרייען, איז א סימען געווען, אז די מאכט איז בא די רויטע. אָט די אלע סימאָנים האָט אויך גוט געוווסט הערשעלע. ער פלעג אליין אָפּט לויפן צו מוציס טויער א קוק טאָן, צי הענגט דאָס שילדל. ווען עס פלעגט פארשווינדן ווערן, איז ריווקע א דערשראָקענע געלאָפן צו מוציז נאָך די קינדער. אויך די לערערקע אין די פענסנע, פרידע יאקאָוולעוונע, פלעגט אנטרינען ווערן. מיט דער פאָקאָיאָווע און מיט יאנקאָן זײַנען דעמלט אין ווײַסן הויז מיט די מירמלנע טרעפּ געבליבן נאָר דרײַ־פיר קינדער, וועלכע קיינער איז ניט געקומען אָפּנעמען.

דער פרילינג האָט א שפּאר געטאָן סײַ פון דער ערד, סײַ פונעם הימל. באטאָג האָט די זון געפרעסן דעם שניי, אויסגעבויערט, ווי מיט דרעלן, גרויסע און קליינע לעכער, וואָס זײַנען פון זיך אליין פול געוואָרן מיט שווארצער וואסער, דערנאָך האָט דער שניי זיך

אראָפּגעזעצט און אײַנגעשרומפּן געוואָרן. פֿון די דעכער האָבן פֿון אָנפֿאַנג די אײַז־סטרעמ־פּלעך געגנומען טריפֿן מיט טרערן, די זון האָט זיי דורכגענומען אַף דורך־און־דורך, געשפּיגלט זיך אין זייער לויטערקײַט און דערבײַ אויסגעסמאָקעט פֿון זיי דעם זאַפֿט, געמאַכט זיי דינער און דינער, ביז זיי זײַנען שלאַבעריקע מיט אַ קנאַל אראָפּגעפֿאַלן פֿון דער הייך און אַף דער ערד צעטראַסקעט זיך אַף שטיקלעך.

דאָס אײַז אַף הערשעלעס פֿענצטער איז אויך דינער געוואָרן — די שטענגעלעך און די בלימעלעך, וואָס דער פֿראָסט האָט אויסגעמאָלט אַף די שויבן, האָבן אָנגעווירן זייער פּריש־קײַט, ווי זיי וואָלטן אַף אַן עמעס פֿאַרוועלקט געוואָרן, און אינגיכן האָט הערשעלע געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. אָט האָט אַ שפּערל זיך באַוויזן אַף דער פֿריזבע — טשיר־טשיר! — פֿאַריסן דאָס העלדזל און אַרײַנגעכאַפּט אין שנאָבל אַ קאַלטן טראָפּן, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן פֿון אַן אײַזצאַפּל. טשיר־טשירירי! אַ טראָפּן?.. און עפּשער איז עס אַ רפֿוּאה — פֿאַר דעם אָפּגעשוואַכטן פֿייגעלע?

פֿאַר פֿינף־זעקס טעג זײַנען די פּיסקעס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טײַך פֿון שיטערער בלאָטיקער זאַמד, און דאַך האָט מען אין עטלעכע טעג אַרום געקענט דורך אויסגעטראָטענע סטעזשקעלעך איבערקלײַבן זיך פֿון איין הויז צום צווייטן. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט אַ וואַרעמער און שמעקנדיקער רעגן געוואַשן די שנייִיקע ברודנע בלאָטעס, און ריטשקעלעך האָבן זיך געוויקלט, ווי דינע שלענגלעך, געלאָפֿן און געמורמלט באַטאָג און באַנאַכט, באַנאַכט און באַטאָג.

שאָענווײַז איז הערשעלע אָפּגעשטאַנען בײַ דער הויז־טיר, און כאָטש ער האָט זיך געסטאַרעט ניט אַ ריר טאָן פֿונעם אָרט, איז ער צו אָוונט־צו געווען פּיטש־נאַס — פֿון די פּיא־טעס ביזן קאָפּ.

יענעם פֿרילינג האָט כאַנקע געבראַכט אין שטוב אַרײַן יויסעפֿן... עס דוכט זיך אים אויס, הערשעלען, אַז באַנאַכט, ווען מע האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, איז ער גאָר ניט געשלאָפֿן. דורך די שפּאַלטן אין די לאָדן האָט זיך דורכגעשלאָגן די קאַלטע שײַן פֿון דער לעוואָנע, און דערפֿון איז געווען נאָך קעלטער אין שטוב. טוק־טוק־טוק! — פּונקט ווי אַ פּיק־האָלץ וואָלט געדויבלט די קאָרע. דער טאַטע איז, ווײַזט אויס, אויך ניט געשלאָפֿן. מיט די באָרוועסע פֿיס אָנגעטאָפּט די שיך זײַנע לעבן בעט און אין די הוילע גאַטקעס זיך געלאָזט צו דער טיר. מיט כידעש אין קאָל האָט ער געפֿרעגט:

— ס'איז דו, כאַנקע? — פּונקט ווי ער וואָלט האָבן אָפּגערעדט מיט איר, אַז זי וועט הײַנט קומען נעכטיקן. ער האָט מער גאָרניט געזאָגט און גענומען זיך פֿאַרקען מיטן קייטל.

קיין שײַן האָט מען ניט אָנגעצונדן, נאָר הערשקע האָט אַלץ געזען, ווי ס'וואָלט זײַן ליכטיק אין שטוב. ער האָט אָנגערוקט די קאָלדרע ביז דער נאָז, נאָר די אויגן האָבן אַלץ באַמערקט. לעבן דער שוועל האָט כאַנע אָפּגיך אַרויסגעלאָזט איר קלומעקל פֿון דער האַנט, אונטערגעשטעלט דעם האַלדז, אַז דער באָכער זאָל אים קאָנען אַרומנעמען. „לייג אַהער די האַנט, — האָט זי זיך מאַמעש געבעטן, — לייג אַרויף“, — ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן, און זי האָט מיט איר גאַנצן קערפּער אים אונטערגעשפּאַרט, ווי מע שפּאַרט אונטער אַ הליבע, וואָס וועט אָט־אָט אומפֿאַלן. „טאַטע“, — האָט זי אומרויִק אַ זאָג געטאָן בלויז איין וואָרט, און דער טאַטע האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס די טאָכטער מיינט. ער איז אונטערגעלאָפֿן פֿון דער צווייטער זײַט, אַרומגעכאַפּט דעם גאַסט אַרום גאַרטל, אַרופֿגעלייגט יויסעפֿס שווערע האַנט צו זיך אַפֿן אַקסל און איינגעם מיט כאַנען אַוועקגעפֿירט אים אין צווייטן כיידערל.

איצט האָט הערשעלע פֿאַרשטאַנען, אַז דער מענטש קאָן זיך אליין ניט רירן פֿונעם אָרט. ווי־אַזוי זשע האָט אים כאַנע געבראַכט צו שלעפּן? ווו האָט זי אים געפּאַקט? ווער איז ער?..

די שוועסטער איז פֿלינק אַרויס אַף דער גאַס, אופֿגעעפֿנט דעם קיך־לאָדן און אויך דעם לאָדן פֿונעם צימערל, ווו זי מיט דער מאַמען פֿלעגן שלאָפֿן און ווו מ'האָט איצט באַלייגט דעם קראַנקן.

די לעוואָנע האָט זיך דערפֿרייט, וואָס מ'האָט איר געגעבן אַ פֿרײַען צוטריט אין דעם פֿאַרקאָוועטן שטיבל, ווו די לאָדן זײַנען שטענדיק פֿאַרקלאַפּט. האָט זי זיך טאַקע מיטאַמאָל אַרײַנגעריסן אַהער און אַלץ באַלויכטן. זי האָט מיט די באָלעכעוואַטע אויגן צוגעקוקט, ווי דאָס מיידל צעלייגט אַ פּײַערל אַפֿן פּריפּעטשעק, גיסט אָן וואַסער אין אַ צעבויגן מעשן סאַמאָוואַרל, און פֿונעם פּײַערל אַפֿן פּריפּעטשעק און פֿון דער לעוואָנעס שמייכלענדיקן בליק האָבן אַף דעם פּאָל, אַף די ווענט און אַף דער סטעליע גענומען טאַנצן צווייענדיקע מעשונע־דיקע שאָטנס — די שוואַרצע שאַרפֿע שאָטנס האָבן זיך געלייגט מיטן קאָפּ צו דער טיר, די בלאַסע, פֿאַרקערט — מיטן קאָפּ צום פֿענצטער.

אין קיך האָט כאַנע געשטעלט אופזידן וואסער, זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דער מאמעס פּליסן סעקל, ס׳זאָל איר גרינגער זײַן צו באַוועגן זיך, דאָס ווארעמע שאַלעכל האָט זי אָנגעטאָן אפן האַלדז און די צוויי עקן דורכגענומען דורך די פּאַכוועס און פאַרקניפּט זיי אף דער פּלייצע. דערנאָך האָט זי מיט א הייסער שיסל וואסער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַלקעראַל, ווו דער טאַטע האָט שוין באַוויזן אויסטאָן דעם גאַסט און אים באַלייגן אין היל־צערנעם בעט.

— נעם מיך מיט די הענט פאַרן האַלדז, — האָט כאַנקע זיך געבעטן, — נעם מיך אַרום, יאַסינקע, ווײַל איך דיך אַרופּרוקן א ביסל העכער. — הערשעלע האָט געהערט די דאַזיקע ווערטער פון דער שוועסטער, און אים האָט זיך געדאַכט, אז אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען. ער האָט בלויז געהערט, און די לעוואָנע האָט געזען, ווי זי, זײַן שוועסטער, האָט אַרונטערגע־רוקט ביידע הענט אונטער יוסעפּס הייסער פּלייצע און מיט אַלע קויכעס עטוואָס אונטער־געהויבן זײַן שווערן גוף, געסטאַרעט זיך אים א רוק טאָן העכער אף דער קישן.

דער טאַטע איז אָן ווערטער אונטערגעגאַנגען, גענומען דעם קראַנקן אונטער די פּאַכוועס און אים אוועקגעלייגט אזוי, אז כאַנע זאָל קאָנען אַרומוואַשן און פאַרבינדן די ווונד סאַמע לעבן דער דיך.

הערשעלע איז געלעגן אף זײַן געלעגער, קיין זאַך ניט געזען. ניין, ניט אזוי, ער האָט דעמלט געזען, נאָר ניט מיטן בליק — מיטן געהער... אזוינס קומט אַמאָל פאָר מיט הערשע־לען, ס׳האָט שוין ניט איין מאָל פּאַסירט מיט אים...

פאַרטאָג, ווען ס׳איז גוט פינצטער געוואָרן, — די לעוואָנע מיט אַלע אירע שאָטנס זײַנען אוועק זיך באַהאַלטן פונעם אָנקומענדיקן טאָג הינטער דעם סקאַרליוקער וואַלד, — איז כאַנקע אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווען הערשעלע האָט געעפנט די אויגן, איז דער טאַטע געלעגן, ווי שטענדיק, אף זײַן אָרט — מיטן קאָפּ צום פענצטער און מיט די פיס צו אים, צו הערשע־לען, — אזוי שלאָפן זיי קעסיידער. די לאָדן זײַנען געווען פאַרמאַכט, אויך ווי שטענדיק, און ער איז געווען זיכער, אז כאַנקע, דער גאַסט, די שאָטנס מיט דער לעוואָנע האָבן זיך אים געכאָלעמט, אוואַדע געכאָלעמט... ער איז שוין גרייט געווען צומאַכן די אויגן — עפּשער וועט אים געלינגען ווידער אונטערכאַפּן דעם כאָלעם, נאָר דער בליק זײַנער איז געפאַלן אף דער ווײַסער עמאַלירטער שיסל, וואָס האָט זיך געבלייכט אין דער פינצטערניש. ער האָט אין איינעם העמדל זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער דער קאָלדרע, שטילערהייט, אף די שפּיץ פינגער דערנענטערט זיך פאַמעלעכן צום אָרט, ווו עס האָט זיך געזען דאָס ווײַסע. די אויסגעצויגענע האַנט זײַנע האָט פּלוצעם דערפילט אָן אָנגענעמע פײַכטע וואַרעמ־קײַט, דאָס האַרץ האָט א צאַפּל געטאָן — ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער כאָלעם איז ניט קיין כאָלעם געווען... די אויסגעצויגענע הענט האָבן אָנגעטראָפן אפן קיך־טיר. שאַרנדיק מיט די פיס, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אפן סאַמאָוואַר — ער איז נאָך אויך געווען וואַרעם.

— הערשעלע! — האָט דער טאַטע א רוף געטאָן. נאָר מער קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער באָכער איז אוועק אין קיך צו דער פּאַמעניצע...

ווען די יונגע אַלמאָנע, די אַפּטייקערשע דינע, ווי מע האָט זי גערופן, איז געקומען צו לויפן, איז געווען שוין ליכטיק. הערשעלען האָט זיך אפילע פאַרגעשטעלט, אז דאָס האָט זי געבראַכט מיט זיך די שײַן: זי האָט אָן עפּן געטאָן די אַרײַנגאַנג־טיר, געבליבן א רעגע שטיין אף דער שוועל, דערנאָך מיט ביידע הענט אַראָפּגעצויגן דאָס קאָפּטיכל אף די אַקסל, אַנטבלויזט דעם קלאָרן האַלדז, צונויפגעלייגט אַלע צען פינגער אין צוויי זשמענקעלעך און גענומען היטן אף זיי, ווי זיי וואָלטן אָפּגעפרוירן געווען. זי האָט מיט די לאַנגע ביסטרע אויגן געכאַפּט א קוק אין איין ווינקל, אין א צווייטן און עפּעס ווי מיט א טײַנע א פרעג געטאָן באַם טאַטן:

— נו, און א וועגעלע צי א שטריק האָט איר כאַטש?

דער טאַטע האָט א צי געטאָן מיט די אַקסל:

— אין וואָס?

— גייט שוין צו אונדז, און זאָגט כאַנקען, זי זאָל אײַך אָנלייגן א ביסל האַלץ, מע קאָן דאָך דאָ פאַרפרוירן ווערן! — גערעדט האָט זי אף א קאָל, פּונקט זי וואָלט קאָמאַנדעוועט מיט א פאַרזינדיקטן. — נישקאָשע, איר וועט זיך די געדערים ניט אָפּרײַסן. און וואָס וועט איר דאָ אויסזיצן? — זי האָט געהאַט צו אים טײַנעס, גלײַך ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון עפּעס אָן אַרבעט, וועלכע מ׳האָט אים אָנגעבאָטן.

ער האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, געכאַפּט פון אונטער די געדיכטע ברעמען א קוק אף דער שרײַערקע מיטן ווײַסן גלאַטן האַלדז, אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט דאָס וועגעלע, וואָס ער אַליין האָט אויסגעמײַסטרעוועט פאַרן זון, געבראַכט פון קיך א שטריק און גענומען אַרופּציִען אף זיך דאָס איבערגעדאַרטע שאָפענע פּעלצל, וואָס האָט געהאַט א גרויסע מײַלע,

כאַטש ס'איז שוין געווען געלאַטעט און איבערגעלאַטעט. די מײַלע איז באַשטאַנען אין קאַל־נער — שטעל איִם אוף, דעם קאַלנער, וועט שוין קיין שום קעלט, קיין שום ווינט ניט האָבן קיין שליטע צו אײַך! דער שעפּסענער קאַלנער וועט אײַך פאַרשטעלן דעם נאַקן, מיטן קאָפּ, מיטן פּאָנעם. ער האָט אָבער א טראַכט געטאָן, דער טאַטע, און צוריק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּעלצל.

פאַר דעם, ווי ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט דינע איִם נאָך עפּעס אָנגע־זאָגט. יאָ, ער זאָל נעמען א פרישע פּאָר לײַלעכער. איצט האָט זי גערעדט שוין מילדער, מיט א שמייכל אין די אויגן. דאָס האָט הערשעלע גוט געזען, ער האָט אָבער ניט געקאָנט וויסן, פאַרוואָס האָט די אַלמאָנע דינע מיטאַמאָל געביטן דעם טאָן, עפּשער איז איר גאָר געקומען אפן זינען, אז נאָטע דער מוליער, כאַנקעס טאַטע, איז נאָך א גאַנץ זאַפּטיקער מאַנצבל. אָ, דינע די אַפּטייקערשע איז אַף אַזעלכע זאַכן א מייוון.

דער טאַטע האָט דאָס ליידיקע וועגעלע ניט געפּירט נאָך זיך, ווי מע טוט דאָס געוויינלעך, ער האָט עס גענומען אין דער האַנט און דערמיט אוועק אהין, וווּ דינע האָט אַזוי באַפעלריש אים געשיקט. הערשעלע האָט דורכן פענצטער נאָכגעקוקט דעם טאַטן, ביז ער האָט פאַרקער־רעוועט אַף רעכטס, אין געסל.

דינע האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם שווערן מאַנטל און געבליבן אין א טונקל קלייד מיט דריבנע ווײַסע בלימעלעך און געלע בינען. די בינען האָבן געפלאַטערט מיט די דורכ־זיכטיקע פליגעלעך, געוואָלט זיך צוכאַפּן צו די בלימלעך, נאָר ניט געקאָנט דערפליִען, אַזוי האָט זיך הערשעלען אויסגעדאַכט. ווען ער האָט געכאַפּט א קוק אַף דינעס קלייד, וואָס האָט אַרומגעצויגן איר שטײַפן קערפּער, איר פולע ברוסט, וועלכע זי האָט עטלעכע מאָל אונטער־געהויבן מיט די הענט, איידער זי האָט געעפנט די טיר אין אַלקער אַרײַן, ווו יויסעף איז גע־לעגן, דערנאָך האָט זי מיט ביידע הענט צוגעגלעט די שוואַרצע אָפּגעצויגענע האָר, וועלכע זײַנען אינמיטן קאָפּ געווען פאַנאַנדערגעטיילט אַף דער העלפט מיט א גלײַכן שרונט און אפן נאַקן אויסגעלייגט אין א לויזן קובליק. ערשט דעמלט האָט זי גענומען דאָס שוואַרצע רענצעלע אירס, א ווונק געגעבן צו הערשעלען און געעפנט דאָס טירל אין אַלקער אַרײַן.

אויך איצט האָט הערשעלע ניט געזען, וואָס דאָרט קומט פאָר, קיין זאַך ניט געזען מיט דער ריִע, ער האָט אָבער אַלץ געזען מיטן געהער... יאָ, יאָ, איר מעגט אײַך לאַכן. איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך פאַרשפּרייט דער גערוך פון יאָד און פון נאָך עפּעס אַנדערע רעפועס. דינע, די יונגע אַלמאָנע, פון דער קראָם, וועלכע מע האָט גערופן די אַפּטייקערשע, האָט געלאַכט, גערעדט הויך אַף א קאָל. זי האָט געצווונגען יויסעפן, — הערשעלע האָט אַף געוויס געוווּסט, אז יענער וויל דאָס ניט, — ער זאָל איר באַווײַזן די ווונד. „אײַך פעלט א בלוט־פאַרסאַמונג?! — האָט זי געשריגן. — וואָס זײַט איר, א באַרישניע? פאַר מיר האָט איר ניט וואָס צו שעמען זיך!״ — דערנאָך איז שטיל געוואָרן אין אַלקער. דאָס האָט דינע איבער־געבונדן יויסעפן די ווונד. בלויז צוויי צי דרײַ מאָל האָט ער א קרעכץ געגעבן, און ווידער שא־שטיל, הערשעלע האָט שוין געוווּסט, אז דאָס האָט דינע באַנאַכט געהאָלפן כאַנען ברענ־גען דעם פאַרווונדעטן, וואָס ליגט איצט אין דער שוועסטערס בעט.

4

בעסאַכאַקל זײַנען די דערוואַקסענע ניט קיין גרויסע כאַכאָמים. זיי מאָלט זיך אויס, אז א קינד פאַרשטייט גאָרניט. זאָלן זיי זיך מיינען! אַזוי איז אפילע גלײַכער. פאַר הערשעלען איז איבערגענוג כאַפּן א וואָרט, א ווונק, ער זאָל שוין וויסן וואָס און ווען. קיין סאַך דאַרף ער ניט — געהערט און ניט געהערט, געזען און ניט געזען, און אַלץ איז שוין קלאָר פאַר אים.

ווי נאָר דער ווייטעק האָט אָפּגעלאָזט יויסעפן, האָט זיך באַוויזן א שמייכל אין די בלאָוו־לעכע ווײַסלעך פון זײַנע אויגן. א שמייכל, וואָס איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. איצט האָט ער שוין אליין געקאָנט זיך אופזעצן אפן געלעגער, געפּרווווט אפילע בא א נויט מיט דער הילף פונעם טאַטן זיך דערשלעפּן אין קיך אַרײַן. אַלעמאָל, ווען הערשעלע פלעגט אַרײַנ־קומען אין אַלקער, האָבן אים באַגעגנט צוויי לויכטנדיקע, שמייכלענדיקע אויגן.

פון סאַמע אָנהייב האָבן דאָס ייִנגל פאַרכידעשט יויסעפס שטיוול — די גרייס זייערע. שוין זשע וועלן בא אים אויך אויסוואַקסן אַזעלכע גרויסע פיס?

יויסעף האָט געלאַכט, אַרופגעלייגט הערשעלעס דלאָניע אַף זײַנער און זיך געמאָסטן. יוי־סעף האָט אַליין ניט געגלייבט, אז ער האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ הענטעלע, ווי בא דעם יאַטל,

ער האָט געלאַכט און דערבײַ אים באַרויקט — זאָל ער קיין יעסורים ניט האָבן, אין זײַנע יאָרן, — האָט יוסעף פֿאַרזיכערט דאָס ייִנגל מיט די זשעדנע אויגן, — איז באַ אים אויך געווען אַזאַ האַנט, עפּשער אַ קאַפּעטשקע גרעסער. זאָל ער ניט דײַגענען, הערשעלע. עמעס, קעדיי גיכער וואַקסן, דאַרף מען האָבן וואָס צו קײַען, אָבער דאָס וועט אויך זײַן, מע דאַרף נאָר האָבן אַ ביסעלע געדולד.

איינמאָל, ווען אין שטוב איז קיינער ניט געווען, נאָר ער און יוסעף איז געווען, און אין שטוב איז שטיל געווען אַ מעכײַע, האָט ער זיך אַרופֿגעכאַפּט צו יוסעפֿן אויף דער צאַרגע פֿונעם בעט, געזעסן אַ ביסל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דערנאָך אויסגעשאָסן:

— זי וויל מיט אײַך כאַסענע האָבן, איאָ? דערפֿאַר לויפֿט זי אַהער... איר מיינט, אַז איך ווייס ניט? — ער איז זיכער געווען, אַז יוסעף וועט זיך נעמען פֿאַרענטפֿערן, נאָר דאָס מאָל האָט ער אַ טאָעס געהאַט, און נאָר דערפֿאַר וואָס די דערוואַקסענע טוען אַלץ קאַפּויער...

וועמ זאָגט דען, אַז ער פֿאַרשטייט ניט, הערשעלע, פֿאַרקערט, — האָט יוסעף געענטפֿערט, — ער פֿאַרשטייט אַפֿילע מער, ווי אַ ייִנגל אין זײַנע יאָרן דאַרף פֿאַרשטיין. נאָר דײַנע איז דאָך אַן אַלטע! אָט וועט ער געזונט ווערן, וועלן זיי כאַסענע האָבן מיט כאַנקען, און דײַנען, — האָט ער אײַנגערוימט הערשעלען אין אויער, — וועלן מיר נאָר רופֿן אויף דער כאַסענע... — יוסעף האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דינע גופֿל פֿונעם ייִנגל און אים צוגעצויגן צו זיך.

— מיר איז ציקאַווע צו וויסן, וואָס נאָך שטויסט זיך אָן אונדזער פּיצינקע הערשעלע.

און דאָס פּיצינקע הערשעלע האָט אים אַלץ אַרויסגעלייגט קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, אַזוי אַז יוסעף האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָנכידעשן. וואָס זשע, ער ווייסט ניט, אַז יענע נאַכט, ווען כאַנע מיט דינען האָבן אים געבראַכט אַהער אַ פֿאַרוווּנדעטן, האָט מען אָפּן לעדער־זאַוואָד אַרעסטירט צוועלף גאַרבער פֿון דער זאַלניע? ער ווייסט ניט, אַז יוסעף האָט זיך דעמלט קוים אַרויסגעריסן פֿון די פּעטליוריסקע לאַפּעס, אַז מע האָט אים נאָכגעשאָסן און פֿאַרוווּנדעט אין דער דיך? און הערשעלע האָט אים אויסגעמאָלט מיט טויזנט פּראַטים, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען. יוסעף האָט געהערט און דערבײַ געטראַכט, אַז ער אַליין וואָלט ניט געקענט בעסער דערציילן די געשיכטע, אַזוי אויסמאָלן זי, ווי דאָס יאַטל האָט זי אויסגעמאָלט. טאַקע עמעס, דער הימל איז באַדעקט געווען מיט שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן אײַנגעשלונגען אַלץ אַרום. אַ שטאַרקער ווינט איז מיט קאַס אָנגעפֿלויגן און אונטערגעכאַפּט די אויסגעשרייען: סטאָי! סטאָי! ס'איז טאַקע עמעס, אַז ער, יוסעף, איז געלאָפֿן און ניט געוווּסט, וווּהין ער לויפֿט. „סטאָי! סטאָי!" — האָבן די פּעטליוראָווצעס ווידער און ווידער געשריגן, און עטלעכע שאָס — איינער נאָכן אַנדערן — האָבן דורכגעהילכט. שוין שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער ווינט האָט צעטריבן די וואָלקנס אין הימל און אַ קאַלטע לעוואָנע האָט זיך געלאָזט, ווי אַ שפּיק, נישטערן איבער אַלע ווינקעלעך פֿון דער שטאָט, האָט יוסעף זיך דערזען לעבן דינעס קראָם. ער האָט גאָרניט געוווּסט, אַז ער האָט זיך געלאָזט אַהער, די פֿיס האָבן אים אַליין געבראַכט צו כאַנקען...

— פּונקט ווי דו וואָלסט געווען דערבײַ, — האָט יוסעף געלאַכט, — און פֿונוואַנען ווייסטו?

— ניט געזען און ניט געהערט, אַלץ אַליין זיך צוגעקלערט, — האָט דאָס ייִנגל אויסגעזונגען.

אַלץ איז גוט, אָבער איין זאַך דאַרף יוסעף אויסנעמען מיט אים: קיין פּיפּס פֿאַר קיינעם ניט טאָן. קיינער טאָר ניט וויסן, אַז ער, יוסעף, געפֿינט זיך דאָ.

אויף אַלעמען וואָלט ער עס געגלייבט, נאָר אַז יוסעף זאָל זײַן אַ לעקיש, אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכנט... שווײַגן! אוואַדע שווײַגן, נאָר וואָס איז די פּולע דערפֿון? „אויב עס ווייסט איינע, — זאָגט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, — ווייסט די שכיינע". ער מיינט אוואַדע, יוסעף, אַז ריווקע מיט אירע הינדעלעך און מינדעלעך זײַנען בלינדע. אָבער שרעקן זיך פֿאַר זיי איז ניטאָ וואָס. זי האָט טאַקע אַ מויל אויף שרײַפּעלעך, ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, נאָר אַז מע דאַרף, קאָן זי האַלטן די צונג הינטער די ציין.

מערסטנטייל איז איצט הערשעלע איינער אַליין אין שטוב. נאָך מיט אַ וואָך צוריק האָט יוסעף זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם בעט, אַרופֿגעצויגן אויף זיך דאָס אָנטאָן און געגומען שפּאַנען איבערן צימער. פֿון אָנפֿאַנג האָט ער זיך אַלעמאָל אָנגעכאַפּט פֿאַר דער וואַנט, פֿאַרן שאַפֿקעלע, פֿאַר וואָס עס האָט זיך געמאַכט, דערבײַ זיך אַזוי פֿאַרקרימט, אַז הערשעלען האָט זיך געוואָלט לאַכן. נאָר יוסעף האָט אַליין געלאַכט, הילכיק און פֿריילעך.

— כאַ־כאַ־כאַ! ווען מיר זיך?! — האָט ער געקוועטשט הערשקעס הענטל. — וועטן מיר זיך, אַז מער וועל איך זיך אַפֿילע ניט פֿאַרקרימען?

און הערשעלע האָט אים נאָכגעשפּירט — אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם. זיך געוואָלט אָנשטויסן, ווען דער ווייטעק כאַפּט אים אָן, יויסעפן, און ווען ער לאָזט אים אָפּ. ערשט איצט האָט ער געזען, סאַראַ געזונטער און שיינער אָט דער יויסעף איז. יויסעף, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז מיט עפּעס ענלעך אָף זײַן טאַטן, אָף נאָטע דעם מוליער. זיי האָבן אויסגעזען, ווי צוויי ברידער, כאָטש יויסעפס ליכטיקע האָר און זײַנע ליכטיקע אויגן האָבן אים ענלעך געמאַכט צו אַ רוסישן. און ייִנגער פּונעם טאַטן איז ער אָף אַ סאַך — אָף אַ יאָר פערצן־פופצן, — האָט הערשעלע געמאַכט דעם כעזשבן, — הייסט עס, אַז ער איז אַלט פיר־פינף און צוואַנציק, און כאַנקען וועט אין אַ כוידעש אַרום, אין יון, ווערן נײַנצן...

ער האָט אַליין ניט געוווּסט, צוליב וואָס מאַכט ער דעם דאָזיקן כעזשבן, דאָך האָט ער אים געמאַכט — איין מאָל און אַ צווייט מאָל. כאָטש די שוועסטער, כאַנקען, האָט ער ליב געהאַט, האָט זיך אים פונדעסטוועגן געדאַכט, אַז זי פּאַסט ניט פאַר אַזאַ יויסעפן, אַז עס קאָן זיך נאָך מאַכן, אַז יויסעף זאָל זיך באַטראַכטן און פאַרט נעמען דינען. ער זאָגט אומיסטן, אַז זי איז אַן אַלטע. ס׳איז ניט עמעס! זי איז דאַפקע אַ שיינע און אַ פריילעכע דערצו.

איינעם אַ שיינעם טאָג איז צו יויסעפן געקומען לייזער גרינבערג דעם פּאַפּיראָסנמאַכערס און פאַרנומען אים מיט זיך. ווײַזט אויס, אַז זיי זײַנען ביידע אַוועק אָפן לעדער־זאַוואָד. פאַר יויסעפן איז עס געווען געפערלעך, אַזוי האָט הערשעלע פאַרשטאַנען, ווײַל די פּאָליאַקן און די פּעטליורעס האָבן געגנישטערט איבער דער שטאָט, ביפראַט נאָך אָפן לעדער־זאַוואָד. נאָר יויסעף איז געווען אַ שטעלער.

איצט איז הערשעלע אײַנגאַנצן פאַרבליבן איינער אַליין. זינט דער טאַטע האָט זיך געגנומען אופשטעלן די אויוונס, וואָס דער פּאָדריאַטשיק יאָנטיע פּײַערמאַן האָט באַ אים באַשטעלט פאַר דער גאַרניזאָן־בעקערײַ, זעט מען אים גאַרניט אין שטוב. הערשעלע האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט דינע, די אַפּטייקערשע, געפּועלט באַם פּאָדריאַטשיק, אַז די אויוונס זאָל מאַכן דער טאַטע.

שפּעט אַפּדערנאַכט, ווען הערשעלע ליגט שוין אין בעט, כאַפּט זיך אַראָפּ כאַנקע. זי נעמט אָף איר שטייגער גיך־גיך זיך פּאָרקען אָפן פּריפּעטשעק, לאָזט איבער אָפן טיש פאַר הערשעלען אַ פּאָר געקאָכטע אייער, אַמאָל אַ דאַרע טאַראַנקע, ברויט און נאָך עפּעס. און ריווקע די קורעלאַפּניטשקע האָט זיך אויך געמאַכט אַ מאָדע פאַרופן אים צו זיך. זי באַזעצט הערשעלען צוזאַמען מיט איר כאַליאַסטרע באַם טיש. ער דאַרף זיך ניט שעמען, — טײַנעט זי, — זאָל ער עסן געזונטערהייט, ס׳איז ניט קיין פרעמדס, דאָס האָט דער טאַטע איר געגעבן געלט, זי זאָל קויפן פאַר הערשעלען, וואָס מע דאַרף, אַזוי אַז שעמען זיך איז ניטאָ וואָס.

...און שפּעטער, ווען דער פרילינג האָט זיך אָפּגעמעסן צעשפּילט און צעהוליעט, ווען דער גנילאָפּיאַט איז אַרויס פון די ברעגן און פאַרטרונקען אַ האַלבע לעוואָדע, ווען הערבערט מוציס קופּאַלניע, וואָס איז געשטאַנען אָפן פליטקע ברעג פון טײַך, באַם סאַמע סאָד, איז העכער האַלב פאַרטרונקען געוואָרן, זײַנען ביידע, כאַנקע מיט יויסעפן, געקומען אַהיים און כאַפּנדיק, איינס־און־צוויי, געגנומען צונויפפּאַקן זייערע שמאַטקעס — קליידלעך און בלוזקעלעך, דער מאַמעס ווינטערדיק פליסן רעקל, יויסעפס גרויסע שטיוול, זײַנעם אַ באַראַשקעווע יאָלעם און אַנדערע זאַכן.

באַ ביידע אויערלעך פונעם זאַק, אין וועלכן זיי האָבן צונויפגעוואָרפן דאָס אָנטאָן, האָט כאַנקע צוגעניייט די עקן פון אַ לאַנגער קרײַקע, מיט וועלכער זי האָט נאָכדעם פאַרבונדן און פאַרצויגן די טשופּרינע פונעם אָנגעטאַסעוועטן זאַק — אַזוי וועט מען אים קאָנען נעמען אָף דער פּלייצע און טאַסקען אַפילע ביזן גאַניידן.

נאָר אומזיסט איז געווען כאַנקעס טירכע. יויסעף האָט אויסגעשאָטן אַלץ פונעם זאַק אָפן פּאָל, אָפּגעקליבן בלויז עטלעכע נייטיקע זאַכן און צוריק אים פאַרבונדן.

— אָט אַזוי וועט זײַן גרינגער, — האָט ער געלאַכט. כאַנקע האָט זיך געפּרוווט שפּאַרן מיט אים, נאָר בײַשטיין זײַן גוטן געלעכטער ניט געקענט.

הערשעלע האָט נאָכגעקוקט כאַנקעס געשיקטע באַוועגונגען, איר געהאַלפן אופזוכן פאַרשיידענע קלייניקײַטן, וואָס זײַנען ערגעץ פאַרוקט געווען, — כאַנקעס אַ רונד קעמעלע פאַר די האָר, אַ גלאַנצנדיק שפּילקעלע, ווי אַ שלענגל, וואָס מע טוט אָן לעבן האַלדז אָפן בלוזקעלע. ער האָט איר נאָכגעקוקט און ניט געפרעגט ניט באַ איר און ניט באַ יויסעפן, וווהין זיי קלײַבן זיך... ניט געפרעגט, ווײַל ער האָט עס אַליין געוווּסט. פאַר אים איז נאָך בעסער, וואָס זיי האַלטן אים פאַר אַ מעלופּם־קינד, אַז ער ווייסט ניט וווּ־אַײַן און וווּ־אויס... עפּשער, ווען זיי וואָלטן נעכטן באַנאַכט געוווּסט, אַז ער שלאָפט ניט, וואָלטן זיי זיך ניט געוואָרפן מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „וואָלינסקי רעווקאָם, ראַזוועד־אָופּר, באָגונסקע פּאָלק, סאַרנע, יאַווקע, שטאַבאַרם...״ אוואַדע זײַנען זיי זיכער געווען, אַז אים, הערשעלען, קאָן מען אוועקטראָגן אָף דער



צענטער גאס, וועט ער זיך אויך ניט אופכאפן... און ער האָט ניט נאָר געהערט, נאָר אפילע געזען, געזען אפילע, ווי זיי קושן זיך. מע זאָל אים הארגענען, וואָלט ער קיינמאָל קיין קוש ניט געטאָן קיין מיידל.

און דער טאטע האָט שוין אויך געוווּסט, אז כאנקע פאָרט אוועק מיט יויסעפן. ער האָט זיי אפילע אליין אונטערגעײַלט — מוירע געהאט, אז עמעצער קאָן זיי מאסערן, און מיט די פוילישע פליאקעס אָדער מיט די פּעטליורישע טשופּרינעס איז בעסער ניט אָנצוהייבן זיך. דעם טאטן האָט פארדראָסן, וואָס מ׳האָט ניט באוויזן שטעלן קיין כופּע. ניט אזוי פאר אים, — האָט ער זיך פארענטפערט, — ווי פאר מענטשן, וואָס דארף ער, מע זאָל פלאפלען... און כאנקע מיט יויסעפן זײַנען אוועקגעפאָרן. געפאָרן אף א פור, צי מיטן באן, צי גאָר געגאנגען צופוס, דאָס קאָן ער ניט זאָגן, הערשעלע, ער האָט נאָר געוווּסט, אז פון סארנע צי פון אָליעווסק וועלן זיי דורך א מענטשן געבן צו וויסן וועגן זיך.

גאנצפרי האָבן זיי ביידע זיך געזעגנט מיטן טאטן. כאנקע האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ס׳איז איר פריילעך און גוט אפן הארצן, זי איז עטלעכע מאָל צוגעלאָפן צום טאטן, אים ארומגענומען ארום האלדז, אויסגעגלעט מיט די פינגער די געדיכטע ברעמען זײַנע, ער זאָל זיך ניט כמורען אזוי. דערנאָך צוגעשפרונגען צו זײַן, צו הערשעלעס, געלעגער, עפּעס ארונטערגערוקט אונטער דער קישן... סאָפּקאָלסאָף האָט יויסעף אָנגעטאָן אף זיך די ליאמקעס פונעם אויסגעמײַסטרעוועטן רוקזאק און זיך געלאָזט צו דער טיר. פון דאָרט האָט ער אומגעריכט געמאכט דרײַ גרויסע שפאן צו הערשעלעס געלעגער און הויך אף א קאָל, קימאט אויסגעשריגן: „פארבלײַב געזונט, רעב הערש!״

הערשעלע איז ארויפגעשפרונגען פונעם בעט, פונקט ווי מע וואָלט אָפּגעשפיליעט אן אָנגעצויגענע פרוזשינע, און ארומגעכאפּט יויסעפן פאר די פיס, דערבײַ האָט ער זיך אײַנגעגראָבן מיטן פּאָנעם אינעם זאק, וואָס יויסעף האָט שוין געהאלטן אף דער פּלייצע, אז קיינער זאָל ניט באמערקן די טרערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אים אין די אויגן.

...דעם אנדערן אפדערנאכט איז ארײַנגעקומען לייזער גרינבערג, דעם פּאפּיראָסנמאכערס זון. ער האָט רוּקז זיך צוגעזעצט צום טיש און געזאָגט צום טאטן עטלעכע געציילטע ווערטער און זיך גלײַך גענומען געזעגענען. דער טאטע האָט אים שטארק געדריקט די האנט און באדאנקט פארן גרוס. בא דער טיר האָט לייזער זיך אָפּגעשטעלט, א ווונק געטאָן צו הערשעלען און ארופגעלייגט דעם צײַגפינגער אף די פארשלאָסענע ליפּן — ס׳הייסט, קיינעם קיין וואָרט! הערשעלע האָט שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ — ער פארשטייט, וואָס איז ער, א מעלופּם־קינד?

פון זינט כאנקע מיט יויסעפן זײַנען אוועקגעפאָרן פון דער היים, האָט דער טאטע זיך געמאכט א מאָדע פארקערעווען פון דער ארבעט צו דינע דער אפּטייקערנס קראָם. פון אָנפאנג פלעגט ער זיך פארהאלטן ניט אף לאנג, אויסגעטרונקען א קופל צי צוויי קופל ביר, און הײַדא אהיים, דער זון ווארט דאָך אף אים, קוקט שוין ארויס דורכן פענצטער. אָבער די לעצטע וואָכן האָט ניט איין מאָל געטראָפן, אז הערשעלע איז אײַנגעשלאָפן אין אָנטאָן און זיך טאקע ניט דערווארט אפן טאטן: ווען האָט ער זיך אומגעקערט, האָט דאָס יינגל ניט געקאָנט זיך דערקונדיקן — אפדערנאכט צי ערשט אינדערפרי?

איינעם א באנאכט האָט הערשעלען אופגעוועקט פון שלאָף א ווילדער געשריי. ערגעץ גאָר נאָענט האָט א פרוי געשריגן גוואלד, פון אָנפאנג הויך און איימעדיק, דערנאָך שטילער, שטילער, ביז זי איז אינגאנצן אנשוויגן געוואָרן. ערשט דעמלט האָט דאָס יינגל זיך דערשראָקן

און געגומען רופן דעם טאטן. קיינער האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופן. „טאטע! טאטע! — האָט הערשעלע געשריגן. — טאטע!..״

אין שטוב איז געווען פינצטער, אָבער הערשעלעס אויגן האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער כאשכעס און ער האָט אַלץ געזען. אָט האָט זיך געעפנט די טיר, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ריווקע די קורעלאַפּניטשקע, זי איז געווען פאַרוויקלט אין דער סטאַליעטנע קאַל־דרע, אירע האָר, צעפּאַטלטע און סטאַרטשענדיקע, האָבן אין דער פינצטערניש געמאַכט זי ענלעך אַף א ווילדער באַשעפעניש, וואָס גייט אַרום צו כאַלעם.

— האָסט זיך דערשראָקן, הערשעלע? — האָט זי שטיל, מיט א ראַכמאָנעס־קאָל געפרעגט. — מיר זאָל זײַן פאַר דײַן האַרץ, האָב קיין מוירע ניט. דאָס ראַבעווען די פּעטליורעס. אָבער איצט שרײַט שוין קיינער ניט. און דער טאטע איז אַף דער אַרבעט, ווייסט דען ניט?

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט א דונער געטאָן א ווילד קאָל, אַזוי, אַז די קורעלאַפּניטשקע איז שיר ניט געפאַלן כאַלאַשעס. און ווידעראַמאָל: — כאַ־כאַ־כאַ! אַוואַדע אַרבעט ער, דער טאטע זײַנער, מיט דער אַלמאָנע. ס׳איז ניט קיין שלעכט שטיקל אַרבעט!..

ערשט איצט האָט הערשעלע זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז אַווראָם־איציע, דער שוסטער, ריווקע דער קורעלאַפּניטשקעס איידעם. נאָר וואָס לאַכט ער אַזוי ווילד? זיך שוין ווידער אָנגעזשליאָקעט?

ווי א שוואַרצער שאָטן האָט ריווקע געטאָן צוויי שפּרינג צו דער טיר, אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם שיקערן איידעם פאַרן קאָלנער און אים אַרויסגעשטופּט פון שטוב. די קאָלדרע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע אַקסל, איז געבליבן ליגן אַפן פּאָל, ווי א שוואַרצע הויט, פון וועלכער די קורעלאַפּניטשקע האָט זיך אויסגעטאָן. אין א מינוט אַרום, ווי נאָר זי האָט זיך ספּראַוועט מיטן איידעם, האָט זי זיך אומגעקערט, ווידער אָנגעטאָן אַף זיך די קאָלדרע און מיט פאַרזיכטיקע טריט צוגעגאַנגען צום ייִנגלס געלעגער.

— וואָס הערסטו אים, נארישער קאָפּ? א שיקער פלאַפּלט, — האָט זי צונישט געמאַכט די גאַנצע געשיכטע.

דערוואַקסענע זײַנען טאַקע נאַראָנים, זיי מיינען, אַז קינדער פאַרשטייען גאָרניט...

פון דעמלט אָן האָט הערשעלע מער שוין קיינמאָל ניט געשריגן — ניט באַנאַכט און ניט באַטאָג. ווען דער טאטע האָט ניט געגעכטיקט אין שטוב, פלעגט דאָס ייִנגל אַפן אַנדערן טאָג אוועקלויפן צום גרינעם באַרג, ווו דער טאטע האָט אופגעשטעלט די אויוונס פאַר דער סאָל־דאַטסקע בעקערײַ, זיך אופהייבן אַף די הויפנס ווײַסע פײַער־ציגל און פון דאָרט א פּאַכע טאָן מיטן היטל צום טאטן, וואָס איז געווײַנלעך געשטאַנען אַף די רישטאָוואַניעס. דער טאטע פלעגט דעמלט א פריידיקן שמייכל טאָן צום זון מיט אַלע זײַנע ווײַסע איבערגעקליבענע ציין, אוועקלייגן די קעלניע אַף דער וואַנט און פלינק אַראָפּשפּרינגען צו אים.

ער האָט געוווּסט, הערשעלע, אַז דער טאטע איז צופרידן, וואָס ער איז געקומען פּונקט צו דער צײַט, צום וואַרמעס. איינער פון די פינף סאָלדאַטן, וועלכע מע האָט אים צוגעשטעלט אַלס געהילפן, איז שוין אוועקגעלאָפן צו דער קאַזאַרמע — באַלד וועט ער ברענגען צו טאַסקען צוויי פולע עמער מיט געשמאַקן באָרשטש און מיט קאַשע — די פינגער אָפּצולעקן! דערבײַ האָט דער טאטע מיטן קולעק א פּיר געטאָן אונטער איין וואָנציע, דערנאָך אונטער דער צווייטער, און א צופרידענער זיך צעלאַכט הויך אַף א קאָל.

הערשעלע האָט געוווּסט, אַז דער טאטע איז איצט טאַקע גליקלעך. אָט וועט דער זון עסן מיט אים באָרשטש. עפּעס האָט ער זיך געלויכטן, דער טאטע, די פריילעכקײַט האָט געשפּילט אין יעדער אייווער זײַנעם. עפּשער איז דאָס דערפאַר, וואָס ער זיצט מער ניט מיט קיין פאַרלייגטע הענט און דאַרף ניט וואַרטן, אַז עמעצער זאָל אים אַרײַנברענגען א שטיקל ברויט. „אַפילע פון די הענט פון אָן אייגענער טאָכטער איז דער ביסן ביטער, ווי גאַל״, — האָט דער טאטע אַמאָל געזאָגט צו ריווקען דער קורעלאַפּניטשקע.

פאַרשטייט זיך, אַז ער וואָלט זיך ניט מוידע געווען, הערשעלע, מע זאָל אים אַפילע מיימעסן, נאָר ער ווייסט אַלץ... ער האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער שיקערער אַווראָם־איציע, ריווקעס איידעם, האָט דעמלט באַנאַכט געשריגן און פאַרוואָס ער האָט אַזוי געלאַכט. נאָר ער וועט זיך ניט אַרײַנמישן. ער ווייסט דען ניט, אַז דערוואַקסענע האָבן ניט ליב, ווען קינדער מישן זיך אין זייערע אייסאָקים?

לויט אַלע סימאָנים האָט דער טאטע שטאַרק געוואָלט, אַז דער זון זאָל וויסן, סאַראַ גוטע אָט די דינע איז.

— נאָך דער אַרבעט, — האָט ער געגעבן צו וויסן דעם זון, — וועט ער אים ברענגען א פּאָר שטיוולעך — אָן אַנטיק! דאָס האָט דינע זיי אים נאַרײַעט. אַזעלכע שטיוועלעך האָט הערשעלע אַפילע קיינמאָל ניט געזען. פּאַשעט א פּאָר ליאַלקעס!

דער טאטע האָט זיי טאקע געבראכט, די ליאלקעס. שטיוועלעך מיט דינע שאוואָרווע כאָלעוועלעך, מיט שווארצע טאשמענע אויערלעך — שפאָגל־נײַע, די פאָדעשוועס האָבן געגלאנצט, ווי א שפיגל, מאמעש א שאָד געווען זיי אראָפשטעלן אפן פאָל.

אָפט פלעגט דער טאטע ברענגען פאר הערשעלען עפעס געשמאקס פארוויקלט אין באבולע־פאפיר צי אין א נאָזטיכל — א שטיק קאָרענעם לעקעך, וואָס דינע האָט אליין אויסגעבאקן און געשיקט נאָר פאר אים, פאר הערשעלען, קיכעלעך מיט מאָן אָדער געווירענע קיכלעך, צי גלאט געפראזשעטע יאָדערן, און אלץ פאר אים, פאר הערשעלען... אוודע איז זי א גוטע, און א שיינע אויך, — האָט הערשעלע באשלאָסן.

און ווען ער האָט געהערט, ווי ריווקע די קורעלאפניטשקע רופט אָן דינען ניט מיט קיין שיינע ווערטער, האָט עס אים פארדראָסן אף דער שכיינע.

— זי וועט זיך אָנטישען, אָנטישען און אים אוועקווארפן, ווי נאָר זי וועט אונטערכאפן אן אנדערן, ער איז בא איר ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, א נעקייווע בלײַבט א נעקייווע! — אזוי האָט זי, די קורעלאפניטשקע, אײַנגעטײַנעט מיט איר עלטערער טאָכטער מינדל, מיט אווראָם־איציעס ווײַב, וועלכע איז געווען אין איינע יאָרן מיט כאנקען און האָט שוין געהאט א קינד פון העכער א יאָר.

עמעס, די קורעלאפניטשקע איז רויט געוואָרן, ווי א צוויק, ווען זי האָט באמערקט, אז הערשעלע שטייט דאָ דערנעבן און הערט אלץ. זי האָט זיך אָבער גלײַך בארויִקט. ס׳מאכט ניט אויס, א יינגל פון צוועלף יאָר מעג שוין וויסן.

אן אנדערער אף זײַן אָרט וואָלט געוויס עפעס אָפגעענטפערט, נאָר הערשעלע האָט פארשוויגן — דאָס מאָל, און נאָך אמאָל, און א סאך מאָל. דעמלט האָט ריווקע די קורעלאפניטשקע באשלאָסן, אז הערשעלע איז אין אזעלכע זאכן נאָך גאָר א קעלבל...

דער סאָלדאט האָט ווירקלעך געבראכט צוויי ווײַס־עמאלירטע עמער מיט קאשע און מיט באָרשטש. ער האָט זיי אוועקגעשטעלט, די עמער, אף א נידעריק קלייטעלע פון רויטע ציגל, און אף א צווייט קלייטעלע, א ביסעלע א העכערס, וואָס האָט געדינט פאר א טיש, אויסגעשטעלט זעקס היפשע מעטאלענע שיסעלעך, אין וועלכע ס׳האָבן געשטעקט הילצערנע לעפל. דער סאָלדאט, וואָס האָט געבראכט דאָס עסן, האָט אראָפגענומען דאָס דעקל פונעם עמער מיט באָרשטש, פון וועלכן ס׳האָט א זעץ געטאָן א זויערלעך־געשמאקער גערוך. דערנאָך האָט ער מיט א גרויסער קאכליע א מיש געטאָן דאָס געדיכטע דופטיקע געקעכץ און אזש א שמאָטשקע געטאָן פון פארגעניגן מיט די ליפן. ביז ער האָט צעגאָסן דעם הייסן באָרשטש אין די מעטאלענע שיסעלעך, האָבן די איבעריקע פיר סאָלדאטן זיך באוויזן ארומוואשן אונטערן קראנט, וואָס האָט געסטארטשעט פון דער ערד, טאקע דאָ ניט ווײַט — ניט מער ווי א פופצן שפאן פונדאנען. דער סאָלדאט — דער קעכער האָט מיט א פריילעכן ווונק פון די בלאָווע אויגן איבערגעגעבן זײַן לעפל מיטן שיסעלע הערשעלען און דערבײַ אָנגעוויזן אפן עמער, ס׳הייסט, אז ער, דער סאָלדאט, וועט זופן מיט אָט דער גרויסער קאכליע גלײַך פונעם עמער. דער טאטע האָט א שאָקל געגעבן מיטן קאָפ, אז הערשעלע זאָל זיך ניט אָפזאָגן און טאָן אזוי ווי מע הייסט אים.

אך, סארא געשמאקער באָרשטש דאָס איז געווען! מיט קארטאָפליעס, מיט קרויט און מיט פלייש, און די קאשע!.. פאר איינע צען מינוט זײַנען ביידע עמער פוסט געוואָרן.

אָבער די גאנצע צײַט בייסן עסן האָבן הערשעלען, ער ווייסט אליין ניט פארוואָס, זיך געבאָמבלט אין קאָפ די באנאכטיקע גוואלד־געשרייען. אָט די דאָזיקע סאָלדאטן, האָט ער סאָפקאָלסאָף זיך דערטראכט, גייען באנאכט ארום איבער די הײַזער שלאָגן און מיימעסן וועמען עס מאכט זיך... דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האלדז. ער האָט פלוצעם א שטויס געטאָן די שיסל, אוועקגעוואָרפן די לעפל און געבליבן זיצן מיט אן אראָפגעלאָזטן קאָפ. די סאָלדאטן האָבן געכאפט א קוק אפן מײַסטער, אפן טאטן, דערנאָך אפן זון און ניט פארשטאנען, וואָס איז געשען — ניט געפעלן געוואָרן דאָס סאָלדאטסקע עסן? זיי זײַנען צוגעשטאנען צו אים, ער זאָל זאָגן כאָטש א וואָרט, נאָר ער האָט געשוויגן. אן אקשן בלײַבט אן אקשן...

כאָטש דער טאטע האָט אים פארזיכערט, אז די דאָזיקע סאָלדאטן, זײַנע געהילפן, זײַנען לײַטישע כעווירע, אז זיי טשעפען קיינעם ניט, ניט זיי ראבעווען און גאזלענען, אז דאָס טוען אומלײַט, — דאָך האָט ער ניט געקענט איבערשפארן דעם זון...

אינמיטן מײַ, ווען די אויוונס זײַנען שוין פארטיק געווען און דער טאטע האָט גענומען באקן ברויט פאר די סאָלדאטן, פלעגט הערשעלע אלע אינדערפרי קומען צו לויפן אפן גריינעם בארג, צו דער בעקערײַ, און דער טאטע פלעגט אים דורך א שמאָל פענצטערל דערלאנ־

געז א לענגעכיק ווארעם ברויט, אן אויסגעבאקנס אין א בלעכן בעקעלע. א שווער און פריש ברויט, אן איַינגעוויקלטס אין א ציכטיק־וויַיס פּילקעלע.

דעם טאטן האָט געפּאסט דער וויַיסער טשיפּעק און דער וויַיסער פאַרטעך. די שווארצע וואנציעס זיַינע און אויך די ברעמען זיַינען שטענדיק געווען באַ אים צוגעפּודערט מיט מעל־שטויב, די באקן, צוגעפּלאמטע פונעם הייסן אויוון, האָבן אים צוגעגעבן כיין און אן אויסזען פון שפּרודלדיקער פרישקיַיט. איצט איז ער שוין גאָר זעלטן געקומען נעכטיקן — די אויוונס האָבן געברענט קיַילעכדיקע מעסלעסן, און ס'איז אומעגלעך געווען אלע טאָג דורכ־מאכן פינף־זעקס ווערסט צום גרינעם בארג און דאָס זעלבע צוריק. ער איז אזוי אויך גע־שלאָפן ניט מער, ווי א פּאָר שעה פאר דער נאכט. הערשעלע האָט געוווּסט, אז אויך צו דינען אין קראָם קומט דער טאטע איצט זעלטן. פון דער שכיינעס, פון ריווקע דער קורעלאפּ־ניטשקעס, אַנצוהערענישן האָט ער פאַרשטאנען, אז דינע קומט איצט אליין צו לויפן צום טאטן אפן גרינעם בארג.

און פונוואנען ווייסט זי דאָס אלץ, אָט די ריווקע?! און דעריקער, וואָס זי טראכט קיין זאך ניט אויס! ער האָט זיך, הערשעלע, שוין ויפל מאָל איבערציַיגט, אז אלץ, וואָס זי זאָגט, די קורעלאפּניטשקע, איז ריינער עמעס. אנומלטן האָט ער, לויפנדיק צום טאטן אין בעקעריַי, זי באגעגנט, דינען, לעבן דער בעקעריַי. זי האָט אים אָפּגעשטעלט, אויסגעפרעגט, וואָס ער מאכט, צי איז אים ניט אומעטיק איינער אליין, און אים מאמעש געבעטן אריַינקומען צו איר, ער וועט זיַין אן אָנגעלייגטער גאסט, האָט זי פאַרזיכערט. אומבאַדינגט זאָל ער קומען. דער־בײַ האָט זי אים אריַינגעקוקט אין פּאָנעם און ניט אופגעהערט צו שמייכלען, געזאָגט אים, אז ער איז א שיין באָכרל, אינגאנצן דער טאטע מיט די ביינער.

הערשעלע איז שוין געוווינט געוואָרן צו זיַין אליין. עמעס, ווען ניט ריווקע די קורע־לאפּניטשקע, וואָלט געווען ביז גאָר שלעכט, נאָר זי, די שכיינע, האָט אים ניט געלאָזט פאלן. זי האָט געוווּסט, ווען ער איז הונגעריק און ווען שלעפעריק. זי האָט אים ניט ארויסגעג־לאָזט פון איר אופזיכט ניט באטאָג און ניט באנאכט. וואָלט הערשעלע נאָר וועלן, וואָלט ריווקע ניט דערלאָזט, אז אזא ייִנגל זאָל בליַיבן אליין אף באנאכט אין שטוב. וואָס איז? איר מינדל מיטן מאן און מיטן קינד קאָנען ניט שלאָפן אין כאנקעס בעט? נאָר אז ער וויל ניט, הערשעלע, דארף מען ניט. ער איז געוווינט, זאָגט ער, צו זיַין אליין.

5

הערשעלע איז נאָך געשלאָפן, ווען דינע האָט אָנגעקלאפּט צו אים אין לאָדן, וויַיזט אויס, אז די פרוי האָט געוואָלט, אז קיינער פון די שכיינים זאָל זי ניט באמערקן.

דאָס ייִנגל איז א צעטומלטער אראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער: עפּשער כאנקע? — איז אים דורכגעלאָפן א געדאנק. ער האָט איַילנדיק ארופגעצויגן אף זיך די קורצגעוואָרענע מאַט־קעס, אופגעשטעקט דעם פּראָכעל פונעם לאָדן און אף די שפּיץ פינגער זיך געלאָזט צו דער טיר, — אויב כאנקע אָדער יויסעף, דארף מען זיך היטן פון א זיַיטיקן בליק, קיין גוט־אויג זאָל ניט שאטן. אָבער ווי נאָר ער האָט ארויסגערוקט די נאָז פונעם פירהויז, האָט ער פאַר־שטאנען, אז ס'איז ניט דאָס. אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצע אין דער וואנט, אזוי, אז מע זאָל זי ניט זען פון ריווקע דער קורעלאפּניטשקעס פענצטער, איז געשטאנען דינע. דערזען הער־שעלען, האָט זי געמאכט א סימען — מיטן וויַיז־פינגער באַ די ליפּן. — ער זאָל שוויַיגן, און מיט גרויסע שפּאַן געלאָזט זיך אים אנטקעגן. די שפּיצן פון דעם שווארצן ציגיַינערשן טיכל מיט די גרויסע רויטע קוויַיטן, וואָס זי האָט געטראָגן אף די אקסל, האָבן דערגרייכט קימאַט ביז דער ערד.

זי איז שטיל און איַילנדיק אריַין אין שטוב, צוגעוואַרט, ביז דאָס ייִנגל איז איבערגע־טראָטן די שוועל, פאַרמאכט נאָך זיך די טיר און ארופגעלייגט דאָס קייטל. א דערשטוינטער האָט הערשעלע געקוקט אף דער פרוי און ניט געוווּסט וואָס צו פרעגן און וואָס צו זאָגן.

א מידע און עפּעס א דערשראָקענע האָט דינע זיך אראָפּגעלאָזט אף א בענקל און הילפּ־לאָז אויסגעצויגן ביידע אנטבלויזטע הענט איבער דער ברייט פונעם טיש.

איצט האָט מען טאקע געקאָנט זען, אז די דאָזיקע אלמאָנע, דינע, די אפּטייקערן, איז אינדערעמעסן ניט אזוי יונג, יויסעף איז געווען גערעכט. די טונקל־פאַרניטעוועטע הויט באַ די אויגן און ארום מויל האָט זיך צונויפגעצויגן אין דינע קנייטשעלעך, פּונקט ווי זי וואָלט אף צו א לאנגער צײַט אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעם אונטער דער בראָטנדיקער זון. אויך די אויגן

אירע האָבן אָנגעוווירן דעם גלאַנץ — אָט־אָט וועלן זיך פון זיי אַ גיס טאָן טרערן. וואָס איז געשען?.. זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט אָפּגעטרייסלט פון זיך עפּעס אַ שווערע מאַכשאָווע, וועלכע האָט איר געפּלאָנטערט די געדאַנקען. אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אַזוי אַז די שוואַרצע האָר, אין אײַלעניש צוגעקעמטע און פאַרשטעקטע מיט האַרנאָדלען, זײַנען זיך צעפאַלן און פאַרדעקט דעם אַנטבלויזטן האַלדז.

— הערשעלע, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ בעטנדיקן קאָל, — זאָג מיר, הערשעלע, אָבער דעם ריינעם עמעס, דאָס איז זייער נייטיק, פון כאַנקען האָט איר באַקומען בריוו? אויב איר האָט עפּעס אַ פּאַפּירל פון איר אין שטוב, דאַרף מען דאָס גלײַך פאַרברענען. — זי איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן שוין אָפּטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט.

דאָס ייִנגל האָט אַ מעוווּלוועלער נאָכגעקוקט אירע נערווועזע באַוועגונגען. וואָס איז געשען? ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט באַטײַט: ניין, קיין בריוו האָבן זיי ניט באַקומען...

דינע האָט אויך אויסגעפרעגט, צי קיינער פון יויסעפּס כאַווײרים זײַנען דאָ ניט געווען. נאָר הערשעלע האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך דאַפּקע דערמאָנט, אַז גלײַך אָפּן אַנדערן טאָג, ווי זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן, כאַנקע מיט יויסעפן, איז אַרײַנגעקומען לייזער גרינבערג דעם פּאַפּיראָסניקס, נאָר באַלד וועט ער איר גיין זאָגן! אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט דאָס ייִנגל געמאַכט צוויי שפּאַן צום טיש און געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם ניט־געבעטענעם גאַסט. די געדיכטע ברעמען זײַנע זײַנען פון אָנשטרענגונג זיך צונויפגעגאַנגען איבער דער נאָז. ער האָט בייז אַ קוק געטאָן אָף איר און בייז געפרעגט:

— וואָס איז? וואָס דאַרפט איר דאָ?!

זי איז אופגעשפּרונגען פונעם בענקל, אַרײַנגעכאַפּט די צעפאַלענע האָר איןביידע אופגעהויבענע הענט און אויך בייז אויסגעשריגן:

— וואָס איך דאַרף?! דעם טאַטן דײַנעם האָט מען אַרעסטירט!

— אַרעסטירט? — האָט ער איבערגעפרעגט. נאָר צו אים איז נאָך ניט דערגאַנגען, וואָס דינע האָט געזאָגט און וואָס עס באַטײַט. — אַרעסטירט? דעם טאַטן? פאַרוואָס? — ער האָט געפילט, ווי די קני ברעכן זיך אונטער — אָט־אָט וועט ער זיך אַראָפּזעצן אָפּן פּאָל. פאַר די אויגן האָט גענומען שווינדלען, אין האַלדז שטיקן, און ס׳האָט זיך געוואָלט, ווי דעמאָלט, באַנאַכט אָנהייבן שרײַען: טאַטע! טאַטע! נאָר געשריגן האָט ער ניט. צוויי גרויסע טרערן זײַנען אָף אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין די אויגן־ווינקלען און באַלד זיך אַראָפּגעקײַקלט איבער זײַנע בלאַסע באַקן.

— אָט דאָס, זעסטו, איז שוין איבעריק! מיט קיין טרערן וועסטו דעם טאַטן ניט העלפן. — שטייענדיק הינטער אים, האָט זי אַרופגעלייגט די הענט אָף זײַנע שמאָלע אַקסל, שווער זיי געדריקט, ער זאָל דערפילן, אַז זי האַלט אים, און דערבײַ גערעדט שטיל, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל אַלץ הערן. נישקאָשע, זאָל ער ניט מוירע האָבן, זי וועט אַרויסרײַסן דעם טאַטן זײַנעם פון די פּוילישע פּליאַקעס, עס זאָל זי קאָסטן מײַעדייע וואָס, זאָל ער זיך ניט זאָרגן, הערשעלע. און בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, האָט זי אים אײַנגערעדט, אַז ער זאָל איבערגיין דערווײַל צו איר. וואָס וועט ער דאָ טאָן איינער אַליין? און באַ איר זײַנען דאָ אַ סאַך צימערן, און זי איז איינע. ער ווייסט דאָך. האַ, וואָס וועט ער זאָגן דערויף?

נאָר הערשעלע האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ אָף ניין. ניין, ער וועט אין ערגעץ פונדאַנען ניט גיין, ער איז ניט קיין פּיצל און וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. ער וועט נאָר, אויב זי וויל, זיך אַרײַנכאַפּן באַטאָג, עפּשער וועט זי זיך דערוויסן עפּעס וועגן טאַטן.

אַפילע ווען דאָס ווערטל וועגן די ווענט, וואָס האָבן אויערן, זאָל ניט גילטן, וואָלט הערשעלע ניט געמאַכט קיין סאָד וועגן דעם אַרעסט פון זײַן טאַטן נאָטע דעם מוליער, ער האָט ניט מיט וואָס זיך צו שעמען, דער טאַטע האָט קיינעם ניט באַגאַנוועט און קיינעם ניט באַגאַזלט. נאָר ריווקע די קורעלאַפּניטשקע האָט באַ קיינעם ניט געדאַרפט פרעגן, זי האָט, ווי שטענדיק, אַלץ אַליין געוווּסט.

דינע האָט קוים באַוויזן אַרויסגיין פון הערשעלען, ווי ריווקע איז אַרײַן צו אים אין שטוב און גענומען ברעכן די הענט. זי האָט נאָר געטײַנעט, אַז די כצופּע, די דינע הייסט עס, איז אין אַלץ שולדיק, אַז זי האָט אַרײַנגעצויגן נאָטען אין אירע טרייפע געשעפטן, אַז איבער איר איז דאָס קינד איצט געבליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם. אָבער שוין אָף מאָרגן, ווען ריווקע האָט מיט אירע קוישן זיך אומגעקערט פונעם גענדזענעם געסל, ווו זי האָט איצט געהאַט איר שטעל, האָט זי שוין געטײַנעט גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרטן האָט זי געהערט, אַז יענע נאַכט האָבן די פּאָליאַקן אַרעסטירט ניט נאָר נאָטען דעם מוליער. עפּעס זוכן זיי אַ קאָמיטעט. און נאָטען האָט מען גענומען איבער כאַנקען מיט יויסעפן, אַ סוואָרע, מ׳איז אים כוישעד,

נאָטען, אַז ער האָט איבערגעגעבן דער טאַכטער מיטן איידעם אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין גאַרניזאָן, אויפן גרינעם באַרג. אַ סימען, אַז ער, אַ מולייער, איז באַדײַ געוואָרן אַ בעקער, אַבי ניט אַוועקגיין פונעם גרינעם באַרג...

איצט האָט הערשעלע אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דינע האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי האָבן זיי ניט געהאַט קיין בריוו פון כאַנקען. ניין, זאָל מען אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ, וועט ער ניט גלייבן, אַז דינע האָט אויסגעגעבן זײַן טאַטן. ער האָט דען ניט געזען, ווי דערשראָקן און דערצאָרנט זי איז געווען? ניין און ניין, ריווקע די קורעלאַפּניטשקע מעג אַפילע שפּרינגען ביזן הימל, וועט ער ניט גלייבן. און וועהאַרײַע, זי ווייסט דאָך שוין אַליין, ריווקע, אַז די פֿאַליאַקן מיט די שוטפּים זייערע, די פּעטליורעס, כאַפּן פּאַשעט מענטשן אין גאַס.

די טורמע איז געשטאַנען לעבן סאַמע וואָקזאַל, אין דער רעכטער זײַט, און כאָטש זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנץ הויכן פּאַרקאַן, האָט מען פונדערווײַטנס געקאָנט זען די דאַזיקע גרויע דרײַשטאָקיקע געבײַדע פונעם צאָקאָל ביזן דאַך. דער שטיינערנער פּאַרקאַן האָט ווי אַרומגעצוימט ניט די טורמע, נאָר דעם פלאַכן באַרג, אויף וועלכן זי איז געשטאַנען.

עטלעכע מאָל אין טאָג קומט ער צו לויפן אַהער, הערשעלע, צום אַלעם ערשטן קלעטערט ער אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ פונעם קאַשטאַנען־בוים, וואָס שטייט ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל, פונדאַנען זעט זיך גוט דער גאַנצער טורמע־פּלאַץ. אָט איז אַרויסגעפאָרן אַ פערד־און־וואָגן פונעם טויער, און אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל האָט אויפגעהויבן די האַנט, אַז דער אַנטרײַבער זאָל זיך אָפּשטעלן. כאָטש מ׳האָט דעם וואָגן שוין אַרומגעטאַפּט אינווייניק, אין טורמע־הויף, דאַרף דער סאָלדאַט נאָך אויך אַרײַנשטופּן די לאַפּעס אין וואָגן. פונעם קאַשטאַן־בוים זעט ער דעם וואַך־טורעם, וווּ עס שטייט ווידער אַ סאָלדאַט. יענער פאַרעט זיך די גאַנצע צײַט באַם פּראָזשעקטאָר, כאָטש איצט איז אַ ליכטיקער טאָג — ווײַזט אויס, אַז ער דערלערנט אים. מע וואָלט אויך געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך הינטער די פאַרגראַטעוועטע פענצטער, נאָר זיי זײַנען קימאַט ביז אַרויף פאַרצויגן מיט „נאַמאָרדניקעס״.

ער ווייסט גוט, הערשעלע, אַז פונדאַנען וועט ער דעם טאַטן ניט זען. מע זאָל אים אַפילע אַרויספירן אין הויף, וואָלט ער פונדאַנען אים ניט דערקענט. מיט אַ שפּאַקטיווע — איז אַן אַנדער זאַך, נאָר אַזוי... פונדעסטוועגן פאַרקלײַבט ער זיך אויף די צווײַגן עטלעכע מאָל אין טאָג, עפּעס ציט אים אַהער. עפּעס דאַכט זיך אים...

ער קריכט אַראָפּ פון בוים, ציט אַרויף אויף די באָרוועסע פיס די שטיוועלעך, וועלכע ער האָט אויסגעטאָן און געלאָזט שטיין באַם שטאַם, אַז ס׳זאָל גרינגער זײַן צו קריכן, און לאָזט זיך שפּאַנען לענגאויס דעם ריוו ביז צום סאַמע פּלויט פון דער טפיסע. כּוץ דעם דאַך פון דער טפיסע, זעט מען דאָ גאָרניט. דערפאַר הערט ער אָבער, הערשעלע, פאַרשיידענע קלאַנגען... עמעס, דאָס פּוילישע לאָשן פאַרשטייט ער ניט, נאָר עפּעס זיך אָנשטויסן קאָן מען. אָט הערט ער, ווי עמעצער פּראַטשט גרעט אויף אַ שטיין צי אויף אַ קלאָץ. פּריִער רײַבט מען עס, דאָס גרעט, אויף אַ וואַש־ברעטל, דערנאָך דערטראָגט זיך אַ קלאַפּערײַ — פּיטש־פּאַטש, פּיטש־פּאַטש! אַהאַ! וואָס זאָגט ער? „שאַב טאַבי!...״

עפּעס אַ באַקענט קאָל...

ער האָט ניט באַמערקט, ווי עמעצער איז שטיל צוגעקומען הינטער זײַנע פּלייצעס און ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געזאָגט דײַטלעך: „הערשעלע, גיי אַהיים, מער זאָלסטו אַהערצו ניט קומען״... פון זיך אַליין האָט אים אַ ציִ געטאָן נאָכן מענטשן, וואָס האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט און געשפּאַנט ווײַטער. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז מע דאַרף דאָס ניט טאָן. פונדעסטוועגן האָט ער באַמערקט, ווער דאָס איז. אין דער פּלייצע האָט ער אים דערקענט, לייזער גרינבערגן, דעם פּאַפּיראָסנמאַכערס זון.

שוין ווײַט פונעם וואָקזאַל, אינעם קאַשטאַנען־בולוואַר, וואָס ציט זיך איבער דער לאַנגער בעליפיליער גאַס, איז אין שאָטן אויף אַ באַנק געזעסן סראָליק דעם מאַקאַוואָזס. הערשעלע האָט אים באַמערקט נאָך פונדערווײַטנס און זיך ניט געקליבן פאַרהאַלטן לעבן דעם בורדיק. ער האָט גאָר מוירע געהאַט, אַז דער קאָנאָפּאַטע מיטן בייזן נעזל קאָן אים אָפּשטעקן אַ פּאָר פּעטש. פאַרוואָס? גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס! אָבער פאַרקערעוועין אין אַ זײַט איז געווען אומעגלעך: דער בולוואַר — אַ שמאָלער און אַ פאַרצוימטער פון ביידע זײַטן מיט טשוהונענע הויכע שטאַכעטן — איז געווען ווי אַ גרויסע שטײַג. סראָליק האָט, ווײַזט אויס, אויך שוין באַמערקט דעם באָכער, און זײַנע שמאָלע אייגעלעך זײַנען געוואָרן נאָך שמעלער. קום אַהער! — האָט באַטײַט דער וואָרף מיטן קאָפּ און דאָס פּאַטשן מיט דער האַנט איבער דער באַנק, וווּ ער איז געזעסן. קיין אַנדער ברייירע איז ניט געווען. הערשעלע איז פּאַמעלעך צו־

געגאַנגען און זיך צוגעזעצט לעבן סראָליקן. די אַקסל האָבן פון זיך אַליין זיך אופגעהויבן הויך צום קאָפּ אַזוי, אַז דער האַלדז הערשעלעס איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

— וואָס האָסטו מוירע פאַר מיר, ווער טשעפּעט דיך? — האָט סראָליק געלאַכט.

הערשעלע האָט געשוויגן.

— ווידער געווען בא דער טורמע? נו, עפּעס זיך דערוווּסט?

הערשעלע האָט געשוויגן.

— ווילסט ניט ריידן, דאַרף מען ניט! — סראָליק האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק און זיך געלאָזט גיין. הערשעלע איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך צוגעהערט צו סראָליקס רייד. מאָרגן קאַיאָר, — האָט ער געזאָגט, — וועט ער וואַרטן אַף אים לעבן מוציס סאָד, אַף דער לעוואַדע. אויב ער וויל, הערשעלע, זאָל ער קומען, אָבער גאַנצפרי. אויב ער וועט פאַרשפּע־טיקן, האָט ער ניט וואָס צו קומען. מער האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, אים דערלאַנגט די האַנט, ווי אַ דערוואַקסענער, אַריבערגעשפּרונגען די טשוהונענע שטאַכעטן פונעם בולוואַר און פאַרשוווּנדן אין שקאָלנע געסל.

6

אינעם הויכן פּײַכטן גראָז האָט מען קימאַט ניט אַרויסגעזען סראָליקן, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אַפן בויך און געצופּט די געלע פּוך־בלימעלעך, וואָס זײַנען מיט זייער געלקײַט באַפאַלן דאָס גרינע פרילינג־צײַג. זיי האָבן אויסגעזען, ווי גאָלדענע קנעפּ אַף גרינעם סאַמעט. באַנאַנד מיטן שמאַראָוואָזניק איז געלעגן אַ הונט מיט געלע און ווײַסע פלעקן אַפן גרויסן שווערן קאָפּ, אויך די פעל זײַנע איז געווען געפלעקט — געל־ברוין־ווײַס. ווען הערשעלע האָט זיך דערנעענטערט, האָט דער הונט זיך אופגעשטעלט און גענומען הוילן. ער איז, דאַכט זיך, גרייט געווען אַ וואָרף טאָן זיך אַף יעדן, וואָס וועט זיך דערנעענטערן אַהער. דערזען הערשעלען, האָט סראָליק אַ צי געטאָן דעם רימען, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צו דעם האַלדזבאַנד אַפן קעלעווּס געזונטן האַלדז. „לעזשאַט”, — האָט סראָליק שטיל אַ זאָג געטאָן, און דער הונט האָט געפאָלגט.

דאָס גראָז אַף דער לעוואַדע איז געווען דורכגעוועבט מיט אינדערפרי׳ענדיקער קאַלטער ראָסע. הערשעלען האָט עס דערגרייכט ביז די קני. ער איז צוגעקומען צו סראָליקן, זיך צו־געזעצט אַף אַ נידעריקן פּניאָק און זיך פאַרקוקט אַפן טײַך, וואָס האָט זיך געמינעט מיט טויזנט זוניקע שפּיגעלעך. סראָליק האָט אַלץ געצופּט די פּוך־בלימעלעך.

— פון כאַנקען האָסטו בריוו? — האָט סראָליק גלאַט אַזוי אַ פרעג געטאָן.

— פון כאַנקען? ניין!...

— פון אונדזער רעפּאָעלן הערט מען אויך ניט. — ער האָט עס געזאָגט מיט אַ מין טרויער אין קאָל, אַזוי אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט זיך אַרויסרײַסן אַ קרעכץ פון זײַן ברוסט. ער האָט אָבער באַלד זיך געכאַפּט און גענומען ריידן אַזוי, ווי ער וואָלט אינגאַנצן זיך ניט געקימערט פאַרן ברודער. פון סראָליקס רייד איז קלאָר געווען, אַז ער ווייסט אַלץ, וואָס בא זיי אין שטוב איז פאָרגעקומען. לאָזט זיך אויס, אַז ער קען יויסעפן און כאַנקען. און אַז די פּאָליאַקן האָבן צוגענומען דעם טאַטן — ווייסט ער אויך.

מינאַסטאַם מיינט ער, הערשעלע, אַז ער האָט אים נעכטן באַגעגנט אין בולוואַר אומגע־ריכט. זאָל ער וויסן, אַז אַהער איז ער אויך ניט געקומען גלאַט אַזוי... ער, סראָליק, איז שוין ניט קיין פּיצל, וואָס שליאָנדערט אַרום איבער די גאַסן פּוסטעפּאַס.

פּלוצעם איז ער אופגעשפּרונגען פונעם גראָז, פאַריכט מיט ביידע הענט די טשופּרינע און סוידעסדיק אַרײַנגערוימט:

— מעגסט זיך אַף מיר פאַרלאָזן. קום! האָב קיין מוירע ניט. מיט מיר וועסטו ניט פאַר־פאַלן ווערן.

איצט זײַנען זיי געגאַנגען זאַלבעדריט — סראָליק, הערשעלע און דער קאַווקאַזער הונט טשאַטשורי. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום סאַמע ברעג, ווו דאָס גראָז איז געווען נאַס און געקוואַטשעט אונטער זייערע באָרוועסע פיס. לענגויס דעם ברעג זײַנען זיי דערגאַנגען ביז כאַ׃ים גאַלאָטאַ פון די שיפלעך און דורך אַ שמאָל זאַמדיק געסעלע מיט נידעריקע פּלויטלעך און פּאַליסאַדניקעס פאַר די פענצטער זיך פאַרנומען צו די הלינישטשעס. די אויסגעווײַסטע שטיבלעך זײַנען דאָ געווען אײַנגעטונקען אין פרישן גרינס, אַזוי, אַז מע האָט קוים אַרויס־

געזען די צעעפנטע פענצטער, איבער וועלכע עס זײַנען, ווי אָנגערוקטע דענעקעס, געהאנגען איבערגעטריקנטע שינדל־דעכער.

סראָליק האָט געעפנט די טיר פון דער שטאַל, וווּ עס זײַנען אמאָל געשטאַנען דעם טאטנס פערד. פון א הילצערנעם האָק האָט ער אראָפּגענומען א פארוויקלטע שטריק און זי אָנגעטאָן דעם הונט אָנשטאָט דעם רימען. דאָס רינגל פון דער שטריק האָט ער פארטשעפּעט צום דראָט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאנצער לענג פונעם געראַמען הויף. טשאַטשורי איז זיך דורכגעלאָפן פון דער שטאל ביז צום ארײַנגאנג פון זעליק דעם מאקאָוואָזס שטוב, דערנאָך דורכגעמאכט דעם זעלבן וועג אף צוריק, געפּרוּווט זיך אָפּרײַסן פונעם דראָט, וואָס האָט אים פעסט געהאלטן און ניט צוגעלאָזט צו דער סטעזשקע, וועלכע האָט געפירט פון דעם פערלאַז ביז דער שטוב־טיר.

אין ענגן צימער, ווּהין סראָליק האָט ארײַנגעפירט הערשעלען, איז געשטאַנען א ברייט בעט מיט א סאך קישנס אין ווײַסע ציכלעך, די קישנס זײַנען אופגעפּוישטע געלעגן איינע אף דער אנדערער קימאַט ביז דער סטעליע. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. סראָליק האָט מיט די הוילע הענט ארויסגעכאפּט א שווארץ פארייכערט טעפּעלע פונעם אייוועלע און, בריִענדיק די פינגער, עס קוים אראָפּגעשטעלט אפן טיש. אונטערשפּרינגענדיק אפן אָרט פון ווייטעק, האָט ער ארײַנגעכאפּט אלע צען פינגער אין מויל. הערשעלע האָט א קורצן לאך געטאָן, נאָר באלד א דערשראָקענער ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסל, סראָליק זאָל אים ניט פארפאָרן מיט א פויסט אין פּאָנעם ארײַן — א מענטש האָט זיך אָפּגעבריט, און ער לאכט!

סראָליק איז געווען א סאך ברייטער אין דער פלייצע, ווי ער, הערשעלע, און העכער מיט א קאָפּ איז ער אויך געווען, כאָטש געווען זײַנען זיי אין די זעלבע יאָרן.

דער טאטע זײַנער, זעליק דער מאקאָוואָז, איז געשטאָרבן מיט פיר יאָר צוריק. דעם עלטערן, רעפאָעלן, איז דעמלט געגאנגען דאָס אכצנטע, און אים, סראָליק, איז נאָך קיין פולע אכט ניט געווען.

אף די הלינישטשעס און אף די פּיסקעס האָבן אלע געוווּסט וועגן אומגעלומפּערטן טויט פון זעליק דעם מאקאָוואָז. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז דער דאָזיקער ייִד מיטן גערדיכטן קאָל איז פון די, וואָס פארמעסטן זיך ארומצושפּאנען איבער דער ערד א גוטן הונדערטער. ס'איז דען אין שטאָט געווען א צווייטער מיט אזא קארק, מיט אזעלכע אײַזערנע הענט?

סראָליק האָט געיאַרשנט דעם טאטנס גוורע. די כאַליאַסטרע פון די פּיסקעס האָט געציטערט פאר זײַן דעך. אפילו עלטערע ייִנגלעך האָבן מוירע געהאַט פאר סראָליקס א בייזן קוק.

פונעם נידעריקן שאַפקעלע האָט ער געבראַכט א גרויסע שטיק ברויט, א שיסל מיט צוויי לעפל. הערשעלע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. אזא סוף האָט ער שוין ניט פארזוכט ווער ווייסט ווי פל צײַט. די קניידלעך זײַנען געווען ווײַס און זיך צעגאנגען אין מויל. ער האָט געגעסן, הערשעלע, און זיך אלעמאָל געכאפּט, אז דער כאַוער רירט זיך ניט צו צו דער שיסל, און אים, הערשעלען, מונטערט ער אונטער, ער זאָל קײַען וואָס גיכער.

די ייִנגלעך האָבן ניט געהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אין שטוב איז ארײַן א מיידל אין א בלוי געשטריקט קאָפּטל. די אויגן, וואָס זי האָט די גאנצע צײַט געזשמורעט, ווי זיי וואָלטן זיך געהיט פון העלער שײַן, האָבן געשמייכלט צו די ייִנגלעך, וואָס זײַנען געזעסן ארום טיש און זי גאָרניט באמערקט. הערשעלע האָט זי דערקענט פונעם ערשטן

בליק. נאָר פאַרוואָס איז זי איצט אָן די פּענסנע? ס'איז דאָך פרידע יאַקאָוו־לעוונע, די לערערקע פון קינדערהיים נומ. 1. פון איר שטרויען קוישעלע, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט אַפן נידעריקן הילצערנעם שאַפקעלע, האָט זי אַרויסגענומען אַ קליין טאַר־בעלע זאַלץ און עס איבערגעשאָטן אין אַ גלעזערן סלאָיִקל. זי האָט געבעטן סראָליקן, ער זאָל זאָגן דער מאַמען, אַז אין אָוונט וועט זי אַרײַנקומען צו איר. אָף הערשעלען האָט פרידע יאַקאָוולעווונע נאָר איין מאָל אַ קוק געטאָן און ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט: „פון סעמע־נעווקע און פונעם גרינעם בארג זײַנען אַרײַן די וואָרענעקעס, זיי האָבן פאַרפּלייצט די שטאָט...״

די ווערטער האָבן פון איר מויל זיך אַרויסגעקײַקלט, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען צונויפ־געוויקלט אין קנײַלעכלעך, מעגלעך, אַז הערשעלען האָט זיך אַזוי אויסגעדאַכט דערפאַר, ווײַל דער רייש האָט אין איר מויל זיך געמערט: „וואָר־ר־ר־רעניקעס״, „באַר־ר־רג״. אַליין איז זי, די פרידע יאַקאָוולעוונע, פּונקט ווי אירע ווערטער, געווען אַ קײַלעכדיקע — דער קאָפּ, די ברוסט, און אַפילו די הענט מיט די פיס — אויך אויסגעקײַלעכדיקט. הערשעלע איז זיכער געווען, אַז דאָס דאָזיקע ראָזע און אויסגעפּאַסטעטע מיידל איז געוויס ניט פון די פּיסקעס, דאָ זעט מען עפּעס ניט אַזעלכע. און ווער רופט אָף די פּיסקעס אַ מיידל „פרידע יאַקאָוולעוונע״?

ווער עס זײַנען די „וואָרעניקעס״, האָט מען הערשעלען ניט געדאַרפט דערציילן. אַלע ייִנגלעך האָבן געוווּסט, אַז אַזוי רופט מען די פּוילישע סאָלדאַטן. ביז איצט איז אין שטאָט געשטאַנען בלויז אַ קליינער טייל, אַזוי אַז מע פלעגט זעלטן באַגעגענען אַ סאָלדאַט אָף דער גאַס.

די לערערקע האָט דערציילט, אַז הײַנט האָבן זיי פאַרנומען דעם ייִדישן שפּיטאָל, אַז זיי האָבן אַרײַנגעפירט די פערד מיט די וועגענער אינעם גרויסן הויף און אַליין זיך געלאָזט איבער דער שטאָט ראַבעווען.

די ייִנגלעך זײַנען אַרויס פון שטוב באַלד נאָך דעם, ווי פרידע יאַקאָוולעוונע האָט פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר. זיי האָבן זיך גלײַך פאַרנומען צום „פאַרעיעזד״. עטוואָס ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן צי׳ען דער שטיינערנער פּאַרקן פון דער אינטענדאַנטסטווע. אין שטאָט האָט מען דאָס דאָזיקע אָרט גערופן „די לאַגערלעך״. איבערן וועג האָבן זיך געצויגן שווערע וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט קעסטלעך און קלומעקעס. ביידע, סײַ סראָליק, סײַ הערשעלע, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען סכוירע פון די לאַגערלעך.

— ניט קיין שלעכטער סימן, — האָט סראָליק פריילעך אַ ווונק געטאָן צום כאַוער...

דער ברייטער טויער פון די לאַגערלעך איז געווען צעפּראַלט. טאַקע פון דאָרטן זײַנען עס אַרויסגעפאָרן די וועגענער.

די ייִנגלעך האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אין אַ ריווטשאַק, פון וועלכן מע האָט געקאָנט נאָכקוקן, וואָס עס טוט זיך אינווייניק. אהער האָבן זיך דערטראָגן אויסרופן און באַזונדערע ווערטער, אָבער ניט סראָליק, ניט הערשעלע האָבן קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען.

— אַ מאַגייפע! — האָט סראָליק זיך געשאָלטן, און זײַן בייז נעזל האָט זיך אַזש געקנייטשט פאַר אומצופרידנקײַט.

דעם עמעס געזאָגט, האָט הערשעלע זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, פאַרוואָס אינטערעסירט דאָס אַלץ סראָליקן, וואָס איז זײַן אייסעק, וואָס דאָ קומט פאָר, און וואָס וועט ער אויסשפּילן פונעם ליגן דאָ אין דעם ריוו. פרעגן עס איז אים אָבער ניט אָנגעשטאַנען, הערשעלען, נאָר ווײַזט אויס, אַז סראָליק האָט זיך אָנגעשטויסן און געגעבן צו פאַרשטיין דעם מעוווּלוועלן נאַקעטן פּרינץ וואָס און ווען.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? זיי קלײַבן זיך מאַכן אַשקיווייִנו נאַזאַד, און מירן זיך דער־ווייל אַרײַנכאַפּן אהער, — האָט ער געוויזן אַפן טויער. — נו, איצט קומעקסטו שוין?

הערשעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָף ניין.

דער כאַוער זײַנער האָט זיך אויסגעצויגן אָף דער פּלייצע מיטן פּאָנעם צום הימל און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ווען די פּליאַקעס זאָגן אָפּ קאַדעש, וואָלטן אונדזערע זיך אומגעקערט, דעם טאַטן דײַנעם וואָלט מען אַרויסגעלאָזט. רעפאָעל מײַנער איז ניט קיין מעלופּם־קינד, ער וועט אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן, נאָר די מאַמע... — פּונקט ווי אָף דער לעוואָדע, האָט הערשעלע געמיינט, אַז אָט־אָט וועט זיך אַרויסרײַסן אַ טיפער זיפץ פון סראָליקס ברוסט, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער צעשפּרייט די הענט און געגומען פריילעך אונטערפּײַפן.

ביידע מיטאַמאָל האָבן באַמערקט, ווי עמעצער שפּאַנט גלײַך צו זיי. הערשעלע האָט נאָך פונוויַטנס דערקענט לייזער גרינבערגן, דעם פּאַפּיראָסניקס זון, הערשעלע האָט זיך אונטער־

געהויבן אף די קני און געוואַרט, ביז יענער איז אונטערגעקומען. גרינבערג האָט זיך צוגע־זעצט לעבן די ייִנגלעך, ארויסגענומען פונעם שקאַרמיץ, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין היטל, א זשמעניע ווײַנשל און זיי צוגעטראָגן צו סראָליקס נאָז:

— נאַ, ווילסט?

סראָליק האָט א ווײַלע א פאַרווונדערטער געקוקט אף די טונקל־רויטע ווײַנשל, דערנאָך אונטערגעשטעלט ביידע דלאָניעס.

— פונעם לעדער־זאַוואָד?

— מ־מ־ה!—האָט דער באָכער א ברום געטאָן, סמאַקענדיק א קערל.

— וואָס זשע דאַרפט איר דאָ?

— וועסט גיך אלט ווערן, אז דו וועסט אלץ וויסן,—האָט יענער אָפּגעענטפערט און זיך אליין צעלאַכט. ער האָט אָבער באַלד מיט א האַנט פאַרשטעלט זיך דאָס מויל און מיט דער צווייטער אָנגעוויזן אפן טויער,—מע וועט דאָרט דערהערן!—ער האָט זיך אויסגעצויגן אין גראָז, א מינוט געשוויגן און דערנאָך ערנסט געזאָגט:

— עפּשער וואָלט איר זיך בעסער פאַרנעמען פונדאַנען? כ׳האָב מוירע, אז איר קאָנט מיר קאַליע מאַכן... און דו, הערשעלע,—האָט ער פּלוצעם געביטן דעם טאָן,—געדענקסט מיך ניט? זע, אז איך זאָל ניט געבן צו וויסן כאַנקען מיט יוסעפן. וואָס שליאָנדערסטו ארום?..

— און מײַן רעפאָעלן קענט איר ניט?—האָט סראָליק זיך אָנגעשפּיצט.

— רעפאָעל מאַקאָוואַז? אָ, דאָס איז א יאָט מיט ביינער!

— וואָדען!—האָט סראָליק זיך דערפרייט און מיט פינקלענדיקע אויגן געכאַפּט א קוק אף הערשעלען.

— אויב אזוי, איז פאַרנעמט זיך פונדאַנען, דאָס וועט זײַן גלייכער פאַר אלעמען, פאַר רעפאָעלן און פאַר כאַנקען אויך.

סראָליק האָט א פינטל געטאָן מיט די כיטרע אייגעלעך, זיך אופגעהויבן פונעם גראָז און אן אײַנגעבויגענער זיך געלאָזט לויפן לענגויס דעם ריוו, הערשעלע—נאָך אים. עטלעכע מאָל האָבן די ייִנגלעך זיך אָפּגעשטעלט און געכאַפּט א קוק אף צוריק, נאָר קיינער איז שוין אין ריוו ניט געווען—גרינבערג, אָט דער לייזער, איז ווי אויסגערונען געוואָרן.

7

דעם טאָג איז אין שטאָט געווען אומרוּק.

די קלייטן פאַרהאַקט, פאַריגלט. אזייגער צוועלף האָבן אפן מאַרק־פּלאַץ זיך באַוויזן זעקס רײַטער. ווי לויט א קאָמאַנדע זײַנען זיי אראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, זיך געלאָזט צו די פאַרמאַכטע קראָמען און מיט די ביקסן גענומען קלאַפּן אין די געקאָוועטע טירן.

ארום די קלייטן איז קיינער ניט געווען, קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן. איינער פון די רײַטער מיט א האַרטער טשופּרינע, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון אונטערן היטל, האָט זיך ארופגעכאַפּט אף זײַן פערד און פאַרלאָפן דעם וועג עפּעס אן עלטערן ייִדן, וואָס איז אף א רעגע ארויס פון זײַן שטוב...

דער ייִד האָט ניט באַוויזן ארײַנלויפן צוריק אין פירהויז, ווי דער סאָלדאַט איז אָנגע־פלויגן אף אים. זיצנדיק אין זאָטל, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אלטן פאַר די לאַצן פונעם פידזשאַקל און אונטערגעהויבן אים פון דער ערד, ווי א ליאַלקע. דער ייִד האָט צוגעמאַכט די אויגן און פון שרעק קוים פאַרשטאַנען, וואָס מע וויל פון אים.

— אָט שוין גיי איך, אָט שוין!..—האָט ער זיך געבעטן,—כ׳וועל באַלד... פאַן אָפּיצער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט פונעם סאָלדאַטס הענט און, פונקט ווי ער וואָלט באַקומען פליגל, זיך געלאָזט פליִען איבער דער גאַס, צוגעפאַלן צו א טיר און מיט אלע קויכעס גע־נומען קלאַפּן און שרײַען:

— עפנט אוף! עפנט אוף! עפנט, רעב פאַליק!

עטלעכע מינוט האָט קיינער ניט געענטפערט. דעמלט האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און מיט די פיס גענומען ריקען אין דער טיר. עמעצער האָט פון יענער זײַט זיך אָנגעהויבן פּאָרקען בא די קייטלען.

דער ייִד איז א פאַרכאַלעשטער געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט און עפּעס געשטאַמלט. פאַליק, א דאַר מענטשל, אין א פאַרשמאַלצעוועטן זײַדענעם סערדעט, ביידע ייִנגלעך—סײַ סראָליק, סײַ הערשעלע—האָבן אים גוט געקענט, איז געשטאַ־נען לעבן דעם דערשראָקענעם שאָליעך און אים געמינטערט:

— וואָס איז דער געשריי?

— די קלייט!.. אופֿפּענען!.. אופֿפּענען, אופֿ...! — האָט ער אויסגעשריגן באַזונדערע ווערטער, ווי א קאַליע־געוואָרענע פּלאַט, איבער וועלכער די נאָדל דרייט זיך אָף איינער און דער זעלבער ריגג. — זאָלן אַלע עפּענען!.. אַלע!.. — נאָר פּלוצעם האָט ער געוּמען ריידן פאַרשטענדלעך און שטיל, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז די סאָלדאַטן זאָלן ניט דערהערן, וואָס ער זאָגט. — זיי וועלן אויסקוילען די שטאָט. די שטאָט אויסקוילען! דאָס זײַנען ניט קיין פּאַליאַקן, פּעטליוראָווצעס זײַנען עס! איך זאָג דאָך אײַך!..

נאָר פּאַליק האָט זיך גאָרניט דערשראָקן. אַזוי האָט יעדנפאַלס געטראַכט דער ייִד. אַזוי האָט אויך אויסגעוויזן הערשעלען, וואָס איז צוזאַמען מיט סראָליקן געשטאַנען הינטערן ווינקל פֿונעם הויז. דער קלייטניק איז צוריק אַוועק אין שטוב, אַנגעטאָן אָף זיך אַן אַנדער מאַלבעש און באַלד אומגעקערט זיך צוריק.

— ס'איז אים א כילעק, אין וואָס פּאַר א פּידזשאַק געקוילעט צו ווערן, — האָט דער דערשראָקענער ייִד זיך געווענדט צו די ייִנגלעך. פּאַליק האָט גענומען דעם פּאַרכאַלעשטן פּאַר א האַנט און זיך געלאָזט שפּאַנען מיט אים איניינעם איבער דער פּוסטער מיט גאַס:

— קומט מיט מיר און ציטערט ניט אַזוי.

דער ייִד האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרוווּנדערט אַרײַנגעקוקט פּאַליקן אין די אויגן אַרײַן.

— וווּהין פירט איר מיך? זיי וועלן דאָך אונדז הארגענען.

— קומט, קומט, — האָט פּאַליק אים באַרויִקט. — קומט.

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום מאַרק־פּלאַץ, זײַנען שוין אייניקע קלייטן געווען צעעפֿנט. די אַראָפּגעריסענע פּרענטעס און שלעסער האָבן זיך געוואַלגערט אָף דער ערד. פּאַליק האָט נאָך פֿונדערווײַטנס גענומען אַרויסשלעפּן די שווערע שליסל פֿונעם גאַרטל. ער איז צוגעקומען צו די סאָלדאַטן, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיי געזאָגט עפּעס אָף אוקראַי־ניש און דערבײַ אָנגעוויזן מיט דער האַנט אָף זײַן קלייט:

— בוד לאַסקאַ! — דערבײַ האָט ער זיך פאַרנייגט און העפלעך זיך אָנגעפרעגט, ווער פֿון זיי איז דער עלטסטער, וועמען זאָל ער, הייסט עס, איבערגעבן די שליסל.

יענע האָבן זיך איבערגעוווּנקען און געהייסן אים אַליין אופֿשליסן.

ווען די סאָלדאַטן זײַנען אַרויס פֿון פּאַליקס קלייט מיט פּעק און שאַכטלעך אין די הענט, איז שוין אָפֿן מאַרק־פּלאַץ געשטאַנען א גרויסער אוילעם. אייניקע קרעמער האָבן, פּונקט ווי פּאַליק, אַליין אופֿגעשלאָסן זייערע קראָמען און מיט בלייכע, דערשראָקענע פּנעמער צוגעקוקט, ווי די רויבער באַלעבאַטעווען דאָרט.

אײַנגעמאָסטעט די פּעק אָף די זאָטלען פֿון די פֿערד, האָבן די סאָלדאַטן פּאַמעלעכן גענו־מען אוועקרײַטן. דער אוילעם איז שווײַגנדיק געשטאַנען און זיי נאָכגעקוקט. פּלוצעם האָט א שטיין — א פֿויסט די גרייס — מיט א פֿײַף דורכגעשניטן די לופֿט. דער שטיין איז גוט געצילט געווען און געטראָפֿן דעם לעצטן פֿון די רײַטער אין רוקן אַרײַן. דאָס הויכע היטל זײַנס מיטן אָדלער אָפֿן דענעק איז אַראָפּגעפֿאַלן אָפֿן ברוק און עטלעכע מאָל זיך איבער־געקויקלט, ווי א רייף. דער רײַטער האָט זיך א שאָקל געטאָן און מיטן קאָפּ צוגעפֿאַלן צום האַלדז פֿון זײַן פֿערד.

ס'איז געוואָרן א גערודער, דער אוילעם האָט אָנגעהויבן לויפֿן אין פאַרשיידענע זײַטן. די רײַטער האָבן האַסטיק פאַרקערעוועט די פֿערד און זיך געלאָזט נאָך די אַנטלויפֿנדיקע.

אַן עלטערע פרוי איז א צעבלוטיקטע געבליבן ליגן אינמיטן פּלאַץ. פֿון אונטער דעם פאַרשאַרטן קליידל האָבן געסטאַרטשעט אירע פאַרבלאָווטע פֿיס. דאָס פֿערד, וואָס איינער פֿון די צעווילדעווועטע רײַטער האָט צעיאָגט, האָט זיך אָף אַן אויגנבליק פאַרהאַלטן בא דעם קערפּער פֿון דער צעבלוטיקטער פרוי און מיט אַלע פיר פֿיס מיטאַמאָל אַריבערגעשפּרונגען איבער איר.

בא דער בלינדער וואַנט פֿונעם שוסטערשן שולעכל זײַנען די סאָלדאַטן אַראָפּגעשפּרונ־גען פֿון די פֿערד, געכאַפּט צוויי ייִדן און זיי צוגעשטעלט איינעם צום אַנדערן מיט די פּלייצעס. איינער פֿון די סאָלדאַטן האָט מיט א גרויסן רימען, וועלכן ער האָט אַראָפּגענומען פֿון זײַן קאַרע פֿערד, צונויפֿגעבונדן די ייִדן. דער רײַטער מיטן צענעריקטן רוקן איז שוין געקומען צו־זיך. ער איז דער לעצטער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זאָטל, פּאַמעלעכן אַנטבלויזט די שאַשקע און פאַרהויבן זי איבער די קעפּ פֿון די געבונדענע ייִדן.

— שמא ייִסראָעל, — האָבן ביידע מיטאַמאָל אויסגעשריגן...

דער סאָלדאַט האָט זיך ניט געײַלט, מיטן אַרבל פֿון זײַן גרין רעקל האָט ער אויסגעווישט דאָס בלאַנקענדיקע קלינגל, דערנאָך באַטראַכט די געבונדענע, געמאַכט א טראָט צום ייִדן

מיט דער לענגלעכער באָרד, זי אַרײַנגענומען אין דער זשמעניע און מיט פאַרגעניגן גענומען זי שינדן. דער ייִד האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס לאַשן. ער האָט געפּילט, דער ייִד, ווי דאָס בלוט רינט איבער זײַן צעקאַליעטשעט פּאָנעם, איבערן האַלדז, ער האָט אָבער קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט. די איבעריקע סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען לעבן די פערד און געשמייכלט.

דער שינדער האָט פאַרענדיקט מיט איין באָרד, אַ רעגע באַטראַכט די באָרד פונעם צווייטן ייִדן, אומצופרידן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צוגעגרייט צו זײַן שווערער אַרבעט.

דער זאַקן — די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט — סימכע מייטעס האָט ער געהייסן, האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער ערד, נאָר אַ פּליאַסק אין פּאָנעם האָט אים געצווונגען אויס־ציִען זיך. ער איז געבליבן שטיין, דער דאַרער סימכע, ווי אַ פלאַקן מיטן פאַריסענעם האַלדז.

— שנײַד דעם האַלדז! דעם גאַרגל! — האָט ער געשריגן, — שנײַד! אָבער מאַך ניט קיין כויזעק.

דער סאָלדאַט האָט מיט אַ צווייטן פּליאַסק געצווונגען דעם ייִדן אַנשוויגן ווערן. פאַמע־לעכן האָט ער מיט דער פאַרבלוטיקטער שווערד איך אים אַרומגעשונדן דאָס פּאָנעם. ווי צוויי ניט דערקוילעטע הענער זײַנען די צונויפגעבונדענע ייִדן געשטאַנען ניט טויט און ניט לעבעדיק.

— ניט רירן זיך פונעם אָרט ביז מאָרגן! — האָט אַ סאָלדאַט זיי געוואָרנט. — טאָמער טרעפן מיר אײַך ניט אפן זעלבן אָרט, מעגט איר זיך גזעגענען מיטן לעבן.

די רײַטער האָבן זיך אופגעזעצט אַף די פערד און זײַנען, פונקט ווי ס׳וואָלט גאָרנישט ניט געשען, פאַמעלעכן אוועקגערייטן לענגויס דער גאַס, אין דער זײַט פונעם גרינעם באַרג. די ייִדן זײַנען געשטאַנען איינס צום אַנדערן מיט די פּלייצעס און ניט געוואַגט אויס־צורײדן אַ וואָרט. די גאַס איז געווען פּוסט. סימכע מייטעס האָט געכאַפּט אַ קוק אַף דער פאַרבלוטיקטער פּרוי מיטן פאַריסענעם קליידל און צוגעמאַכט די אויגן. צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קײַקלען איבער זײַנע פאַרבלוטיקטע באַקן. פּלוצעם האָט ער גענומען רײַסן די הענט פונעם רימען.

— וואָס טוט איר? — האָט דער צווייטער אַ דערשראָקענער געשריגן און געפּרוווט זיך אויסקערעווען מיטן פּאָנעם צו מייטעסן.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט סימכע געשריגן, גלײַך ווי יענער וואָלט אים אומיסטן געהאַלטן.

— וואָס טוט איר? וואָס ווילט איר טאָן? איר האָט ניט געהערט, וואָס זיי האָבן געזאָגט?

— לאָזט מיך אָפּ! לאָזט, זאָגט מען אײַך!

— וווהין אײַך לאָזן? איר ווילט, מיר זאָלן ביידע אומקומען?

— יאָ, יאָ! כ׳ווילן! — האָט מייטעס ווילד געשריגן און נאָך שטאַרקער געריסן זיך פון אָרט, מיטשלעפנדיק דעם דערשראָקענעם ייִדן.

— גוואַלד, וואָס האָט איר גענומען זיך צו מײַן לעבן? זיי וועלן אונדז קוילענען!

סימכע מייטעס איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן, דערנאָך פאַרכידעשט געפרעגט:

— ווער זײַט איר? ווי־אַזוי רופט מען אײַך? און וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? — די ייִדן האָבן געדרייט די קעפּ, געוואָלט אַ קוק טאָן איינער אפן אַנדערן און ניט געקאָנט.

— און ווער זײַט איר, וואָס איר שפּילט אַזוי מיטן לעבן?

— וואָס זאָרגט איר זיך אַזוי פאַר מײַן לעבן, רעב ייִדז?

— איך זאָרג פאַר זיך, ניט פאַר אײַך, און אויב איר ווילט ניט זײַן קיין גאַזלען, זאָלט איר ניט דערוועגן זיך אַ ריר צו טאָן...

אַף דער גאַס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן מענטשן. עמעצער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ גאַנעק מיט אַ קריגל וואַסער, זיך געלאָזט האַסטיק צו דער צעבלוטיקטער פּרוי און זי גענומען באַגיסן. די פּרוי האָט אַ קרעכץ געטאָן, געגעבן צו וויסן, אַז זי לעבט נאָך. צוויי מאַנצבלען האָבן זי גענומען פאַר די פיס און אונטער די פּאַכוועס און זיך געלאָזט מיט איר צו דאַמאַנסקיס אַפּטייק.

אַרום די געבונדענע האָט זיך פאַרזאַמלט אַ רעדל. עמעצער האָט געוואָלט זיי פאַנאַנדער־בינדן, נאָר דער דערשראָקענער ייִד האָט אופגעהויבן אַ גוואַלד:

— זאָל ער דאָ שטיין, דער מעשוגענער!

— אויב ער וויל אַליין ניט, דאַרף מען ניט...

— זיי וועלן פאַרוואַשן ווערן מיט בלוט...

פלוצעם האָט אין דער מיט פון רעדל זיך אַרײַנגעריסן סראָליק מאַקאָוואָז. ער האָט מיט די יאַפּאַנישע אײגעלעך באַטראַכט די געבונדענע. אַלע האָבן מיט שרעק זיך אַ צי געטאָן אָף צוריק — מ׳האָט דערזען אַ בלאַנקענדיק מעסער אינעם באָכערס האַנט, וואָס אין פֿלינק, ווי אַ ווילדע קאַץ, געשפּרונגען אַרום די ייִדן און צעהאַקט אָף קליינע שטיקלעך דעם רימען.

— ווער איז דאָס מאַזיקל? — האָט מען געפֿרעגט אײנס באַם צווייטן.

— סראָליק, דעם מאַקאָוואָזס! ווייסט איר שוין? — האָט ער מיט קאַס אויסגעשריגן. — דאָס האָב איך אים דערלאַנגט מיטן שטיין, — באַ סראָליקן האָבן געברענט די אויגן. אײניקע האָבן באַשלאָסן, אַז גלײַכער וועט זײַן זיך האַלטן ווײַטער פֿונעם ווילדן באָכערל.

— לעמעשקעס! — האָט ער אויסגעשריגן מיט ביטל און געמאַכט אַ צורע. ער האָט צעשטופּט דעם אוילעם און איז אַוועק. מענטשן האָבן מיט פֿאַרוווּנדערטע אויגן אים נאָכגעקוקט.

די צוויי ייִדן זײַנען ערשט איצט געקומען צו־זיך. סימכע מייטעס, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט געריסן פֿון דער פּענט, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַטשיילע פֿון קעשענע און פֿאַרבונדן דאָס פּאָנעם. ער האָט זיך אָף קיינעם ניט אומגעקוקט און געלאָזט לויפֿן נאָך סראָליקן.

— וואַרט נאָר אויס! וואַרט אויס, אַנטלויף ניט! — האָט זיך געטראָגן זײַן קאָל איבער דער גאַס.

דער אַנדערער ייִד, מיט איבערגעקערטע אויגן פֿון שרעק, האָט געקוקט אָף אַלעמען און ניט אויפֿגעהערט צו בעטן:

— וואָס ווילט איר פֿון מײַנע יאָרן? וואָס האָט איר מיך אָפּגעבונדן? כ׳וועל פֿונדאַנען ניט אַוועקגיין. איר הערט, מענטשן, כ׳וועל דאָ שטיין אײנער אַליין. איר זאָלט זײַן אײדעס, איך בין ניט שולדיק.

מע האָט אים געפּרוּווט באַרויִקן, נאָר ער האָט אַלץ געשריגן:

— וואָס האָט איר מיך אָפּגעבונדן? וואָס ווילט איר פֿון מײַן לעבן?..

8

די שכיינע, ריווקע די קורעלאָפּניטשקע, האָט יענעם אָוונט זיך קוים דערוואַרט אָף הערשעלען. ווען זי האָט אים באַמערקט דורכן פֿענצטער, איז זי אים אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן אין גאַס, פּונקט זי וואָלט מוירע האָבן, אַז ער קאָן נאָך פֿאַרקערעווען אָף צוריק. קיין אײגענע מאַמע וואָלט, דאַכט זיך, אַזוי זיך ניט געשראָקן פֿאַר איר קינד, ווי ריווקע פֿאַר הערשעלען. זי האָט שוין הײַנט געהערט וועגן אַלץ, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אָפֿן מאַרק־פּלאַץ, און וועגן סראָליק דעם מאַקאָוואָזס, און וועגן דעם, אַז הערשעלע איז מיטן מאַזיק, מיט אָט דעם קאַ־נאָפּאַטן, אַ גאַנצער יאַטעבידאַם, און אַז ער לויפֿט אַרום מיט אַ הונט...

וואָס זשע, זי קען ניט ביילע דעם מאַקאָוואָזס! זיי זײַנען נאָך קינדווײַז געווען כאַווער־טעס. באַ ביילען אָף דער כאַסענע האָט זי, ריווקע, אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט. דעמלט טאַקע איז זי אַזוי געפֿעלן געוואָרן איר פֿראַ׳מען, אַז ער האָט גלײַך אָפֿן אַנדערן טאָג אַרײַנגע־שיקט צו איר מאַמען אַ שאַדכן.

פֿאַר איין פֿערטל שאָ האָט ריווקע אַרויסגעלייגט די גאַנצע געשיכטע פֿון איר געוועזע־נער כאַווערטע, פֿון איר מאַן און אירע קינדער.

זעליק, האָט זי דערציילט, איז בעטעווע ניט געווען קיין באַריידעוודיקער, ער האָט אַליין ניט געפּלאַפּלט און ניט ליב געהאַט קיין פּוסטע רייד. די קרעמער פֿונעם זאַליאַזנע געסל, צו וועלכע זעליק פֿלעגט פֿירן סכוירע, האָבן געגרן אים אָנגעדונגען — ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקריגט און ניט אופֿגעהויבן קיין גוואַלד איבער אַ גראָשן, און די אַרבעט זײַנע פֿלעגט ער טאָן שטיל און פּינקטלעך.

זעליק מאַקאָוואָז האָט אין שטאָט געהאַט אַ שעם פֿון אַ גיבער. ריווקע האָט זיך געשווירן, אַז זי האָט געזען מיט די אײגענע אויגן, ווי ער האָט אַראָפּגעטראָגן פֿון אַ וואָגן אין קלייט אַרײַן דרײַ זעקלעך צוקער מיטאַמאָל — אײנס אָפֿן קאַרק און צוויי אונטער די פּאַכוועס.

די קורעלאָפּניטשקע האָט אויך דערציילט, אַז זי האָט מיט אירע אײגענע אויגן געזען פֿון זעליקן אַ קונץ, וואָס זי וועט קיינמאָל אין לעבן ניט פֿאַרגעסן. שאַבעס נאָכן וואַרמעס, ווען אַלע זײַנען געזעסן אַרום טיש, האָט ער, זעליק הייסט עס, אַרויסגענומען פֿון קעשענע

א קאָפּעקע און זי געגעבן אַלעמען באַטראַכטן — אַ קאָפּעקע, ווי אַלע קאָפּעקעס, מע האָט זי אַרומגעקוקט, אַרומגעטאַפּט. דעמלט האָט ער זי גענומען אין די פֿינגער און אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערצײַען. די מאַטבייע איז פֿון אָנפֿאַנג דין געוואָרן אינדערמיט, און דערנאָך זיך איבערגעריסן, ווי אַ שטיקל ציגאַר־פּאַפּיר.

צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט זעליק געפֿירט אײַזן אין זאַליאַזנע געסל. כאָים קאַלטון, דער זאַליאַזניק, האָט זיך באַדונגען מיט זעליקן, נאָר ווען ס'איז געקומען צום באַצאָלן, האָט ער זיך באַטראַכט, אַז מע קאָן באַם באַלעגאָלע אָראָפּרײַסן אַ האַלבן קאַרב: די שטומע לעלע וועט סײַווי קיין וואָרט ניט זאָגן, — האָט יענער געטראַכט. ער האָט טאַקע גאָרניט געזאָגט, זעליק, נאָר דאָס מאָל איז ער אַוועקגעגאַנגען און אײַנגאַנצן ניט גענומען קיין געלט. כאָים קאַלטון האָט זיך דערפֿון שטאַרק ניט געערגערט — ווילסט ניט, דאַרף מען ניט! ער איז זיכער געווען, אַז דער מאַקאַוואַז וועט זיך איבערבעטן. עס זײַנען אָבער אַוועק עטלעכע טעג, און זעליק האָט זיך ניט געוויזן. קאַלטון האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע.

זונטיק, אין אַ יאַריד־טאָג, ווען דער זאַליאַזניק איז געקומען צו דער קלייט, האָט ער דערזען, אַז דער אײַזערנער קלאָץ, וואָס איז געלעגן באַם ברעג פֿון טראָטואַר און שוין עפּשער דרײַסיק יאָר ניט גערירט געוואָרן פֿון אָרט, איז צוגערוקט צו דער טיר פֿון זײַן קלייט. די אײַזערנע טיר, וואָס עפֿנט זיך אין דרויסן אַרויס, איז געווען פֿאַרקנאַקט. עס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען מענטשן און גענומען אָפּלעצעווען פֿונעם זאַליאַזניק, וואָס איז אַרומגעשפּרונגען ווי אַ דולער און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן קלאָץ. די שכייניש קלייטן האָבן שוין אָפּגעלייזט אַ מאַיאָנטעק, און ער — כאַטש קלאַפּ זיך קאָפּ אין וואַנט. קאַלטון האָט דאַפֿקע גלײַך זיך אָנגעשטויסן, וועמענס שטיקל אַרבעט דאָס איז, און געשיקט רופֿן זעליקן — ער וועט באַצאָלן, וויפֿל דער מאַקאַוואַז וועט וועלן...

נאָר זעליק איז געלעגן אין בעט, ער האָט זיך, ווײַזט אויס, אונטערגעריסן, און דערפֿון טאַקע אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן.

דאָס עלטערע ייִנגל זײַנס, רעפֿאָעל, איז געוואָרן דער ברויטגעבער. ער האָט אָנגעהויבן אַרויספֿאָרן אויף דער בירזשע אָנשטאָט דעם טאַטן. שפּעטער האָט ער זיך מיט פֿערד־און־וואָגן געשטעלט אַרבעטן אָפּן לעדער־זאַוואָד, און אַ טאָג פֿאַר דעם, ווי די פּאַליאַקן האָבן פֿאַרנומען די שטאָט, איז ער אַוועק מיטן אַטריאַד אײַניינעם מיט אַנדערע אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד. מיט זײַנע אַדלערס און מיט דער בינדיוגע איז ער מאַמעש געוועזן אין געקרוינט בײַ אַלעמען.

ריווקע די קורעלאַפּניטשקע האָט אויסגעדערציילט די דאָזיקע געשיכטע, ווי דאָס אַלץ וואָלט פֿאַרגעקומען מיט איר אַליין. איצט האָט זי געציטערט, אַז הערשעלע זאָל כאָלילע ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון דעם מאַקאַוואַז קלענער באַכערל, וואָס איז באַוווּסט אויף די הלינישטשעס און אויף די פּיסקעס, ווי דער גרעסטער שלעגער. אַז אַ ייִנגל פֿון צוועלף יאָר זאָל אַרומגיין מיט אַ מעסער אין די הענט! אָט וועט זי זיך אַריבערכאַפּן צו ביילען, וועט זי אים, די מאַמע זײַנע, אויסדרייען די הענט, דעם בורלאַק! און ער, הערשעלע, זאָל זיך ניט דערוועגן אַפֿילע באַגעגענען מיט אים. וואָס וועט זי זאָגן דעם טאַטן זײַנעם, נאַטען, ווען ער וועט מירטשעם זיך אומקערן.

ס'איז געווען פֿריִער זומער. גאַנץ פּיסקעס האָט געפֿרעגלט אײַנגעמאַכטס פֿונעם אָפּיצערס ווײַנשל און קאַרשן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז יאַנקאָ און די פּאָקאָיאָווע אינעם אָנגעקראַכמאַלעטן פּאַטשיילעכל מיט די קראַליק־אויערלעך אָפּן קאָפּ צעטיילן די יאַגעדעס אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט. קומט און רײַסט אײַך וויפֿל איר דאַרפֿט, נאָר זעט, אַז די ביימער זאָלן ניט געפּאַטערט ווערן. עמעס, קיין צוקער איז ניט געווען, האָט מען זיך געטאָן אַן אייצע: פֿון דער אינטענדאַנטסטווע האָט עמעצער אַרויסגעטראָגן אַ פּושקע סאַכארין און קימאַט אין יעדער שטוב איז די דאָזיקע זיסקײַט פֿאַרשטופּט און באַהאַלטן געווען פֿון אַ בייז אויג.

ריווקע די קורעלאַפּניטשקע האָט אָנגעפּרעגלט אײַנגעמאַכטס ניט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אַפֿילע פֿאַר נאַטען. זאָל ער האָבן מיט וואָס זיך דערקוויקן דאָס האַרץ, ווען ער וועט זיך אומקערן אַהיים. און כאַנקע מיט יויסעפֿן וועלן זיך אויך ניט אָפּזאָגן פֿון אַ ביסל אײַנגעמאַכטס...

— ווער האָט זיך דען געקענט פֿאַרשטעלן, — האָט זי זיך געכידעשט, — אַז בײַ דעם קוצי־מוציע זײַנען פֿאַראַן אַזויפֿיל ווײַנשל? מע קאָן דאָך אָנהאַדעווען מיט זיי די גאַנצע שטאָט! אָפּרײַסן הערשעלען פֿון זײַן נײַעם כאַווער איז דער קורעלאַפּניטשקע טאַקע ניט געראָטן. וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אין סראַליקן, וואָס איז ער ערגער פֿון אַנדערע? פֿאַרקערט, מיט סראַליקן איז אים פֿריילעכער און גרינגער. אָן אים וואָלט ער אַפֿילע ניט

געוווּסט, וווּהין זיך אַהינצוטאָן, און מיט סראָליקן וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן. אַלע טאָג ברענגען זיי צו טראָגן פולע בוזעמער מיט גרינע אוגערקעס און יונגע קאַרטאָפל, און די מאַמע זײַנע, ביילע, ווייסט שוין וואָס צו טאָן דערמיט. געזאַלצענע אוגערקעלעך מיט יונגע קאַרטאָפליעס זײַנען ניט קיין שלעכט מײַכל. און ביילע אַליין איז אויך ניט קיין פאַרשלאָ־פענע ייִדענע. אויסקנעטן צוויי־דרײַ דייזשעס ברויט פאַרן טאָג בא פאַרמעגלעכע באַלעבאָסטעס איז ניט געווען צו שווער פאַר איר, אויסוואַשן די פאָלן אין אַ באַלעבאַטישער שטוב איז אויך ניט קיין ביזאָיען. וואָס דען זאָל טאָן אַן אָרעמע אַלמאָנע?

היינט אין אָוונט, ווען סראָליק מיט הערשעלען האָבן זיך שוין געקליבן אוועקגיין פון דער לעוואַדע, האָט יאַנקע זיי אַ רוף געטאָן. דער אַלטער איז צוגעקומען מיט זײַן בולעווע צום סאַמע פּלויט, אופגעהויבן דעם שטעקן און אָף ייִדיש אויסגעשריגן:

— היי, האָלאָפּופּניקעס, קומט נאָר אַהער! — ער האָט אַליין אונטערגעהויבן דעם סאַמע אונטערשטן דראָט, אים פאַרטשעפּעט מיט די שטעקלקעס אינעם העכערן און אָנגעוויזן די ייִנגלעך, זיי זאָלן קריכן. פלינק, ווי די וויונעס, האָבן זיי דורכגעפּויזעט אָף די בײַכער און געבליבן שטיין לעבן סאָד־וועכטער. יענער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד, אַרומגע־כאַפּט די אונטערגעהויבענע קני אין אַ רונג פון זײַנע אייגענע הענט און אַ צײַט געקוקט אָפן גראָז, דערנאָך האָט ער אופגעהויבן דעם שווערן קאָפּ און באַטראַכט זײַנע געסט.

— וואָס טוט זיך דאָרטן? — האָט יאַנקאָ אָנגעוויזן מיטן שטעקן צו דער גאַס. — ווער שרײַט דאָרט אַלע נאַכט גוואַלד?

— ווער, ווער?! ווייסט קלוימערשט ניט! — האָט סראָליק זיך געבייזערט, אָנטאָפּנדיק מיט דער האַנט דאָס מעסער אין קעשענע. — די פּוילישע פּליאַקעס מיט זייערע שוטפים די פּעטליורעס ראַבעווען, און דו מאַכסט זיך ניט וויסנדיק!

זיי זײַנען לאַנג געזעסן שווײַגנדיקע און זיך אײַנגעהערט אין דער ווײַט.

אַ ווינט איז דורכגעלאָפן און פאַרטשעפּעט די שפּיצן פון דיביימער. די בלעטער האָבן בייז געשעפּטשעט, ווי זיי וואָלטן איבערגעגעבן אַ שלעכטע ידיעה איינס דעם אַנדערן. אַ פויגל האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף און עטלעכע מאָל שוואַך אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל. הערשעלען איז דורכגעלאָפן אַ גרויל איבערן לײַב. אין דער רעגע האָט זיך דער־טראָגן פון די פּיסקעס אַ פאַרשטיקטער געשריי, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן איימע. הערשעלע איז אופגעשפּרונגען פונעם גראָז און צוגעפאַלן צו סראָליקן. דער כאַוער זײַנער איז געשטאַ־נען ווי אַ פאַרגליווערטער און זיך אײַנגעהערט אינעם געשריי. מיטאַמאָל האָט סראָליק זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט.

— הײַדאַ! — האָט ער אויסגעשריגן און געלאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג, פונוואַנען ס׳האָבן זיך געטראָגן די גוואַלדן. הערשעלע איז געלאָפן נאָך אים. אָט זײַנען די פּיסקעס. דער געשריי רײַסט זיך איבער אָף אַ ווײַלע און ווערט באַלד נאָך שטאַרקער. הערשעלע הערט דאָס געוויין פון אַ קינד... ווו שרײַט מען?.. — קאָן ער אַלץ ניט דערגיין.

און אין גאַס איז ליכטיק. די לעוואָנע לויפט נאָך די ייִנגלעך, די שאָטנס יאָגן פאָרויס — לאַנגע מעשונעדיקע שאָטנס.

ווער שרײַט עס גוואַלד?

צי שרײַט ניט דער הימל?..

לעבן ריווקע דער קורעלאַפּניטשקעס פענצטער האָבן די ייִנגלעך דערזען צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַרײַנגערוקט די שפּיזן פון זייערע ביקסן אין די שפּאַלטן פונעם נידעריקן לאָדן און עפּעס אַרײַנגעשריגן. איצט האָט הערשעלע שוין גוט געוווּסט, אַז דאָס גוואַלדעוועט מען בא ריווקען. דאָס ייִנגל איז דערציטערט געוואָרן.ביידע האָבן זיי זיך באַהאַלטן הינטער מייער דעם געגנדזערס שטאַל און נאָכגעקוקט די סאָלדאַטן.

אָף מאָרגן האָט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע אַליין געלאַכט, ווען זי האָט דערציילט, וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

ווען די באַנדיטן האָבן גענומען רײַסן דעם לאָדן, — האָט זי דערציילט, — זײַנען זיך אַלע, די גאַנצע מישפּאָכע, צונויפגעלאָפן אין קיך, די עלטערע טאָכטער, מינדל, האָט געהאַלטן דאָס דערשראָקענע קינד אָף די הענט און איניינעם מיט די איבעריקע געשריגן גוואַלד. דערבײַ האָט זי מיט דער פרײַער האַנט פאַרשטעלט דעם פּיצל דאָס מײַלעכל און זיך גע־בעטן: שאַ! סאָרעלע, שאַ! מע וועט דערהערן...

ריווקעס מאַן, פראָיִם, און דער איידעם, אוורעמ־איציע דער שוסטער, האָבן אַרײַנגערוקט די קעפּ אין קוימען דורכן פּריפּעטשעק און געשריגן גוואַלד, זייערע געשרייען האָבן זיך אופגעהויבן העכער דעם דאַך און אָפּגעקלונגען אינעם באַנאַכטיקן הימל.

די סאָלדאטן האָבן אלץ ניט ארויסגעשלעפּט די באַגנעטן פון דעם לאָדן־שפּאַלט. זיי האָבן אלעמאָל אָנגעהויבן רודערן דאָס פענצטער, און אלעמאָל האָט זיך באַ ריווקען אין שטוב אופגעהויבן א נײַער גוואלד. די סאָלדאטן האָבן געלאכט, האנאַ געהאט פון דער פריילעכער שפּיל. ריווקע האָט דערציילט, אז אווראָם־איציע דער שוסטער, איר איידעם, איז פּלוצעם אָפּגעשפּרונגען פונעם אויוון, צוגעלאָפן צו דער שאַפע און געגומען זי אָפּרוקן פון אָרט. די שאַפע איז געשטאנען לעבן א טיר, וואָס האָט געפירט צו דעם בלינדן שויעלן אין שטוב אַרײַן. מיטן אקסל האָט ער א שטופּ געטאָן די אראָפּגעזעצטע טיר און זי צעפּראַלט. אלע האָבן מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אף אווראָם־איציען, וואָס האָט געכאַפּט דעם בלינדן ייִדן און פאר א האנט צוגעפירט צום אויוון.

— שרײַט, רעב שויעל, לאָמיר בעשוטפעס שרײַען גוואלד. שרײַט!

דער בלינדער האָט זיך ניט געוועדט און גענומען אַרײַנשרײַען אין קוימען.

— איצט דאַרף מען ניט! — האָט אווראָם־איציע קאָמאַנדעוועט. — ווען זיי וועלן ברעכן דעם לאָדן...

מינדל מיטן קינד אף די הענט האָט זיך ווילד צעלאכט. זי האָט געלאכט לאנג און הילכיק. אלע זײַנען דערשראָקענע צוגעפאלן צו איר, ארויסגעכאַפּט דאָס קינד פון אירע הענט און געפּרוווט פארשטעלן איר דאָס מויל. זי האָט זיך אָבער ארויסגעריסן, ניט אופ־הערנדיק צו גוואַלדעווען און צו לאכן.

— לאָמיר שרײַען בעשוטפעס! בעשוטפעס! — האָט זי איבערגעכאַזערט...

די סאָלדאטן אף דער גאס האָבן זיך איבערגעקוקט. ניט אויסרײידנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי ארויסגעשלעפּט די ביקסן פונעם לאָדן־שפּאַלט און געלאָזט זיך מיט דער גאס. זיי האָבן זיך געכידעשט — ס'האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, אז עמעצער זאָל לאכן, ווען זיי קומען...

אין א קורצער צײַט ארום האָט מען שוין ערגעץ אנדערש געשריגן גוואלד.

הערשעלע האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, נאָר דער כאוועך האָט אים אָנגעכאַפּט פאר דער האנט:

— וווּהין?

— אין שטוב אַרײַן.

— מע דאַרף ניט, זיי וועלן זיך דערשרעקן.

ווען די ייִנגלעך זײַנען פארבײַגעלאָפן די שטוב פון דינע דער אַפּטייקערשע, האָט מיט ראַש זיך אָן עפן געטאָן די טיר.

— ווער איז דאָרט?

הערשעלע האָט דערקענט דינעס קאָל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די שײַן, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פונעם פירהויז, האָט אים א שלאָג געטאָן אין די אויגן.

— ס'איז דו? ווי קומסטו אהער, הערשעלע?

דאָס ייִנגל האָט זי א ווײַלע באטראכט און דערנאָך א פרעג געטאָן:

— און איר האָט גאָר קיין מוירע ניט?

דינע האָט א צי געטאָן מיט די אקסל:

— מוירע?

אין דער ראַם פון דער טיר האָט זיך באוויזן א מאַנצבל, דאָס ווײַסע העמד איז געווען אף אים צעכראַסטעט. ער האָט ארופגעלייגט ביידע הענט צו דינען אף די אקסל און זיך געסטאַרעט איר אַרײַנקוקן אין פּאָנעם.

— ווער איז עס? — האָט ער געפרעגט.

דינע האָט אָפּגעטרייסלט דעם מאַנצבלס שווערע הענט פון די אקסל און זיך געווענדט צום ייִנגל:

— קום אַרײַן, הערשעלע, איך דאַרף דיך האָבן. פּארן שיקורניק האָב קיין מוירע ניט. — זי איז אראָפּגעלאָפן פון די טרעפּלעך, אָנגענומען הערשקען פאר א האנט און אים א צי געטאָן נאָך זיך. סראָליק האָט אונטערגעשטופּט דעם כאוועך, וואָס האָט זיך געוועדט:

— גיי, כ'וועל אויך...

דינע האָט אַרײַנגעלאָזט די ייִנגלעך אין פּאָדערשטן צימער און אליין אוועק מיטן שי־קערן סאָלדאט אף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אפן צווייטן שטאָק. אין א פּאָר מינוט ארום האָט זי זיך באוויזן אפן גאַנעקל פון די טרעפּ, מיט א שליסל פארשלאָסן די טיר, פון וועלכער זי איז ארויסגעגאַנגען, — דער סאָלדאט זאָל איר ניט נאָכגיין.

— איצט קומט אהער... און ווער איז דער? — האָט זי א ווונק געטאָן צו סראָליקן.

— ס'איז מײַן כאוועך, סראָליק דעם מאַקאָוואָזס.

דינע האָט מער גאָרנישט ניט געפרעגט.

די ייִנגלעך האָבן זיך אופֿגעהויבן אויף די טרעפּ.

אינעם גרויסן צימער, וווּהין דינע האָט זיי אַרײַנגעפֿירט און באַזעצט באַם קײַלעכדיקן טיש, איז געווען שטאַרק ליכטיק. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ פּאַלומעסעק מיט טעלעכע שטיקער געפֿילטע פֿיש, וואָס זײַנען געווען אַרומגעלייגט מיט רעדעלעך פֿון אָן אָנגעשניטענעם מייער. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ גלאָז מיט ניט־דערטרונקענעם בראַנפֿן. דינע האָט אונטערגערוקט די גלאָז צו די ייִנגלעך און מיט אַ ווונק אָנגעוויזן, אַז זיי מעגן זיך נעמען צו די פֿיש.

— פֿאַרזוכט, פֿאַרזוכט! — איר וועט זיך ניט סאַמען. — האָט זי זיי אונטערגעמונטערט.

די ייִנגלעך האָבן זיך איבערגעקוקט.

סראָליק האָט דער ערשטער אַ כאַפּ געטאָן די גלאָז, זי צוגעטראָגן צום מויל און עטלעכע שלונג געטאָן. ער איז אויף אַ ווײַלע געבליבן זיצן ווי אַ פֿאַרשטיינערטער, דערנאָך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט ביידע דלאָניעס און זיך שטאַרק פֿאַרהוסט.

דינע האָט זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

— אוי, טו נאָר אַ קוק! אוי, כ׳וועל באַלד פּלאַצן! — האָט זי זיך געהאַלטן מיט די הענט פֿאַר דער ברוסט. — נו, און דו, הערשעלע?

הערשעלע האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער גלאָז, זי פּאַמעלעכן צוגעטראָגן צו דער נאָז, זיך פֿאַרקרימט און צוריק זי אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. דינע האָט אים אונטערגערוקט דעם פּאַלומעסעק מיט די פֿיש.

— פֿאַרוואָס קומסטו ניט אַרײַן, הערשעלע, וואָס האָסטו מוירע פֿאַר מיר, דו קענסט מיך דען דעם ערשטן טאָג?

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און אַרויס פֿון צימער. די ייִנגלעך האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס וויל זי? — האָט סראָליק אומרויִק געפֿרעגט.

הערשעלע האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל:

— כאַנקע מײַנע האָט געדינט באַ איר אין קלייט. זי איז דײַקע אַ גוטע, נאָר אַ צעדרייטע.

— אַ צעדרייטע? — האָט סראָליק אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז. — אַ נאַפּקע איז זי!

— אַ וואָס?..

אין דער מינוט האָט דינע זיך אומגעקערט מיט אַ קלומעקל אין די הענט, און הערשעלע האָט ניט באַוויזן קלאָר מאַכן, וואָס אַזוינס איז זי, דינע.

— דאָס איז פֿאַר דיר, וועש און אַ פֿאַר הויזן.

הערשעלע האָט אָפּגעשטויסן דאָס קלומעקל.

— פֿאַרוואָס ווילסטו ניט? — האָט זי פֿאַרכידעשט געפֿרעגט.

סראָליק איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, אויסגעצויגן די האַנט צום פּעקעלע:

— באַ מיר וועט ער נעמען...

— נו, שוין? — האָט הערשעלע געפֿרעגט. — איצט דאַרף איך אײַך באַדאַנקען.

דינע איז אין קאַס געוואָרן.

— וועמער דאַרף דײַן דאַנקעניש? נאַרישער פּרינץ! וואָס ביסטו אַזוי באַרויגעז אויף מיר? כ׳האָב דיר געקווילעט די געננדז?

פֿרעגט אים בעכייִרעם, וואָס ער בייזערט זיך אויף דינען. סײַדן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן וועגן סאָלדאַט, וועלכן זי האָט פֿאַרשפּאַרט אין שכיינעסדיקן צימער. נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן מיט אים, זי איז דאָך ניט זײַן שוועסטער, אַ ווילד־פֿרעמדע, — האָט הערשעלע געטראַכט.

— ווער איז ער? — האָט ער אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין אַ פֿרעג געטאָן, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף דער טיר, ווו דער סאָלדאַט האָט זיך געפֿונען.

דינע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ סאָלדאַט. אַ שיקערער סאָלדאַט, מײַנער אַ באַקענטער. נאַרישער באָכער, מע דאַרף דאָך אַרויסשלעפּן דעם טאַטן... — אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן: — אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פֿאַרשפּאָרן צו שטעלן נאַרישע קאַשעס.

סראָליק האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם כאַווער פֿאַר אַ האַנט.

ווען די ייִנגלעך זײַנען שוין געווען אויף דער גאַס, איז דינע אַרויס אויפֿן גאַנעק און זיי נאָכגעשריגן:

— פֿאַרגעס ניט אַרײַנקומען, כ׳וועל דיר עפּעס דערציילן וועגן טאַטן.

די נאַכט האָט הערשעלע ניט געקענט אײַנשלאָפֿן ווערן. אים איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פֿאַר די אויגן דער צעכראַסטעטער פּוילישער סאָלדאַט. ער האָט דײַטלעך געזען

פאר זיך דינעס שווארצכיינעוודיק געזיכט מיט די לענגלעכע טיפע אויגן... וווהין ער האָט זיך ניט געדרייט, האָט ער ניט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן פון איר שמייכלענדיקן בליק. עפּעס האָט אים געשטיקט אין האַלדז, ווי ער וואָלט זיך געקליבן וויינען. אופגעשטאַנען איז ער שפּעט. די זון איז שוין געשטאַנען איבערן פענצטער. ער האָט אַראָפּגעשליידערט די קאָלדרע און ערשט דעמלט דערפילט, אַז ער איז אָפּגעגאָסן מיט שווייס, גלייך ווי ער וואָלט די גאַנצע נאַכט זיך געראַנגלט מיט אַ שווערער היץ־קרענק.

9

— שפּערלינג! שפּערלינג! — האָט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע ניט אופגע־הערט איבערצוכאַזערן, אַרומלויפנדיק איבער דער שטוב.

די אינדערפריִיִקע שיין, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט דורכן אָפענעם פענצטער, האָט זיך געפּלאָנטערט אין אירע אופגעפּוישטע דריבנע־געקרייזלטע האָר און זי געמאַכט ענלעך אָף אַ גרויסן ווילדן פויגל.

זי איז געלאָפן פון זיין בעט צו דער קיך, און פון דער קיך ווידער צו זיין בעט, פאַר־ריכט די קאָלדרע אָף אים, געשיילט אַ קאַרטאָפליע, דערביי האָבן די האָר אירע געפלאַמט פון דער אינדערפריִיִקער שיין און זיך אונטערגעהויבן פונעם ווינט, וואָס זי האָט, אַרומ־לויפנדיק, אַליין געמאַכט.

— שפּערלינג! שפּערלינג! שפּערלינג!

הערשעלען האָט זיך געדאַכט, אַז די שכיינע זייערע, ריווקע, איז אַראָפּ פונעם זינען. שפּערלינג? וואָס הייסט עס שפּערלינג? דאַכט זיך, עפּעס אַ פייגעלע צי אַ באַבעלע...

דורכן אָפענעם פענצטער רוקט אַלעמאָל עמעצער פון ריווקעס קינדער אַריין דעם קאָפּ. ער קאָן ניט זאָגן פּינקטלעך, הערשעלע, ווער דאָס איז, הינדעלע צי סאָרעלע, און עפּשער גאָר זינדעלע. אַלץ, אָף וואָס ער זאָל ניט קוקן, איז צעשוווּמען אין דער ברייט אָדער אויס־געצויגן אין דער לענג. אַריינגיין אין שטוב לאָזט ריווקע קיינעם ניט. אָט האָט זי אים אַרופגעלייגט עפּעס אַ קאַלטס אָפן שטערן, און די אויגן האָבן זיך אָף אַ ווײַלע אופגעעפנט.

— איר זעט ניט? — האָט זי צו עמעצן געשריגן. — דאָס ייִנגל ברענט! — און ווידעראַמאָל האָט פון איר מויל זיך געגומען שיטן דאָס פויגלשע וואָרט. — שפּערלינג, שפּערלינג!

אָבער לאַנג האַלטן אָפן די אויגן קאָן ער ניט, די לעפּלעך זיינען שווער, ווי מע וואָלט אָנגעטראָטן אָף זיי מיט די פיס. דאָך שטרענגט ער זיך אָן און עפנט אַ קליין שפּעלטיקל. אין דער זעלבער רעגע כאַפּן זיך אַריין אַהין אַ מענגע שטראַלן, וואָס ווערן באַלד פאַר־וואַנדלט אין דיקע שטריק, זיי נעמען אים ציִען, הייבן צו דער סטעליע. אָט־אָט וועט ער אַראָפּפאַלן פון דער הייך אָפן פּאָל און זיך צעמאַזיקן. ער הערט בוילעט, ווי עס נעמט קלינ־גען אַ מעשענע טאַץ. אַהאַ! דאָס רופט די פּאַקאָיאָווע סטעפּען און פּראַניען צום וואַרמעס... אָט זיינען זיי, די כאַרטן, זיי שפּרינגען אונטער העכער פון די קוסטעס און האָוקען, ענט־פערן אָפּ אָף באַרבאַרעס קלינגערײַ: האָוו! האָוו!

ריווקע גייט צו אָף די שפּיץ פינגער צו זיין געלעגער, קוקט אָף אים אַ ווײַלע און זאָגט צו זיך אַליין:

— אַנשלאָפן געוואָרן, מע דאַרף לויפן רופן דעם דאָקטער שפּערלינג...

הערשעלע קאָן ניט באַשליסן, צי שלאָפט ער, צי שלאָפט ער ניט, נאָר ער פילט, ווי זיינע ליפּן האָבן זיך אַ קרים געטאָן אין אַ שמייכל. איצט ווייסט ער שוין — דאָקטער שפּערלינג! הייסט עס, אַז ער, הערשעלע, איז פאַרשלאָפט געוואָרן. ווי האָט ער עס געקאָנט פאַרגעסן שפּערלינגען, דעם קליינטשיקן שפּערלינגען מיט די ווײַסע ברעמען און ווײַסע וואָנצעלעך. ניטאָ קיין וואָך, ביפראַט נאָך ווינטער, אַז דער דאָקטער זאָל ניט קומען צו עמעצן פון ריווקעס קינדער.

...ער שפּרינגט אַראָפּ, דער דאָקטער, פון זיין שמאָל שליטעלע, אין וועלכן ס'איז אײַנגעשפּאַנט אַ ווײַס נידעריק פערדל, לויפט מיט דריבנע טריטעלעך איבער דעם טונקעלן קאָרידאָר און פליט אַריין אין דער טיר, וועלכע מ'האָט שוין פאַרפריִער אופגעעפנט פאַר אים. באַ דער שוועל גיט ער איבער ריווקע זיין לעדערן רענצעלע, און אַליין טוט ער דער־ווײַל אויס די קאַלאָשן. מיט ביידע אויסגעשטרעקטע און אויסגעקנייטשטע הענט טוליעט ער זיך צו צו דער הרובע, און ערשט נאָכדעם נעמט ער הוכקען אָף זיי.

— נו, וואָס שוין ווידער? הענטעלעך, פיסעלעך, בײַכעלעך... — אַף קיין ענטפער וואָרט ער ניט, דער שפּערלינג, ער כאַפּט א בענקל צי א טאַבורעטל, רוקט עס צו צום קראַנקנס געלעגער און הייבט אָן קישעפן מיט די הענט, מיטן קאָפּ, מיט די אויערן. דערבײַ רײַסט זיך פון זײַנע ליפּן אַרויס עפּעס א קלאַנג, וואָס איז ענלעך אַף א דזומדזען פון א פליג: ש־ש־ש־ש! — לאָזט זיך אויס, אז דאָס באַרוּיקט ער די אַרומיקע, וואָס שטייען דערנעבן דעם קראַנקן, קיינער זאָל קיין פּיפּס ניט טאָן.

און הערשעלען דוכט זיך אויס, אז איצט איז גאָר ווינטער, כאָטש ער זעט גוט און געדענקט גוט, אז באַם פענצטער שטייט א גרויסער קאַשטאַנען־בוים, וואָס פאַרדעקט מיט זײַנע פינגערדיקע בלעטער דעם גאַנצן דאַך פון זייער שטוב. דער קאַשטאַן איז טאַקע גרין, נאָר ער זעט דאַך פאָרט, ווי עס פאַלט א געדיכטער שניי. און מיטאַמאָל ווערט אים קאַלט, ער נעמט אַזש ציטערן.

— פראָזים! — שרײַט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע. — ווייסט, וואָס איך טראַכט? מע וואָלט גאָר געדאַרפט זיך אַריבערכאַפּן צו דער אַלמאָנע, צו דינע דעם אַפּטייקערס. באַ איר מוזן זײַן עפּעס רעפּועס, נאָך פון אַמאָל.

אין די אויערן באַ הערשעלען נעמט קלינגען, און פאַר די אויגן וואַקסט אויס דער גרויסער קלויסטער. ווי קומט ער אַף דער אַלטער־שטאָט? וואָס טוט ער דאָ, ס'איז דאָך שטאַרק פינצטער? בום, בום, בום! און דאָס בומקען גייט איבער אין א גוואַלד־געשריי... עס שרײַט עפּעס א פרוי, פון אָנפאַנג הויך און צעצויגן, און וואָס ווײַטער אַלץ שטילער און שוואַכער, ביז דער געשריי שטאַרבט אײַנגאַנצן אָפּ. ער לאָזט זיך לויפן איבער דער פינצ־טערער גאַס. פּלוצעם עפנט זיך א טיר, און פון אינווייניק, פון דער שטוב, רײַסט זיך אַרויס א העלע שײַן.

— הערשעלע, דאָס ביסטו? — א לאַנגע האַנט כאַפּט אים אָן פאַר אן אַקסל און שלעפּט אים צו זיך. אין דער אָפענער טיר רוקט זיך אַרויס א צעשויבערטער קאָפּ פון א סאָלדאַט...

— הערשעלע, וואָס איז מיט דיר? וואָס טוט דיר וויי?..

איבער זײַן בעט שטייט דינע. זי האַלט א לעפל אין איין האַנט און אין דער צווייטער א פלעשל מיט עפּעס א טונקל־ברוינער רעפּוע.

— טרינק אויס, הערשעלע, דאָס וועט דיר אַראָפּזעצן די היץ...

ער האָט געוווּסט, ווען דער דאָקטער שפּערלינג איז געזעסן לעבן זײַן געלעגער, גע־פילט, ווי מ'האָט אים פאַרוויקלט אין דער קאָלדרע און אים ערגעץ אוועקגעטראָגן... אים האָט זיך געדאַכט, אז ער האָט געשריגן, זיך געבעטן, מע זאָל אים לאָזן דאָ, דער טאַטע וועט זיך אומקערן, וועט ער ניט וויסן, וווּהין ער איז אַהינגעקומען, נאָר אינדערעמעסן, ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, האָט ער גאָר געשוויגן, ניט געקענט אויסריידן קיין וואָרט, פאַרוואָרפן אַף צוריק דעם קאָפּ און בלויז געקרעכצט, און ערשט דערנאָך, שוין שפּעטער מיט א סאַך טעג, ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך דערזען ערגעץ אין א פרעמדער שטוב, אַף א פרעמד בעט.

ווו איז ער עס?

הערשעלע האָט אופגעעפנט די אויגן, זיך געפרוווּט אופזעצן אפן געלעגער, נאָר ניט געקענט. די אויגן זײַנע האָבן זיך אַף א ווײַלע צוריק פאַרמאַכט, נאָר באַלד האָט ער דער־זען אַנטקעגן זיך, אַף דער וואַנט, א פּאָרטרעט פון א שיינער מאַדאַם מיט א גרויסן הוט אפן קאָפּ. ער האָט מיט די פויסטן זיך אויסגעריבן די אויגן, נאָר די מאַדאַם מיטן הוט איז ניט פאַרשוווּנדן. דאָס ניקלענע בעט, אין וועלכן ער איז געלעגן, איז געשטאַנען לעבן סאַמע פענצטער, אַף וועלכן ס'איז געהאַנגען א שטאַרק ווײַסער אָנגעקראַכמאַלעטער פאָרהאַנג. לעבן בעט — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — איז אַף א קליין קײַלעכדיק טישעלע געשטאַ־נען א סאַך פלעשעלעך מיט רעפּועס.

מיט ביידע הענט האָט הערשעלע זיך אָנגעכאַפּט פאַר די קילע ניקלענע שטאַנגען פונעם בעט, זיך אונטערגעהויבן און געכאַפּט א קוק אין פענצטער. דער הויף, אין וועלכן דאָס פענצטער האָט אַרויסגעקוקט, איז געווען פאַרוואַקסן מיט מאַלענע־קוסטעס און מיט זונרויזן.

ניין, — האָט ער באַשלאָסן, — איצט כאַלעמט זיך אים ניט, און קיין שפּיטאָל איז עס אויך ניט. — דערבײַ האָט ער ווידער געכאַפּט א קוק אַף דער פאָטאָגראַפיע פון דער דאַמע מיטן גרויסן הוט, — אין קיין שפּיטאָל זײַנען ניט פאַראַן קיין פאָטאָגראַפיעס און אוודאי ניט קיין פּרוויִשע שיכלעך אַף הויכע קנאַפּל. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַראָפּ פון בעט און א טאַפּ טאָן מיט די הענט אָט די דאָזיקע טופּליעס, וואָס שטייען אין ווינקל לעבן שאַפקעלע, דעמלט וואָלט ער אַף געוויס שוין געקאָנט זאָגן, אז דאָס איז ניט קיין כאָלעם.

שטיל, טאקע נאָר ווי אין כאָלעם, האָט זיך געעפנט די טיר, און אף דער שוועל איז געבליבן שטיין פרידע יאַקאָוולעוונע. די גאָלדענע פענסנע און דער ווײַסער כאַלאַט האָבן שטאַרק געפּאַסט צו אירע רויט־געלע האָר, פאַרפּלאָכטענע אין אַ צאָפּ און אַרומגעוויקלטע, ווי אַ קרוין אַרום קאָפּ.

— דער דאָקטער שפּערלינג איז געקומען, — האָט זי געשמייכלט מיט די פּערלדיק־ווײַסע ציין, — הײַנט, גלייב איך, וועסטו די ברילן זײַנע ניט טשעפּען?

הערשעלע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער האָט עפּעס אָפּגעטאָן מיטן דאָקטערס ברילן. אין קאָפּ האָבן זיך אָבער געפּלאָנטערט גאָר אַנדערע זאַכן. ווי געפינט ער זיך? פונוואַנען קומט אַהער די לערערקע פרידע יאַקאָוולעוונע?

גלײַך ווי זי וואָלט אונטערגעהערט זײַנע געדאַנקען, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, אָנגענומען זײַן האַנט פאַרן דופּעק און, איידער זי האָט אָנגעהויבן ציילן, געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— דאָ, בײַ דײַנען אין שטוב, איז ווי אין אַ גוטן שפּיטאָל. — זי האָט אַ קוק געטאָן אָפן טיש־זייגערל, וואָס איז געשטאַנען צווישן די פלעשעלעך מיט רעפּועס, צוגעקוועטשט דעם גראָבן פינגער צו הערשעלעס אויסגעדאַרטער האַנט און גענומען ציילן: איינס, צוויי, דרײַ, פיר, און אַזוי ביז דרײַסיק. — נאָרמאַל, — האָט זי געזאָגט צום דאָקטער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. יענער האָט צוגעשטעלט אַ בענקל לעבן בעט, אָפּגעדעקט די קאָלדרע און בלויז אָף איין ווײַלע צוגעלייגט דאָס טרײַבל צום יינגלס בויך. ווײַזט אויס, אַז אים אַליין איז הײַנט אויך אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן — אַרויסגעריסן דעם יאַט פונעם מאַ־לעכהאַמאָוועסעס הענט! עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ טיף! ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער צעקושט אָט דאָס מיידל אין די פענסנע, און אויך די דאָזיקע דינע — אַ ווילד־פרעמדער מענטש זאָל אַזוי אונטערלייגן די הענט!..

— נאָך לאַנג וועל איך פאָרן צו דיר אַהין און צוריק? — האָט ער זיך געבייזערט אף הערשעלען. — דו מיינסט אַוודע, אַז דו ביסט איינער בײַ מיר? נו, ניט געזאָרגט, איצט וועט עס שוין גיין גיכער. — ער האָט מיט זײַנע אויסגעדאַרטע פינגער אָפּגערוקט די פלע־שעלעך און די גלעזעלעך אין אַ זײַט פונעם קײַלעכדיקן טישל און גיך־גיך גענומען שרײַבן אף אַ שמאָל בלעטעלע מיט לאַטײַנישע אויסיעס. — איצט וועל איך שוין אַליין קומען, רופן דאַרף מען מיך ניט. אָט דעם רעצעפּט, וועט איר זײַן אַזוי גוט, און באַשטעלן בײַ דאַמאַנס־קין אין אַפּטייק. איר זעט, דאָ האָב איך אָנגעשריבן zito. מע וועט אים אײַך מאַכן איינס און צוויי. — ער איז אויפגעשטאַנען פונעם אָרט, אויסגעשטרעקט פרידע יאַקאָוולעוונען די האַנט און זי שטאַרק אַ טרייסל געטאָן.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, פרידע יאַקאָוולעוונע, אָבער טאַקע אַ גרויסן...

און הערשעלע האָט גענומען ווערן געזונט.

שוין ניט איין מאָל האָט ער זיך איבערצײַגט, הערשעלע, אַז דערוואַקסענע זײַנען ניט קיין גרויסע כאַכאָמים...

זיי מיינען אַלע, אַז ער, הערשעלע, איז נאָך אַ מעלופּם־קינד און ער שטויסט זיך ניט אָן, פאַרוואָס דינע איז אַזוי צוגעלאָזט צו אים. עמעס, איין זאַך קאָן ער זיך ניט דערקונדיקן: ווי קומט אַהער די לערערקע פרידע יאַקאָוולעוונע, וואָס פאַר אַ פּאַניבראַט איז זי מיט דינען?

די לעצטע טעג, זינט שפּערלינג האָט געזאָגט, אַז הערשעלע גייט אף „פּאָפּראַווקע", האָט ריווקע די קורעלאַפּניטשקע אָנגעהויבן אַרײַנקומען אַהער עטלעכע מאָל אין טאָג. פריִער, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, — פלעגט זי בלויז צולויפן צו דער שוועל, אַרײַנבערענ־גען אַ הינדל, אַ פרעג טאָן וואָס און וויאַזוי און צוריק אַנטלויפן. ער פאַרשטייט דען ניט, הערשעלע, בײַ איר איז, קיין אײַנהאָרע, אַ פולע שטוב מיט קליינוואַרג, און מיט טיף שפּילט מען זיך ניט!

זי האָט אים אײַנגערעדט, ריווקע, אַ סאָד, אַז ער זאָל גיכער געזונט ווערן. לויט אַלע סימאָנים, וועלן הײַנט־מאָרגן די פּאָליאַקן מאַכן די פּלייטע, און נאָטע, דער טאַטע זײַנער, וועט מירצעשעם זיך אומקערן אַהיים. ריווקע האָט אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן זאָגן אים אַ גוט וואָרט וועגן דינען, — אַ מענטש איז ווי אַ יאַם, מע קאָן גאָר ניט דערגיין דעם גרונט זײַנעם. גיי ווייס, אַז זי איז גאָר ניט דאָס, וואָס דו האָסט געמיינט! און ריווקע בייגט זיך ווידער אָן צום יינגל און רוימט אים ווידער אײַן: איר דאַכט זיך גאָר, אַז דינע איז פון יענער בראַנזשע... האַקלאַל, פון יויסעפס כיידער...

די לעצטע צײַט איז ער געשלאָפֿן אָן אַ שיר. געשלאָפֿן באַטאָג און באַנאַכט, באַנאַכט און באַטאָג. דינע פֿלעגט שטילערהייט צוגיין צו זײַן געלעגער, אים אַ טאַרקע טאָן פֿאַרן אַקסל אָדער גאָר אַ קיצל טאָן אין דער פּיאַטע:

— ווען אַמאָל אופֿשטיין? פֿויליאַק! — אופֿוועקן פֿלעגט זי אים נאָר דעמלט, ווען זי האָט אים געדאַרפֿט אָנהאָדעווען. — דו זעסט, אָט פֿון אָט דעם סוף וואַקסן די האָר. ווי גע־פֿעלט דיר, ווי מיר האָבן מיט פֿרידען דיך אַרומגעסקובעט? — האָט זי געלאַכט. — טויזנט טרעף! דער טאַטע וועט דיך ניט דערקענען.

זי איז שטיל, ווי אַ קאַץ, אַרומגעגאַנגען פֿון צימער צו צימער, אַזוי אַז ער האָט אָפֿט אַפֿילע ניט געקאָנט זיכער זאָגן, צי איז זי דאָ ערגעץ לעבן אים צי ניט. אָט האָט זי גע־בראַכט אַף אַ ווײַסן פֿאַרצעלײַענעם טעלער דרײַ גרויסע געבראָטענע עפּל, באַשאָטענע מיט זאַמדצוקער. זי האָט דעם טעלער אוועקגעשטעלט אַפֿן קײַלעכדיקן טישעלע און אַרופֿגע־לייגט די האַנט אַף זײַן שטערן. הערשעלען האָט עס ניט געאַרט. ער האָט גאַרניט געפֿילט, ווי זײַן האַנט איז געבליבן ליגן אַף דינעס. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגעשוועבט פֿון צימער.

איצט איז שוין הערשעלען ניט אַרויס פֿון זינען ריווקע דער קורעלאַפּניטשקעס ווער־טער וועגן דינען. אין די אָוונטן האָט מען קימאַט קיינמאָל ניט אָנגעצונדן קיין ליכט דאָרט, וווּ ער איז געלעגן. דינע פֿלעגט אופֿעפֿענען די טיר פֿונעם שכיינעסדיקן צימער, די שײַן זאָל פֿאַלן צו הערשעלען. זי איז געזעסן, דינע, און געשמועסט מיט דער לערערקע, און ביידע, דינע און פֿרידע יאַקאָוולעוונע, זײַנען זיכער געווען, אַז ער שלאָפֿט, אַז ער הערט ניט, וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אָבער ער האָט אַלץ געהערט, הערשעלע. און ווען ער האָט איינעם אָן אָפּדערנאַכט פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן בא דינען, צי ווייסט זי, אַז די צוועלפֿטע אַרמיי האָט אַרומגערינגלט די פּאָליאַקן לעבן זשיטאָמיר, איז דינע געבליבן שטיין אַ פֿאַר־גליווערטע, ווי אַ גוילעם.

— פֿונוואַנען ווייסטו דאָס, הערשעלע? ס'האָט זיך דיר געכאָלעמט?!

— געכאָלעמט! — האָט ער זיך צעהירזשעט, ווי אַ לאָשעקל.

אַפֿילע נאָך דעם האָבן זיי, די פֿרויען, נאָך אַלץ זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז מע דאַרף זיך היטן, ניט פּלאַפּלען. אַז פֿון זײַן געלעגער קאָן מען אויך עפּעס הערן. און ער האָט טאַקע געהערט.

פֿון דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט, אינעם שכיינעסדיקן צימער, אָנגעפּלאַפּלט, האָט הער־שעלע געוווּסט אַלץ, וואָס איז פֿאַרלאָפֿן אין מעשעך פֿון די דרײַ וואָכן, וואָס ער האָט גע־פֿלאַמט אין היץ. און פֿאַרלאָפֿן איז אַ גוזמע מיט זאַכן, אַפֿילע זײַן כאַווער סראָליק דעם מאַקאָוואַזס איז אויך געווען פֿאַרמישט אין אַ סאַך געשעפֿטן. איצט האָט הערשעלע שוין קיין פֿאַריבל ניט געהאַט אַף דינען פֿאַרן שיקערן סאָלדאַט, ער האָט אָנגעהויבן קוקן אַף איר גאָר מיט אַנדערע אויגן.

ריווקע די קורעלאַפּניטשקע האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט אויסגעטראַכט, איר האָט הער־שעלע געגלייבט: וואָס וועט זי נעמען אויסטראַכטן אַף סראָליקן אַזעלכע ווילדע זאַכן? עמעס, פֿון אָנפֿאַנג האָט זיך עס ניט געלייגט אַפֿן זינען, נאָר אַז ריווקע זאָגט...

...לאָזט זיך אויס, אַז איינעם אָן אָפּדערנאַכט האָט דער כאַווער זײַנער זיך פֿאַרטײַעט מיט זײַן וואָלפֿהונט הינטער יאַנטיע פּײַערמאַנס שטוב, אין די קוסטעס פֿונעם פּאַליסאַדניק, און ווען דער פּאַדריאַדטשיק האָט זיך אין דער פֿינצטערניש אומגעקערט אהיים, האָט דער בורדיק אָפּגעלאָזט דעם הונט, אים עפּעס אַ זאָג געטאָן אַף היצעל־לאָשן, און דער קעלעוו, ווי אַ קאַלב די גרייס, האָט אין איינע צוויי מינוט געמאַכט טיל־טעל פֿונעם פּאַדריאַטשיק; ער האָט צעפּיצלט און צעפּליקט אַף אים די הויזן און דאָס העמד, צעביסן אים דעם האַלדז. אַ סוואָרע, ווען סראָליקל זאָל אים ניט געווען צונעמען, דעם הונט זײַנעם, וואָלט ער אים איבערגעביסן דעם האַלדז.

אין דער דאָזיקער געשיכטע האָט קיינער ניט געוואָלט גלייבן: ווי קומט עפּעס אַ ייִנגל צום פּאַדריאַטשיק יאַנטיע פּײַערמאַן? וואָס פֿאַראַ געשעפֿטן האָט ער מיט אים, ער זאָל בעקיוון ליגן פֿאַרטײַעט און וואַרטן אַף אים? און נאָך טויזנט קאַשעס האָבן זיך אַליין אָנגעפֿרעגט, נאָר שפּעטער האָבן מענטשן געזען דעם יאַנטיען אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטן און עפּעס אַ דערשראָקענעם, אַלע, וואָס האָבן געקענט דעם דאָזיקן אויסגעכאַליעטן אופֿגעקומע־נעם גוויר, האָבן גאָר ניט געגלייבט, אַז דאָס איז ער.

אָבער ריווקע האָט זיך ניט געלאָזט אָראָפּשלאָגן פֿון דער פֿאָנטאַליגע.

— וואָס הייסט? ווער טראַכט אויס, איך? אויב אַזוי, איז הערט זשע ווײַטער. — און די ייִדענע האָט גענומען דערציילן אַ מײַסע מיט אַ בריוו, וואָס דעם מאַקאָוואַזס בענאָקל

סראַליק האָט געבראַכט צו טראָגן דעם פּאַדריאַטשיק און וויִאַזוי דער פּאַדריאַטשיק האָט פאַרשלאָסן סראַליקן אין א פינצטער כיידערל. וואָס איז די מײַסע, ווילט איר וויסן? א שיינע מײַסע!... אין דעם דאָזיקן בריוו איז געווען געשריבן, לאָזט זיך אויס, אז דער פּאַדריאַטשיק זאָל ניט מיינען, אז זײַנע געשעפטן מיט די פּאַליאַקן און מיט דער אינטענ־דאַנטסטווע וועלן אים אָפּגיין גלאַט, אז צוליב אים פּוכנעט די שטאָט פון הונגער...

— א סוואָרע, — האָט ריווקע שטיל געזאָגט, — אז די קסיווע האָבן אים אַרײַנגעשיקט טאַקע זײַנע קאָנקורענטן, די סאָכרים, יעשוע ווײַמפּערס איידעמלעך.

האַקלאַל, האָט ער געפּאַקט דאָס ייִנגל, סראַליקן, הייסט עס, און צוגעשטאַנען צו אים, ווי מיט א מעסער צום גאָרגל, אז יענער זאָל נאָר זאָגן, ווער האָט געשיקט דאָס שורע־גריסל. סראַליק איז אָבער ניט פון די דערשראָקענע קינדערלעך, האָט ער אים אָנשטאָט אָן ענטפער אַרײַנגערוקט א פײַג אין דער צורע. האַקלאַל, דער פּאַדריאַטשיק האָט פאַר־שפּאַרט דעם באָכער באַ זיך אין שטוב און אליין אוועק רופן פּאָליציי, מאַסרן אים. דעם וויַיב זײַנעם, ציוויען, האָט ער אָנגעזאָגט, יאַנטיע, אז זי זאָל אין קיין שום פאַל ניט אַרויס־לאָזן דעם בורדיק. נאָר שפּילסט זיך מיט סראַליקן?.. ווי נאָר יאַנטיע האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט ציוויע דערהערט, ווי אַלץ גייט כאַדאָראַם. אין צימער, וווּ סראַליק איז געווען פאַרשפּאַרט, האָבן זיך גענומען טרייסלען די ווענט. ער האָט צעקלאַפּט אַף פּיץ־פּיצלעך א גרויסן שפּיגל, צעזעצט אין דער פּאַל א פּאָרצעלייענע וואַזע. די טאַפּליעס אינעם פאַרהאַקטן פענצטער האָבן גענומען קלינגען. ביז ציוויע האָט באַוויזן אופשליסן די טיר, איז דאָרט אַלץ צעפּליקט און צענעריקט געווען. די פעדערן פון די קישנס זײַנען אַרומגע־פלויגן, ווי דער שניי אין א זאַווערוכע. ציוויע האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי סראַליק איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער שטוב.

הערשעלע האָט מיט א פאַרטײַטען אָטעם געשלונגען יעדער וואָרט ריווקעס. ער איז גרייט געווען אַראָפּ פונעם בעט און זיך לאָזן צום כאַוער, צו סראַליקן. וואָדען, סראַליק איז א מאַלאַדיעץ... אָבער פאַרוואָס האָט ער אָנגערייצט דעם הונט, האָט הערשעלע ניט פאַרשטאַנען. ער וואָלט עס געפרעגט באַ ריווקען, האָט ער אָבער מוירע געהאַט, אז זי וועט עפּענען דאָס מויל, דינע זאָל זיך ניט כאַפּן, אז ער הערט זיך אונטער. אָבער ריווקען דאַרף מען ניט שלעפּן פאַר דער צונג, זי האָט אַליין פאַרענטפערט הערשעלעס ניט געשטעלטע קאַשע.

— מיינט איר דאָך, אז דער פּאַדריאַטשיק האָט זיך באַרויִקט? עס הייבט זיך ניט אָן! דעם זעלבן טאָג איז אַף די הלינישטשעס צו סראַליקס מאַמע אין שטיבל אַראָפּגעקומען עפּשער א צענדליק פּאָליאַקן מיט פּעטליוראָווצעס. מ'האָט אַלץ איבערגעקערט האָרע־קאָרע, דער פּאַדריאַטשיק האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אז סראַליק האָט צוגעגאַנוועט באַ אים אין אַלקער א טײַערן סיגנעט, נאָר דאָס ייִנגל איז אויסגערונען — זוך א ווינט אין פעלד.

10

ווען אין שטוב איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, איז דינע אַף די שפּיץ פינגער אַרײַנגע־קומען צו אים אין טונקעלן צימער, אַנידערגעשטעלט א גלאָז וואַסער אַפן טישעלע, א טאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע באַ הערשעלען דעם שטערן און אַרויסגעשוועבט. די שײַן פונעם הענגלאָמפּ, וואָס איז געפאַלן נאָר באַ דער שוועל פון הערשעלעס צימער, איז געוואָרן טונקעלער, — דאָס האָט דינע אײַנגעדרייט דעם קנויט פונעם לאָמפּ. אין א פּאָר מינוט אַרום האָט הערשעלע געהערט, ווי ס'האָט א קלאַפּ געטאָן די אַרײַנגאַנג־טיר, — דינע איז ערגעץ אוועקגעגאַנגען.

מעגלעך, אז ער איז אײַנגעשלאָפן, הערשעלע. אופגעכאַפּט האָט ער זיך, ווײַל עפּעס האָט גענומען שורשען אין די קוסטעס הינטערן פענצטער. ער האָט זיך אופגעזעצט אַפן געלעגער, פאַרהויבן דעם פאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט אין הויף. דער הימל איז געווען שוואַרץ און באַזעצט מיט שטערן.

— סראַליק, דו? — האָט הערשעלע שעפּטשענדיק געפרעגט.

אָנשטאָט אָן ענטפער האָט זיך איבער דער פענצטער־ברעט באַוויזן סראַליקס צעשויִ־בערטער קאָפּ. ער האָט זיך אונטערגעצויגן אַף די הענט און אין איין אויגנבליק געבליבן זיצן אַפן פענצטער.

הערשעלע האָט א דערשטוינטער געשוויגן, זיך אַפילע א ביסל אָפּגערוקט אַף צוריק.

פלוצעם איז ער אין איינעם העמד אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, אַרויסגעלאָפן אין שכיי־נעסדיקן צימער, פלינק, ווי א מויז, אַרופגעשפּרונגען אפן טיש, איבער וועלכן ס׳איז גע־האנגען דער לאָמפּ, און אַרויסגעדרייט דעם קנויט. סראַליק האָט זיך ניט געלאָזט בעטן — ער האָט אַריבערגעוואָרפן די באָרוועסע פיס איבערן פענצטער און מיט עטלעכע שפּרונג געווען לעבן הערשעלען.

זיי האָבן זיך ביידע דערזען אין דעם זעלבן גרויסן צימער מיטן קײַלעכדיקן טיש, ווו דינע האָט זיי אנומלט מעכאַבעד געווען מיט געפילטע פיש.

באַ הערשעלען האָבן געברענט די אויגן, ער האָט געקוקט אפן כאַווער און זיך ניט געקאָנט זאט אָנקוקן.

— האָסט מיך ניט דערקענט? זע, איצט ביסטו אפאַנעמעסן א נאַקעטער פּרינץ.

ביידע ייִנגלעך האָבן זיך צעלאַכט. הערשעלע האָט אָבער באַלד מיט שרעק זיך גענו־מען אַרומקוקן. ער איז אופגעשפּרונגען פון בענקל, פאַרמאַכט די טיר, די שײַן זאָל ניט פאַלן אין הויף דורך דעם אָפענעם פענצטער.

— סראַליק, ס׳איז עמעס? — האָט ער געקוקט אף אים מיט פאַרליבטע אויגן.

— וואָס עמעס?

— מיטן הונט, מיט טשאַטשורין, ער האָט אים טאַקע צעביסן? — אים האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן, ווער ס׳האָט אים געגעבן די קסיווע, וואָס איז דאָרט געווען געשריבן, און דעריקער ווו באַהאַלט ער זיך אויס פונעם פּאָדריאַטשיק. ער האָט אָבער קיין זאַך ניט געפרעגט.

סראַליק האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א שמאָל סלאָיִקל מיט אײַנגעמאַכטס און עס אוועקגעשטעלט אפן טיש.

— דאָס האָט באַרבאַרא, די פּאָלקע, דיר געשיקט. ווערסט אופעסן, זאָגט זי, דאָס סלאָיִקל, ווערסטו ווערן אינגאַנצן געזונט.

הערשעלע האָט ניט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען דער כאַווער זײַנער רעדט, ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט — די פּאַקאָיאָווע מיט די קראַליקאָווע אויערלעך. נאָר ווי קומט סראַליק צו איר? שאַ, איצט ווייסט ער שוין אַלץ...

און סראַליק האָט טאַקע געזאָגט, אַז אזוי איז עס.

ווען די פּאָליאַקן זײַנען געקומען און גענומען נישטערן באַ זיי אין שטוב, איז ער, סראַליק, אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און דורכן גאָרטן זיך אַרײַנגעכאַפּט צו פּרידע יאַקאָוולעוונע אין שטיבל. די לערערקע האָט גלײַך אַלץ פאַרשטאַנען און אים געהייסן לויפן צו הערבערט מוציך אין סאַד אַרײַן.

— דורך די גערטענער, ־קיינער זאָל ניט זען, — האָט זי אים אָנגעזאָגט, סראַליקן, — כ׳וועל באַלד קומען אַהין...

און אָט איז שוין באַלד צוויי וואָכן, ווי ער געפינט זיך באַ מוציך אין סאַד. סראַליק האָט גאָרניט געקאָנט אָנלויבן די דאָזיקע באַסיע, באַרבאַרען, הייסט עס, די אָנגעקראַכמאַ־לעטע אויערלעך, זי לאָזט אים ניט, סראַליקן, אַרויסשטעקן די נאָז פונעם הויף, האַלט אים, ווי אין א טפיסע. אָבער הײַנט האָט ער באַשלאָסן, וואָס עס זאָל ניט זײַן, קומען אַהער, צו הערשעלען.

— פּרידע יאַקאָוולעוונע, — האָט סראַליק דערציילט, — האָט געזאָגט, אַז איצט ביסטו שוין ניט קיין זאַראַזנע, אַז מע מעג צו דיר קומען. — ער האָט אַראָפּגעריסן דאָס בלעטעלע פּאַפּיר פונעם סלאָיִקל, צוגעלאָפן צום בופעט, געבראַכט פון דאָרט א לעפל און דערלאַנגט דעם כאַווער: — נאַ, פרעס, אָבער שוין, די מינוט! — ער האָט נאָכגעקוקט מיט די פאַרזשמורעטע יאַפּאַנישע אייגעלעך, ווי הערשעלע האָט א לעק געטאָן דאָס אײַנגעמאַכטס, און זיך פאַרקרימט.

— פּעגירע! קענסט ניט עסן, ווי א מענטש? — ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט, אַרומגענומען הערשעלען מיט דער האַנט אַרום האַלדז, אים צוגעצויגן צו זיך און אײַנגע־רעדט אין אויער: — דאָס, וואָס כ׳האָב דעמלט געזאָגט וועגן דינען, נו, אַז זי איז א נאַפקע, איז א ליגן, כ׳האָב ניט געוווסט... זי מאַכט זיך נאָר, און פּרידע יאַקאָוולעוונע איז אויך ניט קיין פּראָסטע לערערקע, דו קוק ניט, וואָס זי גייט מיט ברילן...

פאַר הערשעלען איז שוין לאַנג ניט געווען קיין נײַס, ווער די לערערקע איז און ווער ס׳איז דינע, ער האָט אפילע געוווסט, אַז מיטן פּוילישן סאָלדאַט איז זי געוואָרן קוציניר־מוציניר צוליבן טאַטן. דורך אים, דורך יענעם סאָלדאַט, איז איר געלונגען, אַז מע זאָל דעם טאַטן איבערפירן פון דער קאַמערע פון די בונטאָווושטשיקעס, פון די פּאָליטישע, הייסט עס, צו די גאַנאָווים, און דאָרט איז שוין ניט געפערלעך. איצט האָט ער זיך שוין אינגאַנצן

פארפלאָנטערט, הערשעלע, ער האָט שוין גאָר ניט געוווסט, צי מע קאָן גלייבן ריווקע דער קורעלאַפּניטשקע, אַז די אַלמאָנע, די אַפּטייקערשע, ווי ריווקע האָט גערופן דינען, איז טאַקע אַזוי פאַרליבט אין זײַן טאַטן. כאָטש דעם עמעס געזאָגט, וואָלט עס אים, הערשעלען, ניט אָנגעהויבן צו אַרן, זאָלן זיי...

די אַרײַנגאַנג־טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן, און די ייִנגלעך האָבן דערהערט, ווי די קייט־לען אַף דער טיר האָבן גענומען קלימפּערן. סראָליק האָט קוים באַוויזן אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער אין הויף אַרײַן. ער איז אַף אַ ווײַל געבליבן הענגען מיט די הענט אַף דער פענצטער־ברעט, באַוויזן זאָגן דרײַ געציילטע ווערטער:

— כ'וועל קומען...

הערשעלע האָט זיך אײַנגעדעקט מיט דער פּיקייענער קאָלדרע, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט זיך שלאָפנדיק, געוואַרט, אַז דינע זאָל אַרײַנקומען צו אים. פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס סלאָיִקל אײַנגעמאַכטס איז געבליבן אַפן טיש, און דעם קנויט פונעם הענגלאָמפּ האָט ער פאַרגעסן אײַנצודרייען.

ער האָט זיך לאַנג געדרייט אַפן געלעגער און בעשום־אויפן ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. אינעם שכײנעסדיקן צימער האָט דינע זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט. ווי שטיל זי איז ניט געווען, האָט ער דאָך אופגעכאַפּט באַזונדערע קלאַנגען. אָט האָט אַ קלונג געטאָן דער לעפל אינעם סלאָיִקל... הערשעלע איז אַראָפּ פונעם געלעגער, גענומען אַף די אַקסל די בלויע פּיקייענע קאָלדרע און צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— סראָליק... מײַן כאַווער... — האָט ער אַרויסגעזאָגט ביידע ווערטער באַזונדער, — ער האָט מיר געבראַכט, — האָט ער אַ ווונק געטאָן צום טיש, ווו עס איז נאָך געשטאַנען דאָס סלאָיִקל.

— גיי, לייג זיך, דו וועסט זיך נאָך פאַרקילן, — האָט דינע ווייך געזאָגט. — איך קען אים, דײַן סראָליקן.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ייִנגל וויל איר נאָך עפּעס זאָגן צי פרעגן, האָט זי אים גענומען פאַר די אַקסל און אָפּגעפירט צום געלעגער, — מאָרגן, — האָט זי געזאָגט, — אײַ־דערפרי וועלן מיר זיך דורכשמועסן...

11

אין שלאָף האָט ער געהערט, ווי עמעצער שרײַט. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז אַרום אים געווען ליכטיק־בלוי, פונקט ווי אַ דורכזיכטיקער נעפל צי אַ דין רויכל וואָלט אָנגעפילט דעם צימער פונעם דיל ביז דער סטעליע.

ער האָט אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך די דינע קאָלדרע, זיך אופגעשטעלט אין בעט אַף די קני און אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. פון דער רעכטער זײַט איז אַ שטיק הימל געווען צונטער־רויט. אַ שוואַרצער רויך, ווי צעריסענע שטיקער פון אַ גרויסן וואָלקן, האָט זיך געטראָגן אַף מײַרעוו. זיי האָבן אויסגעזען, ווי אונטערגעסמאַליעטע און באַזוימטע מיט אַ גאָלדענעם גאַרטעלע. פונדערווײַטן האָבן זיך געהערט פאַרדומפּענע שטימען פון אַ טומלענדיקן האַמוין. אָבער וואָס דאָרט קומט פאָר, איז אומעגלעך געווען צו פאַרשטיין.

פּלוצעם האָט אַ מוירעדיקער הילך אופגעריסן די לופט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גאַנצע הערמאַטן־באַטאַריי האָט לויט אַ קאָמאַנדע אויסגעשאָסן. די שויבן פון די פענצטער האָבן גענומען ציטערנדיק קלינגען. פון שרעק האָט הערשעלע אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל און די אויגן האָבן פון זיך אַליין זיך פאַרמאַכט. דער צווייטער זאַלפּ איז געווען נאָך שטאַרקער — ער האָט זיך אופגעריסן און דערבײַ אופגעהויבן הויך אין הימל אַרײַן אַ בלענדיקן פאַס פון פײַער. דער אומגעריכטער פלאַם האָט ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטאָן הערשעלען אין די אויגן, אַף אַ רעגע איז דאָס ייִנגל בלינד געוואָרן.

ערשט שפּעטער מיט עטלעכע מינוט, ווען דינע איז געקומען צו לויפן און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס ברענט די אינטענדאַנטסטווע, אַז די פּאַליאַקן האָבן זי אופגעריסן, און אַז דאָס רײַסן זיך די סנאַריאַדן, וואָס געפינען זיך דאָרט, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר דאָרט, בײַ די לאַגערלעך.

איצט האָבן די סנאַריאַדן זיך געריסן אייניציקווײַז. הערשעלען האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט, ווי זיי פײַפן. ווען ער זאָל אַרויס אין גאַס, וואָלט ער מינאַסטאַם געזען, ווי זיי פליִען, די סנאַריאַדן.

— זיי פֿאַרלאָזן די שטאָט, — האָט דינע שטיל געזאָגט, ווי צו זיך אַליין, — אָבער אַרויס־גיין אַף דער גאַס איז געפֿערלעך.

בא הערשעלען האָבן געפֿלאַמט די אויגן. אַפֿן שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס.

— דינע, — האָט ער געפֿרעגט, קוקנדיק צו דער גאַס, — און דער טאַטע?

פֿון יענער זײַט פּלויט, הינטערן הויף, איז עמעצער דורכגעלאָפֿן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט דאָס צאַקען פֿון טלאָען. דאָס האָבן רײַטער זיך געיאָגט נאָך די אַנטלויפֿנדיקע. הערשעלע האָט אַלץ געהערט, אָבער געזען האָט ער גאָרניט. פֿונדעסטוועגן איז שוין אין זײַן קאָפּ פֿאַרטיק געווען אַ גאַנצע געשיכטע. דאָס, — האָט ער זיך אויס־געמאָלט, — יאָגן אונדזערע רײַטער נאָך די פּוילישע פּליאַקעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרשלאָפֿן און ניט באַוויזן צו דער צײַט נעלעם צו ווערן.

— עמעס? — האָט ער זיך געווענדט צו דינען.

— וואָס, הערשעלע?

ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי ווייסט דאָך ניט, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט.

דינע האָט, ווי אַ פֿאַרקישעפּטע, געקוקט אַפֿן פֿלאַמענדיקן הימל, סײַ זי, סײַ הערשעלע האָבן ביסלעכווײַז זיך צוגעוווינט צו די אויפֿרײַסן פֿון די סנאַריאַדן. איצט האָבן די זאַלפֿן זיך דערטראָגן זעלטענער.

דאָס יינגל האָט געפֿילט, אַז דינע וואַרט אַף עפּעס, — זי האָט געקוקט אין פֿענצטער און זיך צוגעהערט, צי קלאַפּט מען ניט אין דער טיר. פּלוצעם האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אין שכײַנעסדיקן צימער און די רעגע זיך אומגעקערט מיט איר ציגײַנערישן טיכל אַף די אַקסל. זי האָט אין בײדע הענט אַרײַנגענומען הערשעלעס פּאָנעם — ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַף די קני. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר. אַף די ליפּן איז געלעגן אַ שטילער שמייכל.

— דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן אַראָפּגיין פֿונעם בעט, — האָט זי שטרענג געזאָגט, — דו פֿאַרשטייסט, וואָס איך זאָג? דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן... — זי האָט מיט אַ בייזן בליק אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. — איך וועל באַלד זיך אומקערן צוריק. אויב פֿרידע יאַקאָוו־לעוונע וועט קומען, זאָג איר, אַז איך בין אַוועק צום וואָקזאַל.

— צו דער טורמע? — האָט הערשעלע פֿאַרפֿינקלטלעכט.

— צו דער טורמע, הערשעלע, — האָט זי שוין ווייכער, אַפֿילע מיט אַ שמייכל געענט־פֿערט. — וואַרט אַף מיר דאָ. מירן קומען...

ער האָט געהערט, ווי ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן די אַרײַנגאַנג־טיר אַפֿן ערשטן שטאָק. אויסגעוואַרט אַ מינוט צי צוויי, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם געלעגער, צוגעלאָפֿן צום ווינקלדיקן שאַפֿקעלע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן זײַן בעט, עס געפּרוווט עפֿענען, נאָר ניט געקענט — ס'איז געווען פֿאַרשלאָסן. אַ צעטומלטער האָט ער באַטראַכט אין דער ליכטי־קער בלויקײַט דעם גאַנצן צימער, אונטערגעהויבן דעם מאַטראַץ, דאָס קישן, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, ניט געפֿונען. ניין, נאָר אין שאַפֿקעלע, נאָר אין שאַפֿקעלע ליגן די מאַטקעס זײַנע... איצט איז ער שוין אינגאַנצן זיכער געווען, אַז אין ווינקל־שאַפֿקעלע ליגן זיי. זי וועט דאָך ניט גיין אוועקטראָגן זײַן אָנטאָן צו זיך אין צימער... פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין גרויסן זאַל מיטן קײַלעכדיקן טיש, ווו ס'איז געשטאַנען אַ הויכער געשניצטער בופֿעט מיט דורכזיכטיקע טירלעך פֿון געשליפֿן גלאָז. ער האָט זיי האַסטיק פֿאַנאַנדערגעעפֿנט, נאָר דאָרט זײַנען געשטאַנען גלעזער און גלעזלעך — אָן אַ שיר געפֿעס. אויך דער אונטערשטער טייל פֿונעם בופֿעט מיט די הילצערנע טירלעך איז געווען אָפֿן. ווו זשע זײַנען די מאַטקעס?

עפּעס האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן. דאָס הארץ איז אַף אַ ווײַל, דאַכט זיך, געבליבן שטיין. וווּ איז דאָרט? אַף די שפּיץ פֿינגער איז ער צוגעגאַנגען צו דער שוועל פֿון זײַן צימער. אַפֿן דיל איז אין זײַן גאַנצער לענג געלעגן אויסגעצויגן סראָליק. דערזען הער־שעלען, איז ער אופֿגעשפּרונגען אַף די פֿיס.

— דו? הערשעלע! — ער האָט, ווײַזט אויס, ניט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן. — וואָס זיצסטו אין צימער? הײַדאַ, אונדזערע זײַנען אין שטאָט. נו, טו זיך אָן, אָבער איינס און צוויי!

הערשעלע האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן קורצן העמדל, פֿון וועלכן ער איז שוין לאַנג אַרויס־געוואַקסן, צוגעלאָפֿן צום ווינקל־שאַפֿקעלע און מיט אַלע קויכעס אַ ציִ געטאָן פֿאַרן מע־שענעם אויערל די טירלעך. דאָס שאַפֿקעלע האָט זיך אַ רוק געטאָן פֿון אָרט, נאָר עפֿענען זיך ניט געוואָלט. סראָליק האָט באַטראַכט דעם כאַוער און זיך צעלאַכט:

— ביסט טאַקע אַן עמעסער נאַקעטער פּרינץ! — דערבײַ האָט ער אַרויסגעכאַפּט זײַן מעסער פון דער קעשענע, עס אַרײַנגערוקט אין שפּאַלט צווישן בײדע פאַרשלאָסענע טירלעך און אין אײן אויגנבליק פאַנאַנדערגעעפנט דאָס שאַפקעלע. אַף אַלע דרײַ פּאָליצעס פונעם געעפנטן שאַפקעלע זײַנען געשטאַנען קאָלערלײ פלעשעלעך און פושקעלעך מיט לאַטײַנישע אויפשריפטן. סראָליק האָט זיך ווידער צעלאַכט. בײַ הערשעלען אין די אויגן־ווינקלען זײַנען געשטאַנען צווײ גרויסע טרערן, גרייטע זיך אַרויסקײַקלען.

סראָליק האָט מער קײן וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַפן בעט, פון דאָרט אַף דער פענצטער־ברעט, אויסגעשריגן בלויז אײן וואָרט: „וואַרט!" און נעלעם גע־וואָרן — אַראָפּגעשפּרונגען אין הויף אַרײַן.

ערשט איצט האָט הערשעלע פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אומזיסט געזוכט דאָס אָנטאָן. פראָיִם, ריוווקע דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, האָט אים דאָך אַהער געבראַכט צו טאַסקען אַ נאַקעטן, אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע... נאָר וווּהין האָט זיך אַהינגעטאָן סראָליק?

דאָס בלויע רויכל אין צימער האָט אַלעמאָל געביטן דעם קאָליר — אָט איז עס געוואָרן בלויער און אָט טונקל־בלאָוו. הערשעלע האָט דערפילט, ווי די פיס האָבן זיך גענומען אונ־טערברעכן, אַפילע שטײן אַף די קני און אַרויסקוקן אין פענצטער איז געוואָרן שווער. פאַר די אויגן האָבן זיך גענומען דרייען לויכטנדיקע רייפן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער פּלייצע און צוגעמאַכט די אויגן. גאָר נאָענט, לעבן סאַמע פלויט, האָט מען אויסגעשאָסן פון אַ ביקס דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד. „סטאָי! סטאָי!" — האָט עמעצער געשריגן. דער דאָזיקער געשריי און די שיסערײַ האָט דערמאָנט הערשעלען אין יויסעפן. אין יענער נאַכט, ווען ער איז געקומען אַ פאַרוווּנדעטער צו דער־אָ שטוב, ווו ער, הערשעלע, געפינט זיך איצטער. ער האָט זיך אַליין פאַרכידעשט, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג ניט דערמאָנט זיך ניט אין כאַנקען, ניט אין יויסעפן. עפשער זײַנען זײ גראָד אַצינד נאָענט פונדאַנען? עפשער וועט זיך באַלד עפענען די טיר און אַף דער שוועל וועלן זײ זיך באַווײַזן — דער טאַטע, כאַנקע, יויסעף און זי, דינע...

ער ווייסט ניט, ווי לאַנג איז ער געשלאָפן, צי איז ער גאָר אינגאַנצן געשלאָפן. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז אין צימער שוין געווען ליכטיק, אַ לויכטנדיק־בלויער הימל האָט אַרײַנגעקוקט אינעם אָפענעם פענצטער. קײן אייננציקער קלאַנג. ווען ניט די צעעפנטע טירלעך פונעם ווינקל־שאַפקעלע, וואָלט ער גאָר געמיינט, אַז סײַ די סרייפע, סײַ די שיסערײַ האָט זיך אים געכאָלעמט.

אָבער די שטילקײַט האָט לאַנג ניט געדויערט. עמעצער האָט מיט די פויסטן און מיט די פיס גענומען נעריקן אין דער אַרײַנגאַנג־טיר פונעם ערשטן שטאָק. עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען. הערשעלע וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז ריוווקע דער קורעלאַפּניטשקעס קאָל.

ער האָט פיבערדיק און שנעל זיך פאַרוויקלט אין דער קאָלדרע און געלאָזט זיך לויפן. פונעם גרויסן צימער מיטן קײַלעכדיקן טיש איז ער אַרויס אַף די אינווייניקסטע הילצערנע טרעפּלעך. פון דאָרט האָט ער שוין געוווּסט דעם וועג צו דער אַרײַנגאַנג־טיר.

פאָרענדיק זיך באַם פאַרוקער, האָט ער געפרעגט:

— ריוווקע? דאָס זײַט איר, ריוווקע?

— איך, איך! עפן, הערשעלע. זאָלסט געדענקען דאָס גאַנצע לעבן דײַנס, — האָט זי געשריגן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, — דאָס האָב איך געבראַכט דיר די בסורע: ער גייט, דער טאַטע גייט...

די עצעם סיבע

אין דער זעלבער רעגע

אין שלאַכט געווען מיטן טויט כ׳בין אויסגעקניפּט
און ניט געטראַכט, וואָס זײַן וועט מיט מיר שפּעטער.
געקלערט האָב איך: ווען כ׳גיב איין פּויזע נאָך,
איין קלעטער...
און פֿון דעם סנײַפּערס שיסערײַ שוין ניט געציטערט וואָלט מײַן ליפּ, —
געגאַנגען וואָלט איך מיר גאַנץ רויִק מיט טראַנשייען,
און אונטערפֿײַפֿן זיך און שטיל זיך פֿרייען:
„אהא, פֿאַסקודנע סנײַפּערל, גאָר א ראַכמאָנעס:
אומזיסט־אומנישט געפּאַטערט האָסט אָף מיר פּאַטראָנעס.
וואַרט צו, אָט קלינג איך אָן אין מינאָמיאָטנער ראָטע,
און מאַכן וועט זי פֿון דיר אש און בלאָטע".
נאָר ס׳קומען אוף דערבײַ שוין אַנדערע געדאַנקען:
ווי כאַפּט מען זיך אַרײַן בעשאָלעם אין זעמליאַנקע,
אז כ׳זאָל פֿון סוינעס איין סנאַריאַד ביז צו דעם צווייטן
דערלעבן ווי־ניט־איז, די צוואַנציק מעטער דורכצולויפֿן...
גלײַך ווי א פֿעלד־מויז שווינדלט דורך דער טויט,
כ׳באַווײַז אים גאָרניט צו באַטראַכטן.
אַזויפֿיל האָוועניש און אַרבעט אין די שלאַכטן —
עס בלײַבט גאָרניט קיין רעגע צײַט אָף צו באַקלערן,
אז כ׳קאָן דאָך אין דער זעלבער רעגע
טויזנט מאָל געהאַרגעט ווערן.

◇ ◇ ◇

ווי גוט איז פֿרילינג־צײַט
צו קומען
פֿון גרויסן רווישנדיקן קראַך,
אין ליבן דאָרף צום נידעריקן דאַך,
ווו די מאָטאָרן זשומען,
ווו ס׳וואַרט אין גערטנדל אָף דיר
פֿון טעג פֿאַרהאַוועטע, פֿאַרסאָפּעטע
אַן אײַנפּאַכע און שטילע לאָפּעטע.

◇ ◇ ◇

אַזאַ יונגע שטאַלטנע באָבע
גייט זי עס צופּוס דעריבער.
מיט א שיינעם שוואַרצן צאָפּ
כ׳רוף זי דורכגיין זיך אין סאָד.
פֿון באַגינען פֿליט און האָרעוועט —
לאַכט זי: כ׳וואַרט אָף נאָך
נאָר די אייניקלעך אין קאָפּ.
אַן אייניק,
ס׳האַלט דערבײַ שוין... אָט־אָט־אָט...

צו איין אייניק דאַרף זי פֿאָרן
אירע לעבעדיקע אויגן
אין א צווייטן עק פֿון שטאָט,
גלאַנצן, לאַכן פֿריילעך מיט.
און דער צווייטער איז אָף דאַטשע,
אַזאַ פֿײַנע יונגע באָבע
נאָר דער דריטער — נאָענט גראָד.
מיט אַזעלכע פֿעסטע טריט...

◇ ◇ ◇

וויפל שטייען מיר נאָך פּאַר באַגינענס
און פאַרנאַכטן...
אוי, איך דאַרף, איך מוז געפינען
קויעך, מײַנע טרוימען צו דערטראַכטן.

ס'קען קיין רייד ניט זײַן פון דעם,
כ'זאָל עס ניט באַווײַזן,
כ'זאָג מײַן האַרץ: לעמאַנאַשעם,
שטאַרקער זײַ פון אײַזן.

◇ ◇ ◇

אָ, שויטע בען פּיקהאָלץ,
צי פּיקהאָלץ בען שויטע,
דו גלייבסט מיר, צי ניט? —

אָט דאָס, וואָס דו טראַכסט
צווישן איין ליד און צווייטער, —
אָט דאָס איז דײַן ליד.

◇ ◇ ◇

איך קען עס מער ניט דולדן,
ניט פאַרטראָגן —
כ'האָב מוירע דיר
אַ וואָרט צו זאָגן.

אַף אָן אַ שיר צו מעקן,
אויסצושטרײַכן,
צו נויסע־כיין זײַן
מיט אַ וואָרט אַ גלײַכן.

און אינדערײַן באַשטייט
די עצעם סיבע,
לעמיי עס גייט אַוועק
די צײַט לעיִבעד

איך מורמל, שעפּטשע,
פּרעס דעם צונג צום גומען,
נאָר כ'שפּרינג אַרויסעט
מיט אָ וואָרט אַ קרומען...

◇ ◇ ◇

ווען ווער קיין איין בען־אָדעם שוין דאָס גאָלד קיין האָר ניט אָרן,
גלײַך ווי די הויף־שאָמרים,
וואָס אומצופרידן שאָרן
אין העלן האַרבסט־טאָג בלעטער גאָלדיקע פון טראָטואַרן,
פון אינדערפרי מיט ברייטע לאָפּעטעס
דאָס גאָלד אין קופּקעס קלײַבן.
נאָר ס'וויל דער ווינט
פון אַלטע לײַט קאַטאָוועס טרײַבן —
און פון די צווײַגן מיט מער פרישקײַט
בלעטער־גאָלד טוט וואַרפן.
די הויף־שאָמרים אַפּסניי נעבעך באַדאַרפן
שאָרן מיט די לאָפּעטעס.
זיי נעמט אַזש אין די אויגן שימערן.
ווען קיין בען־אָדעם וואָלט, ווי זיי, דאָס גאָלד
קיין האָר ניט קימערן.

◇ ◇ ◇

די זון, די גליִענדיקע זון פאַרגייט.
דער רויטער פּאַס ווערט בלייכער אַלץ און דינער.
אַ באַבעלע די פליגעלעך צעשפּרייט,
בלײַבט ליגן אַף דער פּײַכטער ערד דער גרינער.
אַ טאָג — אַ לעבן פול מיט זונען־פרייד,
פון זאַנג צו זאַנג, פון קווייט צו קווייט געפלאַטערט.
קיין טראָפּן זיך אַפילע ניט פאַרמאַטערט.
געשטאָרבן מיט אַזאַ מין לײַכטן טויט

◇ ◇ ◇

טשיקאווע קוקן, ווי דאָס קעצל א טרייסל גיט
דאָס לאַפּקעלע, וואָס מ׳האָט עס אָקאָרשט אָנגעטראָטן.
פּונקט ווי דעם ווייטעק וואָלט עס אָפּטרייסלען דערמיט.
און זע, ס׳אים דאָס אפּאַנעמעסן געראָטן,
ווײַל אָט־אָ וואַשט עס זיך אָפּסנײַ — איין לאַפּקע מיט דער צווייטער
און פלינק א שפּיל גיט מיטן עקל און פאַרדרייט עס.
ווען איך וואָלט קאָנען איינס־און־צוויי
אראָפּטרייסלען פון האַרץ
מײַן ווינד־און־וויי...

◇ ◇ ◇

געוויטער־וואָלקנס שווימען.
איז מאַך איך מיר א סימען:
אָט יענעם וואָלקן־שפּיץ
שנײַדט טייקעף דורך א
בליץ —
און ס׳גיט א זעץ א דונער.

— כא, כא, דו האָסט געטראָפן,
נו, טו נאָך טרעפן, טו נאָך. —
איך מאַך דאָס פענצטער אָפן.
אראָפּ, אראָפּ פון זאָטל.
פאר דונערס כ׳וועל ניט באַטל.
עס שײַנט שוין פאר די אויגן
א פרישער רעגנבויגן.

כראָניק

א קאָנצערט פון יידישע פאָלקסלידער אין מאָסקווער עטנאָגראַפישן אינסטיטוט

אין מאָסקווער עטנאָגראַפישן אינסטיטוט בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר איז פאָרגעקומען אַן אָוונט פון יידישע פאָלקסלידער, אַף וועלכן עס איז ארויסגעטראָטן די שוישפּילערן פונעם מאָסקווער יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל פאָלינע אײַנבינדער. צוזאַמען מיט איר האָט אין דער קאָנצערט־פּראָגראַם זיך באַטייליקט די יונגע פּיאַניסטקע סוועטלאַנע אײַנבינדער. זי האָט אַקאָמפּאַנירט דעם סאָלאָ־קאָנצערט פון איר שוועסטער.

ארויסטרעטנדיק צום ערשטן מאָל פאר אזא פּראָפעסיאָנעלער אאודיטאָריע, האָט די זינגערן זיך באַמיט צו באַווײַזן אין איר פּראָגראַם אַן אויסוואַל פון כאַראַקטעריסטישע לידער און מעלאָדיעס פונעם יידישן פאָלקס־אוצר — ליבע־לידער, שטייגער־לידער, געוואַנגען וועגן נויט און פּײַן, וועלכע דאָס פאָלק האָט געשאַפן אײַנעם אַמאָליקן יידישן טכום און זיי פאַרהיט ביז הײַנטיקן טאָג.

פאר די צוויי שאָ, וואָס דער קאָנצערט האָט געדויערט, האָט פאָלינע אײַנבינדער אויסגעפילט בא דרײַסיק פּאָפּולערע און ווייניק־באַוווּסטע פאָלקסלידער („א רעגנדל", „דאַנאַ־דאַנאַ", „ווען איך זאָל האָבן פליגעלעך", „בין איך מיר א שנײַדערל", „נעם מיר ארויס א בער פון וואַלד" אאַ.).

אין דער מערהײַט לידער שפּירט זיך אַן אָריגינעלע מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג, צוגעפּאַסט צו דער זינגערנס שטים.

צום סאָף פונעם קאָנצערט האָט פ. אײַנבינדער, לויט דער באַקאָשע פון די צושויער, געזונגען אויך עטלעכע הײַנטצײַטיקע לידער, צווישן זיי דעם קאָמפּאָזיטאָר לייב יאַמפּאָלסקיס „נעמט אוועק די קינדער!" אַף די ווערטער פון ארן ווערגעליס, און ריווע באַיאַרסקעס „דאָס פײַפעלע" און „א וויגליד וועגן באַבי־יאַר" אַף די ווערטער פון שיקע דריז.

די מיטאַרבעטערן פונעם עטנאָגראַפישן אינסטיטוט אלא סאַרקיסיאַן האָט אונטערגעטראָגן די שוועסטער אײַנבינדער בלומען און געדאַנקט זיי פאַרן אינטערעסאַנטן קאָנצערט.

י. ש.

גאַסטראָלן איבער ווײַסרוסלאַנד

דער מאָסקווער יידישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט לעצטנס דורכגעפירט א גאַסטראָל־רײַזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד. אין אָרשע, באָריסאָוו, באָברויסק, מאָלאָדעטשנע, האָמעל, פּינסק, מאָזיר, קאַלינקאָוויטש, רעטשיצע האָט ער באַוויזן זײַן נײַע פאָרשטעלונג „דרײַ פינטעלעך" — לויט שאָלעם־אַלייכעמס אײנאַקטערס „מענטשן", „א דאָקטער" און „מאַזלטאָוו" — און איינעם פון די בעסטע ספּעקטאַקלען פון זײַן רעפּערטואַר — „טעוויע דער מילכיקער".

אַף צוריקוועגס קיין מאָסקווע האָט דער אַנסאַמבל זיך אָפּגעשטעלט אין סמאָלענסק, ווו ער איז צוויי מאָל ארויסגעטראָטן אינעם געגנטלעכן קלוב פון די פּראָפּאַריינען.

אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" קומען אָן בריוו פון לייענער, אין וועלכע זיי טיילן זיך מיט אײַנדרוקן וועגן דער שפּיל פון די מאָסקווער יידישע אַרטיסטן. ארקאַדי בעניאַנסאָן (באָברויסק), אײַזיק שפּילבערג (סמאָלענסק) אאַ. זאָגן ארויס דעם ווונטש פון פּיל צושויער, אז דער אַנסאַמבל זאָל וואָס אָפטער באַזוכן זייערע שטעט.

אַנע גוזיק אין לענינגראַד

די 10 קאָנצערטן, וואָס די ביינע־מײַסטערן אַנע גוזיק מיט איר אַנסאַמבל האָט באַוויזן אין מעשעך פון דרײַ וואָכן אין דער שטאָט אַף דער ניעווא, זײַנען דורכגעגאַנגען בא פולגעפּאַקטע זאַלן און זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יאָמטעוו פון דער יידישער סאָוועטישער טעאַטער־קונסט.

אַנע גוזיק האָט איר קאָנצערט־פּראָגראַם באַנײַט מיט א מאָנאָלאָג אַף דער טעמע וועגן ספּאָרט, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַרן אַנסאַמבל דער לענינגראַדער שרײַבער זאַלמען קאַהאַן.

ארן ווינקאָוועצקי

מישע לעוו

קורסאַנטן

די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין אָקטיאַבער 1941 אַף די ווײַטע צוטריטן צו מאָסקווע, — געווידמעט.

סאָלדאַטישער זיקאָרן

דער האַרבסט האָט זיך אויסגעגעבן אַ וואַרעמער, די לופט איז געווען דורכזיכטיק, ווייך, און פאַרשיקערטע פונעם נאָך אַלץ שטאַרקן סמאָלע־גערוך, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם נאָענטן וועלדל, האָבן די אָפּגעבלעטערטע קוסטעס באַם טראָטואַר ווידער, ווי אין פרילינג, גענומען שמעקן מיט נײַ־געבוירענע קנאָספּן.

אַזוי האָט זיך געצויגן ביז מיט אָקטיאַבער, ווען ס'איז מיטאַמאָל אָנגעלאָפן אַ קאַלטער צאָפן־ווינט און אַ בלאָז געטאָן מיט אַזאַ בייזקייט, אַז דער קוועקזילבער אין טערמאָמעטער האָט האַסטיק זיך אַ וואַרף געטאָן אַראָפּ און קוים באַוויזן זיך פאַרטשעפּען ערגעץ באַ דעם נול.

איך שטיי באַ דער צוגעמאַכטער באַלקאָן־טיר און קוק אַרויס אין דרויסן. מיר האָבן אָפּגערעדט מיט באָריס גריגאָריעוויטש, אַז ער וועט קומען נאָך מיר אַף זײַן מאַשין האַלב זיבן, אָבער דערווײַל איז נאָך פרי. די פענצטער אין די אַרומיקע הײַזער זײַנען אומעטום בלינד, עס זיפּט זיך אַ דין רעגנדל, נאָר פריער האָט, ווײַזט אויס, געשאָטן מיט ווײַסע גרײַפּעלעך אײַז. דער אַספאַלט איז באַדעקט מיט אַ צוגעפרוירן הײַטל. ס'איז אוודאי שטאַרק גליטשיק. איבערן שמאָלן טראָטואַר אײַלט צום אויטאָבוס אַ פרוי. דער האַרבער ווינט רײַסט פון אירע הענט דעם שטײַף אָנגעצויגענעם שירעם.

אין שטוב באַ מיר איז געמיטלעך וואַרעם, בין איך צופרידן פאַר די מענטשן, וועלכע שטייען דאָרט פון אונטן אין דער ריי, וואָס באַלד וועלן זיי זיך אויך אויסבאַהאַלטן פון דער עסעריקער קעלט: ס'האָט זיך ענדלעך באַוויזן דער לאַנג־דערוואַרטער אויטאָבוס. די, וואָס

שטייען פון די ערשטע, האָבן גענומען אראָפּלאָזן די אופגעשטעלטע קעלנער פון די מאַנט־לען, אָפּטרייסלען פון זיך די פאַרגליווערטע טראָפּנס. יעדערער וויל וואָס גיכער אַרײַן און זיך אײַנמאָסטען אָף די ווייכע שטולן. איינער וועט אַרײַנקוקן אין א נעכטיקער צײַטונג אָדער אין א בוך, א צווייטער וועט גאָר נאָך א ביסעלע דרעמלען. קיינעם ווילט זיך ניט גלײַך פון אָנהייב טאָג שטיין אָף די פיס און בא יעדן קער פון דער מאַשין זיך כאַפּן פאַרן הענג־רימען.

ווידער טו איך א קוק אפן טערמאָמעטער, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו דער דרויסנדיקער ראַם. דאָס קוועקזילבער האַלט אין איין פאַלן. דאַכט זיך, אַז ס׳שמעקט מיט ווינטער. ווען פון הויף דערהערט זיך אַן אומגעדולדיקער רוף פון קלאַקסאָן, שיט שוין דער ערשטער שניי. באָריס גריגאָריעוויטש וואַרט אָף מיר באַם אָפענעם טירל פון דער מאַשין.

— גיכער, גיכער, — אײַלט ער מיך אונטער, ווי נאָר ער דערזעט מיך אַרויסגיין, — פאַרגעס ניט, אַז צו עלף דאַרפן מיר זײַן אפן אָרט, און פאָרן וועט הײַנט זײַן שווערלעך, פאַרשטייסט?

מיר ווילט זיך גאָר שטיין א ביסל אונטערן שניי. שטויסנדיק און דרייענדיק זיך, פאַלן די שניייעלעך אפן פּאָנעם, און ביז זיי צעגייען, איז אַזוי גוט צו פילן זייער איידעלן צוריר. זיי פאַלן אָף דער ראַבינע, וואָס האָט נאָך פאַרהיט איר פײַערדיקע קרוין. אַלץ אַרום ווערט פאַרצויגן מיט א ווײַסן צודעק. כאָטש נעם א שליטל און לאָז זיך צו א נאָענטן באַרג. נאָר מײַן קינדהײַט און יוגנט איז שוין לאַנג פאַרבײַ.

צוזאַמען מיט באָריס טאַרקאָוון, א געוועזענעם לייטענאַנט פון דער פּאָדאָלסקער אינ־פאַנטעריע־שול, ווו אויך איך בין אין יאָר 1941 געווען א קורסאַנט, פאָרן מיר הײַנט צום ברודער־קייווער אָף יענעם שלאַכטפעלד, ווו מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין דעם טאָג, זײַנען געפאַלן פיל פון אונדזערע פרײַנט. דאָרט וועט הײַנט פאָרקומען אַן אָנדענק־מיטינג, אָף וועלכן עס קלײַבט זיך צונויף די יוגנט פון די אַרומיקע ראַיאָנען און מ׳האָט אונדז פאַרבעטן אַרויסטרעטן אָף אים.

די מאַשין רירט פון אָרט, און מיט א דערשיטערנדיקער קלאָרקײַט גיבן זיך א ריר די גרויזאַמע זעענישן, וואָס האָבן מיך פאַר די דרײַסיק יאָר נאָך ניט פאַרלאָזט אָף קיין טאָג און אָף קיין נאַכט. צומאָל דאַכט זיך, אַז זיי שוועבן שטענדיק אינדערלופטן, און אָט, ווי פייגל, קומען זיי זיך צונויף, צעפליִען זיך און קומען זיך באַנײַס צונויף. באַטאָג איז צו דערלײַדן, דער הו־הא פון לעבן לאָזט זיי זיך ניט אָף לאַנג פאַרהאַלטן, אָבער באַנאַכט איז ווידער דורכויס מילכאָמע. יאָ, ס׳איז טאַקע אין שלאָף, נאָר איך פיל נאָכאַמאָל, ווי די ערד הוידעט זיך אונטער די פיס, מישט זיך איבער מיטן הימל, צום אויער דערטראָגט זיך דאָס גרוליקע קאַוועטשען פון פרעמדע מינעס און נאָך בוילעטער — דער צום ערשטן מאָל דער־הערטער זאַלפּ פון אונדזערע „קאַטיושעס”. מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך דאָס פּילשיכטיקע פײַער, ווען א קויל פון מײַרעוו קאָן אָנטרעפן אין א קויל פון מיזרעך, די פלאַמיקע צונגען, וואָס רײַסן זיך צום באַנאַכטיקן הימל, און דאָס פעלד אַרום אונדזער איינציקן דזאָט, ווו יעדער ווערשאָק ווערט אופגעריסן פון באָמבעס און סנאַריאַדן.

הײַנט באַנאַכט האָב איך ווידער זיך געזען ליגנדיק, ווי א פראָש, צוגעפּלעטשט צו דער פאַרפרוירענער ערד. איך מוז וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צום אָקאָפּ פון אונדזער ווזוואָד. כ׳דאַרף איבערגעבן דעם ווזוואָדנע א באַפעל פונעם ראָטע־קאָמאַנדיר. א פאַרבינדלער טאָר אָף קיין מינוט זיך ניט פאַרזאַמען, שפּאַר איך זיך אָן אין עלנבויגן און טו א שטאַרקן שטופּ מיטן פוס. אַזוי וואָלט איך זיכער געטאָן, ווען מע זאָל אַפילע ניט געווען מיט אונדז אײַנ־קנעלן אין מיליטערישן לאַגער באַם דאָרף לוזשקי הינטער סערפּוכאָוו, ווי מע דאַרף קריכן „פּאָ־פּלאַסטונסקי”, און ווידעראַמאָל אפן עלנבויגן און מיטן גאַנצן קויעך נאָך א שטופּ מיטן פוס. נאָר גוואַלד, די הענט, די פיס, כאָטש האַק זיי און בראָק, פאָלגן ניט. איך ווייס, אין שלאָף ווייס איך, אַז דאָס איז ניט מער ווי א בייזער כאָלעם. דעמלט, אָף דער וואָר, בין איך דאָך געקראָכן. נאָר ס׳נעמט מיך אָן א פּאַכעד, וואָס איך קאָן דעם באַפעל ניט איבערגעבן, ס׳דאַכט זיך מיר, אַז דער אָקאָפּ וואָלט ווי מיר אַפּצולאָכעס גענומען זיך רוקן אָף צוריק, און איך כאַפּ זיך אוף פון מײַן אייגענעם געשריי. דאָס האַרץ האָט געפּויקט ווי א האַמער.

אָט פאַרוואָס כ׳האָב באַ זיך געפּויעלט זיך צעשיידן מיטן ווייכן קישעלע א סאַך פריִער, איידער באָריס גריגאָריעוויטש האָט באַדאַרפט קומען.

אַזאַ פאַרבאָרגענע דערמאָנונג איז אופגעשווומען. אָט דאָס קישעלע... דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער מאַמען. מיט אירע אָנגעבראַקנעטע פינגער האָט זי יעדע פרײַע מינוט געפּליקט א פעדער נאָך א פעדער, ביז זי האָט ניט אָנגעפילט דעם טיקע־נעם אײַנשיט און אים מיטגעגעבן דעם מיזיניק, וואָס האָט פאַרלאָזט די דאָרפישע היים אָף

קריוואָראָזשיע און זיך געלאָזט זוכן זײַן גורל אין דער גרויסער מאָסקווע. צופיל שפּליטערס וואָלט מען באדארפט ארויסשלעפּן פון זיקאָרן, אז ס'זאָלן זיך כאָלעמען די געבענטשטע פרי־מאָרגנס אין די קריוואָראָגער סטעפּעס, ווען כ'פלעג אויך אופשטיין פרי, פרי און שטענדיק זיך טרעפן מיט אזא ווּנדער: איבער דער קוזניע, וואָס איז אָנגעטאָן אין א מאָכיק פּעטשע־ריצע־היטל, באווײַזט זיך די זון, און אירע ערשטע שטראַלן טוען א לײַכטן גלעט די אויס־געצוואָגענע גראָזן, אַף וועלכע עס צעבלישטשען זיך מיט אלע קאָלירן פון רעגנבויגן טראָפּנדלעך טוי. די פארבן פון זון־אופגאנג לאָזן זיך ניט פארגעסן. נאָר ניט זיי קומען צו כאָלעם. עס האלט זיך אין איין אומקערן דער אָקטיאבער פון 1941. יעדער טאָג, יעדע שאָ און אמאָל אויך א רעגע.

בא טארקאָוון, כאָטש ער פירט די מאשין, איז אויך דער קאָפּ ערגעץ אין אנדערע אוילאָ־מעס. זײַענדיק א קורסאנט, האָב איך אים געקענט פונדערווײַטן, — ערשט מיט א יאָר זעקס צוריק האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און זייער גיך זיך באפרײַנדעט. זעלטן ווען כ'האָב באגעגנט אזא גוטמוטיקן מענטשן. ער איז א הויכער, א לײַביקער, פון יענע קרעפטיקע מענטשן, וואָס זײַנען שטענדיק אופגעלייגט, מיט אזעלכע איז גוט צו פארברענגען. מיר דאכט, אז אָט ער טאקע לעבט לויט זײַן אייגענעם ווערטל, וואָס ער האָט זייער ליב איבער־צוכאזערן: „פּאטער קיינמאָל ניט זיך און ניט יענעם די שטימונג, פארשטייסט?"

האלטנדיק פעסט דאָס רעדל אין די הענט און וויגנדיק זיך אהין־אהער, דערציילט ער:

— גאלינע האָט צו מיר א טײַנע, — גאלינע איז טארקאָווס פרוי. — „ווען, פרעגט זי, וועסטו שוין פארשטיין, אז א הארץ טאָר מען ניט איבערלאָדן? א הארץ האָט ניט ליב, מע זאָל זיך פון אלצדינג נעמען צום הארצן". וואָס זאָל איך איר ענטפערן? כ'שווײַג. דאָס האָט זי פײַנט. נעכטן, נאָכדעם, ווי מיר האָבן מיט דיר אָפּגערעדט אין טעלעפאָן, האָט זי מיר קאטעגאָריש געמאָלדן: „טארקאָוו, — אזא טעווע האָט זי, אז זי איז מיט מיר ניט צופרידן, רופט זי מיך בא דער פאמיליע, — וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן! קלינג אים אָן און דערמאָן, אז ביידע זײַט איר שוין באוואָפנט ניט מיט קיין נאגאנען, נאָר מיט ניטראָגליצערין־פּאטראָ־נען. ווּהין טראָגט עס אײַך? זאָלן בעסער אונדזערע קינדער אָפּטער קומען אהין. זיי שטערט ניט פון צײַט צו צײַט דערמאָנען, וואָס פאר א מילכאָמע מיר האָבן איבערגעלעבט". איך האָב איר גאָרניט געענטפערט. זי ווייסט דאָך גוט, אז איך וועל סײַווי פאָרן, איז צוליב וואָס זיך און איר דערצו נאָך פּאטערן די שטימונג, פארשטייסט? אָבער ווער זשע וועט טאקע דערציילן די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס קלײַבן זיך הײַנט צונויף צום דענקמאָל אַפן ברודער־קייווער, אויב ניט מיר, די לעבן־געבליבענע, ווער?

פאָרן קומט אויס זייער פאָרזיכטיק. דער ווינט איז קימאט שטיל געוואָרן, נאָר דער שנײ טוט זײַן שטיקל ארבעט: ווי נאָר מע דריקט אָן אַפן טאָרמאָז־פּעדאל, אזוי פארטראָגט עס די „וואָלגע" אין א זײַט. אַף דער בריק איבערן מאָסקווע־טײַך האָבן פאר אונדזערע אויגן צוויי אויטאָמאָבילן זיך א קראץ געטאָן אין די זײַטן. קיין אומגליק איז ניט געשען, נאָר שטיקלעך פארב זײַנען אָפּגעשפּרונגען. מיר האָבן זיך אויך געמוזט אָפּשטעלן. ביז וואָס־ווען האָט דער „אָרודעוועץ" בא ביידע שאָפערן אָפּגענומען די „רעכט".

דאָס לאָשן קערט זיך אום צו טארקאָוון פון יענער זײַט בריק, אַף דער אָסיפּענקאָ־גאס:

— טו א קוק, אין אָט דעם הויז ביסטו קיינמאָל ניט געווען? — ווײַזט ער מיר אָן אַף א מאסיוון דרײַשטאָקיקן מויער. — מיר איז אויסגעקומען. דאָ האָט זיך געפונען דער שטאב פונעם מאָסקווער מיליטער־קרײַז. פונדאנען האָבן מיר באקומען דעם באפעל ארויסטרעטן קיין מאלאָיאראָסלאוועץ. דו האָסט געלייענט די מעמואַרן פונעם גענעראל טעלעגין? דאָרט זײַנען געזאָגט געוואָרן ניט ווייניק ווארעמע ווערטער וועגן אונדזערע קורסאנטן און באזונ־דערס וועגן דער דאָרעם־גרופּע, וואָס האָט געקעמפט אינעם ראיאָן פון דעטשינאָ, ווּ דו ביסט געווען.

אפילע אַף איין אויגנבליק ווילט זיך מיר ניט אָפּווענדן טארקאָוון פון דער ווינט־שויב: מיר פאָרן איצט דורך זייער א רוישיקן און ענגן מאָסקווער פּלאץ. דעם בוך „ניט אָפּגעגעבן מאָסקווע!", וועלכן ס'האָט אין זינען באָריס, האָב איך געלייענט, און כ'געדענק ניט, ווען א בוך זאָל מיך געווען אזוי אופרודערן. מיך האָבן דעריקער איבעראשט די שטעלן, ווּ עס ווערט דערציילט וועגן די אומשטענדן, וואָס האָבן געצווּנגען דעם גענעראל, דאן דיוויזיע־קאָמיסאר, טעלעגין דעם 5 אָקטיאבער 1941 אָנעמען א באשלוס, די פּאָדאָלסקער מיליטערישע שולן זאָלן דרינגענדיק, לויט אן אליארם, ארויסטרעטן אַפן פראָנט. קאָן זײַן, דאָס האָט געמאכט אַף מיר אזא רוישעם דערפאר, וואָס סאָפּקאָלסאָף, ווען ניט אָט די אומגעווײנלעכע אומשטענדן, וואָלט געוויס אויך מײַן מילכאָמע־גוירל געווען אן אנדערער.

ווײַל טאַרקאָוו האָט זיך ניט דערוואוסט אַף מײַן ענטפער און די מאַשין איז אַרויס אַף א ברייטן הינטערשטאַטישן שאָסיי, זעצט ער פאָר:

— דו פאַרשטייסט? דער גענעראַל טעלעגין האָט פעסטגעשטעלט זייער א וויכטיקע זאַך: די ווירקלעכע דאַטע פונעם ערשטן שאַרפן קריזיס אַף די צוטריטן צו מאָסקווע.

איך פאַרשטיי, איך ווייס עס. א לענגערע צײַט איז אין דער ליטעראַטור וועגן דער פאַטערלענדישער מילכאָמע פאַרשוויגן געוואָרן, אַז די ערשטע סאַקאָנע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט דירעקט אַף מאָסקווע, איז אַנטשטאַנען דעם 5 אָקטיאַבער 1941. עפשער איז דאָס פאַרגעסן געוואָרן, עפשער האָט געהאַט איר ווירקונג די טראַדיציאָנעלע קאָנצעפּציע בענע־גייע דעם, ווען גופע די הויפּטשטאָט איז צום ערשטן מאָל באַדראָעט געוואָרן. אַזוי צי אַנ־דערש, נאָר בייס ס'האָט זיך געגרייט צום דרוק דער צווייטער באַנד פון דער „געשיכטע פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע", האָט דער גענעראַל־לייטענאַנט ק. פ. טעלעגין געווענדט אַף דעם די אויפמערקזאַמקײַט פון די רעדאַקטאָרן. מע האָט געצווייפלט, צי האָט ער א סמאַך אָפּצופרעגן דעם אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט. דאַן האָט קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָ־וויטש געזאָגט: אין אָקטיאַבער 1941 האָב איך אַלס מיטגליד פונעם מיליטערישן ראַט פון מאָסקווער מיליטער־קרײַז פאַרשריבן אַלע געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט א שײַכעס צו דער פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט, מינוט נאָך מינוט, אין א ספּעציעלן אַרבעט־בוך. ער געפינט זיך איצט אין פּאָדאָלסק אין צענטראַלן אַרכיוו פון דעם לאַנדשוץ־מיניסטעריום, טוט א לייען דעם דאָזיקן בוך, און עס וועט אַלץ קלאָר ווערן.

מיט קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָוויטש האָב איך זיך באַגעגנט, גערעדט מיט אים, און דער־פאַר קאָן איך זיך אים איצט אויסמאָלן אין יענעם גורלדיקן טאָג, ווען ער האָט אין גרויסן קאָנטאָר־בוך מיטן נאָמען „פאַרנאָטירונגען פון די שלאַכט־באַפעלן און פאַראָרדענונגען פונעם מיטגליד פון מיליטערישן ראַט פון מוואָ טעלעגין ק. פ." פאַרצייכנט אַלץ, וואָס ס'איז דאַן פאָרגעקומען.

— דו דרעמלסט, — פרעגט באָריס, — ביסט זיך ניט אויסגעשלאָפן? מיר זײַנען שוין באַלד אין פּאָדאָלסק.

ניין. כ'האָב ניט געדרעמלט, מיך האָט גאָר פאַרטראָגן אין אַן אַנדער צײַט און אין אַן אַנדער אָרט.

אין דעם דרײַשטאָקיקן מויער אַף דער אָסיפּענקאָ־גאַס בין איך קיינמאָל ניט געווען, און דאָך האָב איך געזען דעם גערעמען קאַבינעט, איבער וועלכן ס'האָט אַרומגעשפּאַנט, פאַרטאָן אין טיפע מאַכשאָווועס, דער דיוויזיע־קאָמיסאַר טעלעגין. באַ אים איז א ריין־געגאָל־טער קאָפּ, אָפן שטערן — ערשטע סימאָנים פון קומענדיקע קווער־קנייטשן און קנייטשעלעך, אין מויל שטעקט, ווי שטענדיק די פּײַקע, וואָס ער לאָזט אַף קיין רגע ניט אויסלעשן זיך. ניט געקוקט אַף דער איבערמענטשלעכער מידקײַט, — ער האָט די פּאַריקע נאַכט זיך צוגע־שפּאַרט עפשער נאָר אַף א שאָ אָדער אָנדערהאַלבן אָפן דיוואַן אין דערבײַיקן צימערל, — שטעמפּלט ער די טריט מיליטעריש־פעסט, אַזש דער גלאַנציק־געוועקסלטער פּאַרקעט סקריי־פּעט אונטער. ווי געווײנלעך, 8.00 האָט דער שעף פון שטאַב באַוויזן די אָפּעראַטיווע סוואָדקע וועגן די געשעענישן אָפן פראָנט פאַר דער לעצטער נאַכט. לויט דער סוואָדקע זײַנען קיין באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן ניט פאָרגעקומען. און אָט ערשט, ס'איז נאָך קיין צווײ שאָ ניט פאַרבײַ, האָט מען אָנגעקלונגען פון מאַלאָיאַראָסלאַוועצער באַפעסטיקטן ראַיאָן, אַז גאַנצפרי האָבן די פּאַטרולן פאַרהאַלטן אויטאָמאַשינעס, וועגענער פון די אָבאָזן, וועלכע געהערן צו דער 43־טער אַרמיי. די פאַרהאַלטענע מיליטער־לײַט האָבן מיטגעטיילט, אַז די דײַטשן גרײַפן אָן מיט גרויסע קויכעס. אייניקע דיוויזיעס זײַנען אַרומגערינגלט, עס גייען שווערע שלאַכטן. דאָס קאָן דאָך אָבער ניט זײַן! ניט אין גענעראַל־שטאַב, ניט אין די געהע־ריקע אַמטן פונעם קרײַז־שטאַב ווייסט מען ניט וועגן דעם, אַז די דײַטשן זאָלן זיך באַוועגן אין דער ריכטונג צו מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, צו יוכנאָוו. יוכנאָוו — דאָס איז דאָך סאַכאַקל 180 קילאָמעטער פון מאָסקווע. עס קאָן ניט זײַן.

ניין, טראַכט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר, דאָס האָבן אויסגעטראַכט פּאַניקיאָרן, וועלכע עס האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן, אָדער ס'איז א פּאָרטל פון א פּײַנט, וואָס וויל אַרײַנפירן אין א טאָעס. אָבער דער מיטגליד פון מיליטערישן ראַט איז ניט פון די, וואָס ווערן גלײַך אָנגעצונדן און באַהערשן ניט די אייגענע געפילן. די זאַך פּאָדערט אומבאַדינגט א צוגאָב־קאָנטראָל. אַזוי טוט ער טאַקע. אויסדריקלעך און קלאָר גיט ער אָפּ די געהעריקע פאַראָרדענונגען, און ערשט דערנאָך פאַרנעמט ער זיך מיט אַנדערע איניאָנים, וואָס לאָזן זיך אויך בעשום־אויפן ניט אָפּלייגן אַף שפּעטער.

ווידער קלינגט דער טעלעפאָן. נאָר צוערשט האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר בלויז פון דער זײַט א קוק געטאָן אַף אים. אין דער רגע איז ער געזעסן באַם ארבעט־טיש און באַטראַכט, לאָמיר זאָגן, א פּראָיעקט פון שוץ־אײַנריכטונגען, דערנאָך האָט ער האַמעטנע־שווער זיך א וויג געטאָן צו דער טומבע, אַף וועלכער עס שטייט דער טעלעפאָן. אים וואָלט זיך זייער געוואָלט, אז ער זאָל באַלד דערהערן די שטים פון דעם באַלעבאָס פון אָט דעם קאַבינעט, פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם מאָסקווער מיליטערישן קרײַז גענעראַל־לייטענאַנט אַרטע־מיעוו, וועלכער געפינט זיך שוין דעם דריטן טאָג אין טולע, דאָרט האָט זיך אויך געשאַפן א שווערע לאַגע. נאָר מאַלע וואָס אים ווילט זיך.

געקלונגען האָט דער קאָמאַנדיר פון די לופט־קויכעס פון קרײַז דער פּאָלקאָווניק סביטאָוו, וועמען דער דיוויזיע־קאָמיסאַר האָט פריִער פאַראָרדנט ארויסשיקן אַעראָפּלאַנען, וואָס זאָלן דורכקאָנטראָלירן די וועגן ארום ראָסלאַוול, יוכנאָוו, מאַלאָיאַראָסלאַוועץ.

מיט א שטים, וואָס האָט פון שטאַרקער אופגערודערטקייט זיך איבערגעהאַקט, האָט דער פּאָלקאָווניק ראַפּאָרטירט, אז צו יוכנאָוו דערנענטערן זיך דײַטשישע טאַנקען. קיין שום רעגולערע טיילן פון אונדזער ארמיי זײַנען אַף יענעם וועג ניטאָ.

אָט ווען מע קאָן אינמיטן העלן טאָג דערזען שטערן אין הימל!

— קומט גלײַך ארײַן צו מיר! — האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר באַפוילן.

סביטאָוו האָט באַשטעטיקט, אז זײַנע פליִער האָבן געזען א פאַשיסטישע קאָלאָנע פון טאַנקען און מאָטאָריזירטער אינפאַנטעריע, וואָס ציט זיך פון ראָסלאַוול אַף א לענג פון פינף און צוואַנציק קילאָמעטער. די פליִער זײַנען דערפאַרענע, און מע מעג זיי פולקום גלייבן. זיי האָבן נאָכגעשפּירט דעם סוינע פון ניט קיין גרויסער הייך.

איצט קאָן מען פאַרשטיין, פאַרוואָס באַם דיוויזיע־קאָמיסאַר האָבן זיך אופגעבלאָזן די אָדערן אַף די שלייפן און דאָס האַרץ איז פאַרצאַפּלט געוואָרן.

ווערטער זײַנען באַשאַפן געוואָרן, קעדיי אויסדריקן דאָס, וואָס דער מענטשלעכער פאַר־שטאַנד קאָן אופנעמען. איז ניטאָ זיך וואָס צו כידעשן, וואָס צוערשט האָט טעלעגין געענט־פערט, אז דאָס איז אומעגלעך, און ערשט דערנאָך קאַטעגאָריש געפאָדערט: „דורכקאָנטראָ־לירן! ווידער דורכקאָנטראָלירן!״.

ביז די דאָזיקע ידיִע וועט ניט באַשטעטיקט ווערן, האָט ער קיין רעכט ניט מיטצוטיילן וועגן איר דער העכסטער ארמיי־אָנפירונג.

אין דער ריכטונג יוכנאָוו — מאַלאָיאַראָסלאַוועץ — מאָסקווע האָבן אין דעם מאָמענט זיך געפונען בלויז בוי־באַטאַליאָנען, וואָס האָבן דורכגעלייגט אָקאָפּעס, קעגנטאַנקען־גראָבנס, געבויט גרויסע קאָמפּליצירטע שוץ־אײַנריכטונגען פון אײַזנבעטאָן און שטאָל. נאָר ווער וועט די דאָזיקע דזאָטן דרינגענדיק אויסשטאַטן מיט אַרטילעריע, קוילנוואַרפער, מינענוואַרפער, ווער וועט פון די טראַנשייען באַגעגענען דעם סוינע מיט פײַער?

די רעאַלע קויכעס, וואָס קאָנען היינט, מאָרגן ארויסגעשטעלט ווערן קעגן די פאַשיסטן, זײַנען בלויז די מיליטערישע שולן, די אקאַדעמיעס און אייניקע טיילן פון דער קעגנלופט־שוץ. פון זיי אַלע זײַנען איצט נעענטער צום פראָנט די פּאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־ און אַר־טילעריע־שולן. דער דיוויזיע־קאָמיסאַר האָט מיט צוויי פינגער א וויש געטאָן די טיפע מויל־ווינקלען און עפשער אפילע שווער און ביטער א קרעכץ געטאָן.

אַלס מיטגליד פון מיליטערישן ראַט איז ער מעכוייעו געווען אַפּמערקן אין ארבעט־בוך יעדע וויכטיקע געשעעניש, ווי אויך זײַנע באַפעלן און פאַראָרדענונגען. איצט וואָלט ער באַדאַרפט גלײַך אָנשרײַבן: „5 אָקטיאַבער 1941, 12 אזייגער באַטאָג״... נאָר די אומשטענדן זײַנען געווען אַזוינע, אז פון צוועלף ביז פיר באַטאָג האָט ער זיך צום בוך ניט צוגערירט.

מע זאָגט, אז וואַרטן אַף א גוטער ידיִע איז אַמאָל בעסער ווי די ידיִע אליין. נאָר אז אַן אומגליק פאַרלויפט דעם וועג, דאַן פאַראַקשענען זיך די ווײַזערס אפן זייגער און שלעפּן זיך קוים־קוים. מיט הונדערטער איניאַנים איז באַשעפטיקט דער מיטגליד פון מיליטערישן ראַט, עס גייען ארײַן און ארויס מענטשן, עס קלינגען די טעלעפאָנען, נאָר אים עגבערט דעם מויעך איין זאָרג: מיט וואָס וועט קומען סביטאָוו? קנוילן רויך ציִען זיך פון דער פּײַקע, אין קאַבינעט איז אָנגערייכערט, ווי ס׳וואָלטן אין די ווינקלען געטליעט האָלעוועשקעס.

ארום צוויי אזייגער איז דער פּאָלקאָווניק אריבערגעטראָטן די שוועל. ער איז געקומען מיט צוגאָב־פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די פריִערדיקע ידיִעס: די דײַטשישע טאַנקען־קאָלאָנע געפינט זיך אין וועלכע־ניט־איז פופצן — צוואַנציק קילאָמעטער פון יוכנאָוו.

אין א מינוט ארום האָט דער שעף פון דער פּאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול דער גענע־ראַל־מאַיאָר סמירנאָוו באַקומען דורכן טעלעפאָן דעם באַפעל דרינגענדיק ארויסשיקן קעגן דעם אָנגרײַפנדיקן סוינע דעם ערשטן אַטריאַד קורסאַנטן. אַף דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן

מיר פֿאָרן אַצינד מיט באָריס גריגאָריעוויטשן, האָט געיאָגט קיין פּאָדאָלסק אַ מיליטערישע מאַשין, אין וועלכער ס׳איז געזעסן דער קאָמבריג יעליסייעוו. ער האָט באַדאַרפֿט באַוואָרענען, דער באַפֿעל זאָל אויסגעפֿילט ווערן מיט דער מאַקסימאַלסטער שנעלקייט.

און איצט איז פֿאָרגעשטאַנען אָפּגעבן באַפֿעלן אַלע מיליטערישע שולן, אַקאַדעמיעס, אַלע טיילן פֿון גאַרניזאָן, אַלעמען וועד ס׳איז פֿייִק פֿאַרשטעלן דעם סוינע דעם וועג אויף מאָסקווע.

נאָך סביטאָווס דריטן באַריכט האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר באַשטימט אָנצוקלינגען דעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. ער האָט שוין היינט צוויי מאָל גערעדט מיטן מאַרשאַל שאַפּאָשניקאָוו. זיך אָנגעפֿרעגט וועגן דער לאַגע אויפֿן מײַרעוו־פֿראָנט. אויך דאָס מאָל האָט ער דערפֿון אָנגעהויבן. דער מאַרשאַל שאַפּאָשניקאָוו האָט ניט אויסגעהאַלטן. כאָטש ער האָט געשעמט אין דער אַרמיי מיט זײַן העפֿלעכקייט, האָט ער מיט רוגזע אַ זאָג געטאָן, אַז פֿאַר די לעצטע דרײַ שאָ שטעלט אים דער דיוויזיע־קאָמיסאַר שוין צום דריטן מאָל אָט די פֿראַגע.

קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָוויטש האָט זיך ניט פֿאַרענטפֿערט. אָן אַ שום איבערגאַנג, ווי פֿון אַ האַרמאַט האָט ער אויסגעשאָסן: „דײַטשישע טאַנקען זײַנען אַרײַן קיין יוכנאָוו". אין טרײַבל האָט מען געשוויגן. נאָך דעם האָט דער מאַרשאַל געבעטן גענוי דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט. און ווידער איז שטיל געוואָרן. דאָס האָט געדויערט לאַנגע דרײַ אָדער אַפֿילו פֿיר מינוט. און מיטאַמאָל איז די שטילקייט אויפֿגעריסן געוואָרן מיט אַ פֿאָדערנדיקן קלונג פֿונעם טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, וואָס איז פֿאַרייניקט דירעקט מיטן קרעמל.

דער דיוויזיע־קאָמיסאַר האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל. דער צווייטער עק פֿון טעלעפֿאָן־שנור איז געווען אין דער האַנט פֿונעם אויבערהויפּטקאָמאַנדיר. סטאַלין האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, אויף וויפֿל די ידיעס פֿון דער אוויאַ־אויסשפּירונג אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט, וואָס פֿאַרא מיטלען זײַנען שוין פֿאָרגענומען געוואָרן. אום יעדן פּרײַז, האָט ער פֿאַרענדיקט דעם געשפּרעך, מוז דער סוינע אָפּגעשטעלט ווערן אויף פֿינף־זיבן טעג, ביז עס וועלן אונטערגעצויגן ווערן די רעזערוון פֿון דער סטאַווקע.

אין יענעם טאָג האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר טעלעגין ניט באַמערקט, ווי דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן. פֿון זײַן שטול איז ער אויפֿגעשטאַנען בײַ האַלב נאַכט, ווען די ליכט־פּאַסמעס פֿון די פּראָזשעקטאָרן האָבן צעפּאַסעוועט דעם מאָסקווער הימל...

■

אין פּאָדאָלסק פֿאָרט באָריס גריגאָריעוויטש גלײַך אַרויס אויף דער צענטראַלער גאַס. ער ווייסט דאָ אין שטאָט יעדן קער און יעדן ווענד. ער האָט דאָך עטלעכע יאָר געדינט אין דער אינפֿאַנטעריע־שול.

און איך בין געווען אַ קורסאַנט און האָב אַפֿילו די געבײַדע פֿון דער שול ניט געזען, ווײַטער פֿונעם וואָקזאַל בין איך דאָ ניט געווען.

— די שול וועל איך דיר ווײַזן אַפּצוריקוועגס, — זאָגט טאַרקאָוו, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס איך טראַכט, — עפּשער וועלן מיר אַפֿילו אַרײַנגיין אַהין. איצט איז דאָרט אַן אינדוסטריעלער טעכניקום. מע האָט מיר געשריבן, אַז צווישן די סטודענטן זײַנען פֿאַראַן אייניקלעך פֿון אונדזערע קורסאַנטן. דו טו נאָר אַ קוק, וואָס עס טוט זיך! אויף אַזוינס האָב איך זיך ניט גערעכט.

לענגאויס דער גאַנצער גאַס, וווהין מיר פֿאַרקערעווען איצט, שטייען אויטאָבוסן, לאַסט־מאַשינעס, די טראָטואַרן זײַנען פֿול מיט יוגנטלעכע, פֿאָנען, טראַנספּאַראַנטן, בלומען־קראַנצן. פֿונדאַנען, פֿון דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן, וועט די יוגנט פֿון דער שטאָט און ראַיאָן אָנהייבן איר פֿײַערלעכע פּראָצעסיע צום ברודער־קייווער, קעדיי באַערן דעם אָנדענק פֿון די אומגעקומענע.

די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. טאַרקאָוו לאָזט זיך צו דער ווינט־שויב, אויסווישן זי. ער הינקט אויפֿן רעכטן פֿוס, און דערפֿאַר איז בײַ אים דער לינקער שוך קימאַט אַ נײַער, און דער רעכטער צעטאָפּטשעט. איך גיי אַרויס אויפֿן טראָטואַר. איך וויל מיט די אייגענע אויגן זען דאָס שילדל, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן „גאַס אויפֿן נאָמען פֿון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן".

אַבי מע זאָגט, אַז די צײַט איז דער בעסטער רופֿא. עפּשער איז דאָס אַזוי, נאָר פֿאַר מיר גילט עס ניט. אין האַלדז וואַקסט אָן אַ קנויל. גאָרנישט האָט זיך ניט פֿאַרהיילט, די וווּנד איז נאָר מיט אַ דינן הײַטל פֿאַרצויגן.

באָריס גייט צו צו מיר.

— פּאַטער ניט די שטימונג, — זאָגט ער, און אַליין נעמט ער אַרויס פֿונעם פּעקעלע אַ פּאַפּיראָס. אויף זײַן באַק האָט אַ ציטער געטאָן די הויט.

ווער פּאַטערט די שטימונג, ווער? פּאָשעט דער סאָלדאַטישער זיקאָרן לעבט.

בערעזעס ווײַנען

דער שנײ שיט און שיט, ווי עס וואָלט שוין אַף אַן עמעס זיך געשטעלט דער ווינטער. עס לאָזט זיך גאָר ניט גלייבן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט נאָך א דריבנע רעגנדל די פאַרנאַכטיקע זון אזוי זומערדיק א פינקל געטאָן, אז ס׳איז געבוירן געוואָרן א רעגנבויגן פון איין עק הימל ביז צום צווייטן. ער האָט זיך איבערגעגאָסן מיט אלע זײַנע זיבן פארבן, וועלכע קומען אים, און ס׳האָט זיך געדאכט אפילע, אז ער פאַרמאָגט נאָך עטלעכע.

קימאַט אַף אלע באלקאָנען זײַנען געשטאַנען מענטשן מיט הויך־פאַריסענע קעפּ. ס׳איז אויך ארויסגעגאנגען א קוק טאָן אפן וונדער מײַן שאָכנטע מאַניע גאַרעליק, א באַבעשי פון פיר און נײַנציק יאָר, א קליינינקע, א גרינגיטשקע — אַף אוועקצופליִען.

אינגאַנצן פופציק סאַנטימעטער און צוויי שמאָלע אײַזערנע פּאַרענטשעס טיילן אָפּ אונדזערע באלקאָנען. די באָבע מאַניע איז געשטאַנען אָנגעשפּארט אַף א סוקעוואַטן שטעקן מיט א פארבויגן הענטל און אויך געפּרוווט פּארהייבן דעם זקיינישן געבויגענעם קאָפּ, וואָס וויל זי שוין ניט פאָלגן. ווי זי וואָלט זיך דאַרפן פאַר מיר פאַרענטפערן, וואָס איר גייען נאָך אָן אזעלכע נארישקײַטן, האָט זי, פּאַוואָלינקע ארויסברענגענדיק יעדער וואָרט, גערעדט:

— באַ מיר איז די רײַ אָפּגעשוואַכט, נאָר מע זאָגט — א רעגנבויגן אין הארבסט, איז ווי גייט מען ניט ארויס? אזא שפעטן קימפּעט געדענק איך עפּעס ניט. אין פּאָבאָלאָוו — איר ווייסט דען, ווו דאָס שטעטל שטעקט? — ס׳איז צווישן ראָהאַטשאָוו און זשלאָבין, — האָט אזוינס פּאסירן ניט געקאָנט. נאָר ס׳איז דאָך איצט אַן אנדער וועלט. ס׳איז באַק און פּרעגל. איי, וועל איך אײַך זאָגן, איז אַן אווירע, וואָס די יאָרן לויפן אזוי גיך. מאַמעש אַף זיך אליין א ראַכמאָנעס. ווארט נאָר ווארט, עפּשער וועט דער פינצטערער מאַלעכהאַמאָוועס אויך איבערפלאָנטערן די יאָצרעס, ווי די ליכטיקע זון, און ט׳פארגעסן ארײַנקוקן אין מײַן לועך.

די באָבע מאַניע פאַריכט מיט די אויסגעקרימטע פון אלטקייט פינגער דאָס אלטמאָדישע זײַדענע קאָפּטיכל, קערעוועט זיך אויס צו דער גלעזערנער טיר און טוט צו מיר א מאַך מיט דער האַנט אַף געזעגענען זיך:

— האָט קיין פאריבל ניט, וואָס איך מאַראַטשע אײַך דעם קאָפּ. ס׳הייסט, איר זײַט אליין אויך א ביסל שולדיק. פאַר מײַנע אייניקלעך און אור־אייניקלעך בין איך שוין גאָר א שטומע. זיי מיינען, געזונט זאָלן זיי מיר זײַן, אז איך רייד אַף פויגל־לאָשן, און איר, איך ווייס גאָרניט, ווי ס׳קומט צו אײַך, פארשטייט נאָך א ייִדיש וואָרט. כ׳גיי, כ׳גיי. אַף דער עלטער, זאָגט מען, איז בעסער צו זײַן ווײַטער פונעם הארמידער...

אזוי זאָגט זי, און אליין ציט זי זיך צו מענטשן, ווי א בלאַט פון א געוויקס צו זונען־ליכט.

עמעצער טוט מיך א טאָרקע. דאָס האָט מיך באָריס אָפּגעזוכט צווישן יונגן אוילעם.

— די קאָלאָנע רירט זיך באַלד. וואָס גייסטו ארום א פארכאָלעמטער און שמייכלסט? טאַקע, דער גוטעריאַר ווייסט עס, פארוואָס ס׳איז מיר פּלוצעם אופגעקומען אפן געדאַנק די באָבעניו מאַניע און דער רעגנבויגן...

די מאַטאָרן אַרבעטן. עס הודעט ווי אַף א גרויסן אַעראָדראָם, ווען עטלעכע עראָפּלאַנען זײַנען גרייט זיך צעיאָגן איבערן פלי־פעלד און זיך אָפּרײַסן פון דער ערד. א גרינע ראַקעטע צעשיט זיך אין דער הייך — דאָס איז א סיגנאַל אַף צו פאָרן. אָפּגיך דערנענטערן מיר זיך צום שיידוועג. אויב נעמען לינקס, פירט די אַספּאַלטירטע מאַגיסטראַל אַף דאָרעם און אָנ־טרעפן קאָן מען אזש קיין סימפעראָפּאָל. מיר פאַרקערעווען אַף מײַרעוו. דאָס איז מיסטאָם די וויכטיקסטע טראַנספּאָרט־אַרטעריע פון לאַנד. ניט אומזיסט האָט מען זיך פאַר איר אין צוויי פּאָטערלענדישע מילכאָמעס אזוי געשלאָגן. זי פאַרייניקט ניט בלויז רעפּובליקן, לענדער, נאָר פאַרקערפּערט די געמיינזאַמקײַט פון אַמאָליקע און הײַנטיקע דוירעס. פונעם קוטוזאָוו־פּראָספּעקט אין מאָסקווע פירט זי קיין בריסק, ווארשע און נאָך ווײַטער. נאָר מיר דאַרפן הײַנט ניט ווײַטער פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. דערנאָך וועלן מיר פאַרקערעווען אפן נײַעם קאַלוגער שאָסיי און מיט אים שוין קומען צום פעלד, ווו עס האָט געקעמפט די פּערצעטע ראָטע פון דער דאָרעם־גרופּע. דאָרט האָט די יוגנט פון פּאָדאָלסקער און מאַלאָיאַראָסלאַוועצער ראַיאָנען אופגעשטעלט מיט די אייגענע הענט דעם דענקמאָל די אומגעקומענע קורסאַנטן.

באַנאַנד מיט מיר זיצט איצט אין מאַשין א יונגע פרוי. פון אונטער דעם אָרענבורגער וואָלענעם טיכל קוקן ארויס בלאָנדע לאָקן. ווערע פּעטראָוונע איז א היסטאָריקער, א קאַנט־קענער, איינע פון די ענטוזיאַסטן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די הײַנטיקע אָנדענק־פּראָצעסיע.

קיין בעסערן גיד באַדאַרף מען זיך ניט ווינטשן. יעדער מאָל, ווען מיר באַגעגענען זיך מיט איר, האָט זי עפּעס נײַס צו דערציילן וועגן אָט דעם וועג, וואָס לעבט שוין העכער הונדערט דרײַסיק יאָר, און וועגן דעם קאַנט ארום אים.

ניט ווײַט פונעם דאָרף גאָרקי שטעלן מיר אָוועק די מאַשין בײַ אַ זײַט פון דער טראַסע און לאָזן זיך מיט ווערע פּעטראָוונען צו דרײַ הויכע בערעזעס, וואָס שטייען איינע אַליין אין פעלד. טאַרקאָוו הינקט, נאָר באַמיט זיך גיין מיט אונדז אין איין ריי.

— אָט דאָ, — זאָגט ווערע פּעטראָוונע, — גרענעצט מאָסקווער גועגנט מיט קאַלוגער, און אין איין־און־פערציקסטן איז דאָ געווען די גרענעץ פון צוויי וועלטן. אויף אָט די פעלדער הינטער מאָסקווע האָט מען ענדגילטיק אָפּגעשטעלט די פאַשיסטן און דערנאָך אויסגעקערט זיי מיט די פענעמער אויף מײַרעוו און געגומען טרײַבן אויף צוריק. כ׳גלייב, אַז מיט דער צײַט וועט דאָ אָוועקגעשטעלט ווערן אַ דענקמאָל, און דערווײַל פאַרבײַטן אים דרײַ ווייִנענדיקע בערעזעס.

בערעזעס... וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן זיי צו דער בלוטיקער מילכאָמע?

אײַנגעשפּאַרט האָבן די היטלעראָווצעס זיך געריסן צו דער הויפּטשטאָט און מיט נאָך מער אײַנגעשפּאַרטקײַט דערנאָך זיך געקלאַמערט אין יעדער בערגל און טײַכל. פאַר אַ פּאַרפרוירענער הרודקע זײַנען זיי גרייט געווען זיך פאַרטשעפּען. אויף אַעראָפּלאַנען, אין אײַזנבאַן־וואַגאָנען, אויף פּלאַטפאָרמעס, מיט לאָסטמאַשינעס, וועגענער, שליטנס, אויף די אייגענע פּלייצעס האָט מען געבראַכט אַהער באָמבעס, סנאַריאַדן, מינעס, קוילן, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געצונדן, געלעכערט, געריסן די ערד, יעדער ווערשאָק אירן.

דאַכט זיך, אַלץ ארום האָט באַדאַרפט אומקומען. און צום אַלעם ערשטן דיביימער. צום אַלעם ערשטן, ווײַל ביימער קאָנען דאָך זיך ניט צופּלעטשן צו דער ערד, פאַרמאַסקירן זיך, מאַנעווורירן, אויף אַ צײַט אַנטרינען, דאָרט, ווו ס׳האָט זיך אויסגעפּיקט אַ ביימל, דאָרט איז זײַן שטענדיקע היים. און דאָך איז געשען אַ וווּנדער. אָט די דרײַ בערעזעס זײַנען אויסגעשטאַנען. נאָר בײַ בערעזעס אויסשטיין באַטײַט נאָך ניט לעבן בלײַבן. טויטע שטייען זיי אויך ווי לעבעדיקע, די וואָרצלען זײַנען שוין איבערגעהאַקט, און זיי בײַטן ניט די ווײַסע העמדער, שטייען נאָך אַלץ מאַיאָווע. אָבער פּרווו צולייגן גוט די האַנט, און זיי וועלן אומפאַלן, זיך אַפילו אויף שטיקלעך צעברעקלען.

די דרײַ יונגע בערעזעס (דעמלט זײַנען זיי נאָך זייער יונג געווען), צאַרטע, דינינקע, ענלעכע איינע אויף דער אַנדערער, ווי לײַבלעכע שוועסטער, האָט דאָס פײַער ניט געשאָנעוועט. ווי דין ס׳זאָל ניט זײַן דער שטאַם, טרעפט אין אים דער שפּליטער; וואָס צאַרטער די קאָרע, אַלץ שרעקלעכער די וווּנד. ווען מע האָט די מערדער פאַרטריבן, האָבן מענטשן ניט געגלייבט, אַז די דרײַ ביימלעך לעבן. אָבער ניין, זיי האָבן זיך געלאָזט בייגן, נאָר ניט אומגעפאַלן, און מע האָט זיי געגומען ראַטעווען. מיט אָפּצווענגעס האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון זייערע לײַבער די שפּליטערס און קוילן. מיט וואַלד־זאַלבן האָט מען באַשמירט און מיט שמאַטקעלעך פאַרבאַנדאַזשירט זייערע וווּנדן, מיטן ערשטן ביסל ני האָט מען אונטערגעהאָדוועט די ערד ארום זיי. אין עמער האָבן קינדער זיי געטראָגן וואַסער אויף צו טרינקען. לאַנג האָבן די ביימלעך געקרענקט, אָבער אויפן צווייטן פרילינג האָבן זיי שוין עטוואָס געבליט; געצײַלטע גאָלדענע אוירינגלעך האָבן צוגעדעקט די ערשטע העל־גרינע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך ציטעריק אַרויסגעשלאָגן פון די קנאָספּן.

און אין די ווײַטערדיקע פרילינגען האָבן זיי שוין געקאָנט אָנהייבן צאָלן מיט גוטס פאַר גוטס. פון אויסגעהיילטן וואָרצל ביז דעם לעצטן צווײַגל זײַנען זיי גרייט מעכאַבעד זײַן זייערע רעטער מיטן טערפּקע בערעזע־זאַפט, וואָס אויב לאָזן אים זיך אײַנשטיין, איז ער שטאַרק און דורכזיכטיק ווי אַלטער ווײַן.

שטייען איצט דרײַ שוועסטער — בערעזעס, שוין אָנגעטאָן אין ווינטערדיקן מאַלבעש, מע זעט די קאַרבן פון די פאַרצויגענע וווּנדן ניט אָן, און סײַווי דערמאָנען זיי אין פאַרגאַנגענע שלאַכטן און אין מענטשלעכער מילדקײַט. מע רופט זיי — ווייִנענדיקע. מענטשן ווייִנען פון ווייטיק, ווייִנען פון פרייד. איך מיין: בערעזעס אויך אַזוי.

■

די קאָלאָנע אויטאָבוסן איז אָוועק ווײַט פאָרויס, און טאַרקאָוו האָט אַ יאָג געטאָן זײַן „וואָלגע". ער ווייסט, אַז איך וויל קומען אויפן געוועזענעם שלאַכטפעלד עטוואָס פריִער ווי דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן. פון אַלע די, וואָס וועלן אין אַ שאָ ארום שטיין באַם דענקמאָל, וועל איך הײַנט זײַן דער איינציקער, וואָס האָט געקעמפט בײַ יענעם דאָרף, ווו דער ברודער־

קיווער איז. מיר ווילט זיך דאָרט, ווו עס ליגן באַהאַלטן מײַנע אומגעקומענע פֿרײַנט, אָן זײַטיקע בליקן אוועקשטעלן זיך אָף די קני און פֿאַרנייגן דעם אָנטבלויזטן קאָפּ. נאָך דאָרף איך זײַן בײַ אונדזערע אָקאָפּעס, באַם איינציקן דזאָט אינמיטן פֿעלד, און עפּשער וועל איך אויך אויסזוכן די שטוב, ווו מיר זײַנען, דאַן נאָך אַלע צוזאַמען, טויט־מידע, מיט די אונטער־געשפּאַרטע הענט צוקאָפּנס, אײַנגעשלאָפֿן אָפֿן הוילן דיל.

...דאַכט זיך, אַז אָף אַ סאַך פֿריִער, ווי מע האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, האָבן מיר זיך צוגעוווינט זײַן באַנאַנד מיט דער געפֿאַר. די וואָרטער, ווי ערשט דאָ אין די אָקאָפּעס וואָלטן מיר זיי זיך אויסגעלערנט שעצן, זײַנען געוואָרן געציילטע, קורצע. זייער אָפֿט האָט מען זיי פֿאַרביטן מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ, אַ פֿינטל מיטן אויג, אַ מאַך מיט דער האַנט, און אַפֿילו אָן דעם אַלעמען האָבן מיר גאָר ניט שלעכט פֿאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן.

עס קאָן זײַן, אַז גראָד דערפֿאַר האָט זיך מיר אַזוי גוט פֿאַרגעדענקט דער געשפּרעך פֿון מײַנע פֿרײַנט פֿעדיע פּימענאָוו און ניקאָליַי סערגייעוו. דאָס איז געווען דעם זעכצעטן אָקטיאַבער. מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט האָבן אונדז די דײַטשן גלאָזט צורו. נאָרוואָס האָבן מיר אָראָפּגעלאָזט דרײַען פֿון אונדזער אָפּטיילונג אין דער פֿריש אויסגעגראָבענער גרוב. מיר האָבן נאָך פֿון די דלאָניעס ניט אָפּגעווישט די צוגעקלעפּטע ערד. באַם פֿרישן קייווער האָבן מיר אָראָפּגענומען די פּילאָטקעס פֿון די קעפּ, נאָר קיינער האָט קיין רעדעס ניט גע־האַלטן, און מיט קיין סאַליוט פֿון די ביקסן האָבן מיר אונדזערע כאַווירים ניט באַגלייט אין לעצטן וועג — מיר האָבן פֿאַרמאָגט אַזוי ווייניק קוילן, און אָף מאָרגן, האָבן מיר געוווּסט, שטייט אונדז פֿאַר נאָך אַ שווערערע שלאַכט.

פֿאַרטויבטע פֿון די אופֿרײַסן, וואָס האָבן געדונערט אַ גאַנצן טאָג, פֿאַרמאַטערטע, מיט קיין גליד ניט צו רירן, האָבן מיר געשלאָפֿט אין די שווערע שטיוול איבערן שלאַכטפֿעלד, וואָס האָט איצט געשוויגן, אין דאָרף אַרײַן, ערגעץ אין אַ שטוב, און כאָטש קיינער האָט מיסטאָם ניט געקלערט וועגן דעם, געפֿילט, ווי מיר זײַנען הײַנט אָף טאָמיד פֿאַרברידערט געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט ניקאָליַי אַ זאָג געטאָן:

— אויב מאָרגן וועלן אָנגרײַפֿן בלויז די זעלבע פֿאַשיסטן, וואָס הײַנט, קאָן מען האָפֿן, אַז זיי וועלן אונדז ניט אײַנבײַסן. אָבער מיר זײַנען דאָך שוין פֿאַרבליבן בײַ זיי אין הינ־טערלאַנד. דאָ וועלן מיר אומקומען, און קיינער וועט ניט וויסן, ווו אונדזער געביין ליגט. ווער, כוץ טאַטע־מאַמע, וועט זיך אַפֿילו נאָכפֿרעגן אָף אונדז. עך, כעוורע, ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אָף די, וואָס וועלן טרײַבן די דײַטשן אָף צוריק. זיי וואָלט איך דאָ אוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל. וואָס, פֿעדיע, איך בין ניט גערעכט?

כ׳האָב שוין געמיינט, אַז פּימענאָוו קלײַבט זיך אים ניט ענטפֿערן, נאָר עס האָט אין אים אַ רעד געטאָן דער ביזמילכאָמעדיקער לערער פֿון קאַשירע:

— ס׳איז אַ רעטאָרישע פֿראַגע, צי דו וואַרטסט אָף ענטפֿער? וואָס, אייגנטלעך, ווילסטו?

— איך וויל, זאָלסט יעדער נײַ לערניאָר אָנהייבן פֿון דעם, וואָס וועסט דערציילן דײַנע שילער, וויאַזוי מע האָט איבער דעם וואַרשעווער שאָסיי געטריבן אָף צוריק די היטלע־ראָווצעס. און דערציילן זאָלסטו דעם ריינעם עמעס, ניט נאָר וועגן גליקלעכן סאָף, נאָר אויך וועגן ביטערן אָנהייב.

— גוט, קאָליע, נאָר קעדיי אויספֿילן דײַן צוואָוע, וועט מיר אויסקומען זײַן ווי יענער פֿויגל פֿעניקס, וואָס ווערט פֿאַרברענט און לעבט ווידער אויף פֿונעם אַש.

סערגייעוו האָט זיך, מיסטאָם, געמאַכט ניט הערנדיק. ער האָט געהאַט זײַנס אין זינען:

— זאָל זײַן אין צען צי אין צוואַנציק יאָר אַרום, נאָר אויב עס וועט פּאַרט געשען, אַז עמעצער פֿון אונדז וועט דערלעבן ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע, מוז ער קומען אַהער אָפֿן פֿעלד און דערציילן וועגן די, וואָס האָבן דאָ זייער לעבן אָפּגעגעבן. ווער־ווער, נאָר מיר ווייסן דאָך, אַז עס וועט בײַ אים פֿון זיכּאָרן זיך קיינמאָל ניט אויסוועפּן.

פֿאַרוואָס האָט זיך מיר דאַן געדאַכט, אַז דאָס רעדט אַ „פֿרעמדער״ סערגייעוו, און דער עמעצער איז ער ווידער געוואָרן, ווען ער האָט איבערגעטראָגן די שוועל פֿון דער שטוב, ווו מיר האָבן זיך געקליבן אַ פּאָר שאָ אַ שלאָף טאָן, ווײַל דער ווזוואָדנע האָט עס אונדז דערלויבט, האָט פֿאַרייכערט איבערן גלעזל פֿון קעראָסין־לעמפּל אַ טראָפּיי־סיגאַרעט און, צוזעצנדיק זיך אָפֿן הוילן בעט אין טיף פֿונעם צימער, אַ זאָג געטאָן:

— ערן־וואָרט, כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן, ווי עס שמעקט געקעכץ. אַפֿילו צו אַ שטיקל פּיסנע ברויט איז ווײַטער ווי צו דער לעוואָנע. ווי נאָר כ׳האָב הײַנט אָראָפּגעשלעפּט דעם עסעסאָווען פֿונעם מאָטאָציקל, האָב איך גלײַך אַ נישטער געטאָן אין זײַן לעדערנעם רוק־

זאַק. אַנגעראַבעוועטע זאַכן זײַנען דאָרט געווען, נאָר מיט קיין עסן האָט ניט געשמעקט. קיין „מאָסקאַו" האָט ער געײַלט. ווען וועלן זיי שוין אַלע זײַן, ווי ער. אין „מאָסקאַו"?

ווידער אויפֿן שלאַכטפֿעלד

פּונדערווײַטן האָט זיך באַוויזן אַן „אַרודאַוועץ", און טאַרקאַוו, מוירע האָבנדיק, ער זאָל ניט אַרײַנכאַפּן קיין שטראָף, האָט שאַרף פֿאַרטאָרמאַזירט. די מאַשין האָט, ווי אַ היציק פֿערד, זיך אַ בריקעווע געטאָן, מיך האָט עס אַ בייג געטאָן פֿאָרויס, און גלײַך בין איך ווידער אַריבערגעשפּרונגען פֿון איין לעבן אין אַ צווייטס. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן די דרײַ בערעזעס, האָט ווערע פּעטראָוונע זיך אַוועקגעזעצט באַנאַנד מיט באָריסן. פֿאַרוואָס זי האָט מיך פֿאַרלאָזט, קאָן איך זיך גראָד אָנשטויסן — זי איז געוווינט ניט נאָר זי זאָל ריידן, נאָר מע זאָל אויך צו איר ריידן.

אינעם אויסוואַל צווישן מיר מיט באָריסן האָט ווערע פּעטראָוונע זיך ניט אָפּגעגעבן. טאַרקאַוו איז טאַקע פֿאַרטאָן מיט דער מאַשין, נאָר געפֿינט אויס צײַט אויך אױף אַ שמועס צו טאָן. מיך כּידעשט עס ניט, ווײַל כ'ווייס, פֿונוואַנען עס נעמט זיך. באָריס גריגאָריעוויטש איז אַ „יונגער" זיידע, און ווי אַלע זיידעס, מוז ער אַ פּרישן מענטשן דערציילן וועגן זײַן אייניקל, און דערבײַ, אויב סע לאָזט זיך, אויך אַ פֿילאָסאָפֿיר טאָן:

— נײַן כּאַדאָשים פֿאָדערט זיך אױף אויסטראָגן אַ קינד, נאָר די אויגן קריכן אַרויס פֿון קאָפּ, ביז מע דערזעט עס אַ לעבעדיקס אױף דער וועלט. די נעכט, ווען דאָס באַשעפֿענישל לאָזט קיינעם ניט שלאָפֿן, פֿאַרגעסט מען. דערפֿאַר וויפֿל גליק ברענגט עס מיטן ערשטן שמייכל, טראָט, וואָרט. ווען בא סעריאָזשקען האָט זיך אויסגעשניטן דער ערשטער צאָן, איז די שטוב געגאַנגען כאַדאָראָם. עפּעס אַ קלייניקײַט — אַ צאָן וואַקסט. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר, האָט ער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ גענעץ געטאָן, האָט גאַליע, די באָבע, גלײַך אַרויסגערופֿן אַ דאָקטער. אַזוי איז אויך געווען מיט זײַן טאַטן, מיט אונדזער זון. פֿעליקס איז אויפֿן גליטש אומגעפֿאַלן און זיך אויסגעלונקען אַ פֿינגער פֿון דער האַנט, האָב איך אים געפֿירט צו אַ פּראָפֿעסאָר. איך געדענק, אין וואָס ער איז געווען אָנגעטאָן, ווען מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל אָפּגעפֿירט אין די יאַסליעס, אין קינדער־גאָרטן, אין שול, און אַפֿילו ווען ער איז אַוועק האַלטן דעם ערשטן עקזאַמען אין אינסטיטוט. הײַנט וואָס האָט זיך געטאָן אַרום דעם, מיט וועמען ער זאָל זיך יאָ כאַווערן און מיט וועמען ניט! אױפֿן צווייטן טאָג, ווי ער איז אַוועק דינען אין אַרמיי, האָבן מיר שוין געוואַרט אױף אַ בריוו.

אָט אַזוי טראָגן מיר זיך מיט זיי אַרום, צאַצקען זיך, און אַז זיי וואַקסן אונטער, איז ניט שטענדיק ווייסן מיר, צי פֿאַרשטייען זיי אונדז. קינדער גייען דאָך אַוועק ווײַטער פֿון די עלטערן. פֿעליקס איז געקומען אין אורלויב, בין איך פֿאָרט אַן אַלטער סאָלדאַט, פֿרעג איך בא מײַן לייטענאַנט: „וואָס פֿאַר אַ באַפֿעל, זון, וואָלסטו אָפּגעגעבן, אשטייגער, אין אַזאַ סיטואַציע?" און וויל צעשטעלן, ווי טשאַפּײַ, אויפֿן קיך־טיש קאַרטאָפֿל. לאַכט ער פֿון מיר, ווי כ'וואָלט פֿונעם הימל אַראָפּגעפֿאַלן אָדער אַ לעבן אָפּגעשלאָפֿן, איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קאָלדרע. ווען זײַן מאַמע זאָל ניט געווען זײַן דערבײַ, וואָלט איך, עפּשער, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. און אַוועק צו זיך אין צימער, נאָר פּרוּוו, ווען זי איז דאָ, אָנרירן איר זונס קאָוועד. ס'וואָלט געווען „פֿריילעך". שטיי איך שוין ניט ווי קיין עקזאַמענאַטאָר, נאָר ווי אַ לערנײַנגל, וואָס קאָן נאָך אַפֿילו קיין פֿראַגע ניט שטעלן.

די קאַרטאָפֿליעס האָט גאַליע צוגענומען. וואַשן, שיילן, — ווי דען? זי האָט זיך אירס אין זינען. פֿעליקס האָט געלאַכט, ווײַל ער, זאָגט איר, דאַרף האָבן קאָמפּיוטירן, וואָס זאָלן אַ רעכן טאָן די פֿילצאָליקע וואַריאַנטן. אַן דעם, זאָגט ער מיר, אַן אינזשעניר־מעכאַניקער, איז אים ניט נאָר שווער, נאָר ער קאָן ניט אָפּגעבן קיין באַפֿעל.

איז ער גערעכט? גערעכט. איז נעם, אַלטער נאַר, און זאָג אים „מאָלאָדיעץ". קריכט פֿון ערגעץ אַרויס אַ ווערעמל, וואָס לאָזט ניט אָנרירן דעם „אַמאָל" און עפּשער האָט זיך געוואָלט אַ ביסעלע צעקוויטשעווען, האָב איך אים געגומען דערווײַזן, אַז פֿאַרלאָזן דאַרף מען זיך אויפֿן קאָפּ, און צוהערן זיך דאַרף מען צום האַרצן, אָט אַזוי ווי אונדזערע קורסאַנטן, וואָס זײַנען מיט פֿלעשער ברענשטאָף געקראָכן קעגן די טאַנקען און באַגעגנט מיט באַגנעטן די פֿאַשיס־טישע פּעכאָטע. שווער איז דעמלט, ווען עס גייט אױף דיר דער סוינע, און דו פֿאַרמאָגסט ניט קיין קוילן.

הערט ער מיך רויִק אויס, לייגט אוועק די הענט אַף מײַן אקסל און זאָגט מיט אַ שמייכל: „מיר קלײַבן זיך דען מיט דיר קעגנשטעלן איינער דעם צווייטן אָדער אָפּגרענעצן זיך? ס׳איז גיכער אַן איבערוף פונעם אַמאָל און הײַנט. אלטער, באַרבל זיך ניט, ווײַל פון מײַנע הענט וועסטו זיך ניט ארויסרײַסן. כ׳בין אַ באָקסיאָר פון ערשטן ראַזריאַד, און אַף אַ קוש טאָן דיך דאַרף איך קיין עלעקטראָן־מאַשינעס ניט האָבן”.

אָט האָט איר אײַך בלויז אַ שטיקל דיִאַלאָג מיט מײַן אייגענעם זון. און וואָס זאָל איך זאָגן די ייִנגלעך, די מיידלעך, וואָס פאָרן איצט צום ברודער־קייווער? מיינט ניט, אַז מיך אַרן זייערע געדיכטע פּאַטלעס און איך בייזער זיך, ווען כ׳ווייס ניט, ווער ס׳גייט מיר אנטקעגן, אַ ייִנגל צי אַ מיידל. נאָר צי וועלן זיי מיך פאַרשטיין? איר, ווערע, ווילט, כ׳זאָל ארויסטרעטן, און איך ווייס ניט, וויִאַזוי דערציילט מען זיי, די יונגע, אַז די, וואָס ליגן אין די ברודער־קוואָרים, האָבן אויך געקאָנט זײַן טאַטעס און זיידעס. עס פאָרן שולן, יוגנט־בריגאַדעס, סאָלדאַטן, און איך זוך אייניקלעך פון יענע קורסאַנטן און אָפיצערן. אין פאָדאָלסק, ווען מיר זײַנען ארויסגעגאַנגען פון דער מאַשין, האָבן זיי אָנגעהויבן אפילו ריידן שטילער. מיר האָבן זיי ווי געפּענטעט...

כ׳ווייס, אַז אַלע וועטעראַנען, וואָס וועלן הײַנט שטיין באַם דענקמאָל, זײַנען די נאַכט ניט געשלאָפן און מיט צוגעמאַכטע אויגן געזען די אָקאָפּעס. כ׳האָב געמיינט, ס׳וועלן אוועק יאָרן, און מיר וועלן צוביסלעך אָנהייבן פאַרגעסן, אָבער די דערינערונגען האַלטן אונדז אין קלעם און לאָזן ניט פון זיך אַנטלויפן. מיר האָבן ניט קיין שליטה איבער זיך. גוט צי שלעכט, אַזוי איז עס. ווען די פאַרוווּנדעטע ברעזעס זאָלן פאַרמאָגן אַ זיקאָרן, וואָלטן זיי אויך אים ניט געקענט טייטן.

ווערע פּעטראָוונע האָט אים אַ ריר געטאָן בײַ דער האַנט:

— באָריס גריגאָריעוויטש, נאָך אַ מין פאַרשטיין. אָט אַזוי טאַקע זאָלט איר ריידן מיט די ייִנגלעך און מיידלעך, און זיי וועלן אײַך פאַרשטיין.

דער אַספאַלט לויפט אונטער די רעדער פון דער „וואָלגע”. דער שאָסיי איז איצט גאָר אַן אַנדערער, ווי דעמאָלט, ווען מיר מיט טאַרקאָוון זײַנען אַף אים געגאַנגען.

■

מאַלאָיאַראָסלאַוועץ איז אַ שטאָט פון דענקמעלער. ווי מיר זאָלן ניט אײַלן, שטעלן מיר זיך אָפּ באַם סקווער אַף מאָסקווער גאַס. דאָ שטייען פיר דענקמעלער, געווידמעט דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1812, איינער שענער פונעם צווייטן.

באַם דאָרעמדיקן ראַנד פון דער שטאָט, קימאַט סאַמע באַם אָרט, וווּ אונדזער פּערטער באַטאַליאָן האָט דאַן, דעם 6 אָקטיאַבער פון איין־און־פערציקסטן, זיך פאַרפעסטיקט אַף עטלעכע שאָ, האָבן מיר שאַרף פאַרקערעוועט אַפּן שאָסיי, וואָס פירט קיין קאַלוגע. דאָס איז דער אַזויגערופענער נײַער קאַלוגער וועג. שווער אָנגעלאָדענע האָבן מיר דאָ געטאָפּטשעט די בלאָטע און מיט אַלע אייוורים צוגעפאַלן צו איר, ווען אַף אונדז און אַף הונדערטער וואָקזיִרטע, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צופוס און מיט פערד־און־וואָגן אַף מיזרעך, זײַנען אָנגעפלויגן דײַטשישע אַעראָפּלאַנען.

ווער האָט עס דאַן געקענט באַמערקן דאָס זעלטן שיינע טײַכל קאַריזשקע, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די ווערבעס, דעם באַשיידענעם געדענק־שטיין אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוון, וואָס האָט דאָ ניט ווײַט, לעם דאָרף דעטשינאָ, געוווינט.

נאָך דעטשינאָ, וווּ מיר האָבן דאַן אפילו ניט באַוויזן פאַרנעמען די צוגעגרייטע אָקאָפּעס און זײַנען גלײַך אוועק ווײַטער, שיידן מיר זיך מיטן שאָסיי־וועג. הינטער אונדז אַף העכער אַ קילאָמעטער האָט זיך געצויגן די יוגנט־קאָלאָנע פון מאַלאָיאַראָסלאַוועצער ראַיאָן. ווערע פּעטראָוונע האָט זיך פאַרוואָלט „דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע ביינער”, ווי זי האָט אין אַ שפּאַס געזאָגט, און זי איז אוועק מאַרשירן צוזאַמען מיט די דעטשינער סטודענטן.

די טעג, וואָס האָדעווען דעם ווינטער, זײַנען שוין פאַרבײַ. אַלץ, וואָס די ערד האָט געקענט, האָט זי שוין ארויסגעגעבן. איצט וואַרט זי אַף אַ געדיכטערן שניי. אָבער אין די דערפער גייט מען ניט אַרום ליידיק. עטלעכע קאָלווירטניקעס בויען אַ בריקל. מיסטאַם האָבן מיר אויך אָט די ריטשקע געהאַט איבערגעבראָדזשעט. די ציין פון דער זעג בלאַנקען, די קלאָץ שפּריצט מיט זעגעכץ.

טאַרקאָוו עפנט דאָס טירל פון דער קאַבינע און, ארויסשטעקנדיק דעם קאָפּ אין דרויסן, פרעגט ער:

— וו‫יאזוי זאָלן מיר דאָ דורכפאָרן קיין סאָווינאַוואָ?
גלײַך קומט דער ענטפער:
— איר דאַרפט צו די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן? פאַרקערעוועט אַף רעכטס. האָט ניט קיין מוירע, די מאַשין וועט ניט פאַרסטראַנעט ווערן, מיר האָבן דעם וועג אָפּגערייניקט.
„איר דאַרפט צו די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן?"... דרײַסיק יאָר, ווי זיי זײַנען ניטאָ, און ס'איז געזאָגט וועגן זיי ווי וועגן לעבעדיקע.
— שטיי, טאַרקאָוו, שטיי! צי איז עס ניט יענץ בערגל, ווו ס'האָט זיך באַוויזן א דײַטשי־שער אָפיצער און אונדז האָט זיך אַזוי געוואָלט גלײַך אָנקוועטשן אַפן צינגל, נאָר דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין האָט ניט געלאָזט. און ווייסט? ער איז געווען גערעכט. צום אָפיצער זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ, און ערשט דאַן האָט ער באַפוילן שיסן.
טאַרקאָוו שטעלט אָפּ די „וואָלגע". ווײַטער וועלן מיר גיין צופוס.
ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט איך אַף מײַן לעבן ניט געווען דאָ. בלויז פאַר א זײַטיק אויג איז דאָס א דאָרף ווי אַלע דערפער. פאַר מיר איז עס ניט קיין אומבאַוווּסט אָרט, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין אייגן פינטעלע אַפילע אַף דער קאַרטע פון דער געגנט.
...אַף אָט דעם גרויסן פאַרשנייטן פעלד בין איך געקראָכן אַף אַלע פיר. אופגעשטאַנען, געלאָפן און ווידער געקראָכן. וויפל ערד האָב איך דאָ איבערגעגראָבן מיט דער קליינער סאַפּיאָר־לאָפּעטע! כ'דאַרף גאָרניט אופשטעלן די געשעענישן פון יענעם האַרבסט, ס'איז ווי כ'וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן א שינעל פון גרויען געוואַנט, א פּילאָטקע מיט א שטערנדל.
אַף אונדזער ראָטע האָט אָנגעגריפן א פּאָלק עסעסאָווצעס. אכט אַרטילעריע־באַטארייעס האָבן אָנגעצילט אין איר זייערע רערן. די „מעסערשמיטן" זײַנען געפלויגן אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן שיר ניט אָנגערירט מיט די רעדער דאָס פעלד, און דערבײַ האָבן זיי געשאָסן, געשאָסן... גלײַך אומפאַלן האָט מען באַדאַרפט, נאָר כ'ווייס ניט פאַרוואָס, כ'האָב א קלער געטאָן, אַז אויב כ'וועל אָפּלויפן נאָך צען שפּאַן, וועט אַלץ זײַן גוט. דערנאָך בין איך אומגעפאַלן, און אין א מינוט אַרום האָט פון א באָמבע־אופרײַס די ערד מיך א שטויס געטאָן אין בויך.
דעמלט איז מיר אַזא געדאַנק ניט אופגעקומען, און איצט קלער איך: עפּשער האָט וואַ־לענטין באַקאָוו, וואָס איז אַרויס צו מיר אַנטקעגן פונעם אָקאָפּ, אויך געמיינט, אַז אויב ער וועט אָפּלויפן נאָך צען שפּאַן, וועט אַלץ זײַן גוט. נאָר אומגעפאַלן איז ער ניט ווי איך, וואָס לעבט אויך אין דרײַסיק יאָר אַרום. ער איז געלעגן טויט. און איך האָב געמיינט, אַז ער טרײַבט קאַטאָוועס, און פונדערווײַטן געשריגן: „וואַליע, אויב דו שפּאַסט, וועל איך דיר א זעץ טאָן מיטן שטיוול אין הינטן".
ניטאָ מער דער אָקשן דער באַקאָוו, וואָס האָט אָפּט געליטן פון ציינווייטעק. פאַרוואָס האָט מײַן האַנט ניט געציטערט און קיין טרער איז ניט אָנגעלאָפן? עס מוזן אַוועק יאָרן, מע זאָל אָנהייבן פאַרשטיין פאַרוואָס... באַקאָווס זון, וואָס איז דאַן נאָך געווען אין קינדער־וויגעלע, איז איצט עלטער פון אים.
איך הער, ווי דער קאָמאַנדיר פון וזוואָד שרײַט:
— באַקאָוו, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? איר האָט עפּעס פאַרלוירן? זוכט ניט, איר וועט גאָרניט געפינען. באַקאָוו, א לידז!
... פיר וזוואָדן — פיר פאַרבינדלער. וויפל מינענוואַרפער האָט מען עס אַרויסגעשטעלט קעגן אונדז? אַרום ווירבלט און קאָכט, ווי אין א זודיקן קעסל. די מינעס טראָגן זיך אַזוי געדיכט, אַז איינע קאָן אָנטרעפן אַף א צווייטער. נאָך ביז דער אַטאַקע טראָגן מיר שווערע פאַרלוסטן. פון פיר פאַרבינדלער איז שוין איינער טויט, און איינער שווער פאַרוווּנדעט. די פאַשיסטן ווילן אונדז פאַרניכטן פונדערווײַטן.
אָלעג יורעניעוו האָט באַדאַרפט איינגיכן ווערן א קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, נאָר ער האָט לאַנג זיך ניט געקענט אויסלערנען פאַנאַנדערנעמען און צונויפשטעלן דעם שלאָס פון דער ביקס. סערגייעוו האָט אים גערופן מיט א צונאָמען „פּראָפעסאָר", און זײַן מאַמע, ראַיסע יאַקאָווליעוונע, האָט אים גערופן „אָלעשקע, אָלעשינקע".
מע האָט געמוזט פאַרכאַפּן א לעבעדיקן היטלעראָוועץ און, ווײַל אָלעג האָט גוט געקענט דײַטש, האָט מען אים פאַרעכנט אין דרײַלינג, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען די „צונג".
יורע יאַקימאָוויטש און ניקאָלײַ סערגייעוו האָבן זיך אומגעקערט. איך האָב געפרעגט:
— יורע, ווו איז אָלעג?
— אָלעגן האָבן מיר אָפּגעטראָגן אין אָקאָפּ און וועקגעלייגט באַנאַנד מיט באַקאָוון. אָט איז זײַן נאָטיץ־ביכל. דאָרט איז פאַראַן זײַנע א ליד: „סאָלדאַטישע פרײַנטשאַפט". ס'איז וועגן אונדז...

— טאַרקאָוו, קיין בעסערע פּריַינט האָב איך ניט געהאַט און וועל ניט האָבן. באַריס, דו הערסט? שטיי ניט אָפּ. ביזן וואַלד איז שוין ניט וויַיט. כ׳ווייס, אַז דיר איז שווער. אין אילינסקאָיע וועל איך מיט דיר גיין צו יעדער דאָט. מיַין קאַוער, סעניע יאָפּע, ליגט אין ברודער־קייווער באַ אילינסקאָיע. ער איז געווען אַן אַרטילעריסט. דעם 6 אָקטיאַבער האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפן באַ דעם וואָקזאַל אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. ער איז שטילערהייט צוגעגאַנגען פון הינטן, מיר פאַרשטעלט די אויגן און געוואָלט, איך זאָל טרעפן, ווער ס׳האָט מיך בלינד געמאַכט.

— איַיל ניט אַזוי. דו סאַפּעסט דאָך אויך, ווי אַ פּאַראָוואָז, — זאָגט באַריס, — באַם וואָקזאַל האָט איר זיך כאָטש אָנגערעדט, געזעגנט זיך?

— געזעגנט זיך. ער האָט מיר געזאָגט: „זיַי געזונט, פּעכאָטע”, און איך אים: „זיַי געזונט, אַרטילעריע”.

אין וואַלד שמעקט מיט וויאַנענדיקע בלעטער. נאַסע פון שניי, שטייען זיי צו צו די אָפּצאַסן, צו די פּאָדעשוועס. ס׳איז אומעטיק, ווי נאָך אַ סרייפע. ווער ווייסט מיר דאָ וויַיזן דאָס אָרט, ווו ס׳איז אַף שטענדיק אומגעפאַלן דער סערזשאַנט יעליסייעוו. ער איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט זומער־שפּרענקלעך. זיי האָבן זיך באַ אים אים אַזוי פאַרמערט, אַז ס׳האָט שוין ניט געסטיַיעט קיין אָרט אַפן פּאָנעם און אַפן האַלדז. זיי האָבן זיך איבערגעקליבן אַף די אַקסל, אַף די הענט און אַפילע אַף זיַין פּלייצע. פּאַוועל יעליסייעוו איז דערהאַרגעט געוואָרן דעם 16 אָקטיאַבער, ווען די פּאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן אונדז אַרומרינגלען. יורע יאַקימאָוויטש און וויקטאָר רוזין זיַינען אומגעקומען אַפן צווייטן טאָג, דעם 17 אָקטיאַבער. יורע — בייס אונדזער לעצטער באַגנעטן־אַטאַקע. וויקטאָר — אין צוויי שאָ אַרום. די עסעסאָוועצעס האָבן אים פאַרכאַפּט אין אָקאָפּ אַ פאַרוווּנדעטן, צוגעבונדן צו זיַין פוס אַ שטריק און אים געטריבן ביז צו דער אַמבראַזור פון דזאָט, ער זאָל אונדז פאַרלייגן זיך אונטערגעבן. און ער האָט געפּונען אין זיך קויכעס אונדז צו וואָרענען: „גיט זיך ניט אונטער! אַרום דעם דזאָט ליגן אָן אַ שיר דערהאַרגעטע דייטשן. גיט זיך ניט אונטער!” און געבעטן: „קאָמאַנדיר! דערשיסט מיך!..”

...ערגעץ אָט דאָ, ניט וויַיט פון וואַלד, איז געווען אונדזער דזאָט. דאָס שכיינעסדיקע פעלד, דאָרט, ווו עס שטייט איצט דער דענקמאָל, איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. און עס קומען אָן אַלץ ניַיע קאָלאָנעס. פון די אַרומיקע דערפער ציט זיך אַהער קינד־און־קייט. לעם טאַרקאָווס „וואָלגע” וואַרט אַף אונדז ווערע פּעטראָוונע. זי קען אין דאָרף אַ סאַך מענטשן און וויל, מיר זאָלן מיט איר, ביז דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן, צופאָרן צו איינער אַ שטוב. איך וואָלט אַוודע געוואָלט אויסזוכן יענע שטוב, ווו אונדזער אָפּטיילונג האָט איבערגענעכטיקט. נאָר דאָס וועט זיך מיר שוין קיינמאָל ניט איַינגעבן. די פּאַשיסטן האָבן פאַרברענט דאָס גאַנצע דאָרף. אַלע היַיזער דאָ זיַינען אויסגעבויט שוין נאָך דער מילכאָמע.

עטלעכע טרעפּ. אַ קוועטש אַף דער קליאַמקע, און מיר קומען אַריַין גלײַך אין פּאָדערצימער, ווו עס שטייט בלויז אַ גרויסער געהובלטער טיש. אַף אים — אַ רעשעטע מיט עטלעכע אייער. שקאַרמיצלעך, וויַיזט אויס, מיט זריִע. אַף די ווענט הענגען קראַנצן ציבעלעס. נאָך אַ קליאַמקע. שוין פון דער שוועל פאַרשמעקט מיט הרעטשענע לאַטקעס. אַפן טיש — אַ געוועבטער טישטעך. מיסטאָמע האָט מען דאָ געוווּסט, אַז היַינט קאָן מען דערוואַרטן געסט. פּונעם זײַטיקן אַלקערל, וואָס האָט קיין טיר ניט, זעט זיך אַרויס אַ גרויסע הילצערנע בעט מיט אַ הויכן צוקאָפּנס פון קישנס אין בונט־געבלימלטע ציכן. באַם רוסישן אויוון, אַף אַ פּוסבענקל, זיצט אַן אַלטע פויערטע און שיילט קאַרטאָפל. איר פּאָנעם איז פאַרפּאַראָשעט מיט מעל. דער באַלעבאָס, אַ זאָקן פון אַ יאָר אַכציק, זיצט דערנעבן אַף אַ קאַנאַפּקע און שניצט עפּעס אויס פון האָלץ.

ווערע פּעטראָוונען רופט ער „טאָכטערקע”, כאָטש ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַף איר באַרויגעז.

— מיסטאָמע זיַיט איר שוין געווען אין אַלע שטיבער, ביז איר האָט זיך דערמאָנט, אַז דער זיידע טראָפּים לעבט נאָך. שווער זיך ניט, כ׳וועל דיר אַלציינס ניט גלייבן. וועמען פעלן מיר אויס, אַלטע לײַט? ווען עמעצער פון די קורסאַנטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר אונדזער דאָרף, זאָל לעבן, וואָלט ער איַיך אַלעמען געגעבן אין קאָלנער אַריַין. די סופּאָסטאַטן זיַינען שוין געווען אין דאָרף, און איך מיטן שאָכן האָבן באַנאַכט באַגראָבן די דערהאַרגעטע קורסאַנטן. זאָג, ווער האָט דיר אָנגעוויזן, ווו מע דאַרף זוכן זייערע ביינער, ווו זייער דזאָט איז געשטאַנען? טאָ־טאָ! ניט באַ עמעצן אַנדערש, נאָר באַ מיר איז איַינגעשטאַנען זייער עלטסטער קאָמאַנדיר. אַזאַ ריז האָב איך אַף מיַין לעבן ניט געזען. די סטעליע איז געווען פּאַר אים צו נידעריק, און די גרענאַדיאָרן זיַינע — אויך ווי ער, זיי האָבן זיך געמוזט באַ

מיר אין שטוב אָנבייגן. קיין קויל האָט זיי ניט גענומען. יעדערער פון זיי האָט געקאָנט בלויז מיט די פויסטן אוועקלייגן צען דײַטשן. די סופּאָסטאַטן האָבן געמוזט ברענגען מאַשינעס, וואָס האָבן מיט אַזוינע פּײַלן געשניטן בא די אונדזעריקע די קעפּ, אַניט וואָלטן זיי דען זיך עפּעס דערשלאָגן?

קאָן זײַן, אַז די לעגענדע האָט דער זאָקן פאַרוועבט נאָך מיט יאָרן צוריק, נאָר פאַר מיר ווערט זי ערשט געבוירן. דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין איז, עמעס, געווען פעסט געבויט, אָבער העכער פון מיטעלן וווּקס איז ער ניט געווען.

וועגן די אומגעקומענע העלדן וואַקסט און פאַרשפּרייט זיך אַ פאָלקס־מעסוירע. צי דאַרף איך איצט עפּעס אָפּפרעגן אין איר? באַם זאָקן איז דאָס פּאָנעם ווי איבערגעטריקנטער פאַר־מעט, ער רופט אַרויס צו זיך אָפּשײַ. בלויז איין זאַך וועל איך בא אים פרעגן:

— זיידע, און ביישן שלאַכט זײַט איר געווען אין דאָרף?

— ווי דען? מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ טיפער גרוב. מיינט ניט, אַז מע האָט מיך הײַנט ניט גערופן צו די קורסאַנטן, נאָר די קריזשעס ברעכן מיר אַזוי, אַז כ׳קאָן קוים אַריבערטרעטן די שוועל.

— מיר וועלן אײַך צופירן, זיידעניו, אַף אַ מאַשין.

דער אַלטער טראָפּים טוט אָן די וואָליקעס, דעם פעלץ, פאַרגאַרטלט זיך מיט אַברייטן פּאַס, נעמט אין האַנט דעם שטעקן. מיר העלפן דעם זאָקן אַרײַנזעצן זיך אין דער „וואָלגע". צוריק אַהיים וועלן מיר אים אויך אָפּפירן.

■

עס קומט די סאַמע שווערע מינוט. אַ קורצע קאָמאַנדע, און צום ברודער־קייווער, ווו עס הויכט זיך דער אָבעליסק, מאַרשירן מיט פעסטן מיליטערישן טראָט די פּאָנענטרעגער און נאָך זיי אַ קאָלאָנע סאָלדאַטן פון מאָסקווער גאַרניזאָן. פאָרויס גייט אַ קאַפּיטאַן. עס בלאַנקט די שאַרף פון זײַן אַנטבלויזטער שווערד. פון ביידע זײַטן דענקמאָל שטעלט זיך אויס דער ערן־קאַראַול. עס הילכן דעם דיכטערס ווערטער, פאַרשריבן אַף אַ פּאַנאָגראַמע:

Знаю:
Солнце в пустые глазницы
не брызнет!
Знаю:
Пламя
тяжелых могил
не откроет!
Но от имени сердца,
От имени жизни
повторяю:
Вечная
Слава
Героям [1].

די ווערטער דערטראָגן זיך ווײַט. דער וואַלד־עכאָ פאַרשטאַרקט זיי. מיר שטייען פאַר־גליווערט אין טרויער. די קעפּ פאַרנייגט. די אַקסלען אַראָפּגעלאָזט. אַ טרערן־נעפּל פאַרציט די אויגן. טאַרקאָוו, מיט מאַכטלאָז־אַראָפּגעלאָזענע הענט, טרייסלט זיך פון אינערלעכע שלוכצן. ווי׳אַזוי וועט ער באַלד אַרויסטרעטן? און פּלוצעם טוט אַ שאַל דער מיליטערישער אָרקעסטער. די שטיינערנע שטילקײַט פּלאַצט. עס הילכט די מוזיק פון דער ערשטער מיל־כאָמע־ליד: „שטיי אויף, מײַן ריזיק לאַנד, שטיי אויף אין טויט־געפעכט!"

דער טרויער־ציטער קאָן ניט גלײַך פאַרשווינדן, נאָר ער איז שוין אַן אַנדערער. עס וואַקסט אָן אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר די אומגעקומענע. קיינער האָט ניט געקענט בא זיי פאַרניכטן דעם גלויבן אין זיג. אין קאַלטן האַרבסט פון איין־און־פערציקסטן האָבן זיי גע־גלייבט אין ליכטיקן מײַ פון פינף־און־פערציקסטן.

---

[1] כ׳ווייס: אין פּוסטע אויגנלעכער וועט די זון ניט אַ שפּריץ טאָן! כ׳ווייס: קיין פלאַם וועט די שווערע קוואָרים ניט עפענען! נאָר אין נאָמען פון האַרצן, אין נאָמען פון לעבן, כאַזער איך איבער: אייביקער רום די העלדן (פון ראָבערט ראָזשדעסטווענסקיס „רעקוויעם").

עס ווערט געמאָלדן א מינוט פון שטילשווייַגן. דערנאָך קלינגט פייַערלעך די שוווע, וואָס די יוגנט פון די זיבעציקער יאָרן גיט באַם קייוווער פון די פּאַדאָלסקער קורסאַנטן. א וואַלד מיט הענט האָט זיך פאַרהויבן איבער די קעפּ:

„...מיר שווערן טרײַ זײַן דעם ליכטיקן אָנדענק פון די העלדן!

...מיר שווערן טרײַ זײַן דער זאַך, פאַר וועלכער זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן...

— מיר שווערן!"

דער זאַלפּ פון סאַליוט האָט א וויג געטאָן די יונגע בערעזקעס, וואָס באַזוימען דעם ברודער־קייווער. די צוויַיגעלעך האָבן א ציטער געטאָן און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שניי, ווי זיי וואָלטן היטלען אויסגעטאָן.

■

א באַרג פון קרענץ און לעבעדיקע בלומען איז אויסגעוואַקסן אויפן ברודער־קייווער, ווו עס ליגן באַהאַלטן מײַנע פרײַנט. צוריק מיט דרײַסיק יאָר האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, און געווען איז דאָס אַזוי.

אנדערש קאָן איך ניט

ס׳איז געווען זונטיק, נאָר אופגעשטאַנען בין איך א סאַך פריִער ווי אין א וואָכעדיקן טאָג. צו צוויי אַזייגער באַדאַרף איך זײַן אין הינטער־אויגיקן אינסטיטוט, ווו עס שטייט מיר פאַר אָפּגעבן א מינדלעכן עקזאַמען. כ׳וואָלט ניט געזאָגט, אז א שווערן. דער אומגליק איז נאָר, וואָס כ׳האָב ביז הײַנט נאָך ניט אַרײַנגעקוקט אין לערנבוך. פאַרוואָס? ווײַל דער זומער איז א שיינער, ווײַל כ׳בין אלט דרײַ און צוואַנציק יאָר, ווײַל... וואָס איז דער כילעק? קיין שום טערוצים וועלן פאַרן פּראָפעסאָר, וואָס אונטעריכטעט שול־היגיענע, ניט אָנגיין. ער דאַרף, מע זאָל אים ענטפערן פּינקטלעך, ווי עס שטייט אין לערנביכל, וואָס ער איז דער אויטאָר דערפון. זיץ איך און קנעל שוין די ווײַלטע שאָ נאָכאַנאַנד פון פינף פאַרטאָג. ס׳איז נאָר א פראַגע, צי וועל איך מײַנע אפגיך באַקומענע קענטעניש דערטראָגן פונעם הינטער־מאָסקווער יישעוו אודעלנע ביז דער פּיראָגאָוו־גאַס אין מאָסקווע. פאַר א שאָ פאָרן אין דער עלעקטריטשקע און א מינוט פערציק מיטן טראַמוויי פון קאַזאַנער וואָקזאַל ביזן אינסטיטוט קאָן זיך נאָך אַלץ פון קאָפּ אויסטרייסלען. גענוג! וואָס צו, איז איבעריק. צו דער אָזערע!

א שפּרונג איבער די דרײַ הילצערנע טרעפּלעך, און כ׳בין שוין אין דרויסן. אף א ווײַלע בלײַב איך שטיין א פאַרגאַפטער אינעם גרין־פאַרוואַקסענעם הויף. נאָכן באַנאַכטיקן רעגן איז דער הימל ווי אויסגעשווענקט. אַלץ אַרום איז זויבער־ריין, ווי ערשט געבוירן. עפּעס ענלעכס אף א שאָטן האָט דורכגעשווינדלט צווישן דיביימער. דאָס האָט א בלויערל מיט שווארצע פּאַסיקלעך אַפן ווײַסן פּיסקל זיך אויסגעקליבן א צווײַג אף אן אנדער בוים. ס׳האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל צו דער ערד און קערעוועט עס אהין־אהער, הערט זיך אײַן. צי דען האָב איך עס אָנגעשראָקן?

צו דער אָזערע גיי איך מיט מײַן אייגן שטעגל, וואָס כ׳האָב אַליין אויסגעטראָטן דורך די דערבײַיקע הויפן. פון איין זײַט איז דאָס באַזוימט מיט ביימער, פון דער אנדערער אָפן פאַר דער זון. עס בריט און עס קילט, — ווי דו ווילסט. נאָך פונדערווײַטנס גיט דער וואַסער־שפּיגל א בלענד אין די אויגן. איך האָב דאָ אויך באַם ברעג א פאַרבאָרגן ערטל, ווײַט פון טומל, נאָר דאַכט זיך, אז ס׳איז שוין פאַרנומען. אף א בײַכיקן קוסט איז צעהאַנגען קינדערש אָנטאָן, און באַם סאַמע וואַסער זיצן אָדאַם־נאַקעטע די באַלעבאַטים פון די פּליודערן מיט די שלייקעס. דאָס זײַנען צוויי אַלטע באַקאַנטע מײַנע, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרענדיקט דעם פערטן קלאַס, פאַרברענטע פּישפּאַנגער. איינער — מיט צוויי שײַנענדיקע ציין־גריבלעך אף די באַקן — בויטעט מיט א שטעקן דאָס וואַסער, ווי ער וואָלט וועלן אופוועקן די אָזערע פון דרעמל, און דער צווייטער, אין א קאַרטוזל מיט א גלאַנציקן דאַשעק, האָט פאַרוואָרפן א ווענטקע.

— די פּישפּאַנגער א הייסן פיזקולטור־גרוס!

מיט קיין „הורא" האָט מען מיר ניט געענטפערט. דער, וואָס מיט דער ווענטקע, האָט א פאַרנומענער, ווי ער וואָלט יעדע מינוט אַרויסגעצויגן לעבעדיקע פיש, מיך קלוימערשט ניט

באמערקט, און דער צווייטער, וואָס האָט געבויטעט דאָס וואסער, האָט אָן שרעק מיך גע־נומען איבערקרימען:

— „א גרוס, א גרוס״! געקומען און אלע פיש אָנגעשראָקן. איצט וועלן זיי זיך שוין ניט לאָזן פארנארן. קום, וואלעריק, זאָל ער דאָ אליין בלײַבן.

זיי האָבן אראָפּגעכאַפּט דאָס אָנטאָן פון קוסט און באַרויגעזע אוועק לענגאויס דעם ברעג. שײַעך צו זאָגן, פארטרײַבן זיי האָב איך ניט געוואָלט, נאָר וואָס האָב איך באַדאַרפט טאָן, גיין אָף די שפּיץ פינגער? מיילע, דער אומגליק איז ניט גרויס, מיר וועלן זיך נאָך איבערבעטן.

איך גיי אָפּ פון ברעג, צעיאָג זיך און — פליוך אין אָזערע. די זון הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. נאָך א פּאָר שאָ, און זי וועט שוין ניט וואָרעמען, נאָר בראָטן. א שאָד, וואָס מע מוז זיך שיידן מיטן וואסער און פאָרן קיין מאָסקווע באַקומען כאַטשבי א „דרײַ״. אָף צוריק־וועגס פון דער אָזערע וואָלט איך באַדאַרפט נאָך ארײַנגיין צו מייער יאָפּע און א פרעג טאָן, וואָס שרײַבט אים סעניע.

סעניע איז מײַנער א כאַוער. איצט לערנט ער זיך אין א מיליטער־שול, און אוודע טאָר איך ניט פארבײַגיין זײַן טאַטנס הויז. נאָר ס׳איז אזא שטוב, וואָס אָף ארײַנגיין איז די טיר ברייט, און אָף ארויסגיין שמאָל. ביז דו וועסט זיך ניט לאָזן גוט אָנהאָדעווען און וועסט ניט אויסהערן, וואָס דער באַלעבאָס האָט הײַנט צו דערציילן, און וואָס צו דערציילן פאַר־מאָגט ער שטענדיק, וועסטו פון דאָרט ניט אוועק. נייַן, דעם וויזיט מײַנעם מוז איך אָפּליגן אָף סאָף טאָג, ווען איך וועל זיך אומקערן פון שטאָט, אָדער גאָר אָף מאָרגן נאָך דער אַר־בעט, און איצט וועל איך א כאַפּ טאָן עפּעס אין מויל, זיך אפּגיך איבערטאָן און היידא אין אינסטיטוט.

אָף דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרמע איז הײַנט רוישיקער ווי געוויינלעך. זונטיק פאָרן א סאַך מענטשן ארויס הינטער דער שטאָט. ס׳איז באַלד האַלב טאָג, נאָר די צוגן טראָגן זיך איינער נאָכן אנדערן, און די וואַגאָנען זײַנען פול געפּאַקט. עס טרומייטערט דער ראַדיאָ־הויכריידער. מע טראַנסלירט מוזיק, אָבער ווער קאָן זי אין אָט דעם טומל אופנעמען?

מײַן עלעקטריטשקע דאַרף אָנקומען פון ביקאָוואָ 12 אזייגער מיט 5 מינוט. האָב איך נאָך צײַט ארויסנעמען פון דער קעשענע די „פּראַוודאַ״ און ארײַנקוקן אין איר. וואָס האָבן מיר הײַנט אין נומער? א לייטאַרטיקל „די פאָלקס־זאָרגן וועגן דער שול״, אַן ארטיקל צו לערמאָנטאָווס הונדערטסטן יאָרצײַט. איראַקלי אנדראָניקאָוו שרײַבט. דאָס איז קעסיידער אינטערעסאַנט. מיטאַמאָל דערהער איך, יאָ, דאָס האָב איך מאַמעש דערהערט, ווי דער הויכ־ריידער איז שטיל געוואָרן. די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן ערגעץ אינמיטן, ערגעץ אָף א האַלבער נאָטע, און נאָך א קורצער פּאוזע — די אומגעוויינלעך אָנגעשטרענגטע שטים פון דיקטאָר: „עס ריידן אלע ראַדיאָסטאַנציעס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד...״ און נאָכאַמאָל: „עס ריידן...״ עפּעס זייער וויכטיקס איז פאָרלאָפן.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אז באַלד וועלן מיר דערהערן: „היטלער איז אָנגעפאַלן אָף אונדזערע גרענעצן״.

ס׳איז אָנגעקומען מײַן צוג, נאָר איך שטיי און ריר זיך ניט. איך גלייב ניט מײַנע אויערן. ווי צוגעשמידעטע צום אָרט, שטייען די פּאסאַזשירן, וואָס דאַרפן ארויס פון די צעעפנטע וואַגאָן־טירן, און די, וואָס דאַרפן אין זיי ארײַנגיין. דער הויפּט־קאָנדוקטאָר קומט ענדלעך צו־זיך און לייגט צו דאָס פײַפל צו די ליפּן, קעדיי ארויסצירן פון פאַרגליווערטקייט דעם מאַשיניסט.

■

אין אינסטיטוט פאַר איך, נאָר איך ווייס ניט צוליב וואָס. מאָרגן וועל איך דאָך אוועק אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט און מעלדן: „שיקט מיך אפן פראָנט!״

יעדן פון אונדז האָט זיך געדאַכט, אז אויסער אים וועט קיינער צו די עקזאַמענעס ניט קומען, נאָר געיאוועט האָט זיך די גאַנצע גרופּע. דער פּראָפעסאָר איז, ווי שטענדיק, געווען שטרענג און געפּאַדערט, מע זאָל אים ענטפערן לויט זײַן לערנבוך. נאָר דאַכט זיך, אז קיין שלעכטן באַל האָט קיינער ניט באַקומען. ווען מיר אַלע האָבן שוין געענטפערט אָף די דרײַ פראַגן, וואָס יעדערער האָט ארויסגעצויגן, און אָף אלע צוגאָב־פראַגן, האָט דער פּראָפעסאָר צום שלוס, ווי ער פלעגט טאָן אַלע יאָר, זיך געקליבן האַלטן א רעדע וועגן דער וויכטיקײַט פון דעם קענגשטאַנד „שול־היגיענע״ פאַר קומענדיקע לערער, נאָר אין דער מינוט האָט מען אינמיטן העלן טאָג אײַנגעשלאָסן די עלעקטרישע שײַן און אין אַאודיטאָריע איז ארײַ־

געקומען א פּײַערלעשער און גענומען פאַרהענגען די הויכע ברייטע פענצטער מיט שוואַרצע בויגנס פּאַפּיר.

דער פּראָפעסאָר האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אָפּווענדנדיק דעם בליק פון די מיטאַמאָל בלינד געוואָרענע פענצטער, בלויז געזאָגט:

— באַהיט גאָט, די זון זאָל פאַרלאָשן ווערן.

אָף דעם האָט ער די רעדע פאַרענדיקט. איך וויל פאַרלויפן דעם וועג און דאָ זאָגן וועגן דעם, וואָס מיר איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן. אָנהייב יול 1941 איז דער באַיאָרטער פּראָ־פעסאָר פּרײַווילִיק אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע. ער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַר דעם, די זון זאָל שײַנען.

ביז אָנהייב נאַכט האָב איך געבלאָנקעט איבער מאָסקווע. גרויס און קליין זײַנען אַרויס אָף די גאַסן. קיינער קאָן הײַנט ניט אײַנזיצן אין שטוב. וואָס נעענטער צו דער אַלטער קרעמל־וואַנט, ווו עס האָט זיך אויסגעשטעלט א וואַך פון ליכטיק־גרינע טענענביימער, אַלץ מער מענטשן. פון די טראָיִצקער טויערן לענגויס דעם אַלעקסאַנדראָוו־סאָד און אָף רעכטס באַרג־אַרוף צום רויטן פּלאַץ ציִען זיך געדיכטע מענגעס מענטשן צום לענין־מאַוזאָליי.

די לאַנגע אַכצן שאָ, זינט עס האָט זיך באַוויזן די טאָג־שײַן, זײַנען פאַרבײַ. א לינדער וואַרעמער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף מאָסקווע, אַן אומרויִקער אָוונט.

■

באַם אַרויסגאַנג פון מעטראָ לעם קאַזאַנער וואָקזאַל האָט דער מענטשן־שטראָם מיך אײַנגעפּרעסט אין א וווּקסיקן פאַרשוין. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און איך האָב דער־קענט מייער יאָפּען, סעניעס טאַטע. איצט זיצן מיר אינעם ניט באַלויכטענעם וואַגאָן פון דער עלעקטריטשקע, און מייער רעדט זיך אויס פאַר מיר דאָס האַרץ:

— נו, ווי געפעלט עס דיר? אַז כ׳האָב עס דערהערט, זאָג איך דיר, האָבן מיר גענומען שווינדלען שוואַרצע בעזעמלעך אין די אויגן, און מאַניע, זי איז זיך פאַרגאַנגען אין א גע־וויין, ווי א קליין קינד: „גוואַלד, מייער, וואָס וועט זײַן מיט אונדזער איין־און־איינציק קינד?". „וואָס הייסט, — פרעג איך באַ איר, — וואָס? ער וועט מילכאָמע האַלטן. סעניע מיט זײַנע כאַווײרים וועלן זיך פאַרנעמען מיט היטלערן". „איין קליינִיקײַט, — ענטפערט זי אָפּ, — מע זאָגט דאָך, אַז דער טאַליען איז מאָוער־שטאַרק, אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אָף אונדז ראַפּטום אָנגעפאַלן". „שטאַרק וואָלט ער נאָך עפּשער געווען, דערקלער איך איר, ווען ער זאָל אונדז ניט געווען פאַרטשעפּען. אַצינד וועט זיך זײַן מעמשאָלע ענדיקן. נאָר אויבּ, כאָלילע, דאָס וואָ־סער וועט דערגיין ביז צום האַלדז, וועל איך אויסטאָן די ספּעצאָווקע, אָוועקלייגן שער־און־אײַזן און אויך בעטן א ביקס". פרעג שוין ניט, וואָס פאַר א געוויין ס׳האָט זיך אָנגעהויבן.

מײַן שאָכן האָט אַרויסגעלאָזט א שטילן, פאַרדומפּענעם קרעכץ. ווען אין וואַגאָן זאָל ניט זײַן פינצטער, וואָלט איך מיסטאָמע געזען די כמאַרע אָף זײַן פּאָנעם. ער האַלט אין איין ריידן. דער אומגליק שפּאַרט פון אים, ווי פון אַן איבערגעפּולטער קיילע.

— כאַפּ זיך ניט פון אָרט. דערווײַל זײַנען מיר נאָך צווישן קראַסקאָווע און מאַלאַכאָווקע, און מירן נאָך באַווײַזן זיך דערקלײַבן צום טאַמבור. איז הער, וואָס איך וויל דיר זאָגן. איך וועל אויסהאַלטן א וואָך, נו, זאָל זײַן צוויי, און איך וועל אַוועק אָפּן פראָנט. איר מעגט מיר גלייבן, ביז אַלץ וועט ניט זײַן אין דער מאָס, וועל איך זיך צו דער שער ניט צורירן. כ׳וועל שיסן... כ׳בעט נאָר גאָט, מײַן סעניע זאָל זיך אומקערן א לעבעדיקער. וועסטו פרעגן: און מאַניע? מאַניע וועט די האַנט נאָך קיין נעדאָווע ניט אַרויסשטעלן. זי איז אויך א האָ־רעפּאַשניצע.

דער עלעקטראָ־צוג מאָסקווע — ראַמענסקאָיע האָט פאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג. ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער פּלאַטפאָרמע אודעלנע.

■

דער זאַוואָד, ווו איך אַרבעט, איז ניט פון די, וועגן וועלכע מע שרײַבט אין די צײַטונגען, מע רעדט וועגן זיי אָף דער ראַדיִאָ. דאָס, וואָס מיר אַרבעטן אויס, פירט מען פונדאַנען אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, קאָנטיינערן אָדער אָף לאַסטמאַשינעס מיט פאַרדעקטע קוזאָוועס.

עפּעס מער פון א יאָר איז דורך, זינט איך בין אָנגעקומען אַהער אַרבעטן, נאָר א געפיל איז באַ מיר, ווי ס׳וואָלט אין די ווענט פאַרבײַ א העלפט פון מײַן לעבן. מיט א סאַך פון

די מענטשן פֿיל איך זיך דאָ היימיש. איינציקע פֿון די אַרבעטער האָב איך פּאַשעט ליב באַ־קומען, און ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט זיך מיר אַף געוויס ניט געוואָלט געזעגענען מיט זיי. לאָזט זיך אויס, אַז ווייניק ווער פֿון אונדזער זאַוואָד וועט מאָבילִיזירט ווערן אין אַרמיי. פֿאַראַן פֿון פֿריִער צוגעגרייטע צעטלען פֿון פֿאַכמענער, וואָס ווערן ניט גערופֿן צו מיליטער־דינסט. שוין פֿאַרבײַ צוויי וואָכן זינט דעם 22 יון, און איך בין נאָך אַלץ אַ ציווילער. אין צעך באַ דער אַרבעט באַוווײַזסטו זיך ניט אַרומקוקן, און ס׳איז אויס מיט אַ טאָג. גייסטו אַרויס פֿון די זאַוואָד־טויערן, ציט זיך יעדע מינוט ווי אַ שאָ. דערצו איז פּאַשעט אַ ביזאָיען קוקן מענטשן אין די אויגן. עס גייט אַזאַ מילכאָמע, און דו...

אַ סאַך מאָסקווער זײַנען זונטיק, דעם 6 יול, אַוועק אין דער פֿאָלקס־שוץ. איך בין אַרײַן אַפֿן זאַמלפּונקט זיך געזעגענען מיט מײַנע באַקאַנטע. פֿאַראַן צווישן זיי אַזוינע, וואָס זײַנען אין צוויי מאָל עלטער פֿון מיר. שוואַכע, קורצזיכטיקע, אַף דורך און דורך ציווילע מענטשן נעמען ביקסן אין די הענט, און איך?

אַ באַיאָרטער לייטענאַנט האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרפֿן זײַן בליק אַפֿן רויט־עמאַ־לירטן צייכן, וואָס איז צוגעפּעסטיקט צום לאַץ פֿון מײַן זומער־רעקל. ווען איך האַלט שוין באַם אַוועקגיין, שטעלט ער מיך אָפּ, און אַנווײַזנדיק אַפֿן צייכן, וואָס זאָגט איידעס, אַז איך האָב אַ שײַכעס צום שיסער־ספּאָרט, פֿרעגט ער:

— צו מיר אין ראָטע ווילט איר? איר וועט לערנען מײַנע מענטשן שיסן.

— אויב, כאַוווער לייטענאַנט, איר וועט מיך נעמען.

— פֿון וועלכער אונטערנעמונג זײַט איר? באַ וועמען איז אײַער צעטל?

— אין צעטל וועט איר מײַן פֿאַמיליע ניט געפֿינען.

אָן איין וואָרט צו זאָגן האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז מער אינטערעסיר איך אים ניט און ס׳איז אַ שאָד די פּאָר טײַערע מינוט, וואָס ער האָט אַף מיר אומזיסט געפּאַטערט.

■

באַם אַרויסבאַגלייטן מײַן ברודער איזי אין אַרמיי, האָב איך אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט געבעטן, מע זאָל מיך אויך מאָבילִיזירן און אונדז שיקן אין איין טייל, נאָר אַלע זײַנען געווען אַזוי פֿאַרדרייט, אַז קיינער האָט מיך אַפֿילע ביזן סאָף אויסהערן ניט געוואָלט. עמעס, איינער אַ לייטענאַנט, זייער אַ הויכער און דערפֿאַר אַ ביסל אַ סוטולער, האָט אַף אַ שטיקל פּאַפּיר פֿאַרשריבן די פֿאַמיליע פֿון אַ סערזשאַנט אין רעזערוו, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט מיט אַ טײַנע, אַז נאָר אַלפֿי־טאָעס האָט מען אים ביז איצט ניט מאָבילִיזירט, און דערנאָך אויך מײַן פֿאַמיליע. דאָס איז געטאָן געוואָרן אַזוי פֿאַרבײַלויפֿיק, אַז ניט איך, ניט דער סערזשאַנט, זײַן פֿאַמיליע איז יעליסייעוו, האָבן עס ניט אופֿגענומען פֿאַר ערנסט. גיכער, האָט זיך געלאָזט מיינען, דער לייטענאַנט האָט פּאַשעט געוואָלט, מיר זאָלן זיך אָפּטשעפּען פֿון אים. דאָס פּאַפּירל וועט ער מיסטאַם פֿאַרלירן, מיט אַזעלכע ביטעס וועגדן זיך דאָך צו אים הונדערטער מענטשן אַ טאָג. און דאָך האָב איך אָנגעזאָגט די שכיינים, אַז ווי נאָר עס וועט עפּעס אָנקומען פֿאַר מיר, זאָל מען מיר גלײַך אָנקלינגען אַף דער אַרבעט. פֿאַר דער לעצטער וואָך בין איך בלויז איין מאָל געווען אין דער היים.

■

עס גייט שוין צום סאָף די דריטע וואָך מילכאָמע. די שול אַנטקעגנאיבער אונדזער זאַ־וואָד איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַזאַרמע. פֿון די קלאַסן האָט מען אַרויסגעטראָגן די פּאַרטעס און אַוועקגעשטעלט דאָרטן נאַרעס, דער שטאַב פֿון טייל געפֿינט זיך אין לערער־צימער. די שטאָט, די מענטשן, די מאַשינען טוען אָן אָנצוגן פֿון כאַקי־קאָליר. פֿאַרשטעלט זײַנען די מאַגאַזין־וויטרינעס. מיט צענדליקער טויזנטער טאָן טײַך־זאַמד זײַנען אָנגעפּילט די זעק, וואָס ליגן צונויפֿגעלייגט אין שטאַבעלן אַף די ראָגן. דער מיליציִאָנער, וואָס רעגולירט די גאַסן־באַוועגונג, טראָגט שוין מער ניט קיין ווײַסע הענטשקעס אַף די הענט, דערפֿאַר הענגט אַף זײַן אַקסל אַ ביקס, און דער קאָפּ איז באַשיצט מיט אַ שטאָלענער קאַסקע.

■

אין מײַן רעשוס פֿאַרמאָג איך אַ פּרײַען האַלבן מעסלעס. פֿאַר איך קיין אַודעלנע. כ׳דרעמל אין דער עלעקטריטשקע און הער בייסמײַסע, ווי צוויי פֿרויען אַף דער אַנטקעגנ־דיקער וואַגאָן־באַנק באַהאַנדלען שטיל די ביטערע סוואָדקעס פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ. באַ איינער זײַנען אַלע דרײַ קינדער אין אַרמיי. זי שעפּטשעט:

— מײלע, די זין — שרײַ, װײַן, זײ מוזן. נאָר די טאָכטער, װיפֿל איך האָב זיך באַ איר ניט געבעטן, געטײַנעט, אַז מע װעט זיך אָן איר באַגײן, האָט זי מיר מיט קײן װאָרט ניט געענטפֿערט, נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט אַף נײן. האָט איר געהערט אַזױנס? זי, אַ קאַלע־מױד, שערט אַפּ די לאַנגע צעפּ און װערט אַ סאָלדאַטקע, און דער כּאָסן אירער, געזונט װי אַ בער, אַרבעט װי פֿריִער און שעמט זיך גאָרניט קוקן מענטשן אין די אױגן.

— יאָ, — כאַפּט אונטער די שכײנע, — װאָס איז דאָ צו רײדן, פֿאַראַן אַזױנע כאַסאַנים. ס'איז נאָך אַ פֿראַגע, צי אַרבעטן זײ, אָט די סוביעקטן. באַנאַכט הוליעט מען, באַטאָג דרעמלט מען, און זאָג זײ אַ װאָרט, װעט מען דיר אַזױ אָפּענטפֿערן, אַז װעסט זײַן צופֿרידן זיך אָפּטשעפּען פֿון זײ.

װי אַן אָפּגעשמיסענער, הײב איך זיך אױף פֿון אָרט און גײ אַרױס אין טאַמבור. יאָ, טראַכט איך, ס'איז גאָרניט אַזױ װײַט פֿונעם עמעס. איך זיץ אין װאַגאָן, דער קאַלנער פֿונעם העמדל צעשפּיליעט, שלינג די פֿרישע לופֿט, װאָס רײַסט זיך אַרײַן דורכן האַלב אָפֿענעם פֿענצטער, גײ ניט צופֿוס — די רעדער דרײען זיך און פֿירן יעדערן, װער װוּהין עס דאַרף. קױלן פּײַפֿן, באָמבעס פֿאַלן פֿאַרט ערגעץ אַנדערש. מע דאַרף האָבן מוט זיך מודיע זײַן...

ס'איז ערשט טכילעס אָװנט, נאָר אומגעװײנלעך שטיל איז מיטאַמאָל געװאָרן באַ אונדז אין דעם רױשיקן הױף. קימאַט אַלע מײַנע שכײנים זײַנען שױן אַװעק אין אַרמײ. װען כ'האָב זיך דערקליבן צום געלעגער, בין איך טײקעף אײַנגעשלאָפֿן װי אַ געװױקלטער. דורכן שלאָף באַנעם איך קױם, אַז דאָס קלאַפּט מען אין מײַן טיר, נאָר די אױגן זײַנען צונױפֿגע־קלאַמערט און װילן זיך ניט עפֿענען, אַפֿילו װען דער קאָפּ האָט זיך שױן אָפּגעריסן פֿון דער פּוכענער קישן און די צונג פֿרעגט שױן:

— װאָס איז געשען? װער קלאַפּט עס אַזױ?

— נו, בראָדױרקע, שלאָפֿסטו! כאַסמע זיך גיכער, אַז דו האָסט באַקומען די פּאָװעסטקע. מאָרגן צו 8 אַזײגער אײנדערפֿרי דאַרפֿסטו זיך מעלדן אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט מיט אַלע זשעטשעס. זאָל גאָט געבן, זאָלסט לעבן בלײַבן און זיך אומקערן ניט קײן קאַליקע.

אַראָפּ אַ שטײן פֿון האַרץ. װען איך פֿאַרמאָג אַ קאָל פֿון אַ גיבער, װאָלט איך מיט אײן מאָל געגעבן צו װיסן אַלע מאַמעס, פֿרױען און שװעסטער פֿון אָט דעם הױף, װאָס האָבן שױן אַרױסבאַגלײט זײערע נאָענטע מיט זעקעלעך אַף די פּלײצעס, אַז כאַטש מיט אַ פּאָר־שפּעטיקונג אַף אַכצן טעג, נאָר אױך איך גײ אַפֿן פֿראָנט.

דער מומע פֿאַשע, די פֿענצטער פֿון אונדזערע דירעס קוקן אַרײַן אײנע צו די צװײטע, פֿאַרשפּאָר איך עס אָנזאָגן. זי שטײט באַ מײַן שװעל און קוקט אַף מיר מיט װאָרעמער לאַסקע װי אַ מאַמע. איר זון איז פֿון ערשטן טאָג אַף דער מילכאָמע.

װאָס מע דאַרף מיטנעמען מיט זיך, װײסט זי בעסער פֿון מיר. גראַד הײַנט, װי דאָס האַרץ װאָלט איר געזאָגט, האָט זי אָפּגעבאַקן עטלעכע קאָרזשיקלעך מיט מאָן. צײַט אַף צוגרײטן זיך איז טאַקע פֿאַרבליבן װײניק, נאָר זאָל עס מיך ניט קימערן, װײַל זי װעט עס מאַכן אײנס־און־צװײ. אױב איך װיל, װעט זי מיר אַפֿילו די טשופֿרינע אָפּשערן און ס'װעלן קײן טרעפֿ ניט בלײַבן. דער שליסל פֿונעם צימער װעט זײַן באַ איר. איך װעל איר איבערלאָזן אַ געטרױ־צעטל אַף באַקומען דעם אַרבעטלױן, װאָס מע דאַרף מיר אױסצאָלן אַפֿן זאַװאָד. שטאַרק האָפֿן, אַז מײַנע עלטערן װעלן קומען אַהער, איז ניטאָ װאָס, און דאָך, מאַלע װאָס עס מאַכט זיך, אױב יאָ, איז זאָלן זײ האָבן כאַטש אַף די ערשטע טעג.

■

מײַנע עלטערן זײַנען ניט געקומען קײן מאָסקװע. ניט דעמלט, װען כ'האָב געלאָזט דער מומע פֿאַשען דאָס געטרױ־צעטל, ניט שפּעטער, קײנמאָל ניט. מײַנע עלטערן און זײער דאָרפֿישע שטוב אין די קריװאָראָגער סטעפּעס האָבן די פֿאַשיסטן פֿון דער ערד אָפּגעמעקט.

צװישן די פּילצאָליקע באַשולדיקונגס־דאָקומענטן, װאָס האָבן פֿיגורירט אַפֿן אײַכמאַן־פּראָצעס, איז געװען אױך אַזאַ ראַפּאָרט, אַדרעסירט צו אײַכמאַנען:

„מע דאַרף דערמאָנען אַלס ניט קײן געװײנלעכע דערשײַנונג די ייִדישע קאָלעקטיװע װירטשאַפֿטן. צװישן קריװאָראָג און דניעפּראָפּעטראָװסק זײַנען פֿאַראַן ייִדישע װירטשאַפֿטן, אין װעלכע ניט נאָר די דירעקטאָרן זײַנען ייִדן, נאָר אַבסאָליוט די גאַנצע אַרבעטס־קראַפֿט איז אַ ייִדישע. מיר האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען מענטשן פֿון נידעריקער אינטע־ליגענץ, און דעריבער האָט די פּאָליטישע לײטונג זײ אַריבערגעפֿירט אַף ערדאַרבעט. די אײַנזאַץ־אײנהײַט. נומ. 6 האָט אין דעם פֿאַל באַשלאָסן דערװײַל אױסצומײַדן צו דערשיסן

די דאָזיקע ייִדן, קעדיי זיי צו דערמעגלעכן אַראָפּנעמען די רײַכע גערעטעניש און דערנאָך פֿאַרניכטן. די ייִדישע לייטונג איז שוין ליקווידירט און פֿאַרביטן..."

אויף דער פּרוכטבאַרער ערד פֿון קריוואָראָזשיע האָט זיך צעשפּרייט אונדזער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן. איינער פֿון די דרײַ, וואָס זײַנען געווען אין אוקראַיִנע. אַרום הונדערט קאָלווירטן, ייִדישע און אוקראַיִנישע, האָבן דאָ ברידערלעך געלעבט. די דרײַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס פֿון ראַיאָן האָבן פֿאַרמאָגט העכער צוויי הונדערט טראַקטאָרן, צענדליקער קאָמבײַנען און פֿיל אַנדערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס. דער „דניעפּראָ־העס" האָט געגערט דעם ראַיאָן מיט עלעקטראָענערגיע. אַלע ייִשובֿים זײַנען געווען דורכויס עלעקטריפֿיצירט.

מיט אויסגעצייכנטע גערעטענישן פֿון ווייץ און ווײַנטרויבן האָט געשעמט דער ראַיאָן אויף אוקראַיִנע.

— כאָוועץ ווײַנטרויבן איז ווי כאָוועץ אַליין די זון. דאָס זײַנען זון־שטראַלן, צונויפֿגעקליבענע אין טראָפּנס, — אַפֿילו אַזוינע ווערטער האָט געקאָנט אַ זאָג טאָן מײַן טאַטע, וואָס איז געווען אַ ווײַנציכטלער.

ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און מע האָט געוואָלט באַזאָרגן די רויטע אַרמיי מיט ברויט, האָט מען זיך ניט געריכט פֿון אָרט, כאָטש דער דײַטש איז שוין געווען נאָענט. ערשט דעם 14 אויגוסט, נאָך אַ טאָג שנײַדן, דרעשן, האָט מען אײַנגעשפּאַנט די פֿערד. צום דניעפּער איז מען אָנגעקומען דעם אכצעטן. שפּעט. דעם טײַך־איבערגאַנג האָבן שוין קאָנטראָלירט די דײַטשן. אַ טייל קאָלווירטניקעס האָט מען אומגעבראַכט אויפֿן אָרט, בײַ די איבעריקע איז קיין אַנדער ברירע ניט געווען, ווי זיך אומקערן. אָן פֿערד־און־וואָגן האָט מען געמוזט פֿאַרקערעווען אויף צוריק.

ווי נאָר ס'איז דורכגעגאַנגען די ערשטע כוואַליע פֿון דער רויב־אַרמיי, האָבן אין די ייִשובֿים און דערפֿער אַ פֿלייץ געטאָן עסעסאָוועצעס פֿון דער אײַנזאַץ־איינהײַט נומ. 6. אין קאָלווירט „אוריצקי" האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אינמיטן העלן טאָג אין די הײַזער און אַלעמען אויסגעקוילעט.

אין קאַלינאָווקע — אַ גרויסער ייִשובֿ בײַ דער אײַזנבאַן־ליניע — האָבן זיי דורכגעפֿירט די מאַסן־שכיטע דעם 24 סענטיאַבער 1941. דאָרט האָט געוווינט מײַן עלטסטע שוועסטער. זי, איר מאַן און זייערע צוויי קינדער האָט מען צוגעבונדן צו פֿערד און פֿאַר די פֿיס געשלעפּט איבערן סטעפּ ביז צום שכיטע־אָרט. בײַ דער באַלקע האָט מען דערשאָסן אַלע אײַנוווינער פֿון ייִשובֿ פֿון גרויס ביז קליין. אין פֿינף יאָר אַרום האָב איך דאָרט אויסגעזוכט צעפֿוילטע קינדער־שיכעלעך.

אין וויקאָוודאָרף, ווו ס'האָבן געוווינט מײַנע עלטערן, האָבן די מערדער פּריִער באַראַבעוועט די באַפֿעלקערונג, צוגענומען אַלץ ביז אַ שפּענט. אין די ערשטע טעג סענטיאַבער האָט דער סטאַראָסטע פֿון וויקאָוודאָרף, דער דײַטש ריץ פֿאַרזאַמלט אַלע מאַנצבלען. מע וועט קלוימערשט זיי פֿירן אויף אַרבעט קיין ניקאָפּאָל. אין אָוונט זײַנען אָנגעפֿאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן. אויף זיי האָבן די מערדער אַוועקגעפֿירט דעם פֿאַרזאַמלטן אוילעם און דערשאָסן בײַ אַ ריוו ניט ווײַט פֿון דאָרף.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען צונויפֿגעטריבן צו דער קאָלווירטישער פֿערד־שטאַל אַלע פֿרויען און קינדער. אויך זיי האָט מען געמאָלדן, אַז מע וועט זיי פֿירן קיין ניקאָפּאָל. מע האָט זיי אויסגעשטעלט צו פֿינף אין אַ ריי און מיט די ביקס־קאָלבעס געשלאָגן, זיי זאָלן זיך אויסגלײַכן, ווי סאָלדאַטן. אויך זיי האָט מען אָפּגעפֿירט ניט ווײַט. פֿון דער פֿערד־שטאַל ביז אונדזער גאָרטן איז פֿיר הונדערט מעטער. בײַ דער גרוב, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט מען זיי באַפֿוילן זיך אויסטאָן און דערנאָך פּאַרטיעסווײַז צו צען מענטשן דערשאָסן. די קינדער האָט מען אָנגעכאַפּט פֿאַר די העלדזלעך און געוואָרפֿן אין גרוב אַרײַן. צווישן די קאָרבאָנעס איז געווען מײַן מאַמע.

די גרוב האָט מען קוים־קוים פֿאַרשאָטן מיט אַ ביסל ערד פֿון אונדזער גאָרטן. עס זײַנען צוגעפֿאָרן פֿיר פֿורן און אַוועקגעפֿירט דאָס אָנטאָן.

„כאָוועץ ווײַנטרויבן איז ווי כאָוועץ אַליין די זון. דאָס זײַנען זון־שטראַלן, צונויפֿגעקליבענע אין טראָפּנס"...

אויף „זון־שטראַלן, צונויפֿגעקליבענע אין טראָפּנס", זײַנען אויך פֿאַשיסטן מעווינים. דעם טאַטן האָט מען נאָך געלאָזט „כאָוועץ אַליין די זון". צי האָט ער זיך געפּרוווט נעמען דאָס לעבן, דאָס ווייס איך ניט, וועל איך עס ניט זאָגן. נאָר איך ווייס פֿון לעבעדיקע איידעס, אַז ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. אין יענע טעג פֿלעגט ער זיך שווערן ניט „זאָל איך אַזוי לעבן", נאָר „זאָל איך אַזוי שטאַרבן".

נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט מיט זײַן סאַד־שער אָפּגעשניטן די ווײַנטרויב־הענגלעך, האָבן די כײַעס־ראָעס צוגעטראַכט פאַר אים און נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס זײַנען אַף אַ צײַט געווען נוצלעך, אַן אומגעהייער שוידערלעכן טויט. מע האָט זיי אָפּגעפּירט אַף אַ לאַסטמאַשין צו אַ לאַנג פּאַרקאָנסערווירטער שאַכטע לעם דער סטאַנציע טשאַרטאָמליק און לעבעדיקערהייט — ניט אַראָפּגעוואָרפן, נאָר אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד. אַראָפּ־געלאָזט און ווידער פאַרקלאַפּט, פאַרקאָנסערווירט...

אזוי איז געווען.

זייער ווייניק, אָבער ס'זײַנען דאָך פאַרבליבן לעבעדיקע איידעס. קראַנקע, צעבראָכענע, נאָר זיי לעבן. אייניקע פון זיי קען איך. זיי האָבן מיר עס דערציילט.

■

אַלץ לאָזט זיך אײַנאָרדענען, אָבער ווי גייט מען עס אוועק אָן אַ זײַ־געזונט פון אַ זאַוואָד־קאָלעקטיוו, וואָס איז דיר נאָענט און טײַער? אָפּן זאַוואָד דאַרף מען ניט וויסן, אַז מע רופט מיך אין אַרמיי, עפּשער בין איך אויך אין די צעטלען פון די פּאַכמענער, וואָס האָבן „בראָן". נײַן, נאָר אין דער לעצטער מינוט וועל איך אָנקלינגען און זיך געזעגענען. כ'וועל זאָגן:

— קיין ספּעציאַליסט, אָן וועלכן מע קאָן זיך ניט באַגיין, בין איך ניט, און אַנדערש האָב איך ניט געקענט. אַ גרויסן דאַנק אײַך פאַר אײַער זאָרג, גוטסקײַט צו מיר. אויב כ'וועל זיך אומקערן, וועל איך אומבאַדינגט קומען צו אײַך, און דערווײַל זײַט מיר געזונט און שטאַרק.

ווען כ'האָב אָפּן צוויטן טאָג אָנגעקלונגען פון וואָקזאַל, איז די געזעגענונג פּאָרגעקו־מען אָן ערעך אזוי, ווי כ'האָב זיך עס פאָרגעשטעלט. נאָר די לעצטע ווערטער פון מײַן צעך־נאַטשאַלניק זײַנען געווען אַזעלכע:

— קוקיעוון פון דער זאַוואָד־פּאַרוואַלטונג קענסטו דאָך, און טורטשאַקן פון דריטן צעך אויך? ביידע האָבן זיך הײַנט געזעגנט פּונקט ווי דו. די טעג וועלן די מיליטער־קאָ־מיסאַריאַטן באַקומען שטרענגע אָנווײַזונגען, וועלן זיי אזוי פּאַשעט פון אונדזער אונטער־נעמונג קיין מענטשן ניט נעמען. שרײַב און ווייס, אַז מיר וועלן די גאַנצע צײַט וואַרטן אַף אײַך. קערט זיך וואָס גיכער אום מיטן ניצאָכן.

באַם דאָרף לוזשקי

אוודע האָב איך וואָס גיכער געוואָלט וויסן, אין וועלכן מין מיליטער האָט מען מיך פאַרעכנט, אָבער דערווײַל ווייס איך נאָר, אַז איך בין אין איין קאָמאַנדע מיטן סערזשאַנט יעליסייעוו. דער הויכער סטוטלוואַטער לייטענאַנט, וואָס האָט דאַן פאַרשריבן אונדזערע פאַמיליעס, האָט, גאָרניט צוזאָגנדיק, דאָך זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ וואָרט־מענטש.

אורטיילן וועגן עפּעס לויטן באַשטאַנד פון דער קאָמאַנדע איז פּאַשעט אומעגלעך. צווישן די צוואַנציק כעוורע, מיט וועלכע איך וועל אָנטרעפן אין איין טייל, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען אין אַרמיי, און אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבעס קיינמאָל ניט געדינט. פאַראַן צווישן אונדז פּאַשעטע פוסגייער און פאַראַן סאַפּיאָרן, פאַרבינדלער, אפילו איינער אַ טאַנקיסט. נאָר, דאַכט זיך, אַז קיינער איז ניט עלטער פון פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר. אַלע האָבן געאַרבעט אין מאָסקווע, פאַרמאָגן אויב ניט קיין הויכע, איז מיטעלע בילדונג. געוויס איז דער אָפּקלײַב ניט צופעליק, אַ מײַן דאַרף דערין זײַן, אָבער גיי טײַטש אויס...

אינעם הויף פונעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט ליגן אָנגעוואַלגערט געזונטע קלעצער. זיצן מיר און וואַרטן, וואָס וועט מען אונדז באַלד מעלדן. ביז וואָס־ווען איז מײַן סאָלדאַטישע טערמינאָלאָגיע באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ נײַ וואָרט — סידאָר.

— נישקאָשע פון אַ סידאָר שלעפּסטו מיט זיך אָפּן פּראָנט, — האָט זיך אָנגערופן יעלי־סייעוו צו אַ באָכער, וואָס איז, ווי אַ וועכטער, געזעסן לעבן זײַן אָנגעשוואָלענעם רוקזאַק, מוירע געהאַט אָפּצוטרעטן פון אים אַף אַ שפּאַן, — ניט אַנדערש, ער איז באַ דיר אָנגעפּאַ־קעוועט מיט אַלדאָסגוטס.

דער באַלעבאָס פֿונעם רוקזאַק, פֿונעם סידאָר הייסט עס, געפֿינט זיך ניט וואָס צו ענט־פֿערן, נאָר ס׳זוכן זיך אַף געגנוג שאַרפֿע צינגער אָן אים. מע מאַכט זיך פֿריילעך. מע קוועלט אָן פֿונעם באַכער און זײַן סידאָר, ביז ס׳קומט ווידער צו דער לייטענאַנט, וואָס האָט אונדז דאָ אוועקגעזעצט. ער מעלדעט, אַז יעליסייעוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס עלטסטער פֿון אונדזער קאָמאַנדע. ביידע גייען זיי אוועק צוגרייטן אונדזערע דאָקומענטן.

— נו, גיב דו אָן אייצע, — ווענדט זיך צו מיר מײַן שאָכן, וואָס זיצט דאָ, אַף די קלע־צער, מיט זײַן יונג ווײַבל, וועלכע באַגלייט אים מיט טרערן ארויס אַף דער מילכאָמע, — זי מוז שוין וויסן, וווהין זאָל זי מיר שרײַבן. זעסט דאָך, — גיט ער צו פֿאַרשטיין דעם ווײַב, — אַז דאָס איז אַ מיליטערישער סאָד.

דער באַכער איז, קאָנטיק, אַ ביסל בעגילופֿן. די אויגן־לעפֿלעך זײַנען אופֿגעלאָפֿן, די ווײַסלען פֿאַרויטלט. ער האָט שוין מיט מיר געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט און צו וויסן גע־געבן, אַז לויטן פֿאַך איז ער אַ טאָפּאָגראַף און די פֿאַמיליע זײַנע איז שעמשור.

עס קערט זיך אום יעליסייעוו. זײַן פֿעלד־טאַש איז אָנגעפּיקעוועט מיט דאָקומענטן.

— נו, כעווערע, — רופֿט ער האַפֿערדיק אויס און קלאַפּט דערבײַ צו מיט דער האַנט איבערן טאַש, — אָט דאָ געפֿינט איר זיך באַ מיר אַלע לויטן אַלפֿאַוויט. אויב איר ווילט ניט, מע זאָל אײַך אַרויסגאַנוועגען, איז גייט מיר נאָך פּוסטריט.

— צי ניט פֿאַר דער נעשאָמע און דערצייל, וואָס דו ווייסט, — שלאָגט אים איבער שעמשור.

— אָט דאָס איז די מײַסע, וואָס איך ווייס ניט אַף קיין סאַך מער פֿון אײַך.

— און דאָך, — וויל פֿון אים שעמשור ניט אָפּשטיין, — וווהין דאַרפֿן מיר נאָכגיין פּוסטריט? אויב דו טאָרסט ניט אָנרופֿן דאָס אָרט, וועלן מיר דיך פֿאַר דער צונג ניט שלעפּן. דו זאָג נאָר די ריכטונג און וויפֿל קילאָמעטער ס׳איז פֿונדאַנען, וועל איך אַליין שוין דיר דאָס איבעריקע דערקלערן.

יעליסייעוו וואַרפֿט אַ שטרענגן בליק אַף שעמשורן, נאָר יענער קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן.

— עמעצער וועט אונדז באַגלייטן אין וועג? עפּשער מעג מען זיך דערווײַל אַרײַנכאַפּן אין רעסטאָראַן?

— שעמשור, — זאָגט שוין יעליסייעוו מיט אַ טאָן פֿון אַ קאָמאַנדיר, — געגנוג צו פּראַ־ווען קונצן. איר זײַט דאָך אַ טאָפּאָגראַף, ניט קיין צירקאַטש, איז שטייט, ווי אַלע, רויִק און הערט. קיין ספּעציִעלן באַגלייטער האָט מען אונדז ניט אויסגעטיילט. איך בין פֿאַראַנט־וואָרטלעך פֿאַר דעם, אַז די קאָמאַנדע זאָל צו דער צײַט און בעשאָלעם אָנקומען אין טייל, דערפֿאַר וואָרן איך, אַז אָן מײַן דערלויבעניש זאָל קיינער אין ערגעץ ניט אוועקגיין. מיר האָט מען געגעבן אַ פֿאַרשטעמפּלטן קאָנווערט. צו וועמען און וואָס ס׳איז דאָרט געשריבן, האָט מיר קיינער ניט דערציילט. איצט פֿאָרן מיר קיין מאָסקווע. פֿונעם קאַזאַנער וואָקזאַל דערקלײַבן מיר זיך אַף קורסקער, ווו דער מיליטערישער קאָמענדאַנט וועט לויטן שיפֿער אָפּן קאָנווערט אונדז אָנווײַזן דעם ווײַטערדיקן מאַרשרוט. און אַצינד לאָמיר זיך געזעגענען מיט אונדזערע אייגענע, ווײַטער דאַרפֿן זיי אונדז ניט באַגלייטן. קלאָר? וואָס נאָך, שעמשור? נאָר ווייניקער געפּלאַפּלט.

— כאַווער עלטסטער! נו, און אויב מײַן פּרוי דאַרף אויך קיין מאָסקווע און טאַקע גראָד צום קורסקער וואָקזאַל?

שעמשור לעצוועט אַלץ, נאָר עס נעמט באַ קיינעם ניט אויס. אָן יעליסייעוון באַצאָלט מען אים זײַן כיילעק, און אין עטלעכע מינוט אַרום לאָזן מיר זיך אין וועג.

אַפֿן קורסקער וואָקזאַל האָבן מיר זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן.

— קיין פּאָדאָלסק! — האָט אונדז אָנגעזאָגט יעליסייעוו, נאָך דעם, ווי ער איז געווען באַם קאָמענדאַנט.

— אין דער מיליטערישער שול, — זאָגט עמעצער אַרויס אַ האַשאָרע.

מער פֿעלט אונדז איצט ניט ווי אַ יאָר אָדער צוויי זיך לערנען. ביז אַפֿן קעלנערל פֿון דער גימנאַסטיאָרקע וועלן זיך באַווײַזן עמאַלירטע קוביקעס, וועט זײַן אויס מילכאָמע.

דאַכט זיך, ס׳האָט אונדז אויסגעמיטן. אין פּאָדאָלסק בלײַבן מיר ניט. אין וואָקזאַל־צי־מערל, וווהין יעליסייעוו איז אַרײַנגעגאַנגען, איז דאָס פֿענצטער געווען האַלב־אָפֿן, האָבן מיר געהערט, ווי דער קאָמענדאַנט פֿרעגט זיך אָן דורכן טעלעפֿאָן: „פּאָדאָלסקער אינ־פֿאַנטעריע־שול, צי אַרטילעריע־שול?" אַ ווײַלע איז געווען שטיל, און דערנאָך ווידער די שטים פֿונעם קאָמענדאַנט: „פֿאַרשטאַנען, פֿאַרשטאַנען, און איך האָב געמיינט, אַז צו אונדז".

גוט, וואָס ער איז געבליבן באַם מיינען און מע האָט אים געהייסן אונדז אָפּשיקן ווײַטער, קיין סערפּוכאָוו. מיר וועלן זיך שוין יאַקאָס באַגיין אָן גלאַנציקע כראָמאָווע שטיוול, אָן טונקל־בלויע גאַליפּע־הויזן פון דיאַגאָנאַל, אָן דער גימנאַסטיאָרקע פון קאָווערקאָט, וואָס איז איבערגעצויגן מיט א פּאַרטופּייע און א ברייטן אָפיצערישן רימען, אַף וועלכן ס׳העגגט די קאָבורע מיטן פּיסטאָליעט. שיסן פון א ביקס, אַז די נײַן גראַם בלײַ זאָלן טרעפן אין א פּאַשיסט, קאָנען מיר. מיט א קוילנוואַרפער וועלן מיר זיך אויך ספּראַווען — דאָס דאַרף איצט פון אונדז דער פראָנט. אַזוי מיינען מיר.

קיין פּינקטלעכע קאָאָרדינאַטן, ווו אונדזער טייל געפינט זיך, האָט מען יעליסייעוון אויך אין סערפּוכאָוו ניט אָנגעוויזן. נאָר איצט ווייסן מיר כאָטשבי, אַז מיר דאַרפן זוכן א מיליטערישן לאַגער ערגעץ אין וואַלד לעם דעם דאָרף לוזשקי. גייען מיר לענגויס דעם לינקן ברעג פון דער אָקאַ און קלערן, צי ס׳איז שוין צײַט צו פאַרקערעווען אין וואַלד, אָדער מע קאָן נאָך פאַרלענגערן דעם פאַרגעניגן צו שטעמפּלען מיט די באָרוועסע פיס דעם פײַכטן זאַמד און פון מאָל צו מאָל זיי אַפילע א שווענק טאָן אין דעם קילן וואַסער.

אונדז קומט אַנטקעגן א פּאַטרול — א יונגער סערזשאַנט און דרײַ סאָלדאַטן. נאָר אָנשטאָט אונדז ווײַזן וווהין זיך א קער טאָן האָבן זיי גענומען אויספרעגן ווער און וואָס מיר זײַנען, ווי גלײַך מיר וואָלטן אַהער אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדער פּלאַנעטע. יעדערער אַף אונדזער אָרט וואָלט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז אין דעם דערבײַיִקן וואַלד פאַרמירן זיך נײַע מיליטערישע טיילן, אַנדערש וואָלט די קליינע גרופּע זעלנער, וואָס האַלט דאָ די וואַך, געוווּסט, וווהין מיר דאַרפן.

ערטערווײַז דערנעענטערט זיך דער וואַלד צום סאַמע ברעג פון טײַך. די זון, וואָס לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ צום מײַרעווודיקן הימל־ראַנד, טראָגט נאָך מיט זיך איבערגעגנוג וואַרעמקײַט און ליכט. ניט פאַרזשמורענדיק זיך, קאָן מען איר אַלץ ניט אַרײַנקוקן אין פּאָנעם. באַלד וועלן מיר אופהערן שלעפּן נאָך זיך אונדזערע אייגענע שאָטנס, מירן זיך אויסבאָדן, איבערקײַען און דערנאָך זיך נעמען אַף לינקס, אין וואַלד אַרײַן, ווו עס פּינקלט דער גרינער געבלעטער.

די אָקאַ פליסט אין איר געלעגער אַזוי שטיל, אַז דאָס קלענסטע רעגן־ריטשקעלע וואָלט זי, דאַכט זיך, פאַרטויבט מיט זײַן בולקען. צי דען איז עס טאַקע א שיפיקער טײַך? סײַדן אין פרילינג. ס׳איז ניט צו זען קיין מינדסטע כוואַליע זאָל זיך ווו־ניט־ווו א וויג טאָן. בא אַזא רויִקן שטראָם וואָלטן דאָ געמעגט וואַקסן ליליעס און אַף זיי זאָלן זיך הוידען שמעטערלינגען, מיט דורכזיכטיקע, ווי פון דינסטן צעלאָפאַן, פליגעלעך.

איצט וואָלט גוט געווען א שווים טאָן, נאָר מיר זײַנען שוין העט־ווײַט אין טײַך, און דאָס וואַסער גרייכט קוים ביז די קני, כאָטש פויזע אַף אַלע פיר איבערן זאַמדיקן דנאָ. קיין פאַרדראָס איז ניטאָ וואָס צו האָבן. אַלציינס קוויקן מיר זיך מיט דער מעכײַעדיקער קילקײַט, פון וועלכער עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. זאָל שוין דאָס וואַסער אונדז מויכל זײַן, וואָס מיר האָבן אָפּגענומען דאָ די מונטערנדיקע פרישקײַט און איבערגעלאָזט די אייגענע מידקײַט.

מיר געפינען זיך גאַנץ נאָענט פון א שטאָט, וואָס פאַרמאָגט קאָרעוו הונדערט טויזנט אײַנוווינער, און דאָ קאָן מען זיך, ווי די אורמענטשן, באַגיין אַפילע אָן פאַרטעכער פון בלעטער. ס׳דוכט זיך, אַז אויסער אונדז און די באַריידעוודיקע פייגל, וואָס האָלובען זיך מיט א צאַרטער צוויטשערײַ, איז אַף דעם אָרט קיינער ניטאָ און ניט געווען, לאָמיר וועלן איצט פאַרן אוועקגיין פונדאַנען זאָגן עמעצן „אַף ווידערזען״, איז סײַדן די זעלבע פייגל. זײַנען זיי, די פּוסטעפּאַסניקעס, אויך מיטאַמאָל אוועקגעפלויגן אַנטקעגן די דינע לײַכט־שווימענדיקע וואָלקנדלעך.

■

דער וואַלד האָט זיך צעוואַקסן מיסטאָם אַף טויזנט העקטאַר. מיר ווײַזט זיך אויס, פּרווו אָפּגיין עטלעכע צענדליק שפּאַן אין א זײַט, וועסטו שוין ניט וויסן, ווי זיך אַרויסקלײַבן פון דער געדיכטעניש.

אונדזער וועגפירער אין וואַלד איז יורע יאַקימאָוויטש. זײַן פּאָנעם איז פאַרברענט, אַז די גרויע אויגן זעען אויס, ווי ווײַסע, די סטאַרטשענדיקע העלע הערעלעך אַפן קורץ אונטערגעשוירענעם קאָפּ האָבן אויך פון דער זון באַקומען אַן אַש־קאָליר. זיי פאַרקרײַזן זיך אין קליינע דינע רינגעלעך און גיבן אים צו, דעם שיינעם יונג, נאָך מער כיין. די אויסגענייטע קאַסאָוואָראָטקע טראָגט ער אין דער האַנט, און דער פאַרגייענדיקער זון האָט ער

ארויסגעשטעלט די נאַקעטע פּלייצע. ווי יורע דערציילט, איז ער אויסגעוואַקסן אין פּאַלעסיע. זײַן טאַטע, זײַן זיידע און עלטערזיידע זײַנען געווען וואַלד־אופזעער. וועגן א שלאַבעריק שפּראַכל, וואָס איז ניט אָף קיין סאַך גרעסער פון א פינגער, זאָגט ער מיר:

— דו קוק זיך צו צו דעם, ווי עס שפּאַרט ארויס. די ערד דאַרף מען גאָר ניט שטאַרק בעטן ארויסגעבן איר פאַרבאָרגענע שעפע. זי העלפט ארויסקלײַבן זיך אָף דער ליכטיקער וועלט אזא זויגלינג און זאָרגט, עס זאָל דערנאָך קאָנען אויסשטיין אלע בייזע געוויטערן, ס'זאָל זיך אָנעמען מיט קויכעס, ביז ס'וועט ווערן א בוים און אליין שוין יאָר־איין, יאָר־אויס לאָזן נײַע שפּראָצן.

יאַקימאָוויטש איז, דאַכט זיך, בעטעווע א שווײַגער, נאָר פאַר זײַן לויבגעזאַנג דעם וואַלד פאַרמאָגט ער אן אויצער מיט ווערטער. ער ווערט ניט מיד צו באַווײַזן און אויפקלערן די וווּנדער פון דער נאַטור. פיל פון דעם, וואָס ער באַווײַזט, האָט זיך אונדז שוין ניט איין מאָל געטראָפן אין וועג, נאָר מיר, שטאָטישע, האָבן געקוקט אָף דעם מיט בלינדע אויגן. אין אן אנדער צײַט, ווען איך בין אין זומער־אורלויב, לעמאָשל, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אָנגעטאָן א שטרויענעם בריל צי גאָר א פּאַפּירן מיצל און, ווי א שילער, גאַנצע טעג נאָכ־געגאַנגען פּוסטריט יאַקימאָוויטשן. נאָר איצט האַלט עס ניט דערבײַ, זאָל שוין גיכער נעמען א סאָף צו אונדזער פאַרצויגענעם מאַרש. איז ווידער אן אָפּשטעל. וואָס האָט געטראָפן? שעמשור איז פאַרפאַלן געוואָרן. אזא אָנשיקעניש! געבאָדן האָט ער זיך מיט אונדז — דאָס איז אָף זיכער. באַם איבערקײַען, ווען יעדערער האָט ארויסגענומען פון רוקזאַק די פּראָווי־זיע, האָט ער נאָך, געדענק איך, באַרימעריש באַוויזן, ווי צוליב קילקײַט־וועגן האָט דאָס ווײַב זײַנס אײַנגעוויקלט אין גרויסע בלעטער פון קרויט דאָס געקאָכטע פלייש, וואָס זי האָט פאַרפּראַוועט מיט פאַרשיידענע געווירצן. באַם טײַך האָבן מיר קיינעם ניט איבערגע־לאָזט, און דאָך איז ער ווי אין וואַסער ארײַן.

אלע שיטן מיר אָף אים פעך און שוועבל. ווי דען אנדערש? עמעצער איז גרייט גיין אין געוועט, אז דאָס איז א נײַער קונץ שעמשורס. ער באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ נאָענט אויס און לאַכט פון אונדז, איז אויס מיט די שטיק! זאָל ער, דער לעקיש, זיך קײַקלען צו אלדי רוכעס. יעדער איינער גייט מיט זײַן וועג. פאַטערן צײַט טאָר מען ניט. יעליסייעוו זאָגט מיט בייזקײַט:

— פאַרגעדענקט, כ'קאָן אײַך ניט ברענגען אין טייל און מעלדן, אז איינעם האָבן מיר אין וועג פאַרלאָרן. ניין, ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן. ווער ס'האָט געדינט אין ארמיי, פאַרשטייט עס זייער גוט. איז אָט: איר, יאַקימאָוויטש, בלײַבט אָנשטאָט מיר עלטסטער פון דער גרופּע, און איך מיט יורעניעווען קערן זיך אום קיין סערפּוכאָווו, קעדיי מיטיילן דעם קאָמענדאַנט וועגן דער אויסעראָרדנטלעכער געשעעניש. ביז מיר וועלן זיך ניט אומקערן, וואַרט איר דאָ אָף אונדז. נעכטיקן וועט איר אויך דאָ, לעם דער סטעזשקע. קלאָר?

קלאָרער קאָן שוין ניט זײַן. דערלאָזן א געדאַנק, אז שעמשור האָט באַשטימט צו דע־זערטירן, ווילט זיך ניט. עס לייגט זיך ניט אָפן סייכל. וואָס דען? ער האָט זיך אומגעקערט קיין סערפּוכאָוו שיקערן. נישקאָשע, זאָלן זיי אים נאָר אויסזוכן, יעליסייעוו וועט אים שוין באַצאָלן די פּירער, און דערנאָך וועלן מיר נאָך צוגעבן.

יאַקימאָוויטש קנעלט מיט מיר אײַן:

— דאָס לעבן אין וואַלד איז, ווי אין א פילשטאָקיקן מויער. די מײַזלעך פאַרקלײַבן זיך טיף, טיף צו די וואָרצלען. דער סאָלאָוויי פלעכט זײַן נעסט בא דער ערד. דאָס דראָסל — אָף א קוסט, דער פּיקהאָלץ, די סאָווע — אָף א בוים. העכער פון אלעמען וווינט דער שפּאַר־בער. ס'איז אָבער ניט עמעס, אז דער וואַלד איז טומלדיק בלויז אין די אייבערשטע שטאָקן. אָט הער, ווי אויך דאָ, אין פּאַפּאָראָטניק, ברויזט א לעבן, פאַר אָן א שיר לעבעדיקע באַ־שעפענישן איז עס א היים.

אז דאָס איז טאַקע אזוי, איז ניט שווער זיך איבערצײַגן. גענוג וואַרפן א בליק אָפן ברוינעם מוראַשניק באַם פאַרוואַקסענעם פּניאַק, אָף וועלכן יאַקימאָוויטש זיצט. איך זיץ אָף א צווייטן פּניאַק לעבן די צוויי איבערגעפלאָכטענע לינדן־ביימלעך, פון וועלכע מע קאָן דאָס אויג ניט אָפּרײַסן. מעגלעך, אז טיף אונטער דער ערד קריגן זיך און שלאָגן זיך זייע־רע וואָרצלען, און די ביימלעך האָבן זיך ארומגענומען, ווי צוויי הייס־פאַרליבטע. ווען עמע־צער זאָל מיר אמאָל געווען פּרווון אויסמאָלן אזא בילד, וואָלט איך געמיינט, אז דאָס דער־ציילט מען מיר א מײַסעלע.

באַנאַנד שטייט אן אויסגעקרימטע עספּע און הינטער איר א ריז א דעמב מיט א גע־דיכטער מאַסע פאַרפלאָנטערטע סוקעוואַטע צווײַגן, דער גרעסטער טאַנק וועט ניט זײַן בעקויעד אים אומוואַלגערן. ביימער, אויב זיך ארײַנטראַכטן, זײַנען ווי מענטשן, — שטאַרקע

און שוואַכע, גײַוועדיקע און באַשיידענע, גרויסע און קליינע. אָבער שטאַרקע ביימער, דערקלערט מיר יאַקימאָוויטש, וואַקסן פּאַמעלעך. זיי מוזן לאָזן טיפע וואָרצלען.

פאַרן זון־פאַרגאַנג שפּרייטן זיך די שטראַלן נידעריק, זיי באַלײַכטן שוין ניט די ביימער־שפּיצן, נאָר בלויז די שטאַמען. די שקיע־רויטקייט לעשט זיך, און עס רוקט זיך אָן די אָוונטיקע שטילקייט. ניט ווײַט פון אונדז איבער א גוט אויסגעטראָטענער סטעזשקע גייען צוויי מיליטער־לײַט, און נאָר ווי אומיסטן, מיר זאָלן זיך מוזן פאַרטײַען, שטעלן זיי זיך אָפּ פאַררייכערן.

— אפן פאַליגאָן פיל איך זיך זיכער, — דערציילט איינער, — צו א סנײַפּער, עמעס, פעלט מיר נאָך א סאַך, אָבער די נייטיקע צאָל „אייגלעך" נעם איך שטענדיק אָן. וואָס שײַעך טאַקטיק, איז קאָנסטו דאָך דעם פּאַלקאָווניק, מער ווי א „פיר" וועסטו בא אים ניט קריגן. ער האַלט, אז אף „פינף" ווייסט ער אליין ניט. דעם העכסטן באַל, טײַנעט ער, וואָלט ער געגעבן בלויז פאַר אויסשפּילן א וויכטיקע שלאַכט בא די פּאַשיסטן.

דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, קורסאַנטן, און זיי טיילן זיך מיט דער דערפאַרונג פון אָפּגעבן עקזאַמענעס.

— וואָס האָט ער בא דיר געפרעגט? — וויל זיך דערקונדיקן דער צווייטער.

— ווי ווײַט הערט מען און מע זעט באַנאַכט.

— נו, און וואָס האָסטו געענטפערט?

— גיב מיר נאָר נאָכאַמאָל צורייכערן. אָנגעהויבן האָב איך אזוי: כאָוואָר פּאַלקאָווניק, באַנאַכט קאָן מען דערהערן... און בין אוועק, ווי ער האָט מיט אונדז אײַנגעכאַזערט: אָן אעראָפּלאַן — פאַר פערציק קילאָמעטער, דעם טומל פון א שטאָט — פאַר דרײַ קילאָמעטער, אויטאָמאַשינעס — פאַר צוויי קילאָמעטער, דאָס צאָקען פון פערד־טלאָען — פאַר א האַלבן קילאָמעטער. שײַטערס קאָן מען דערזען פאַר זעקס־אַכט קילאָמעטער, די שײַן פון א קעשענע־לאַמטערן און דאָס פײַערל פון א פּאַפּיראָס — פאַר א האַלבן קילאָמעטער...

„גוט, — מאַכט ער צו מיר, — און ווי וועט איר פעסטשטעלן, אף א וועלכן מעהאַלעך איר געפינט זיך פון א געוויסן קעגנשטאַנד?"

— זאָג טאַקע ווי?אזוי, ווײַל מאָרגן קאָן ער עס בא מיר פרעגן.

— קום, ווײַל די צײַט שטייט ניט.

מאָדנע. קאָן זײַן, אז גראָד אָט די צוויי מיליטער־לײַט וועלן מאָרגן זײַן אונדזערע קאָמאַנדירן, און מיר דאַרפן זיך דערוווײַל אויסבאַהאַלטן פון זיי.

■

די ערשטע נאַכט אין וואַלד זעט אויס שוואַרץ און איימעדיק. אָט ווען דער בייזער קוילער, דער פּילין, קאָן אַרויסשטעלן זײַנע לאַנגע נעגל און זיך פאַרנעמען מיט גאַזלאָוואַיע. מיר איז אמאָל אויסגעקומען זען זײַן טשוטשעלע. מע האָט זיך צערעכנט מיטן נאַכט־רויבער, אים אראָפּגעשאָסן און אָנגעפילט די אינגעווײדן מיט זעגעכץ, נאָר אפילע אף זײַן דיקטענעם אונטערשטעל האָט ער ניט געוואָלט אויסזען סטאַטעטשנע. אלציינס האָט ער, ווי א סטראַשידלע, אָנגעדראָדלט געקוקט מיט זײַנע ארויסטאַרטשענדיקע גלעזערנע אויגן.

אף אן אונטערבעט פון סאָסנע־צווײַגן ליגן מיר צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. אָנשטאָט א קישן צוקאָפּנס — די האַנט, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אין סידאָר. מיר דאַכט זיך, אז ניט איך, נאָר דער וואַלד שלאָפט איין. איז ווינטש איך אים א רויִקע נאַכט און גוטע כאַלוימעס. דערווײַל ווייס איך עס נאָך ניט, נאָר גאַנצפרי וועל איך שוין פאַרשטיין, אז א וואַלד זעט אויס א מענטשן פרעמד, ביזוואַנען ער איז דאָרט כאָטש איין נאַכט ניט איבערגעשלאָפן.

■

צי קאָן אמאָל אויסשפּילן דער, וואָס גייט ניט מיט קיין גלײַכן וועג? ס'איז אוואַדע פאַרדראָסיק, נאָר עס טרעפט אויך אזוינס. אלס באַוווײַז קאָן דינען דער זעלבער שעמשור. צום מיליטערישן קאָמענדאַנט אין סערפּוכאָוו האָט ער זיך אליין געיאַוועט, און מע האָט אים איבערגעפירט פון אונדזער גרופּע אין א טייל, וואָס איז אוועק אפן פראָנט, און מיר האָבן טאַקע אָנגעטראָפן אין פּאַדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול. ס'האָט אונדז ניט אויסגעמיטן: לעבן דעם דאָרף לוזשקי האָט זיך געפונען דער זומער־לאַגער פון דער דאָזיקער שול. מיט יעליסייעוון, וואָס איז איצינד קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג, קאָן מען זיך נאָך איבער־

ווארפן מיט א וואָרט וועגן דעם, ווי פֿײַן מיר האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט, נאָר מיט עמעצן פֿון די העכערע קאָמאַנדירן — באַהיט גאָט. דאָ איז פֿאַראַן בלויז איין ברייטע — הערן און פֿאָלגן. ווער עס פּרוּווט זיך אַמאָל ווי ער איז געוווינט געווען אין זײַן ציווילן לעבן, א כקירע טאָן, דעם איז ניטאָ וואָס מעקאַנע צו זײַן. אין אַרמיי איז עס אַזוי געווען אַפֿילו פֿרידנס־צײַט. הײַנט נאָך, אַז ס'גייט אַזאַ מילכאָמע!..

■

— איינס, צוויי, דרײַ! איינס, צוויי, דרײַ! לינקס! לינקס! פֿעסטער דער טראָט! נאָך פֿעסטער! אַף רע־כטס! — דאָס לערנט אונדז דער לייטענאַנט מאַליכין מאַרשירן. ער איז אונדזער וווזוואָד־קאָמאַנדיר. — יורעניעוו, עפּשער אײַך צובינדן צו דער רעכטער האַנט א בינטל שטרוי און צו דער לינקער א בינטל היי?

יורעניעוו, וואָס איז לאַנג, ווי א דראַנג, און דאַרער פֿון א באָקסער, איז אונדזער רעכטפֿלאַנגאָווער. אייגנטלעך, וואָלטן מיר אַלע געדאַרפֿט טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער, נאָר ווי אַפּצולאַכעס, טוט ער קיינמאָל ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. כאָלילע ניט אומיסטן. אַזאַ מענטש איז ער שוין. אַז מאַליכין שרײַט אַף אים אָן, פֿאַרלירט ער זיך שוין ביז לעצט. מאַליכין ווערט שרעקלעך בייז:

— וואָס איז דאָס פֿאַר א באַלאַגאַן? אופֿהערן! איינס, צוויי, דרײַ, ווער רעדט עס דאָרטן? באַקאַוו, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? איר האָט עפּעס פֿאַרלוירן? זוכט ניט. איר וועט גאָרניט געפֿינען. באַקאַוו, א ליד!

מיט א הייזעריקלעכער באַסאָווער שטים פֿאַרציט באַקאַוו א מאַרש־ליד, כאָטש ניט אים און קיינעם פֿון אונדז ווילט זיך ניט זינגען.

דעם עמעס געזאָגט, זײַנען מיר נאָך קיין קורסאַנטן ניט און דאָס לערנען אונדז מאַרשירן איז דערווײַל ניט מער ווי א בײַזאַך, ווען מע פֿירט אונדז אַף דער אַרבעט און אַפֿילו פֿון איר. די אַרבעט איז שווער מיט רוכעס. מיר בויען דאָ אין וואַלד באַמבע־באַהעלטענישן פֿון בעררוענעס און וואַלגערן אַליין דיביימער, פֿון וועלכע ווידער טאַקע מיר דאַרפֿן אויסטעסען די קלעצער.

יאַקימאָוויטש און איך אַרודוען מיט איין זעג. לערנען זיך גרינג און פֿלינק פֿירן די זעג איז שוין גראָד דאָ באַ וועמען. מיט אים איז א כײַעס צו אַרבעטן, און נאָכשפּירן, ווי די יאָדערדיקע מוסקולן באַוועגן זיך אונטער זײַן פֿאַרברוינטער הויט, איז אויך ניט קיין קליינער פֿאַרגעניגן, אָבער פֿון אים איז ניט אויסצוהאַלטן איבער אַן אַנדער זאַך. ער דערגייט זיך אַליין די יאָרן און פֿאַרייניוועגס אויך מיר. יעדער בוים, אַף וועלכן ס'איז מיט רויטער פֿאַרב אָוועקגעשטעלט א ציילעם, — א סימען, אַז מע דאַרף אים אומוואַלגערן, האַלט ער אין איין באַקלאָגן און באַוויינען.

נעכטן האָט יורע געפּרוּווט מיטן קעשענע־מעסערל שטילערהייט אַראָפּשאָבן פֿון א הונדערטיאָריקן דעמב — אַן אָנגעמערקטן קאָרבן — דעם פֿאַרב־צייכן, און מאַליכין האָט אים געפּאַקט באַ דעם שטיקל אַרבעט. נו, נו, פֿרעגט בעסער ניט, וואָס פֿאַר א פּסאַק יאַקימאָוויטש האָט אַרײַנגעכאַפּט. נאָך א גליק, וואָס צו אונדז, ציוויל־געקליידטע, וועגנדט מען נאָך, דאַכט זיך, דערווײַל ניט אָן מיט דער גאַנצער שטרענגקײַט די דיסציפּלינאַרע טאַקאָנעס. דאָס, וואָס ס'איז ווײַטער פֿאָרגעקומען, איז שווער זיך פֿאָרשטעלן, נאָר א פֿאַקט איז, יאַקימאָוויטש האָט זײַנס געפּויעלט. דאַנקען פֿאַר דעם האָט ער באַדאַרפֿט א מאַיאָר, וואָס איז גראָד אין דעם מאָמענט פֿאַרבײַגעגאַנגען ניט ווײַט פֿון אונדז. יורע, בררעכנדיק ווידער די עלעמענטאַרסטע אַרמיי־קלאָלים, ווײַל אַן א דערלויבעניש פֿון א ייִנגערן קאָמאַנדיר האָט מען ניט קיין רעכט זיך ווענדן צו אַן עלטערן, איז צוגעלאָפֿן צום מאַיאָר, ווי עמעצער וואָלט פֿאַרהויבן די האַק ניט אַף דעם בוים, נאָר אַף זײַן אייגענעם קאָפּ, און אַן אופֿגערעגטער אויסגעשריִען:

— כאַווער מאַיאָר, איך בעט מיך אויסהערן. איר זעט אָט דעם דעמב? אַזוינע דעמבן זײַנען הינטער מאָסקווע עפּשער פֿאַראַן ניט מער פֿון צען. זײַן קרוין דערגרייכט א הייך פֿון דרײַסיק מעטער, מיר וועלן אײַנפֿירן ניט אַרומנעמען דעם שטאַם, טוט א קוק, סאַראַ זויבער־ריינע קאָרע. אַזאַ ריז, אויב אים שאַנעווען, קאָן אויסשטיין דרײַ און אַפֿילו פֿיר טויזנט יאָר. אַרײַנשנײַדן זיך מיט דער זעג אין זײַן לײַב, אים אומברענגען איז, גלייבט מיר, א פֿאַרברעכן.

צווערשט, איז קאָנטיק געווען, האָט דער מאַיאָר אים געוואָלט איבערשלאָגן, נאָר וואָס

וויַטער, האָט ער מיט אַלץ מער אינטערעס געקוקט אַף דעם קורסאַנט, וואָס שטעלט זיך אַזוי אײַן פאַרן בוים. דאָך האָט ער געזאָגט:

— צי דען דאַרף מען אײַך דערמאָנען, אַז ניט נאָר שטאַרקע, שיינעביימער קומען איצט אום? טויזנטער מענטשן זיינען מאַקריוו זייער לעבן אָפּן פראָנט. דאָס קאָנען מיר מיט אײַך אין הינטערלאַנד זיך דערלויבן זײַן אַזוי פּילבאַר צו אַ בוים.

— כאַוועט מאַיאָר, שיקט מיך כאָטש באַלד אָפּ אָפּן פראָנט, וועל איך אײַך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווען מע זאָל אָן דעם דעמב זיך ניט קאָנען באַגיין, וואָלט איך ניט געוואָגט זיך ווענדן צו אײַך. אָט שטייען דאָך אַנדערע ביימער.

דער מאַיאָר האָט אַ וויַילע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט צו מאַליכינען:

— עפּשער זאָלן מיר, אַלס אויסנאַם, ניט טשעפּען דעם בוים? גוט? דעם לייטענאַנט טאַרקאָוו, וואָס פירט אָן מיט דער אַרבעט, וועל איך וועגן דעם אַליין זאָגן.

באַם גליקלעכן יורען איז אַף דער שפּיץ צונג געהאַנגען דער דאַנק, נאָר אַרויסברענגען אים איז שוין ניט געווען פאַר וועמען.

■

איבערלאָזנדיק אַ שטויב הינטער זיך, שפּאַנען מיר מיט ברייטע טריט איבער דעם פריש־אויסגעטראָטענעם וועג. דער ווזוואָד דערנעענטערט זיך צום אָרט, ווו נעכטן איז בעשאָלעם געלייזט געוואָרן דעם דעמבס גוירל. מיר דאַכט זיך, אַז אַלע — אַלע, און אַפילע מאַליכין, ווינקען זיך פריילעך איבער מיט יאַקימאָוויטשעס בוים. אַ סימען — אָן אַ שום קאָמאַנדע קערן מיר אויס צו אים די קורץ־געשוירענע קעפּ, כ׳הער, ווי אָלעג יורעניעוו טוט שטיל אַ זאָג: „גוט־מאָרגן, דעמבו!"

אַ זעלטן שאַרפן געהער פאַרמאָגט מאַליכין. מיר וועלן נאָך שמעקן באַ אים פּעפּער מיט כריין. אָלעגס שעפּטשען האָט ער אויך אופגעכאַפּט. אַזוינס, פאַרשטייען מיר שוין אַליין, קאָן ער ניט פאַרשוויַיגן, צערעכנט ער זיך מיט אָלעגן אַף זײַן אויפן.

— יורעניעוו, ריידעלעך! מאַכט אַ סאָף צום באַלאַגאַן! איינס — — — איינס — — — איינס, צוויי, דריַי! באָקאָוו, אַ ליד!

דאָס מאָל, אויך מיט ניט קיין איבעריקן כיישעק, נאָר דאָך צעעפענען זיך די ליפּן אַ ביסל ברייטער און לאָזן די ליד די הענגען איבערן וואַלד. אונדזערע צוהערער זיינען די קוויטן, וואָס מינען זיך מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן, דאָס בלויערל מיט די פעדערלעך פון זײַד, די סאָסנעס מיט די אויסגעשטרעקטע העלדזער, די יאָדלע־צווײַגן, וואָס ווי נאָר אַ ווינטל טוט זיי אַ מונטער, דערמאָנען זיי נאָך מער אין צעשפּרייטע פינגער, די ליכטיק־גרינע בלעטער פון דער שעמעוודיק־וויַסער בערעזע, וואָס באָדן זיך אין שײַן, ווי ענטלעך אין טײַך, די ליפּע, וואָס הערט אונדז און איינציַיטיק באַוויַיזט זי נאָך זיך אַ סוידע טאָן מיטן ציטערבוים. זאָל אײַך, שיינע ביימער, אַלעמען ווויל באַקומען, נאָר מיר וואָלטן איצט באַדאַרפט ניט זינגען פאַר אײַך, נאָר מיט קלייזײַען אין די הענט שלאָגן דעם פאַרשאָלטענעם סוינע.

(סאָף קומט)

הירש רעלעס

גוטע טרוימען

באנאכט

און אָט האָט שוין צעשפּילט זיך א זאווייע,
און שנייעלעך, ווי פליטערלעך באם פלאם,
באם העלן פענצטער דרייען זיך און דרייען
און לייגן אויס זיך אף מײַן ווײַסער ראם.

וואָס האָבן זיי דערזען דאָ עפּעס?
וואָס טראָגט זיי אָן א צאָל און אָן א סאָף?
זיי זוכן דאָ געוויס א לעבעדיקן נעפּעש,
ווען אלץ עס איז פארהילט אין טיפן שלאָף.

מײַן באלעבאָסטע, אָט די אלטינקע און ווילע,
וואָס האָט א לעבן אָפּגעלעבט אין דאָרף,
אין קאָלדרע אײַנגענורעט אפן אויוון —
זי מורמלט עפּעס אינעם שלאָף.

ניט ווײַט פון פענצטער, דאָרט אנטקעגן,
ווו ס'לויכט און העלט דער ווײַסער דאך,
אומזעעוודיקע שפּינדלעך מײַסעס וועבן
פון ווײַסע פעדעמלעך א סאך.

די פעדעמלעך פארוועבן מיך, פארבינדן,
און ס'ווערט מיר עפּעס אָנגענעם אזוי,
ווי גאָר אמאָל, אין ווײַטער קינדהײַט,
ווען ס'האָט געשאָטן פונקט דער זעלבער שניי.

און פונקט ווי דעמלט, עפּעס קלעמט מיך,
ווי אָנגעהויבן וואָלט זיך נאָכאמאָל דער קרײַז,
און כ'בין געקומען צו דעם זעלבן ענדפּונקט,
ווו עפּעס דאַרף מען אָנהייבן אפסנײַ.

וואָס זאָל איך טאָן? צו וואָס זיך נעמען?
איך קוק, און ס'איז קיין וויכטיקערס פאראן.
ווי קאָלטע בליקן אונטער שווארצע ברעמען,
די ווײַסע פליטערלעך זיך שיטן פון דער ראם.

קאָלזמאַן זיי פלי'ען און צו מיר זיי ווינקען,
עס ווערט פון זיי א הויפן שניי,
און ס'איז מיר גוט אזוי אין שטילן ווינקל
מיט מײַנע פריידן, מיט מײַן וויי.

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד” באגריסן הארציק דעם דיכטער הירש רעלעס מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און שעפעריש־קײַט.

באם פענצטער

ווען אף די צווײַגן נאקעטע עס שטיפן
די פלינקע האלקעס, טומלענדיק פארשײַט,
גייט זי לאנגזאם דורך מײַן שטיבל,
יעדן אָוונט אין דער זעלבער צײַט.

שפּאנענדיק איבער פארשנייטער שטרעקע
אין קורצן מאנטעלע און אין פוכאָווער שאל,
בא מײַן קליינעם פענצטער אף א רעגע
איר העלער בליק מיט נײַגער זיך פארהאלט.

ס'איז יעדע זאך נאָך שענער פונדערווײַטן —
און זי אזוי ראָמאנטיש איז און גרויס.
וואָס עס זאָל איר בליק דאָרט ניט באטײַטן,
צום גוטן טײַטש איך אים קעסיידער אויס.

און ס'ווערט מיר אפן הארצן אזוי ווארעם,
און צארט אזוי עס טוט מיר עפּעס באנק,
און גרייט בין איך אליין זיך לאָזן נארן,
און גוטע טרוימען קומען אין געדאנק.

באם פענצטער, דורך די צווייענדיקע ראמען,
א פארקלערטער זיצנדיק באם טיש,
זע איך אויס פיל שטילער מינאסטאמע,
איידער אינדערעמעסן דאָס איז.

אָט אזוי און אָט אזוי נאָר פונדערווײַטן,
ניט איבערטרעטנדיק די פלאכע שוועל,
אָן אנטוישונג וועט אין אלע צײַטן
איר געשטאלט מיר לײַכטן טאָמיד העל.

■ ■ ■

איציק בראָנפמאַן

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם דיכטער איציק בראָנפמאַן מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און שעפערישקײַט.

די מומע קאַטיע

שוין פופציק יאָר, ווי היילִיק אָט דאָס פאָטאָ־בילד איך היט,
פון אים עס שײַנט אַראָפּ דאָס קינדערהיים, אַ סאָד אין בונטע בלומען,
עס שוועבט אַ מילכיק־ווײַסער רויך פון פּריילינגדיקן צוויט,
און ס'שטייט די מומע קאַטיע מיט אַ ייִנגעלע אַרומגענומען.
די ווילע מאַלקע פון מײַן קינדהײַט, דוכט זיך, צו מיר רעדט,
ווי דעמלט, מוטערלעך עס לויכטן אירע קאַרשן־אויגן,
אָ, וויפל מאָל האָט זי דעם קאָפּ מײַנעם געצוואָגן און געגלעט
און שטרענג געקוקט אַף מיר, ווי ס'קוקט פון נעסט אַ פויגל.
און וויפל מאָל געזעסן בײַ מײַן בעט אין טריבער ווינטער־נאַכט,
ווען ס'האָט מײַן דאַרינק גופּעלע אין אַנגסט געשמאַכט פון מאָזלען.
אָט הער איך, ווי זי טאַנצט מיט קינדער אַפן הויף און לאַכט,
אָט שפּאַנט זי אײַנעם סאָד אַרום אַ שלאַנקע, ווי אַ לאָזע.
אָט זײַנען מיר בײַם בוג. עס רוישט די מיל. די גענדז זיך פּאַשען בײַ דעם ברעג,
די שטילע ווערבעס אײַנעם וואַסער גרינע העמדלעך שווענקען...
— ווו איז מײַן מאַמע און מײַן טאַטע? — כ'טו אַ פרעג.
די מומע קאַטיע שווײַגט. זי לייענט מיר לידער פון טאַראַס שעווטשענקאָ...
און ערגעץ ווײַט אַף שטעטלדיקן טראַקט, אין לויטערן באַגין,
איך הער, עס הירזשען פערד, עס רײַט און רײַט בודיאָניס קאַוואַלעריע.
די מומע קאַטיע זינגט אַ ליד מיר וועגן היימלאַנדס טרײַע זין,
וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פון שלאַכטן שווערע.

ווו איז די מומע קאַטיע איצט? זי לעבט נאָך — גרוי און אַלט?
צי עפּשער איז פון איר אַן אָנדענק בלויז פאַרבליבן?
נאָר סײַוויסײַ, ביז ס'וועט מײַן בלוט ניט ווערן קאַלט,
זי וועט אין טיף פון האַרץ מײַנס לעבן, ווי די ערשטע ליבע.

צוויי ווײַסע רויזן

צוויי ווײַסע רויזן אין מײַן צימער בלײַען,
אין אומעט אײַנגעהילט איז זייער פּראַכט.
צוויי ווײַסע רויזן בײַ מײַן האַרץ עס גלײַען
אַזויפיל יאָרן — טאָג און נאַכט.

מיט וואָסער איך באַשפּריץ זיי און מיט טרערן.
די בלעטער זייערע איך צערטל, ווי אַ קינד.
(איר, מאַנצבלען, וועלכע וויינען ניט פון צאָרעס שווערע,
ניט האַלט די טרערן מײַנע פאַר אַ זינד...)

אין דער מילכאָמע מיך באַרויבט עס האָבן
די הענקער,
צוויי שוועסטער לײַבלעכע פאַרשניטן פון
דער וועלט.
צוויי ווײַסע רויזן האָב איך, ווי אַ דענקמאָל,
אין סאַמע מיט פון שטוב אוועקגעשטעלט.

בלומען! גיט מיר קראַפט אַף לאַנגע יאָרן,
כ'זאָל אַלע שוועסטער ליבן שטענדיק הייס.
די אומגעקומענע דערמאָנען כ'זאָל מיט צאָרן,
די לעבעדיקע — אָפּהיטן פון בייז.

אוראַן גוראַלניק

דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

שאָלעם־אַליכעם אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור

1. א ביסל געשיכטע

אין סאמע צענטער פון מאָסקווע, ניט ווײַט פונעם אלטן ארבאט, בישכיינעס מיט דעם מאָדערנעם קאלינין־פּראָספּעקט, אין א הויף פון אמאָליקן שניט (דאָס הויז איז אויסגעבויט מיט קנאפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק), געפינט זיך דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור אף גאָרקיס נאָמען בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פסםר. אנטקעגן דעם שטרענגן פראָנטאָן, אף א הויכן פּאָסטאמענט, שטייט א דענקמאָל דעם „שטורעם־אָנזאָגער פון דער רעוואָליוציע”, דאָס איז אן אווטאָרישע קאָפּיע פון דער בארימטער סקולפּטור פונעם יונגן גאָרקי, וועלכע ס'האָט געשאפן ווערא מוכינא. דער סקולפּטורישער פּאָרטרעט שטעלט פאָר גאָרקין, ווי ער שטייט אפן אראָפּהענגענדיקן שיפּוי פון דער וואָלגע אין דער שטאָט, וווּ ער איז געבאָרן געוואָרן.

ניט צופעליק טראָגט דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור גאָרקיס נאָמען. לויט דער איניציאַטיוו פונעם גרויסן שרײַבער איז אָט דער אינסטיטוט געשאפן געוואָרן מיט פערציק יאָר צוריק. וועגן דעם דאָזיקן „גאָר אינטערעסאנטן” וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן צענטער האָט אלעקסיי מאקסימאָוויטש מיט שטאָלץ געשריבן אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן צו ראָמען ראָלאנען. דאָ זײַנען זאָרגזאם צונויפגעזאמלט און ווערן אָפּגעהיט גאָרקיס מאנוסקריפּטן, זײַן גראנדיעזער בריוו־אויצער. אפן צווייטן שטאָק געפינט זיך דער ליטעראַרישער מוזיי.

די אויסגאבעס פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור, די ארבעטן מיט זײַן גריף זײַנען באוווּסט ניט בלויז אין ראטנפארבאנד, נאָר אין דער גאנצער וועלט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די 83 בענדער „ליטעראַרישע ירושע” („ליטעראטורנאָיע נאסלעדסטוואָ”), די פילבענדיקע „געשיכטע פון דער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער ליטעראטור”, די פונדאמענטאַלע ביכער, וועלכע זײַנען געווידמעט דער ענגלישער, אמעריקאנישער, איטאליענישער, פראנצויזישער, לאטײַן־אמעריקאנישער, שפּאנישער ליטעראטורן, קעדיי באקומען א פאָרשטעלונג וועגן די מאסשטאבן פון דער טעטיקײַט פון אָט דעם וויסנשאפטלעכן צענטער. אהער קומען צו פאָרן שרײַבער און פילאָלאָגן פון אלע קאָנטינענטן; א ברייטן געזעלשאפטלעכן רעזאָנאנס באקומען די וויסנשאפטלעכע קאָנפערענצן, סעסיעס, סימפּאָזיומס, וועלכע דער אינסטיטוט פירט דורך אין מאָסקווע, אין אנדערע סאָוועטישע שטעט און אויך אין אויסלאנד — צוזאמען מיט די קאָלעגן פון די סאָציאַליסטישע און אנדערע לענדער.

בעראָש פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור אף א. מ. גאָרקיס נאָמען שטייט דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנ־

שאפט־אקאדעמיע פון פסר באָריס סוטשקאָוו, אן אָנגעזעענער טעאָרעטיקער און היסטאָריקער פון דער מײַרעוו־אייראָפעיִשער ליטעראטור. אין אינסטיטוט ארבעטן בא פיר הונדערט ספעציִאליסטן אין אלע געביטן פון ליטעראַרישן שאפן און פון ליטעראטור־געשיכטע. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסע פילנאציִאָנאלע פרײַנטלעכע מישפאָכע. צווישן די מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור געפינען זיך ניט ווייניק וויסנשאפטלער — ייִדן. דאָ האָט אמאָל געארבעט י. נוסינאָוו — אן אווטאָריטעטער פאָרשער פון דער ייִדישער, רוסישער און מײַרעוו־אייראָפעיִשער ליטעראטור — און ארן גורשטיין, וועלכער האָט, אגעוו, אָנגעשריבן זײַן קורצן קריטיש־ביבליִאָגראפישן עטיוד וועגן שאָלעם־אלייכעמען צום 80־טן געבוירנטאָג פונעם פאָלקס־שרײַבער. אף דער מעמאָריִאל־ברעט אין וועסטיביול פונעם אינסטיטוט זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס אָנגעצייכנט די נעמען פון די געלערנטע, וועלכע זײַנען פרײַוויליק אוועק אף דער מילכאָמע און העלדיש אָפגעגעבן דאָס לעבן אין די שלאכטן קעגן היטלעריזם, צווישן זיי — דער טאלאנטפולער קריטיקער און ליטעראטור־קענער מארק סערעבריאנסקי, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א צענדליק ביכער, וואָס האָבן ביז איצט ניט אָנגעוואָרן זייער ווערט. איינער פון די אמערסטן אווטאָריטעטע פאָרשער איז איצט דער פראָפעסאָר באָריס ביאליק. א געוועזענער פראָנטאָוויק, באלוינט מיט שלאכט־אָרדענס, איז ער איצט דער אנערקענטער ספעציִאליסט אין געביט פון גאָרקיס לעבן און שאפן. ער פארוואלטעט מיטן סעקטאָר פון דער רוסישער ליטעראטור פונעם סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. דער פראָפעסאָר מאָריס מענדעלסאָן איז באוווסט מיט זײַנע מאָנאָגראפיעס וועגן מארק טווען און אואָלט אויִטמען. ער שטייט בעראָש פון דער גרופע, וועלכע פאָרשט די הײַנטצײַטיקע אמעריקאנישע ליטעראטור. דער פארטרעטער פון דעם דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט, פראָפעסאָר אלעקסאנדער דימשיץ איז א געלערנטער מיט א ברייטן דיִאפאזאָן, א גלענצנדיקער פאָלעמיסט, ער נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין הײַנטצײַטיקן אידייִש־עסטעטישן קאמף.

2. דער וויסנשאפט־ראט

די „העכסטע מאכט” אין אינסטיטוט — דאָס איז דער וויסנשאפט־ראט. ער באטראכט און באשטעטיקט די פאָרשונגס־ארבעט אפן לויפנדיקן יאָר און אף א ווײַטערער פערספעקטיוו; באהאנדלט די אמערסטן קאָמפליצירטע און אקטועלע מעטאָדאָלאָגישע פראָבלעמען, וועלכע שטייען פאר דער ליטעראטור־וויסנשאפט; באשטעטיקט צום דרוק די צוגעגרייטע מאנוסקריפטן; קאָאָרדינירט די טעטיקײַט פונעם אינסטיטוט מיט דער ארבעט פון די ליטעראטור־וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן אין די פארבאנדישע און אווטאָנאָמע רעפובליקן; זאָרגט וועגן דער דערציִונג און וועגן וווקס פון די וויסנשאפטלעכע קאדרען; פארנעמט זיך מיט פראגן פון צווישנפעלקערלעכע קאָנטאקטן.

דער וויסנשאפט־ראט פונעם אינסטיטוט האָט דאָס רעכט צוצוייגענען וויסנשאפטלעכע טיטלען, דערין אויך דעם טיטל דאָקטאָר, וועלכער האָט אין סאָוועטנפארבאנד אן אומגעהייער גרעסערע וואָג, איידער אין אויסלאנד, זײַענדיק דער העכסטער טיטל (די פראָצעדור איז אין אלע אירע דעטאלן רעגלאמענטירט לויט די געהעריקע קלאָלים פון דער העכסטער אטעסטאציע־קאָמיסיע באם מיניסטעריִום פון הויכער בילדונג פון פסר).

דער וויסנשאפט־ראט פונעם אינסטיטוט נעמט זיך צונויף יעדן דאָנערשטיק. זײַנע באשלוסן זײַנען געזעצלעך בלויז דאן, ווען ס׳איז פאראן א קוואָרום — ניט ווייניקער ווי צוויי דריטל פון זײַן באשטאנד. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן גענוי, וויִאזוי ס׳קומט פאָר די פארטיידיקונג פון א דיסערטאציע. מע קאָן בלויז זאָגן, אז גיכער וועט א קעמל זיך דורכשמוגלען דורך א נאָדל־לעכעלע, ווי א ניט גענוג שעפעריש־באגאבטער מענטש וועט באקומען א וויסנשאפטלעכן טיטל.

די קוואליטעט פון דער דיסערטאציע, וואָס ווערט צוגעשטעלט אף צו באקומען א וויסנשאפטלעכן טיטל, שאצן אָפ די סאמע קאָמפעטענטע ספעציִאליסטן. וועגן יעדן מיטגליד פונעם וויסנשאפט־ראט וואָלט מען געקענט אָנשרײַבן אן אינטערעסאנטע פארצייכענונג. לעמאָשל, אנא יעליסטראטאָווא. זי האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930 און האָט אָנגעשריבן, צווישן אנדערס, פאָלגנדע מאָנאָגראפיעס: „פילדינג”, „ראָבערט בערנס”, „בײַראָן”, „די יערושע פונעם ענגלישן ראָמאנטיזם און די הײַנטצײַטיקײַט”, אן ארבעט וועגן דער אלוועלטלעכער באדײַטונג פון גאָגאָלס סאטירע. אונטער איר אָנפירונג איז פארווירקלעכט געוואָרן די אויסגאבע פון א מאָנומענטאלער דרײַבענדיקער „געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראטור”, וועלכע האָט פארדינט אנערקענונג בא די לייענער אין אונדזער לאנד און אין די לענדער פון ענגלישער שפראך.

אָדער אן אנדער בײַשפיל — אלעקסאנדער אָווטשארענקאָ, פראָפעסאָר פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור פירט ער אָן מיט דער פולער אויסגאבע פון גאָרקיס קינסטלערישע ווערק. אָווטשארענקאָ איז אויך באוווסט אלס באגאבטער פובליציסט, ער איז אויסגעפאָרן פיל לענדער פון דער וועלט און איז מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן פאר די סאמע פארשיידענע אודיטאָריעס, צומאָל פײַנטלעכע דעם סאָציִאליזם. אָט דער געלערנטער איז גאנץ שטרענג באם אָפשאצן דיסערטאציעס.

מיר האָבן דאָ אָנגערופן בלויז צוויי פון די
מיטגלידער פונעם וויסנשאַפט־ראַט אין אינסטי־
טוט, נאָר דאָס איז אויך, מיין איך, גענוג אַף
צו פאָרשטעלן זיך, וועמען ס׳איז פאַרטרויט די
אויפגאַבע פון צווייגעגנען וויסנשאַפטלעכע טיט־
לען.

מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז נאָך ביז
דער פאַרטיידיקונג ווערט געפירט אַ פאָרלוי־
פיקע גרינטלעכע אָפּקלײַבערישע אַרבעט. די
דיסערטאַציעס באַטראַכטן און באַהאַנדלען די
געהעריקע גרופּעס, עס רעצענזירן זיי ספּע־
ציִעלע פאַכלײַט, און ערשט נאָך דעם ווערן זיי
רעקאָמענדירט דעם וויסנשאַפט־ראַט צו דער
פאַרטיידיקונג.

דער וויסנשאַפט־ראַט פונעם אינסטיטוט
פון דער וועלט־ליטעראַטור איז שטענדיק פאַר־
נומען מיט וויכטיקער אַרבעט, אָבער באַזונ־
דערס איז אָנגעשטרענגט און איבערגעלאָדן
זײַן אַרבעטס־פּראָגראַם סאָף יאָר, ווען עס ווערן
אונטערגעפירט די סאַכאַקלען פון אויספילן דעם
וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן פּלאַן און מע באַ־
טראַכט די פּערספּעקטיוון אַפן קומענדיקן יאָר.

פונדעסטוועגן האָט דער וויסנשאַפט־ראַט
אין די סאַמע לעצטע טעג פונעם פאַריקן יאָר
באַטראַכט אַ דיסערטאַציע וועגן שאָלעם־אַליי־
כעמס שאַפונג, וועלכע איז צוגעשטעלט גע־
וואָרן אַף צווייגעגנען דעם טיטל דאָקטאָר פון
פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. די זיצונג פונעם
וויסנשאַפט־ראַט איז פאָרגעקומען אונטערן
פאָרזיץ פונעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון
דער אַקאַדעמיע פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן
פון פּסר פּראָפעסאָר שטשערבינאַ, דעם באַ־
ווּוסטן טעאָרעטיקער און ליטעראַטור־היסטאָרי־
קער. אַף דער זיצונג זײַנען בײַגעווען איין און
צוואַנציק מיטגלידער פונעם וויסנשאַפט־ראַט.
ס׳זײַנען געקומען געסט. די פּראָצעדור פון
פאַרטיידיקן אַ דיסערטאַציע זעט פאָרויס אַ
ברייטע עפנטלעכקײַט, זי איז דעמאָקראַטיש,
ווער עס וויל, האָט רעכט צו נעמען אַ וואָרט
און אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן דער צוגע־
שטעלטער אַרבעט. יעדעס וואָרט ווערט סטע־
נאָגראַפירט און גענומען אין אַכט באַם אַרויס־
טראָגן דעם ענדגילטיקן באַשלוס.

3. דער דיסערטאַנט

דער פאָרזיצער גיט אַ וואָרט דעם גע־
לערנטן סעקרעטאַר פונעם וויסנשאַפט־ראַט,
וועלכער לייענט פאָר די אָפיציִעלע יעדיִעס
וועגן דעם דיסערטאַנט.

אַ סאָלידער מאַנוסקריפּט אין דרײַ אײַנגע־
בונדענע עקזעמפּליאַרן פון דער פאָרשונג
„שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג" ליגט אַפן טיש, אַ
באַדעקטן מיט גרינעם געוואַנט, פאַר די מיט־
גלידער פונעם וויסנשאַפט־ראַט.

ווער איז דער אויטאָר פון דער דיסערטאַ־
ציע? הערש רעמעניק — אַ ייִדישער סאָוועטי־
שער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער. גע־
לייענט אַ קורס פון ייִדישער ליטעראַטור אין
מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף לעניִנס
נאָמען און אַ קורס פון דער רוסישער ליטע־
ראַטור אין יאַראָסלאַוולער פּעדאַגאָגישן אינ־
סטיטוט. אין די יאָרן 1964 — 1969 — פאַרוואַל־
טער פונעם אָפּטייל פון קריטיק אין זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד". אָנגעהויבן זיך דרוקן
אין 1930. פאַרעפנטלעכט אַרבעטן וועגן די
קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און
וועגן אַ ריי ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, ווי
אויך וועגן פּראָבלעמען פון דער רוסישער לי־
טעראַטור (נ. א. נעקראַסאָווס רעוואָלוציִאָנערע
טראַדיציעס אין דער רוסישער דיכטונג פונעם
XX יאָרהונדערט, דאָס קאָמישע בײַ שאָלאָכאָוון,
וועגן א. א. בלאָק, וו. וו. מאַיאַקאָווסקין און
אַנד.).

הערש רעמעניקס שעפערישע אינטערעסן
זײַנען גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק. זײַנע עסטעטישע
סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס זײַנען דײַטלעך
אויסגעדריקט אין די פּילצאָליקע אַרויסטרע־
טונגען אַף ייִדיש און אַף רוסיש. אָבער די
באַשטענדיקע ליבע פונעם פאָרשער איז גע־
שענקט צוויי גרויסע קינסטלער — דעם רוסישן
דיכטער אַלעקסאַנדער בלאָקן און דעם קלאַ־
סיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־
אַלייכעמען. בלאָקן האָט ער געווידמעט אַ בוך,
וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי
פּיסאַטעל" אין 1959 („פּאָעמעס פון אַלעקסאַנ־
דער בלאָק"). וועגן דעם וועלטבאַרימטן הומאָ־
ריסט האָט ער געשריבן אין זײַן קריטיש־
ביִאָגראַפישן עטיוד „שאָלעם־אַלייכעם", וואָס
איז אַרויס אין מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלע־
רישער ליטעראַטור אַף רוסיש אין 1963. ביידע
ביכער זײַנען פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן אין
דער פּרעסע.

מע קאָן פרעגן: וואָס פאַר אַ שײַכעס איז
פאַראַנען צווישן בלאָקן, דעם שעפער פון די
ראַפינירטע „לידער וועגן דער וווּנדערלעכער
דאַמע", און דעם הומאָריסט שאָלעם־אַלייכעם,
וועלכער האָט געשריבן הויפּטזאַכלעך וועגן די
נויטן און זאָרגן פון דער שטעטלדיקער דע־
קלאַסירטער אָרעמשאַפט?

איך מיין, אַז אויב אויפמערקזאַם זיך אַרײַנ־
טראַכטן, קאָן מען פעסטשטעלן אַ באַשטימטע
געזעצמעסיקײַט אין דער דאָזיקער געדאַכטער
פּאַראַדאָקסאַלקײַט פון די שעפערישע אינטע־
רעסן פונעם פאָרשער. אין דער ווירקלעכער
עמעסדיקער קונסט זײַנען פאַראַן אינערלעכע
פאַרבינדונגען. ליבע צו מענטשן, בענקשאַפט
נאָך עמעסער שיינקײַט, טרוים וועגן דער ליכ־
טיקער צוקונפט — אָט וואָס מאַכט נאָענט, לויט
אונדזער מיינונג, אַזעלכע פאַרשיידענע קינסט־
לער פון וואָרט, ווי בלאָק און שאָלעם־אַלייכעם.
און דערפאַר, קאָן זײַן, לעבן זיי זיך גוט אײַן
אין דער שאַפונג פון הערש רעמעניקן.

אַף די זיצונגען פונעם וויסנשאַפט־ראַט
איז ניט אָנגענומען צו אויסדריקן עמאָציעס,
דער אַקאַדעמישער סטיל איז אַ שטרענגער.
וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיווקײַט איז קאָדעשע־

קאָדאָשים. אָבער ווען דער דיסערטאנט האָט באקומען דאָס וואָרט אף צו באגרינדן זײַן קאָנצעפּציע אף שאָלעם־אלייכעמס שאפן, האָט אין זאל זיך גלײַך אײַנגעשטעלט אן אטמאָספער פון אָפענער פרײַנטלעכקײַט.

דער נאָמען שאָלעם־אלייכעם האָט א וווּנדערלעכע קראפט. שוין נאָך דער פארטיידיקונג פון דער דיסערטאציע האָבן אין א שמועס מיט מיר זיך אנערקענט אין שטענדיקער ליבע צו שאָלעם־אלייכעמען די מיטגלידער פונעם וויסנשאפט־ראט — די ארמענערן ארפאָ פּעטראָסיאן, דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר דער גרוזין געאָרגי לאָמידזע און אנדערע.

ווײַזט אויס, ס׳איז פאראן א לאָגיק אין דעם, וואָס די פארטיידיקונג פון א דאָקטאָר־דיסערטאציע וועגן שאָלעם־אלייכעמס שאפן איז פאָרגעקומען גראָד אין אינסטיטוט, וועלכער טראָגט גאָרקיס נאָמען.

אף דער זיצונג פונעם וויסנשאפט־ראט האָט מען ניט צופעליק דערמאָנט, אז אלעקסיי מאקסימאָוויטש האָט געגעבן דעם סאמע דורכדרינגלעכן אָפּרוף וועגן דעם קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור. ביידע גרויסע שרײַבער האָבן אָנגעהאלטן א שטענדיקע פארבינדונג. אין שאָלעם־אלייכעמס קינסטלערישע ווערק און אין זײַנע בריוו ווערן ניט איין מאָל דערמאָנט גאָרקיס אידייען און געשטאלטן (אין די סייפן פון א. מ. גאָרקיס ארכיוו ווערן באנאנד מיט אנדערע רעליקוויעס געהיט שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו זײַן מערקווירדיקן רוסישן קאָלעגע).

אין רעמעניקס אווטאָרעפעראט און אף דער פארטיידיקונג פון דער דיסערטאציע איז ווידער געבראכט געוואָרן דער בריוו, וואָס גאָרקי האָט געשיקט דעם אווטאָר פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס” אין 1910: „אופריכטיק געערטער מיטברודער. אײַער בוך באקומען, איבערגעלייענט, געלאכט און געוויינט. א וווּנדערבאר בוך!.. דאָס בוך איז מיר שטארק געפעלן. איך זאָג נאָכאמאָל — אן אויסגעצייכנט בוך! עס פינקלט פון דעם אזא גוטע, פײַנע קלוגע ליבע צום פאָלק, און דער דאָזיקער געפיל איז אזוי זעלטן אין אונדזערע טעג”...

4. עס טרעטן ארויס די אָפּאָנענטן

נאָכן ארײַנפיר־וואָרט פונעם דיסערטאנט (דאָס וואָרט דארף זײַן ווי ווײַט מעגלעך קורץ, ווײַל די מיטגלידער פונעם וויסנשאפט־ראט און אלע פארינטערעסירטע פערזאָנען זײַנען שוין פון פריִער באקענט מיט די גרונט־האנאָכעס פון דער דיסערטאציע לויט דעם געדרוקטן אווטאָרעפעראט) טרעטן ארויס דרײַ אָפיציִעלע אָפּאָנענטן — דאָקטוירים פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן.

דער ערשטער אָפּאָנענט איז דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר פּראָפעסאָר טימאָפייעוו, איינער פון די סאמע כאָשעווסטע געלערנטע אין געביט פון ליטעראטור־קענטעניש. לויט זײַנע לערנביכער פאר דער מיטלשול דערלערנען די סאָוועטישע ליטעראטור מיליאָנען קינדער פון די 10־טע קלאסן. זײַן בוך „טעאָריע פון ליטעראטור” ליגט אין יעסאָד פון די עקזאמענעס, וועלכע עס גיבן אָפּ די סטודענטן פון די פילאָלאָגישע פאקולטעטן אינעם גאנצן לאנד. דער צווייטער אָפיציִעלער אָפּאָנענט — דער דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן קריזשאנאָווסקי, אן אוקראַאִנישער דיכטער; ער איז ספּעציִעל געקומען צו פאָרן פון קיִעוו אף דער פארטיידיקונג פון דער דיסערטאציע. דער דריטער אָפּאָנענט — דער אווטאָר פון אָט די שורעס, א פאָרשער פון רוסישער ליטעראטור. ניט לאנג פאר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָב איך געענדיקט א ייִדישע מיטלשול. שאָלעם־אלייכעמען האָב איך פון קינדווײַז אָן געטראָגן אין מײַן הארצן, כ׳האָב געקענט אויסווייניק, אף ייִדיש, א סאך פון זײַנע ווערק. נאטירלעך, אז איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג ארויסצוטרעטן אלס אָפיציעלער אָפּאָנענט.

עס ווערט פאָרגעלייענט דער אזויגערופענער „אויסערלעכער אָפּרוף”, וועלכן ס׳האָט געגעבן די קאטעדרע פון ליטעראטור פון דער אקאדעמיע פאר געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן באם צק קפּסס. אינעם אָפּרוף באקומט די דיסערטאציע א הויכע אָפּשאצונג און עס ווערט אונטערגעשטראָכן די באדײַטונג פון שאָלעם־אלייכעמס ליטערארישער יערושע אין אונדזער צײַט.

לעאָניד איוואנאָוויטש טימאָפייעוו האָט אין זײַן אָפּרוף אָנגעוויזן אף דער פּעריאָדיזאציע פון שאָלעם־אלייכעמס שאפן: „דער ערשטער פּעריאָד — די אכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, דער פּעריאָד פון שעפערישער זעלבסטבאשטימונג, פון קאמף פאר די פּראָגרעסיווע וועגן אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראטור. די נײַנציקער יאָרן — דאָס איז דער פּעריאָד פון שעפערישער רײַפקײַט, ווען עס זײַנען אויסגעקריסטאליזירט געוואָרן די גרונט־שטריכן פון שאָלעם־אלייכעמס סטיל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן זײַנע גרונט־ווערק „מענאכעם־מענדל” און „טעוויע דער מילכיקער”; די נאָוועלע ווערט דער הויפּט־זשאנער פון זײַן שאפן. דער דריטער פּעריאָד — די עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאנד, וועלכע האָט באשטימט א נײַע ווענדונג אין שאָלעם־אלייכעמס עוואָליוציע און איז געוואָרן די צענטראלע טעמע פון זײַן שאפן, ניט געקוקט אף די אידייִשע ווידערשפּרוכן פונעם שרײַבער אינעם באנעמען דעם היסטאָרישן טאָך פון דער רעוואָליוציע. און לעסאָף — דער לעצטער פּעריאָד פון שאָלעם־אלייכמס שאפן, דאָס יאָרצענדליק צווישן צוויי רעוואָליוציעס. דאָ זעען מיר נײַע שטריכן פון זײַן סטיל: פארשטארקטע קריטיק

פון דער בורזשואַזער ווירקלעכקייט, אַנטי־אַמעריקאַניזם, סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונג פון הומאָר און רעאַליזם".

ל. טימאָפייעוו האָט פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס אין דער דיסערטאַציע ווערט שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקסטימלעכקייט, זײַן דעמאָקראַטיזם און הומאַניזם, ניט בלויז דעקלאַרירט, נאָר טיף אַנטפּלעקט דורך אַ גענויעם אַנאַליז פון די וויכטיקסטע ווערק.

דער אָפּאָנענט לעאָניד איוואַנאָוויטש טימאָפייעוו האָט אויך געמאַכט קריטישע באַמערקונגען און אַרויסגעזאָגט אייניקע ווינטשן, באַזונדערס אין שײַכעס מיט דער פּראָבלעם פון סטיל־אייגנשאַפטן און סטיל־אונטערשיידן בא שאָלעם־אַלייכעמען און פּערעצן. אַנערקענענדיק, אַז רעמעניק באַהאַנדלט דאָ אַ וויכטיקע און קאָמפּליצירטע טעאָרעטישע טעמע, האַלט דער אָפּאָנענט, אַז די לייזונג פון אָט דער פּראָבלעם איז בא אים אַ דיסקוסיאָנעלע. ל. טימאָפייעוו האָט דערקלערט: „דער אַווטאָר זעט די גרונט־שטריכן פון שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליסטישער מאַניר אין אָביעקטיווקייט, דיאַלאָגישקייט און הומאָר, בא פּערעצן דאָמינירן סוביעקטיווקייט, מאָנאָלאָגישקייט און סאַטירע. אָבער אין אַנאַליז פון אַ ריי שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָט דער דיסערטאַנט איבערצײַגעוודיק באַוויזן זייער סאַטירישן טאָך, האַגאַם עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין דער עוואָלוציע פון זײַן שאַפן די פאַרשטאַרקונג פון הומאָר".

(פאַרבײַגייענדיק, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אין מײַן אָפּרוף האָב איך אויך באַשטרײַט רעמעניקס קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג, אַז די עוואָלוציע פונעם שרײַבער זאָל אים האָבן געבראַכט צו דעם איבערגאַנג פון סאַטירע צו הומאָר. אַלץ, וואָס איז אין דער דיסערטאַציע געזאָגט וועגן שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר און סאַטירע, וועגן זייער אייגנאַרטיקייט, איז אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט און פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. צי איז אָבער געווען אַ דײַטלעך אָנגעמערקטער „איבערגאַנג" פון סאַטירע צו הומאָר? אויך אין די ערשטע, סאַטיריש מערער באַפאַרבטע, פּעריאָדן פונעם שרײַבערס שאַפן האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן טענדענצן פון הומאָר; און אין די לעצטע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט שאָלעם־אַלייכעם אויך ניט פאַרלאָזט „די מוזע פון פלאַמיקער סאַטירע". ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם צווייטן בוך פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" אָדער געוויסע ערטער אין אווטאָביאָגראַפישן „פונעם יאַריד". די גרענעץ צווישן סאַטירע און הומאָר אין דער שאַפונג פון אַזעלכע שרײַבער, ווי שאָלעם־אַלייכעם, מאַרק טווען, טשעכאָוו, איז אַ באַדינגלעכע).

צום סאָף פון זײַן אָפּרוף האָט ל. אי. טימאָפייעוו דערקלערט: דאָס אײַנשליסן אין דער דיסערטאַציע רעמעניקס אַרײַנפיר־אַרטיקל צו דער פּובליקאַציע פון מענאַכעם־מענדלס ניט אַרויסגעגעבענע בריוו, וועלכע דער דיסערטאַנט האָט צונויפגעזאַמלט פון צײַטונגען און זשורנאַלן און זיי אַרײַנגעפירט אין אַרסענאַל פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם פּאָזיטיוון אײַנדרוק פון דער דיסערטאַציע אינגאַנצן גענומען.

סטעפאַן אַנדרייעוויטש קריזשאַנאָווסקי האָט גענוי גערעדט וועגן שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליזם. ער האַלט, אַז דער צווייטער טייל פון דער דיסערטאַציע „שאָלעם־אַלייכעם און די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור" איז אין טאָך נאָוואַטאָריש. רעדנדיק וועגן דעם סינטעטישן כאַראַקטער פון רעמעניקס אַרבעט, וואָס פירט אונטער סאַכאַקלען און מערקט אָן פּערספּעקטיוון פון דער ווײַטערדיקער פאָרשונג פון שאָלעם־אַלייכעמס ירושע, האָט דער אוקראַיִנישער געלערנטער גאָר אינטערעסאַנט אַנטפּלעקט דעם סאָד „פון דער אומשטערבלעכער קלאַסישער שאַפונג פונעם שרײַבער", וועלכער „באַשטייט טאַקע דערינען, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געלעבט מיט די פּראָבלעמען פון זײַן צײַט און איז אינגאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט דער הײַנטצײַטיקייט; זײַן גרויסקייט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט געבויט אַ בריק פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט דורך דעם, וואָס ער האָט פולשטענדיק אָפּגעשפּיגלט די הײַנטיקע פאַר אים צײַט".

סטעפאַן קריזשאַנאָווסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרקערפּערט אַלע גרונט־טענדענצן אין דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק, פון זײַן קינסטלערישן באַוווסטזײַן. אין די שווערע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע האָט ער פעסט זיך געהאַלטן בא די פּרינציפּן פון הומאַניזם, דעמאָקראַטיזם, בא דעם מעטאָד פון קריטישן רעאַליזם. די צוקונפט פונעם יידישן פאָלק האָט ער געזען אין דער פרײַנטשאַפט מיט אַנדערע פעלקער. אין דעם אַנטפּלעקט זיך אויך די גרויסקייט פונעם שרײַבער. דער אַנטייל פון די יידישע מאַסן אינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, די אָפּשפּיגלונג פון דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר אינעם באַוווסטזײַן פון דער פאָרגעשריטענער יידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, — דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן".

ניט געקוקט אפן אָפיציעלן כאַראַקטער פונעם אָפּרוף, האָט דער אָפּאָנענט גערעדט מיט אינטימער דאַנקבאַרקייט וועגן שאָלעם־אַלייכעמס פאַרשטאַנד און ליבע צו דעם אוקראַיִנישן שטייגער, פאָלקס־כאַראַקטער, פאָלקלאָר, צו די מינהאָגים און צו דער קולטור־שאַפונג פון די אוקראַיִנישע פאָלקסמאַסן. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דעם, אַז סטעפאַן קריזשאַנאָווסקי איז ניט בלויז אַן אָנגעזעענער געלערנטער, נאָר אויך אַ באַגאַבטער דיכטער. רײדנדיק וועגן דעם, אַז די שאַפונג פונעם יידישן קלאַסיקער איז פאַרבונדן מיט אוקראַיִנע, מיטן אוקראַיִנישן פאָלק און מיט זײַן קולטור, האָט ער געשטיצט דעם טעזיס אין דער דיסערטאַציע, אַז „דער אוקראַיִנישער קאָלאָריט

באפארבט ביקלאל די אײַנדרוקן, עמאָציעס, זיכרוינעס און די גאנצע שאפונג פון שאָלעם־אלייכעמען". „פונעם שטאנדפונקט פון די געזעצן פון רעאליזם, — מאכט פראָפעסאָר קריזשאנאָווסקי אַן אויספיר, — איז באזונדערס אינטערעסאנט און באלערעוודיק, וויִאזוי די שפראך, דער שטייגער, די זיטן פון איין פאָלק ווירקן אף דער פסיכיק, אפן שטייגער, אף דער בילדערישער וועלט פון א צווייטן פאָלק, אויב די דאָזיקע פעלקער לעבן צוזאמען אָדער בישכיינעס. די קוואלן פון שאָלעם־אלייכעמס הומאָר שטאמען פון וואָראָנקאָווע, פערעיאסלאוול, בערדיטשעוו, יעהופעץ (קיִעוו), בויבעריק (באָיארקע) — אָט די קאסרילעווקעס, מאזעפעווקעס, זלאָדייעווקעס און אנדערע. דערבײַ, פארשטייט זיך, איז די דאָזיקע ווירקונג געווען א קעגנזײַטיקע".

ס. א. קריזשאנאָווסקי האָט דערציילט וועגן דעם גרויסן אָפקלאנג פון שאָלעם־אלייכעמס שאפן אין דער אוקראיִנישער ליטעראטור, וועגן די פילצאָליקע איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק אף אוקראיִניש, וועגן דער לעצטער פירבענדיקער אויסגאבע פון זײַנע ווערק, וואָס איז דערשינען אין אוקראיִנע אין 1969, וועגן די ארבעטן, וואָס מיקאָלע באזשאן און אלעקסאנדער קאָרנייטשוק האָבן געווידמעט דער שאפונג פון שאָלעם־אלייכעמען, וועגן דער שטעלונג פון זײַנע דראמעס אף דער אוקראיִנישער בינע.

איך האָב אין מײַן ברייטן אָפרוף בארירט א ריי פראגן פון שאָלעם־אלייכעמס שאפן, באזונדערס די פראָבלעם — שאָלעם־אלייכעם און די רוסישע קלאסישע ליטעראטור.

די קלאסישע ליטעראטור אף ייִדיש האָט זיך ניט צופעליק אנטוויקלט און דערגרייכט א הויכע שטופע פריִער פאר אלץ אין רוסלאנד. אויסער א ריי אנדערע סאָציִאל־היסטאָרישע באדינגונגען, האָט דאָ, לויט מײַן מיינונג, געשפילט א וויכטיקע ראָל דאָס, וואָס די גרונטלייגער פון דער ייִדישער ליטעראטור זײַנען געווען פארבונדן מיט דער רוסישער קלאסישער ליטעראטור און מיט די עסטעטישע אידייען פון דער רוסישער רעוואָליוציִאָנער־דעמאָקראטישער קריטיק פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון, פיסארעוון. אין דער דיסערטאציע איז דער דאָזיקער פראָבלעם געווידמעט א ספעציִעל קאפיטל.

וועגן דער פרינציפיעלער וויכטיקײַט פון אָט דעם אספעקט פון רעמעניקס פאָרשונג איז ניט שײַעך צו ריידן. דער דיסערטאנט האָט איבערצײַגעוודיק באוויזן די באָדנלאָזיקײַט פון דער בורזשואזער קריטיק, וועלכע פרוווט דערווײַזן די נאציִאָנאלע אויסשליסלעכקײַט פון דער ליטעראטור אף ייִדיש, וואָס איז קלוימערשט ניט פארבונדן מיט קיין אנדערע ליטעראטורן. די נאציִאָנאליסטישע קריטיק, לעמאָשל, איז שארף אָנגעפאלן אף שאָלעם־אלייכעמס ראָמאן „סענדער בלאנק", אין וועלכן דער אווטאָר מאָלט א סאטיריש בילד פונעם בורזשואזן ייִדישן שטייגער. אין דער דיסערטאציע ווערט געבראכט א כאראקטעריסטישע רעצענזיע אף דעם ראָמאן. דער רעצענזענט שרײַבט: „שאפן ייִדישע „קיט קיטיטשן" באטײַט באליידיקן דאָס ייִדישע פאמיליען־לעבן, רעכילעס טרײַבן אפן ייִדישן שטייגער... קיין ייִדישע „קיט קיטיטשן" זײַנען בא אונדז ניטאָ". אזא מין רעאקציע האָבן אין זײַן צײַט ארויסגערופן בא די אָנהענגער פונעם פאטריִארכאלן סיידער אויך מענדעלעס סאטירישע דראמע „די טאקסע" און זײַנע פראָזאיִשע ווערק וועגן די גלופסקער אײַנוווינער. די דאָזיקע ווערק רופן זיך איבער מיט גאָגאָלס „רעוויזאָר" און מיט שטשעדרינס „געשיכטע פון איינער א שטאָט".

דער דיסערטאנט אנטפלעקט די נאציִאָנאלע אייגנארטיקײַט פון דער ייִדישער ליטעראטור, אָבער אין דער זעלבער צײַט ווארפט ער אָפ די קאָנצעפציע פון איר הערמעטישער איזאָליאציע. ער ווײַזט אָן אף דער ענגסטער פארבינדונג פון דער ייִדישער ליטעראטור מיט דער רוסישער, אוקראיִנישער, טיילווײַז אויך מיט דער פוילישער ליטעראטור. נאטירלעך, אף וויפל עס גייט א רייד וועגן שאָלעם־אלייכעמען, דעם הומאָריסט און סאטיריקער, קומען אויף אָפטער פון אלץ פאראלעלן און אנאלאָגיעס מיט גאָגאָלס און שטשעדרינס שאפונג. איך האָב אָנגעוויזן, אז דער אווטאָר פון דער דיסערטאציע שעפט ניט שטענדיק אויס ביזן סאָף די מעגלעכקײַטן פאר טיפאָלאָגישע פאראלגעמיינערונגען.

איבערפראזירנדיק גאָרקיס באוווסטע ווערטער וועגן לעוו טאָלסטאָיען, קאָן מען זאָגן, אז שאָלעם־אלייכעם — דאָס איז א גאנצע וועלט. א קאָמפליצירטע וועלט, אן אייגנארטיקע לעבעדיקע וועלט. ארום דער יערושע פונעם דאָזיקן שרײַבער (און דאָס איז גוט באוויזן אין דער דיסערטאציע) קומען פאָר שלאכטן — באזונדערס פארביטערטע אין אונדזער צײַט — צווישן די קויכעס פון פראָגרעס און רעאקציע.

שאָלעם־אלייכעם האָט ניט געהאט קיין קאָנסעקווענטע סיסטעם פון פילאָסאָפישע און געזעלשאפטלעך־פאָליטישע אָנשויונגען, אָבער זײַנע ווערק האָבן דערצויגן באם לייענער, בא דעם פאָלקס־מענטש, א געפיל פון פראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אומגערעכטער סאָציִאלער אָרדענונג. דעריבער טאקע, און דאָס איז אויך באוויזן אין הערש רעמעניקס ארבעט, איז זײַן שאפונג ביז הײַנט ניט אָנעמבאר פאר דער נאציִאָנאליסטיש געשטימטער קריטיק, און די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן באציִען זיך מיט פארדאכט צו דער ליטערארישער יערושע פונעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער.

רעמעניקס ארבעט וועט שפילן א וויכטיקע ראָל אין אונדזער אידעאָלאָגישן קאמף. אין דער דיסערטאציע איז פאראן גענוג ארגומענטירטער מאטעריאל, וואָס איז געווענדט קעגן דער בורזשואז־נאציִאָנאליסטישער און ציִעני־

סטישער פאלסיפיקאציע פון שאָלעם־אלייכעמס שאפונג. דער אָנגרײַפערישער פּאָלעמישער גײַסט איז ביקלאל כאראקטעריסטיש פאר די ליטעראריש־וויסנשאפטלעכע ארבעטן פונעם סאָוועטישן געלערנטן.

אין דער דיסערטאציע ווערט אָפּגעגעבן א סאך אָרט און אופמערקזאמקײַט שאָלעם־אלייכעמס ליטעראריש־קריטישער טעטיקײַט, דעם אנאליז פון זײַנע ליטערארישע עסטעטישע אָנשויוּנגען. דער אווטאָר האָט גרינטלעך פאנאנדערגעארבעט די טעמע „שאָלעם־אלייכעם און די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור". שאָלעם־אלייכעמס אייגנארטיקײַט, זײַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור ווערט באשטימט קאָנקרעט אפן סמאך פון פארשיידענע קעגנשטעלונגען און פארגלײַכונגען מיט אנדערע אָנגעזעענע שרײַבער פון יענער עפּאָכע.

אָפּמערקנדיק די מײַלעס פון רעמעניקס פארשונג, האָב איך, פּונקט ווי די פריִערדיקע אָפּאָנענטן, אויך מיט אים פּאָלעמיזירט. טימאָפּייעוו, ווי מיר ווייסן שוין, האָט באשטרײַט די קאָנצעפּציע פון הומאָר און סאטירע אין שאָלעם־אלייכעמס שאפונג, וועלכע עס האָט ארויסגערוקט דער דיסערטאנט. קריזשאנאָווסקי האָט אָנגעוויזן אף דער אומבאגרינדעטקײַט פון גלײַכשטעלן א פּראָטאָטיפּ און א טיפּ אין א רעאליסטיש ווערק. „אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק, — האָט ער געזאָגט, — אזוי, ווי בא יעדער שרײַבער, קאָן מען באמערקן דרײַ זײַטן פונעם געשטאלט: דאָס געשטאלט פונעם אווטאָר, דאָס געשטאלט פונעם דערציילער און דאָס געשטאלט פונעם העלד. יעדערער פון זיי האָט זײַן לאָשן, זײַן אינטאָנאציע. דאָס איז אף א נאטירלעכן אויפן פארבונדן מיטן זשאנער, מיט דער פאָרם פונעם ווערק. אין א ראָמאן הערן זיך אלע דרײַ קוילעס: פונעם אווטאָר, פונעם דערציילער און פונעם העלד. אין א נאָוועלע הערט זיך מערסטנטייל דאָס קאָל פונעם העלד, אָבער עס קאָן דערציילן דער אווטאָר. שאָלעם־אלייכעם — דאָס איז שוין א געשטאלט, ווײַל ער איז ברייטער פון שאָלעם ראבינאָוויטשן. דאָס זעלבע איז געשען מיט לעסיא אוקראִינקא, מארק טווען, יאנקא קרפּאלא, אָסטאפּ ווישניא אא. זאָגט דאָך רעמעניק אליין, אז אונטער דעם נאָמען שאָלעם־אלייכעם אנטפּלעקט זיך דאָס פאָלק. הייסט עס — דאָס איז שוין א קינסטלערישע פאראלגעמיינערונג".

אויך מיר איז אויסגעקומען צו מאכן אייניקע קריטישע באמערקונגען, באגרינדן מײַן מיינונגס־פארשיידנהײַט מיטן דיסערטאנט בענעגייע אייניקע פראגן.

איך מיין, לעמאָשל, אז די ראָמאנען „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי" און „בלאָנדזנדע שטערן", די גאנצע טרילאָגיע וועגן דער טאלאנטירטקײַט פונעם פאָלקס־מענטש, פארדינט מער אופמערקזאמקײַט און א ברייטערן אנאליז. אין זיי האָט דער שרײַבער ניט בלויז „בוילעטער פארקערפּערט אין קינסטלערישער פאָרם זײַנע ליטערארישע אָנשויוּנגען", ווי עס זאָגט ריכטיק הערש רעמעניק, נאָר ער האָט אויך אויסגעדריקט זײַן עסטעטישן אידעאל, דעם גלויבן אין פאָלק און אין זײַן צוקונפט.

גוט, וואָס די הויפּט־אופמערקזאמקײַט פונעם דיסערטאנט איז אָפּגעגעבן די צענטראלע געשטאלטן — מענאכעם־מענדלען און טעוויע דעם מילכיקן. אָבער אייניקע אקצענטן וואָלט איך באשטרײַט.

ס'איז ריכטיק, אז „טעוויע און מענאכעם־מענדל... שטעלן פאָר אין א באשטימטן זין צוויי פּאָליוסן פונעם פאָלק אין שאָלעם־אלייכעמס באנעם. טעוויע פארקערפּערט די געזונטע, פּאָזיטיווע שטריכן פונעם פאָלק, מענאכעם־מענדל — זײַנע קראנקע זײַטן, וועלכע מע דארף היילן. פון סאָציִאלן און קלאסן־שטאנדפּונקט שטעלט טעוויע פאָר יענע שיכטן פונעם פאָלק, וועלכע זײַנען נעענטער צום ארבעטערקלאס. מענאכעם־מענדל פארקערפּערט די פּסיכאָלאָגיע פון יענע שיכטן פונעם פאָלק, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו „ווערן מענטשן", דאָס הייסט אריבערגיין אין דעם לאגער פון דער בורזשואזיע".

אנערקענענדיק אין אלגעמיין די טיפקײַט פון אָט דעם אנאליז פון די צוויי געשטאלטן, איז מיר שווער מאסקים צו זײַן מיט דעם עטוואָס גראָדליניק פאָרמולירטן אויספיר וועגן מענאכעם־מענדלען אלס נאציאָנאלן טיפּ.

מענאכעם־מענדל איז פריִער פאר אלץ א סאָציִאלער טיפּ, און דאָס האָט גוט באוויזן אליין רעמעניק. דער נאציאָנאלער כאראקטער איז טיפער און ברייטער פאָרגעשטעלט און פארקערפּערט גראָד אין טעוויע דעם מילכיקן. האגאם די סאָציִאלע קרויוועשאפט פון ביידע געשטאלטן רופט ניט ארויס קיין סאָפעק, נעמען מיר אָביעקטיוו אוף טעוויען ווי מענאכעם־מענדלס אנטיפּאָד. אזוי האָט אים, אגעוו, פארקערפּערט אף דער בינע פונעם ייִדישן טעאטער דער גרויסער אקטיאָר מיכאָעלס.

עס נייטיקט זיך אין א פארפינקטלעכונג בענעגייע שאָלעם־אלייכעמס העלדן דער באגריף „קליין מענטשעלע". ה. רעמעניק רעדט וועגן פּראָסטע „קליינע" גרויסע מענטשן, וואָס לײַדן פון אונטערדריקונג, נאָר זײַנען קלוג אין זייער גרויסקײַט. אָט דער גאָרקי־באגריף איז גאנץ אָנווענדבאר צו טעוויע דעם מילכיקן, דעם ארבעטס־מענטש, דעם בעעמעס קלוגן, וועלכער שטעלט זיך קעגן דער סאָציִאלער, נאציאָנאלער אונטערדריקונג און איז אָפּטימיסטיש געשטימט בענעגייע דער צוקונפט.

אוואדע איז אויך מענאכעם־מענדל א קאָרבן פונעם קאפּיטאליזם און פון דער נאציאָנאלער דיסקרימינאציע. אָבער בענעגייע אים, ווי אויך בענעגייע די פּערסאָנאזשן פון שאָלעם־אלייכעמס ציקל „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס", פּאסט זיך ניט צו די באשטימונג „קליינע־גרויסע" מענטשן. דער

פאָלקס־שרײַבער האָט מיטגעפילט דער דעקלאַ־סירטער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט, געווייטעקט מיט איר ליידן. אָבער זײַן ליבע צום פאָלק איז געווען, לויט גאָרקיס אויסדרוק, א קלוגע ליבע, און ווײַט ניט קיין בלינדע. אין זײַנע ווערק וועגן קאַסרילעווקע און קאַסרילעווקער איז פאראן ניט ווייניק פארביטערטקײַט און אזוינס, וואָס מיר וואָלטן איצטער אָנגערופן נאציאָנאלע זעלבסטקריטיק. דערפאר טאַקע — זײַנען דעם שרײַבער טײַער יאָסעלע סאָלאָוויי, סטעמפּע־ניו, דער רעוואָלוציאָנער פערטשיק, טעוויע דער מילכיקער, מאָטל, טעוויעס טעכטער, ווײַל אין זיי און אין אזעלכע העלדן, ווי זיי, זעט ער א מעגלעכקײַט ארויסצורײַסן זיך פון דער געטאָ, א גרייטקײַט צו איבעררײַסן מיט דער פארשימלטער רעליגיעזער מאָראַל פון די קליי־נע מענטשעלעך מיט זייער באגרענעצטן וועלט־באנעם.

צווישן אנדערן וואָלט איך אויך ניט מאַס־קים געווען מיט דער באהויפטונג, אז מענא־כעם־מענדל שטאמט, לויט זײַן כאראקטער און לויט זײַן טאָך, פון דעם געשטאַלט בינימין האשלישי. אָן און פאר זיך איז דאָס אָן אָרי־גינעלער געדאנק. אָבער, לויט מײַן מיינונג, איז דער הויפט־העלד פון מענדעלעס ראָמאַן „מאַסאָעס בינימין האשלישי" — פון דער גלענצנדיקער פאראָדיע אָפן אייגנארטיקן ייִדישן דאָן־קיכאָט — א פאנאטיקער פון דעם טרוים וועגן „א לאַנד פון האָניק און מילך", א פארסאמטער פון רעליגיעזער ראָמאנטיק. מענאכעם־מענדל איז א דערשײַנונג פון דער בורזשואזער עפּאָכע, א קאָרבן פון די איליו־זיעס, וואָס עס האָבן פארשפרייט די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזיע.

5. די דיסקוסיע ווערט פאָרגעזעצט

אין דער פינקטלעכער איבערזעצונג פון לאטײַן באטײַט דאָס וואָרט „אָפּאָנענט" — א דערווידערער, א קעגנער אין שטרײַט. ה. רע־מעניקס אָפיציעלע אָפּאָנענטן, האגאַם זיי זײַנען ניט מאַסקים געווען מיט אייניקע האַנאָכעס פון דער דיסערטאַציע „שאָלעם־אלייכעמס שאַ־פונג", האָבן איינמוטיק אנערקענט איר וויסנ־שאפטלעכע ווערט. מיט זייער מיינונג זײַנען מאַסקים געווען אויך די ניט־אָפיציעלע אָפּאָ־נענטן, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן אף דער זיצונג פונעם וויסנשאפט־ראַט.

אינטערעסאנט איז געווען א קליינע דיס־קוסיע, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט ארום רע־מעניקס ניט־פינקטלעכער פאָרמולירונג, אז פאר ייִדיש איז אַפאָריסטישקײַט ניט אייגנטימ־לעך. איר וואָלט געמעגט זען, מיט וואָס פאר אן איבערצײַגטקײַט דער אוקראַיִנער קריזשא־נאָווסקי האָט גערעדט וועגן דער שפראַך־רײַכקײַט פון ייִדיש, וועגן דער באפליגלטקײַט פונעם וואָרט אין שאָלעם־אלייכעמס לאָשן!

אינטערעסאנט איז געווען די ארויסטרע־טונג פון דעם מיטגליד פונעם וויסנשאפט־ראַט פראָפעסאָר ביאליק. ער האָט געזאָגט:

„די ערנסטע פאָרשונג פון דער הײַנט־צײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור ווערט פאר־ווירקלעכט אין סאָוועטנפארבאַנד. דאָס איז געזעצמעסיק ניט בלויז דערפאר, וואָס אונדזער לאַנד איז א סאָציאַליסטיש, סאָוועטיש לאַנד, נאָר אויך ווײַל די היסטאָרישע קוואַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור געפינען זיך אף דער טע־ריטאָריע פון אונדזער לאַנד. רוסלאַנד איז אין טאָך דאָס היימלאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַ־טור".

באָריס ביאליקן האָבן מער פאר אלץ אינ־טערעסירט די זײַטלעך פון דער דיסערטאַציע, וועלכע זײַנען געווידמעט דער שפראַך אין עסטעטישן באנעם. ער האָט גערעדט וועגן דעם, אז די אנטוויקלונג פון ייִדיש איז פאָרגעקו־מען אדאַנק די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן געלעבט אין רוס־לאַנד.

„מיר דאַכט, — האָט אונטערגעשטראָכן פראָפעסאָר ב. ביאליק, — אז דאָס האָט א גרויסע פרינציפּיעלע באדײַטונג. איר ווייסט מיסטאָמע, אז די ציִוניסטן האַלטן ייִדיש פאר א שפראַך פון צווייטן סאָרט. דאָס, וואָס ייִדיש איז געוואָרן א ליטעראַרישע שפראַך, איז אין א גרויסער מאָס דער פארדינסט פון שאָלעם־אלייכעמען, פון דער קלאַסישער ייִדישער לי־טעראַטור. אָט דעם פאַקט פארשווײַגט די אויס־לענדישע קריטיק, אָבער דאָס איז גוט באוויזן אין דער דיסערטאַציע. ס'איז וויכטיק, וואָס ניט אין עסטרײַך, ווּו ס'איז געבוירן געוואָרן דער ציִעניזם, ניט אין פשא, נאָר אין רוסלאַנד, אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער רוסי־שער קולטור, האָט זיך אויסגעבילדעט די לי־טעראַרישע ייִדישע שפראַך".

ב. ביאליק האָט זיך גענוי אָפגעשטעלט אף לעניִנס לערע וועגן צוויי קולטורן אין יעדער נאציאָנאַלער קולטור, באטראַכטנדיק די דאָ־זיקע לערע אין באַצוג צו דער ייִדישער לי־טעראַטור.

צום סאָף האָט פראָפעסאָר ביאליק בא־שטרײַט מײַן באמערקונג בנוגע מענאכעם־מענדלען.

„איך האַלט, — האָט ער געזאָגט, — אז ניט בלויז פּאָזיטיווע טיפן דריקן אויס דעם נא־ציאָנאַלן כאראקטער, נאָר אויך אזעלכע, ווי מענאכעם־מענדל. דאָס איז א טראַגיש גע־שטאַלט. אין אים איז פארקערפערט אי דער טכום־האַמוישעוו, אי אלץ, וואָס האָט געצוווּנ־גען דעם מענטשן זיך וואַרפן פון איין אָרט אפן צווייטן. אין דעם איז אויך אויסגעדריקט דער נאציאָנאַלער כאראקטער.

דאָס איז ניט באליידיקנדיק פארן ייִדישן נאציאָנאַלן כאראקטער, ווײַל דער נאציאָנאַלער כאראקטער ווערט אויסגעדריקט פארשיידן. אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען באוווּסט כא־

ראַקטערן, וועלכע זײַנען ניט געווען קיין פּאָרויסגעשריטענע און רעוואָליוציאָנערע".

ב. ביאַליק איז גערעכט אין דעם זינען, אז די באַריטע פראגע און דער שטרייט ארום איר גייען ארויס פון די ראַמען פון דער דיסערטאַציע. דאָס איז א מאַטעריאַל פאר ווײַטערדיקע באַטראַכטונגען.

אין דער דיסקוסיע האָט זיך אָנגעשלאָסן יעווגעניאַ פיאָדאָראָוונא קניפּאָוויטש — איינע פון די עלטסטע סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיקער. זי האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן נאָך אין 1919. אַן ענציקלאָפּעדיש געבילדעטער ליטעראַט, צייכנט זיך קניפּאָוויטש אויס מיט איר איידעלן עסטעטישן געשמאַק. זי איז א לאַורעאַט פון דער אַקאַדעמישער פּרעמיע אָף בעלינסקיס נאָמען, פיל יאָרן — א מיטגליד פונעם וויסנשאַפט־ראַט פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור. אָפּשאַצנדיק פּאָזיטיוו די דיסערטאַציע, האָט יעווגעניאַ פיאָדאָראָוונא באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער שאָלעם־אלייכעם־פאָרשונג פאר דער פארברייטערונג פונעם פּראָבלעמען־קרייז פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט.

6. די געהיימע אָפּשטימונג

ווען די דיסקוסיע האָט זיך פאַרענדיקט — עס זײַנען אופמערקזאַם אויסגעהערט געוואָרן „ביידע צדאָדים", — האָט דער וויסנשאַפט־ראַט אויסגעוויילט א רעכענונגס־קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונעם דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן א. א. יעליסטראַטאָווא. עס זײַנען פאַרטיילט געוואָרן ביולעטענען פאר געהיימער אָפּשטימונג.

נאָכן איבערײַס האָט דער וויסנשאַפט־ראַט אויסגעהערט דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעכענונגס־קאָמיסיע וועגן די רעזולטאַטן פון דער געהיימער אָפּשטימונג פונעם פאָרשלאָג צוצווייגענען ה. רעמעניקן דעם וויסנשאַפטלעכן טיטל „דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן".

אָף דער זיצונג זײַנען בײַגעווען 21 מיטגלידער פונעם וויסנשאַפט־ראַט.

עס זײַנען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין דער אורנע פאר געהיימער אָפּשטימונג 21 ביולעטענען.

רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג:

ניט קיין ווירקלעכע ביולעטענען — ניטאָ.

קעגן — ניטאָ.

פאר צווייגענען דעם וויסנשאַפטלעכן טיטל — 21.

דער וויסנשאַפט־ראַט באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג און באַשטעטיקט דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעכענונגס־קאָמיסיע.

דער פאָרזיצער פונעם וויסנשאַפט־ראַט, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּסס״ר געאָרגי לאָמידזע באַגריסט דעם דיסערטאַנט מיטן צווייגענען אים דעם טיטל „דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן".

...אין יענעם טאָג האָט, נאַטירלעך, אלעמען געפרייט דער פאַרדינטער דערפאָלג פונעם דיסערטאַנט, אָבער מערער פאר אלץ האָבן מיר זיך געפרייט פאר שאָלעם־אלייכעמען גופא, פאַרן גורל פון זײַן ליטעראַרישער ירושה, וועלכע האָט ניט אָנגעוווירן איר באַדײַטונג און איז אַרײַן ווי אַן אָרגאַנישער טייל אינעם אויצער פון דער קולטור פון די פעלקער פון פּסס״ר.

ארן ווערגעליס

בריוו פון אייראָפּע

אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1972

זיבעטער בריוו

מיסטאמע כידעשט איר זיך, פאַרוואָס כ'האָב ביז איצט נאָך ניט געשריבן וועגן דער ייִדישער געטאָ אין רוים. טאַקע — פאַרוואָס?

ווען איך זאָל זײַן אַן אַרכעאָלאָג, לעמאָשל, וואָלט גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען: אָט דאָ, אַפן רעכטן ברעג פונעם טײַך טיבער, איז דאָס סאַמע אָרט אַף צו דערזען די אַרכעאָלאָגיע פונעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין דער אייביקער שטאָט. פּונקט אַזוי ווי עס טרעפט, אַז אַ פּלאַסט פון שטיינקוילן ליגט אַפן אויבערפלאַך פון דער ערד — מע קאָן אים אַרויסבאַקומען, ניט גראָבנדיק קיין שאַכטעס, — אַזוי איז אויך דאָ אָפן פאַרן אויג די געטאָ־אַרכעאָלאָגיע. עס ליגט פאַר דיר פאַרגליווערטער אָוואַר. באַשרײַב אים, און פאַרטיק.

און איך, קומענדיק אַלע טאָג אין דער עלטסטער געטאָ פון דער וועלט, האָב געוואַרט, געוואַרט, — אַף וואָס האָב איך געוואַרט? אַף די מענטשן! צי קען מען זיך באַגעגענען מיט שטיינער פון דער געטאָ? און די מענטשן זײַנען ווו?

איך געדענק, ווי אין אַמסטערדאַם האָט מיך געמוטשעט דער זעלבער געפיל. אויך די דאָרטיקע געטאָ איז אַ מין כיראָסימאַ, — אירע מענטשן האָבן זיך ווי אויסגעדאַמפּט, און עס זײַנען פאַרבליבן בלויז אָפּשטעמפּלונגען פון זייערע פּיאַטעס אַף די שטיינער פון דער גאַס. איך האָב אין אַמסטערדאַמער געטאָ־ראַיאָן אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס רופט זיך אָן „אַמסטערדאַם, ווּהין האָסטו אַהינגעטאָן שפּינאָזען?”.

און אין לאָנדאָן האָב איך אַרומגעבלאָנקעט איבער ווײַטשעפּעל...

געטאָס זײַנען געוואָרן געשיכטע, נאָך מער — זיי זײַנען אַרכעאָלאָגיע. איז עס גוט? צי שלעכט? ס'איז גוט, וואָס געטאָס זײַנען פאַרשוווּנדן. שלעכט, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט געגעבן קיין אַלטערנאַטיוו. אין איינציקע ערטער (אין ניו־יאָרקער וויליאַמסבורג) האָט ער ניט געקאָנט בעסער צוטראַכטן, ווי אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער געשיכטע אין דער געטאָ.

דאָרט, ווו די אייראָפּעיִשע געטאָס זײַנען אַמאָל געווען, האָבן זאַמדן שוין פאַרשאָטן אַלץ מיטאַנאַנדער. וועגן נײַע שפּראָצונגען איז קיין רייד ניטאָ. איך בין אַרומגעגאַנגען איבערן אַלטן שטאָט־פּערטל פון רוים טראַסטעווער, אַפן רעכטן ברעג פונעם טיבער, אין די קרומע, שמאָלע, פינצטערע געסעלעך־ריוון, און ניט באַגעגנט קיין נײַע קלאַל־טוער, וועלכע זאָלן האָבן אָפּגעשאַפן די געטאָ בעקיוון, מיט אַ מיין, נאָכפאָלגנדיק אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם. ניין, די געטאָ אין רוים האָט מען פאַרלאָזט, פּונקט אַזוי ווי אַנדערע כורוועס אין אָט דער שטאָט.

מיר ווייסן, אַז כורוועס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע. פּאַוולאָווס הויז אין סטאַלינגראַד איז אויך אַ כורווע, אָבער אַוועלכע?

ביז איצט האָב איך אײַך ניט געשריבן וועגן דער געטאָ, ווײַל איך האָב געדאַרפט בא זיך אַליין פּויעלן, צי ס'איז ביכלאַל נייטיק באַשרײַבן די גאַסן, וואָס האָבן אַמאָל געהייסן „געטאָ”.

איינער אַ ייִדישער זשורנאַליסט האָט באַצייכנט אויך דעם וואַטיקאַן אַלס געטאָ. אַזוי צו זאָגן, אין רוים שטייען איינס קעגן דער אַנדערער צוויי געטאָס.

יאָ, געטאָ איז טאַקע אַ פאַרשלאָסענער און אָפּגעזונדערטער געביט. אָבער אויב אויפנעמען עס פאָרמעל, אַבי אַ שטיק ערד איז אָפּגעטיילט פון דער וועלט מיט אַ וואַנט, קאָן מען דאָך אויך די גרויסע כינעזישע מעדינע אָנעמען פאַר אַ געטאָ... וואָס איז שײַעך דעם וואַטיקאַן, איז פּאָשעט אוממעגלעך צו געפינען נאָך אַ צווייטן בײַשפּיל פון אַזאַ מין פאַרשלאָסנקײַט, וועלכע

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 2, 3, 1973.

זוכט, אז אַלץ אַרום זאָל פּאַר איר, צוליב אירע אינטערעסן, זײַן אָפּן. אפילו א קינד ווייסט, אז געטאָ און אָרעמקײַט, געטאָ און רעכטלאָזיקײַט זײַנען סינאָנימען, און ווער וועט לייקענען, אז סינאָנימען זײַנען וואַטיקאַן און פּאַנטאַסטישע רײַכקײַט, וואַטיקאַן און געזאַלבטע מיט גאָטס נאָמען אַלמעכטיקײַט.

פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין דער זעלבער מאָס אייגנטימלעך פאַרשיידענע געטאָס. אָבער עס איז קלאָר, אַז געטאָ צו געטאָ איז ניט גלײַך. דער בונקער אין וואַרשעווער געטאָ איז פון זעלבן מין, ווי פּאַוולאָווס הויז אין סטאַלינגראַד! אָבער די אַלטע שול אין רוימער געטאָ מיטן יאַרמלקע־ייִנגעלע באַם אַרײַנגאַנג, וועלכער רוקט אַרײַן אין האַנט דעם טוריסט א מאַכזער, געדרוקט אין איטאַליעניש, — די אויסגעליידיקטע פון היסטאָרישקײַט און ניט־באַנײַטע מיט הײַנטיקײַט סינאַגאָגע איז פול מיטן זעלבן ערזאַץ פון פאָלקישקײַט, וואָס ווערט מיצאַד די אָבסקוראַנטן קאָנסערווירט אין וויליאַמסבורג.

געטאָס זײַנען שטענדיק געווען א סאָציאַלע דערשײַנונג, און הײַנט — אַוואַדע.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר איך האָב אין דער אַרכעאָלאָגיע ניט געפונען אַזוינס, וועגן וואָס א סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער זאָל דאַרפן מיט גרויס אײַלעניש טייקעף־אומעיאַד מיטיילן זײַנע לייענער. אָט, ווען אין די גאָר־גאָר אַלטע געסעלעך און ליקן פון דער געוועזענער רוימער געטאָ וואָלט איך געפונען כאָטש איין לייען־קרײַזל פונעם ייִדישן בוך, אָדער א בינעזאַל, וווּ מע שטעלט אַן איינאַקטער מיט, לעמאָשל, דער ייִדישער ווערסיע פון א הײַנטצײַטיקער אַל־איטאַליענישער פּראָבלעם, — אָט דעמלט וואָלט זיך צעשפּילט אין מיר דער אינטערעס.

ייִדן זײַנען געקומען קיין רוים פון אַלעקסאַנדריע מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק. מע רעכנט, אַז אין אָנהייב פונעם 2־טן יאָרהונדערט ערעוו אונדזער צײַט־רעכענונג האָבן זיי דאָ שוין געשאַפן א קעהילע. א סימען — אין 139־טן יאָר פאַר קריסטוסן האָט דער פּרעטאָר גיספּאַן אַרויסגעגעבן א דעקרעט, מע זאָל זיי אַרויסטרײַבן, און אויב מע טרײַבט עמעצן אַרויס, איז עס דער בעסטער באַווײַז, אַז ער איז דאָ.

די געשיכטע פון די ייִדן אין רוים פאַרמאָגט אין זיך ניט ווייניק פּיקאַנטע סוזשעטן. אַשטייגער, ווען עס האָט רעגירט דער פּויפּסט ניקאָלײַ IV (מיט א יאָר זיבן הונדערט צוריק), האָט אין זײַן הויף געהאַט א גרויסן שעם דער דאָקטער איסאַאַק בען מאָרדעכײַ. אונטער דער ווירקונג פון דעם געלערנטן מאַן האָט דער פּויפּסט געטאָן א סאַך טויוועס דעם ייִדישן ייִשעוו, האַלטנדיק זײַן צאַד בייס די פאַרפאָלגונגען, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון קאַטוילישע גײַסטלעכע. אַדאַנק דעם דאָקטערס אויפקלערערישער טעטיקײַט האָט די קעהילע אײַנגעפירט א לימוד אַף צו דערלערנען מײַמאָנידס פילאָסאָפיע. נאָך מער: ווען די כלי־קעדייעס אַרום מײַמאָנידן זײַנען דערגאַנגען צו פראַנקרײַך, האָט די רוימישע קעהילע אַוועקגעשיקט אַהין א ראָוו מיטן נאָמען סימכע, און יענער האָט געבראַכט אַף די ברעגן פון דער סענע א קאָפּיע פון מײַמאָנידס קאָמענטאַרן צו דער מישנע: נאַט, לייענט עס אַליין, וועט איר וויסן, וואָס פאַר א כאָכמע עס איז דאָ אַרײַנגעלייגט...

ציקאַווע איז די „ייִדישע ליניע" אין דער געשיכטע פונעם אוראַלטן רוים. ווען איך וועל זיך אומקערן קיין מאָסקווע, וועלן מיר מיט אײַך צוזאַמען א זוך טאָן בײַ סטענדאַלן אין זײַן בוך „שפּאַצירן איבער רוים" דאָס אָרט, וווּ עס ווערט דערציילט, אַז אין קלויסטער סאַן־דזשאַקאָמאָ געפינט זיך דער שטיין, אַף וועלכן מ'האָט קלוימערשט מאַלע געווען יעזוסן. אַפן שטיין איז נאָך דאָ א „סימען", וואָס דער פוס פונעם קינד האָט איבערגעלאָזט (אָפּשטעמפּלונגען פון פּיאַטעס אַף שטיינער...). עס ווערט דערציילט א מײַסע, אַז א פור מיט רעליקוויִעס, צווישן זיי אָט דער שטיין, איז געפאָרן צו דער קאַטעדראַלע פונעם הייליקן פּיאָטער, וווּ די רעליקוויִעס האָבן געדאַרפט אָפּגעהיט ווערן פאַר דער אייביקײַט, נאָר אינמיטן וועג, לעם קלויסטער סאַן־דזשאַקאָמאָ, האָט אַן אומזעבאַרע האַנט אָפּגעשטעלט די פור — פונעם שטויס איז דאָס פערד שיִר ניט אומגעפאַלן. די רעליקוויִעס זײַנען שוין דאָ פאַרבליבן.

האַקלאַל, ווידעראַמאָל היסטאָריע און מיטאָלאָגיע, נאָכאַמאָל אַרכעאָלאָגיע...

הײַנט האָב איך פּאַקטיש זיך געזעגנט מיט דער רוימער געטאָ — געווען דאָ דאָס לעצטע מאָל, גרייט שוין זיך לאָזן אין וועג, צוריק קיין מאָסקווע. מאָרגן וועל איך צופאָרן אַף א פּאָר טעג קיין פלאָרענץ, און דערנאָך — אַהיים. אינדערפרי איז געווען קילבלעך, ערטערווײַז אַפילע קאַלט. פון די בערג האָט געבלאָזן א ווינט — „טראַמאָנטאַנאָ". איך בין לאַנג אַרומגעגאַנגען אין די געסלעך פון דער געטאָ. איבערן קאָפּ, אַף דורכגעצויגענע פון הויז צו הויז שטריק, האָבן געפלאַטערט אַפן ווינט די באַרימטע פענער פון טראַסטעווער — ווײַבערשע און מענערשע גרעט־שטיקלעך. איך האָב זיך געפילט איינזאַם. און מיטאַמאָל האָט מיך אַרומגעכאַפּט א שטראָם פון היימישער וואַרעמקײַט. א פרוי פון א יאָר 30, אָנגעטאָן אין אַזעלכע זאַכן, וואָס באַווײַזן, אַז זי איז אויסגעטאָן, האָט א רוף געטאָן עמעצן, אַריבער־

בייגנדיק זיך פונעם באלקאָן פון דעם צווייטן שטאָק פון אַן אָפגעריבן הויז, אַן אויסגעוואלגערטס אין דער רועך ווייסט וואָס, און אַף דער צעוואלגערטער הילצערנער טעראסקע, אין וועלכער עס שפארט זיך פונקט אָן דער באלקאָן, האָט זיך באוויזן א צווייטע פרוי פון א יאָר זעכציק, א פארקוטעטע אין א שווארצער רעטאָנדע, וואָס פארשפיליעט זיך ביז צום קין, און אין א שווארצער פאטשיילע. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די יונגע וואָלט א רוף געטאָן די אלטע ספעציִעל קעדיי ווײַזן א ספעקטאקל פון ווײַבערשער קריגערײַ, ווײַל ווי נאָר די צוויי האָבן זיך באגעגנט מיט די אויגן, איז אוועק אזא גוואלד — מיט הענט־ווארפעניש און צוצמאָקען מיטן צונג, מיט פײַגן און איבערקריימענישן, — אז אין מײַן זיקאָרן האָט זיך אָנגעהויבן דרייען עפעס אזוינס, וואָס איז ענלעך אַף א קורצמעטראזשיקן קינאָפילם מיט קאדרען פון דער שוין פארגעסענער פריִער קינדהײַט.

אינגאנצן אומגעריכט פאר מיר איז געווען דער פינאל פונעם ספעקטאקל. די צוויי פרויען האָבן אין איין אויגנבליק זיך אופגעהערט צו קריגן. די עלטערע האָט, אָן אן אריבערגאנג, גענומען זינגען עפעס א קאנסאָנעטע, די ייִנגערע האָט אָנגעהויבן געמיטלעך שמועסן מיט א באוואָנציקטן מאנצבל, וואָס איז ביז איצט געשטאנען אין שאָטן אפן טראָטואר און נאָכגעשפירט נאָכן ווײַבערשן דועט.

צוריק פון דער געטאָ בין איך געגאנגען דורך די הינטערגעסלעך פון רוים. ביסקל דעם נאָוואָנא־פלאץ האָב איך אויסגעמיטן פאראדנע מאגיסטראלן. בא בערניניס „פאָנטאנען פון די פיר טײַכן” — „פאָנטאנאָ דעי פיומי” — האָב איך זיך אָפגעשטעלט און שוין דאָס וויפלטע מאָל באטראכט די פארקערפערטע אין מארמאָר און גראניט מענטשלעכע שוואכקײַטן בא גרויסע קינסטלער. איך וועל אײַך דערמאָנען, אין וואָס דאָ גייט. די סוזשעטישע „אקס” פון דזשאָוואני לאָרענסאָ בערניניס סקולפטור־גרופע — דאָס זײַנען די מעכטיקע פיר מאנצבלשע פיגורן, וועלכע סימבאָליזירן פיר וועלט־טײַכן: ניל, לא־פלאטא, גאנג, דונײַ. ס׳איז איבעריק צו ריידן וועגן דער מײַסטערשאפט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס „פאָנטאנאָ דעי פיומי”. נאָר אָט — א קאָנפוז: איין פיגור פירט זיך אוף עפעס זייער מאָדנע, ניט אזוי ווי עס דרינגט ארויס פון דער לאָגיק. אָנשטאָט צו „שפילן אין אנסאמבל”, אונטערהאלטן די שטימונג און די פראָפאָרצן פון דער גאנצער גרופע „טײַכן”, האָט גאָר איין פיגור אופגעהויבן די האנט אין דער הייך און מיט ווידערווילן פארשטעלט זיך די אויגן. עס ווײַזט זיך ארויס, אז די פיגור־פײַנשמעקערן „וויל ניט” קוקן אַף דער סטאטוע פון א מאדאָנע, וועלכע שטייט קעגניבער, אפן דאך פון דעם שכיינעסדיקן קלויסטער.

— מאָדנע, זייער מאָדנע, — קוועטשן מיט די פלייצעס אייניקע טוריסטן, — אומגלייבלעך, אז אין א סקולפטור־גרופע זאָל איינע פון די פיגורן זיך אופירן מײַסע לעבעדיקער נעפעש, אזוי, ווי ס׳פארגלוסט זיך איר...

אָבער אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָ די סיבע — א קריגערײַ, ניט צווישן צוויי סקולפטורן, נאָר צווישן צוויי סקולפטאָרן. בערניני און זײַן מיטצײַטלער באָראָמיני — דער אווטאָר פון דער מאדאָנע — האָבן זיך איבער עפעס צעשטורכעט, און בערניני האָט ניט געקאָנט פארלײַדן, וואָס פונקט אנטקעגן „פאָנטאנאָ דעי פיומי” וועט שטיין די מאדאָנע פון אָט דעם באָראָמיני.

יאָ, מיט אָריגינעלע וועגן זײַנען צו אונדז דערגאנגען די לײַדנשאפטן פונעם אָוואר. אין מעשעך פון העכער דרײַ הונדערט יאָר איז דער פלאץ נאוואָנא אן ארענע פאר א דראמע, וועלכע שפילט זיך אָפ אין דער „שעפערישער סוויווע פון סקולפטאָרן”. מיינט אָבער ניט, אז, לעמאָשל, בא די פאָעטן איז אין אוראלטן רוים געווען אלץ גלאט. בישכיינעס מיטן פלאץ נאָוואָנא איז פאראן א קליין פלעצל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם דיכטער פאסקינאָ. איז דאָ די געשיכטע ניט ווייניקער פיקאנט, איידער יענע, וואָס האָט זיך פארלאָפן בא בערניניס „טײַכן”.

דער דיכטער פאסקינאָ האָט געפירט א צולאָכעס ניט מיט עפעס א סקולפטאָר באָראָמיני, נאָר מיטן פויפסט אליין! ער האָט געשריבן סאטירעס, פול מיט סארקאזם קעגן גאָטס פארטרעטער אַף דער ערד, און די פויפסטלעכע מאכט האָט, נאטירלעך, פארבאָטן צו פארעפנטלעכן זיי. וואָס האָט געטאָן פאסקינאָ? אפן פלעצל, וועגן וועלכן איך דערמאָן דאָ, פלעגט ער יעדע נאכט ארונטערלייגן אונטער דער סטאטוע פון דער הייליקער מאריִע א נײַע סאטירישע ליד, און אַף מאָרגן האָט שוין גאנץ רוים זי אויסווייניק געלייענט אין די גאסן, אַף די פלעצער, אין די קאפע־הײַזער.

מע דערציילט, אז לויטן בײַשפיל פון פאסקינאָ האָט אין גאנץ איטאליע זיך פארשפרייט אן עפידעמיע פון אונטערלייגן אונטער סטאטועס בלעטלעך פאפיר מיט פערזן. ווען מע האָט וועגן דעם דערציילט אלעקסאנדער בלאָקן, בייס זײַן רײַזע איבער איטאליע, האָט ער ארויסגעזאָגט באדויערונג, וואָס די מענטשהײַט האָט דורכגעלאָזט א געלעגנהײַט צו האָבן א זעלטענע זאמלונג פון גראפאָמאניע, און דאָס איז געווען אזוי גרינג צו פארווירקלעכן, ווען עמעץ וואָלט זיך דערטראכט אוועקצונעמען יעדן טאָג פון די סטאטועס דאָס, וואָס באנאכט

האָבן אונטערגעלייגט הונדערטער און עפּשער טויזנטער קראַנקע מיט גראַמענמאַכערײַ...

אכטער בריון

פאַרן אָפּפאָרן קיין פלאָרענץ בין איך געווען צוגאַסט באַם סענאַטאָר אומבערטאָ טעראַטשיני. ער האָט מיך אופגענומען אין זײַנע אַרבעט-צימערן אין סענאַט.

ווי איך האָב נאָך פריִער געקאָנט באַמערקן פון דער פּרעסע, נייטיקט זיך טעראַטשיני אין צוגאָבלעכער אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָפּן גערעדט, ווען אין „ל'עספּרעסאָ” האָט זיך באַוויזן (דאַכט זיך, אין מאַרט 1971) זײַנע אַן אַרויסזאָגונג אַרום דעם לענינגראַדער מישפּעט איבער דער גרופּע אַעראָפּלאַן-פאַרכאַפּער, איז שווער געווען צו מאַסקים זײַן מיט זײַן שטעלונג. איך האָב באַשטימט, זײַענדיק אין רוים, זיך דורכשמועסן מיטן אַלטן סענאַטאָר-קאָמוניסט. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן דעם אַנטיקווארן מעבל אין די סענאַט-צימערן א מידער פון די טאָג-דײַגעס, און גערעדט, אין גרונט, טאַקע וועגן דעם, אַז אָפּן מײַרעוו איז מען ניט גענוג באַקאַנט מיט די פאַקטן פון אונדזער לעבן: די קוואַלן פון אינפאָרמאַציע זײַנען פאַרשטאָפּט מיט דער אַנטיסאָוועטישער שמוץ, וואָס עס וואַרפן אונטער פּראָפּאַגאַנדע-צענטערן פונעם ציוניזם.

מיר האָבן געשמועסט א גוטע פאָר שאָ, און ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער געבײַדע פונעם סענאַט, איז שוין געווען סאָף טאָג. פאַרבײַפאָרנדיק דעם קאָליזיי, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו זען פונדאַנען דעם זון-פאַרגאַנג איבער רוים, בייס וועלכן די קאָכיקצונטע לאַווע פון דער זון-שמעלצונג האַלט זיך אין איין אַריבערגיסן — פון דעם הימל אין די מעטאַלענע קופּאָלן פון דער שטאָט, און, ווידער, פון די שוין, דאַכט זיך, צעשמאָלצענע שטיקער מעש, קופּער, גאָלד אָפּן לײַב פון דער שטאָט — צוריק אין הימל אַרײַן.

דער קאָליזיי איז, ווײַזט זיך אַרויס, ניט אַזוי פאַרהאַקט, מע זאָל שוין ניט קאָנען אַהין אַרײַנרוקן די נאָז. אַזא גרויסע כורווע איז פּאַשעט אומעגלעך צו פאַרשליסן אָף א שלאָס. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין איינעם א דורכגאַנג, און דאָס בילד, וואָס כ'האָב דערזען, איז אומעגלעך איבערצוגעבן מיט ווערטער. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין די נעכט איז דער קאָליזיי א מאָקעם-מיקלעט פאַר דער רוימישער אונטערוועלט. קלאַוודיוס אַמפיטעאַטער איז אין פיל ערטער באַלויכטן מיט שײַטערס, אַרום וועלכע עס זיצן מענטשן — מאַנצבלען און פרויען — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מע טרינקט, מע זינגט, מע שלאָגט זיך, מע שפּילט סצענעס, מע קושט זיך... די בראָדיאַגעס, פּראָסטיטוטקעס, קעשענע-גאַנאָווים, גלאַט פאַרפאַלענע מענטשן האָבן דאָ אײַנגעשטעלט זייערע קלאָלים, און אין רוים רעדט מען, אַז א פרעמדער קאָן פאַרנאַכט אַהער אַרײַנגיין, — פאַרטאָג וועט מען אים פונדאַנען אַרויסטראָגן...

קיין פלאָרענץ בין איך געפאָרן מיט דער באַן. אין קופּע זײַנען אויסער מיר און מײַן באַגלייטער געזעסן פיר מאַנצבלען מיט אַלציינעם אויסזען, אין אַלציינע פּידזשאַקלעך, מיט אַלציינע טשעמאָדאַנדלעך — ווי פיר ברידער, דאָרפסלײַט, וואָס פאָרן אין באָד אַרײַן, — און זיי האָבן זיך שטאַרק געקריגט. צוביסלעך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ניט זיי קריגן זיך, נאָר זיי שטעלן אוף אין זיקאָרן פּראָטים פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו זיי אַלעמען א דירעקטע שײַכעס. זיי זײַנען פונקציאָנערן פון דער נעאָנאַציסטישער פּאַרטיי „איטאַליענישע סאָציִאַלע באַוועגונג”, און פאָרן פאָרט מען אָף א מיטינג פון אָט דער כעוורע אין דעם שטעטל פּרעדאַפּיאָ, ניט ווײַט פון מילאַן, ווו אָפּן אָרטיקן בעסוילעם איז אײַנגעמויערט אין דער וואַנט דאָס אַש פונעם דוטשע, וועלכן זיי רופן „קאַוואַלער בעניטאָ”. זייערע געשרייען זײַנען אָט וועגן וואָס. לעמאָשל, איינער זאָגט, אַז מוסאָליניס אַלמאָנע, די 82-יאָריקע ראַשעל (זיי רופן זי ראַקעלע), באַקומט שוין פאַר איר מאַנעלע א פּענסיע — די איטאַליענישע רעגירונג האָט נאָכגעגעבן איר פאָדערונג. דאַן שלאָגט אים איבער דער צווייטער און שרײַט אָפּן גאַנצן וואַגאָן, ווענדנדיק זיך צו זײַנע כאַווײרים, צו מיר, צו די פּאַסאַזשירן, וועלכע גייען פאַרבײַ דער קופּע, — אַז „קאַוואַלער בעניטאָ” פאַרדינט בעפּיירעש א פּענסיע, ווײַל ער איז געווען זעקס יאָר א לערער אין אַן אָנפאַנגשול, געדינט אַכט מיט א האַלב יאָר אין מיליטער, און צוואַנציק יאָר מיט אַכט כאָדאָשים און מיט זיבן און צוואַנציק טעג האָט ער „געאַרבעט אַלס דוטשע”. דער דריטער שאָכן מײַנער כאַזערט איבער מיטן טעמפּעראַמענט פון א גאַסן-רעדנער די ווערטער, וואָס עס האָט ערשט נעכטן געזאָגט באַ א געלעגנהײַט ראַקעלע. זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט געקאָנט פאָדערן נאָך א גרעסערע פּענסיע — אַלס די אַלמאָנע פון א געוועזענעם פּרעמיער-מיניסטער, וועלכער איז „באַפרײַט געוואָרן פון די פליכטן” (א היסטאָרישע ספּראַוקע דערצו: די איטאַליענישע פּאַרטיזאַנער האָבן מוסאָלינין באַפרײַט אָף אַזא אויפן. דעם 25 יול 1943 האָבן זיי אים געקעפּט און אופגעהאַנגען דעם פּייגער מיטן קאָפּ אַראָפּ אָף איינעם פון די מילאַנער

פלעצער. — א. וו.); זי קאָן, זאָגט זי, פּאָדערן מערער, נאָר עס ווילט זיך איר ניט שטעלן בעדיל־האדאל די איטאַליענישע מעדינע. א פּאַסאַזשיר, שוין אַלט־געהויקערט, וואָס גייט באַ אָט די רייד פון מײַן שאָכן פאַרבײַ אונדזער קופּע, שטעלט זיך אָפּ און זאָגט שטיל און פאַרזאָרגט: „דאַנקען גאָט, וואָס די בעסטיע פּאָדערט ניט, מע זאָל איר אָפּגעבן גאַנץ איטאַליע, וועלכע איז אַמאָל געווען דאָס אייגנטום פון איר מאַן“... אַלע פיר שכיינים מײַנע — די מאַנצבלען מיט אַן אַלציינעם אויסזען, מיט אַלציינע טשעמאָדאַנדלעך, ווי פיר ברידער, דאָרפסלײַט, וואָס פאָרן אין באָד אַרײַן, — וואַרפן זיך אַרויף אויף דעם אַלטן און נעמען אים זידלען מיט די לעצטע ווערטער. דער אַלטער איז ניט קיין לעמעלע, טוט ער אַ טראָג אונטער איינעם פון די שרײַער אַ ביינערדיקן פויסט אונטער דער סאָמע נאָז און גיט אים צו וויסן, אַז בעסאַכאַקל איז ער אַ געוועזענער „פּאַרטיזאַנאָ“ און איצט אַ „קאָמוניסטאָ“. און דעם שרײַער פרעגט ער, צוליב וואָס שלעפּט ער זיך אַהין, אויף דער ווילע קאַרפּענאַ, בישכיינעס מיטן פּרעדאַפּיאָר בעסוילעם, ווּ מוסאָליניס מאַדאַם האַלט אַ רעסטאָראַציע, פּאַקטיש אַ יאַווקע פאַר פּאַשיסטן. ווען דער כוצפּעניק שרײַט אויס, אַז ער און זײַנע כאַווײרים וועלן דאָרט אויסטרינקען צו גלעזלעך „דאָוואַנעצאַ“ (דער ווײַן איז אָנגערופן מיטן זעלבן נאָמען, ווי מוסאָליניס פּאַשיסטישער הימן), קומען אַרײַן פון דער שכיינעסדיקער קופּע צוויי געזונטע באָכערים און שטעלן זיך אַוועק שווײַגנדיק בײַ דער טיר. הינטער זייערע פּלייצעס זעט מען נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן. די שכיינים מײַנע מיטן אַלציינעם אויסזען ווערן מיטאַמאָל אַזוי שטיל, אַז מע הערט, ווי אַ פליג זשומעט אויף דער שויב פונעם וואַגאָן.

שא. דער אינצידענט איז פאַרענדיקט. מיר פאָרן ווײַטער. אַ דריי מיט די רעדער, און נאָך אַ דריי — און מיר זײַנען אין פלאָרענץ, אין דער אַמאָליקער קרוינשטאָט פון טאָסקאַנע, וועלכע איז זויכע געווען, אַז דער קלאַסיקער פון גאָלדשמידערײַ — בענווענוטאָ טשעליני — זאָל אין זײַן צײַט באַהויפּטן, אַז עס איז פאַראַן אַ באַזונדערע פלאָרענטינער נאַציאָנאַליטעט.

דאָס האָבן די עטרוסקן זי אָנגערופן „בליענדיקע“ — „פלאָרענציע“, — ווען זי איז געווען זייערער אַ יישעוו. וועגן דעם אײַנפאַל פון די עטרוסקן, ווי אויך וועגן טשעליניס זאָג, האָב איך זיך דערוווּסט טאַקע דאָ אין פלאָרענץ, אויפן בריק פּאָנטע וועקיאַ. ווען איך וואָלט פונעם בריק ניט געזען אַרום זיך דעם שטילן גוטמוטיקן טײַך אַרנאָ, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז איך געפין זיך אויף אַ האַנדלס־גאַס. פונדערווײַטן איז דער בריק אויך ענלעך אויף אַ פּראַכטצוג, וועלכער פאָרט אַריבער אַ טײַך. די ציררונג־געוועלבן, ענלעכע אויף אַלטע געקאָוועטע קאַסטנס, שטייען דאָ אין צוויי רייען, פון ביידע זײַטן בריק, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דאָס וואַסער. איך קוק אַרײַן אין די געוועלבן און זע, ווי שטאַרק פאַרנומענע און לויטן אויסזען אַזעלכע פּראָסטע מענטשן זײַנען פּונקט ווי אַריבערגעטראָגן אין אַ וועלט פון מײַסעדיקער שײַן־און־אָפּשײַן: זיי שמידן גאָלד און זילבער, שלײַפן דימענטן און בריליאַנטן, קריצן אויס אויף מויערקעפּלעך קאַמייעס, בלאָזן אויס אָרנאַמענטן פון צעשמעלצטן גלאָז.

נאָענט לעבן די געוועלבן דערזע איך אַן אימפּראָוויזירטן מאַרק, און איך האַנדל דאָרט אײַן בײַ אַ טונקלהויטיקן מאַנצבל (ער שטאַמט פון די עטרוסקן) אַ פלאַש, וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ מאַנטעלע פון אַ האָן: דאָס העלדזל פון דער פלאַש איז דער האַלדז פונעם האָן, עס פעלן אויך ניט — סײַ „פעדערן“, סײַ אַ רויטער „קאַם“, סײַ געלבלעך־גאָלדענע „פליגעלעך“... האַקלאַל, אַ האָן אַן עטרוסקישער — פיל אים אָן מיט פײַערדיקן ווײַן!

מײַן כאַווער, וואָס שטייט דערבײַ, דערמאָנט זיך, אַז אין מײַנער אַן אַלטער ליד רעדט זיך וועגן אַן עטרוסקישער שטאָט, וועלכע מע האָט אָפּגעגראָבן, און דאָרט גיי איך אַרום צווישן כורוועס און לעב דאָרט, און זוך מײַן פאַרלאָרענע ליבע, פּונקט ווי כ׳וואָלט סײַ געווען אַ הײַנטיקער מענטש, סײַ נאָך אַלץ געווען אַ מענטש פון דער אָפּגעגראָבענער שטאָט.

ספּירא,
די רוימישע שטאָט,
איז פאַרשוווּנדן,
אַרויסגעפּאַלן פון וועלטס זיקאָרן.
און איך האָב אַ ליימענעם קרוג דאָרט פאַרלאָרן
אין איינעם אַ ווײַטן, העט־ווײַטן יאָרהונדערט.
אַצינד, אַז מע ווייסט שוין, ווּ ספּירא געפינט זיך,
קער איך זיך אום אויף פאַרצײַטיקע ראָגן.
איך זוך אין פאַרשאָטענער שטאָט אין דער פינצטער —
דאָס מיידל איך זוך, וואָס דעם קרוג האָט געטראָגן.

אינגאַנצן ערשט צוויי מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט
די רוימיש־עטרוסקישע שטאָט איז פאַרשאָטן.
הערט מען נאָך אַלץ דאָרט אין אָוונט, אין דרויסן
דעם היימלעכן סקריפּ באַם פאַרמאַכן די לאָדן.

און זיכער איז נאָך ניט פאַרשטיינערט געוואָרן
מײַן שעפּטשען „געליבטע", דאָס נאָכגיין פּוסטריט איר,
דער קלאַפּ פונעם קרוג, ווען דאָס מיידל, פאַרציטערט,
פון אַקסל פון רעכטן זי האָט אים פאַרלאָרן.

דערנאָכדעם מע האָט מיך אין ספּירא דערהאַרגעט,
געוועזן איז א שווערע מילכאָמע, א שכיטע,
און כ'האָב ניט באַוויזן די שערבלעך פאַרהיטן,
צעדרויבלט זיי ליגן פון צײַטן פון האַרבע.
איז זײַ זשע מיר מויכל, מײַן מיידל פון ספּירא,
פאַר דעם, וואָס געלאָזט כ'האָב פון טויט זיך פאַרפירן.

איך זאָג צו מײַן כאַווער:

— א סימען האָסטו, אַז די עטרוסקישע שטאָט איז טאַקע אַפּאַנעמעסן געווען... אָט איז אויך א האָן געקומען פון דאָרטן...

דער פלאָרענטינער טוישעוו שאָקלט מיטן קאָפּ:

— שטעט זײַנען אייביק. בריקן זײַנען אויך אייביק.

— אויב מע רײַסט די בריקן ניט אויף...

— כאַ! — טוט א בליץ מיט די ציין און מיט די אויגן דער פלאָרענטינער. — דעם דאָזיקן בריק, פּאָנטע וועקיאַ, האָבן די עטרוסקן אויפגעבויט, נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען די רוימישע אימפּעריע. איך געדענק, כ'בין נאָך געווען א קינד, אין פיר־און־פערציקסטן יאָר איז עס געשען, די דײַטשן האָבן געוואָלט אויפרײַסן פּאָנטע וועקיאַ. אויפרײַסן פּאָנטע וועקיאַ! דאָס פאָלק פון פלאָרענץ האָט ניט דערלאָזט!

עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער איז בלאַס געוואָרן. אָנגעכאַפּט מיך פאַר דער האַנט, האָט ער מיך צוגעפירט צו א מעמאָריאַלער ברעט, וועלכע איז צוגעפעסטיקט צו דעם בריק:

— אַליין דאַנטע האָט באַזונגען פּאָנטע וועקיאַ...

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום בראָנזענעם ביוסט, וועלכער שטייט אויף דעם בריק, און, שוין א באַרויִקטער, פאַרגעזעגנט:

— דאָס איז דער דענקמאָל טשעליניִן; עס האָבן אים אַוועקגעשטעלט די גאָלדשמידער — זיי ווייסן, וויאַזוי צו שעצן ריין גאָלד. בענווענוטאָ טשעליני, זאָלט איר וויסן, האָט וועגן אונדז, פלאָרענטינער, געזאָגט גאָלדענע ווערטער...

אָט אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס טשעליני האָט געזאָגט וועגן די פלאָרענטינער.

איך האָב אויבן אָנגערופן דעם טײַך אַרנאָ „שטילער, גוטמוטיקער טײַך". נאָר אַזוי זעט ער אויס אַצינדער, ווען איך שטיי אויף איינעם פון די זיבן בריקן, וועלכע עס האָט איבער אים אַריבערגעוואָרפן די שטאָט. עס גלייבט זיך קוים, אַז ער, דער „שטילער גוטמוטיקער", האָט ניט לאַנג צוריק (ס'זײַנען פון דעמלט פאַריבער בלויז זעקס יאָר) זיך א וואָרף געטאָן, צו פאַרצוקן, אויף פלאָרענץ, אָנגעשיקט אויף איר אַן עמעסן מאַבל און שיִער ניט אַראָפּגעשווענקט, אײַנגעשלונגען, צעשמעטערט די שטאָט, וואָס איז אַליין א געניאַל ווערק פון דער מענטשהײַט און אין איר געפינען זיך אַזויפיל געניאַלע ווערק, וואָס די מענטשהייט האָט באַשאַפן.

דאָס איז געווען דעם 4 נאָיאַבער 1966. דער דרעמלענדיקער אַרנאָ האָט מיטאַמאָל זיך א הייב געטאָן און זיך אויסגעגאָסן אויף פלאָרענץ, גענומען אַראָפּשווענקען הײַזער, קלויסטערס, בריקן. אָנדערהאַלבן מעסלעס נאָכאַנאַנד, זעקס און דרײַסיק שאָ, האָט געבושעוועט אַרנאָ. ס'איז אָן אויפהער געגאַנגען א ווילדער שלאַקסרעגן. דער ווינט האָט געשלײַדערט איבער דער ערד אויטאָמאָבילן, ווי גלײַך דאָס וואָלטן געווען פּעקעלעך פון שוועבעלעך; מיט בלאָטע און שמוץ פונעם טײַך־דנאָ זײַנען באַדעקט געוואָרן די צוויי קאָפּיעס פון דער אומשטערבלעכער סקולפּטור פונעם יונגן ביבלישן העלד דאָוויד, וועלכע ס'האָט אַוועקגעשטעלט אויף צוויי פּלעצער פון דער שטאָט אַליין מיקעלאַנדזשעלאָ; די בלאָטיקע שפּריצן פון דער פינפמעטערדיקער כוואַליע און די אַרויסגעוואָרפענע דורך איר קלעצער, אײַזן־שטיקער, ביימער האָבן דערגרייכט דעם קופּאָל פונעם טעמפּל פון דער הייליקער מאַריִע דעל פיאָרע, דאָס ווערק פון ברונעלעסקי, וועגן וועלכן מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געזאָגט: „שווער צו מאַכן אַזוי גוט, ניט מעגלעך צו מאַכן בעסער"; נאָך דער פאַרפלייצונג האָבן רעסטאַווראַטאָרן און סאָלדאַטן לאַנג גערייניקט און געפּוצט דאָס אָרט אויפן סיניאָריִע־פּלאַץ, ווו מע האָט מיט קאַרגע 500 יאָר צוריק אויפגעהאַנגען און שפּעטער פאַרברענט סאַוואָנאַראָלען, דעם מוירעד קעגן דער טיראַניִע פון די מעדיטשיס און פונעם פּויפּסטלעכן הויף, ס'איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט טײַך־אָפּפאַלן מאַקיאַוועליס קייווער. אין דער קירכע סאַנטאַ קראָטשע איז צעגעסן געוואָרן פון מאַזוט איינס פון די ווערטפולסטע אין דער וועלט בילדער — טשימאַבועס „די קרייצונג". דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעריסן פון דער באַפּטיסטעריע[1] פונעם הייליקן דזשאָוואַני דעם

[1] באַפּטיסטעריע — א געבײַדע אויף דורכצופירן דעם ריטואַל פון טויפן.

שעדעווער פון לאָרענצאָ גיבערצי — די בראָנזענע באַצירונגען אפֿן טויער, וואָס דער זעלבער מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אים אָנגערופֿן „דער טויער פֿונעם גאַניידן“. אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פֿון פלאָרענץ זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן צוויי הונדערט פֿופֿציק טויזנט בענדער — אוראַלטע ביכער, מאַנוסקריפּטן!

ווען אָט דעם מאַבל, וועלכן עס האָט איבערגעלעבט פלאָרענץ, האָט מיר דערציילט דער סעקרעטאַר פֿון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „איטאַליע — פּסר“ גריִלי. פֿירנדיק מיך איבער די ערטער, וווּ הײַנט זעט מען נאָך שפּורן פֿונעם אומגליק, האָט ער גערעדט וועגן זײַן שטאָט, ווי וועגן אַ לעבעדיקן וועזן, וואָס שענקט אַלעמען פֿרייד און מאַכט אַלעמען זאָרגלאָז — און איז אַליין פֿאַרזאָרגט און באַלעסטיקט מיט שווערע דערמאָנונגען. ווען איך האָב באַקוקט די אָרטיקע סינאַגאָגע — אַ פּרעכטיקן געבײַ, באַצירט מיט פֿאַרביקן מאַרמאָר און גראַניט, — איז אַוועק אַ רייד וועגן נאָך איין שווערער דערמאָנונג פֿון דער זוניקער שטאָט — וועגן דעם, וויאַזוי אין 1944 האָט זיך די דײַטשישע אָקופּאַנטן אײַנגעגעבן אַרויספֿירן פֿון צוויי פלאָרענצער מוישעוו־זקיינים 248 ייִדן, קעדיי זיי — אומבאַהאָלפֿענע, אַלטע, קראַנקע — „אויסזידלען“ קיין אוישוויץ, צו די קרעמאַטאָריעס. פלאָרענץ גרויסט זיך מיט דעם, וואָס אַלפּי־קלאַל זײַנען די ייִדן דאָ געווען ווי עס געהער צו זײַן אויסבאַהאַלטן — סײַ אין די הײַזער פֿון דער שטאָט, סײַ אין די אַרומיקע ייִשוּווים. אָבער די מוישעוו־זקיינים האָט מען ניט אויסגעהיט! — שווער געווען צו גלייבן, אַז די מערדער וועלן אויך אַהין אַרײַן.

אַגעוו, אַזאַ דערשיטערנדיקער פּראַט פֿון דער טראַגעדיע: ווי געזאָגט, האָבן די דײַטשן געכאַפּט 248 ייִדן. אָבער אפֿן אָנדענק־טאָוול, וואָס איז אײַנגעמויערט אין דער וואַנט פֿון דער סינאַגאָגע, זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פֿון 249 קדוישים. ווער איז דער צוויי הונדערט נײַן־און־פֿערציקסטער?

די פלאָרענטינער טוישווים געדענקען נאָך ביז איצט דעם אַלטן פּראָפֿעסאָר פֿונעם אָרטיקן אוניווערסיטעט, דעם ראָוו פֿון שטאָט נאַטאַן קאַסוטאַ. זײַן באַהעלטעניש איז געווען אין אַ הויז פֿון איטאַליענער, ניט ווײַט פֿון דער סינאַגאָגע. בײַס דער „אויסזידלונג“ האָט ער פֿונעם פֿענצטער געזען, ווי מע יאָגט צונויף די ייִדן אפֿן פּלאַץ פֿון דער שול, עס קומען אָן לאַסט־אויטאָמאָבילן און מע טרײַבט אַרײַן אין זיי די אומגליקלעכע זקיינים און קינדער. דאַן רײַסט ער זיך אַרויס פֿון די הענט פֿון זײַנע באַשיצער, פֿאַרלאָזט די באַהעלטעניש און לאָזט זיך לויפֿן מיט אַ וויי־געשריי צום פּלאַץ.

אַזויאַרום, זײַנען אין יענעם טאָג אַוועק פֿון פלאָרענץ קיין אוישוויץ, אין זייער לעצטן וועג, ניט 248, נאָר 249 ייִדן.

פלאָרענץ איז ניט גרויס. ווען איך בין הײַנט אינדערפֿרי געקומען צו פּיאַצאַלע מיקעלאַנדזשעלאָ, אַף יענער זײַט אַרנאָ, און פֿון דער טעראַסע אַ קוק געטאָן אַף דער גאַנצער שטאָט, האָט זיך מיר דערמאָנט אַן אָרט אין דער טײַגע, ניט ווײַט פֿון סוטאַרע, וווּ עס ליגט אין דער אייביקער שטילקייט, ווי מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם, אַ העל־וואַסערדיקע אָזערע, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט אַ בלויען רויכל פֿון די פֿאַרנעפּלטע בערגלעך. דער פּלאַץ זעט אויס, ווי אַן אַטעליע פֿונעם גענאַלן מײַסטער, וועמענס נאָמען ער טראָגט; נאָך דעם מײַסטערס אַוועקגיין פֿון דער וועלט שטייען דאָ ניט גערירט די ווערק זײַנע: די סימבאָלישע פֿיגורן „טאָג“, „נאַכט“, „אינדערפֿרי“, „אָוונט“, די קאָפּיע פֿון דער סקולפּטור פֿונעם יונגן העלד דאָוויד.

פלאָרענץ פֿאַרמאָגט דרײַ „דאָווידס“. די צווייטע קאָפּיע שטייט אפֿן סיניאָריִע־פּלאַץ, דער אָריגינאַל — אין מוזיי פֿון דער אַקאַדעמיע, אַף וויִאַ ריקאַסאָלי. איך האָב ניט געקאָנט אַוועקפֿאָרן צוריק קיין רוים, ניט אָנקוקנדיק זיי אַלע דרײַ. פֿאַר מיר איז דאָס וויכטיקסטע אין „דאָווידן“ — די יונגע אייביקייט זײַנע, דאָס קערפּערלעכע אַלס קוואַל און באַשטעטיקונג פֿונעם גײַסטיקן קויעך. ווײַסער מאַרמאָר גיט עס איבער אַמבעסטן. אין אַן אַנדער צײַט, און אויך הײַנט, וואָלט מען דאָווידן אָנגעטאָן אין זײַנע זעלנערשע קליידער, ווײַל ס'איז אָנגענומען, אַז קויעך פֿאַרמאָגט דער, וועמען עס איז גוט באַוואָפֿנט, כאָטש אַליין מעג ער זײַן פּיזיש אַ שוואַכלינג. דער העלד איז עפֿעקטפֿול אין זײַן קליידונג. מיקעלאַנדזשעלאָס „דאָוויד“ איז ווי אַן עפּל אַף דער צווײַג, אין דעם טוִי. זײַנע אַלע אייגנשאַפֿטן טראָגט ער אין זיך — דערונטער די אומפֿאַרמײַדלעכקייט פֿונעם זיג איבערן ריז גאָליִאַס.

שפּאַצירנדיק איבער דער שטאָט, בין איך אַרײַנגעקומען אין קלויסטער סאַן־לאָרענצאָ, ניט ווײַט פֿון דער באַפּטיסטעריע. ס'האָט מיך איבעראַשט די פּראַקטישקייט פֿון דער הײַנטצײַטיקער קירך. אין די זונטיקס זײַנען פֿאַרמאַכט אין שטאָט די קלייטן. אָבער אויב איר ווילט עפּעס קויפֿן, קאָנט איר אַרײַנגיין אין קלויסטער, דאָרט מעג מען האַנדלען. אין עטלעכע זאַלן פֿון סאַן לאָרענצאָ, וועלכע רינגלען אַרום דעם הויפּט־לאָקאַל מיטן אַלטאַר און מיט די קוואָרים פֿון די מעדיטשיס, זײַנען אויסגעשטאַט קראָמען, אין וועלכע איר קאָנט קויפֿן אַ מאָדערנעם האַלדזטוך, אַ פּאַסיקל צו די הויזן, אַ באָד־אָנצוג פֿאַר אײַער פֿרוי. אין איי־

נעם א צימער, נעענטער צום אלטאר, ליגן ביכער. ביכער אין דער רוסישער שפראך! איבער זיי — אן אופשריפט אף רוסיש: „אונדזער כאָשעווער גאסט פון רוסלאנד! איר קאָנט נעמען די דאָזיקע ביכער אָן געצאָלטס, ווי אן אומזיסטיק געשאנק". וואָס פארא ביכער לייגט אונדז פאָר דער קאטוילישער קלויסטער אין דער שטאָט פלאָרענץ? איך נעם אין דער האנט עטלעכע פון זיי. א נייַע אויסגאבע פון דער קאדעטישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער זאמלונג פונעם אָנהייב יאָרהונדערט „וויעכי"; פּיאָטער סטרוּוועס אן אָפּוס איבער אידעאליסטישער פילאָסאָפיע; סאָלזשעניצינס „אווגוסט 1914". אף יעדן בוך — אן אופשריפט: „פארלאג „פּאָסיעוו". פראנקפורט־אם־מייַן, מייַרעוו־דייַטשלאנד". די ביכער, ווי געזאָגט, זייַנען אומזיסטע: נעם וויפל דו ווילסט.

איך בין איבערראשט פון דער פראקטישקייַט פון דער הייַנטצייַטיקער קאטוילישער קירך... ס'איז אָבער קעדייַ א קוק צו טאָן אופמערקזאמער אף אָט דער פּראקטישקייַט.

דער פארלאג „פּאָסיעוו", אזא ברייטהארציקער באם פארשפרייטן צווישן די סאָוועטישע לייענער ספּעציאַליזירטע אנטימארקסיסטישע און אנטיסאָוועטישע ליטעראטור, ווי אויך די אָן אופהער שעפּטשענדיקע און שרייַענדיקע רוסיש־אויסלענדישע ראדיאָס „פרייַע אייראָפּע", „פרייַ רוסלאנד", „פרייַהייַט", זייַנען פאר מיר א שטיקל רעטעניש. פארשטייט זיך, איך בין ניט קיין נאַיווער מענטש און פארגעס ניט אף קיין רעגע, אז קאלטער קריג איז קאלטער קריג. נאָר בא דעם אלעמען איז דאָך פאראן אן אונטערשייד פון א ראדיאָסטאנציע, וועלכע זאָגט ארויס אן אנדער מיינונג, האלט זיך בא א קעגנזעצלעכער אידעאָלאָגישער קאָנצעפּציע, און א ראדיאָסטאנציע, וואָס פארנעמט זיך אויסשליסלעך מיט אידעאָלאָגישער דיווערסיע, פירט זיך אוף, ווי די ספּעציעלע אָפּטיילונגען אף אן עמעסער מילכאָמע, וועלכע שטעלן אוועק זייערע ראדיאָ־רופּאָרן בא דער פייַער־ליניע און סטארען זיך דעמאָראליזירן די מענטשן אף דער צווייטער זייַט, זיי זאָלן דערדריקטע און איבערגעשראָקענע, אוועקוואַרפן זייער געווער און אריבערגיין אף דער זייַט.

אין מאָסקווע איז פאראן א פארלאג פון דער נייַס־אגענטור „נאָוואָסטי", וועלכער לאָזט ארויס ביכער אף ענגליש, דייַטש, פראנצויזיש, שפּאניש און אנדערע שפּראכן. דאָס איז אָבער ניט קיין אונטערהייַסערישע, נאָר אינפאָרמאַטיווע ליטעראטור. דער סאָוועטישער פארלאג דערציילט דעם אויסלענדישן לייענער דעם עמעס וועגן סאָוועטנפארבאנד. „פּאָסיעוו" איז גאָר עפּעס אנדערש. דאָס איז א רוסישער פארלאג, וואָס געפינט זיך אין מייַרעוו־דייַטשלאנד און העצט אונטער דעם רוסישן סאָוועטישן לייענער, ער זאָל ווערן א סוינע פון זייַן לאנד.

אין האָטעל, ווו איך ווין, איז פאראן א יאָר־קאָמפּלעקט פונעם דייַטשישן (האמבורגער) זשורנאל „קאָנקרעט". אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון דער אויסגאבע האָב איך אויסגעלייענט אָט וואָס.

א קאָרעספּאָנדענט פון „קאָנקרעט" האָט זיך געווענדט מיט א פראגע צום דעפּארטאמענט פון קאָמוניקאציעס אין באָן, פארוואָס די מייַרעוו־דייַטשישע מאכט־אָרגאנען דערלויבן, עס זאָל אף דער טעריטאָריע פון דער בונדעס־רעפּובליק פונקציאָנירן די פייַנטלעכע צום סאָוועטנפארבאנד „ראדיאָ פון „פרייַען רוסלאנד", וועלכע ווערט, באגלייַך מיט די צוויי אנדערע אויבן־אָנגערופענע ראדיאָסטאנציעס, פינאנסירט פון דער אמעריקאנער צענטראלער אויסשפּיר־פארוואלטונג אלס ראדיאָ־דינסט פון שפּיאָנאזש און פייַנטלעכער פּראָפּאגאנדע.

א פאָרשטייער פונעם באָנער קאָמוניקאציע־דעפּארטאמענט האָט געענטפערט, אז די טראנסליאציעס פון „פרייַען רוסלאנד" ווערן געפירט „ניט פונעם באָדן אין מייַרעוו־דייַטשלאנד", נאָר פון אן אווטאָמאָביל, וועלכער פאָרט ארום איבער די וועגן פון באוואריע, אָנהייבנדיק פון 12 באנאכט און ביז 4 פארטאָג.

נו, און די רעדאקציע, ווו מע גרייט דעם טעקסט פאר די אנטיסאָוועטישע טראנסלירונגען, זי איז אויך „עקסטעריטאָריאַל"?

— די רעדאקציע האָט אן אדרעס. זי געפינט זיך אין פראנקפורט־אם־מייַן, פליורשיידוועג, 15.

וואַרט א רעגע! ווי מיר שייַנט, איז דער זעלבער אדרעס אָנגעצייכנט אף די ביכלעך, וועלכע עס גיט ארויס דער פארלאג „פּאָסיעוו"...

גאנץ ריכטיק. די ראדיאָסטאנציע און דער פארלאג האָבן איין באלעבאָס — די עמיגראנטישע אָרגאניזאציע „נאראָדנאָ־טרודאָוואָי סאָיוז" — „נ. ט. ס.". מע קאָן זאָגן פּינקטלעכער: דער פארלאג „פּאָסיעוו" איז אייַנצייַטיק א רעדאקציע פאר דער ראדיאָ־טראנסליאציע „פרייַ רוסלאנד".

„נ. ט. ס." עקזיסטירט פון 1932 יאָר. עס פלעגט זי שטארק קעכלען היטלער, דערנאָך — דער שעף פון דער מייַרעוו־דייַטשישער אויסשפּיר־דינסט געלען. זי פארמאָגט אירע אָפּטיילונגען, אויסער מייַרעוו־דייַטשלאנד, אין דאָרעם־קאָרייע, טייַוואן, ווי אויך אין דער נייטראלער שווייץ...

אזא איז דער געדרייטער און פארדרייטער וועג, מיט וועלכן דער דיווערסיע־פארלאג „פּאָסיעוו" שיקט אריַין רוסישע ביכער קיין פלאָרענץ פאר סאָוועטישע טוריסטן, וועלכע קומען זען דעם קלויסטער סאן־לאָרענצאָ.

ניַנטער בריוו

נעכטן האָב איך פון פלאָרענץ זיך אומגעקערט קיין רוים. מאָרגן גאנצפרי פליט אָפּ פון רוים א סאָוועטישער אעראָפּלאַן אין „לאַנד פון די שנייען". אך, ווי עס ציט מיך צו די שנייען...

ביזן אָפּפליִען זײַנען פארבליבן, הייסט עס, געציילטע שאָען. איך וועל שוין אין ערגעץ ניט גיין, מיט קיינעם זיך מער ניט טרעפן. נעכטן פארנאכט בין איך געווען צוגאַסט בא דער שריפטשטעלערן — א לאורעאט פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע — נאטאליע לעווי־גינזבורג. זי וווינט אין אן אלט הויז, ווו דער ערשטער שטאָק איז ניט צעטיילט אף באזונדערע כאדאָרים און זעט אויס, ווי, לעהאַוודל, אן ארײַנגאַנג אין א הייל, און אף די העכערע שטאָקן לעבן מענטשן אין דירעס מיט אלע הײַנטצײַטיקע באקוועמלעכקײַטן: עלעקטרע, גאז, טעלעפאָן, טעלעוויזיע.

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט זיך קוינע־שעם געווען מיט אירע ראָמאנען „דער פאמיליען־ווערטערבוך" און „די קליינינקע מײַלעס". אין זיי ווערט באשריבן דאָס לעבן פון די צוויי פאמיליעס, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט דער פאמיליען־נאָמען לעווי־גינזבורג, דערבײַ איז די מישפּאָכע פונעם טורינער פּראָפעסאָר לעווי א פארקערפּערונג פון דער בירגערלעכער אינטעליגענטיש־באדאכטער און אידיליש־אָפּגענאַרטער אסימילירטער ייִדישער סוויווע, און דער ייִנגערער דאָר — די לעאָן גינזבורגס — זײַנען די טרעגער פון דער אנטיפאשיסטישער אונטערערד, פונעם אקטיוון ווידערשטענדלערישן גײַסט. בעכיין איז דער פארבינדצייכן אין דער פאמיליע לעווי־גינזבורג ניט קיין איבעריקער, אָבער ס'האָט א זין יענע צופעליקײַט, וואָס אין דער ייִדישער שורע שטייט „לעווי" פון רעכטס און „גינזבורג" פון לינקס...

וועגן דעם האָב איך געשמועסט מיט נאטאליע לעווי־גינזבורג.

זי האָט מיט עטלעכע טעג פאר אונדזער באגעגעניש פארעפנטלעכט אן ארטיקל וועגן דער „ייִדן־פּראגע". דאָס ארטיקל האָב איך ניט געלייענט, נאָר כאווײרים האָבן מיר ווערטערלעך איבערגעזעצט א קאָמענטאר צו דעם אונטערן נאָמען „צוויי ייִדן וועגן די ייִדן", וועלכן עס האָט, אלס דערמוטיקונג פאר דער פּאָפּולערער שרײַבערן, אָפּגעדרוקט אין „אוניטא" דער זשורנאליסט־קאָמוניסט מאוריציאָ פעראַרא. לעווי־גינזבורג אליין האָט מיר געשילדערט די זאך אזוי. די „ייִדן־פּראגע" פירט זיך אוף, ווי, לעמאָשל, א קאץ, וועלכע — ווען מע טאסקעט זי ניט ארײַן פון א צווייטן צימער און מע הייבט ניט אָן זי צו באווײַזן פאר די געסט, לאָזט זי וועגן זיך ניט צו הערן, פונקט ווי זי וואָלט ביכלאַל אף דער וועלט ניט געווען, אָבער ווי נאָר מע נעמט זיך מיט איר ארומטראָגן, איבערגעבנדיק זי פון האנט צו האנט, הייבט זי אָן זיך צו דראַפּען.

— דאָס רעדן אָן אופהער וועגן א „ייִדן־פּראגע", — זאָגט נאטאליע לעווי־גינזבורג, — איז געוווּנטשן וועמען איר ווילט, נאָר ניט די ייִדן.

ווען עס איז אוועק א רייד וועגן קאָלערלייאָבסקוראנטן און דינער פונעם קאלטן קריג, און איך האָב אין אָט דעם קאָנטעקסט באמערקט, אז ייִדן זײַנען פאראן פארשיידענע — גוטע און שלעכטע, — האָט זי מיט דער גרעסטער גאלאנטקײַט דורכגעלאָזט, ווי ניט געהערט, דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דער קלאסן־דיפערענציאציע אינעם ייִדישן פאָלק, און אייבערגעכאַזערט א קאלאמבור, ווער עס איז אוטאָר עס איז סידניי סאָנינא (אן אָפּשטאמיקער פון ייִדן, געווען אמאָל פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון איטאליע), — אז יעדעס לאנד האָט אזעלכע ייִדן, וועלכע עס פארדינט צו האָבן...

אפן מײַרעוו, צווישן דער אינטעליגענץ, האָט מען ליב צו ריידן שיין. א געשפרעך צווישן צוויי אָדער עטלעכע מענטשן איז אן איבונג אין אפאָריסטיק, א מין טורניר פון שיינרײַדערײַ, א טעאטער־שטיק, בייס וועלכן מע פּאָזירט איינער פארן אנדערן.

נאטאליע לעווי־גינזבורג האָט זיך דערוווּסט, אז איך קום ערשט פון פלאָרענץ, האָט זי זיך אף דעם אָפּגערופן אזוי: „פלאָרענץ פארמאָגט אלע גוטע אייגנשאפטן פון רוים, אכוץ די שלעכטע"...

וועגן דער אזויגערופענער ייִדיש־איטאליענישער ליטעראַטור (איך באנוץ די אומגאנגדעפיניציע; כ'האלט אָבער, אז אזא ליטעראַטור איז ניטאָ: די ווערק, וועלכע זײַנען געשריבן אין ייִדיש, געהערן צו דער ייִדישער ליטעראַטור, די ווערק מיט ייִדישער טעמאטיק אין דער איטאליענישער, אָדער רוסישער, אָדער ענגלישער שפּראַך זײַנען אָנגעהעריק צו דער איטאליענישער, רוסישער, ענגלישער ליטעראַטורן), — וועגן דער ליטעראַטור פון די ייִדישע אווטאָרן, וועלכע שרײַבן אין איטאליעניש, זאָגט זי:

— אלע ראָמאנען פון אזעלכע שרײַבער, ווי מיר, זײַנען פאקטיש קינסטלערישע אווטאָביאָגראַפיעס — די געשיכטע פון ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע פאלן ארונטער אונטערן האמער פון די וועלט־געשעענישן. נעמט, אשטייגער, דזשאָרדזשאָ באסאניס בארימטן ראָמאן „דער גאָרטן פון פינצי־קאָנטיני". דאָס אָרט פון דער האנדלונג איז דעם אווטאָרס געבורט־שטאָט פעראַרא, דער העלד איז ער אליין, דער אווטאָר. עס ווערט דערציילט וועגן זײַן דערהוי־

בענער ליבע צו דעם מיידל מיקאַל, וועלכע גייט אוועק מיטן רויך אין דער גאַז־קאַמער פון אוישוויץ. באַם לייענער אין זיקאָרן פאַרקריצט זיך דעם אוטאָרס לעבנס־געשיכטע און די דראַמאַטישע געשעענישן אין דער אַלט־אײַנ־געזעסענער ייִדישער מישפּאָכע מאַזיני — דער קאַלעס מישפּאָכע. אויב זיך גוט צוקוקן, איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז אַף אַן ענלעכער לעבנס־קאַליזיע זײַנען געבויט מײַנע ווערק. און א דריטער בײַשפּיל — פּרימאָ לעוויס ראָ־מאַנען „אָט דאָס איז א מענטש” און „וואָפּנ־שטילשטאַנד”. אין ערשטן ראָמאַן ווערט גע־שילדערט די דעפּאָרטאַציע פון ייִדן אין טורין און זייער פּײַן און אומקום אין אוישוויץ, ביז יענעם מאָמענט, ווען די נאָך ניט פּאַרגאַזטע און אומגעבראַכטע אַסירים האָבן דערזען דעם ערשטן סאָוועטישן רויטאַרמייער; און ווײַטער (אין צווייטן בוך) — דער „וואָפּנשטילשטאַנד”, וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט אַף א קורצער צײַט גלײַך נאָכן קריג און פּאַרן אָנהייב פון דער קאַלטער מילכאָמע. דער העלד פונעם ראָ־מאַן האָט זיך געראַטעוועט פון דער גאַז־קאַ־מער, און אַפן וועג צוריק קיין טורין זוכט ער די ווידערופשטעלונג פון ווערטן, דעם זין פון א העמשעך. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז שוין איצט אָפּגעשוואַכט. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז געוואָרן אַנטבלויזט אין אוישוויץ...

— דאָס הייסט, — רוף איך זיך אָן, — איר, און באַסאַני, און פּרימאָ לעווי און, מיסטאָמע, אויך דזשאָרדזשאָ וואָגרא־פּאַנאָ — ווי מיר דוכט, איינער פון די אַמערסטן אינטערעסאַנטע איטאַליענישע שילדערער פונעם ייִדישן מאָ־טיוו, — איר זײַנט „ייִדישע שרײַבער” בלויז דאַן, ווען איר באַשרײַבט די טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק...

— דעם עמעס געזאָגט — יאָ. דאָס איבעריקע איז א פּראָגע פון סטיל. איליאַ ערענבורג, א רוסישער שרײַבער, האָט געניצט אויסדריק־מיטלען, וועלכע האָבן פיקסירט די נאַציאָנאַ־ליטעט פונעם אוטאָר, און דאָס האָט ניט גע־שטערט אים זײַן א רוסישער שרײַבער. פאַרק־קערט — אין זין פון סטיל־אייגנשאַפטן האָט עס אָנגעוויזן אַף זײַן אינדיווידואַליטעט. ווען דער איטאַליענישער לייענער בלעטערט א בוך פון א ייִדישן אוטאָר, פילט ער באַשײַמפּערלעך, אַז דער אוטאָר איז א ייִדישער — סײַ לויט דער הומאָריסטישער מאַניר, סײַ לויט ספּעצי־פישן אומעט, לויט דער נייגונג צו מאָנאָלאָ־גירן, צו אָפּשטעלן זיך באַ דעם אָדער יענעם פאַקט און א פילאָסאָפיר טאָן, א „דריי טאָן מיטן גראָבן פינגער”...

— און ווען די האַנדלונג גייט, לויט דער צײַט, ווײַטער, ווען דער אוישוויצער נאַציאָ־נאַלער מאָמענט איז שוין אַריבערגעפירט אין רעטראָספּעקציע, וואָס פאַר א פּאָזיטיווע פּראָ־גראַם האָט איר דאַן?

— שווער צו ריידן וועגן „פּראָגראַם”. באַ אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד זוכט מען אין אַלץ „פּראָגראַמען”, „פּלאַטפאָרמעס”...

— נו, לאָמיר זאָגן אַנדערש. דער העלד פון אײַער ראָמאַן, דער איטאַליענישער ייִד, האָט איבערגעלעבט דעם פאַשיזם און זיך אומגע־קערט פון אוישוויץ קיין טורין, פעראַראַ, רוים, פלאָרענץ, ווענעציע... באַשרײַבנדיק אים איצט, — אין וואָס זעט איר זײַן נאַציאָנאַלן אידעאַל?

מיר האָבן ביידע זיך צעלאַכט: אָך, דער סאָ־וועטישער מענטש! ראַק ער זוכט „אידייען”, „אידעאַלן”...

— איך וויל, איר זאָלט מיך ריכטיק פאַר־שטיין, — האָט זיך פאַרענטפערט נאַטאַליע לע־ווי־גינזבורג, — פּאָליטישע אידעאַלן, געזעל־שאַפטלעכע פּראָגראַמען — מיר אין איטאַליע קערעווען זיך דען אויס צו זיי מיט דער פליי־צע? אָ, ניין! איך פאַרזיכער אײַך, מיר זוכן זיי און גייען זיי טאָמיד אַנטקעגן. נאָר באַ אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער וועג צו זיי קלאָרער, איידער באַ אונדז. אָט פרעגט איר זיך אָן וועגן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל באַ מײַ־נע העלדן, באַ די הײַנטצײַטיקע איטאַליענישע ייִדן. ווייס איך ניט, צי כ׳וועל פאַרשטאַנען ווערן, אויב איך וועל ענטפערן, אַז דער נאַציאָ־נאַלער אידעאַל געשטאַלטיקט זיך איבער אין א סאָציאַלן אידעאַל. די צוקונפט געהער דעם יונגן לעאָן גינזבורג, און ניט דעם אַלטן פּראָ־פעסאָר לעווי...

איך האָב געזאָגט נאַטאַליע לעווי־גינזבורג, אַז איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, וואָס זי מיינט, און אַז זי און איך האָבן דאָ אַלציינע אידייען, שטייען אַף איין פּלאַטפאָרמע, פריידיקן אָן אַל־ציינע פּראָגראַם, זײַנען באַגײַסטערט מיט איינע און די זעלבע אידעאַלן.

באַמערקנדיק, אַז איך באַקוק פונדערווײַטן די ביכער־פּאָליצעס, האָט נאַטאַליע לעווי־גינז־בורג דערלאַנגט פון דאָרט א נײַ סייפּערל, גאַנץ פּײַן אַרויסגעגעבן:

— דאָס איז א זאַמלונג, מע קען אַפילע זאָגן א שטיקל אַנטאָלאָגיע, פון נײַן און צוואַנציק נײַע העברעיִשע דיכטער (אָנגעהויבן פון ביאַ־ליקן) אין דער איבערזעצונג אַף איטאַליעניש. זי איז אָקאָרשט דערשינען.

איך האָב א פרעג געטאָן מיט גרויס נײַגער:

— ווי אָפט גייען באַ אײַך אַרויס איבערזע־צונגען פון איוריט און פון ייִדיש?

נאַטאַליע לעווי־גינזבורג האָט מיט א שמייכל מיך געוואָרנט, אַז זי וועט באַלד זאָגן א פראַ־זע אַף ייִדיש, וועלכע זי האָט אויסגעלערנט אַדאַנק איר באַהאַוונטקײַט אין דײַטש:

— איין מאָל אין איין יאָבעל...
איך האָב איבערגעזעצט:
— איין מאָל אין א יויוול...
— דאַנקע..
ניין, מע קען אַפילו ניט ריידן וועגן וועלכער־ניט־איז רעגלמעסיקער אַרבעט אַף צו באַקענען די איטאַליענער מיט די ליטעראַטורן בא ייִדן, און דאָך...
און דאָך האָט נאַטאַליע לעווי־גינזבורג ניט אויסגעהאַלטן און זיך א פּאַטריאָטיש באַרים געטאָן:
— דער ערשטער ייִדישער בוך אין דער וועלט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בא אונדז אין איטאַליע. אין פּאַדוע, אויב כ'האָב קיין טאָעס ניט, מיט פינף הונדערט יאָר צוריק...
איך האָב געפּרוּווט פּאַרזיכטיק דערווידערן:
— די פּראָנצוויזן באַהויפּטן, אַז מיט א פערטל יאָרהונדערט פריִער, איידער אין איטאַליע, איז אין אַוויניאָן שוין געווען ייִדישער דרוק־וועזן...
נאַטאַליע לעווי־גינזבורג האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן:
— אויב זיך צוהערן צו די פּראַנצויזן, איז ביז אָדאַם האָרישענען שוין געווען א פראַנצויז...
פאַרשרייַבנדיק איצט אונדזער שמועס, טראַכט איך: אויב ריידן ערנסט, האָט נאָך די ליטעראַטור־וויסנשאַפט ניט געגעבן קיין פּינקטלעכן ענטפער, וואָס עס איז אַזוינס ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע מאָלערײַ, ייִדישע מוזיק... ס'איז ניט אינגאַנצן קלאָר, וואָס עס איז דאָ באַטרעפנדיק: די פּערזענלעכקײַט פונעם אווטאָר, צי דער כאַראַקטער פון די אויסדריקמיטלען, צי די סטיל־אייגנשאַפטן, צי די נאַציאָנאַלע אַטריבוטן פונעם מאַטעריאַל. צי עפּשער דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט די אַלע, און מעגלעך נאָך אַנדערע, פאַקטאָרן?
וואָס פאַר א מיינונג מע זאָל וועגן דעם ניט האָבן, איז קלאָר, אַז דאָס איז א פּראַגע, וועלכע פאָדערט אַן ענטפער. וועקפּאָרן אָבער פון א לאַנד מיט א פּראַגע אַף די ליפּן — טויג ניט. וועל איך בעסער זיך אָנהייבן געזעגענען.
צוריק מיט א יאָר זעקס, פאַרענדיקנדיק מײַנע א גאַסט־רײַזע קיין אורוגוויַ, בין איך געשטאַנען בא אַן אויסוואַל — אַף וועלכער שפּראַך אויסרופן „טשאַו". אַף שפּאַניש זאָגט מען „טשאַו" באַם געזעגענען זיך, אַף איטאַליעניש — באַם באַגעגענען זיך. האַגאַם איך האָב אין יענעם מאָמענט זיך טאַקע געזעגנט, האָב איך, וועלנדיק אונטערשטרײַכן, אַז די רײַזע איז אַן אָנהייב פון א גרויסער פרײַנטשאַפט, געזאָגט „טשאַו" אַף איטאַליעניש. אויך איצט טו איך דאָס זעלבע, און דאָ אין איטאַליע וועט

דער איטאַליענישער טײַטש פון „טשאַו" קלינגען נאַטירלעך:
— שאָלעם־אַלייכעם, טשאַו!

פּ. ס.

שרײַבנדיק דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָפּשיקן אים מיט דער פּאָטשט וועל איך שוין ניט באַווײַזן, און סע וועט פּאָשעט ניט זײַן נייטיק, ווײַל אויב מיטנעמען אים מיט זיך, וועט ער קיין מאָסקווע קומען צו פליִען גיכער, איידער אַף אַנדער אויפן.
א נאָפּקעמינע, צי דעם בריוו וועט אײַך ברענגען דער פּאָטשטאַליאָן, אָדער איך אַליין וועל אים ברענגען. אַבי עס וועט זײַן א בריוו. אַגעוו, איצט האָב איך די מעגלעכקײַט אַרײַנשרײַבן אין אים אַן אינטערעסאַנטן מאָמענט.
צווישן מײַנע שכיינים אין סאַלאָן פונעם אַעראָפּלאַן געפינט זיך דער איטאַליענישער מאָלער רענאַטאָ גוטוזאָ. איך וועל ניט גיין פאַר אײַך איבערכאַזערן, ווער ער איז און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זײַן שאַפונג. ער פליט קיין מאָסקווע אַף דער עפענונג פון זײַן פּערסאָנעלער אויסשטעלונג. בא דער געלעגנהײַט וועט אויך פאָרקומען די צערעמאָניע פון איבערגעבן אים די צווישנפעלקערלעכע לענין־פּרעמיע „פאַר פעסטיקן דעם שאָלעם צווישן די פעלקער".
צוערשט זײַנען מיר געזעסן א שטול לעבן א שטול. איצט האָט אונדז צעטיילט, ריכטיקער געזאָגט — פאַרייניקט אַן איבערזעצער. איז אָט — אַרויסגעכאַפּט גלײַך פון גוטוזאָס מויל, און אוועקגעלייגט אַפן פּאַפּיר, און נאָט אים אײַך, א פרישינקן, דעם טשיקאַוון געדאַנק, וועלכן עס זאָגט אַרויס א הײַנטצײַטיקער מאָלער. גוטוזאָ טוט דורכן פענצטערל א קוק אַף דער מילכיקײַט פונעם הימל, וואָס קלעפּט אַרום אונדזער אַעראָפּלאַן, און זאָגט, האַלטנדיק די גאַנצע צײַט אַראָפּגעלאָזט די גערדיכטע ברעמען, ווי גלײַך דער אופגעקומענער בעשאַסמײַסע געדאַנק וואָלט געווען אַן איי, און די ברעמען מיט די אויגן און מיטן שטערן — די הון, וועלכע וואַרעמט אויס דעם געדאַנק, ער זאָל זיך בעסער אויספּיקן.
— אין דער מאָלערײַ, — זאָגט רענאַטאָ גוטוזאָ, — האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די הימלטעמע. ערשטנס, איז אַן אַנדערער דער קוקווינקל, די „פּאָזיציע" פונעם קינסטלער, ווען ער מאָלט דעם הימל־רוים. פריִער פלעגט ער קוקן אַפן הימל בלויז פון אונטן אַרויף — א שוואַך באַשעפעניש, וואָס איז פאַרכאַפּט און באַגײַסטערט, און אויך באַגרענעצט, באַטראַכטנדיק דאָס אומבאַגרענעצטע, דעם „אייבערשטנס רעזידענץ" (אין דער אַרכיטעקטור איז פון אָט דעם קוקן פון אונטן אַרויף געפּור־

רעמט געוואָרן דער קלויסטער־קופּאָל). דער הײַנטיקער מאָלער, אויפהייבנדיק זיך אַף אַן עראָפּלאַן, האָט זיך דערזען אינמיטן פון א ספערישן קײַלעך, ווו אין דער הייך און אין דער נידער איז די פּערספּעקטיוו א קופּאָלאַר־טיקע. דער אונטערשטער קופּאָל האָט א דנאָ — די ערד, און דאָס גיט א מעגלעכקײַט דעם פּראָגרעסיוו־דענקענדיקן קינסטלער ארויסצוגיין פון מאטעריאַליסטישע האנאָכעס, פּילן שטענדיק דעם באָדן אונטער די פיס, זײַן פארבונדן מיטן לאנד, מיטן פאָלק, מיטן רעאַלן לעבן. צווייטנס, האָט זיך איצט אין דער טעמע געענדערט, ביז איר קעגנזאַץ, די פּאַליטרע. לעמאָשל, ווען מע קוקט אפן הימל פון אונטן ארוף, זײַנען די כמארעס טונקעלע, שווארצע („שווארץ, ווי א כמארע"...). פון אויבן דערזעען מיר אָבער, אז זיי זײַנען שניי־ווײַס (מע דארף שוין נוצן דעם אויסדרוק „ווײַס, ווי א כמארע"...), און, פארשטייט זיך, דער גאנצער קאָלאָריט ווערט אַן אנדערער, די שטימונג — א פּרינציפּיעל־געענדערטע.

איך דערמאָן זיך, אז מיט א צײַט צוריק האָט מיר דאָס זעלבע (נאטירלעך, אינסטרומענטירט מיט קאטעגאָריעס פון זײַן פאך) געזאָגט דער שאכמאטיסט מיכאַיל טאל:

— אין אַן עראָפּלאַן „שפּיל איך שאָך", באטראַכט די העכסטע אידיי פון דער שפּיל. קוקנדיק פונעם הימל, ביסטו שוין אפּאנעמעסן „העכער פון דער ברעט". אלע מאָסן און פּערספּעקטיוון זײַנען אנדערע, איידער דאַן, ווען דו געפינסט זיך אַף דער ערד. די צוויי „פעלדער" — דאָס ווײַסע און דאָס שווארצע — זײַנען ניט צעריסן צווישן זיך, די מילכאָמע צווישן זיי פארלירט דעם לעצטן שפּור פון אמביציעזקײַט, די צוויי קעגנזעצלעכע קאָלירן הייבן אָן אונטערהאלטן צווישן זיך א קאָנטאקט. די שלאכט באקומט דעם זין פון אנטוויקלונג...

נאָר אָט איז שוין ווידער שערעמעטיעוואָ. די רעדער פון אונדזער לײַנער זוכן שוין די ערד. שאָלעם־אַליכעם, מאָסקווע!

שאָלעם־אַליכעם — טשאו!

הירש בלאַשטיין

שטענדיק אן אָנהייבער

דאָס איז געווען אין יענעם ווונדערלעכן טאָג, ווען יעדער סאָוועטישער מענטש איז געווען איבערפולט מיט פרייד און שטאָלץ פאַר זײַן לאַנד און פאַר זײַן אַרמיי, — דאָס איז געווען דעם צווייטן מײַ 1945, ווען אונדזער אַרמיי האָט אײַנגענומען בערלין.

איך האָב מיך גראָד דעמלט געפונען אין מאָסקווע, וווּהין איך בין געהאַט געקומען צוליב ליטעראַרישע ענינים. אין דעם גרויסן היסטאָרישן טאָג האָב איך מיך געפילט עפּעס מאָדנע: די גאַנצע צײַט האָט מײַן געמיט ווי געפיבערט. דאָס איז געווען דער אומרו פון גרויסער פרייד, וועלכע עס נעמט דורך אַ ווייטעק. אינעם אוילעם, אויף די יאָמטעוודיקע פרילינגדיקע גאַסן, האָבן זיך דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפן יונגע און עלטערע פרויען מיט שוואַרצע בענדער אויף די אָרעמס...

און אין מיר איז אופגעגאַנגען אַ ליד, שורעס זײַנען איינע דער אַנדערער פאַרלאָפן דעם וועג. כ׳האָב געפילט אַ נויטווענדיקײַט זיי צו פאַרשרײַבן וואָס גיכער, נאָר קיין מעגלעכקײַט דערצו האָב איך ניט געהאַט.

אין מאָסקווע איז אין יענער צײַט שווער געווען צו באַקומען ניט נאָר אַ באַזונדער צימער, נאָר אפילע אַ בעטל אויף איבערצונעכטיקן. אויף צו אַרבעטן האָב איך מיך אײַנגעאָרדנט אין דעם קאַבינעט פונעם דירעקטאָר פון „עמעס״־פאַרלאַג לייב סטראָנגין. דאָ פלעג איך אפילע אויך קענען בלײַבן שלאָפן. דאָס אַלץ אָבער האָב איך געקענט טאָן בלויז נאָכן אַרבעטסטאָג.

...ס׳איז שוין געווען אָוונט, ווען איך בין געקומען „אהיים״ — אויף סטאַראָפּאַנסקי־געסל, אין דירעקטאָר־קאַבינעט. זייער שנעל האָב איך אָנגעשריבן דאָס ליד. און דאָ האָט מיט מיר פּאַסירט אַזוינס, וואָס ביז דעמלט האָט עס מיט מיר זייער זעלטן געטראָפן: איך האָב זיך צעווײנט אויף אַ קאָל און ניט געקענט זיך אײַנהאַלטן. דאָס האָבן באַנאַנד מיט דער אומגעהייערער פרייד־עמאָציע אַרויסגעשריגן פון מיר די יונגע און אַלטע פרויען מיט די שוואַרצע באַנטן אויף די אָרעמס. קעדיי זיך צו באַרויקן, האָב איך פאַרשטאַנען, דאַרף איך איצט גראָד זײַן ניט אַליין. כ׳מוז זיך כאָטש מיט עמעצן דורכריידן.

האָב איך אָנגעקלונגען צו מײַן אַלטן פרײַנט, נאָך פון אַרגענטינע, וועלכער האָט שוין עטלעכע יאָר געלעבט אין מאָסקווע, — צו מענאַכעם (מאַקס) ראָזען. איך געדענק קימאַט בוכשטעבלעך יענעם טעלעפאָן־געשפּרעך:

— כאַוועַר ראָזען, איך האָב נאָרוואָס פאַרענדיקט אַ ליד. איך וויל עס אײַך איבערלייענען, אויב איר זײַנט אופגעלייגט דערצו...

— מיר לייענען אַ ליד? געפונען אַ מייוון!.. איר זײַט דאָך געווען אונדזער ליטרעדאַקטאָר...

— כ׳וויל אײַך לייענען, נו, פּאַשעט: איך מוז לייענען...

— אויב עס איז אַ מוז, איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן. דער מוזעס אַ מוז מוז מען נאָכגעבן... איך בין גרייט.

— דאָס ליד איז וועגן בערלין. עס האָט שוין אפילע אַ נאָמען בײַ מיר: „די גרויסע שאָ״...

איך ווייס ניט, צי דער טעלעפאָן־אַפּאַראַט ראָזענס האָט בייסמײַסע עפּעס זיך פאַרהיקעט, צי מײַן קאָוונער אַקצענט, וואָס פלעגט אָפט — באַזונדערס אין אופגערעגטע מינוטן — מיר אונטערוקן אַ „סאַמעך״ אָנשטאָט אַ „שין״, — נאָר מײַן פרײַנט האָט אָנשטאָט „די גרויסע שאָ״ דערהערט — „דער גרויסער סאָף״, און האָט טייקעף מיר באַמערקט:

— מיר דוכט זיך, מײַן ליבער בלאָשטיין, אַז קיין גרויסער סאָף איז נישטאָ; ס׳איז דערווײַל בלויז דאָ אַ גרויסער אָנהייב... ווייסט איר וואָס? אויב איר ווילט, קום איך באַלד צו אײַך... איך ווייס דאָך, אַז איר ווילט... און איך וויל אויך...

פון דער גאָרקי־גאַס, ווו ראָזען האָט געוווינט, ביז סטאַראָפּאַנסקי איז ניט ווײַט. שוין אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך אים געלייענט:

ס׳פאַרשליסן זיך די לעצטע קרײַזן.
אָ, טרער פון פרייד, נישט שעם זיך, רין. —
אַ רויטאַרמייער וואַכט אין מײַ־זון
באַם אײַנגענומענעם בערלין![1]

---

[1] דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין איינעם פון די מײַ־נומערן פון דער צײַטונג „איינִיקײַט״ פאַרן 1945 יאָר.

נאָר שוין בא דער צווייטער שורע האָב איך דערזען, אז בא מײַן פרײַנט, וואָס האָט אין זײַן זייער שווער, אָבער זייער אינטערעסאנט לעבן געהאט אי א סאך פּײַנלעכע, אי א סאך דערהויבענע שאָען, — נעמט ציטערן א ליפּ בא אים און הינטער די ברילן־גלעזער טוט אן אויג א פינטל... ניט מײַנע באשיידענע שורעס זײַנען געווען שולדיק אין דעם. אין יענעם טאָג איז יעדער סאָוועטישער מענטש געווען דורכויס געוועבט פון עמאָציע.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאמען א פּאָר שאָ. באם געזעגענען זיך האָט ראַזען, לאכנדיק, מיר געזאָגט:

— און מײַן טעלעפאָן, זאָלט איר וויסן, זאַ־היקעט זיך ניט. אוי, ליטוואַק, ליטוואַק! ווײַזט אויס, אז אײַער „סין״ וועט אײַך שוין באגלייטן ביזן סאָף... — און, שוין ערנסט, פאַרגעזעצט: — און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן „סאָף״ און „אָנהייב״, מיין איך, איז ריכטיק, ס׳איז בלויז א גרויסער אָנהייב...

ער האָט יעדעס וואָרט ווי אָפּגעהאַקט מיט אן ענערגישער באוועגונג פון דער האַנט. נאָכ־דעם האָט ער זיך אליין צעלאַכט:

— איך האָב, דוכט זיך, פאַרגעסן, אז איך רייד מיט אײַך, און ניט אַף קיין מיטינג... נו, א גוטע נאַכט!

שטענדיק א בענימעסדיקער, צוגעלאָזטער, פרײַנטלעך־ליבער, גענייגטער צו שפּאַס און וויץ אין דער סוויווע פון פרײַנט און קאמפּס־כאווײרים, איז מענאכעם ראַזען געווען שאַרף און שנײַדיק, ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס דערווײַזן א קעגנער, אָדער אפילע א פרײַנט, אויב אים, ראַזענען, האָט זיך געדוכט, אז דער פרײַנט מאכט א פעלער...

אגעוו, איך געדענק ניט אזא פאַל, ווען ראַזען איז אין זײַנער אן אַרויסטרעטונג געווען ניט גערעכט. ער האָט שטענדיק אפּרי׳ער גוט דורכגעטראַכט יעדעס וואָרט און טאַט, איידער ער האָט עפּעס געזאָגט אָדער געטאָן. ער פלעגט פרי׳ער דיסקוטירן מיט זיך אליין — זיך פּרוּוון שטעלן אַפן אויסגעטראַכטן „אָפּאָנענטס״ אָרט, און ערשט דאַן קעגן אים אַרויסטרעטן. שאַרף, בײַז.

איך האָב עס איינמאָל געפילט טאַקע אַף זיך אליין. ראַזען האָט זיך „צערעכנט״ מיט מיר פאַר מײַנעם אן אַרויסטריט לעטוועס דעם „יידישן ליטעראַטן־פאַריין אין אַרגענטינע״. דאָס איז געווען אינעם ערשטן יאָר פון מײַן קומען קיין אַרגענטינע. איך האָב אינגיכן פאַר־שטאַנען, אז גערעכט געווען איז ראַזען.

און איצט, דעם 2־טן מײַ 1945, האָב איך בא ראַזענס „שאַרפן״ פאַרטיידיקן זײַן טעזיס וועגן סאָף און אָנהייב געשמייכלט צו זיך

מענאכעם ראַזען

אליין: ער האָט פאַרגעסן, אז פאַר מיר דאַרף ער אָט דעם טעזיס ניט פאַרטיידיקן...

איך האָב דאָך אים ליב געהאט און שטאַרק געאַכט אין א גרויסער מאָס טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען א שטענדיקער אָנהייבער. געווען און געבליבן אזא ביז זײַן פריצײַטיקן פלוצעמדיקן טויט. און אלע אָנהייבן זײַנע, דאָס גאנצע לעבן זײַנס איז געווען א מעסירעסנע־פעשדיקע דינסט דער פּראָגרעסיוועסטער אידיי פון דער הײַנטצײַטיקייט — דעם וועלט־איבער־בוי — איך וואָלט געזאָגט: דעם וועלט־איבער־שאַף — דעם גרויסן אָנהייב פון מאַרקס — לענין.

מענאכעם ראַזען איז געווען דער גרינדער פון א גרויסער ריי ייִדישע פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס. וועגן אייניקע פון די דאָזיקע וויכטיקע פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס וועל איך דאָ ווײַטער דערציילן.

נאָר פרי׳ער וועל איך מיר דערלויבן געבן דעם לייענער, וועלכער איז ניט באקאַנט מיט דער ראַזען־פּערזענלעכקײַט, א פּאָר ביִאָגראַ־פישע ידיִעס.

מענאכעם (מאַקס) ראַזען איז געבוירן גע־וואָרן דעם 1־טן מײַ 1889 אין לאָדז, פּוילן. קיין אַרגענטינע האָט ער אויסגעוואַנדערט אין 1909. געווען איז ער לויטן פאַך א דרוקער, א לינאָטיפּיסט. אין דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי פון אַרגענטינע איז ער אַרײַנגעטראָטן צו־

זאמען מיטן לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי, אין 1921. זייער גיך האָט ער זיך פּערעקאָמענדירט ווי א טוער פון באַדײַטנדיקן מאסשטאב. אינגיכן איז ער געוואָרן אויסגע־קליבן אלס מיטגליד פון צק פון דער ארגענטי־נער קאָמפּארטיי און אלס סעקרעטאר פון איר יידישער סעקציע. מע האָט זייער גיך דער־פילט, אז אין אים ברויזט „דער גרונטלייגער פון דער יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט־לעכקייט פון ארגענטינע" (דאָס קעפּל פון ש. דרוקאראָוס ארטיקל אין אן ארגענטינער צײַ־טונג באלד נאָך ראָזענס טויט).

נאָך דער פאשיסטישער איבערקערעניש אין ארגענטינע איז ראָזען ארעסטירט געוואָרן. אין 1933 ווערט ער ארויסגעשיקט פון לאנד קיין שפּאניע. ווען די ארבעטער פון שפּאנישן פּאַרט,

אין מאָסקווע. געשטאָרבן איז ער פּלוצעם, פון א האַרץ־שלאָג, דעם 18־טן יול 1947[1].

איינער פון זײַנע וויכטיקסטע אָנהייבן איז געווען דאָס אָרגאניזירן אין בוענאָס־אײַרעס דעם יידישן ארבעטער־קלוב „אַוואַנגאַרד". ראָזען האָט געפילט און פארשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אזא קלוב און די רײַף געוואָרענע צײַט פאר דעם: ס'איז געגאַנגען א מאסן־אימיגראציע קיין ארגענטינע פון יידישע ארבעטער און אָרעמע באַלמעלאָכעס, וואָס זײַנען געבליבן אָן מיטלען צו לעבן אין פּוילן, ליטע, רומעניע. אויף א סאך פון אָט די עלנטע, פארוואָרלאָזטע מענטשן — דעריקער יונגע — האָט געלויערט די געפאר צו פארלירן דאָס וויכטיקסטע, וואָס זיי האָבן דעראָבערט אין זייערע אַלטע היימען: דאָס קלאסן־באַ־

מ. ראָזען (דער פינפטער פון לינקס) אלס פארשטייער פון דער „מאָפּר"־אָרגאניזאציע
אויף א פײַערלעכער צערעמאָניע אין שפּאניע (סאָף 1938).

וווהין מע האָט געבראכט אונטער א וואך ראָ־זענען, דערוויסן זיך, ווער עס געפינט זיך אויף דער שיף, — באפרײַען זיי אים. אָבער באלד ווערט ער ווידער ארעסטירט און ארויסגעשיקט קיין פראנקרײַך. שפּעטער קומט ער צוריק קיין ארגענטינע. ארבעט אומלעגאַל. פילט אויס זײַן שליכעס. אויפן וועג צוריק קיין פראנקרײַך דורך אורוגוויי ווערט ער ארעסטירט און ארויסגעשיקט. אין 1938 דעלעגירט מען אים אלס פארשטייער פון „מאָפּר" קיין שפּאַ־ניע, וווּ ער פארבלײַבט ביזן סאָף פון בירגער־קריג. דאַן באַזעצט ער זיך שוין אויף שטענדיק

וווּסטזײַן. די דאָזיקע געפאר האָט געלויערט אויף זיי פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

צו יענער צײַט זײַנען שוין אין ארגענטינע, דעריקער אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס־אײַרעס, געווען גוט אָרגאניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן.

[1] א טייל פון די ידיעות, וואָס זײַנען דאָ געגעבן געוואָרן, האָט דער אוטאָר פון דעם ארטיקל באַקו־מען בא ראָזענס טאָכטער — קלאַרע מאַקסימאָוונע ראָזען, וועלכע לעבט, צוזאַמען מיט איר מוטער, אין מאָסקווע. זאָל מיר דערלויבט זײַן דאָ אויסדריקן איר מײַן דאַנק.

ה. ב.

דער גרעסטער טייל פון דער דעמלטיקער העכער 150־טויזנטדיקער ייִדישער באפעלקערונג אין דער הויפּטשטאָט האָט, כּוץ דער „קעהילע” מיט אירע הילפס־אנשטאלטן, געהאט אירע קלענערע, מער אינטימע, מער היימישע אָרגאניזאציעס — לאנדסמאנשאפטן — לויט די שטעט און שטעטלעך, פונוואנען די אימיגראנטן זײַנען געקומען. אין אָט די לאנדסמאנשאפטן האָבן געבאלעבאטעוועט די „ארופגעארבעטע”, די גראָבע טײַסטערס, זיי, די אופגעקומענע גווירים, האָבן דאָ געפירט דאָס רעדל לויטן נוסעך „ווער עס האָט די מייע, דער האָט די דייע”. און אָט די לאנדסמאנשאפטן זײַנען דאָס געוואָרן דער ערשטער אדרעס, ווו דער אימיגראנט האָט באלד נאָך זײַן קומען אין לאנד געזוכט א ביסל ווארעמקײַט, אלטע באקאנטע, מאטעריעלע הילף, ביז ער וועט קריגן ארבעט לויט זײַן פאך און מיטהילף אזא ארבעט צו געפינען.

די אימיגראנטן, ווי ס׳איז שוין געזאָגט, זײַנען מערסטנטייל געווען יוגנט, זעלטן — א פאָטער פון א פאמיליע. ניט געווען קיין געלט אף שיפסקארטעס פאר דער גאנצער מישפּאָכע. און די בענקעניש אהיים איז געווען אן אויסערגעוויינלעכע. ניט אומזיסט האָט דער אוילעם אין ייִדישן טעאטער געוויינט אפן קאָל, אָפּט אזוי הויך, אז אויך די אקטיאָרן הינטער דער סצענע האָבן געלאָזט א טרער, ווען דער „סטאר” האָט בא א צוגעשטיקט ליכט אף דער בינע געזונגען מיט א קורבן־ניגן:

קומט א ייִד אין א פרעמד לאנד,
קלאפּט אין פרעמדע טירן.
קיינער דריקט אים ניט די האנט,
קיינעם טוט זײַן עלנט רירן...

דאָס „קלאפן אין פרעמדע טירן” האָט דאָ — אין ליד — געהאט א טראגישן זין. צו אָט דעם שלימאזלדיקן „קלאפן” האָט צוגעלייגט איר האנט די לאנדסמאנשאפט — זי האָט אין גאָר א סאך פאלן געמאכט דעם ארבעטער פאר א בידנעם דערנידעריקטן „קלאפער”. דער אימיגראנט האָט באלד נאָך זײַן קומען קיין ארגענטינע געקראָגן דעם אדרעס פון זײַן לאנדסמאנשאפט, וועמענס א פאָרשטייער, דעם אימיגראנטס אן אלטער באקאנטער צי א קאָרעוו, פלעגט באגעגענען די שיף... אין דער לאנדסמאנשאפט האָט דער אימיגראנט טאקע געקראָגן באלד א ביסל „ווארעמקײַט”, אפילע אמאָל א פּאָר פּעזאָס (ארגענטינער מאטבייע). אָבער ער האָט טײַער באצאָלט דערפאר: אָנשטאָט אָפּצוזוכן פאר אים ארבעט, האָט דער „אָנווארעמער” זײַנער — אן אייגנטימער פון א גרויסער קלייט אָדער פון א גרויסן סכוירעלאגער — אים געגעבן אין די הענט א פּעקל שניטסכוירע — „קאָרטעס”, ווי מ׳האָט עס דאָ גערופן, אָדער א קעסטל גאלאנטעריי און אים געהייסן גיין קלאפן אין די טירן, פאָרלייגן „מעציִעס”. ניט אלע טירן פלעגן זיך עפענען. אמאָל פלעגט מען יאָ עפענען, קעדיי מיט כארפּע ארויסצוטרײַבן. און אז ס׳איז שוין יאָ עפּעס פארקויפט געוואָרן, האָט דעם גרעסטן טייל פונעם רעווער גענומען דער „באלטויווע”, און זײַן באגליקטן לאנדסמאן, אָפּטמאָל א ווײַטן קאָרעוו, צוגעוואָרפן, ווי א נעדאָווע, גאָר א נישטיקן פּראָצענט.

ס׳פלעגט אויך טרעפן נאָך ערגערס. דער אימיגראנט איז גראָד אָנגעקומען פונקט דעמלט, ווען בא עמעצן פון זײַנע לאנדסלײַט — א פאבריקאנט, אן אונטערנעמער — איז געגאנגען א פארביסענער שטרײַק פון דעם אָרגאניזירטן קאָלעקטיוו ארבעטער, און דער פאבריקאנט, אונטערנעמער, האָט באלד געשיקט אף ארבעט אין זײַן אונטערנעמונג דעם נאָרוואָס געקומענעם לאנדסמאן — געשיקט אים ווערן א שטרייקברעכער!

דער ארבעטער־קלוב „אוואנגארד” — איינער פון מענאכעם ראָזענס „אָנהייבן” — איז געוואָרן א שטארקע קאמפס־פּאָזיציע קעגן אָט דעם אלעם. דער קלוב האָט דעם ארבעטער־אימיגראנט געגעבן א ווארעמע סוויווע, עמעסע פרײַנט, קלאסן־ברידער, געהאָלפן זיך אײַנאָרדענען אף ארבעט, אפילע מיטגעהאָלפן העכערן די קוואליפיקאציע, דערלערנען די לאנדשפּראך, אים ארײַנגעצויגן אין די פארשיידענע סעקציעס פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, ספּאָרט. „אוואנגארד” האָט אויך געפירט אן ארבעט אין די לאנדסמאנשאפטן גופע...

געפונען האָט זיך דער קלוב אין סאמע הארץ פונעם ארבעטער־ראיאָן וויזשא קרעספּאָ. שפּעטער זײַנען אזעלכע קלובן אָרגאניזירט געוואָרן נאָך אין א סאך ראיאָנען פון דער הויפּטשטאָט און אויך אין אנדערע גרעסערע שטעט. די קלובן האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו אָרגאניזירן ארבעטער־שולן פאר די קינדער, וועלכע זײַנען זיך צעוואקסן אין א ברייטער נעץ, געוואָרן א שטארקע אָרגאניזאציע מיטן נאָמען „ארבשולאָרג” (ארבעטער־שול־אָרגאניזאציע), ארויסגעגעבן אן אייגענעם פּעדאגאָגישן זשורנאל. אגעוו, מײַן ערשט ארגענטינער ביכל האָב איך אָנגערופן „ארבשולאָרג”. דאָס איז געווען א פּאָעמע וועגן די שולן טאקע, אין איינער פון וועלכע איך בין געווען א לערער.

דער אידייִשער אָנפירער פון דער שול־אָרגאניזאציע איז געווען — מענאכעם ראָזען.

דער צווייטער, איינער פון די וויכטיקסטע אָנהייבן אין ארגענטינע איז געווען די ייִדישע קאָמוניסטישע וואָכן־צײַטונג „רויטער שטערן”. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין נאָיא־

בער 1923, צום אָקטיאַבער־יאָמטעוו. די איני־
ציאַטיוו פון ארויסגעבן אזא צײַטונג געהערט
דעם מיטגליד פון צק קפּא און סעקרעטאר פון
איר ייִדישער סעקציע — דעם כאוור מענאַ־
כעם ראַזען.

מיטן אומופהערלעכן וווקס פון דער אימי־
גראַציע האָט זיך אַלץ שטאַרקער געפילט די
נויטווענדיקײַט אין אזא צײַטונג. מע האָט גע־
מוזט אָנהייבן א קאַמף קעגן דעם בורזשואַז־
ציוניסטישן און קליינבירגערלעכן צײַטונגס־
וועזן אין לאַנד. פונקט ווי דער „אוואַנגאַרד"
איז געווען די קאַמפּס־פּאָזיציע קעגן די לאַנדס־
מאַנשאַפטן און קעגן דעם קלוב פון די ייִדישע
אַנאַרכיסטן פון דער „ראַציאָנאַליסטישער גע־
זעלשאַפט", אזוי איז דער „רויטער שטערן"
באַרופן געווען ניט צו דערלאָזן די צוויי
גרויסע טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען אין בוע־
נאָס־איירעס ווערן גײַסטיקע באַלעבאַטים
איבערן געקומענעם אימיגראַנט. דער פּאַרצעף
פון דער ציוניסטישער „ייִדישער צײַטונג" איז
מער־ווייניקער באַלד קלאָר געוואָרן פאַרן אי־
מיגראַנט. שווערער איז געווען מיט דער צײַ־
טונג „די פּרעסע", וואָס האָט געהערט צו א
קאָאָפּעראַטיוו פון פאַרשיידנאַרטיקע לויט
זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען זשורנאַליסטן —
באַלעבאַטים. דאָ האָט געאַרבעט דער זייער
טאַלאַנטפולער שרײַבער און פּובליציסט, אופּ־
ריכטיקער פרײַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד פּי־
ניע כ'ץ (קאַץ); זײַן ברודער יאָסל — א „לינ־
קער" פּויעל־ציוניסט; פעדראָ וואַלד — א בונ־
דיסט און אַנדערע אַלערליי מינים „טוער".
באַזונדערס איז די צײַטונג געוואָרן געפערלעך
נאָכדעם, ווי ס'האָט אין איר פאַרנומען א
פירנדיקע ראָליע דער רומעניש־ייִדישער זשור־
נאַליסט יאַנקעוו באָטאָשאַנסקי, וואָס איינער
פון זײַנע פיל פּסעוודאָנימען איז געווען פאַר
אים ווי געבוירן: יאַנקעלע גיבאַלעס. און ער
האָט טאַקע געגעבן אַלעס, וואָס די באַלעבאַטים
האָבן פון אים פאַרלאַנגט. פּיניע כ'ץ איז גע־
ווען לויט זײַן נאַטור — א שטילער, פײַנער
מענטש, אָבער מיט א שוואַכן כאַראַקטער, און
ער האָט ניט געקענט — איינער אינעם גאַנצן
„סטעץ" (רעדקאָלעגיע) — בײַקומען אזא גיי־
באַלעס... (אַגעוו, דאָ דאַרף אומבאַדינגט דער־
מאָנט ווערן, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר
זײַן טויט — קאָוור זײַן אָנדענק! — האָט פּיניע
כ'ץ זיך אינגאַנצן דערנענטערט צו דער קאָ־
מוניסטישער באַוועגונג). האָט זיך געקענט
טרעפן — און טאַקע זיך ניט איין מאָל גע־
טראָפן, — אַז דער לייטאַרטיקל אין דער צײַ־
טונג איז געווען א פּראָסאָוועטישער (פּיניעס),
און צווישן די אַנאָנסן אף די שפּאַלטן פונעם
זעלבן נומער איז געווען אַן אַנאָנס פון א
פאַבריק, ווו עס קומט פאַר א שטרײַק — און
דער באַלעבאָס דאַרף שטרײַקברעכער!..

אָט די צײַטונג האָט געקענט אַרײַנטראָגן —
און טאַקע ניט אַלעמאָל אָן דערפאָלג — א
פּלאָנטער, א מויער־מישמאַש אין קאָפּ פונעם
נאָך ניט געניטן אימיגראַנט־לייענער.

דער „רויטער שטערן" האָט מיט דערפאָלג
געקעמפט פאַרן דעראָבערן דעם אַרבעטער־
לייענער, אים געהאָלפן זיך פאַנאַנדערקלײַבן
אינעם מעהוס פון דער בירגערלעכער פּרעסע.
די צײַטונג איז געוואָרן פּאָפּולער בא די אַר־
בעטער־מאַסן, איר פאַרשפּרייטונג איז גע־
וואַקסן. אין די יאָרן 1929 — 1930 האָט זיך
שוין געפילט אי א נויטווענדיקײַט, אי א
מעגלעכקײַט צו געבן דעם אַרבעטער־לייענער
אַן אייגענע טעגלעכע צײַטונג.

מענאַכעם ראַזען האָט זיך, געדענק איך, ווי
א קינד געפרייט מיט די ביכלעך „אַקציעס",
וואָס זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן צו פאַר־
ווירקלעכן זײַן ווײַטערדיקן אָנהייב — א
טעגלעכע פּראָגרעסיווע צײַטונג. די פאַרשפּריי־
טונג פון די אַקציעס איז געגאַנגען מיט גרויס
דערפאָלג, אין אַלע ווינקלעך פון לאַנד האָבן
זיך פאַרנומען מיט דעם ענטוזיאַסטן, ביז — אין
אויגוסט 1930 איז פאָרגעקומען די פאַשיסטישע
מעלוכע־איבערקערעניש פון גענעראַל אורי־
בורו.

דער „רויטער שטערן" איז געוואָרן אַן אומ־
לעגאַלע.

און וועגן נאָך איין אָנהייב, וואָס די איני־
ציאַטיוו זײַנע געהערט מענאַכעם ראַזענען,
וועלכער האָט שטענדיק איינער פון די ערשטע
דערפילט, אַז ס'איז שוין די צײַט פאַר דעם
אָדער יענעם אָנהייב:

ס'איז געקומען די צײַט, אַז דער ייִדישער
אַרבעטער־לייענער זאָל האָבן זײַן אייגענעם
ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאַל. דער „רויטער
שטערן" האָט שוין געהאַט אַרום זיך א גרע־
סערע גרופּע ליטעראַטן — פּאָעטן, פּראָזאַיקער,
פּובליציסטן, סאַטיריקער, אַפילע מאָלער. א
גרופּע, וואָס האָט געשטעלט איר וואָרט, פען
און פענדזל אין רעשוס פונעם אַרבעטער־קלאַס.
דעם זשורנאַל האָט מען א נאָמען געגעבן „נײַ־
וועלט" מיט אַן אונטערקעפּל: „רעוואָליוציאָ־
נער־מאַרקסיסטישער כוידעש־זשורנאַל". דער
ערשטער נומער איז דערשינען אין יון 1927.

כוץ דעם, איז באַם זשורנאַל געשאַפן גע־
וואָרן די שרײַבער־גרופּע „נײַוועלט", וואָס איז
געוואָרן א קאַמפּס־פּאָזיציע קעגן דעם פאַרעוון
„ליטעראַטן־פאַריין", מיט וועלכן מענאַכעם ראַ־
זען האָט נאָך מיט עטלעכע יאָר פריִער גע־
קעמפט מיט זײַן שאַרפער און ציל־טרעפנדי־
קער פען.

9*

די לייטארטיקלען פארן זשורנאל האָט געשריבן מענאכעם ראָזען. לאָמיר דאָ געבן א קורץ וואָרט דעם שטענדיק קאמפסלוסטיקן און טרײַען טוער פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג אין ארגענטינע — דעם דיכטער יאָסל גאָלדבערג, וועלכער פלעגט שטענדיק אָנטיילנעמען אין דער ארבעט פון דער רעדאקציע. יאָסל גאָלדבערג האָט אין איינער א צײַטונג פארן 10־טן אווגוסט 1947 אין זײַנעם אן ארטיקל וועגן דעם ערשט ניט לאנג־פארשטאָרבענעם מענאכעם ראָזען, צווישן אנדערס, געשריבן:

„...מענאכעם ראָזען איז געווען איינער פון די גרינדער פון „נײַוועלט", דעם כוידעשזשורנאל, וואָס האָט געשפּילט אזא וויכטיקע ראָל אין אײַנפלאנצן באם ייִדישן ארבעטער דעם מארקסיסטישן באוווסטזײַן. איך געדענק די זיצונגען פון דער רעדאקציע, וואָס פלעגן פאָרקומען בא בלאָשטיינען. ראָזען האָט געשריבן די לייטארטיקלען פאר יעדן נומער... איך האָב ליב געהאט זײַן הארטע שנײַדיקע שפּראך. ער האָט פארמאָגט די לאָגיק פון א מאטעמאטיקער, ער האָט זיך ניט געוואָרפן מיט קיין ווערטער, ער איז ניט געווען קיין שיינשרײַבער. ער איז געווען א גוטער און טרײַער סאָלדאט, א גוטער לערער און גוטער פרײַנט פון די, אין וועמען ער האָט געזען, אז זיי זײַנען ניט קיין פארבײַפאָרנדיקע פאסאזשירן אין דער ארבעטער־באוועגונג".

דאָס איז זייער א טרעפלעכע כאראקטעריזירונג פון מענאכעם ראָזען דעם פובליציסט. מיר, ראָזענס נאָענטע פרײַנט, האָבן געוווּסט, ווי, פארבלענדטע פון קלאסן־סינע צו אים, עס האָבן געמאָלט ראָזענען זײַנע קעגנער, געמאָלט אים, ווי א „קאלט־פארפרוירענעם מענטשן", וואָס האָט אין הארץ בלויז סינע, דיקטאט און פון וועמען מ׳קען קיינמאָל קיין ווארעם וואָרט ניט הערן.

וויפל ווארעמקײַט, פאָטערלעכע ליבע, גוטסקײַט, וואָס פאר אן אויצער פון איבערגעגעבנקײַט און הילפסגרייטקײַט איז געווען אינעם גרויסן הארץ פון אָט דעם קליינוווקסיקן מענטשן מיטן טונקל־ברוינלעכן געזיכט און קלוגע, לעבעדיקע אויגן הינטער די ברילן!

איך דערמאָן מיך אזא פאל:

ער איז געווען מיטרעדאקטאָר פון „נײַוועלט". איינמאָל, נאָך באם ערשטן נומער, דוכט זיך, האָב איך מיך מיט אים מעיאשעוו געווען וועגן איינער א גרויסער דערציילונג, וואָס איך האָב שוין געהאט אָנגענומען באם זייער טאלאנטירטן דיכטער און דערציילער (הײַנט שוין א שויכן־אָפער) יאנקעוו פלאפאן. די דערציילונג איז געווען אויסגעצייכנט אָנגעשריבן, בילדעריש, אָריגינעל, נאָר אין א סאך ערטער ניט קלאָר, וווהין זי פירט. די דערציילונג האָט געהייסן „אין פלאָנטער". ראָזען האָט מיך אויסגעהערט און מיט זײַן געוויינלעכן שטילן שמייכל מיר געזאָגט: „די דערציילונג הייסט דאָך טאקע „אין פלאָנטער"... גוט אָנגעשריבן איז זי? שעדלעך אוודע ניט? — איז דאָך גוט. מיר דארפן העלפן דעם אווטאָר זיך אויספּלאָנטערן... ביפראט, אז ער איז אן ארבעטער און האָט זיך פאר זײַן לעבן פיל אָנגעליטן. א גוטע מישפּאָכע דארף העלפן אירע קינדער וואקסן"...

די „מישפּאָכע" דאָס איז געווען — די שרײַבער־גרופּע „נײַוועלט".

דער זשורנאל איז דערשינען אָן איבערײַס — בא דער אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג פון זײַנע מיטארבעטער און פארשפּרייטער — אויך נאָך דער אוריבורו־איבערקערעניש אין 1930. נאָך אין א יאָר ארום — אין אווגוסט 1931 — איז צו מיר אין טפיסע דערגאנגען א נומער „נײַוועלט". מיר איז דער דאָזיקער נומער געווען זייער טײַער: דאָרטן איז געווען מײַנע א גרעסערע פּאָעמע וועגן דער יערידע פון דער באראָן־הירש־קאָלאָניזאציע; און, כוץ דעם, אף א לעצטער זײַט א נאָטיץ:

„א גרוס אונדזער רעדאקטאָר ה. בלאָשטיין אין טפיסע"...

דער נומער איז, ווי די פריִערדיקע, פארן לעצטן יאָר, ארויס אומלעגאל.

אין די זעלביקע שווערע באדינגונגען זײַנען נאָך ארויס דרײַ נומערן „נײַוועלט" אין 1932, און די לעצטע צוויי נומערן — אין 1933. ארויסגעגעבן האָבן זיי מענאכעם ראָזען און יאָסל גאָלדבערג. אין זעלביקן יאָר איז ראָזען ארויסגעשיקט געוואָרן פון ארגענטינע.

מיר איז זייער ליב דאָ צו דערמאָנען א פּאָר נעמען פון די שרײַבער, וועלכע זײַנען געוואקסן און זיך אנטוויקלט אין „רויטן שטערן" און „נײַוועלט". זיי זײַנען זייער אקטיוו־שעפעריש אויך איצט אין די פּראָגרעסיווע אויסגאבעס, וואָס דערשײַנען מיט גרויסע שוועריקײַטן אין ארגענטינע. דאָס זײַנען יויעל לינקאָווסקי — אן אויסגעצייכנטער פובליציסט; שימשן דרוקאראָוו — זייער א טאלענטירטער זשורנאליסט; דער פּאָעט און שארפער קעמפערישער פובליציסט אף אקטועלע טעמעס יאָסל גאָלדבערג. צו דער „נײַוועלט"־גרופּע האָט אויך געהערט דער טאלאנטפולער שרײַבער מוישע גאָלדשטיין. זײַן נאָמען איז גוט באקאנט דעם סאָוועטיש־ייִדישן לייענער. אין 1931 איז ער איבערגעפאָרן פון ארגענטינע, ווו ער איז געווען אן ארבעטער וועבער, קיין בירָאבידזשאן. שפּעטער זיך באזעצט אין מאָסקווע. מ. גאָלדשטיין איז אומגעקומען אין אווגוסט 1943 אפן שלאכטפעלד הינטער סמאָלענסק. זײַן ליטערארישע יערושע: „בירָאבידזשאנער אפן

אמור״ (דערציילונגען, מאָסקווע, 1934), „ביי־
ראָבידזשאַנער דערציילונגען״ (מאָסקווע, 1941);
יאַנקעוו פלאַפּאַן, דיכטער און דערציילער, גע־
שטאָרבן אין 40־יאָריקן עלטער, אין אַרגענ־
טינע.

איך געדענק נאָך אַ סאַך נעמען. אָבער ניט
האָבנדיק קיין קלאָרע ידיעס, האַלט איך מיך
אָפּ זיי אָנרופן. איך מיין, אַז די פון זיי, וואָס
לעבן און זײַנען פּראָגרעסיוו־אַקטיוו, וועלן מיר
מוחל זײַן דאָס ניט דערמאָנען זייערע נעמען.

אין יאָר 1930, באַלד נאָך דער פאַשיסטישער
איבערקערעניש, בין איך אַרײַן אין קלוב
„אַוואַנגאַרד״. אַלץ איז דאָ געווען צעגראַמירט
און פאַרשוועכט. אין איינעם פון די צימערן
דערזע איך, עס שטייט אָפּ אַ לייטער אַ כאַווער
און הענגט צוריק אויף אָפּ דער וואַנט די האַלב־
צעריסענע בילדער פון די גרויסע פירער און
פון די שרײַבער־קלאַסיקער.

אין זעלביקן טאָג האָב איך אָנגעשריבן אַ
פּאָעמע „בלויע רעק״ (די פּאָליציי האָט גע־
טראָגן בלויע מונדירונג). דער לעצטער טייל
פון דער פּאָעמע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָט
די שורעס:

איך בין אַרײַן אין קלוב, און צווישן כורווע־
הויקערס

פון טיש און בענק צעשמעטערטע געבליבן שטיין
און כ׳האָב

מײַן ליד פאַרזאָגט: — אָפּ אָנגריף פּויקן! —
און ביז צו בלוט פאַרדריקט די ליפּן אין די ציין.

— — — — — — — — — — — — — — —

...און דיך, מײַן ברודער, מיטן האַמער אין דער
האַנט,

באַגריס איך אין די פאָדערשטע אַקאָפּעס...

איך האָב אין דעם דאָזיקן כאַוועער דערזען
דעם אייביקן בויער, וואָס וועט ענדגילטיק זיגן
און אויסבויען...

מענאַכעם ראָזענס מעסירעסנעפעשדיקע אַר־
בעט איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. ראָזען איז
געווען דער מאַזלבראָכעדיקער פּרילינגדיקער
גוסרעגן, וואָס פאַלט אָפּ אַ גרייט געוואָרענעם
אופגעאַקערטן באָדן אין דאָרשטיקער דערוואַר־
טונג פונעם פאַרזיי. דער רעגן פילט איבער
דעם אַרום, פאַרגיסט מיט מונטערן גערויש די
ברעגן פון די אַרומיקע טײַכן... די קלענערע
יידישע פּראָגרעסיווע גרופּעס אין אורוגוויי,
בראַזיליע, טשילי זײַנען מיטגעריסן געוואָרן
מיטן שטראָם פון ראָזענס גרינדערישער אָנהייב־
ערישער ענערגיע. מיטגעריסן און אופגעריכט
געוואָרן: גענומען בויען זייערע אייגענע קלובן,
אַרבעטער־שולן, צײַטונגען. אָפּט איבערגענומען
נישט נאָר דעם בוי־מעטאָד, נאָר אויך די נע־
מען פון די אַרגענטינער אינסטיטוציעס. אַז
מע האָט געדאַרפט, איז ראָזען פּערזענלעך
אַרויסגעפאָרן אַהין און געהאָלפן אָרגאַניזירן.
אַ מענטש מיט זייער אַ שוואַכן געזונט — פון
לאַנגיאָריקן אַרבעטן מיט בלײַ — איז ראָזען אין
אַזוינע פאַלן געוואָרן „שטאַרק געזונט״.

ער איז געווען אַ געבוירענער גרינדער —
אָנהייבער!

דאָס לעצטע מאָל האָב איך מיך באַגעגנט מיט
ראָזענען בא אים אין שטוב אין יול 1947 — אַ
טאָג צי צוויי פאַר זײַן טויט.

מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן
און, נאַטירלעך, וועגן אַרגענטינע. שוין באַם
געזעגענען זיך (איך האָב מיט אַ פּאָר שאָ
שפּעטער געדאַרפט אָפּפאָרן אַהיים) האָט ער
מיך געפרעגט:

— זאָגט דעם עמעס: איר בענקט נאָך אַר־
גענטינע?

איך האָב געענטפערט מיט אַ קורצינקער
קעגנפראַגע:

— און איר?

אַ שאָקל געטאָן מיטן גראָוון קאָפּ און געענט־
פערט:

— אויב בענקען הייסט טראַכטן וועגן עמעצן,
טראַכט איך אָוואַדע אָפּט וועגן דעם לאַנד. איך
בין דאָך אַהין געקומען אַ יונג ייִנגל און אַוועק
פון דאָרטן מיט אַ גראָוון קאָפּ. די בעסטע יונגע
יאָרן דאָרטן איבערגעלאָזט. אָוואַדע וואָלט איך
געוואָלט זען אַלע מײַנע פרײַנט און דאָרטיקע
טוער... אוי, וואָלט איך זיי געוואָלט זען! —
ווידער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַן אומעטיקלע־
כער שמייכל: — ווי מיינט איר? דאָרטן בענקט
אויך עמעצער נאָך מיר און וויל מיך זען?
געווען, ווײַזט אויס, בא אים אַ ליריש־אומע־
טיקע מינוט. און עפּשער בייזע פאָרגעפילן?..
און צוריק גערעדט, יעדע געזעגענונגס־מינוט
איז שטענדיק אַ לירישע... איך האָב הייס
געענטפערט:

— אוי, בענקען זיי נאָך אײַך דאָרטן! זיי
וועלן אײַך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. — און האָב
אים שטאַרק־שטאַרק געדריקט די האַנט. צו
מײַן גרויס באַדויערן — צום לעצטן מאָל!

געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

אופשטאנד

קינסטלער לעא גרונדיג (דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפובליק)

די מוטער (פון דער סעריע „פארטיזאנער פון דער ליטע")

ק״נסטלער שמועל ראָזין



נעמט פאר אונדז נעקאָמע

קינסטלער לעא גרונדיג

קינסטלער זינאָווי
טאָלקאטשאָוו

(קיעוו)

די פויגלען פליִען אוועק...

די ליאלקע אין דער געטאָ

סקולפטאָר אראָן פוטערמאן

(קיִעוו)

דער מוזיקאנט



מוטערס וויינען

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפֿיע
פֿראַגן פֿון קונסט

מוישע שאַפּיראָ

וועגן אייניקע נאָרמאַטיווע פֿראַגן פֿון ייִדיש

ניט דאָס ערשטע מאָל ווערן באַהאַנדלט אין דער ייִדישער לינגוויסטישער ליטעראַטור — סײַ בײַ אונדז, סײַ אין אויסלאַנד — די פֿראַגן, וועלכע מיר וועלן באַרירן אין אָט דעם אַרטיקל. וועגן זיי און אַרום זיי זײַנען צײַטנווײַז אָנגעגאַנגען לײַדנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס אויף אַ פֿאַרשיידענעם וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ. צו קיין העסקעם איז עס אָבער אָפֿט ניט געקומען, און די שפּראַך־פּראַקטיק מוז דערווײַל ווי־ניט־איז אויסקומען אָן אַן ענדגילטיקער לייזונג פֿון באַזונדערע אַזעלכע שטרײַט־פֿראַגן און איז דעריבער אָפֿט אויסגעשטעלט אויפֿן באַראָט און אויפֿן געוויסן פֿון יעדן איינעם, וואָס שרײַבט אין ייִדיש.

ס׳זײַנען אָבער פֿאַראַן פֿאַלן, ווען די שטעלונג צו אָט די פֿראַגן, זייער קאָנקרעטע לייזונג איז ביז גאָר אַכרײַעסדיק, ווען באַזונדערע ווערטער, וואָרטפֿאָרמעס צי וואָרט־באַהעפֿטן מוזן שטרענג און סקרופּולעז געוויגן און געמאָסטן ווערן, ווען מע מוז זײַן זייער קאָנסעקווענט און באַזירן אַלץ אויף קלאָרע פּרינציפּיעלע האַנאָכעס. אַזוי איז עס אין פֿאַל מיט ווערטערביכער בִּיכלאַל, מיטן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך בִּיפֿראַט.

ס׳איז געווונטשן, פֿאַרשטייט זיך, אַז דער ווערטערבוך זאָל זײַן נאָרמאַטיוו, אַז ער זאָל קענען געבן יעדן איינעם אויטאָריטעטע ענטפֿערס אויף פֿאַרשיידענע ספּייקעס בנוגע צום באַניץ פֿון דעם־יענעם וואָרט צי בנוגע דער גראַמאַטישער פֿורעמונג פֿון ווערטער. דאָס איז אָבער גאָר אַ קאָמפּליצירטע און שווערע אויפֿגאַבע, קוידעמקאָל מחמעס דעם, וואָס צונויפֿשטעלער פֿון אַ ווערטערבוך קענען ניט פֿאַרבײַטן קיין אויטאָריטעטע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע, טייל ווײַז — אויך איבער דעם, וואָס מע מוז דיסקאָנטירן אַלץ, וואָס ס׳איז שוין אָפּגעטאָן אין פֿראַט פֿון נאָרמירונג אין ייִדיש ניט נאָר בײַ אונדז, נאָר אויך אויסער די גרענעצן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, און דערבײַ אײַנהיטן אַ קריטישע שטעלונג צו אייניקע נאָרמיר־טענדענצן אין דער אויסלענדישער ייִדישער שפּראַך־ליטעראַטור.

מיר שטרעבן, נאַטירלעך, צו איינהייטלעכקייט. ס׳קען קיין רייד ניט זײַן וועגן פֿאַרשיידענע ייִדישן. מיר פֿאַרמאָגן אַן איין־איינציק ליטעראַריש ייִדיש. שאַפֿונגען אין ייִדיש — קינסטלערישע, פּובליציסטישע צי וויסנשאַפֿטלעכע, — אויב נאָר דער אויטאָר איז באַשאָנקען מיט אַ געזונטן כוש פֿאַרן ליטעראַרישן שפּראַך־באַניץ, ווערן געלייענט און פֿאַרשטאַנען מיצאַד אַלע ייִדיש־לייענער אין אַלע עקן וועלט. און אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך איז אויסגענוצט אַלץ, וואָס ס׳איז פֿאַראַן ראַציאָנעלס אין דער נײַסטער אויסלענדישער לעקסיקאָגראַפֿישער ליטעראַטור — הען אין פֿראַט פֿון לעקסישער רעגולירונג, הען בנוגע צו גראַמאַטישע נאָרמעס. באַזונדערס איז עס שײַעך צו אוריִעל ווײַנרײַכס „מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך״. ניט מיט אַלץ אָבער קען מען מאַסקים זײַן און ניט אַלע האַנאָכעס צי פּרינציפּיעלע אײַנשטעלונגען, וואָס ליגן, אַשטייגער, אין יעסאָד פֿון דעם דאָזיקן ווערטערבוך, איז מעגלעך געווען אָנצונעמען. פּונקט ווי מיר מוזן אָפּוואַרפֿן אַנאַלאָגישע פּאָזיציעס, וואָס אויף זיי איז געבויט מ. שעכטערס פֿאָרטראָג וועגן לאָשן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״[1]. וועגן דעם אַלעם האָבן מיר גענויער גערעדט אין אַ ריי אַרטיקלען[2].

דאָ קומען מיר צו ווײַזן אויף קאָנקרעטן שפּראַך־מאַטעריאַל, וואָס פֿאַר אַ לייזונג האָבן מיר געהאַלטן פֿאַר מעגלעך און ראַציאָנעל אָנצונעמען בנוגע צו אייניקע נאָרמיר־פֿראַגן בײַם צונויפֿשטעלן און אויסרעדאַקטירן דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. מיר

---

[1] פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם ייִוואָ־זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך״, ב. XXIX, נומער 1 — 3, 1969 — 1970 און ב. XXX, נומ. 1 — 3, 1971 — ניו־יאָרק.

[2] באַזונדערס אין די נומערן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״: 7, 8 — 1969 („ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע און דאָס ליטעראַרישע ייִדיש״), 7 — 1971 — אַן אָפּרוף אויף מ. שעכטערס פֿאָרטראָג („די שפּראַך פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״ און דאָס ליטעראַרישע ייִדיש״).

האָפן, אַז אייניקע פון די באַזונדערס פאַרינטערעסירטע לייענער אונדזערע און ייִדישע קולטור־טוער וועלן זאָגן זייערס אַ וואָרט וועגן די דאָזיקע פראַגן.

I. לעקסיק

1. וועגן דײַטשמעריזמען און „דײַטשמעריזמען"

אין שײַכעס מיט דער דאָזיקער טעמע איז באַלערעוודיק אַ צוגאָב־צעטל אין זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך". ס'האַנדלט זיך וועגן איינער פון די צוויי הויסאָפּעס צום דערמאָנטן פאָרטראָג שעכטערס — וועגן דער „הויסאָפּע 2". דאָס איז אַ צעטל פון גאַנצע 275 ווערטער אין דער שפּראַך פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס דער אוטאָר פּאַסלט זיי פאַרן באַניץ אין ייִדיש — ווי דײַטשמעריזמען. ווען מיר גייען אָבער צו מיט אונדזער מאָס צו אַזעלכע ווערטער, בלײַבט פון זיי פיל ווייניקער. מיט וואָס פאַר אַ מאָס?

מיר האַלטן, אַז אינעם ליטעראַרישן ייִדיש פון אונדזער צײַט דאַרף גילטן אַלץ, וואָס ס'האָט באַוויזן טיף אײַנצוואָרצלען זיך אין אונדזער שפּראַך ניט נאָר פון די פּילדויערעסדיקע אומגאַנג־ריידענישן אינעם אַמאָליקן טכום־האַמוישעוו, נאָר אויך דאָס, וואָס ס'האָבן אין אַ געלײַטערטער פאָרם אַרײַנגעבראַכט אין איר אונדזערע בעסטע שרײַבער און פּובליציסטן פון פאַרשיידענע לענדער שוין אין XX יאָרהונדערט, אין אַ היפּשער מאָס — אינעם נאָכקלאַסישן פּעריאָד. און דערבײַ דאַרף מען לאַכלוטן זיך ניט רעכענען מיטן ייִכעס פון ווערטער, מיט זייער אָפּשטאַם. ס'זײַנען דעריבער קאָשער און אַפילו נייטיק אין דער קלאַל־שפּראַך אונדזערער פיל ווערטער, אַנטליִענע באַם ליטעראַרישן דײַטש, אויב נאָר זיי האָבן זיך אַזוי פעסט אײַנגעבירגערט אין ייִדיש, אַז אָן זיי באַגייט זיך ניט און קען זיך ניט באַגיין די מערהײַט אונדזערע פען־מענטשן.

אין דער „הויסאָפּע 2" גיט אָן מ. שעכטער (אין קלאַמערן) אַן אויסטײַטשונג פון יעדער „דײַטשמעריזם" דורך זײַנע סינאָנימען. מע דאַרף עס פאַרשטיין אַזוי, אַז לעכאַל־האַפּאָכעס איינער פון די דאָזיקע סינאָנימען דאַרף פאַרבײַטן דעם „דײַטשמעריזם" און אַרויסשטויסן אים פונעם ליטעראַרישן באַניץ. איז לאָמיר אַדעראַבע זען, וואָס ווערט געפּאַסלט און וואָס דאַרף אָנגענומען ווערן אַף צו פאַרבײַטן דאָס געפּאַסלטע. מיר וועלן גענויער באַטראַכטן בלויז עטלעכע בײַשפּילן:

אַנטדעקונג („אופדעקונג"). „אופדעקן פאַרברעכנס" און „אַנטדעקן אַ נײַ אינדזל" — אַזוי וועט שרײַבן (און שרײַבט!) ניט נאָר דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־מענטש, נאָר, אָן שום ספק, אויך די מערהײַט ייִדישע שרײַבער און פּובליציסטן אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. עמעס, אינעם „גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך" איז פון 6 באַטײַטן פאַרן ווערב אופדעקן אָנגעגעבן אויך „אַנטדעקן", אָבער — אַפן לעצטן אָרט און דערצו אין אַ פאַרברייטערטן זינען. פון די צוויי בײַשפּילן, וואָס ווערן געבראַכט צום באַטײַט „אַנטדעקן", איז באַווײַזלעך בלויז איינער, דערצו נאָך ניט פון אַ שפּעטערן קוואַל, אַ נעענטערן צום הײַנטצײַטיקן ייִדיש, נאָר פון מענדעלעס „שלוימע רעב כאַיִמס" („געריִזט אַף אייגענע שיפן איבער יאַמען אופדעקן נײַע אינדזלען האָבן מיר ניט"). אינעם צווייטן בײַשפּיל איז מיט אופדעקן געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש („איך האָב זיך... געמיט אופצודעקן דעם שיפער"). אין אונדזער פאַל, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַ באַגריף פון דער וויסנשאַפטלעכער ספערע, איז וואָגיקער דער באַניץ אין דער הײַנטצײַטיקער פּובליציסטישער און אַוואַדע שוין — אין דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך. געפּאַסלט איז בײַ שעכטערן דאָס וואָרט אַנטדעקונג, זעט אויס, מאַכמעס דעם, וואָס פאַר אים קלינגט דײַטשמעריש דער פּרעפיקס אַנט־. איז, ערשטנס, דער דאָזיקער פּרעפיקס איז דאָך בײַ אונדז פאַרייִדישט: אין דײַטש איז ניט אַנט־, נאָר ענט־ (entdecken); און, צווייטנס, אויסצומײַדן אין ייִדיש אַנט־ איז בעמיילע ניט מעגלעך (אַנטוויקלונג, אַנטוואָפענונג אאַ). דעריקער אָבער — קיינער וועט ניט אָנקומען צו קיין ווערטערביכער אין אַזעלכע פאַלן און וועט אָן וואַקלונגען ניצן בעפּיירעש אַנטדעקן (און אַנטדעקונג), ניט אופדעקן, אופדעקונג.

אַנטהאַלטן („קוילעל זײַן", „אַרײַננעמען אין זיך", „האַלטן"). קיין איינער פון די סינאָנימען (אין די קלאַמערן) קען ניט פאַרבײַטן דעם „דײַטשמעריזם" אַנטהאַלטן, ווען ס'איז געמיינט „האָבן אין באַשטאַנד". מיר קענען ניט זאָגן: „ווײַנטרויבן זײַנען קוילעל (נעמען אַרײַן אין זיך, האַלטן) פון 10% ביז 30% צוקערשטאָף". מע קען, פאַרשטייט זיך, זאָגן: „ווײַנטרויבן האָבן אין זייער באַשטאַנד..." און אַזוי־אַרום אויסמײַדן דעם „דײַטשמערישן" אַנטהאַלטן; אין שפּראַך איז אָבער שטענדיק בעסער די איינוואָרטיקע באַצייכענונג פונעם עלעמענטאַרן באַגריף, און דעריבער דאַרפן מיר ניצן טאַקע אַנטהאַלטן. די סינאָנימען זײַנען אונדז אויך נייטיק, יעדערער אַף זײַן אָרט. אַשטייגער: „די פּאַס האַלט (נעמט אַרײַן אין זיך) גאַנצע 40 עמער"; „דער בוך איז קוילעל אַלץ, וואָס איז שײַך צו פאַרבערײַ".

אייגנאַרט („אַנדערשקײַט", „ספּעציפישקײַט", „כאַראַקטעריסטיק", „סימען־האַמין").

און:

אייגנאַרטיקער („אַנדערשדיקער", „ספּעציפישער", „כאַראַקטעריסטישער"). באַטײַטלעך איז נאָענט צו אייגנאַרט בלויז איינער פון די סינאָנימען אין די קלאַמערן — ספּעציפישקײַט; נאָענט, אָבער פאָרט ניט אַדעקוואַט. מיט אייגנאַרט מיינען מיר אויך: אומגעוויינלעכקײַט, אָריגינעלקײַט; אין ספּעציפישקײַט פעלט אויס אַזאַ סעמאַנטישע שאַטירונג. אַזאַ איז אויך דער אונטערשייד צווישן אייגנאַרטיקער און ספּעציפישער. מיר זאָגן: „די ספּעציפישע שטריכן פונעם זויג־פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פונעם קינד" און מיינען דערמיט: שטריכן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך בלויז פאַרן זויג־פּעריאָד, אָבער ניט: שטריכן אָריגינעלע, אומגעוויינלעכע; פאַרקערט, פאַרן זויג־פּעריאָד זײַנען זיי געוויינלעך. ווען מיר זאָגן אָבער: „דער אייגנאַרטיקער קלימאַט פונעם דאָרעם־ברעג אין קרים", מיינען מיר: דער אָריגינעלער קלימאַט, אַזאַ, וואָס איז גוירעם אונדזער באַוווּנדערונג.

די איבעריקע סינאָנימען („אנדערשקייט", „כאַראַקטעריסטיק", „סימען־האַמין"; „אנדערשדיקער", „כאַראַקטעריסטישער") זײַנען אוודאי ניט קיין אַדעקוואַטן פון די „דײַטשמעריזמען" אייגנאַרט, אייגנאַרטיקער.

באַהויפּטן („טײַנען", „דרינגען", „וועלן האָבן"). טײַנען איז געבונדן מיט אַמפּערניש, מיט אַקשאָנעסדיקן באַשטיין אויף אַן אייגענער מיינונג; אין דרינגען קומט נאָך צו די באַטײַט־שאַטירונג פון „מאַכן אַן אויספיר"; „וועלן האָבן" זאָגט שוין עפּעס אָפּט וועגן ניט מאַסקים זײַן מיט דעם, וואָס „וויל האָבן". און מיר דאַרפן אַן אַדעקוואַט פונעם רוסישן утверждать צי פונעם ענגלישן to affirm, אָפּט מיטן מיין: „אַרויסזאָגן אַ געדאַנק". אַזאַ אַדעקוואַט קען זײַן אין ייִדיש בלויז באַהויפּטן.

אַזוי אויך מיט:

באַהויפּטונג („טײַנע", „מיינונג"). אַגעוו, מיינונג איז סעמאַנטיש נאָך ווײַטער פון באַהויפּטונג, ווײַל דאָס אַסאָציִירט זיך מיט סוביעקטיווער שאַצונג („אַ מיינונג וועגן עפּעס"); באַהויפּטונג איז לעגאַמרע פרײַ פון אַזאַ שאַטירונג, פונקט ווי דאָס רוסישע утверждение.

בוימוואָל („באַוול"). בוימוואָל איז אַ באַצייכענונג סײַ פאַרן געוויקס (cotton, хлопчатник), סײַ פאַרן רוישטאָף (cotton, хлопок); באַוול (און זײַן גאַנץ פאַרשפּרייטער פּאָנעטישער וואַריִאַנט בײַוול) מיינט: „דאָס געשפּינס", די גאָרן און אויך די פעדעם. מיר זאָגן: „אָפּן אוזבעקישן באָדן געראָט בוימוואָל" און: „דאָס צײַג איז אַ באַוולענס, פון באַוול" (хлопчатобумажная ткань). לעמײַ זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ דיפערענציר־מעגלעכקײַט?

אויסוואַל („אויסקלײַב", „אָפּקלײַב"). אָפּקלײַב איז, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס, וואָס אויסוואַל; געמיינט דערמיט איז: דאָס אויסטיילן פון אַ גרעסערער צאָל איינסן בלויז איינצלנע, אַזעלכע, וואָס טויגן זיך מער פאַר אַ געוויסן ציל. מע קען אָפּקלײַבן פון אַלע אַרויסלאָזניקעס אין אַ הויכשול אַ צוויי־דרײַ טאַלענטירטע פאַר דער אַספּיראַנטור באַם לערן־אַנשטאַלט; אַזאַ אָפּקלײַב וועט זיך מיסטאָם באַרעכטיקן. אויסקלײַבן און אויסקלײַב איז סעמאַנטיש טאַקע דאָס זעלבע, וואָס אויסוויילן און אויסוואַל; מיר דאַרפן דאָ אָבער דיפערענצירן סטיליסטיש: אויסוואַל און אויסוויילן איז געבונדן מיט אַ פאָרשטעלונג וועגן ברייטערער געזעלשאַפטלעכקײַט, פובליקקײַט. בעסער איז דעריבער: „אויסוויילן אַ דעפּוטאַט"; פּרג.: „די יונגע ווײלער" (ניט: „...אויסקלײַבער" צי „...קלײַבער"), „די וואַלן אין אויבער־ראַט", „אַ וואַל־פאַרזאַמלונג". אָבער: „קלײַב דיר אויס פון די פאַראַנענע מאַנטלען וועלכן דו ווילסט"; אויסוויילן טויג דאָ לאַכלוטן ניט. און פאַר שרײַיִקער רעקלאַמע איז בעפּיירעש געלונגענער: „אַ ברייטער אויסוואַל פון סכוירעס" (ניט: „...אויסקלײַב...").

אײַנלאַדן („פאַרבעטן", „בעטן"). קיין סעמאַנטישער אונטערשייד צווישן אײַנלאַדן און פאַרבעטן איז ניטאָ. ייִדיש דאַרף אָבער האָבן ביידע סינאָנימען. פאַרבעטן איז פאַמיליערער, היימישלעכער, אומגענגלעכער; אײַנלאַדן איז צערעמאָניִעלער, אַפּילע פײַערלעכער. ס'איז נאַטירלעך צו זאָגן: „איך האָב פאַרבעטן מײַן שוואָגערל אויף אַ גלעזל טיי און טאַקע אויף אַ פּאַרטיע אין שאָך". אָבער: „אײַנלאַדן אויף אַ כאַסענע", „אײַנלאַדן די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אויף אַן אופנאַם". אוודאי שוין איז עס שײַך צום „אַנטשפּרעכיקן סובסטאַנטיוו": „צעשיקן אײַנלאַדונגען" (ניט: „...פאַרבעטונגען"). און וועגן בעטן איז דאָ געוויס ניט שײַך צו רעדן.

אַרט („מין", „סאָרט", „טיפּ", „זגאַל"). כוץ זגאַל, דאַרפן מיר האָבן אין אונדזער שפּראַך אַלע פיר סינאָנימען — אַרט, מין, סאָרט, טיפּ, יעדערן אויף זײַן אָרט. אַרט און מין קומען גוט צוניץ אין וויסנשאַפטלעכע קלאַסיפיקאַציעס, אַשטייגער, אין זאָאָלאָגיע צי אין באָטאַניק. געוויינלעך באַצייכנט אַרט די שמעלערע גרופּע, מין — די ברייטערע, אַנאַלאָגיש צו די רוסישע באַצייכענונגען вид און род. סאָרט איז שוין אַן אייכעסדיקער באַגריף, און טיפּ מיינט גאָר עפּעס אַנדערש — דעם מוסטער, די מאָדעל, לויט וועלכער ס'איז געפורעמט אַ געוויסע גרופּע קעגנשטאַנדן צי דערשײַנונגען.

זגאַל איז אַ לעקסישער אופּטו שעכטערס[3], אַזאַ, וואָס אַפילע אין ייִוואָ האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד. דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „ייִדישע שפּראַך" יודל מאַרק שרײַבט וועגן דעם: „אין די פוילישע וועלדער זײַנען ניט געווען קיין ווער ווייסט וויפל „זגאַלן סאָסנעס". מעכאַדעש זײַן מעג מען נאָר דעמאָלט, ווען עס גייט ניט קעגן גוסט פון לאָשן און ווען מע באַדאַרף טאַקע דעם כידעש. צו וואָס באַדאַרף מען דעם זגאַל?"

אַרט ווערט אינעם ליטעראַרישן ייִדיש געניצט ניט בלויז טערמינאָלאָגיש. פּרג.: דער אַרט דענקען, רעדנס־אַרטן אאַז"וו.

אַנטשפּרעכן („שטימען מיט", „דעקן זיך מיט", „ענטפערן".

און:

אַנטשפּרעכיק („ענטפערדיק", „שײַעכדיק"). לאָמיר באַטראַכטן צוויי בײַשפּילן מיטן „דײַטשמעריזם" אַנטשפּרעכן: (1) „אַזאַ שטעלע אַנטשפּרעכט ניט (צו) מײַן קוואַליפיקאַציע", (2) „די באַווײַזן פון די איידעס אַנטשפּרעכן ניט (צו) די מאַטעריאַלן פון דער אויספאָרשונג".

שטימען מיט אָנשטאָט אַנטשפּרעכן (צו) איז פּאַסיק בלויז אין (2), ווו ס'האַנדלט זיך וועגן אַ מין קאָנטראָל־פאַרגלײַך (געמיינט איז: אַז מע פאַרגלײַכט די באַווײַזן פון די איידעס און דאָס, וואָס ס'איז באַוווּסט געוואָרן בײַס דער אויספאָרשונג, ווײַזט זיך אַרויס אַ סתירה: די באַווײַזן שטימען ניט מיט די מאַטעריאַלן פון דער אויספאָרשונג. אין (1) איז געמיינט „ניט־פּאַסיקײַט"; די שטעלע פּאַסט זיך ניט פאַר מײַן קוואַליפיקאַציע; שטימען מיט איז דאָ שוין ווייניקער געלונגען, בעסער איז דאָ בעפּיירעש אַנטשפּרעכן (צו).

---

[3] „ייִדישע שפּראַך", באַנד XXVI, נומ. 3, 1966, ז. 81. אין פוילישן ייִדיש־דיאַלעקט איז פונעם פראַנצויזיש־שטאַמיקן עגאַל („גלײַך", „אַלציינס") געוואָרן גאַל („מײַנס גאַל" = מײַנס גלײַכן); פאָנעטיש קלינגט עס, ווי מײַן זגאַל. אַזוי באַקומט זיך בײַ שעכטערן זגאַל אָנשטאָט אַרט.

וועגן דעקן זיך מיט איז דאָ איבעריק צו רעדן, אוואדע ניט — וועגן ענטפערן.

ענטפערדיק צי שײַעכדיק אָנשטאָט אנטשפּרעכיק איז קאַבינעטיש אָנגעטראַכט; קיין ייִדישער שרײַבער אָדער קולטור־טוער ניצט ניט אזעלכע ווערטער ווי אדעקוואַטן פון אנטשפּרעכיק — כּוץ יעכידים אין ייִוואָ און אין זײַנע ווירקונג־ספערן.

אינערלעכער („אינעווייניקסטער"). מיר זאָגן: „די אינעווייניקסטע רערלעך [די דעטאלן] פון א מעכאניזם", „די אינעווייניקסטע אָרגאַנען פונעם מענטשלעכן קערפּער" אדג. אָבער: „די אינערלעכע געפילן", „עפּעס אן אינערלעכע וועלט פונעם פּאָעט" אדג. מיר דיפערענצירן דאָ קאָנקרעטס און אבסטראַקטס, און די דאָזיקע דיפערענציר־מעגלעכקײַט ניצט ברייט אויס יעדער ייִדישער פען־טוער, וואָס פאַרמאָגט א נאָרמאַלן כּוש פארן ליטעראַרישן אָנווענד פון ווערטער.

באדײַטונג („באַטײַט"; „כשיוועס", „ווערדע"). מע קען מאסקים זײַן, אז בעסער איז אָן דעם סופיקס ־ונג, אָבער ניט באַטײַט, נאָר באדײַט. מיר דיפערענצירן: באַטײַט („מיין") און באדײַט(ונג) („וויכטיקײַט"). אשטייגער: „דאָס וואָרט באנק האָט צוויי גאנץ פאַרשיידענע באַטײַטן" און: „דעם באדײַט (די באדײַטונג) פונעם נײַעם דעקרעט איז ניט איבערצושאַצן". און, אדרבה, פּרוּווט ארײַנשטעלן דאָ כשיוועס צי ווערדע! א געוויסע געשעניש קאָן אמאָל האָבן א נעגאַטיוון באדײַט; אין אזא פאַל קען קיין רייד ניט זײַן וועגן כשיוועס און ווערדע. כשיוועס מיינט „געשעצטקײַט" און ווערדע גילט ווי אן אדעקוואַט פונעם רוסישן достоинство, פונעם ענגלישן dignity.

אייניקע („טייל", „אנדערע"). מיר פאַרשפּאָרן שוין צו פאַרטיידיקן דעם „דײַטשמעריזם" אייניקע. דאָס האָט א סאך פריִער געטאָן גראָד איינע א לייענערן פונעם זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך" מיט, זעט אויס, א גאנץ פײַנעם לינגוויסטישן כּוש — באסיע פּופּקאָ. זי שרײַבט:

„אויב מע וואָלט דאָס וואָרט [אייניקע. — מ. ש.] ניט געניצט, וואָלט מען עס געדאַרפט ארײַנפירן אין ייִדיש... מיר דאַכט זיך, אז מע שטעמפּלט שוין צו אָפט בא אונדז גוטע ייִדישע ווערטער מיט דער פּגימע פון דײַטשמערישקײַט. דאָס וואָרט אייניקע באַשטייט פון דעם זעלבן שורעש, וואָס אין די ווערטער אייניקײַט, פאַראייניקן, איינס אאַוו. פאַרוואָס זאָל דאָס וואָרט אייניקע פאַרמישפּעט ווערן און געפּאַסלט ווערן ווי דײַטשמעריש?"

און:

„פאַרוואָס זאָל ייִדיש זיך פאַראָרעמען און זיך אָפּזאָגן פון א וואָרט, וואָס איז פאַרשפּרייט און ארײַן אין דעם טאָגטעגלעכן געברויך?"

און ווײַטער:

„אין „ייִדישע שפּראַך" רעקאָמענדירט מען אָפט ווערטער, וואָס זײַנען לאכלוטן ניט באַקאַנט דעם ברייטן אוילעם, בלויז אַפן סמאך פון דעם, וואָס מיט צענדליקער אָדער הונדערטער יאָרן צוריק האָט ערגעץ אן עלטער־באָבע אָדער אן עלטער־זיידע עס געניצט... פאַרוואָס איז דאָס איידעס־זאָגן פון אזא מין עלטער־באָבע וואָגיקער פון דעם ריידן פון הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס ניצן דאָס וואָרט אייניקע הײַנט־צו־טאָג?"[4]

אינטערעסאַנט: די רעדאקציע פון „ייִדישע שפּראַך" ענטפערט אָפּ באסיע פּופּקאָען אין א פּונויבן־אראָפּטאָן ווי א נאַיִווער לייענערן, וואָס איז נעבעך ניט שטאַרק באַהאַוונט אין הילכעס־דיקדעק: זי מישט צונויף דעם אדיעקטיוו אייניק („געייניקט", „אכדעסדיק") און דעם דײַטשמערישן פּראָנאָם אייניקע. אינדערעמעסן אָבער רעדט פּופּקאָ וועגן גאָר עפּעס אנדערש — וועגן שורעש, וועגן וואָרצל, אָפּשטאַם, ייִכעס פון ווערטער. זי פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס ווערטער מיט אלציינעם וואָרצל — אומאָפּהענגיק פון זייער באַטײַט און פון זייער גראַמאַטישער אָנגעהעריקײַט — דאַרפן מיר באַהאַנדלען פאַרשיידן: די ווערטער אייניקײַט, פאַראייניקן, איינס אָננעמען ווי גאנץ קאָשערע אין ייִדיש און אייניקע טרייף מאַכן — ווי א דײַטשמעריזם.

און לאָמיר צוגעבן: צי באַמערקט ניט די רעדאקציע דעם פאַקט, וואָס אייניק („אכדעסדיק") ניצן מיר יאָ („די ארבעטער זײַנען אייניק צווישן זיך") און אינעם זעלבן באַטײַט מײַדן מיר אויס אייניקע און מיר זאָגן ניט „די אייניקע ארבעטער" (מיטן מיין „די געייניקטע", „די אכדעסדיקע"). פאַרוואָס מײַדן מיר אויס? — ווײַל אין אונדזער שפּראַך־באַוווסטזײַן ווערט שוין אויפגענומען אָט די פולע פלעקטירטע פאָרמע (אייניק־ע) בלויז ווי א פּראָנאָם, ווי אן אדעקוואַט פונעם רוסישן פּראָנאָם некоторые, פונעם ענגלישן some, few. די פאַראַנענקײַט פון אזעלכע אדיעקטיוון ווי געייניקטע, אכדעסדיקע גיט אונדז די מעגלעכקײַט אויסצומײַדן איבעריקע האָמאָנימישקײַט — דעם באַנוץ פון אייניקע אין צוויי פאַרשיידענע באַטײַטן; דאָ גילט די אזויגערופענע „האָמאָנימישע אָפּשטויסונג". און דאָס באַווײַזט אויך, ווי גערעכט ס'איז די „נאַיִווע" באסיע פּופּקאָ.

וועגן אייניקע סופיקסן. עמעס איז, אז דעם סופיקס ־באר איז בעסער אויסצומײַדן אין ייִדיש וווּ נאָר ס'איז מעגלעך. אייניקע ווערטער מיט אָט דעם סופיקס פילן זיך אין ייִדיש טאַקע ווי דײַטשמעריש. מע דאַרף אָבער צוגיין קאָנקרעט צו באַזונדערע פאַלן. אזעלכע אויסבילדונגען, ווי דערלאָזבאַר, פּרוכטבאַר, פילבאַר, דאַרפן פאַרבלײַבן אינעם ליטעראַרישן באַנוץ מאַכמעס זייער פאַרשפּרייטקײַט און פאַרוואָרצלטקײַט; דאָ איז גויווער די ליטעראַרישע טראַדיציע. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס פאַרבײַטן, אשטייגער, פּרוכטבאַר מיט פּרוכטיקער צי פּרוכפּערדיקער, ווי דאָס איז פאַרגעלייגט אין דער „הויסאָפּע 2", איז ריזיקאַליש: פּרוכטיקע ביימער ווערט אויפגענומען ווי א קעגנשטעלונג צו דעקאָראַטיווע ביימער; און אויב אזוי, איז דאָך שוין בעסער דער קאָמפּאָזיט, דאָס גאנץ פאַרשפּרייטע וואָרט פּרוכטביימער. און פּרוכפּערדיקער מיינט גיכער: „אזעלכער, וואָס פאַרמערט זיך געשווינד" (אין רוסיש плодовитый, אין ענגליש fertile). מע קען מאסקים זײַן, אז הערעוודיקער, אָנזעעוודיקער איז נאַטירלעכער פאַר ייִדיש, ווי הערבאַרער, זעבאַרער און אומפאַרגעסלעכער — בעסער פון אומפאַרגעסבאַ־

[4] „ייִדישע שפּראַך", באַנד VIII, נומ. 1 — 2, 1948.

דער; נאָר ס׳איז א גרויסער סאָפעק, צי מע קען אויסמײַדן דעם סופיקס ־באר באם איבערזעצן דאָס רוסישע וואָרט съедобный; ס׳טויג דאָ ניט ניט עסעוודיקער, אוואדע ניט עסלעכער צי עסיקער. עסבארער איז, זעט אויס, דער איינציק מעגלעכער אדעקוואט.

אזוי איז עס אויך מיט אנדערע סופיקסן, וואָס מע פּרוּווט זיך ארופלייגן אף זיי א קאטעגאָרישע וועטאָ. ס׳איז ריכטיק, אז ווּ ס׳איז מעגלעך און ווּ ס׳איז ניט קעגן דער ליטערארישער טראדיציע, דארף מען אויסמײַדן דעם סופיקס ־זאם און שרײַבן: ווירקעוודיק, זאָרגעוודיק, אומבייגעוודיק, ניט: ווירקזאם, זאָרגזאם, אומבייגזאם. אָבער ס׳מעגן און ס׳דארפן געניצט ווערן גרויזאם, וואכזאם, וועלכע פיגורירן אין „הויסאָפּע 2" ווי געפּאסלטע דײַטשמעריזמען. בא די דאָזיקע ווערטער זײַנען אָנגעגעבן זייערע סינאָנימען — אכזאָריעסדיק; וואך, וואכיק, אף דער וואך. ס׳איז אָבער קלאָר, אז סעמאנטיש גייען זיך אָפּט פאנאנדער גרויזאם און אכזאָריעסדיק. בארעכטיקט איז דאָ די דיפערענצירונג: „אן אכזאָריעסדיקער מאָרד" און „א ג ר ו י ז א מ ע ר טויט"; און ניט: „אן א כ ז אָ ר י ע ס ד י ק ע ר שטורעם", נאָר: „א ג ר ו י ז א מ ע ר שטורעם". אכזאָריעסדיקער אסאָציִירט זיך מיט ווילנהאפטיקע מערדערישע מעַסים. און אף איבערזעצן דעם רוסישן אדיעקטיוו бдительный (אין ענגליש vigilant) טויג נישט ניט וואך, וואכיק און אוואדע ניט אף דער וואך; אדעקוואט איז אין דעם פאל דאפקע דער „דײַטשמעריזם" — וואכזאם!

אזוי האלט עס מיט „דײַטשמעריזמען". דערבײַ באטאָנען מיר, אז די גענדזנפיסלעך אונדזערע זײַנען שײַעך ניט צו אלץ אין דער „הויסאָפּע 2"; ניט אלע געפּאסלטע ווערטער זײַנען בא אונדז קאָשער. אויך מיר באטראכטן ווי דײַטשמעריזמען, וואָס מע קען זיי ניט דערלאָזן אינעם היַנטצײַטיקן ייִדיש, אזעלכע ווערטער אין מ. שעכטערס צעטל, ווי:

דולדן, זילב (מע דארף: טראף), מאנכע („אייניקע"; „פיל"), טאטן („מעַסים"), נאכטיגאל („סאָלאָוויי"), נאכער („דערנאָך"), פלוך („קלאָלע"), נאָכאמונג („אימיטאציע"; „נאָכמאכונג"), אם מיינסטן („צום מיינסטן"), אומארמען („ארומנעמען", „האלדזן"), וויסטע („מידבער"), זאָרגפעליק („זאָרגעוודיק"), זעלבסטאָפּפערונג („מעסירעס־נעפעש"), דערקוויקנד („דערקוויקנדיק"), שמעקנד („שמעקנדיק"), נעמלעך („דעהײַנע"), צעלט („געצעלט"), רעטן („ראטעווען") (אָבער: בעסער רעטער איידער ראטעווער און רעטונג איידער ראטירונג), שולטער („אקסל"), שטונדע („שאָ"), שיקזאל („גורל"), שלומער („דרעמל"), שמערץ („ווייטעק"). און אויך אונדז איז ניט צום הארצן אזא אויסדרוק ווי „ש ל י כ ט ן דעם קריזיס ארום קאשמיר" (אין „מאָרגן־פרײַהײַט"); פיל בעסער איז: „ל יי ז ן (אפילע: ד ע ר ל יי ד י ק ן) דעם קריזיס...".

מיר קענען אָבער ניט זיך אָפּזאָגן פון אזעלכע ווערטער און ווערטער־באהעפטן, ווי:

אנציקונג, אנטשיידן, באצירק, געבײַדע, געהאלט, געלינגען, געלונגען, צוגענגלעך, אומדערוווארט, דערלערנען (изучать), דערפארונג, דערפינדונג, דערפינדן, דערפינדערישער, דערשיטערט, דערשײַנען, דערשײַנונג, שטאנדהאפטיק, העסלעך, ווילקיר, ווירקלעך, אָנווענזנהײַט, וועזנטלעך, אופמערקזאם, געמיינזאם, אָנזיכטיק, הינזיכט, פאָרזיכטיק, זעלבסטפארוואלטונג, זעלבסטשטעטיק, העלדנטאט, טויגעניכטס, אייגנטימלעך, רײַכטום, טרײַ, געשמאקלאָז, זאָרגלאָז, מאנגל, מינדלעך, מיספארשטייעניש, געזעצמעסיק, צוועקמעסיק, געהיימניש, נייגונג, פאָלגנדיקע, פאָרגעשריטענער, פארדריסלעך, פאָרוווּרף, פאָריקער, אין פארלויף פון, פארניכטן, פיצוכט, פיציכטלער, רײַף, רעטונג, אָנשויוּנגען, אָנשוילעך, צושויער, אויסגעשפּראָכן, געשפּרעך, ווידערשפּרוך, ווידערשפּרעכלעך, ווידערשפּרעכן אא.

אָט די אלע ווערטער זײַנען איבערגערעכנט אין דער „הויסאָפּע 2" ווי דײַטשמעריזמען. מיר שטעלן זיך אָבער ניט פאָר, ווי וואָלטן זיך געקענט באגיין אָן די דאָזיקע ווערטער אונדזערע שרײַבער און פּובליציסטן. ס׳איז אומעגלעך אפילע אין א ברייטערן ארטיקל ארומרעדן יעדער וואָרט באזונדער. פארן גרעסטן טייל זייערן טויגן ניט די סינאָנימען, מיט וועלכע ס׳ווערט פאָרגעלייגט זיי צו פארבײַטן; פאר א טייל פון זיי טויגן יאָ אייניקע סינאָנימען לויט זייער באטײַט, אָבער סטיליסטיש קענען זיי ניט פארטרעטן די אנטשפרעכיקע „דײַטשמעריזמען".

דעם אווטאָר פון דער „הויסאָפּע 2" געפעלט ניט, וואָס די סאָוועטישע פילאָלאָגן שטעלן זיך אײַן פארן באניץ פון פיל „דײַטשמעריזמען".

„אָפּטער ווי מיכוצן ראטנפארבאנד, — שרײַבט ער, — האָבן זיך דאָרט גראָד פילאָלאָגן אײַנגעשטעלט פאר דײַטשמעריזמען. מי לאָנו גאָדל קעזארעצקי צווישן די גראמאטיקערס, האָט ער אין זײַן אייגענעם באניץ צוגעזינדיקט אין הילכעס שפּראך־ציכטיקײַט. עליע ספּיוואק האָט זיך אײַנגעשטעלט קעגן פּרוּוון צו פארבײַטן פאָרזעצן, פאָלגנדיקער, אָרדנטלעכער, רײַף, דראָט (פון דראָען. — מ. ש.), פארורטיילט, פרוכטבאר, אויספירבאר אא. די טעזיסן פון דער שפּראך־באראטונג אין 1935 האָבן פארטיידיקט אזוינע דײַטשמעריזמען, ווי אָנשוילעך, זעלבסטשטראָם און די סופיקסן ־באר, ־האפט, ־זאם, ־לאָז. אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט מ. שאפּיראָ א פאָר מאָל געזוכט א זכוס אף אָט דעם אלטווארג"[5].

ניין, קיינער פארטיידיקט ניט קיין עכטע דײַטשמעריזמען. קיינער קען זיך אָבער ניט נעמען דאָס רעכט אײַנצושליסן אינעם קלאל דײַטשמעריזמען ווערטער, וואָס זײַנען אן אָרגאנישער טייל פון אונדזער לעקסיק און אזויארום אָפּצונעמען באם ליטערארישן ייִדיש נייטיקע סעמאנטישע און סטיליסטישע דיפערענציר־מיטלען.

אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך פארנעמען אזעלכע ווערטער זייער בעקאָוועדיק אָרט — באגלײַך און אָפּט באנאנד — מיט אנדערע אָרגאנישע קאָמפּאָנענטן פון אונדזער וואָרט־שאץ. אשטייגער:

אנטשפּרעכיק — соответственно; (надлежащим образом) ווי געהעריק; соответственно с чем-либо — לויט עפעס, אין העסקעם מיט עפעס[6].

---

[5] פון זײַן פאָרטראָג וועגן לאָשן פון „סאָוועטיש היימלאנד".

[6] דאָ און אין די ווײַטערדיקע בײַשפּילן איז פון די טײַטשונגען אינעם ווערטערבוך געגעבן בלויז

2. וועגן געקינצלטער, קאַבינעטישער וואָרט־שאַפונג

ווי אַ פרומער ייִד ציטערט פאַר אַ ברעקעלע כאַמעץ אום פּייסעך, אַזוי היט מען זיך אָפּ אין די ייִוואָ־קרײַזן פאַר אַ וואָרט צי פאַר אַן אויסדרוק, וואָס קאָן אַרויסרופן אַ מינדסטן כשאַש, אַז עס שמעקט כאָלילע מיט דײַטשמערישקײַט. און קעדיי אויסצומײַדן אַזאַ וואָרט־שטאָף, קליגט מען זיך צו־צוטראַכטן און אַרײַנצופירן אין אונדזער לאָשן ווערטער, וואָס קיינעם פון אונדז וועט קיינמאָל אויפן געדאַנק ניט קומען אָנצווווענדן זיי אין דער פּראַקטיק. מע קאָן טרעפן אין די ייִוואָ־אויסגאַבעס (טאַקע באַ שעכטערן און ניט נאָר באַ אים) אַזעלכע לעקסישע נײַסן, ווי אַנדערשדיקײַט אָנשטאָט דעם פאַר אונדז אַזאַ געוויינלעך וואָרט, ווי אונטערשייד. און אונטערשיידן ווערט פאַרביטן מיט פונאַנדערהאַלטן („באַם אַנאַליזירן דאָס לאָשן פון אַ פּערזאָדישער אויסגאַבע קען מען **פונאַנדערהאַלטן** עטלעכע קאַטעגאָריעס״ און: „צוויי פלאַסטן דאַרף מען **פונאַנדערהאַלטן** אין דער לעקסיק״). מע פּרוווט אײַנגלידערן אַזעלכע ווערטער, ווי וויסיקער, וויסיק („באַוווּסטזיניקער״, „באַוווּסטזיניק״)[7], בעשוטפעסדיקײַט („געמיינזאַמקײַט״), אייניינעמדיקער, בעשוטפעסדיקער („געמיינזאַמער״), דערגייונגען („דערגרייכונגען״), אומפאַרמאַטערלעכער („אומדערמידלעכער״), דאַנקשאַפט („דאַנקבאַרקײַט״), לויניק („צוועקמעסיק״), געזעציק („געזעצמעסיק״), אופמערק („אופמערקזאַמקײַט״), אַליין־פאַרוואַלטונג („זעלבסטפאַרוואַלטונג״), אַליין־הערשונג („זעלבסטהערשונג״), אַליין־מאָרד („זעלבסטמאָרד״), אַליין־ווערדע („זיכווערדע״), אַ וואָרט פריִער („פאָרוואָרט״), פּי־ציִונג („פּיצוכט״), בינען־ציִונג („בינענצוכט״), צום צאַאַר („צום באַדויערן״); אפילע: שאַפערישער („שעפערישער״), מאַכטיקער („מעכטיקער״) אאַז״וו.

אין ווײַנרײַכס „מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך״ ווערן פאָרגעלייגט אויך אַזעלכע נײַשאַפונגען, ווי:

אָנונג („פאָרגעפיל״), איבערעד („געשפּרעך״, „שמועס״), טויִקער („טעטיקער״, „טיכטיקער״), ווילטויִקער („ווילטעטיקער״), אומפאַרשטייעניש, ניט־דערשטיידעניש („מיספאַרשטייעניש״), קאָסטיקער („קאָסטבאַרער״) אאַז״וו.

דעם צעטל מיט אַזעלכע געמאַכטע ווערטער קען מען היפּש פאַרלענגערן.

צי נאָר אונדזערע ייִדישע שרײַבער און קולטורטוער כאַפּן זיך ניט צו אָפּעריִרן אין זייערע שאַפונגען מיט אַזעלכע לעקסישע אופטוען? זעט אויס, ניין. ניט נאָר באַ אונדז, נאָר אויך אין אויסלאַנד און אַפילע אין צענטער פון די ייִוואָ־ווירקונגען, אין ניו־יאָרק, איז מען ניט גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון ווערטער, וואָס ווערן שוין צענדליקער יאָרן גענוצט אין ייִדיש, און צו פאַרבײַטן זיי מיט געקינצלטע, אָנגעטראַכטע נעאָלאָגיזמען. ווײַל שפּראַך־טראַדיציע איז פיל שטאַרקער פון פּראָזשעקטיאָרישקײַט אין לעקסיק. מ. שעכטער גופע מוז עס אָנערקענען. אומדירעקט קלאָגט ער זיך דערויף, וואָס די פאַרבינד־קאַנאַלן (באַ אים הייסט עס „די צינוירעס״...) צווישן די ייִוואָ־לינגוויסטן און „דעם שרײַבער פון אַ גאַנץ יאָר, ביפּראַט דעם זשורנאַליסט, זײַנען בעדערעך קלאַל, פאַרשטאָפּט״ ניט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אויסער זײַנע גרענעצן[8].

בעפירעש איז געגעכט געווען עליִע ספּיוואַק, ווען ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן פאַרשיידענע „שפּראַכמאַכערישע רעצעפּטן״, סײַ קעגן די, וואָס מע האָט לעשעם פאָלקסטימלעכער פאַריינפאַכונג איין צײַט געפּרוווט אַרײַנפירן אין ייִדיש באַ אונדז, אַזוינע ווי וויפלקײַט („קאַמעס״), וויִאַזויקײַט („אייכעס״), פאָרלייג („פאָרשלאָג״), לויטדערדײַקער („אָרדנטלעכער״), סײַ קעגן דער „ייענזײַטיקער וואָרטמאַכונג״, וואָס קומט אַרויסצושטויסן אַזעלכע ווערטער, ווי אַנטשפּרעכיקער, אייגנאַרטיקער — ווי בלע״ז־ווערטער, ווי פרעמדווערטער, — און צו פאַרבײַטן זיי מיט מ. ווײַנרײַכס „ענטפערדיקער״, „פאַרזיכדיקער״ אאַז״וו., אויך קעגן נויעך פּרילוצקיס קוועטש אָנשטאָט אַקצענט, מוילאַרט אָנשטאָט מונדאַרט אָדער יודאַ אַ. יאָפעס פאַרשווינדלעכע פאַרענטפערלעכקײַט אָנשטאָט פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. ס׳באַקומט זיך דערפון, — זאָגט ווײַטער ע. ספּיוואַק, — „כאַלאַשעסדיקע פאַריינפאַכערײַ״, וואָס ציט אָפּ „די שעפע פונעם נײַעם וואָרט״[9].

אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך איז ווי ווײַט מעגלעך אויסגעמיטן אַזאַ וואָרטמאַכערײַ. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז קאַבינעטישע וואָרט־שאַפונג איז אויסגעשלאָסן שטענדיק און אומעטום. אין לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט, באַזונדערס באַם צונויפשטעלן אַ צווייִשפּראַכיקן ווערטערבוך ביכלאַל, אַ רוסיש־ייִדישן צי ענגליש־ייִדישן ביפּראַט, אוואַדע שוין, ווען מע האָט צו טאָן מיטן ספּעציִעלן טערמינאָלאָגישן וואָרט, מיט אַזעלכע געביטן, וואָס ייִדיש האָט זיך וויינִיק מיט זיי אָנגעקערט, — דאַן איז צומאָל וואָרט־שאַפונג אַ מוז.

3. וועגן באַניץ פון פרעמדווערטער

אין דער סאָוועטישער לינגוויסטישער ליטעראַטור איז שוין פון לאַנג פאַרורטיילט די נעטיִע צו ניצן פרעמדווערטער ווו מע דאַרף יאָ און ווו מע דאַרף ניט, ביפּראַט ווען ס׳איז גרינג אָנצוווענדן דאָס אייגענע, נאַטירלעכע וואָרט; איבערכאַזערן דאָס אַלץ האַלטן מיר דאָ פאַר איבעריק. אונדז אינטערעסירן איצט די אינטערעסן פון איינהײַטלעכקײַט און אומעטום־פאַרשטענדלעכקײַט פונעם ייִדישן דרוקוואָרט.

דאָס, וואָס אינטערעסירט אונדז אין געגעבענעם פאַל, און דערבײַ — אָן יענע רעמאַרקעס און גראַמאַטישע באַצייכענונגען, וואָס זײַנען ניט וויכטיק באַם איליוסטרירן די־יענע האַנאָכע.

[7] דאָ און ווײַטער גיבן מיר אָן אין די קלאַמערן דאָס געוויינלעכע, דאָס פון לאַנגאָנען פאַרשפּרייטע וואָרט אינעם ליטעראַרישן ייִדיש.

[8] פון מ. שעכטערס פאָרטראָג וועגן לאָשן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

[9] ע. ספּיוואַק. נײַע וואָרט־שאַפונג. קיִעוו, 1939, ז. 159.

אין אָט דעם פּראַט איז צו מערקן אַ בולעטן אונטערשייד צווישן דער שרײַב־פּראַקטיק בײַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד, דערהויפּט — אין דער פּובליציסטישער שפּראַך. וועגן דעם אומבאַרעכטיקטן איבערפלוס פון פרעמדווערטער אין דער שפּראַך, אַשטייגער, פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" האָט ניט לאַנג צוריק גערעדט דער ייִדיש־פאָרשער עליע פאַלקאָוויטש אין זײַנעם אַן אַרטיקל אין דער דאָזיקער צײַטונג צו איר 25־יאָריקן יובילײ. אין דער „פאָלקס־שטימע" האָט ער אָנגעטראָפן אַף אַזעלכע ווערטער, מײנסטנס פון לאַטײַנישן אָפּשטאַם, ווי קאָנטינוירן („פאָרזעצן"), רעזיגנירן („אָפּזאָגן זיך"), קרעירן („שאַפן", „דערפירן צו"), פּאַסצינירט („איבעראַשט", „ניספּאָעל"), סוגערירן (דעם אײַנדרוק) („מאַכן"; „באַווירקן"), אַספּיראַציעס („באַשטרעבונגען"), דעוואַסטירונגען („פאַרוויסטונגען"), דעטראַניזאַציע („אַנטקרױינונג") און אַ רײ ענלעכע פרעמדווערטער. אין דער זעלבער „פאָלקס־שטימע" האָבן מיר אַף אַ שטעך פון אַ פּאָר אַרטיקלען פאַרצײכנט אויך אַנדערע פרעמדווערטער, אַזעלכע ווי: פרעקווענץ („באַזוכלעכקײַט"), מיטדעצידירונג (געמײנט: „מיטבאַטײליקונג אין דער פאַרוואַלטונג" — „...מ י ט ד ע צ י ד י ר ו נ ג פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן"), ניט־דעצידירטער („ניט־אַנטשלאָסענער", „זיך־וואַקלענדיקער"), אין זײַן דיספּאָזיץ („אין זײַן רעשוס"), רעפלעקסיעס (געמײנט: „מאַכשאָוועס", „הירהורים"), איניציירן („זײַן אַן אָנהייב פון" — „...דער פּראָטאָטיפּ פונעם „פּוילישן פיאַט 126־פּ", וואָס וועט א י נ י צ י י ר ן די אינדיווידועלע מאָטאָריזאַציע פון אונדזער לאַנד...") און אײניקע אַנדערע.

און צי דען נאָר אין דער „פאָלקס־שטימע"? אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" קענען מיר אָנטרעפן אַף אַזעלכע פרעמדווערטער, ווי אַראַנזשירן (אַ מיטינג), טראַנספערירן („איבערבאַזעצן" — „ט ר אַ נ ס פ ע ר י ר ן די דײַטשע באַפעלקערונג פון די געגנטן בײַ אָדער און ניסע קײן דײַטשלאַנד"), עטאַבלירט ווערן („אײַנגעשטעלט ווערן", „פאַרפעסטיקט ווערן") אאַ.

און ניט נאָר אין צײַטונגען. מיר טרעפן, אַשטייגער, אין זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך" (בײַ שעכטערן, און ניט נאָר בײַ אים): גענעראַליזירן („פאַראַלגעמײנערן"), ווערי פיצירן („באַשטעטיקן"), עקסקלוסיווער („אויסשליסלעכער"), קאָנסומענטן („געברויכער", „באַניצער") אדג.

אין דער סאָוועטיש־ייִדישער פּובליציסטיק זײַנען פיל זעלטענער אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַליזמען.

אַזאַ אונטערשייד אינעם וואָרטבאַנוץ קען מען פאַרשטײן: דער אויסלענדישער ייִדישער פּובליציסט איז צו שטאַרק באַווירקט פון מײַרעווודיקער פילשפּראַכיקײַט און פון אינטערנאַציאָנאַלער לעקסיק. דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור־טוער איז פרײַער דערפון, און דעם ייִנגערן שרײַבער־דאָר אין ראַטנפאַרבאַנד איז צומאָל בִּכלל פרעמד אַזאַ וואָרטשטאָף.

יאָ, פאַרשטײן קען מען, אָבער געוויס איז גערעכט ע. פאַלקאָוויטש, ווען ער באַמערקט אינעם דערמאָנטן אַרטיקל זײַנעם, אַז די „פאָלקס־שטימע" און אַלע אַנדערע ייִדישע צײַטונגען לײענען „ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער, און די רעדאַקציעס טאָרן עס נישט פאַרגעסן".

ווי האַלט עס מיט פרעמדווערטער, ספּעציעל מיט אינטערנאַציאָנאַלן וואָרט־מאַטעריאַל, אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך?

אַלפּי־קלאַל זײַנען אויסגעמיטן אין אונדזערע טײַטשונגען פרעמדווערטער פון די אויבנגעבראַכטע טיפּן. אָבער יענער אינטערנאַציאָנאַלער וואָרט־שטאָף, וועלכער איז גענוג פאַרוואָרצלט אין דער ייִדישער קולטור־שפּראַך, איז אינעם ווערטערבוך ברייט פאַרטראָטן. ס'איז גוט באַוווסט, אַז קײן הײַנטצײַטיקע (און ניט נאָר הײַנטצײַטיקע) שפּראַך קען ניט אויסקומען בלויז מיט אירע אייגענע וואָרט־רעסורסן און אוואַדע ניט — אָן יענער לעקסיק, וואָס איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט אין די וויכטיקסטע קולטור־שפּראַכן פון דער וועלט, באַזונדערס אין די אײראָפּעיִשע, דערין אויך אין דער רוסישער שפּראַך און — אין אַ היפּשער מאָס דורך איר פאַרמיטלונג — אויך אין די שפּראַכן פון פילצאָליקע פעלקער און פעלקערשאַפטן פון אונדזער פאַרבאַנד. ייִדיש איז אין דער הינזיכט קײן אויסנאַם ניט.

לאָמיר באַטראַכטן באַזונדערע פאַלן.

אַ) ס'ווערט געטײַטשט אַן אייגן וואָרט פון דער רוסישער שפּראַך, און אין דער טײַטשונג איז אָנגעגעבן אַ וואָרט פון אינטערנאַציאָנאַלן באַניץ:

ядерный — נוקלעאַרער.
соперник (*в любви*) — ריוואַל, קאָנקורענט.
соперничать (*в любви*) — ריוואַליזירן.
ходы сообщения *воен.* — דורכגאַנג־טראַנשײ פאַרבינד־שאַנצן.

ב) אין רוסיש — אַן אייגן וואָרט, אין ייִדיש — אַן אייגן וואָרט באַנאַנד מיט אַן אינטערנאַציאָנאַליזם:

вороненая сталь — [אָקסידירטער] שטאָל ברוניר טער.
до востребования — פּאָסט, צום אַרויספאָדערן — רעסטאַנט.
восьмигранник *мат.* — אָקטאַעדער, אַכטווענטלער.
вторичный 1...; 2. (*производн.*) — סעקונדערער, צווייטיקער.

ג) אין רוסיש — אַן אייגן וואָרט און אויך, לויטן אַלעפבייס, אַף זײַן אָרט — אַן אינטערנאַציאָנאַליזם; אין ייִדיש, אין ביידע פאַלן, — דאָס אייגענע וואָרט באַנאַנד מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם:

языковед — לינגוויסט, שפּראַכקענער
лингвист — שפּראַכקענער, לינגוויסט.

ד) אין ביידע שפּראַכן גילט בלויז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע וואָרט:

фонограф — פאָנאָגראַף.
финансы — פינאַנצן.

פון אונדזערע בײַשפּילן איז צו זען, אַז צום אינטערנאַציאָנאַליזם קומען מיר אָן באַם טײַטשן דאָס רוסישע וואָרט אין אַזעלכע פאַלן:

1) ווען אַזאַ וואָרט האָט שוין פון לאַנג באַקומען בירגער־רעכט אינעם ליטעראַרישן ייִדיש (קאָנקורענט, טראַנשײ, לינגוויסט, פינאַנצן אדג.); 2) ווען דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז אָנגענומען געוואָרן אין דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, אָפט — דורך אויטאָריטעטע קאָמיסיעס פון לינגוויסטן און אַנטשפּרעכיקע פאַכמענער (סעקונדערער, אָק־

סידירטער שטאָל, אַקטאַעדער); 3) ווען ס'איז ניט צו געפינען אין יִדיש קיין אדעקוואט פארן געטײַטשטן וואָרט און ווען אפילע דאָס ליטעראַרישע דײַטש קומט אָן טיילווײַז צום אנדערשטאמיקן וואָרט, אשטייגער, צו פראנצויזיש (ריוואל, ריוואליזירן). די דײַטשישע סינאָנימען פאר אָט די ווערטער וואָלטן אין יִדיש געקלונגען עכט דײַטשמעריש, און דעריבער דארף מען אָפּגעבן די בכוירע דעם פראנצויזיש־שטאמיקן אדעקוואט (ריוואל).

4. וועגן רוסישער האשפּאָע אפן יִדישן שפּראַך־באַניץ

אייגנטלעך איז דאָ וויכטיקער א ברייטערער אַספּעקט — וועגן ווירקונגען פון דער פארפלייצנדיקער ארומיקער שפּראַך־ווירקלעכקײַט און באַזונדערס פון דער מעלוכע־שפּראַך אין יעדער לאנד, ווו יִדיש ווערט גערעדט. וועגן דעם איז גענויער געזאָגט אין די דערמאָנטע ארטיקלען[10]. לאָמיר דאָ בלויז ווידער ברענגען איין וויכטיקן אויספיר אונדזערן: דאָס ליטעראַרישע יִדיש פארבלײַבט אָן אייגנהײַטלעכע און אומעטום־גילטיקע שפּראַכסיסטעם, ניט געקוקט אָף געוויסע געזעצמעסיקע האשפּאָעס מיצאַד דער ארומיקער אנדערשפּראַכיקער סוויווע, האשפּאָעס, וועלכע מוזן זיך שטארק פילן אין דער יִדישער רייד־ און שרײַב־פּראַקטיק, דערין אויך אינעם יִדישן דרוקוואָרט, אומעטום, אין אלע לענדער מיט א באַדײַטנדיקן יִדישן קיבעץ. אין דער יִדישער פּרעסע איז אָפּט שווער אויסצומײַדן דעם באַניץ פון דער פארשפּרייטער ניט־יִדישער באַצייכענונג פארן שטייגערלעכן באַגריף, אויב זי איז אין אומגענגלעכע רייד געוואָרן שוין א מאַסנוואָרט. פארשטייט זיך, אז מע טאָר דערבײַ ניט פארלירן דאָס מאָסגעפיל. מע וואָלט, אשטייגער, געקאָנט שרײַבן: „די ראַדיִאָ האָט איבערגעגעבן", „דער אָנפּאַרטרויעטער", „דער זיכערהײַטס־ראַט", „די פאַרבינדעטע" און ניט: „די ראַדיִאָ האָט ג ע ב ר אָ ד ק ע ס ט", „דער אַטוירני", „דער סעקיוריטי־קאַונסיל", „די עלאַיִס", ווי מיר לייענען אמאָל אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט". אונדז כידעשט, ווען מיר טרעפן אין דער „פאָלקס־שטימע" אַזעלכע ווערטער, ווי „אַטוט" אָנשטאָט „טרומף־קאָרט" אָדער „טרומף"[11]; „קאַוויאַרניע" אָנשטאָט „קאַפע". ווירקונג פון ענגליש אין פּשא, ווירקונג פון פּויליש אין פּוילן און — ווירקונג פון רוסיש (אויך — זעלטענער — פון אוקראַיִניש צי פון ווײַסרוסיש) בא אונדז אין לאנד. וועגן דער לעצטער איז גענוג געשריבן אין אונדזער שפּראַכקריטישער ליטעראַטור[12]. זעט אויס, אַזעלכע אנדערשפּראַכיקע באַצייכענונגען זײַנען אמאָל מער פארשטענדלעך, איידער די אדעקוואַטע יִדישע סינאָנימען זייערע; ס'טרעפט אפילע, אז מע ניצט בעפּייִרעש דאָס אייגנשפּראַכיקע, דאָס יִדישע וואָרט, און פּאַראַלעל, ווי א טײַטשונג, גיט מען אָן אין קלאַמערן דאָס מער פארשפּרייטע וואָרט פון דער מעלוכע־שפּראַך. אשטייגער (אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט"): „די געהילף־(אַ ק ז י ל ע ר י) שיפן"...

אינעם רוסיש־יִדישן ווערטערבוך ווערט אָנגעגעבן ווי א טײַטש דאָס רוסישע (אמאָל אויך דאָס אוקראַיִנישע) וואָרט, אויב נאָר עס איז געוואָרן דאָס אייגנס סײַ פון דעם אומגאַנג־יִדיש, סײַ פונעם קלאַל־יִדיש, פונעם ליטעראַרישן יִדיש: אָפּט קומט אַזאַ טײַטש באַנאַנד מיט אנדערשטאמיקע — גערמאַניזמען, העברעיִזמען:

ябедник — יאבעדניק, מאָסער, בילבולניק.
ябедница — יאבעדניצע, מאָסערניצע, בילבולניצע.

אויב אָבער דאָס רוסישע וואָרט ווערט גענוצט אין יִדיש בלויז אין אומגאַנג־רייד, ווערט עס געבראַכט אפן לעצטן אָרט מיט דער געהעריקער רעמאַרקע:

ярмо — יאָך; יארמאָ *разг.*,...
воробей — שפּערלינג, שפּערל; וואָראָביי *разг.*
врубовая машина — אײַנהאַק־מאַשין; ווּרובאָווקע *разг.*

юркий — 1. פלינקער, רירעוודיקער, זשוואָווע, (דאָ איז באַם טײַטש „זשוואָווע" ניט געגעבן די רעמאַרקע *разг.*, ווײַל אין יִדיש איז אָט דער אוקראַיִניזם אָנגענומען אויך אינעם ליטעראַרישן אָנווענד).

פון דער רוסישער שפּראַך און דורך איר פארמיטלונג קומען אין יִדיש, ווי אין די שפּראַכן פון אלע אנדערע פעלקער אין אונדזער פארבאַנד, היפּש ווערטער פון אנדערע שפּראַכן, באַזונדערס — פון אינטערנאַציאָנאַלן באַנוץ. אייגנטלעך דארפן מיר אַזעלכע ווערטער באַטראַכטן ווי רוסיזמען, אויב ניט לויטן אורקוואַל, איז לויטן דירעקטן אַנטלײַ־קוואַל. ס'קומען דאַן אוף אייניקע ספּייקעס. וויִאַזוי דארפן מיר פורעמען אַזעלכע ווערטער — ווי אין דער שטאַם־שפּראַך צי ווי אין דער שפּראַך־פארמיטלערן, אין רוסיש? דאָ קומט אויס צו רעכענען זיך טיילווײַז מיט דער יִדישער ליטעראַרישער טראַדיציע. וויִאַזוי, אשטייגער, איבערזעצן דאָס רוסישע וואָרט *тиф*? טיפוס צי טיף? מיר גיבן דאָ אָפּ די בכוירע דעם ערשטן וואַריִאַנט — טיפוס, ווײַל אַזוי איז אָנגענומען פון לאַנגאָנען אין דער יִדישער שרײַבפּראַקטיק. אנדערש איז עס מיט אינטערנאַציאָנאַלן וואָרט־שטאָף, וואָס האַלט אין איין אַרײַנדרינגען ערשט די לעצטע יאָרן אין יִדיש — פון רוסיש, דורך רוסיש. וויִאַזוי איבערזעצן: כאָקיי צי האָקיי? מיוזיק־כאָל צי מוזיק־האָל? וועגן ליטעראַרישער טראַדיציע איז דאָ ניט שײַעך צו רעדן. אין א סטירע קומען דאָ צוויי פּרינציפּן — אייגנהײַטלעכקײַט פון יִדיש און אַלפאָלקישער באַנוץ אין אונדזער לאנד. אַזוי איז עס אויך מיט אייגן־נעמען — געאָגראַפישע נעמען, פערזאָן־נעמען אדג.: כאַנאַי צי האַנאַי? באַרביוס צי באַרביס? ראָקועל צי ראָקוועל? וועגן אַזעלכע באַצייכענונגען רעדט מ. איטקאָוויטש אין זײַן „מעלדן אָן אויסרייד". איין זאַך איז דער פאַל, ווען דער קלאַנג h פון דער אַנטשפּרעכיקער אייראָפּעיִשער שפּראַך ווערט אינעם רוסישן אַדעקוואַט איבערגעגעבן דורכן קלאַנג *г* (гармония און אָס гипербола); אַן אַנדער זאַך איז, ווען דער ענגלישער h ווערט אין רוסיש אַרויסגערעדט (און אין

---

[10] זע די פוסנאָטע אפן זײַטל 145.

[11] אין רוסיש — козырь.

[12] א גוזמע בײַשפּילן — זע „סאָוו. היימלאַנד" נומ. 7, 1971 — ז. 129.

שריפט באַצייכנט) ווי X. אין ערשטן פאַל קאָנען מיר זיך סוימעך זײַן אַף דער שרײַב־טראַדיציע אינעם ליטעראַרישן ייִדיש: דעם רוסישן אַנשטאָט דעם אינטערנאַציאָנאַלן h (אומאָפּהענגיק פון דער שטאַם־שפּראַך) פּלעג מען שטענדיק איבערגעבן אין ייִדיש דורך ה (היפּערבאָל, האַרמאָניע); אין צווייטן פאַל ווייסן מיר ניט פון טראַדיציעס.

ס׳זעט דעריבער ניט אויס אַזוי ווילד (און עפּשער איז טאַקע באַרעכטיקט אין דעם פאַל) די פּראַקטיק פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן". די צײַטונג אַדרעסירט איר וואָרט צום ייִדישן לייענער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, דעם סאָוועטישן ייִדישלייענער ביכלאַל, און אַט דעם לייענער איז מעשונעדיק צו הערן (און צו לייענען) וועגן עפּעס אַ „האַנוי", עפּשער אַפילו אַן „אַנוי" (ווײַל בײַ פיל ייִדיש־ריידער ווערט דער ה ניט אַרויסגערעדט). און די ייִדישע יוגנט פון ביראָבידזשאַן ווייסט בלויז פון אַזאַ ספּאָרטיוון טערמין ווי „כאָקיי", און „האָקיי" צי עפּשער „אָקיי" וואָלט איר מיסטאָמע אויסגעזען ווילד. דער סאָוועטיש־ייִדישער לייענער פון אויסלענדישער ליטעראַטור ווייסט ניט פון קיין שרײַבער באַרביס, ער ווייסט בלויז באַרביוס.

אינעם אויסגערעדאַקטירטן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך איז נאָך ניט צוגעגעבן דאָס צעטל „געאָגראַפישע נעמען", און מיר וואָלטן געוואָלט דאָ אויסהערן די שטים פון לייענער. אַגעוו, בנוגע צו געאָגראַפישע נעמען איז טיילווײַז קלאָר די שרײַב־טראַדיציע: קאָפּענהאַגן, האַאַג אאַז״וו.; פאַראַן אַפילו אייניקע עכט ייִדישע נעמען: בריסק (Брест), טריסק (Триест) און פיל אַנדערע נעמען פון שטעט מיט אַמאָליקע גרויסע ייִדישע קהילעס. אָבער וויפיל האָבן מיר איצט נײַע נעמען פון אויפגעקומענע ערשט ניט לאַנג אַפריקאַנישע מדינות מיט זייערע הויפּטשטעט און מיט זייערע טאָפּאָגראַפישע נעמען (פון טײַכן, בערג אאַז״וו.). געווײַנלעך איז פאַר זיי דאָ אַ גרייטע ענגלישע באַצייכענונג. אָבער צי גיט זי דען איבער די ספּעציפישע קלאַנגען פון אַזעלכע נעמען אין מויל פון די אַבאָריגענע אײַנוווינער? דאָ בלײַבט אונדז געוויס איין אויסוועג — די באַצייכענונג, וואָס איז אָנגענומען אין רוסיש — אין דער שפּראַך, פון וועלכער מיר נעמען דעם נאָמען.

5. וועגן העברעיִש־שטאַמיקער לעקסיק אין ייִדיש

די דאָזיקע טעמע איז קימאַט אַ פּערמאַנענטע אין דער ייִדישער קולטור־וועלט. אַרום איר פירן זיך הייסע וויכּוחים שוין העכער הונדערט יאָר, אָנהייבנדיק מיטן ערעוו־קלאַסישן פּעריאָד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, באַזונדערס שאַרף — אַף די קערפּונקטן אין איר אַנטוויקלונג. פון צײַט צו צײַט זײַנען אָנגעגאַן אַזעלכע שטרײַטן סײַ בײַ אונדז, סײַ אין אויסלאַנד, צום מײנסטן אין אַ פּובליציסטישער פאָרם, אָפט מיט מער־ווייניקער באַגרינדעטע פּרעטענזיעס אַף וויסנשאַפטלעכער טראַקטירונג, טיילווײַז, דעריקער זינט די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, אויך אין אַן ערנסטן, שמאָל־לינגוויסטישן אַספּעקט.

אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן אַזעלכע וויכּוחים פאַרנומען זייער אָרט, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאַטעריאַלן פון דער שפּראַך־באַראַטונג אין 1967. זינט דעמאָלט זײַנען אַריבער גאַנצע פינף יאָר. פאַר אַט דעם צײַטאָפּשניט איז עפּעס וואָס קלאָרער געוואָרן, אייניקע שאַרפע ווינקלען זײַנען אָפּגעריבן געוואָרן, ס׳איז זיך ניט באַגאַנגען אָן אַ געוויסער עוואָליוציע אין דער שטעלונג צו דער פראַגע וועגן באַנוץ פון העברעיִש־שטאַמיקן וואָרט־שטאָף אינעם ליטעראַרישן ייִדיש און בעפֿירעש — לעטויוועס אַ ר אַ צ יִ אָ נ ע ל ע ר אויטיליזירונג פון אַזאַ לעקסיק. אין דעם פּראַט קאָן שוין איצט קיין רייד ניט זײַן וועגן גאָר שאַרפע כּעלוקע־דייעס אינעווייניק בײַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד. וועגן דעם איז גענוג און גאַנץ קלאָר געזאָגט אין אונדזער אַרטיקל אינעם יובילײ־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 7 — 1971).

אַנדערש איז עס מיט געוויסע טענדענצן אין דער אויסלענדישער ייִדישער שפּראַך־ליטעראַטור און אין אייניקע — פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע — אויסגאַבעס, וווּ ס׳לאָזט זיך מאַמאָשעסדיק פילן איר האַשפּאָע.

לאָמיר באַטראַכטן באַזונדערע פאַלן.

1) ס׳ווערן אויסגעניצט העברעיִשע וואָרצלען אַף אויסצובילדן לעקסישע נײַ־שאַפונגען. גענויער האָבן מיר עס געוויזן אַף בײַשפּילן פון אוריִעל ווײַנרײַכס ווערטערבוך, אַף אַזעלכע, ווי גוילעמאַט („ראָבאָט"), אָנגוווּליק („גרענעצלאָז", „אָן אַ גרענעץ"), האַדגאָשע („אַרויסהייבונג"), בגידעדיק („פאַרעטעריש) אאַז״וו. נעאָלאָגיזמען פון דעם מין געפינען מיר אויך אין מ. שעכטערס „הויסאָפע 2": שײַעכדיק („אַנטשפּרעכיק"), אָס־בעאָסיק („בוכשטעבלעך"), איינע־נירעדיק („אומאָנזעעוודיק"), ניצמעך ווערן („אַנטשטיין") אאַז״וו.

אין אַזאַ פאַל פרעגן מיר אָפּ די פאָרגעלייגטע לעקסישע אופטועון ניט מאַכמעס זייער העברעיִשן (אָדער אַראַמעיִשן) אָפּשטאַם, נאָר דערפאַר, וואָס אונדז זעט אויס אומבאַרעכטיקט, אָפט אַפילו פּריקרע, ניט־נייטיקע אָנגעטראַכטע וואָרטמאַכערײַ ביכלאַל. פונקט אַזוי זײַנען מיר קעגן די פּרוּוון צו פאַרבײַטן אײַנגעבירגערטע ייִדישע ווערטער מיט גערמאַניש־שטאַמיקע נײַ־שאַפונגען, אַשטייגער: דערפינדונג — מיט צוקלערונג אָדער אויסגעפינס, דערפאַרונג — מיט געפּרוּוו צי גענימשאַפט, אומגענגלעך — מיט גייִיק.

2) ס׳ווערן גענומען ווערטער און אויסדרוקן פון העברעיִשן (צי אַראַמעיִשן) אָפּשטאַם גרייטערהייט — מיטן ציל אַרויסצושטויסן דעם באַנוץ פון „דײַטשמעריזמען", האַגאַם ס׳ווערט דערבײַ ניט דערגרייכט די נייטיקע סעמאַנטישע אָדער סטיליסטישע אַדעקוואַטקײַט. מיר האָבן עס אויבן שוין געוויזן אַף בײַשפּילן פון דער „הויסאָפע 2", אַף אַזעלכע ווי קוילעל זײַן אַנשטאָט אַנטהאַלטן, טײַנען אַנשטאָט באַהויפּטן אאַ. אַזוי איז עס אויך מיט עמעס אַנשטאָט ווירקלעך, זאָהיר אַנשטאָט פאָרזיכטיק, לוי־יוצלעך אַנשטאָט טויגעניכטס, שאָפל אַנשטאָט מינדערווערטיק אאַז״וו.

און בעפֿירעש ניט־געלונגען איז אין דעם פּראַט דער באַנוץ פונעם העברעיִזם אין אַזעלכע פאָרמולירונגען, ווי:

„אין „סאָוועטיש היימלאנד" איז נאָך אלץ זייער קענטיק... די נאפקע־מינע פון באל־לאָשן ביז סטאם שרײַבער..."[13]

אָדער:

„ביז גאָר א גרויסער מאָס איז דער ס י מ ע ן־ה א מ י ן פון יעדן דיִאלעקט זײַן סיסטעם ארויס־רעדן די וואָקאלן"[14].

געוויס וואָלט דאָ פיל פאסיקער געווען אָנשטאָט נאפקע־מינע (פון) — אונטערשייד (צווישן...) אָדער כאָטש דער העברעיִש־שטאמיקער סובסטאנטיוו כי־לעק (צווישן...) און אָנשטאָט סימען־האמין — אָן אנ־דער העברעיִזם — סימען־מוּוהעק אָדער גאָר כא־ראקטעריסטישער שטריך.

אויך אין דעם דאָזיקן, צווייטן, פאל גייט עס אונדז ניט אינעם ייִכעס פונעם וואָרט, אין זײַן העברעיִשן צי אראמעיִשן אָפּשטאם; ס'גייט דאָ, ערשטנס, אין דער ניט־אָנעמלעכקײַט פון דער טענ־דענץ גופע אָפּצונעמען באַם ליטעראַרישן ייִדיש ווערטער, וועלכע זײַנען אין אים שוין לאנג געוואָרן אָרגאניש, וואָס אָן זיי קומט ניט אויס דער ייִדישער „שרײַבער פון א גאנץ יאָר", צי דער ייִדישער פובליציסט, אין זײַן טאָגטעגלעכער שרײַב־פּראק־טיק; צווייטנס, — אין דער גאנץ נאטירלעכער פאָ־דערונג, וואָס ווערט געשטעלט יעדן פען־מענטשן איבערצוגעבן וואָס פּינקטלעכער זײַן געדאנקלעכע קאוואָנע און בעפּיירעש אין א פּאסיקער סטיליסטי־שער פאָרם. אין דער ארבעט פונעם איבערזעצער און פונעם לעקסיקאָגראף מיינט עס די שטרעבונג צו פולשטענדיקער (אָבער ניט מעכאנישער!) אדעק־וואטקײַט פון טײַטשונג און אויסטײַטשונג.

3) ס'ווערן גענוצט ווערטער און אויסדרוקן פון העברעיִשן אָדער פון אראמעיִשן אָפּשטאם, וועלכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין אָרגאנישער קאָמ־פּאָנענט אין דער לעקסיק צי פּראזעאָלאָגיע פון ייִדיש, אזעלכע, אשטייגער, ווי: צינוירעס („פּאר־בינד־קאנאלן" — אינעם איבערגעטראָגענעם, פיגו־רעלן באַטײַט), פלוגטעדיקער („שטרײַטיקער", „שטרײַט־"), מאסקאָנע[15], מעויר עכאָד (מעור אחד — געמיינט: „איינמיניק"), איימסאָ־דעציבוראָ (אימתא־דצבוראָ — געמיינט: „אָן אינערלעכע שרעק באַם אופטרעטן פאר א ברייטן עולם"), לעס־מאן דע־פאליג (לית־מאן דפליג — געמיינט: „אומבאשטרײַט־לעך") אדג.

גוט פארשטיין דעם עכטן מיין און די אינעווייניקסטע סטרוקטור פון אזעלכע ווערטער און אויס־דרוקן קענען אין אונדזער צײַט בלויז יעכידים, און נאָר בא זיי וועקן זיך אויף דערבײַ די געהעריקע אסאָציִאציעס. ס'איז קלאָר אויך, אז א טעקסט, אין וועלכן ס'שווימלט און גריבלט מיט אזא וואָרט־שטאָף, איז צוגעגנגלעך בלויז פאר די, וואָס ווייסן גוט העברעיִש (מיט אלע זײַנע אראמעיִשע צומישן).

אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך איז בעדערעך קלאל אויסגעמיטן אָט דער מין וואָרט־שטאָף. ס'איז אָבער אין אים ברייט פארטראָטן יענע העברעיִש־שטאמיקע לעקסיק און פּראזעאָלאָגיע, וואָס איז א בעעמעס אָרגאנישער באשטאנדטייל אינעם געוועב פון אונדזער שפּראך.

אזויארום זײַנען אויסגענוצט אינעם ווערטערבוך העברעיִש־שטאמיקע טײַטשן — ווי איין־איינציקע אָדער באנאנד מיט אנדערשטאמיקע טײַטשן (מיט די געהעריקע רעמארקעס פאר סטיליסטישער דיפערענ־צירונג) — אזעלכע ווערטער, ווי: אייכעס, בושע, ביזאָיען, גאדלעס, גײַווע, דאלעס, דאלעסדיקער, היס־לײַוועס, היספּײַלעס, העזעק, ווייצידקאָסכאָ, זריִע, טאמצים, טאָך, טכילעס, יאבאָשע, יאדאכעס, יויוול, יוישערדיק, כארפּע, כשיוועס, מאכלויקעס, מוצלעך, מעהוס, מעכאבער, מעכוטאָנעשאפט, נוסעך, עצעם, פּגאם, קאמעס, קאמצן, קאמצאָנעס, קויעך, קרירע, רעווען, שיגאָען און הונדערטער אנדערע; אזעלכע קאָמפּאָזיטן מיט א העברעיִש־שטאמיקן באשטאנד־טייל, ווי: זריִע־פאָנד, קויכעס־פארהעלטעניש אדג.; אזעלכע קאָמפּאָזיטן פון העברעיִשן אָפּשטאם, אמאָל מיט א צומיש פון אראמעיִש, ווי: בארמאזל, כוש־האָרייעך אדג.; אזעלכע פּעריפראסטישע ווערבן מיט א העברעיִש־שטאמיקן באשטאנדטייל, ווי: האָבן די זכיִע, זויכע זײַן, טויפעס זײַן, טרײַבן לייצאָנעס, מאסקים זײַן, מוסקעם ווערן, מעכאבעד זײַן, מע־קוייעם ווערן, ניספּאָעל ווערן, נישטוימעם ווערן, נאָ־וועגאד זײַן אדג.; אזעלכע אויסדרוקן פון העברעיִשן אָפּשטאם, ווי: (בע)קייפל קיפלאיִם, שייני בעשיינע[16], שלישי בישלישי[16]; אויך מיט אן אנדערשטאמיקן באשטאנדטייל, אשטייגער: קעלבערנע היספּײַלעס, שלאָגן זיך אלכעט אדג.

[13] פון מ. שעכטערס פאָרטראָג.

[14] „ייִדישע שפּראך", ב. XXX, נומ. 1 — 3, 1971, ז. 65.

[15] „ד"ר מאָרדכע קאָסאָווער... האָט געפלאנט צו געבן א ק ו י ל ע ל ד י ק ע מ א ס ק אָ נ ע צום סאָף" (געמיינט: „א סאכאקל־אויספיר צום סאָף פון זײַן ארטיקל. — מ. ש.). „ייִדישע שפּראך", ב. XXIX, נומ. 1 — 3, 1969 — 1970, ז. 3.

[16] זיי זײַנען (זיי קערן זיך אָן) שייני בעשייני = זיי זײַנען (גע)שוועסטערקינדער; דאָס זעלבע:... שלישי בישלישי = ...גלידגעשוועסטערקינדער.

(סאָף קומט)

דער העברעיִשער וואַריִאַנט
פון „טעוויע דעם מילכיקן"

אין דער רײַכער ליטעראַטור וועגן שאָלעם־אַלייכעמען ווערט קימאַט אין ערגעץ ניט דערמאָנט דער פאַקט, אַז „טעוויע דער מילכיקער" איז אין אַ בוך־פאָרם צוערשט דערשינען אין העברעיִש. דאָס בוך איז אַרויס אין 1911 יאָר אַלס ערשטער באַנד פון אַ ברייט פּלאַנירטער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש און איז שוין לאַנג געוואָרן אַ יעקאר־האמציִעס[1].

דער געדאַנק וועגן „איבערטראָגן" זײַן „גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון „זשאַרגאָן" אין העברעיִש" איז, ווײַזט אויס, אויפגעקומען בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין 1908 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערנסטער פאַרשאַרפונג פון זײַן לונגען־קראַנקײַט. דער געפערלעכער געזונט־צושטאַנד האָט געשטויסן דעם שרײַבער זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן וועגן ברענגען אין אָרדענונג זײַן ליטעראַרישע באַלעבאַטישקײַט, זיך צוטײַלן מיט אייניקע שעפערישע פּלענער, קורץ — זאָרגזאַם זיך פאַרנעמען מיט דער „יערושע" פאַר די קומענדיקע דוירעס.

„געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט, — האָט געשריבן שאָלעם־אַלייכעם אין איינעם אַ בריוו צו ספּעקטאָרן אין 1908, — זיך אַרויסגעריסן פונעם מאַלעכהאַמאָוועס, אָפּגעבעטן זיך אויף אַ קורצער צײַט, ביז איך וועל אָנשרײַבן אַלצדינג, וואָס איך האָב באַאַרבעט, עפּעס אַ פּאָר הונדערט סוזשעטלעך, וואָס באָמבלען זיך אין מויעך, צורעכט מאַכן אַלעס פריִערדיקע, איבערטראָגן מײַן גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון „זשאַרגאָן" אין העברעיִש (פּונקט דער היפּעך פון דעם, וואָס אונדזער גוטער, נאַיִווער, טאַלאַנטפולער אַש האָט אונדז געלאָזט הערן אין טשערנאָוויץ), און נאָכדעם, אַז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט דעם אַלעמען, איז מעכעטייסע, זײַט זשע מויכל, פּאַני מאַלעכהאַמאָוועס"[2].

ווי ס'איז צו זען פון דעם געבראַכטן בריוו, האָט ניט קיין קליינע ראָל אין שאָלעם־אַלייכעמס פאַרטראַכט איבערצוזעצן זײַנע אַלע ווערק אין העברעיִש געשפּילט זײַן רעאַקציע אויף אייניקע עקס־טרעם־ייִדישיסטישע אַרויסטרעטונגען אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. וועגן דעם זאָגט איידעס אויך די האַקדאָמע צום בוך, און וועלכער ס'איז ניט שווער אײַנצוזען אַ באַשטימטע פּאָלעמיק מיט די פאַנאַטיקער פון ביידע צדאָדים אינעם יאָר־לאַנגן שפּראַכן־שטרײַט, וועלכער האָט געפונען זײַן הויכפּונקט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אויף וויפל די דאָזיקע פּאָרעדע איז ניט באַקאַנט דעם הײַנטצײַטיקן לייענער, וועלן מיר זיך דערלויבן זי אַ ביסל ברייטער צו ציטירן אין אונדזער איבערזעצונג, ביפראַט, אַז כּוץ די שטעלן, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שײַכעס צום עצעם איניען, וועלכן מיר באַהאַנדלען, פאַרמאָגט די פּאָרעדע אַ רײי אַרויסזאָגונגען, וועלכע באַרײַכערן די פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער.

„הײַנט קענסטו מיר אָפּגעבן מאַזלטאָוו, פרײַנט מײַנער, לייענער, — שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם, — עס איז דאָ אַ צווילינג אין מײַן טראַכט. דער דאָזיקער צווילינג, מיט וועלכן איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן, זײַנען די צוויי לעשוינעס אונדזערע, העברעיִש און ייִדיש, וואָס לעגאַבע מײַנע קאָלעגן, די שרײַבער, איז מעקויִעם געוואָרן דער פּאָסעק: ויתרוצצו הבנים, דאָס מיינט: אין זייער נאָמען און לעשעם זייער קיִעם אַמפּערן זיך די דאָזיקע, בוצקען זיך איינער מיטן צווייטן, האַלטן מילכאָמע איינער מיטן אַנדערן, פאַרגיסן טינט, ווי וואַסער, פאַטערן אַוועק אַ וועלט מיט פּאַפּיר און האַלטן אין איין פרעגן איינע און די זעלבע האַרבע שײַלע: וועלכע פון די צוויי שפּראַכן איז מער ווירדיק אָנגערופן צו ווערן „די נאַציִאָנאַלע שפּראַך"[3].

דער דאָזיקער פאַנאַטישער און אין טאָך פרוכט־לאָזער אַמפּערײַ שטעלט שאָלעם־אַלייכעם קעגן זײַן אייגענע אָביעקטיווע שטעלונג, וועלכע איז אויסן אויסשליסלעך די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור, פון איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג:

„וואָס אָנבאַלאַנגט מיך אַליין, — שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם, — איז דער דאָזיקער פּאָסעק פון „ויתרוצצו" אויף מיר ניט מעקויִעם געוואָרן — איך וויל דער־

[1] כתבי שלום עליכם. כרך ראשון: טוביה החולב, הוצאת השחד, ווארשא, תרע״א.

[2] „שאָלעם־אַלייכעם־בוך", ניו־יאָרק, 1958, ז. 223.

[3] כתבי שלום עליכם. כרך ראשון. טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע'א, ז. 2.

מיט זאָגן: ביידע די דאָזיקע לעשוינעס שטויסן זיך בא מיר קלאָל ניט צונויף איינע מיט דער צווייטער. פאַרקערט, ביידע זײַנען זיי געקניפּט און געבונדן צווישן זיך, ביידע לעבן זיי בא מיר בעשאָלעם ווע־שאלווע, אין ליבע און אין פרײַנטשאַפט, אָן קינע, אָן סינע, אָן א בייז אויג, כאָלילע, און ביידע שעפּן זיי איינע פונעם טכום פון דער צווייטער"[4].

דער שרײַבער באַטאָנט, אַז אים זײַנען ביידע שפּראַכן ליב און טײַער: אין ייִדיש שרײַבט ער „אויס ליבע און כעדווע", העברעיִש פאַרשאַפט אים אַן „אוינעג־יאָמטעוו". עמעס, דער ביבל־שפּראַך ווידמעט שאָלעם־אַלייכעם אין דער האקדאָמע באַזונדערס וואַרעמע שורעס. אין דער דאָזיקער, מעגלעך, עטוואָס איבערגעטריבענער פאַרהערלעכונג, לאָזט זיך בוילעט שפּירן זײַן שאַרפע רעאַקציע אַף דער ניהיליסטישער, אָפּן פײַנטלעכער באַציִונג צו העברעיִש מיצאַד די ייִדישיסטן אַף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. ער גייט צו פאַרשטיין, אַז טאַקע זײַן שטעלונג צו דער דאָזיקער שפּראַכן־באַטאַליע האָט אים דיקטירט אונטערצונעמען די ברייט־געפּלאַנטע אַקציע פון איבערזעצן זײַנע ווערק אַף העברעיִש.

„דעם אויבנדערמאָנטן שפּראַכן־קריג, — שרײַבט ניט אָן איראָניע שאָלעם־אַלייכעם, — לאָז איך איבער פאַר מײַנע קאָלעגן, וועלכע זײַנען מומכים אין דעם דאָזיקן איניען. עס איז שוין דאָ א כאַזאָקע בא אַזוינע לײַט, זיך ניט צו באַרויִקן, ביז זיי וועלן ניט דערפירן דעם איניען ביזן סאָף. איך וועל מיר גיין מיט מײַן וועג. איך וועל מיר שרײַבן פאַר מײַן פאָלק און וועל אים מאָלן בילדער פון זײַן לעבן אין מײַן שפּראַך און נאָכדעם וועל איך זיי איבערזעצן אין אונדזער אוראַלטער שפּראַך"[5].

דער עצעם פאַרטראַכט האָט געזאָלט רעאַליזירט ווערן אַף אַזאַ אויפן:

„ווי איר זעט, בין איך צוגעטראָטן צו איבערגיסן פון איין קיילע אין דער צווייטער, דאָס הייסט איבערצוזעצן מײַנע קסאָווים פון ייִדיש אין העברעיִש, און אַלס האסכאָלע שטעל איך דיר פאָר א געשטאַלט, וועלכע איז דיר פון לאַנג באַקאַנט, דאָס איז די געשטאַלט פון אונדזער אַלטן באַקאַנטן טעוויע דעם מילכיקן... טייקעף נאָך „טעוויע דעם מילכיקן" וועל איך אונטערטראָגן אַלס מאַטאָנע די „קאַסריליקעס" אינעם צווייטן בוך. און נאָך דעם דאָזיקן בוך וועט קומען דאָס דריטע בוך — דאָס איז דאָך אונדזער פרײַנט מענאַכעם־מענדל דער באַל־כאַלוימעס מיט זײַנע טויזנטער און צענטויזנטער. און נאָך דעם דריטן — וועט קומען דאָס פערטע, און נאָך דעם פערטן — דאָס פינפטע בוך, און שלוס"[6].

שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געווען זיכער, אַז עס וועט אים קלעקן צײַט און ענערגיע מיט אייגענע קויכעס אויסצופילן דעם אָנגעמערקטן פּלאַן. ער פאַרענדיקט די האקדאָמע מיט פאָלגנדע ווערטער:

„אויב איך וועל אַליין ניט זוכע זײַן דערצו, וועלן קומען אַנדערע און וועלן עס נאָך מיר אויספילן, זיי וועלן פאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן"[7].

אונטער די „אַנדערע" איז בעלי־סאָפעק געמיינט י.־ד. בערקאָוויטש, שאָלעם־אַלייכעמס איידעם, וועלכער האָט מיט יאָרן שפּעטער פאַרווירקלעכט דעם פאַרטראַכט. אויך די איבערזעצונג פון „טעוויע דעם מילכיקן", וועלכע האָט געבילדעט דעם ערשטן באַנד פון דער געפּלאַנטער אויסגאַבע, האָט שאָלעם־אַלייכעם אים פאַרטרויט, האגאַם בערקאָוויטש האָט דעמלט (אין 1910) געהאַט נאָך א קנאַפּע דערפאַרונג. די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער דעם מעכאַבערס האַשגאָכע און מיט זײַן באַטייליקונג[8]. בערקאָוויטשעס נאָמען איז אָפּן שאַרבלאַט פונעם בוך ניט געווען אָנגעגעבן.

די דאָזיקע אווטאָריזירטע איבערזעצונג פון „טעוויע דעם מילכיקן" האָט געדינט בערקאָוויטשן אַלס מוסטער, ווען ער האָט זיך א צײַט שפּעטער אונטערגענומען איבערצוזעצן שאָלעם־אַלייכעמס וויכטיקסטע ווערק אין העברעיִש[9].

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז בייס שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרטראַכט איבערצוזעצן זײַנע ווערק אין העברעיִש, האָט ער פאַר זיך אַלס עטאַלאָן געהאַט דעם גרויסן אופּטו פונעם „זיידן". ווי באַוווּסט, האָט מענדעלע אַליין איבערגעזעצט קימאַט אַלע זײַנע ווערק. עס איז אויך גוט באַקאַנט, אַז דאָס זײַנען געווען אין טאָך גענומען ניט איבערזעצונגען, נאָר אין א געוויסער מאָס נײַ־שאַפונגען, אַזוי מאַסשטאַבלעך און פּילצאָליק זײַנען געווען די שינויִם, וועלכע מענדעלע האָט אַרײַנגעטראָגן אין זײַנע ווערק באַם איבערזעצן זיי פון ייִדיש אין העברעיִש. שאָלעם־אַלייכעם איז אַוועק מיט דעם זיידנס וועג. די איבערזעצונג פון „טעוויע דעם מילכיקן" שטעלט מיט זיך פאָר א באַזונדערן וואַריִאַנט פונעם באַקאַנטן ווערק, אין וועלכן ס'זײַנען דאָ א ריי ענדערונגען, וואָס האָבן א באַשטימטן פּרינציפּיעלן באַטײַט. אין אונדזער אַרבעט זײַנען מיר אויסן צו באַטראַכטן די וויכטיקסטע שינויִם, וועלכע זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין דער העברעיִשער איבערזעצונג.

אין העברעיִשן וואַריִאַנט האַלט זיך שאָלעם־

[4] דאָרט, ז. 2; [5] דאָרט, ז. 3.

[6] דאָרט, ז. 2 — 3.

[7] דאָרט, ז. 4.

[8] זע וועגן דעם אין „הראשונים כבני אדם". כתבי י. ד. ברקוביץ כרך 9, זז. צח־צט.

[9] שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש אין י.־ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג זײַנען אַרויס אין 15 בענדער אין די פערציקער יאָרן אין טעל־אוויוו. „טעוויע דער מילכיקער", אין א פאַרפולקומטער, סטיליסטיש אויסגעבעסערטער פאָרם, איז אײַנגעשלאָסן אין דער אויסגאַבע אַלס פערטער באַנד אונטער דעם טיטל „גאַנץ טעוויע דער מילכיקער", ווײַל אין פאַרגלײַך מיט דער אויסגאַבע פון 1911 יאָר זײַנען צוגעקומען די קאַפּיטלען „לעך־לעכאָ" און „וועכאַלאַקלאַקעס", וועלכע זײַנען, ווי באַוווּסט, געווען געשריבן אין 1914.

אלייכעם בא דערברייט פארשפרייטער אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראטור טראדיציע פון אויסלייגן דעם קורצן אינהאלט פון יעדן קאפיטל (אין ייִדישן טעקסט האָט שאָלעם־אלייכעם דאָס געטאָן בלויז אין ערשטן קאפיטל „דאָס גרויסע געווינס"). עס זײַנען געענדערט אלע קעפּלעך פון די קאפיטלען. סײַ אינעם כאראקטער פון די קעפּלעך, סײַ אין דער מאניר פון אויסלייגן דעם אינהאלט פון יעדן קאפיטל לאָזט זיך שפּירן א באשטימטע פּאראָדיסטישע טענדענץ.

אָט ווי עס זעט אויס די טיטולירונג פון די קאפיטלען אין העברעיִשן וואריִאנט אין פארגלײַך מיטן ייִדישן אָריגינאל.

דאָס ערשטע קאפיטל „דאָס גרויסע געווינס" אין ייִדישן טעקסט:

„א ווונדערלעכע מײַסע, וויִאזוי טעוויע דער מילכיקער, א ייִד אן אָרעמאן, א מעטופּל מיט קינדער, איז פּלוצעם מיטאמאָל באגליקט געוואָרן דורך א מעשונע־ווילדן פאל, וואָס ס'איז קעדײַ, אז מע זאָל עס באשרײַבן אין א ביכל. דערציילט פון טעוויען אליין און איבערגעגעבן וואָרט בא וואָרט".

אין העברעיִשן טעקסט (אין א ייִדישער איבערזעצונג) — „מײַסע־ניסים":

„א ווונדערלעכע מײַסע, וואָס עס האָט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, א ייִד אן אָרעמאן, א מעטופּל מיט טעכטער, וויִאזוי עס האָט אים צוגעשפּילט די שאָ און דורך א מעשונע־ווילדן פאל איז ער פּלוצעם ניסאלע געוואָרן אלץ העכער און העכער".

דאָס צווייטע קאפיטל אין ייִדישן טעקסט: „א בוידעם".

אין העברעיִשן טעקסט — „עורבאָ פרח"[10]:

„א מײַסע, וואָס ס'האָט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, וויִאזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מעגאכעם־מענדלען דעם באל־כאלוימעס און זיך געלאָזט פון אים אײַנריידן ארײַנצולייגן זײַן געלט אין א גרויס געשעפט".

דאָס דריטע קאפיטל אין ייִדישן טעקסט: „הײַנטיקע קינדער".

אין העברעיִשן טעקסט — „טעוויעס טאָכטער, וואָס האָט כאסענע געהאט פאר אן אמהאָרעץ":

„א מײַסע, וואָס ס'האָט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, וויִאזוי זײַן עלטערע טאָכטער האָט אָפּגעוואָרפן דעם שידעך מיט א רײַכן קאצעוו און זיך אויסגעוויילט אן אָרעמען שנײַדער, ועמעס ווײַב זי איז געוואָרן".

איבערן מאנגל אין אָרט ברענגען מיר ניט די קעפּלעך (אין ביידע וואריִאנטן) פון די איבעריקע קאפיטלען.

א ריי ענדערונגען אין דער איבערזעצונג פונעם טעקסט זײַנען פארבונדן מיט דעם עצעם איבערגיין פון ייִדיש צו העברעיִש. מע האָט געהאט צו טאָן מיט אן אנדער לייענער־אאודיטאָריע, וועלכע האָט בעדערעך־קלאל געהערט צו די מיטעלע און העכערע סאָציִאלע שיכטן, מערסטנטייל צו דער אינטעליגענץ, אין אונטערשייד צו דער לייענער־אאודיטאָריע פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק אין ייִדיש, וועלכע איז באשטאנען פון די ברייטע פאָלקסמאסן. מעגלעך, אז ס'איז אויך גענומען געוואָרן אין באטראכט א טעריטאָריִעל ברייטערע אאודיטאָריע, אין דער צײַט, ווען די ווערק אין ייִדיש זײַנען געווען אויסגערעכנט דעריקער אף דעם טכום־האמוישעוו אין צארישן רוסלאנד. פונדאנען שטאמט די שטרעבונג אויסצומײַדן אין העברעיִשן טעקסט ענג לאָקאלע באצייכענונגען, אָנדײַטונגען אף איינצלנע קאָנקרעטע פאקטן און דערשײַנונגען, לאָקאלע געאָגראפישע נעמען, נעמען פון באזונדערע פערזאָנען אאוו. אזוי, צום בײַשפּיל, קומט אומעטום אין העברעיִשן טעקסט אָנשטאָט דעם נאָמען בראָדסקי (וועלכער איז געווען באקאנט דעם ייִדישן לייענער אין רוסלאנד) דער נאָמען ראָטשילד (וועלכער איז באקאנט אויך דעם לייענער מיכוץ רוסלאנד).

דאָס טעוויע־געשטאלט איז אין העברעיִשן וואריִאנט א ביסל „דערהויבן" אין פארגלײַך מיטן ייִדישן. די דאָזיקע „דערהויבונג" האָט זיך צו אלעם ערשטן געלאָזט מערקן אין דער בארײַכערונג פונעם פּסוקים־„באגאזש", מיט וועלכן טעוויע אָפּערירט. די צאָל פּסוקים איז מינדסטנס פארדאָפּלט געוואָרן. דערבײַ איז א ריי מער פּאָפּולערע פּסוקים פונעם ייִדישן טעקסט פארביטן געוואָרן מיט ווייניקער פּאָפּולערע אין העברעיִשן טעקסט. נאָך מער, טעוויע איז זיך דאָ נויהעג געגוי אָנצורופן די קוועלן, פונוואנען דער אָדער יענער פּאָסעק איז אנטליִען, און אויב אפילע די אָנגערופענע מעקוירעס פאלן ניט אלעמאָל צונויף מיט דיווירקלעכע, באקומט זיך דאָך דער אײַנדרוק, אז טעוויע איז מער אָדער ווייניקער באהאוונט אין די „שווארצע פּינטעלעך". אלנפאלס, ער איז מער באָקי אין זיי אין פארגלײַך מיט טעוויען פונעם ייִדישן וואריִאנט.

מיר וועלן ברענגען בלויז עטלעכע כאראקטעריסטישע בײַשפּילן, וועלכע באשטעטיקן אונדזער געדאנק:[11]

אין ייִדישן טעקסט:

„ווי די געמאָרע זאָגט: במקום שאין איש — איז א הערינג פיש... האָט קיין פאריבל ניט, זאָג איך, עס איז ניטאָ קיין גלײַכערס פון א קרומען לייטער און קיין קרומערס פון א גלײַכוואָרט, און ביפראט, זאָג איך, אז מע מאכט שהכל נהיה בדברו אפן ניכטערן הארצן..."

ז. 20

אין העברעיִשן טעקסט:

„ווי עס **האָבן געזאָגט** אונדזערע כאכאָמים, זיכרוינאָם ליווראָכאָ: במקום שאין אנשים — שם שרצים ורמשים... **קוקט ניט אף מיר, וואָס איך רייד צו אײַך מיט רעטענישן, מיט א מאָשל, א מעליצע און** דיוורײ כאכאָמים, **האָט אף מיר קיין**

[10] בוכשטעבלעך: „א קראָ איז געפלויגן" — ענלעך צו „א בוידעם". י.־ד. בערקאָוויטש האָט אין דער שפּעטערדיקער אויסגאבע דאָס קעפּל געענדערט אף „יום אתמול כי עבר", וואָס באטײַט אין ייִדיש „א נעכטיקער טאָג".

[11] די אויסצוגן פון „טעוויע דער מילכיקער" אין ייִדיש גיבן מיר לויט דער אויסגאבע: שאָלעם־אלייכעם. טעוויע דער מילכיקער. מאָסקווע, 1947. די העברעיִשע טעקסטן ווערן געגעבן אין א ייִדישער איבערזעצונג, דער קורסיוו איז אומעטום מײַנער. — א. ר.

פאריבל ניט. טובה תורה עם דרך ארץ, און בייפראט אזא בען־אדאם ווי איך, וואס האט געמאכט די בראכע פון שהכל נהיה בדברו אפן ביכטערן הארצן, ווי סע שטייט געשריבן אין מעדרעש: נכנס יין ויצא סוד...״

ד. 18

דער יידישער טעקסט:

די קלינגערס ליגן זיך שטילערהייט אין קאסטן ווייט באגראבן, קיין בען־אדאם ווייסט דערפון.

ד. 28

דער העברעישער טעקסט:

די קלינגערס ליגן זיך שטילערהייט אין קאסטן, און קיין בען־אדאם ווייסט דערפון, ווי מיר זאגן באם דאוונען שאכריס יעדן שאבעס: אין אומר ואין דברים, איז דער פשאט: טמון וצפון וסמוי מן העין...

ד. 27

שוין פון די דאזיקע צוויי ביישפילן איז צו זען, אז טעוויעס רייד אין העברעישן וואריאנט זיינען פיל מער אנגעשפיקעוועט מיט פסוקים, ווי אין יידישן וואריאנט, און בעמיילע באקומט זיך, אז טעוויע אין העברעישן וואריאנט איז מער באהאוונט אין דער אלטער קולטור.

אין דעם צוזאמענהאנג איז זייער וויכטיק פעסטצושטעלן, וואס פאר א ראל עס שפילן ביכלאל די פסוקים אין דער עצעם כאראקטעריסטיק פון דעם טעוויע־געשטאלט. ווי באוווסט, האט מען א צייט לאנג איינגעזען אין טעוויעס אפערירן מיט פסוקים און זיין אריגינעלער אויסטייטשונג פון זיי בלויז אן אויסדרוק פון אפאזיציע מיצאד דעם פאלקסמענטש לעגאבע דעם קאנאניזירטן טעקסט, א מין פאראדיע אף די הייליקע ספארים און אף דער מאדע צו קאקעטירן מיט העברעיזמען. א געוויסער עמעס איז אין דער דאזיקער מיינונג באשטימט פאראן. דער פאראדיע־פרינציפ האט זיכער געשפילט א וויכטיקע ראל בא אזא גרויסן הומאריסט, ווי שאלעם־אלייכעם.

נאר ניט דאס איז דער איקער. וויכטיקער פון דעם איז די טאט־זאך, וואס שאלעם־אלייכעמס פאלקסמענטשן האבן פארהיט גרויס פיעטעט פאר די פונעם פאלק קאנאניזירטע שריפטן מאכמעס דער היוכער מאראל, וואס איז אין זיי פארבארגן, און מאכמעס זייער גרויסער פאעטישער שיינקייט. אזא איידעלער פאלקס־מענטש, ווי טעוויע, לעמאשל, האט אפט ליב א שפיל טאן מיט א פאסעק סטאם דערפאר, ווייל ער איז אים אייגן און נאענט און ער פילט זיך אנגעהאנגען צום אלטן אם־האסייפער ניט ווייניקער פון די לאמדאנים. פארקערט, אין זיינע אויסטייטשונגען פון די פסוקים פילט זיך אמאל אפילע א געוויסער טראציקער ארויסרוף לעגאבע דער לאמדאנישער גייווע. נאך מער, אין טעוויעס פרייען אפערירן מיט פסוקים פילט זיך א טראציקער ארויסרוף אויך לעגאבע דער גווירישער קאסטע, די פארוועניוס, וועלכע זיינען געווען אויסגעהוילט פון יעטווידער פאלקס־כאכמע און וועלכע ס׳זיינען קלאל ניט אנגעגאנגען די גרויסע רייכטימער פון פאלקס־ווייזהייט, אנגעזאמלטע בעמעשעך יארטויזנטער. לאמיר זיך דערמאנען, מיט וואס פאר א האנאע, איך וואלט אפילע געזאגט, שטאלץ, טעוויע „האקט ארייַן״ א געמארע, א פאסעק, א מעדרעש דעם רייכן קאצעוו לייזער־וואלף אדער דער יעקאטערינאסלאווער מיליאנשטשיצע און איר „סווישטשון״ ארעאנטשיק אדער דעם גראבן פארוועניו פעדאצער דעם פאדריאדטשיק:

„ווארט אויס, פאדריאטשיק מיינער, אט וועל איך דיר באלד אריינהאקן א פאסעק, וועט דיר ווערן פינצטער אין די אויגן!.. אזוי טראכט איך מיר און רוף זיך אן צו אים בעזע האלאשן: „מיילע, זאג איך, וואס די געמארע איז פאר אייך א סאד, בין איך, זאג איך, אייך מויכל; אז א ייד זיצט אין יעהופעץ און הייסט פעדאצער און איז א פאדריאדטשיק, מעג, זאג איך, די געמארע ליגן אפן בוידעם, אבער א פראסטן פאסעק, זאג איך, דאס וועט דאך שוין פארשטיין, זאג איך, א גוי אין פאסטעלעס. אויך איר ווייסט דאך, זאג איך, וואס דער טארגום־אונקעלעס זאגט אף לאוואן האאראמי: מיזנאווטא דעכאזיראסא לוי מאכענטא שטריימעלאסא?״ קוקט ער אף מיר ווי א האן אין בניי־אדאם און מאכט צו מיר: „וואס זשע הייסט עס?״ „דאס הייסט, זאג איך, אז פון א כאזערשן עק קען מען קיין שטריימל ניט מאכן״.

טעוויע און אנדערע פאלקסמענטשן, אזוינע ווי ער, האבן, נאטירלעך, ניט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו דערגראבן צו די טיפסטע טיפענישן פון די אלטערטימלעכע קוואלן, נאר אין אונטערשייד פון די אמעראצישע פארוועניוס, וועלכע זיינען לאכלוטן געווען גלייכגילטיק צו אלץ, וואס ליגט מיכוץ זייערע אייגננוציקע געלט־אינטערעסן, איז צו זיי, צו די בעסטע פארשטייער פון דער פאלקס־מאסע, דאך דערגאנגען דער גרויסער זין, דאס איקערדיקע, דאס ניט פארגייענדיקע, די אלמענטשלעכע קלוגשאפט, וואס איז געווען פארייביקט אין די דענקמעלער פון דער אלטערטימלעכער פאלקס־קולטור.

טאקע אין אזא אספעקט דארף באטראכט ווערן דאס טעוויע־געשטאלט פוןביידע וואריאנטן, און באזונדערס פונעם העברעישן וואריאנט. ווייזט אויס, אז שאלעם־אלייכעם האט אנגעדייט אף דער בייטיקייט פון אזא מין אופאסונג פון טעוויען, ווען ער האט אין דער אויבנציטירטער האקדאמע צום העברעישן וואריאנט אנגעווארפן די פאלגנדע ביז גאר אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק פונעם הויפטהעלד:

„עמעס, טעוויע מיינער וועט דיר ניט דערציילן קיינע באזונדערע נייס און כידושים, וועט פאר דיינע אויגן ניט אנטפלעקן קיינע נייע הימלען און קיינע נייע וועלטן, וועט פאר דיר ניט פאסקענען קיינע טיפע פארפלאנטערטע שיילעס, וואס בא לייטן רופט מען זיי פראבלעמעס, וועלכע טראגן זיך אום אין דער לופט. טעוויע מיינער איז א ייד א פאשעטער, א ייד פון מארק, ווי טויזנטער אנדערע יידישע ברידער זיינע. איז וואס קומט ער אונדז לערנען? טעוויע דער מילכיקער קומט אונדז לערנען, אז אפילע די ברייטסטע מאסן פון אונדזער פאלק זיינען פול מיט טוירע און כאכמע, מיט שארפע וויציקע ווערטלעך, און אויך זייער הארץ איז אפן סיי פאר פרייד, סיי פאר צאר, סיי פאר

בעשאָמע־יעסורים, סײַ פאַר א טראגעדיע, וואָס איז טיפער ווי די גרוב. און כאָטש דאָס זײַנען טוירע און כאָכמע, נעשאָמע־ליידן פון קליינע מענטשעלעך, פון יענע קליינע מענטשעלעך, וואָס מע רופט זיי אין אונדזערע מעקוימעס „קאסריליקעס״, וואָרן איך דיך, מײַן טײַערער פרײַנט־לייענער: אָפּשײַ פאַר זיי, פאַר די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך, דערעכערעץ פאַר די דאָזיקע קאסריליקעס... די דאָזיקע שרעטעלעך, וואָס זײַנען א שפּאַן די הייך, און זייערע האסאָגעס זײַנען ניט מער די גרייס ווי א קעזאיִס, שטעלן מיט זיך פאָר א ברייטע וועלט, און פיל וווּנדער איז אין דער דאָזיקער וועלט, פיל געהיימע און פארבאָרגענע זאכן זײַנען דאָ אין איר, און מיר זײַנען מעכוייעוו ארײַנדרינגען אין זיי, אויסקלאָרן זיי, זיך פאנאנדערקלײַבן אין זיי. ס׳איז א טוירע פאר אונדז, און מיר דארפן זי לערנען״[12].

די דאָזיקע כאראקטעריסטיק פון טעוויען און פון די קאסריליקעס איז אינטערעסאנט ניט נאָר דערמיט, וואָס אין איר געפינען מיר א בוילעטן אויסדרוק פון שאָלעם־אלייכעמס דעמאָקראטיזם, פון זײַן טיפן אָפּשײַ פאר דעם אמכאָ־מענטש, וועלכער איז שטענדיק געווען דער אָרגאנישער באשטאנדטייל פון דער הומאניסטישער נאטור פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער, נאָר, ווי געזאָגט, אויך דערמיט, וואָס מיט איר הילף גרייט אונדז שאָלעם־אלייכעם צו אין א געוויסער מאָס צו דער אופאסונג פון די ענדערונגען, וועלכע ווערן ארײַנגעבראכט אין דעם טעוויע־געשטאלט אינעם העברעיִשן וואריִאנט פונעם ווערק.

אין טעוויען פונעם העברעיִשן וואריִאנט ווערט שטארקער, ווי אינעם ייִדישן, אונטערגעשטראָכן דער טעזיס, אז „די ברייטסטע מאסן פון אונדזער פאָלק זײַנען פול מיט טוירע און כאָכמע״ און זייער „הארץ איז אָפן... פאר נעשאָמע־יעסורים, פאר א טראגעדיע, וואָס איז טיפער ווי די גרוב״. דאָס טעוויע־געשטאלט איז דאָ ניט נאָר אינטעלעקטועל און גײַסטיק רײַכער אין פארגלײַך מיטן ייִדישן וואריִאנט, עס איז דראמאטישער, אפילע טראגישער, פילאָסאָפיש מער פארטיפערט. טעוויע פארגלײַכט זיך ניט אומזיסט מיט איִעוון אָדער קויהעלעס. זײַן „בונט״ קעגן גאָט און זײַן סאָציִאלער און נאציִאָנאלער פראָטעסט קלינגט ערטערווײַז שטארקער אינעם העברעיִשן וואריִאנט, איידער אין אָריגינאל. זײַן טראגיזם איז דאָ דײַטלעכער, ער דערציילט אויספירלעכער וועגן זײַנע ליידן און ווייטעקן, האָט מער טײַנעס צו גאָט און צו דער וועלט. זעלטענער, איידער אין ייִדישן וואריִאנט, קומט ער אָפּ מיט א וויץ.

אָט זײַנען אייניקע כאראקטעריסטישע בײַשפּילן.

פונעם ארײַנפיר צו דעם קאפּיטל „הײַנטיקע קינדער״

דער ייִדישער טעקסט:

„אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: הײַנטיקע קינדער. בנים גדלתי ורוממתי — גיי האָב זיי, ווער פארשווארצט, זײַ זיך מאפקער פונזיירטוועגן, האָרעווע טאָג ווי נאכט, וואָס איז? מע מיינט, טאָמער אזוי און עפשער אזוי, איטלעכער נאָך זײַן האסאָגע און נאָך זײַן פארמעגן. צו בראָדסקין, געוויינלעך, וועל איך זיך ניט אָנשלאָגן, נאָר איך זאָל מיך שוין אינגאנצן ארויפלאָזן — בין איך אויך ניט מעכויעוו, וואָרעם אליין בין איך אויך ניט קיין אבי ווער כלעבן...״

ז. 47

דער העברעיִשער טעקסט:

„דער ריבוינעשעלוילעם האָט מיט מיר אײַנגעקנעלט איינעם א פּאָסעק, וואָס ער גיט זיך מיר שווער און איך קען אלץ ניט קומען צו זײַן עמעסער קאוואָנע. אין דער טוירע שטייט געשריבן: בנים גדלתי ורוממתי — דאָס מיינט: דער מענטש איז מעכויעוו צו דערציִען זײַנע זין און טעכטער, און אויב אזוי, פרעגט זיך א קאשע: איז דאָס דען די מאָס פון יוישער? טויג דען אזא סיידער־האָוילאָם? גיט נאָר א טראכט: קאָל־יאָמײַ ציִ איך די ליאמקע, ווער פארפײַניקט אונטער דעם שווערן יאָך, זײַ מיך מאפקער אף דעם שטיקל ברויט, ווער פארשווארצט — און אלץ צוליב וועמען? צוליב מײַנע טעכטער, וואָס וועגן זיי טראכט איך קעסיידער, און מײַן הארץ איז פול מיט זאָרגן פון יענעם טאָג אָן, ווען זיי זײַנען ארויס פון דער מוטערס טראכט, ביז דעם הײַנטיקן טאָג, ווי בעסער אײַנצוריכטן זייער לעבן, וויִאזוי בעסער צו באפרידיקן אלע זייערע באדערפעניִשן, ווי מיר זאָגן באם מוסעף אין די יאָמטעוו־טעג: איש כמתנת ידו — איז דער טײַטש: יעדער לויט זײַן שטאנד און זײַן פארנאָסע; ראָטשילד, וואָס פארמאָגט גאָלד־גרובן, און זײַן האנט דערלאנגט העט־ווײַט, קען זיך דערלויבן פארהייבן די אויגן צום הימל, פארײַסן די נאָז, אָבער איך, טעוויע, א יעלוד־אישע, וואָס איך בין א קאפּצן אין זיבן פּאָלעס בימכילע, פאר מיר בלײַבט נאָר אָנצוקוקן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך זען דאָ אף דער ערד פון אונטן. כאָטש, ווי איר ווייסט, פּאני שאָלעם־אלייכעם, בין איך אליין אויך ניט קיין אבי ווער כלעבן...״

ז. 47

פונעם ארײַנפיר צום קאפּיטל „ה אָ ד ל״

דער ייִדישער טעקסט:

„עד־עד־עד! ווען איר זאָלט וויסן, מיט וואָס פארא צאָרעס, מיט וואָס פארא ווייטעקן אָט דער טעוויע טראָגט זיך ארום! וויִאזוי שטייט דאָרט בא אונדז געשריבן: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — א מענטש איז שוואכער פון א פליג און שטארקער פון אײַזן״.

ז. 70

דער העברעיִשער טעקסט:

„לוי־אלייכעם, אזא ווייטעק, ווי מײַנער! ווען איר ווייסט נאָר, וואָס פאר א צאָרעס און יעסורים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן טעוויען, וואָס פאר א טיפע פארביטערונג האָט לעצטנס זיך אויסגעבויט א נעסט אין זײַן הארצן, וואָלט איר געזאָגט, אז ס׳איז נאָך ניטאָ אין דער וועלט אזא שטארקער מאן

[12] כתבי שלום עליכם. כרך ראשון. טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א, ז. 3.

ווי טעוויע. ניט אַנדערש, אַז זײַן האַרץ איז פֿון שטיין און זײַן נעשאָמע פֿון קופּער, ווי מיר זאָגן אין פּירקיי־אָוועס: קל כצבי וגבור כארי — דאָס הייסט, דער שוואַכער וועט זאָגן: איך בין אַ גיי־בער... גיט נאָר אַ טראַכט: ס'איז עפּעס ניט אַנדערש ווי אַ קישעף־זאַך, ראַכמאָנע־ליצלאַן, עפּעס אַ מין שעד אָדער אַ לעץ אָדער עפּשער סטאַם אַ מעכאַשעף האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, קעדיי כויזעק מאַכן פֿון מיר, זיך רייצן מיט מיר בעמעשעך פֿון מײַן גאַנצן לעבן אַף דער ערד“.

ט. 71

פֿונעם אַרײַנפֿיר צום קאַפּיטל „כ א ו ע“

דער ייִדישער טעקסט:

„הודו לאדוני כי טוב — ווײַזוי גאָט פֿירט, אַזוי איז גוט. דאָס הייסט, עס באַדאַרף זײַן גוט, וואָרעם פּרוווט זײַט אַ כאָכעם און מאַכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זײַן אַ קלוגער, געדרייט דעם פּאַסעק אַהער, געדרייט דעם פּאַסעק אַהין, געזען, עס העלפֿט ניט, האָב איך צוגענומען די האַנט פֿונעם האַרצן און האָב געזאָגט צו זיך אַליין: טעוויע, ביסט אַ נאַר! דו וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן“.

ט. 91

דער העברעיִשער טעקסט:

„הודו לאדוני כי טוב, — אַזוי, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, זאָגן מיר אין „האַליילל“ יעדן ראָשכוידעש פֿון יעדן כוידעש אין יאָר און טײַטשן אויס פֿאַר זיך אַליין דעם פּאַסוק לעפּי טאַרגעם־אונקעלעס מיט אַזאַ פּשאַט: כל דעבד רחמנה לטב עבד... דער איבערשטער האָט אַלץ באַשאַפֿן שיין און פֿײַן, האָט אײַנגעריכטעט זײַן וועלטל מיט כאָכמע, צו לערנען די מענטשן פֿאַרשטאַנד און דערציִען זיי אין יעסורים, שלאָגן זיי טויט־שלעג און טיפֿער מאַכן זייערע וווּנדן, פֿון איינער — זיבן, אַז עס זאָלן וויסן די קומענדיקע דורעס און פֿון פּרי ביז נאַכט געדענקען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט. איך, טעוויע, אַ יעלוד־אישע, קורץ מיט יאָרן און זאַט מיט רויגעז, פֿיל עס אַלץ אַף מײַן אייגן הויט און לײַב פֿון די פּילצאָליקע שלעק און צאָרעס, וואָס באַפֿאַלן מיך שוין אַ לענגערע צײַט און לאָזן אַף קיין רעגע ניט אָפּ. עס האָבן מיר ניט געהאָלפֿן מײַן כאָכמע און פֿאַרשטאַנד, און מײַן שוואַכער סייכל איז מיר ניט בײַגעשטאַנען. איך האָב געדרייט דעם פּאַסעק אַהער, געדרייט אַהין און האָב געזען, אַז האַקויל העוועל — האָב איך זיך געשטאַרקט און געזאָגט צו זיך אַליין: גענוג, טעוויע, מאַך זיך ניט צום נאַר! דו וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן!“

ט. 93

פֿון די געבראַכטע בײַשפּילן זעט זיך דײַטלעך אַרויס די שטרעבונג אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון „טעוויע דעם מילכיקן“ פֿילאָסאָפֿיש צו פֿאַרטיפֿערן דאָס טעוויע־געשטאַלט, אים צו דערנעענטערן צו די קלאַסישע געשטאַלטן פֿון איִעוון, און נאָך מער קויהעלעס, וואָס עס לאָזט זיך מערקן ניט נאָר אינעם אינהאַלט, נאָר אויך אין דער פֿאָרם, אינעם עצעם נוסעך פֿון טעוויעס רייד.

די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעכע אַקצענטן אין העברעיִשן טעקסט דאַרף דערקלערט ווערן ניט נאָר מיט דעם, וואָס טעוויע איז דאָ טראַגישער, פֿילאָסאָפֿישער, נאָר אויך דערמיט, וואָס דער העברעיִשער וואַריאַנט איז געשריבן שפּעטער פֿונעם אָריגינאַל (דער גרעסטער טייל קאַפּיטלען אין ייִדיש זײַנען געוווּן אָנגעשריבן אין די נײַנציקער יאָרן און אין די ערשטע יאָרן פֿונעם 20־טן יה.). אינעם העברעיִשן טעקסט לאָזט זיך דײַטלעכער שפּירן דער אָטעם פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905. אין דעם פּעפּערל־געשטאַלט זײַנען צוגעקומען אייניקע נײַע שטריכן, קאָנקרעטער ווערט גערעדט וועגן אים און זײַנע כאַווירים, וועגן זייער טעטיקײַט און מעסירעסנעפֿעש פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידיי.

אָט, לעמאָשל, איז טעוויעס כאַראַקטעריסטיק פֿון פּעפּערלען —

אין ייִדישן טעקסט:

„עפּעס אַ שלימאַזל, ניט ווײַט פֿונדאַנען... פֿאַרדריסן פֿאַרדריסט מיר נאָר איין זאַך: לעמײַ זאָל זיך אַ קאַפּצן גלוסטן לערנען, שטודירן? פּראַוודאַ, דער גוטערײַאָר האָט אים ניט געגונען, ער האָט אַ גוט קעפּל, גאָר אַ גוט קעפּל!..“

ט. 72

אין העברעיִשן טעקסט:

„עפּעס אַ מעשונעדיק מענטשל מיט אַ מאָדנעם אַרט באַנעמען זיך, און שטאַמען שטאַמט ער פֿון אונדזערע מעקוימעס... מיך האָט געוווּנדערט נאָר איין זאַך: אַ קאַפּצן בען קאַפּצן וואָס דו ביסט, וואָס איז מיט דיר די געדולע? ווי קומסטו צו כאָכמאַס יאַוואָן? האָסט דען פֿאַרגעסן, אַז אונדזער טוירע האָט שוין פֿון לאַנג געלערנט דערעכערעץ דעם אָרעמאַנס קינדער: ובחוקותיהם לא תלכו — דאָס מיינט: אָרעם און אָרעם, קעצעלע, נאָר צו דער פּוטער זאָלסטו זיך ניט צורירן. עמעס, הינטער אויגן זאָגט מען וועגן אים: מע זאָל זוכן מיט ליכט, וועט מען צווישן די זינדלעך פֿון די יעהופּעצער נעגידים אַזאַ באַלמויעך ווי ער ניט געפֿינען“.

ט. 72

און אָט איז האָדלס כאַראַקטעריסטיק פֿון פּעפּערלען און פֿון דער טעטיקײַט פֿון אים און פֿון זײַנע כאַווירים —

אין ייִדישן טעקסט:

„ער איז, זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פֿאַר זיך אַרט אים ניט, דאָס גאַנצע טועכץ זײַנס איז גאָר, זאָגט זי, יענעמס טויווע, דער וועלטס טויווע — און דעריקער פֿאַר יעגיִעקאַפּיִמניקעס, די באַלמעלאָכעס“.

ט. 89

„...זי האָט, זאָגט זי, אַ האָפֿענונג, אַז עס וועט אויפֿגיין די זון און עס וועט ווערן ליכטיק, וועט מען אים אומקערן צוריק מיט נאָך אַ סאַך אַזעלכע ווי ער, און דעמלט וועלן זיי זיך ערשט, זאָגט זי,

נעמען צו דער ארבעט און איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף״.

ד. 92

אין העברעיִשן טעקסט:

„דער דאָזיקער מענטש, זאָגט זי, זאָרגט זיך וועגן זיך קלאל ניט. דאָס גאנצע טועכץ זײַנס, זאָגט זי, איז געווענדט דער וועלטס טויווע, טויוועס־האקלאל. דאָס איינציקע, וואָס ער וויל, זאָגט זי, איז נאָר צו ברענגען אויסלייזונג פאר די אָרעמע לײַט, די ארבעטער, די באלמעלאָכעס, פאר די אלע, זאָגט זי, וואָס לעבן פון זייער האָרעוואניע״.

ד. 88

„...זי טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, זאָגט זי, אז ס׳וועלן נאָך אָנקומען די יאָמטעוודיקע טעג פאר זיי און פאר דער גאנצער וועלט. די אומרויִקע צײַט וועט פאָריבערגיין און ס׳וועט אופגיין די זון אויך פאר אונדז, און ס׳וועט ליכטיק ווערן אין אלע אונדזערע ווינונגען, און דעמלט, זאָגט זי, וועט מען אים, דעם געליבטן מאן אירן, אומקערן פון פארשיקונג. און נאָך א סאך, אזעלכע ווי ער, וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דער קלעם און זיי וועלן זיך אומקערן אהער צו פארענדיקן די ארבעט, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן — איבערצוקערן די וועלט מיטן קאָפּ אראָפּ און מעשאנע צו זײַן די סידריי מײַסע־ברייִשים...״

ד. 94

אָנשוילעכער איז אינעם העברעיִשן ווארִיאנט געשילדערט דער טראגישער גוירל פון די ייִדישע מאסן, די ייִדן־רעדיפעס און פּאָגראָמען, וועלכע די צארישע רעגירונג האָט אינספּירירט אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע אלס מיטל אָפּצוווענדן די מאסן פון זייערע סאָציִאלע אינטערעסן, פון רעוואָליוציִאָנערן קאמף. די פארבן זײַנען דאָ געדיכטער, די איראָניע שארפער, עס קומען צו פײַנע פּאָליטישע ניואנסן, וועלכע דעקן אויף דעם טאָך פון דער צארישער פּאָליטיק אף צו זייען סינע צווישן די פעלקער.

אין ייִדישן טעקסט:

„וויי, וויי, וויפל וואסערן זײַנען אָפּגעלאָפן! וויפל אנגסטן מירביידע און קאָל ייִסראָעל זײַנען אויסגעשטאנען אין די עלטערע יאָרן! א קעשענעוו, א קאָנסעטוציע מיט פּאָגראָמען, מיט צאָרעס, מיט שלעק...״

ד. 109

„איז מען זיך צונויפגעלאָפן צו אונדז קיין בויבעריק פון אָדעס און ראָסטאָוו...

ס׳איז שוין בא אונדז געוואָרן אזא מינהעג, אז עס קומט די צײַט, וואָס מע הייבט אָן ריידן פון פּאָגראָמען, הייבן ייִדן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין דער אנדערער, ווי אין פּאָסעק שטייט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז דער טײַטש: פאָר צו מיר, וועל איך פאָרן צו דיר...״

ד. 110

אין העברעיִשן טעקסט:

„וויי, וויי, וויפל טראָפּנס זײַנען ארײַנגעפאלן אין יאם ארײַן! וויפל וואסערן זײַנען אָפּגעלאָפן איבער אונדז, שטורמישע וואסערן! וויפל אנגסטן מיר ביידע און קאָל ייִסראָעל זײַנען אויסגעשטאנען אין די עלטערע יאָרן! וויפל ניסים זײַנען מיט אונדז געשען: דער נעס פון קעשענעוו, דער נעס פון דער קאָנסטיטוציע, דער נעס פון פּאָגראָמען, האריגעס, שכיטעס און אנדערע ניסים־וועניפלאָעס לויערן אף אונדז טאָג־אײַן, טאָג־אויס״.

ד. 111

„א מוירעדיקע צאָל פּליטים פון די פּאָגראָמען זײַנען אין יענע צײַטן געקומען צו פאָרן קיין בויבעריק, אין גרויסע מאסן זײַנען זיי זיך צונויפגעלאָפן צו אונדז פון אלע מעקוימעס, ווו אונדזערע אכיינו בניי־ייִסראָעל לעבן: פון אָדעס און פון ראָסטאָוו...

אזא איז שוין דער מינהעג בא אונדז אין דער מעדינע, באָרעכהאשעם, אין אזוינע ביטערע און גרויזאמע טעג: וויבאלד עס איז געקומען די צײַט פון פּאָגראָמען, און דאָס קאָל פונעם צוירער האָט זיך געלאָזט הערן אין אונדזער לאנד[13], אזוי גלײַך לאָזן זיך ייִדן לויפן. געײַלט, דערשראָקן, פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט, צו מעקײַעם זײַן דעם פּאָסעק: שמור לי ואשמור לך — איז דער טײַטש: דו — אין פײַער, און איך — אין פלאם...״

ד. 112

שארפער קלינגט אויך טעוויעס טײַנע צו גאָט אין באצוג צו די נאציִאָנאלע פאָרורטיילן — דער פעלקער־סינע, דער רעליגיִעזער אומטאָלעראנץ.

אין ייִדישן טעקסט:

„און אז גאָט האָט שוין יאָ באשאפן ייִדן און ניט־ייִדן, פארוואָס זשע זאָלן זיי זײַן אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אנדערע, גלײַך ווי דער איז פון גאָט, און יענער איז ניט פון גאָט?״

ד. 107

אין העברעיִשן טעקסט:

„אויב אזוי האָט אונדז גאָט באשאפן — איז פארוואָס האָט ער אָפּגעשיידט די ברידער צווישן זיך און האָט אונדז צעטיילט אף צוויי מישפּאָכעס און פארפלאנצט סינע צווישן אונדז, אזוי אז מיר האָבן אין הארצן פײַנט איינער דעם צווייטן און פארומערן דאָס לעבן איינער דעם אנדערן פאר גאָרנישט...״

ד. 107

ווי מיר זעען, שטעלט מיט זיך פאָר די העברעיִשע איבערזעצונג פון „טעוויע דער מילכיקער״ אזא ווארִיאנט פון שאָלעם־אלייכעמס באוווּסט ווערק, אין וועלכן ס׳זײַנען צוגעקומען נײַע שטריכן און דעטאלן אין דער שילדערונג פון די לעבנס־געשעענישן און

---

[13] תור הפרעות הגיע וקול הצורר נשמע בארצינו — דאָ ווערט איראָניש טראנספאָרמירט א באוווּסטע שטעל פון „שיר־השירים״: תור הזמיר הגיע וקול הדרור נשמע בארצינו״ — די צײַט פון דעם נאכטיגאל איז אָנגעקומען, און דאָס קאָל פון דער שוואלב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאנד.

דעריקער אין דער קינסטלערישער אויספורעמונג פונעם געשטאלט פון דעם הויפט־העלד.

עמעס, ס'איז זיך ניט באגאנגען אָן געוויסע, ווי מע זאָגט, „פּראָדוציר־הויצאָעס", וועלכע האָבן זיך באזונדערס אָפּגערופן אָף דעם סטיל פונעם ווערק. אין דער איבערזעצונג פעלן ערטערווייַז יענע לאַקאָנישקייַט און קאָנצענטרירטקייַט פון געדאנק און פון דער שפּראַך, וועלכע זייַנען אייגנטימלעך דעם ייִדישן אָריגינאַל און וועלכע גיבן אים צו א באַזונדער רייץ. דער טעקסט איז זיך ערטערווייַז צעוואקסן אפן כעזשבן פון באנוצן פּאַרטיקע ביבל־פראַזעס מיט אלע צו זיי אָנגעהעריקע פּאַראַלעליזמען, וועלכע זייַנען מאכמעס זייער אָפטן געברויך שוין אין א געוויסער מאָס געוואָרן שטאמפּן. וווּ־ניט־ווו האָט זיך באוויזן א געוויסער אָנהויך פון דעם, וואָס מע רופט „מעליצע".

מיר ברענגען אייניקע כאראקטעריסטישע בייַשפּילן.

דער ייִדישער טעקסט:

„א מענטש, זאָג איך, לעבט איין מאָל אָף דער וועלט, ניט קיין 13 מאָל".

ז. 24

„איך קאָן מיר קיין אָרט ניט געפינען".

ז. 98

דער העברעיִשער טעקסט:

„אדם אני אומר, ימיו מעטים ורעים, משול כחרס הנשבר, כצל עובר וכחלום יעוף ולא בכל יום מתרחש נס".

ז. 21

„ואין מנוס לי ואין מפלט לעצמי, לאן אברח ואנה מפני אסתר מעוצר רעה ויגון?"[14]

ז. 100

טעוויע פונעם העברעיִשן וואריִאַנט איז באַרייִדעוודיקער, זייַן נוסעך האָט עפּעס פּאַרלאָרן פון דער פאָלקסטימלעכער נאַטירלעכקייַט. ווו־ניט־ווו איז אויך געמינערט דער הומאָריסטישער זין. צום בייַשפּיל, עס גייט אָפּט פאַרלאָרן דער קאָמישער עפעקט, וואָס ווערט דערגרייכט אדאנק דער פארקריפּלטער אויסטייַטשונג פון די פּסוקים אינעם ייִדישן טעקסט. דאָ, אינעם העברעיִשן טעקסט, ווערן די פּסוקים מערסטנטייל אָדער ביכלאל ניט אויסגעטייַטשט, אָדער דער פּיירעש קומט מיט דער הילף פון א פּאָסעק אין אראַמייִש (טאַרגום־אונקעלעס).

[14] אין א ייִדישער איבערזעצונג וועט עס בעערעך קלינגען אַזוי: „א מענטש, זאָג איך, זייַנע טעג זייַנען קנאַפּ און נעבעכדיק, ער איז געגליכן צו א צעבראָכן שערבל, ווי א שאָטן, וואָס פאַרשווינדט, ווי א כאָלעם, וואָס ווערט פאַרפלויגן, און ניט יעדן טאָג טרעפט א נעס".
„כ'האָב ניט ווּהין זיך אהינצוטאָן, ניטאָ קיין באַהעלטעניש פאַר מיר, ווּהין זאָל איך אַנטלויפן און ווּ זאָל איך מיך באַהאַלטן פונעם איבערפלוס פון צאָרעס און טרויער".

דער ייִדישער טעקסט:

„קומט אויס נאָך דייַן מעשוגענעם סייכל, זאָג איך, אז דאָס, וואָס מייַן בעהיימע מעלקט זיך און וואָס מייַן פערד פאָרט, איז אויך ניט אַלפּי־יוישער?"

ז. 76

„גלייַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נעגידים, ווי אין פּאָסעק שטייט: כלם אהובים, כלם ברורים".

ז. 74

„איך ווייס, זאָג איך, אז איר זייַט שוואַך, איר זאָלט געוועזן, זאָג איך, לערנען אין כיידער, וואָלט איר, זאָג איך, אויך געוווּסט, מא דעקאמרע רעבעצן".

ז. 113

דער העברעיִשער טעקסט:

„קומט אויס, אז מייַן בעהיימע, וואָס מעלקט זיך יעדן טאָג, און מייַן פערד, וואָס ציט דעם וואָגן, — איז זיי אויך דערלויבט אויסצושטעלן זיך פאַר דעם מעלעך מאַלכיי האַמלאָכים און שרייַען וועגן צעדעק און יוישער! עס איז דאָ, זאָג איך, א בעפּיירעשער פּאָסעק באַ די נעוויִים: שאל בהמה ותורך סוסי ויגיד לך..."

ז. 77

„גלייַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער גווירישע זינדלעך, און ווילסט גיין אין זייערע וועגן, ווי עס האָט געזאָגט דאָוויד האַמעלעך, אָלאָווהאַשאָלעם, קטן וגדול שם הוא — אין טאַרגעם־אונקעלעס באַטייַט עס: בתר רישאָ זנבאָ אָזל[15].

ז. 75

„איך ווייס, זאָג איך, אז צווישן טאַלמידייַ־כאַכאָמים איז פאַר אייַך קיין אָרט ניטאָ, איר זאָלט געוועזן, זאָג איך, לערנען טוירע אזוי ווי איך אין דער קינדהייַט, וואָלט איר אוואדע ניט פאַרשעמט אייַער יוגנט. עס איז דאָ, זאָג איך, א בעפּיירעשע האַלאָכע אין דער באַבאַ־בתרא: לא נתנה תורה למגדלי סוסים, איז לויט טאַרגום־אונקעלעס: אי־סיפאָ לאו ספראָ..."[16]

ז. 115

מיט איין וואָרט, טעוויע האָט אין העברעיִשן וואריִאַנט עטוואָס פאַרלאָרן פון זייַן הומאָריסטישן מעהוס און פאָלקסטימלעכער פּאַשטעס.

מיר האַלטן פאַר איבעריק אָפּצושטעלן זיך אָף אייניקע אַנדערע, ווייניקער באַדייַטנדיקע שינויִם. דער פאַרגלייַך צווישן העברעיִשן און ייִדישן טעקסט, וועלכן מיר האָבן געמאַכט, באַווייַזט גענוג איבערצייַגעוודיק, אז דער העברעיִשער טעקסט פון „טעוויע דעם מילכיקן" איז ניט בלויז אַן איבערזעצונג פונעם ייִדישן אָריגינאַל, נאָר אין א געוויסער מאָס א נייַשאַפונג, וועלכע פאַרמאָגט אירע שאַטירונגען און ניואַנסן.

[15] געמיינט: בתר רישא גופה אָזל — נאָך דעם קאָפּ גייט דער גוף, דאָס הייסט, אַלץ גייט נאָך דעם קאָפּ.

[16] פונעם פּאָסעק: אי סיפאָ לאו ספראָ, אי ספראָ לאו סיפאָ — איז ער א גיבער, איז ער קיין שרייַבער ניט, איז ער א שרייַבער, איז ער קיין גיבער ניט.

■ ■ ■

מייער יעלינס טעמע

די מילכאָמע האָט אַרײַנגעטראָגן א סאך ראַדיקאלע ענדערונגען אינעם שאפן קימאט פון אלע סאָוועטישע שרײַבער — אין זייער טעמאטיק און אין עצעם צוגאנג צום לעבן און צו באזונדערע דערשײַנונגען. א ריי שרײַבער פונעם ייִנגערן דאָר, נאָך דער גרויזאמער לעבנס־דערפארונג, זײַנען בעעמעס אפסנײַ געבאָרן געוואָרן. מייער יעלין איז איינער פון זיי. דערצו נאָך דארף מען צוגעבן, אז יעלינס וועג און שרײַבערישער גורל איז א באזונדערער. ער איז דאָך, אויסער דעם, אויך אן „אפסנײַ געבוירענער" סאָוועטישער בירגער — ערשט ערעוו דער מילכאָמע איז ער ארוף אף דעם ברייטן וועג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

יעלין איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אינעם ליטווישן שטעטעלע סעריאדזשוס, קאָוונער גובערניע, אין א מישפּאָכע פון לערער. געענדיקט א גימנאזיע און גאָר פרי ליב באקומען קינסטלערישע ליטעראטור, האָט ער אליין גענומען שרײַבן לידער און נאָוועלן, וועלכע ער האָט צעזייט אין די שאבעסדיקע בומערן פון דער אָרטיקער טאָג־פּרעסע און אין די יערלעכע אלמאנאכן („טויערן", 1937; „בלעטער", 1938; „נײַע בלעטער", 1939; „בלעטער", 1940).

בייסן ערשטן סאָוועטישן יאָר אין ליטע (1940 — 1941) האָט מ. יעלין ענדלעך צוגעגרייט א זאמלונג נאָוועלן פארן ייִדישן אָפּטייל פונעם רעפּובליקאנישן מעלוכע־פארלאג, אונטערן סימבאָלישן נאָמען „שיפן גייען אָפּ". די שיפן, ווי באוווּסט, זײַנען אונטערגעגאנגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ קאפּיטל אין יעלינס גורל און אין זײַן ליטעראַרישן שאפן. הינטערן שטעכדראָט פון קאונאסער געטאָ איז געבאָרן געוואָרן א נײַער ציקל דערציילונגען אונטער א נײַעם סימבאָלישן נאָמען — „בלוט און וואָפן"...

מייער יעלין האָט איצט גענומען אף זיך די אופגאבע: „אָנקליידן אין א ליטעראַרישן לעוווש פאקטן, וועלכע ליגן אף יענער זײַט פון מענטשלעכן פארשטאנד, אף יענער זײַט פון ליטעראַרישע גרעניצן"... ער איז אויך געוואָרן דער זאמלער און פאָרשער פון יענע מאטעריאלן, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט אזוינע, ווי ער, געטאָ־אסירים און קעמפער, וועלכע האָבן געשריבן זייערע ווערק „מיט א שטריק אפן האלדז" אָדער מיט א ביקס אפן אקסל... אזא איז, אגעוו, געוועזן דער ייִנגערער ברודער פונעם שרײַבער — כאַיִם יעלין — דער אָנפירער פון דער אונטערערדישער אנטיפאשיסטישער קאמף־אָרגאניזאציע אין קאונאסער געטאָ, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען אין קאמף מיט די אָקופּאנטן.

יעלינס דאָקומענטאלע דערציילונגען און פארצייכענונגען זײַנען געווידמעט דעם לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, באזונדערס ייִדן, אונטערן בלוטיקן קנאפל פון די פאשיסטישע אונטערמענטשן אין די יאָרן פון דער צײַטווײַליקער אָקופּאציע פון די מײַרעוו־געגנטן פון אונדזער לאנד. דאָ גייט א רייד וועגן ליטע און הויפּטזאכלעך וועגן קאונאס און אירע אומגעגנטן.

ניט געקוקט אף דער פארהעלטניסמעסיק באגרענעצטער טעריטאָריע, אף וועלכער עס לעבן די העלדן פון מייער יעלינס דערציילונגען און אף וועלכער עס קומען פאָר די האנדלונגען, אנטפלעקט זיך פאר אונדז גאנץ בוילעט אויך דאָס אלגעמיינע טיפּישע בילד פון יענעם טראגישן פעריאָד, וואָס איז פארבונדן מיט דער פאשיסטישער אינוואזיע אין אונדזער לאנד. און דאָס איז ניט קיין ווונדער. מייער יעלין האָט געשריבן זײַנע דערציילונגען מיט דער געשאָנקענער „אייביקער פען" פון קונסט, און ער האָט ערלעך אויסגעפילט די שליכעס פון זײַנע פרײַנט און כאווײרים הינטער די שטעכדראָטן און אויסער זיי. ער האָט אונדז אָנשוילעך באוויזן די בלוטיקע פּראקטיק פונעם פאשיזם, ווי אויך די מאָניאקאלישע „טעאָריעס" זײַנע. א סאך ביכער זײַנען אָנגעשריבן אף דער דאָזיקער טעמע, און אלע זיי, און איטלעכס בוך באזונדער, באלײַכטן פארשיידענע זײַטן פון דעם איבערגעלעבטן, דערגאנצן איינס דאָס אנדערע. מייער יעלין אליין גיט א טרעפלעכע אָפּשאצונג פון אזוינע דאָקומענטאלע ווערק אין זײַן רעצענזיע אף יעראכמיִעל בריקס' בוך „די פאפּירענע קרוין" („א בוך — א גוויִעס־איידעס". זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 7, 1969). יעלין שרײַבט:

„פון דער ליטעראטור פון יענער טקופע ווייסן מיר, אז יעדע געטאָ האָט זיך געהאט איר ספעציפיק. סײַ די אָרטיקע נאצישע סראָרעס, און בעיִקער די אסירים, באגלײַך מיט די געזעלשאפטלעכע פאקטאָרן אף דער און יענער זײַט שטעכדראָט, האָבן יעדע געטאָ אנדערש „מאָדעלירט". און דאפקע אין דעם, וואָס י. בריקס האָט פיקסירט דאָס, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר לאָדזש און ניט פאר אנדערע האָריגע־שטעט, באשטייט זײַן פארדינסט".

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן מייער יעלינס

מייער יעלין. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט. מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל".

ווערק. דאָס נעמט אָבער ניט אַראָפּ זייער טיפּישקייט אויך פאַר דער אַלגעמיינער טאָטאַלישער „מאָדעל". מייער יעלין געהערט צו די זעלבע שרײַבער גוויִעס־איידעס, וועלכע האָבן „ניט געקענט ניט דערציילן" (מאשע ראָלניק). צו דעם האָט זיי מיסכּײַעוו געווען די געשיכטע זעלבסט.

די ווערק פון מ. יעלין טיילן זיך אויס מיט זייער הויכן אינטעלעקטועלן און ליטעראַריש־קינסטלערישן ניווא. דער אַוטאָר האָט, ווי געזאָגט, אויסגענוצט ניט בלויז זײַן פּערזענלעכע דערפאַרונג, נאָר אויך די באַווײַזן פון לעבעדיקע איידעס, דאָקומענטן, אונטערגעהערטע געשפּרעכן פון געליטענע, פון אַקטיווע קעמפער. צוזאַמען מיט איינעם פון זײַנע שלאַכט־כאַווערים — מיט ד. העלפערן — האָט ער אַפילו אַרויסגעלאָזט זײַן ערשט נאָכמילכאָמעדיק ביכל „פּאַרטיזאַנער פון קאָוונאַסער געטאָ". אין זײַנע דערציילונגען פיגורירט אויך דער אַוטאָר אַליין אַלס איינער פון די פּערסאָנאַזשן, וועמען ס׳איז אָנפאַרטרויט אַלץ צו פאַרשרײַבן און גאָרנישט ניט פאַרלייקענען.

א טייל דערציילונגען האָט יעלין אָנגעשריבן אין געטאָ, א טייל — אין דער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע, די איבעריקע — שוין נאָך דער באַפרײַונג, אָף די הייסע בלוטיקע שפּורן פון די אָקופּאַנטן. דער אַוטאָר האָט זיי אָנגעהויבן פּובליקירן אין דער מאָסקווער צײַטונג „איינים קײַט", אין אַלמאַנאַך „היימלאַנד", שפּעטער — אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" און אַנד. באַגלײַך מיט די ייִדישע דערציילונגען האָט יעלין פּובליקירט אויך א ריי מאַטעריאַלן אָף דער זעלבער טעמע אין ליטוויש (לעמאָשל, די גרעסערע אַרבעט „אין די פאָרטן פון טויט", וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דרײַ פּילטיראַזשיקע אויפלאַגעס).

געפינענדיק זיך אין די אָקופּאַציע־יאָרן אין קאַונאַס, האָט יעלין דערזען אַלע פּעריפּעטיעס פון מענטשלעכע באַציִונגען: פון איין זײַט — די עקלהאַפטע אָקופּאַנטן און זייערע מיטהעלפער, פאַרעטער פון נעם סאָציִאַליסטישן היימלאַנד; פון דער צווייטער זײַט — סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, פאַרקנעכטעטע פונעם אָקופּאַנט. מייער יעלין אַנטפּלעקט פילצאָליקע איינצלהײַטן פון דער אויפירונג פון די מענטשן, דיפערענצירט באַזונדערע פּערסאָנאַזשן — סײַ פרײַנט און סײַ סאָנים — און געפינט אין יעדן פון זיי סאָציִאַל־באַזיניקטע שטריכן, וועלכע דערקלערן זייערע האַנדלונגען.

איבערדערציילן אַלע פאַקטן, עפּיזאָדן, פּאַסירונגען, וועלכע דער אַוטאָר ברענגט, איז אומעגלעך און ניט נייטיק. ס׳איז גענוג צו ברענגען איינציקע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן, אַלגעמיינע און קאָנקרעטע, וועלכע דעקן אויף דעם טאָך פון די דערציילונגען.

מייער יעלין באַווײַזט און דערווײַזט, אַז ניט געקוקט אָף די סאַדיסטישע פּײַניקונגען און דראַקאָנישע מעטאָדן פון די פאַשיסטן אָף דער אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע, איז דאָס אינערלעכע לעבן, דער מאָראַלישער אויסזען, די מענטשן־ווערדע ניט צעטראָטן געוואָרן. די ניסיוינעס האָבן ניט אײַנגעבראָכן דעם סאָוועטישן מענטשן. וואָס איז שײַך די פאַשיסטישע אויסוווּרפן, האָט זייער אינערלעכע דעמאָראַליזאַציע ניט געוווּסט פון קיין גרענעצן. זיי זײַנען ערגער פון כײַעס. פאַרגלײַכן זיי מיט כײַעס „איז א גרויסע באַליידיקונג פאַר די כײַעס", — זאָגט איינער פון יעלינס העלדן.

דער אַוטאָר דערציילט וועגן אַלץ אין „רויִקע" טענער, מיט קלוגער איראָניע און אײַנגעהאַלטענעם טרויער. ער באַשרײַבט בלויז פאַקטן. און די פאַקטן, צוזאַמען גענומען, גיבן אונדז א רעליעף בילד פון דער „נײַער אָרדענונג" פון די פאַשיסטן, וועלכע האָט בעעמעס ניט קיין פּרעצעדענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דער אַוטאָר ווײַזט די זעלבסטצופרידנקייט, טעמפּע גאַדלעס און באַרימערײַ פון די היטלעריסטישע הענקער, צווישן וועלכע פיל זײַנען קרימינעלע פאַרברעכער, צעיושעטע פון דער אומבאַשטראָפטקייט און אונטערגעהעצטע פון פאַרשיידענע פיורערס, אין דער שפּיץ מיטן הויפּט־פיורער — דעם מעטורעף היטלער, וועלכער „קלערט" פאַר אַלעמען. דער אַוטאָר פירט אויך אַרויס איינציקע היטלערישע „אינטעלעקטואַלן", אַפילו „פּראָפעסאָרן", אַזעלכע ווי דער געאָפּאָליטיקער דאָקטאָר קאַרל גראָגער, דער פעלדפעבעל פרידריך ניצשע, וועלכער גרויסט זיך דערמיט, וואָס ער טראָגט דעם זעלבן נאָמען, ווי דער באַרימטער דײַטשישער פילאָסאָף, און ציטירט אַפילו זײַן „זאַראַטוסטראַ". אויך די דאָזיקע לײַט נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער שוואַרצער מערדעראַרבעט פון דער היטלערישער קורציאָריקער „אימפּעריע".

מייער יעלין ווײַזט פאַרשיידענע טיפּן פון פאַרעטער. צווישן זיי רופט ער אָן דעם ליטווישן פּאָעט יואָזאַס קרומינאַס, וועלכער איז ניט מיטאַמאָל געוואָרן א פאַרעטער, נאָר בעהאַדראָגעדיק זיך אַראָפּגעקײַקלט אין דעם לאַגער: ער הייבט אָן פון א גלײַכגילטיקער באַציִונג צו מענטשלעכע אינויִם, פאַרבאָרגענער פרייד. דער מעכאַבער ווײַזט אונדז אויך צוויי פאַרעטער־אוקראַיִנער — פון די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. איינער פון זיי דינט געטרײַ די פאַשיסטן, און דער צווייטער איז פּאָשעט א פאַכדן און שקורניק, וועלכער האָט גלײַכצײַטיק מוירע סײַ פאַר די פאַשיסטן און סײַ פאַר דעם סאָוועטישן קומענדיקן גזאַר־דין, וואָס דערוואַרט אים. ער איז אַפילו אָפּטמאָל מעקאַנע די אַסירים פון געטאָ, בא וועלכע עס איז נאָך פאַראַן אַוועלכע־ניט־איז האָפענונג באַפרײַט צו ווערן, אין דער צײַט ווען ער איז שוין אָף זיכער פאַרורטיילט.

און אָט איז נאָך א טיפּ פון א פאַרעטער: אָן אַלטער מאַן, אָן ציינער, א וועכטער פון א געהילץסקלאַד, וועלכער לעבט בישכיינעס מיט די געבײַדעס, ווו עס געפינען זיך די געיאָגטע און געפּלאָגטע ייִדן. לעכאַטכילע שטעלט ער זיך פאָר ווי זייערער א גוטער פרײַנט, ברענגט זיי ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן און בעט פאַר דעם ווערטפולע זאַכן. נאָר ביסלעכווײַז וואַקסט דער אַפּעטיט פונעם מאַראָדיאָר. אויסנוצנדיק די שווערע לאַגע פון די אַסירים, הייבט ער זיי אָן שאַנטאַזשירן, באַראַבעוועט זיי, דערציילט פאַרשיידענע שוידערהאַפטע נײַעס, באַשולדיקט זיי אין קאַרגשאַפט אַדג. עס דערגייט דערצו, אַז די מענטשן מוזן זיך שוין אָפּזאָגן פון זײַנע „טויוועס". עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אָט דער זעלבער אַלטיטשקער וועט סאָפקאָלסאָף אַרויסגעבן זײַנע קאָרבאָנעס די היטלערישע הענקער.

אין די אומשטענדן פון דער היטלערישער הערשאַפט האָט דער סאַדיזם און ווילקיר, ווי מיר זעען, אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען.

א סאַך פון יעלינס דערציילונגען און פאַרצייכענונגען זײַנען ספּעציעל געווידמעט די פאַרברעכנס פון די פאַשיסטן און זייערע מיטהעלפער אין טרויעריק־באַרימטן נײַנטן פאָרט. די נידערטרעכטיקע פאַשיסטישע מענוואָלים שטעלט דער אוטאָר אַנטקעגן אָפּפערווייליקע מענטשן, וועלכע שטעלן אײַן זייער אייגן לעבן, אָפּט — דאָס לעבן פון זייערע נאָענטסטע, קעדיי צו העלפן מיט וואָס עס איז נאָר מעגלעך די אומגליקלעכע, איבערהויפּט די אַלטע לײַט, פרויען און קינדער.

אין דער נאָוועלע „צוליב א לעבן" ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, ראַטעוועט א דאָקטער סײַ די געווינערן, סײַ דאָס נײַגעבוירן קינד, און ווי אַנדערע ווירדיקע מענטשן באַהאַלטן אויס דאָס קינד פון די היטלעריסטישע שפּיר־הינט. אַן ענלעכע געשיכטע קומט פאָר אין דער דערציילונג „קינדער, קינדערלעך"...

מיט א טרעפלעכן סאָציאַלן צוגאַנג זײַנען געשילדערט די מענטשן, וועלכע ווילן זיך אָפּקויפן מיט זייער געלט אַפן כעזשבן פון אַנדערע. יעלין באַשרײַבט מיט ווייטעק דעם רײַכן מאַן, וועלכער פלעגט, אָנשטאָט זיך, שיקן אַף אַרבעט א מינדעריאָריק ייִנגל. ווען דאָס ייִנגל ווערט געכאַפּט, קלערט דער פּאַראַזיט ווייניק וועגן זײַן גורל און וועגן דער לאַגע פון זײַן אומגליקלעכער מוטער. ער זוכט איצט א צווייט „מאַלעכל", וואָס זאָל ווידער אַרבעטן אָנשטאָט אים („א מאַלעכל").

א כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד איז געבראַכט אין דער דערציילונג „אין דערוואַרטונג". צוויי יונגע געליבטע פרייען זיך, וואָס די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען באָמבירן זייער שטאָט. די פאַשיסטן זײַנען געצווונגען זיך צו באַהאַלטן הינטערן שטעכדראָט פון געטאָ, ווײַל זיי זײַנען זיכער, אַז די סאָוועטישע פליִערס וועלן די געטאָ ניט באָמבירן.

אין דער נאָוועלע „ראַשע־לאַשן... מאַמע־לאָשן" ווערט דערציילט וועגן אַן אָסיר פון געטאָ, וועלכער קען ניט פאַרלײַדן די דײַטשישע שפּראַך, ווײַל אַף דער דאָזיקער שפּראַך ריידן דאָך די פאַשיסטישע הענקערס. ווען ער טרעפט ייִדישע מאַן־און־ווײַב, וועלכע ריידן צווישן זיך אַף דײַטש, ווערט ער זיי א דאַם־סוינע. דאָס זײַנען געווען דײַטשישע ייִדן, וועלכע זײַנען, פונקט ווי אַנדערע, געטריבן געוואָרן אַף אומקום. עס העלפט ניט זייער פאַרענטפערן זיך און דאָס דערווײַזן, אַז אַף דער זעלבער שפּראַך האָבן אויך גערעדט און געשריבן געטע, היינע, מאַרקס. בלויז דאַן, ווען די דײַטשישע מישפּאָכע דערקלערט דעם פאַרביטערטן געטאָ־ייִד, אַז אויך די ייִדישע שפּראַך זײַנע שטאַמט דאָך פון דײַטש... דאַן באַגרײַפט ער, דער אומגליקלעכער, אַז די זאַך איז ניט אין דער שפּראַך.

אין דער דאָקומענטאַלער דערציילונג „ליבע" זײַנען געשילדערט די צווישנבאַציִונגען פון דעם שוועדישן ייִדן אַלעקסאַנדער בלומענטאַל און זײַן קאַטוילישער פרוי, וועלכע זײַנען אײַנעם פאַריאָגט געוואָרן אין קאָוּנאַסער געטאָ. זיי צעשיידן זיך ניט ביזן לעצטן אָטעם־צוג, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די געסטאַפּאָוצעס ריידן אײַן דער פרוי צו פאַרלאָזן איר ייִדישן מאַן. זי קלײַבט אויס דעם טויט, ווײַל די ליבע איז שטאַרקער פונעם טויט. וועגן דער טראַגעדיע פון געמישטע מישפּאָכעס ווערט דערציילט אויך אין אַנדערע ווערק („א ראַכמאָנעס אַפן דײַטש", „אַלגידראַס סאַוויצקאַס").

אין מייער יעלינס דערציילונגען האָבן זיך אַזוי איבערגעפלאָכטן דאָקומענטאַלע פאַקטן מיט אויסגעדיכטעטע געשעענישן, אַז עס איז אָפּטמאָל שווער זיי פונאַנדערצוטיילן. דאָס אויסגעדיכטעטע איז פונקט אַזוי איבערצײַגעוודיק, ווי די דאָקומענטאַלע דעטאַל.

עס מוזן דערמאָנט ווערן די דאָקומענטאַלע דערציילונגען וועגן ליטווישן דאָקטער וויטאַוטאַס זשאַקיאַוויטשוס, וועלכער האָט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר העלפן זײַנעם א כאַווער און אַנדערע אַסירים פון געטאָ; וועגן העלדישער און מעסירעסנעפעשדיקער אויפירונג פון דער פאַמיליע פונעם ליטווישן פּאָעט קאַזיס באַנקיס; וועגן אַרבעטער, אינטעליגענטן, וועלכע האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, געראַטעוועט ניט איין פאַרמישפּעטן פון געטאָ. אַזעלכע העלדן זײַנען געווען א סאַך. זיי אַלע זײַנען ווערט אָפּגעמערקט צו ווערן פאַר דער געשיכטע, כאָטש זיי אַליין האָבן ניט געהאַלטן, אַז זיי זײַנען העלדן און טוען עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

מייער יעלין דערציילט וועגן דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט דאָס ערשטע פלוגבלעטל אין געטאָ. די פאַרשפּאַרטע הינטערן שטעכדראָט האָבן דערזען די אונטערשריפטן פון די ליטווישע שרײַבער סאָלאָמייע נעריס, גירא, צווירקאַ, באַלטושיס, ווענצלאָווא, שימקוס, וועגן וועלכע די היטלעריסטן האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי זײַנען שוין לאַנג אומגעקומען. דער שרײַבער פאַרגלײַכט דאָס פלוגבלעטל מיט דעם ביבלישן טײַבעלע פון נויעכס טייווע, רופט עס אָן „עליקסיר פון לעבן" פאַר די אַסירים פון געטאָ. דער ציקל „בלוט און וואָפן" איז א פאַרסאַכאַקלענדיקער. דאָ ווערט דערציילט וועגן שוידערלעכן טעראָר, וועגן מאַסן־עקזעקוציעס, וועגן דעם, וויאַזוי די פאַשיסטישע פאַרברעכער האָבן אין אָנגעזיכט פון זייער ענדגילטיקער מאַפּאָלע געפּרוּווט אין גרויסער בעהאָלע פאַרווישן זייערע בלוטיקע מײַסים: פאַרניכטן די ברודער־קוואָרים, פאַרברענען די מייסים.

מייער יעלינס ווערק מאַכן א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק אַדאַנק זייער וואָרהאַפטיקײַט. מיט א קלוגן, זיגערישן איראָנישן שמייכל לאַכט דער שרײַבער אויס דעם פאַשיזם, שפּאָט אויס זײַן געמיינע „טעאָריע" פון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, זײַנע ווילדע אויסטראַכטענישן וועגן אויבערמענטשן און אונטערמענטשן.

אין די סאַמע שוואַרצע טעג פון אָקופּאַציע האָט דער אוטאָר ניט געצווייפלט אין זיג פון גוטס איבער שלעכטס, פון מענטשלעכן סייכל איבער באַרבאַריזם, ער האָט געגלייבט אינעם זיג פון הומאַניזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, אין פעלקער־פרײַנטשאַפט.

די שפּראַך פון יעלינס ווערק איז א זאַפטיקע, א רײַכע מיט אַסאָציאַציעס, רעמאָזים און פאַרגלײַכן. די געשעענישן און דערשײַנונגען ווערן פאַרפיקסירט זייער וואָרהאַפטיק, מיט קינסטלערישן טאַקט, טראָץ

דעם, וואָס דאָ גייט אָפּט א רייד וועגן גאָר ניט קיין עסטעטישע מײַסים.

מייער יעלין מיסברויכט ניט מיט איבעריקע דײַטשמעריזמען און נוצט אויס די דײַטשישע שפּראַך בלויז דאַן (און אויך אין דער מינימאַלסטער מאָס), ווען אים איז עס נייטיק צוליב קאָלאָריט אָדער באַם כאַראַקטעריזירן אייניקע דײַטשישע פּערסאָנאַזשן.

מייער יעלינס ווערק — דאָס זײַנען ניט פּאָשעט קאַמעסדיק צוגעקומענע ווערק וועגן מילכאָמע און געטאָ. זיי האָבן ניט בלויז א דערקענטעניש־ווערט וועגן דעם פאַרברעכערישן מעהוס פונעם פאַשיזם אין אָוואַר. זיי זײַנען אַקטועל און הײַנטצײַטיק אויך איצט אַדאַנק דער ריכטיקער אידייִשער פּאָזיציע פונעם שרײַבער און אויך אַדאַנק דעם, וואָס עס בורשעווען נאָך הײַנט שוואַרצע כוואַליעס פון נעאָנאַציזם אין דײַטשלאַנד גופע און אין פאַרשיידענע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די דאָזיקע טעמע, פונקט ווי די אַנדערע מילכאָמע־ און שאָלעם־טעמעס, וואַרפט זיך ניט אונטער קיין שום „פאַרעלטערונגס־טערמינען”.

יִסראָעל סערעבריאַני

א בוך וועגן דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט

די זאַמלונג, וועלכע מיר רעצענזירן דאָ, איז דערשינען אין א מאָמענט, ווען דאָס לאַנד האָט אָפּגעמערקט צוויי יובילייען: דעם אַלפאָלקישן יאָמטעוו — 50 יאָר, זינט עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן פססר, — און דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער באַפרײַונג פונעם סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. דאָס בוך איז געווען א וואָגיקע מאַטאָנע פון די ליטעראַטן פון דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט צו די דערמאָנטע היסטאָרישע דאַטעס. ביז איצט האָבן מיר נאָך ניט געהאַט אַזאַ אויסגאַבע, ווו עס זאָל אַלזײַטיק באַוויזן ווערן די פּובליציסטיק, פּראָזע און פּאָעזיע פון די בירָאָבידזשאַנער אווטאָרן, מיר האָבן נאָך ניט געהאַט אַזאַ בוך, אין וועלכן עס זאָלן אין אַזאַ מאַסשטאַב אָפּגעשפּיגלט ווערן די דערגרייכונגען פון די האָרעפּאַשניקעס פון דער געגנט.

די דרײַ אָפּטיילן פונעם בוך: „די ערד, וואָס האָט מיר געבראַכט גליק”, „דיר, מײַן היימלאַנד, שענק איך מײַן ליד”, „אייביק לײַכט די שײַן פון לעבן” — דאָס זײַנען בלויז באַדינגלעכע זשאַנערגרענעצן. פאַקטיש זײַנען אַלע דרײַ אָפּטיילן באַהעפט און צעמענטירט דורך איין פאַרטראַכט, דורך איין טעמע. די דאָזיקע טעמע, וועלכע גייט דורך ווי א רויטער פאָדעם דורכן גאַנצן זאַמלבוך, איז — דער טריִומף פון דער לעניִנישער נאַציִאָנאַלער פּאָליטיק, די אײַזנפעסטע פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון פססר. אָט די טעמע קלינגט אין די עסייען און רעפּאָרטאַזשן, מיט איר זײַנען דורכגעדרונגען די דערציילונגען און לידער. דער פאַרשיידענער שעפערישער קסאַוו פון די אווטאָרן, דער אינדיווידועלער צוגאַנג צום לייזן אָט די טעמע באַטאָנט בלויז איר ברייטן מאַסשטאַב און באַווײַזט, ווי מע קאָן צוזאַמען, קאָלעקטיוו, שאַפן א בילד פון די היסטאָרישע געשעענישן פאַר קימאַט פיר צענדליק יאָר, שילדערן די גוירָאָלעס פון א סאַך מענטשן פאַר אַזאַ גרויסן צײַט־אָפּשניט.

דאָס זאַמלבוך עפנט זיך מיטן אַרטיקל פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי ל. שאַפּיראָ „אין אַן אייניקהײַטלעכער און פרײַנטלעכער מישפּאָכע”. דאָס איז פאַקטיש א פּובליציסטישע פאַרצייכענונג וועגן דעם, ווי אַדאַנק דער זאָרג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועטן־רעגירונג, אַדאַנק דער ברידערלעכער הילף פון אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד איז אויפגעקומען, האָט זיך אָנגענומען מיט רײַפקײַט די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט, וועלכע טראָגט אויף איר פאָן דעם לענין־אָרדען.

לייענענדיק די רעפּאָרטאַזשן און פאַרצייכענונגען פון וואַלערי פאַנמאַן, נאָכעם אײַזמאַן, אַלאַ פישער, שימען קערדמאַן, כאַיִם קאָרסונסקי, וואַלערי פּאָמענקאָ, וויקטאָר גאָרעלאָוו, פונעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט מײַק דייווידאָוו, וועלכער האָט באַזוכט בירָאָבידזשאַן, זעען מיר די געשעענישן פון דער העראָיִשער פאַרגאַנגענהײַט פון דער געגנט און די שטריכן פון איר הײַנטיקן טאָג. די אווטאָרן באַקאַנען אונדז מיט די פּיִאָנערן פון בירָאָבידזשאַן און מיט די איצטיקע בויער זײַנע.

א היפּש ביסל באַקאַנטע נעמען וועט דער לייענער געפינען אינעם בעלעטריסטישן אָפּטייל. די צונויפשטעלער פון דער זאַמלונג האָבן געטאָן זייער ריכטיק, ווען זיי האָבן אויסגענוצט א טייל פון דער ליטעראַרישער יערושע פונעם באַקאַנטן סאָוועטישן שרײַבער עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש. די ערשטע יאָרן פון ע. קאַזאַקעוויטשעס שאַפונג זײַנען, ווי באַוווּסט, פאַרבונדן מיט דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט. זײַנע לידער „עס הייבט זיך אָן א שטאָט”, „די ערד, וואָס האָט מיר געבראַכט גליק”, „די טײַגע” מאָלן בילדער פונעם פּעריִאָד, ווען די געגנט איז ערשט אויפגעקומען. שוין אין אָט די פריִע ווערק פונעם דיכטער האָט זיך געפילט די קראַפט פון מײַסטערשאַפט און הויכער בירגערשאַפט, וועלכע האָבן שפּעטער זיך אויסגעפורעמט אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען.

מיט אינטערעס וועלן די לייענער זיך באַקאַנען מיט די לידער פון איינעם פון די ערשטע בירָאָבידזשאַנצעס — אַרן וווערגעליס. מע דאַרף באַזונדערס דערמאָנען זײַן „געזאַנג וועגן א העלד” — די לירישע פּאָעמע וועגן דעם בירָאָבידזשאַנער אײַנוווינער — דעם העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין, וואָס האָט אין די מילכאָמע־יאָרן איבערגעכאַזערט דעם אומשטערבלעכן העלדנטאַט פון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו. צווישן די פּאָעטן פונעם עלטערן דאָר, וועלכע זײַנען פאָרגעשטעלט אין דער רעצענזירטער זאַמלונג, געפינען זיך ליובע וואַסערמאַן, איציק בראָנפמאַן. זייערע לידער זײַנען א געשמעלץ פון טיפער לעבנס־דערפאַרונג און שפּרוד־

„אף די ברעגן פון בירע און בידזשאַן”. זאַמלבוך פּובליציסטיק, פּראָזע, פּאָעזיע. אויסגאַבע פונעם כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג, 1972.

לענדיקער יוגנט־דיכטונג. עס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט לידער פֿון ניקאָלײַ קאַפּוסטאַ, לעאָניד שקאָלניק, כאַים ביידער, איליא רעוויטש, אירינע מעטעלקינא, וואַסילי מאַראַזאָוו, נינע זשוראַכאָווסקאַיאַ. א גרויס אָרט פֿאַרנעמט בא די ביראָבידזשאַנער דיכטער די ווײַט־מיזרעכדיקע טעמע.

מיר ריידן וועגן די ליטעראַטן פֿונעם עלטערן דאָר און וועגן די יונגע שרײַבער... און צו וועלכן דאָר זאָלן מיר פֿאַררעכענען די דיכטער בוזי אָלעווסקי, אַרן האַפּשטיין, וולאַדימיר שולמאַן, העניעך קויפֿמאַן? יעדער איינער פֿון זיי וואָלט שוין איצט געווען עלטער פֿון פֿופֿציק יאָר. זיי האָבן זיך אָבער ניט אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע. דערפֿאַר זײַנען זיי געבליבן אייביק יונג סײַ אין אונדזער זיקאָרן, סײַ אין זייערע לידער. וואַרעמע ווערטער וועגן זיי האָט אָנגעשריבן ליובע וואַסערמאַן. אין זײַן עסיי „דאָס האַרץ פֿאַרגעסט ניט" דערציילט נאָכעם פֿרידמאַן, דער עלטסטער זשורנאַליסט פֿון דער געגנט, וועגן איינעקע לעבנס־עפּיזאָדן פֿון עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, וועגן זײַן ליטעראַרישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט.

א גרויס אָרט אין דער זאַמלונג פֿאַרנעמט דער פּראָזע־אָפּטייל. אהער גייען אַרײַן דערציילונגען און נאָוועלן פֿון די וועטעראַנען פֿון דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור בוזי מילער, העשל ראַבינקאָוו, סאַלאָוואַדאָר באַרזשעס. ס'איז פֿריידיק צו זען, ווי די דאָזיקע שרײַבער זעצן ווײַטער פֿאָר אין אונדזער פּראָזע די ביראָבידזשאַנער טעמע. אין זאַמלבוך זײַנען אויך אָפּגעדרוקט דערציילונגען פֿון ראָמאַן שויכעט, פֿיאָדאָר אבראַסימאָוו, וויקטאָר יאַפּיק. מיר וועלן דאָ ניט באַהאַנדלען די קינסטלערישע מײַלעס אָדער כעסרוינעס פֿון די דאָזיקע ווערק. מיר וועלן בלויז זאָגן, אַז בא דער פֿאַרשיידענער שעפֿערישער מאַניר, פֿאַרשיידענער טיפֿקייט פֿון פֿאַרשטיין די לעבנס־דערשײַנונגען, פֿילט זיך אָבער אין די אַלע ווערק איין שטרעבונג — באַווײַזן דעם מענטשנס אופֿטוען אין דער אַרבעט און אין קאַמף.

עס ווילט זיך אָפּמערקן, אַז דער זאַמלבוך „אַף די ברעגן פֿון בירע און בידזשאַן" איז אַרויסגעגעבן מיט א פֿײַנעם געשמאַק. לאַקאָניש, געלונגען איז די אויספֿורעמונג פֿונעם קינסטלער וול. מעדוועדיעוו. שוין די סופּער־הילע פֿירט אַרײַן דעם לייענער אין דער וועלט פֿון דער פּאַטעטישער נאַטור פֿונעם בײַ־אַמורער קאַנט.

עס דוכט זיך, אַז דער זאַמלבוך וואָלט געקאָנט ווערן דער אָנהייב פֿון א יערלעכן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן און ליטעראַריש־קינסטלערישן אַלמאַנאַך.

וו. דניעפּראָווסקי

א בוך וועגן ביכער

די ביבליאָטעק פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּססר און די לענינגראַדער מעלוכישע עפֿנטלעכע ביבליאָטעק אַפּן נאָמען פֿון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַלגעמיינעם קאַטאַלאָג פֿון האַנטביכער, וועלכע זײַנען געדרוקט געוואָרן אין מעשעך פֿון 1945 — 1968 און געפֿינען זיך אין די אויבנדערמאָנטע ביבליאָטעקן. אין צוזאַמענשטעלן די מאַטעריאַלן האָבן אָנטיילגענומען צוואַנציק ספּעציאַליסטן פֿון די מיזרעך־שפּראַכן.

אין בוך ווערן געבראַכט טיטלען פֿון פֿאַרשיידענע האַנטביכער — ענציקלאָפּעדיעס, ווערטערביכער, ביבליאָגראַפֿיעס, קאַטאַלאָגן אדג., — ווי אויך פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין נאָכמילכאָמעדיקן פּעריאָד אַף די שפּראַכן פֿון אַזיע און אַפֿריקע און אויך אַף אַנדערע שפּראַכן (אויסער די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד), נאָר ביטנײַ, אַז זיי האָבן א שײַכעס צו די לענדער פֿון די ביידע קאָנטינענטן. אין סאַכאַקל זײַנען דאָ פֿאַרצייכנט 3515 טיטלען פֿון ווערק אַף 170 שפּראַכן און דיאַלעקטן. די טיטלען, וועלכע זײַנען געדרוקט אַף די מיזרעך־אַלפֿעבייסן און היִעראָגליף־שריפֿט (לעמאָשל, אַף אַראַביש, העברעיִש, טיבעטיש, יאַפּאַניש, כינעזיש, קאָריייִש, הינדי, בענגאַל און אַנדערע), ווערן אין בוך אָנגעוויזן צוויי מאָל: אין דער רוסישער טראַנסקריפּציע און אין אויסלייג פֿון די מיזרעך־אַלפֿעבייסן.

קעדיי צו פֿאַרשטעלן זיך דאָס בוך אין אַלגעמיין, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט א קורצער באַשרײַבונג פֿון די העברעיִשע טיטלען, ווי אויך פֿון די אַנדערע טיטלען וועלכע האָבן א שײַכעס צו ייִסראָעל (צוזאַמענגעשטעלט האָט די מאַטעריאַלן דער מעכאַבער פֿון אָט די שורעס).

די ליטעראַטור וועגן ייִסראָעל נעמט אַרום די נומערן 439—608 (זז. 61—82). די מאַטעריאַלן זײַנען דאָ פֿאַנאַנדערגעטיילט אַף פֿיר אָפּטיילן. דער ערשטער טייל איז דער סאַמע רײַכסטער און איז געווידמעט ענציקלאָפּעדיעס און ווערטערביכער (זז. 61—75, נומערן 439 — 551). ער נעמט אַרום פֿאָלגנדע געביטן: אַלגעמיינע טעמעס, עקאָנאָמיק, בילדונג און ספּאָרט־וועזן, שפּראַכקענטעניש, ליטעראַטור־קענטעניש און פֿאָלקלאָר, קונסט, געשיכטע פֿון גלויבן, געאָגראַפֿיע, ביאָלאָגיע, מעדיצין, לאַנדווירטשאַפֿט, טעכניק.

אין צווייטן טייל זײַנען אײַנגעשלאָסן האַנטביכער אין ענגן זין פֿון וואָרט (זז. 75—79, נומערן 552—582). מיר טרעפֿן דאָ די געביטן: היסטאָריע, קולטור, וויסנשאַפֿט, בילדונג, נאַטורוויסנשאַפֿט און טעכניק. דער דריטער טייל איז געווידמעט ביבליאָגראַפֿיעס (זז. 79—81, נומערן 583—602). דער פֿערטער טייל — קאַטאַלאָגן פֿון ביבליאָטעקן און קאָלעקציעס (זז. 81—82, נומערן 603—608). די אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען טיטולירט אין העברעיִש, געפֿינען זיך ניט בלויז אין קאַפּיטל „ייִסראָעל", נאָר אויך אין די קאַפּיטלען „דער אַלטערטימלעכער מיזרעך" און „די אַראַבישע לענדער".

אין דער ספּעציעלער בײַלאַגע, וואָס נעמט אַרום די טיטלען פֿון ווערק, וואָס זײַנען געשריבן אין מיזרעכדיקע שריפֿטן, זײַנען די העברעיִשע מאַטעריאַלן פֿאַרגעשטעלט (פֿאַרשטייט זיך, געדרוקט מיט

Справочная литература по странам Азии и Африки. Сводный каталог иностранных фондов Библиотеки Академии наук СССР и Государственной библиотеки им. М. Е. Салтыкова-Щедрина. Ленинград, Издательский отдел Библиотеки АН СССР.

העברעיִשע אויסיִעס) אף די זײַטן 466, 471—476, 533, 534.

מע קען מיט פולע אחרײַעס זאָגן, אז די וויסנשאַפט האָט באַקומען אן ערשטקלאַסיק בוך, און אָנווײַזער צו דער ליטעראַטור וועגן די פעלקער און וועגן די לענדער, וואָס פאַרנעמען קימאַט א העלפט פונעם ערדקײַלעך, אָנהייבנדיק פון די מיזרעכדיקע ברעגן פון יאַפּאַניע און ביז די מײַרעוו־ברעגן פון אַפריקע. דער בוך וועט צוניץ קומען געלערנטע און פאָרשער פון פאַרשיידענע געביטן.

א שאָד בלויז, וואָס אזא בוך, וועלכער איז אָקאָרשט דערשינען, איז גלײַך געוואָרן א יעקאָר־האַמציִעס. די סיבע דערפון איז דער קליינער טיראַזש (1000 עקזעמפּליאַרן). לאָמיר האָפן, אז די צווייטע אויסגאַבע וועט דעם מאַנגל אין טיראַזש פאַריכטן.

ל. ווילסקער

קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

מיסטיפיקאַציעס פונעם מיסטער שוואַרץ

דער אַפּאָלאָגעט פונעם ציִוניזם ש. שוואַרץ האָט אַרויסגעלאָזט אין רוסיש א בוך[1], אין וועלכן ער קריכט פון דער הויט צו דערווײַזן, אז די ייִדן פון גאָר דער וועלט זײַנען „ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן ציִוניזם" און אז „די אָפיציִעלע סאָוועטישע קרײַזן באַציִען זיך מיט אַנטיפּאַטיע צו ייִדן". קאָמענטירנדיק די „דערקלערונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג וועגן דער לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך" פאַרן 23 מײַ 1967, באַהויפּט דער אויטאָר, אז די סאָוועטן־רעגירונג האָט, קלוימערשט, „זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט דער עגיפּטישער פּאָליטיק צו פאַרטרײַבן פון דער עגיפּטישער טעריטאָריע דאָס מיליטער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציִעס".

כוץ דעם, סטאַרעט זיך מיסטער שוואַרץ אײַנצושמועסן דער וועלט, אז ייִסראָעל איז, נעבעך, „גאָט די נעשאָמע שולדיק" אין דער פאַרשלעפּעניש מיטן אײַנרעגולירן דעם קריזיס אפן נאָענטן מיזרעך. ער שרײַבט:

„די אינטערעסן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאָדערן, אז אפן נאָענטן מיזרעך זאָל עקזיסטירן אזא לאַגע: העכסטע אָנשטרענגונג אין די באַציִונגען צווישן די אַראַבישע לענדער און ייִסראָעל, נאָר — די האַרמאַטן זאָלן שווײַגן, קיין אָפענע מילכאָמע זאָל ניט זײַן... קורץ, דעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז נייטיק, אז די לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך זאָל קאָנען אויסגעדריקט ווערן מיט דער פאָרמול: ניט קיין מילכאָמע און ניט קיין שאָלעם".

[1] שלוימע שוואַרץ. דער סאָוועטנפאַרבאַנד און די מילכאָמע צווישן די אַראַבער און ייִסראָעל. ניו־יאָרק, פאַרלאַג פונעם אַמעריקאַנער ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

עס איז אָבער ברייט באַוווּסט, אז אין דער אָנגעשטרענגטער לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך זײַנען שולדיק בלויז די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל און ניט עמעצער אַנדערש. זיי, די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, קוקן אף די אָפּטע באַרבאַרישע בלוטפאַרגיסונגען, ווי אף א לויבנבאַרן ביזנעס.

מיסטער שוואַרץ זאָגט מיט אן אייכאַ־טאָן: „דער קריזיס אפן נאָענטן מיזרעך איז א רעזולטאַט פון דעם, וואָס ייִסראָעל פירט א גערעכטן קאַמף פאַר זײַן קיִעם, נאָר שלעכטע מענטשן ווילן ניט דערלאָזן, אז ייִסראָעל זאָל האָבן א רויִקן און זיכערן קיִעם, און פון דעם שטאַמען אַלע צאָרעס".

וועגן דער פאַלשקײַט און מיסטיפיקאַטאָרישן כאַראַקטער פון אזא באַהויפּטונג רעדט גאַנץ קלאָר די קורצע ציטאַטע פון בען־גוריאָנס א רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין 1956 און וועלכע ווערט געבראַכט אין מיסטער שוואַרצס בוך. אַרויסגעבנדיק די אַנעקסיאָניסטישע פּלענער פון דער נאַרוואָס געשאַפענער מעלוכע ייִסראָעל, האָט בען־גוריאָן געזאָגט:

„אײַנהיטן דעם סטאַטוס־קוואָ — דאָס וועט זיך ניט אײַנגעבן. מיר האָבן געשאַפן א דינאַמישע מעלוכע, וועלכע מוז זיך אויסברייטערן און גרעסער ווערן. הײַנט האָבן מיר בלויז דעם אָנהייב פון אומאָפּהענגיקײַט אין א טייל פון אונדזער קליין לאַנד".

אפן סמאַך פון דער דאָזיקער ציטאַטע פּרוּווט מיסטער שוואַרץ, טראָץ דער לאָגיק, דערווײַזן, אז „אין 1967 האָט אפן נאָענטן מיזרעך זיך געשאַפן אַן אויסערסט אָנגעשטרענגטע לאַגע ניט צוליב דער שולד פון ייִסראָעל; דעמלט איז געשטעלט געוואָרן אונטער א געפאַר דער עצעם קיִעם פון ייִסראָעל".

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אז די ייִסראָעל־אַגרעסאָרן האָבן מיט דער קראַפט פון געווער ניט דערגרייכט זייערע פּאָליטישע צילן. פאַרקערט, דער זיג פון ייִסראָעל אין דער מילכאָמע האָט געבראַכט די מעלוכע צו א פּאָליטישער מאַפּאָלע, ווײַל די לידערס פון ייִסראָעל האָבן מיט זייער אָבסטרוקציע קעגן די באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציִעס זיך דעמאַסקירט אלס אָפענע עקספּאַנסיאָניסטן, אלס זשאַנדאַרמען פונעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם אפן נאָענטן מיזרעך.

אָט וואָס עס זאָגן וועגן דער פּאָליטיק פון ייִסראָעל און וועגן דער לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער, זשורנאַליסטן און וויסנשאַפטלער, וועלכע אַנאַליזירן די אויסערן־פּאָליטישע אַקציִעס פון ייִסראָעל.

פּיער דעמעראָן, א פראַנצויזישער זשורנאַליסט, אויטאָר פונעם בוך „קעגן דער פּאָליטיק פון ייִסראָעל": „הײַנט איז ניטאָ קיין שום סאָפעק, אז אין יון 1967 איז ייִסראָעל ווידער אַרויסגעטראָטן אלס אַגרעסאָר... דער גענעראַל ראַבין, געזאַנדטער פון ייִסראָעל אין פּשאַ, האָט אָנערקענט אין פּאַריזש אין זײַן שמועס מיט עריק רולאָ: „... איך האַלט ניט, אז נאַסער האָט געוואָלט א מילכאָמע. די צוויי דיוויזיִעס, וועלכע ער האָט דעם 14 מײַ געשיקט קיין סינײַ, זײַנען געווען קנאַפּ פאַר אן אָנגריף קעגן ייִסראָעל. נאַסער האָט דאָס געוווּסט, און מיר האָבן דאָס געוווּסט".

דער גענעראַל און דיפּלאָמאַט ראַבין האָט אויך באַשטעטיקט, אז דאָס פאַרמאַכן דעם אַקאַבער אײַנ־

גוס איז פאקטיש געווען ניט מער ווי א טערעץ פאר ייִסראָעל אף אָנצוהייבן די מילכאָמע.

דזשיימס וואָרבורג איז דער געוועזענער ראטגעבער פונעם פרעזידענט רוזוועלט אין געביט פון צווישנפעלקערלעכע איניאָנים. אין זייַן ווערק „די ווידערשפּרעכיקע טענדענצן אפן נאָענטן מיזרעך" דערווייַזט ער, אז די פּאָליטיק פון פּשא אין דעם דאָזיקן ראיאָן איז דיקטירט געוואָרן בלויז דורך די אינטערעסן פון די אמעריקאנער קאָמפּאניעס, וועלכע האָבן אינוועסטירט זייערע קאפּיטאלן אפן נאָענטן מיזרעך. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אויסגעטיילט פאר ייִסראָעל די ראָליע פון א נויסע־קיילים פון די אמעריקאנער נאפט־מאגנאטן. „ייִסראָעל באגעגנט זיך מיט נאָך איין געפערלעכער פּראָבלעם, — שרייַבט וואָרבורג. — עס ווערט אלץ שטארקער זייַן צווישנפעלקערלעכע איזאָליאציע. מע זעט שוין מער ניט די פריִערדיקע ווארעמע, גוטפרייַנטלעכע באציִונג צו דער מעלוכע, וועלכע האָט איצט גענומען אף זיך די ראָליע פון א פארכאפּער און אָקופּאנט".

דזשאָן דייוויס איז א ספּעציִאליסט אין די פּראָבלעמען פונעם נאָענטן מיזרעך, דער געוועזענער אָנפירער פון דער אגענטור פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס אף צו העלפן די פּאלעסטינער פּליטים. אין זייַן ווערק „א שאָלעם, וואָס איז שווער צו דערגרייכן", ווייַזט ער אָן, אז ייִסראָעל טרעט ארויס אלס אינסטרומענט פונעם וועלט־ציִעניזם, וועלכער וויל, אז די 15 מיליאָן ייִדן פון דער וועלט זאָלן זיך באזעצן אין ייִסראָעל און פארנעמען די טעריטאָריעס, וואָס געהערן צו די אראבער.

איגאל אלאָן, דער שטעלפארטרעטער פונעם פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל, האָט געזאָגט אין א רעדע דעם 17 אפּרעל 1968: „אונדזער פליכט צו שאפן א גרויס־ייִסראָעל איז פּונקט אזא וויכטיקע, ווי די אופגאבע, וואָס איז געשטאנען פאר אונדז אין די צייַטן פונעם בריטישן מאנדאט — צו קאָלאָניזירן די טאָלן פון יאָרדאניע און בייסאָן. דער, וואָס צווייפלט דערין, צווייפלט אין דער גאנצער ציִעניסטישער קאָנצעפּציע".

וויליאם קארטער, דער הויפּט פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע אף דער יערושאָלאיִמער קאָנפערענץ פון ציִעניסטן מיליארדערן און מיליאָנערן אין יון 1969, האָט געשריבן: „ייִסראָעל איז גרייט אויסצושפּרייטן א טעפּיך פאר יעדן אינוועסטיטאָר, וואָס קלייַבט זיך אריַינלייגן געלט אין נייַע אונטערנעמונגען. דאָס איז שייַעך קוידעמקאָל צו יענע, וואָס קלייַבן זיך צו אינוועסטירן זייערע קאפּיטאלן אין די נייַע ראיאָנען (געמיינט — אין די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס)".

אזעלכע אווטאָריטעטע ארויסזאָגונגען וועגן דעם טאָך פון דער אגרעסיווער פּאָליטיק פון ייִסראָעל קאָן מען ברענגען אָן א שיר.

די רעגירנדיקע קרייַזן פון ייִסראָעל שטעלן זייערע אייגננוציקע צילן העכער פון די אינטערעסן פון דער געפּארלאָזיקייַט, אומאָפּהענגיקייַט און סאָציאלן פּראָגרעס פון דער מעדינע. אין פארלויף פונעם קאמף פאר ליקווידירן די רעזולטאטן פון דער ייִסראָעל־אגרעסיע איז נאָך קלאָרער געוואָרן דער עקספּאנסיאָניסטישער טאָך פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק. עס ווערן אלץ מער אראָפּגעריסן די מאסקעס פון די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס, וועלכע שטעלן שטעקנס אין די רעדער, קעדיי אראָפּרייַסן דעם קאמף פאר אייַנרעגולירן דעם קריזיס אפן נאָענטן מיזרעך.

דער סאָוועטנפארבאנד טרעט ארויס דערפאר, אז דער קאָנפליקט צווישן די אראבער און ייִסראָעל זאָל וואָס גיכער געלייזט ווערן און דערבייַ זאָלן פולשטענדיק געזיכערט ווערן די געזעצלעכע רעכט פון אלע מעלוכעס און פעלקער, וועלכע וווינען אפן נאָענטן מיזרעך, דערונטער אויך פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע. דער סאָוועטנפארבאנד שטרעבט דערצו, אז אין דעם דאָזיקן ראיאָן זאָל געשאפן ווערן אן אטמאָספער פון שאָלעם.

נ. ריכטער

■ ■ ■

א מײַסטער פון ביכער־גראַפיק

געוויינלעך קאָן מען זען דעם קינסטלער גערשן קראווצאָוו אין זײַן אטעליע, אף דער גרויס־כארי־טאָנעווער גאס, שטענדיק א פארטיפטן אין דער ארבעט איבער א צייכענונג אָדער גראוויור. דאָס מאָל האָבן מיר אים געטראָפן אין א מאָסקווער העל־באלויכטענעם אויסשטעלונגס־זאל — א גליקלעכן און יאָמטעוודיקן — אין דער ארומרינגלונג פון פיל קינסטלער, פארשטייער פון פארלאגן, מיט וועלכע ער איז יאָרנלאנג שעפעריש פארבונדן, מיטגלידער פונעם עקסליבריסטן־קלוב און גלאט ליבהאָבער פון דער גראפישער קונסט. דער אוילעם האָט זיך פארזאמלט אף א שעפערישער באגעגעניש מיט דעם באוווסטן סאָוועטישן ביכער־גראפיקער.

גערשן קראווצאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1906 אין טשערקאס, באַ אָרעמע עלטערן. אין די יאָרן פון בירגערקריג קומט ער צו פאָרן קיין מאָסקווע, ווו מע נעמט אים ארײַן אין א קינדערהיים פון קינסטלערישער דערציִונג. דאָרט אנטפלעקן זיך באזונדערס זײַנע פייִקייטן צו מאָלערײַ. שפעטער שיקט מען אים זיך לערנען אין אן ארבפאק, אין א הויכשול.

אין 1935 פארענדיקט גערשן קראווצאָוו דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון פלאסטישער קונסט אונטער דער אָנפירונג פונעם פראָפעסאָר וולאדימיר פאוואָרסקי, וועלכער האָט דעמלט פאָרויסגעזאָגט, אז „קראווצאָוו וועט זײַן א ווערטפולער קינסטלער".

גערשן קראווצאָווס איצטיקע אויסשטעלונג איז אָרגאניזירט דורך דער הויפט־פארוואלטונג פונעם קולטור־אָפטייל פונעם אויספירקאָם פון מאָסקווער סאָוועט, צוזאמען מיט דער מאָסקווער צענטראלער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף נעקראסאָווס נאָמען און דעם שטאָטישן עקסליבריסטן־קלוב. זי כאפט ארום פארשיידענע פעריאָדן פון דעם קינסטלערס שאפונג.

צווישן דער גרויסער צאָל ארבעטן, וועלכע זײַנען עקספּאָנירט אינעם גרויסן זאל פון דער נעקראסאָוו־ביבליאָטעק, ווערן באוויזן קראווצאָווס ארבעטן אין דער ביכער־גראפיק — אילוסטראציעס צו אויסגאבעס אף פארשיידענע שפראכן, רוסישער און ייִדישער שריפט, מאָנומענטאלע קסילאָגראפיעס, צייכענונגען, פארביקע פייזאזשן, אקווארעל־בילדער.

א היפש אָרט פארנעמען אין דער עקספּאָזיציע קראווצאָווס עקסליבריסן, אדרעסירטע צו פארשיידענע ביכער־זאמלער — שרײַבער, ארטיסטן, וויסנשאפטלער. די העכער 200 עקסליבריסן, וואָס דער מײַסטער האָט געשאפן פאר די לעצטע צען יאָר, צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסדריקלעכקײַט און

א גראוויור צו לייב קוויטקאָס בוך „פונעם אמאָל"

אינדיווידועלן כאראקטער. זיי שאפן דעם אײַנדרוק פון מיניאַטורע קסילאָגראפיעס פון הויכן קינסטלערישן ווערט.

אינטערעסאנט און לעבהאפטיק איז דורכגעגאנגען די אָפּהאנדלונג, געווידמעט דער אויסשטעלונג. דער דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאפטן וולאדימיר קאָראָליוק האָט כאראקטעריזירט קראווצאָוון אלס ערשטקלאסיקן מײַסטער פון ביכער־גראפיק און ווי איינעם פון די באדײַטנדיקסטע הײַנטצײַטיקע איליוסטראטאָרן. ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם אינטערנאציאָנאלן כאראקטער פון קראווצאָווס שאפונג, וואָס איז צו זען פון די פילצאָליקע קאָמפלעקטן איליוסטראציעס, הילעס און שארבלעטער צו ביכער פון שרײַבער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן און קאָנטינענטן.

און ווירקלעך: 500 ביכער האָט קינסטלעריש אויסגעפורעמט דער וועטעראן פון דער גראפישער קונסט, צווישן זיי ווערק פון דער רוסישער קלאסיק, פיל אויסגאבעס פון הײַנטצײַטיקע דיכטער און פראָזאִיקער, וועלכע זײַנען אין פארשיידענע יאָרן דערשינען אין די פארלאגן „גאָסליטיזדאט" און „סאָוועטסקי פיסאטעל", ביכער פון אויסלענדישע שרײַבער.

ס'איז, דוכט זיך, שווער אָנצורופן עמעצן פון די ייִדישע שרײַבער, וועמענס ווערק קראווצאָוו זאָל ניט האָבן איליוסטרירט אין ייִדיש אָדער אין איבערזעצונגען אף רוסיש (הילעס און שארבלעטער צו די יובילײ־אויסגאבעס פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אלייכעם, דאָוויד בערגעלסאָן; גראוויורן צו דער זאמלונג „ייִדישע פאָלקסלידער"; איליוסטראציעס צו ארן קושניראָווס בוך „פאָטער קאָמאנדיר", שמועל האלקינס „לידער און פאָעמעס" און „דער אופשטאנד אין געטאָ", צו די זאמלונגען „אזוי לעבן מיר", „האָריזאָנטן" און „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער", צו די לעצטנס דערשינענע ביכער פון מ. יעלין, י. שרײַבמאן און אנד.

אין די דעבאטן אפן שעפערישן אָוונט זײַנען אויך ארויסגעטראָטן אנאטאָלי זיקאָוו (אָנפירער מיט דער גראפישער סעקציע באַם פארבאנד פון די מאָסקווער גראפיקער), יעווגעני טערעכאָוו (הויפט־קינסטלער פונעם פארלאג „קניזשני מיר") און אנד. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מאָלערס ערודירטקײַט אין די סאמע פארשיידענע געביטן פון דער קונסט, וועגן זײַן עסטעטישן כוש, ווי אויך וועגן זײַן געזעלשאפטלעכער און דערציִערישער ארבעט צווישן דער יוגנט.

דער שרײַבער וויקטאָר ארדאָוו האָט, ריידנדיק וועגן דעם צוזאמענבונד פון דער ליטעראטור מיט דער גראפישער קונסט, צווישן אנדערס געזאָגט, אז גערשן קראווצאָוו איז פון דער קאטעגאָריע מײַסטערס אין דער גראפיק, וועמענס גראוויורן און אנדערע מינים איליוסטראציעס דערציִען דעם לייענער און אקטיוויזירן אים.

יויסעף שוסטער

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונזערע לייענער

די „ייִדן=פראגע" און ווער עס מאכט פון איר פאלשן קאפּיטאל

כאָשעווע כאַווײרים פון רעדאַקציע!

אין דער רובריק פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע ווערט געפירט אַרום די פראַגן, וואָס עס שטעלן די לייענער, געפין איך אָפט מאַטעריאַלן פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט. ס'איז זייער גוט, וואָס דער זשורנאַל נעמט אויף דרייסט פּראָבלעמען, געבנדיק זיי אַ גענויע באַלייכטונג.

איך וואָלט אייך געווען זייער דאַנקבאַר, ווען איר בעט עמעצן פון די פּובליציסטן, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם, וויאַזוי ניט בלויז היינט, נאָר שוין פון קאַמע יאָרן האָבן אַרום די טומלערייען מיקויעך דער „ייִדן־פראַגע" זיך צונויפגעקליבן די ייִדישע רעאַקציאָנערן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען.

יעשיִע גרינבערג,

נאָוואָסיבירסק.

אין יעדער שטוב, מיין איך, היטן זיך געוויסע רעליקוויעס, וועלכע דערמאָנען אין דער פאַרגאַנגענהייט. אויך בא מיר אין שטוב איז פאַראַן אַזאַ רעליקוויע: אַ דאָקומענט, וואָס איז שוין געל פון אַלטקייט, מיט שטעמפּלען פונעם פּאָליצמייסטער און פּריסטאַוו און איבער זיי אַ שטעמפּל מיט אַ צווייקעפּיקן אָדלער.

אין דעם דאָזיקן דאָקומענט שטייט, אַז זיין אייגנטימער (דה. מיין טאַטע) האָט דאָס רעכט אין מעשעך פון אַ באַשטימטער צייט (כאָלילע, ניט מער!) צו וווינען אין איינער פון די הויפּטשטעט פון דער צאַרישער אימפּעריע.

ביים דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע בין איך אַלט געווען סאַכאַקל פינף יאָר. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרזוכט דעם טאַם פון אַזאַ דערנידעריקונג און שאַנדע, וועלכע עס האָבן איבערגעלעבט מיינע עלטערן. מיינע קינדער, ווידער, ווייסן גאָר אַפילע ניט, אַז אַזוינס איז אַמאָל געווען. פאַראַן אָבער אָף דער וועלט ברוּים, וואָס קריכן פון דער הויט, קעדיי ווידער אויפלעבן די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט.

פּאַטערן צייט און רייד, קעדיי דערווייזן די דאָזיקע לייט, ווי פאַלש און שעדלעך עס זיינען זייערע דראָשעס, איז, כלעבן, אַן אומזיסטע טירכע. אָבער אַ שמועס טאָן מיט די מענטשן, וועלכע טרויען די דאָזיקע לייט און נעמען אָן זייערע דראָשעס פאַר אַ קאָשערער מאַטבייע, וואָלט איך יאָ כיישעק געהאַט, ווייל אין אַזעלכע פלוידערייען גלייבן דאָך יענע, וועלכע ווערן אַראָפּגעפירט פון וועג און מיינען בעמעס, אַז פּונקט ווי אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע, אַזוי אויך איצט, אינעם סאָוועטישן לאַנד, עקזיסטירט נאָך אַלץ די אַזויגערופענע „ייִדן־פראַגע". מיט זיי וויל איך אַ שמועס טאָן.

צי איז אינעם צאַרישן רוסלאַנד געווען אַזאַ פראַגע? בעלי שום סאָפּעק. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט וו. אי. לענין געשריבן:

„צווישן די אומרועץ און זאָרגן, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פונעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, פאַרן שטיקל טרוקענעם ברויט, טאָרן און דאַרפן די רוסישע אַרבעטער ניט פאַרגעסן וועגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס אונטער איר יאָך געפינען זיך צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען „אינאָראָדצעס", וועלכע וווינען אין רוסלאַנד... אָט די גאַנצע ריזיקע באַפעלקערונג איז אוועקגעשטעלט אין אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע זיינען נאָך אומענטשלעכער איידער די לעבנס־באַדינגונגען פונעם רוסישן מענטשן"[1].

[1] וו. אי. לענין. ווערק, 5־טע אויסגאַבע, ב. 25, ז. 85.

אין דעם אַלטן רוסלאַנד איז געווען ניט בלויז אַ „ייִדן־פּראַגע", עס זײַנען געווען אויך אַן „אוזבעקן־פּראַגע", אַן „אַרמענער־פּראַגע" און פֿיל אַנדערע „נאַציאָנאַלע פּראַגן". לייזן זיי האָט מען געקאָנט בלויז דורך אַראָפּוואַרפֿן די מאָנאַרכיסטישע סיסטעם, ליקווידירן דעם קאַפּיטאַליזם. און דאָס האָט געטאָן די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. דעם עמעס געזאָגט אָבער, האָט דער קאַמף פֿאַר דער פֿולער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון די ייִדן באַ אונדז אין לאַנד, וועלכן עס האָבן געפֿירט די רוסישע מאַרקסיסטן, לענין, די פֿאָרגעשריטענע רוסישע אַרבעטער, — דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, שוין אין די ערשטע יאָרן, ווען עס איז אויפֿגעקומען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. אָנגעהויבן האָט ער מיט דעמאַסקירן דעם סעפּאַראַטיזם פֿונעם „בונד", וועלכער האָט געטאָן אַלץ, קעדיי צעשפּאַלטן דעם איינהײַטלעכן פֿראָנט פֿון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אין 1913 האָט לענין געשריבן:

„פֿון דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז באַוווּסט, אַז אין 1903 זײַנען די בונדאָווצעס אַרויס פֿון דער פּאַרטיי, ווען די מערהײַט פֿון דער פּאַרטיי פֿונעם אַרבעטער־קלאַס האָט אָפּגעוואָרפֿן זייערע פֿאָדערונגען, מע זאָל זיי אָנערקענען אַלס די „איינציקע" פֿאָרשטייער פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער אַקט פֿון אַרויסגיין פֿון דער פּאַרטיי איז געווען אַ דערשײַנונג פֿון סעפּאַראַטיזם, וואָס איז טיף שעדלעך פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג"[1].

פֿירנדיק אַ קאַמף קעגן דער שפּאַלטונגס־טעטיקײַט פֿונעם „בונד", האָט לענין אין דער זעלבער צײַט אָנגעוויזן, אַז אין פֿיל פֿון זײַנע טעאָרעטישע אײַנשטעלונגען און אין דער פּראַקטיק גיסט זיך דער „בונד" צונויף מיטן ציִעניזם.

אין 1903 איז דער „בונד" אַרויסגעטראָטן קעגן איינער פֿון די פּראָקלאַמאַציעס פֿונעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, באַשולדיקנדיק דעם קאָמיטעט אין אַנטיסעמיטיזם.

אינעם אַרטיקל „צי דאַרף דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָבן אַ „זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי"?" איז וולאַדימיר איליטש קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער רעכילעס. ער האָט געשריבן: „ווען די בונדאָווצעס וואָלטן אָנשטאָט זייער נאַרישן און קאָמישן צאָרן קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט עטוואָס אַ טראַכט געטאָן איבער דער דאָזיקער פּראַגע..., וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען די אָפֿענע פֿאַרבינדונג צווישן דעם אַנטיסעמיטיזם און די אינטערעסן גראַד פֿון דער בורזשואַזיע, ניט פֿון די אַרבעטער־שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג... דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט

[1] דאָרט, ב. 23, ז. 123.

האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטים (און מיט רעכט) קעגן די באַבעמײַסעס פֿון די ציִעניסטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק, דער „בונד", ווידער, האָט מיט זײַן בייזן קאָרעקטיוו בלויז פֿאַרפּלאָנטערט די פּראַגע און פֿאַרשפּרייט צווישן די ייִדישע אַרבעטער די אידייען, וועלכע פֿירן צו דעם, אַז עס ווערט פֿאַרטונקלט זייער קלאַסן־באַוווּסטזײַן"[1].

זיבן יאָרצענדליקער זײַנען שוין פֿאַרלאָפֿן זינט יענער צײַט, און איצט, אין גאָר אַן אַנדער פּאָליטישער סיטואַציע, כאַזערן איבער די ציִעניסטן מיט שוים אַף די ליפּן די דאָקטרינע, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק, און גראַד אין דעם זעלבן לאַנד, וואָס האָט דאָס ערשטע אין דער וועלט געמאַכט אַ סאָף צום אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ מעלוכע־פּאָליטיק.

נאָך אין יענער צײַט, פּונקט מיט 70 יאָר צוריק, האָט לענין מיט געניִאַלער פּראָוויזונג באַמערקט, אַז:

„...דער ציִעניזם ציט אָפּ פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג געוויסע גאַנץ קולטורעלע שיכטן פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם פּראַט איז, ווי אונדז דוכט, דער ציִעניזם אַ נעענטערער, אַזוי צו זאָגן, קעגנער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איידער דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס פֿירט נאָך זיך, כאַזערן מיר איבער, בלויז די פֿולשטענדיק פֿינצטערע אין קולטורעלן און פּאָליטישן הינזיכט עלעמענטן פֿון דער רוסישער באַפֿעלקערונג. אַנדערש גערעדט: די ציִעניסטישע באַוועגונג איז דירעקט אַ סאַך אַ גרעסערע סאַקאָנע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, איידער דער אַנטיסעמיטיזם. און אַזיוווי פֿאַר אונדז, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זײַנען ניטאָ קיין „אויסדערוויילטע" און „ניט אויסדערוויילטע" פֿעלקער, קאָנען מיר בעשום־אויפֿן ניט אָפּזאָגן זיך פֿון דער אויפֿגאַבע פֿון קאַמף קעגן די „פֿאָרורטיילן פֿון דער ייִדישער מאַסע"[2].

הײַנט־צו־טאָג פֿאַראייניקן זיך די סאָציאַל־שאָוויניסטן — די יאָרשים און די נאָכפֿאָלגערס פֿון די בונדאָווצעס — מיט די ציִעניסטן און סטאַרען זיך טאַקע אויסנוצן די פֿאָרורטיילן פֿון די עלעמענטן, וועלכע זײַנען אָנגעשטעקט מיט נאַציאָנאַליזם. אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט וווינען, באַמיִען זיי זיך צו פֿאַרשטאַרקן באַ די דאָזיקע עלעמענטן די טרײַהײַט צו די אידייען פֿונעם ציִעניזם און די סינע צו אַנדערע פֿעלקער. אַגעוו, איז שוין ניט איין מאָל דערוויזן געוואָרן, אַז דער ציִעניזם איז אומיטלבאַר פֿאַרינטערעסירט צו פֿאַנאַנדערבלאָזן די סינע און די רײַסערײַען צווישן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, צעבלאָזן דעם אַנטיסעמיטיזם, קעדיי וועקן אין די ייִדן דעם פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן קיין ייִסראָעל.

צווישן די ייִדישע רעאַקציאָנערן פֿון פֿאַרשיידענע שיטעס הערשט אַ איינמוטיקײַט אין דער פּראַגע, אַז מע מוז טאָן אַלץ, קעדיי אײַ־

[1] דאָרט, ב. 7, ז. 121.

[2] „איסקראַ", נומ. 41, פֿון 1 יוני 1903.

בערצײַגן די גאנצע וועלט, אז די ייִדן אין פססר ווערן דיסקרימינירט, דער אנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז „אייביק", דער איינציקער אויסוועג פון דער לאגע פאר די סאָוועטישע ייִדן איז די אליִע קיין ייִסראָעל.

דער פאקט, אז די ציִעניסטן, וועלכע האָבן גרויס כיישעק אײַנצושפּאנען די ייִדישע מאסן אינעם כאָמעט פון רעליגיעזע, טראדיציאָנעלע און נאציִאָנאלע פאָרורטיילן, זײַנען צוליב דעם גרייט צו שליסן, און זיי שליסן טאקע א בונד מיט די אָפענע ייִדן־פײַנט, — איז שוין לאנג באוווּסט. וועגן דעם האָט נאָך אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט געשריבן לענין. אין דעם ארטיקל „די מאָביליזאציע פון די רעאקציאָנערע קרעפטן און אונדזערע אופגאבן" האָט וולאדימיר איליטש מיט צאָרן פארורטיילט די ייִדן־פּאָגראָמען, וועלכע די זעלבסטהערשונג האָט אָרגאניזירט, דערונטער די בלוטיקע אקציעס פון דער שווארצער מייע אין קעשענעוו, דערבײַ האָט ער אָנגעוויזן, אז מע טאָר ניט פארבײַגיין די רעכילעס, וועלכע מע טרײַבט אַף די סאָציאַליסטן, אז זיי זײַנען קלוימערשט שולדיק אין די מײַסים־טאַטוּים פון די רעאקציאָנערע „קרעמער, פריקאשטשיקעס און פינצטערע לאָבוסעס, וועלכע טראָגן די פאָן מיטן רוף: „שלאָג די זשידעס!"

„...מיט די דאָזיקע געשרייען האָט זיך סאָלידאריזירט די רעאקציאָנערע פּראָפּאגאנדע פון די ציִעניסטן, וועלכע פיגורירן אין דער ראָליע פון פאטענטירטע פאָרשטייער פון דער „ייִדישער נאציע". זיי האָבן זיך ניט געשעמט צו אויסנוצן די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג, וואָס א פּאָגראָם האָט אַף די פינצטערע מאסן, און פלאנצן אין זיי פּאָליטישע פּאסיווקײַט, דה. שליסן א בונד מיט דער זעלבסטהערשונג, מיט די קעשענעווער מערדער"...[1]

ווי מיר זעען, איז דער הײַנטיקער אליאנס צווישן דעם ציִעניזם און די סאמע רעאקציאָנערע קרעפטן פון דער וועלט, די הײַנטיקע פּרוּוון ארונטערצורײַסן דעם צוטרוי צו דער נאציִאָנאלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מעלוכע און פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי — ניט קיין נײַס. דאָס איז ניט מער, ווי א נאָך שמוציקערע און נידערטרעכטיקערע פאָרזעצונג פון דער אלטער, פּונקט אזוי שמוציקער און נידערטרעכטיקער פּראָוואָקאציאָנעלער פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט מיט נײַע מיטלען, וועלכע זײַנען פארמאסקירט אונטערן אויבערבעגעד פון „דעמאָקראטיע".

נאָר פּונקט ווי די ציִעניסטן האָבן א טאָעס געהאט דעמלט, ווען זיי האָבן געפּרוּווט אָפּרײַסן פון דער רעוואָליוציע דעם פאָרגעשריטענעם טייל פונעם ייִדישן פּראָלעטאריאט, אזוי האָבן זיי א טאָעס אויך איצט.

אין דעם נאָרוואָס געבראַכטן ארטיקל אין „איסקרא" האָט לענין געשריבן: „די רוסישע ארבעטער וועלן זײַט בא זײַט מיט די ייִדישע פארטיידיקן די קאָרבאָנעס פון דער אנטיסעמיטישער העצע. דאָרט, ווּ די רעגירונג האָט געזייט א ווינט, וועט זי שנײַדן א שטורעם".

די דאָזיקע פאָרויסזעונג איז מעקוּיעם געוואָרן. אין די טעג פון די פּאָגראָמען, ווען מע האָט געשלאָגן די ייִדישע מאסן, זײַנען זייערע ברידער לויטן קלאס אופגעשטאנען און פארטיידיקט זיי: „אויב די פּאָליציייִשע העצע צו פּאָגראָמען האָט געקאָנט מיצאד עמעצן אָפּגעשטעלט ווערן, איז דאָס געווען נאָר די רעאלע דראָונג פון די רוסישע ארבעטער צו שטעלן א ווידערשטאנד די פּאָגראָמשטשיקעס"[1], — האָט קאָנסטאטירט לענין.

און ווען נאָך דעם ביאליסטאָקער פּאָגראָם פון 1906 איז וולאדימיר איליטשן אויסגעקומען ארויסצוטרעטן אין דער צײַטונג „ווּפּעריאָד" (נומ. 9 פון 4 יול), ווּ ער האָט דעמאסקירט דעם צארישן „קאָנסטיטוציאָנאליזם", וואָס אונטער זײַן מאסקע איז פארגאָסן געוואָרן דאָס בלוט פון אומשולדיקע מענטשן, האָט ער ווייטער דערקלערט, אז די באָבעמײַסעס וועגן די קלוימערשטע „שוואָטים־רײַסערײַען" האָבן דעם איינציקן ציל — בארעכטיקן די רעאקציאָנערע מײַסים פון די פּאָגראָמשטשיקעס[2].

אלס בײַשפּיל, וואָס פארוואנדלט אין א זייפנבלאָז די באָבעמײַסעס וועגן „שוואָטים־רײַסערײַען", ברענגט לענין די ארויסטרעטונג אין דער מעלוכע־דומע פונעם דעפּוטאט ריזשקאָוו, וועלכער האָט, דערווײַזנדיק די מיטארבעט צווישן דער פּאָליציי, די פּאָגראָמשטשיקעס און די קאזאקן, געזאָגט:

„איך ווין אין א גרויסן אינדוסטריע־צענטער, ווייס איך, אז א פּאָגראָם, לעמאָשל אין לוגאנסק, האָט ניט אָנגענומען קיין שוידערלעכן מאסשטאב בלויז דערפאר, ווײַל אומבאוואָפנטע ארבעטער האָבן מיט די הוילע הענט, אונטער דער סאקאָנע צו דערשאָסן ווערן פון דער פּאָליציי, געטריבן אין האלדז־און־נאקן די פּאָגראָמשטשיקעס".

אין פרילינג 1914, ווען אין א קורצער צײַט ארום האָט אין רוסלאנד זיך אָנגעהויבן אויסבילדן א נײַע רעוואָליוציאָנערע סיטואציע, איז די דומע־פראקציע פון דער רוסלענדישער סאָציִאל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פּארטיי ארויסגעטראָטן מיט א געזעצפּראָיעקט וועגן נאציִאָנאלער גלײַכבארעכטיקונג. דער געזעצפּראָיעקט האָט געהייסן „פּראָיעקט פון א געזעץ וועגן אָפּשאפן אלע באגרענעצונגען פון די רעכט פון די ייִדן און ביכלאל די באגרענעצונגען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער אָפּשטאמונג אָדער מיט דער אָנגעהעריקײַט צו אוועלכער־ניט־איז נאציִאָנאליטעט"[3].

---

[1] דאָרט.

---

[1] דאָרט; [2] װ. אי. לענין. ווערק, 5־טע אויסגאַבע, ב. 13, ז. 202; [3] דאָרט, ב. 25, ז. 86.

קאָמענטירנדיק דעם דאָזיקן דאָקומענט אין דער צײַטונג „פּוט פּראוודי", האָט לענין געשריבן: „א באזונדערס שארפע האס־אגיטאציע פירן די שווארצמייעניקעס קעגן די ייִדן. אלס סאָיִר־לאאזאָזל פאר אלע זייערע זינד פּרוּוון די פורישקעוויטשעס מאכן דאָס ייִדישע פאָלק. דעריבער טיילט אויס די פראקציע פון דער רסדאפּ גאנץ ריכטיק דאָס הויפּט־אָרט אין איר געזעצפּראָיעקט דער רעכטלאָזיקײַט פון די ייִדן.

עס איז א קאָוועד־זאך פאר די רוסישע ארבעטער, אז דער געזעצפּראָיעקט פון דער פראקציע פון דער רסדאפּ קעגן דעם נאציאָנאלן יאָך זאָל אונטערגעהאלטן ווערן דורך צענדליקער טויזנטער פּראָלעטארישע אונטערשריפטן און דערקלערונגען..."[1]

דער דאָזיקער פּראָיעקט איז יאָ געוואָרן א געזעץ, אָבער ניט דעמלט, נאָר אין א קורצער צײַט ארום — אין אָקטיאבער 1917. אלע פעלקער פון רוסלאנד, דערונטער די ייִדן, האָבן באקומען גלײַכע רעכט און מעגלעכקײַטן.

נאָך דער רעוואָליוציע איז אָבער געווען א בירגערקריג, ווען די קאָנטררעוואָליוציע, די ווײַסגווארדייער, די פארשיידענע אטאמאנען האָבן מיט פײַער און שווערד זיך דורכגעטראָגן איבער די סאָוועטישע שטעט, געשלאָגן, געהאנגען, דערשאָסן יענע אלע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צו דער שוץ פון די סאָוועטן, — די רוסן און די ייִדן, די טאָטערן און די אוקראַינער. זיי האָבן ווידער געפּרוּווט אופלעבן די פארשאָלטענע יערושע פונעם צאריזם — דעם אנטיסעמיטיזם.

דעמלט איז איליטש ארויסגעטראָטן מיט דער רעדע „וועגן דער פּאָגראָם־העצע קעגן די ייִדן". די רעדע איז פארשריבן געוואָרן אף א פּלאט. ווענדנדיק זיך צו אלע פעלקער פון רוסלאנד, האָט ער געזאָגט: „א שאנד דעם פארשאָלטענעם צאריזם, וואָס האָט געפּײַניקט און גערוידעפט די ייִדן, א שאנד יענע אלע, וועלכע שפּרייטן סינע צו ייִדן, האס צו אנדערע נאציעס.

זאָל לעבן דער ברידערלעכער צוטרוי און דער שלאכט־בונד פון אלע נאציעס אין קאמף פאר אראָפּשלײַדערן דעם קאפּיטאל!"

טאקע דעמלט, דעם 27 יול 1918, איז ארויסגעגעבן געוואָרן דער דעקרעט פון ראטפאָלקאָם „וועגן אונטערהאקן אין וואָרצל די אנטיסעמיטישע באוועגונג". אין דעם דעקרעט ווערט געזאָגט: „עס ווערט פאראָרדנט, אז די פּאָגראָמשטשיקעס און יענע, וואָס פירן א פּאָגראָם־אגיטאציע, זאָלן געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ". אזויארום האָבן די קאָנטררעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן געפּרוּווט א שפּיל טאָן אף דער „ייִדן־פראגע", גלײַך באקומען איבער די הענט.

[1] דאָרט.

אין 1917, ווען עס איז געשאפן געוואָרן דער קאָמיסאריאט פאר די אָנגעלעגנהײַטן פון די נאציאָנאליטעטן, איז אין אים גלײַך אויסגעבילדעט געוואָרן א ייִדישער קאָמיסאריאַט, וועמען די רעגירונג און די פּארטיי האָבן באופטראָגט צו זאָרגן וועגן דורכפירן די נאציאָנאלע פּאָליטיק פון דער סאָוועטנמאכט צווישן די ייִדישע מאסן. דער אָנפירער פון דעם דאָזיקן קאָמיסאריאט ש. דימאנשטיין שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס: „...אין די שמועסן מיט מיר האָט לענין ניט איין מאָל באטאָנט... ווי וויכטיק עס איז פאר דער רעוואָליוציע וואָס גיכער צו ליקווידירן די רעזולטאטן פון דער אומגערעכטיקער האנדלונג בענעגייע די ייִדישע ארבעטסמאסן צוליב די זינד פון דער קאפּיטאליסטישער און רעליגיעזער וועלט"[1] (מײַן אונטערשטרײַכונג. — ז. ד.)

בא אונדז אין לאנד זײַנען די דאָזיקע זינד ליקווידירט, און — אף אייביק. „דאָס הויפּט־מיטל פון קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, ווי ביכלאל קעגן די רעאקציאָנערע קרעפטן, — האָט געזאָגט לענין, — איז פירן א רעוואָליוציאָנערע אופקלערונג צווישן דער פאָלקס־מאסע און אָרגאניזירן איר פאָרגעשריטענעם עלעמענט — דעם פּראָלעטאריאט" (פונעם שוין דערמאָנטן ארטיקל אין „איסקרא" נומ. 41 „די מאָביליזאציע פון די רעאקציאָנערע קרעפטן און אונדזערע אופגאבן").

דאָס דאָזיקע געבאָט איז צום ערשטן מאָל אין דער וועלט אויסגעפילט געוואָרן בא אונדז, אין סאָוועטנפארבאנד, ווו עס איז ליקווידירט געוואָרן די אזויגערופענע „ייִדן־פראגע". דער ציִעניזם באמיט זיך אָבער, ווי פריִער, דעזאָרגאניזירן די פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער באפעלקערונג, פירן א קאמף קעגן פּראָגרעס און רעוואָליוציע, פאנאנדערבלאָזן די ראסעווע און רעליגיִעזע פאָרורטיילן. אין דער דאָזיקער טעטיקײַט זײַנער נוצט ער זיך מיטן פּראָפּאגאנדיסטישן טעזיס, אז אין סאָוועטנפארבאנד איז ביז איצט פאראן א „ייִדן־פראגע". אין זײַן רעכילעס־קאמפּאניע קעגן אונדזער לאנד געפינט דער ציִעניזם פארבינדעטע צווישן די אנטיסאָוועטישע גרופּירונגען פון פארשיידענע שאטירונגען, דערונטער צווישן די קאָלערלייי רענעגאטן, צווישן די רעשטן פונעם „בונד", פונעם מענשעוויזם, טראָצקיזם אאוו.

זאכאר דיטשאראָוו

[1] „לענין וועגן דער ייִדן־פראגע אין רוסלאנד". פארלאג „פּראָלעטארי", 1924, ז. 16.

אפן VI לאנד־צוזאמענפאָר פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די ייִדן אין פאָלקס־פוילן

צוזאמען מיט דער געזעלשאפטלעכקייט פונעם לאנד

ניט לאנג צוריק האָט אין ווארשע אָפּגעהאלטן זײַנע זיצונגען דער VI לאנד־צוזאמענפאָר פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די ייִדן אין פוילן, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט העכער 120 דעלעגאטן פון 17 שטעט, ווּ עס געפינען זיך אָפּטיילונגען פון דעם פארבאנד.

צוזאמען מיט אלטע פארדינסטפולע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־טוער, וועלכע האָבן מיט פיל יאָרן צוריק געבילדעט דעם קערן פון דער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע, האָט מען צווישן די דעלעגאטן פונעם צוזאמענפאָר געקאָנט זען א גאנצע ריי נײַע אקטיוויסטן.

די אופמערקזאמקײַט פון די בײַוועזנדע האָבן צוגעצויגן די יוגנטלעכע פון שטשעטשין און קאָטאָוויץ, סטודענטן און לערער פון הויכשולן, וועלכע האָבן, ניט געקוקט אף זייער אָנגעלאָדנקײַט בא דער לער, ארויסגעוויזן אינטערעס צו דער ייִדישער קולטור־טעטיקײַט. צווישן די דעלעגאטן זײַנען אויך געווען פאָרשטייער פון דער ייִדישער שעפערישער אינטעליגענץ.

אפן צוזאמענפאָר זײַנען בײַגעווען פאָרשטייער פון דער פוילישער פארייניקטער ארבעטער־פארטיי און פון דער רעגירונג: טשעסלאוו קאָרטש, יעזשי זארעמבא, יעזשי רוזשעצקי, סטאניסלאוו וווטשיק. דעם אוקראַיִנישן קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד אין פוילן האָט פאָרגעשטעלט דער סעקרעטאר פון דער הויפּט־פארוואלטונג אלעקסאנדער גנאטיוק.

— זעקס יאָר טיילן אונדז אָפּ פונעם פריִערדיקן לאנד־צוזאמענפאָר, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון דער הויפּט־פארוואלטונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאַנד פון די ייִדן אין פוילן עדווארד רייבער. — האגאם די געשעענישן, וואָס זײַנען אין מעשעך פון די דאָזיקע יאָרן פאָרגעקומען אין אונדזער לאנד און אין דער וועלט, זײַנען געווען ביז גאָר קאָמפּליצירטע, קאָנען מיר מעלדן מיט שטאָלץ, אז בא דער אלזײַטיקער אונטערשטיצונג — מאָראַלישער און מאטעריעלער — פון די פארטייִשע און מעלוכע־אינסטאנצן האָבן מיר באוויזן צו סטאבילירן די טעטיקײַט פון אונדזער פארבאנד.

מיט א באריכט פון דער הויפּט־פארוואלטונג איז ארויסגעטראָטן דער סעקרעטאר רוטע גוטקאָווסקא. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א ריי פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען שוין געלייזט און דארפן נאָך געלייזט ווערן.

רוטע גוטקאָווסקא שטעלט זיך אָפּ אף די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דער ייִדישער סוויווע אין פוילן אין די יאָרן 1967 — 1970, האָבנדיק אין זינען די פּראָבלעם פון עמיגראציע, וואָס איז נאָך, אָנהייבנדיק פונעם נאָכ־

די דעלעגאטן אפן VI־טן לאנד־צוזאמענפאָר

ווארשעווער יידישער מעלוכע־טעאטער. א סצענע פונעם ספעקטאקל „דאָס גרויסע געווינס“

מילכאָמע־פּעריאָד, געווען צווישן די יידן אין פּוילן גאַנץ קאָמפּליצירט.

ניט געקוקט אף דער אומגעבונג, אין וועלכער עס איז אונדז אויסגעקומען צו ארבעטן אין די לעצטע יאָרן, זײַנען מיר, — זאָגט די רעדנערן, — טראָץ די שווארצזעער, געבליבן א לעבנספּייִקע אָרגאניזאציע, וועלכע שטיצט איר ארבעט אף מעסירעסנעפּעשדיקע טוער, און דאָס גיט א גרונט צו זײַן צופרידן.

אינטערעסאנט זײַנען געווען די ארויסטרעטונגען פון די דעלעגאטן. טראָץ די ליקווידאטאָרישע טענדענצן בא אייניקע עלעמענטן, טראָץ די רעכילעסטרײַבער פון יענער זײַט באריקאדע, שטאָלצירן די יידן אין פּוילן דערמיט, וואָס זיי זײַנען אן אָרגאנישער באשטאנדטייל פון דער פּוילישער געזעלשאפטלעכקײַט און זײַנען מיטן גאַנצן וועזן פארבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג אין לאנד. דער קולטור־געזעלשאפטלעכער פארבאנד פון די יידן אין פּוילן איז א באשטאנדטייל פונעם אלפּוילישן קאָמיטעט פונעם פראָנט פון פאָלקס־איינהײַט.

— דער פארבאנד קאָן ווײַטער אויסרעכענען אף הילף און אונטערשטיצונג, — האָט מיט די ווערטער פארענדיקט זײַן באגריסונג־רעדע צום צוזאמענפאָר דער דירעקטאָר פונעם געזעלשאפלעך־אדמיניסטראטיוון דעפּארטאמענט באם אינערן־מיניסטעריום פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק יעזשי זארעמבא. צווישן אנדערס האָט ער אונטערגעשטראָכן, אז דאָס אָפּגעבן אין רעשוס פונעם פארבאנד דאָס פּרעכטיקע „הויז פון ארבעט און יידישער קולטור“ אין ווארשע האָט געשאפן גלענצנדיקע באדינגונגען פאר דער טעטיקײַט פון דער צענטראלער אָנפירונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד, ווי אויך פונעם יידישן מעלוכע־טעאטער, פון דער רעדאקציע „פאָלקס־שטימע“ און פון אנדערע אינסטיטוציעס.

פון די פילצאָליקע ארויסטרעטונגען אין די דעבאטן ארום דעם באריכט־פאָרטראָג ברענגען מיר אן אויסצוג פון דער ארויסטרעטונג פונעם דירעקטאָר פונעם יידישן מעלוכע־טעאטער אף עסטער־ראָכל קאמינסקעס נאָמען שימען שורמיעי:

— ...די באנײַונג פונעם לעבן אין אונדזער פאָלקס־פּוילן האָט אויך געשאפן א בעסערן קלימאט פאר דער יידישער קולטור־ארבעט. די יידן אין פּוילן פילן דאָס בוילעט. זיי קומען אָפטער אין לאָקאל פון אונדזער פארבאנד, באזוכן די פאָרשטעלונגען פונעם יידישן מעלוכע־טעאטער, לייענען די „פאָלקס־שטימע“, קומען אין מוזיי פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אין אונדזערע קלובן. דאָס זײַנען אלץ פאקטן אף ניט אָפּצולייקענען. מע האָט פריער געזאָגט אין אויסלאנד, אז מיר האָבן מער ניט קיין יידיש טעאטער, אז קיין שום יידישע אינסטיטוציעס עקזיסטירן מער ניט אין פּוילן. ווען די ליגנס האָבן געפּלאצט אין שײַן פון די דאָזיקע פאקטן, האָבן די פארלוימדער אָנגענומען א טאקטיק פון פארשווײַגן אלץ, וואָס עס קומט פאָר אינעם יידישן יישעוו אין פּוילן.

דער VI לאנד־צוזאמענפאָר פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די יידן אין פּוילן האָט אָנגענומען צוויי רעזאָליוציעס: וועגן דעם אָנטייל פון דער יידישער באפעלקערונג אין די צוגרייטונגען צו די פײַערונגען פונעם 30־טן יאָרטאָג פון פאָלקס־פּוילן, וואָס וועט אָפּגעמערקט ווערן אין יול 1974, און וועגן די פײַערונגען פונעם 30־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ.

דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעוויילט א נײַע הויפּט־פארוואלטונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די יידן אין פּוילן, וועלכע האָט אף איר ערשטער פּלענארער זיצונג אויסגעוויילט א פּרעזידיום פון 7 מענטשן: מיכאל גלײַכגעוויכט, שימען האמבורגער, רוטע גוטקאָווסקא, שמועל טענענבלאט, שימען שורמיעי, רעפאָעל לעווקאָוויטש, עדוואַרד רייבער.

עדוואַרד רייבער איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון דער הויפּט־פארוואלטונג, שמועל טענענבלאט אלס וויצע־פאָרזיצער, רוטע גוטקאָווסקא אלס סעקרעטאר.

● ● ●

אונדזער
מיטיילונגען

צו דער געשיכטע פון ייִדישע נעמען

1. שוואַכע פאַרשטענדלעכע נעמען

אין גאָלדפאַדנס פּיעסע „צוויי קונילעמלעך" זײַנען אַרויסגעפירט צוויי קאָמישע פּערסאָנאַזשן מיט דעם דאָזיקן מאָדנעם, ניט פאַרשטענדלעכן נאָמען. אַזעלכע שוואַכע פאַרשטענדלעכע פּערזענלעכע נעמען טרעפן זיך ניט ווייניק: יאָקל, געצל, גימפּל, מענדל, אַנשל, שעפּטל, שמערל, שמעלקע. אײנעם בריוו־אויסטויש מיט די לייענער באַקומען מיר פאַרשלאָגן צו באַהאַנדלען און דערקלערן ווי ווײַט מעגלעך, וואָס די דאָזיקע נעמען זאָלן באַטײַטן און פונוואַנען שטאַמען זיי.

די שוואַכע פאַרשטענדלעכע נעמען זײַנען מערסטנטייל גענומען פון פרעמדע שפּראַכן. אייניקע פון זיי, וועלכע שטאַמען פון גריכיש, לאַטײַניש און סלאַוויש, האָבן מיר שוין באַהאַנדלט אײנעם אַרטיקל „ייִדישע נעמען, אַנטליִענע בײַ אַנדערע פעלקער"[1]. אַן אַנדער גרופּע שטעלן מיט זיך פאָר פאַרענדערטע אָדער פאַרקריפּלטע טאַנאַכישע נעמען. אַלע ענדיקן זיי זיך מיט „ל" און „קע", וואָס ווײַזט אָן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט פאַרקלענערונגס־פאָרמען פון ווערטער. וואָס זשע זאָלן אָט די נעמען באַטײַטן אין דער גרונט־פאָרם?

1. קונילעמל — באַשטייט פון צוויי נעמען: קוני איז אַ פאַרקלענערונגס־פאָרם פונעם נאָמען עלקאָנע, און לעמל — פונעם דײַטשישן וואָרט לאַם (Lamm). עלקאָנע (אלקנה) איז דער נאָמען פון שמואל הנביאס פאָטער[2] און באַטײַט: „גאָט האָט געקויפט, דערוואָרבן". לאַם — איז אַ דײַטשישע איבערזעצונג פונעם נאָמען גאַד (גד) — אײנעם פון יאַנקעוו אָווינוס זין, וואָס עס האָט אים געבוירן לייעס באַדינערן זילפּע. גדי אין העברעיִש הייסט אַ לאַם, אַ לעמעלע. דער נאָמען גד איז אַ וואַריִאַנט פון גדי, אין ייִדיש — גאָדל.

2. יאָקל — איז געבילדעט פונעם העברעיִשן נאָמען יויקים, וואָס באַטײַט „גאָט וועט אויפשטעלן". יויקים איז געווען דער נאָמען פונעם פאָרלעצטן ייִדישן מײלעך, וואָס האָט געיאַרשנט זײַן פאָטער יעהוישיִאָהו (יאשיהו).

אין גריכיש און לאַטײַניש איז דער נאָמען טראַנסקריבירט ווי יאָאַקים, אין דײַטש — יאָאַכים, אין רוסיש — געקירצט — אַקים, אין אוקראַיִניש — יאַקים.

אַ צווייטע פאָרם פונעם נאָמען יויקים מיטן זעלבן באַטײַט איז דער נאָמען עליאָקום (עליאָקום צונזער). בײַ די דײַטשישע ייִדן איז צום „הייליקן נאָמען" עליאָקום צוגעגעבן דער שטייגער־נאָמען געצל, און אַזוי איז אַנטשטאַנען דער נאָמען עליאָקים־געצל.

3. יעיקל און יעקל — שטאַמט ניט פון יויקים, נאָר פון יאַקאָוו. דאָס איז אַ פאַרקלענערונגס־פאָרם, באַגלײַך מיט יאַנקל.

4. געצל — די גרונט־פאָרם געץ איז אַ פאַרייִדישטע פאָרם פונעם דײַטשישן נאָמען גאָטפריד.

5. גימפּל — שטאַמט אויך פונעם דײַטשישן נאָמען גומפּהאָלד, גומפּרעכט.

6. מענדל — איז די פאַרקלענערונגס־פאָרם פונעם נאָמען „מאַן", וואָס איז אַן איבערזעצונג פונעם ביבלישן אָדאָם. לויט די קלאָלים פון ייִדישער וואָרט־בילדונג ווערן די פאַרקלענערונגס־פאָרמען פון ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך מיטן קלאַנג „נ", געבילדעט מיט אַן אַרײַנגעשטעלטן „ד": זון — זונדל, ביין — ביינדל, שטערן — שטערנדל, אויך שיינע — שיינדל, ברײַנע — ברײַנדל, קריינע — קריינדל אאַוו.

דער נאָמען אדאם איז בײַ ייִדן ניט אָנגענומען, נאָר די פּאָליאַקן באַנוצן אים זייער אָפט.

7. שעפּטל — איז פאַרצויגן פונעם העברעיִשן נאָמען שפטיה (שפאַטיע), וואָס באַטײַט „גאָטס מישפּעט". דער נאָמען שעפּטל טרעפט זיך איצט זעלטן (אין נאָטע לוריעס ראָמאַנען „דער סטעפּ רופט" און „הימל און ערד" הייסט דער העלד שעפּטל).

8. שמערל — איז געקירצט פון שמריהו (שמאַריאָהו), וואָס באַטײַט „גאָט באַהיט". אין פּסקר טרעפן זיך ייִדישע נעמען „שמער". די פאָרם איז געבילדעט דורך אָפּוואַרפן דעם פאַרקלענערונגס־סופיקס „ל". דער פאַמיליע־נאָמען שמערקאָוויטש

---

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד" 1971, נומ. 12.

[2] זע שמואל א׳ — פּרק א, פּסוק א׳. דער נאָמען עלקאָנע ווערט צומאָל געברויכט, ווי אַ פאַמיליע־נאָמען — עלקאַן, אַלקאַן. עס איז מערקווירדיק, וואָס דער ייִדיש־פראַנצויזישער נעמען־פאָרשער פּאָל לעווי זוכט די טײַטש פון דעם פאַמיליע־נאָמען אַלקאַן אין דעם אַראַבישן אַרטיקל „אַל" און העברעיִשן „כהן" — און קומט צום אויספיר, אַז „אַלקאַן" הייסט „דער קויהען". ווען די דאָזיקע השערה זאָל זײַן אַ ריכטיקע, וואָלט בײַ די פראַנצויזישע ספּאַרדישע ייִדן באַדאַרפט זײַן אויך אַזעלכע פאַמיליע־נעמען, ווי אַללעווי, אַלראַבי, אַלכאַזן, נאָר זיי זײַנען ניט בנימצא.

איז געבילדעט פונעם דאָזיקן נאָמען אין דער אוקראַיִנישער פאָרם — שמערקאָ.

9. שמעלקע — איז א פאַרקריפּלונג פונעם נאָמען שמואל אין דער פאַרצויגענער פאָרם שמועל־קע. דער נאָמען שמעלקע איז אין ייִדישן שטייגער געוואָרן א סינאָנים פון א פּאַרשוין, וואָס מע קען זיך מיט אים שטענדיק שאַפן: „זײַן א שמעלקע", „וואָס בין איך דיר, א שמעלקע?".

10. מאָניש — איז א וואַריאַנט פון „מאָן" אין ייִדיש־פּױלישן דיאַלעקט, וואָס באַנוצט זיך אָפט מיטן פּױלישן סופיקס „ש" (sz), ווי לייבוש, בעריש, אבוש.

11. אַנטשל — אַנשל איז א פאַרייִדישטע פאָרם פונעם דײַטשישן נאָמען אנסעלם.

12. קסיל — איז א פאַרייִדישטע פאָרם פונעם העברעיִשן נאָמען יעקוסיִעל (יקותיאל). די ענדונג „ל" איז דאָ ניט קיין סופיקס, נאָר א קירצונג פונעם וואָרט „אל" — גאָט. אפן זעלבן אופן זײַנען געבילדעט אויך די נעמען כיל פון יעכיִעל (יחיאל) — „גאָט זאָל לעבן", ראַכמיל (ירחמיאל) — „גאָט זאָל זיך אָף מיר מעראַכעם זײַן", שמועל (שמואל) — „זײַן נאָמען איז אל", אזריל (עזריאל) — „גאָט איז מײַן הילף".

2. פאַרשווונדענע נעמען, וועלכע זײַנען אופגעלעבט געוואָרן אלס פאַמיליע־נעמען

אינעם טאַנאַך זײַנען געבראַכט קאַרעוו 2300 פּערזענלעכע נעמען. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פאַרשווּנדן און פאַרבליבן בלויז אָף די זײַטן פון די טאַנאַכישע ספאָרים. מישט איבער די ספאָרים „עזרא" און „נעכעמיע", ווו ס'זײַנען אויסגערעכנט הונדערטער נעמען פון די מישפּאָכעס, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון באָוול קיין ירושאָלאַיִם, און איר וועט זעלטן ווען אָנטרעפן אָף א נאָמען, וואָס האָט זיך פאַרהיט ביז איצט.

און דאָ ווילן מיר אָפּמערקן א ציקאַווע היסטאָרישע דערשײַנונג: אייניקע פאַרשווונדענע נעמען זײַנען אין XIX יה. אופגעלעבט געוואָרן בא די רוסישע ייִדן אלס פאַמיליע־נעמען. מיר ברענגען דאָ אייניקע פון זיי.

1. אכיִעזער (אחיעזר) — איז דער נאָמען פונעם נאָסי פון שייוועט דאָן פון די צײַטן, ווען די ייִדן האָבן געוואַנדערט אין מידבער סינײַ. ווי א זעלטנהײַט, איז איצט אזא דער פאַמיליע־נאָמען פון צוויי באַקאַנטע סאָוועטישע וויסנשאַפטלער: אלעקסאַנדער איליטש אכיִעזער — א פּראָפעסאָר פון קערן־פיזיק, מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר, און פון זײַן ברודער נאָום איליטש אכיִעזער — א מאַטעמאַטיקער, מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק, פּראָפעסאָר פונעם כאַרקאָווער אוניווערסיטעט.

דער באַטײַט פון אכיִעזער איז „עזרס (עזראס) ברודער".

2. אשבעל (אשבל) — איז דער נאָמען פון איינעם פון ביניאָמינס זין (זע בראשית, פרק מו, פסוק יב'). אין דער רוסישער טראַנסקריפּציע — „אזבעל" (וואַריאַנט — „אזביל") טרעפט ער זיך אין פאַרשיידענע שטעט פון אונדזער לאַנד. לעמאָשל, מאַרק יאַקאָוולעוויטש אזבעל, פּראָפעסאָר פונעם פיזישן פאַקולטעט פון דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט.

דער באַטײַט פונעם נאָמען אשבל איז אש־בל, דאָס פײַער פון בעל (בעל און באַאל זײַנען די נעמען פונעם אָפּגאָט פון די פיניקיער און קענאַאַנים. דער קולט פון באַאל איז געווען פּאָפּולער אויך אין ייִסראָעל[1], די נעוויִים האָבן געפירט מיט אים א האַרטנעקיקן קאַמף).

3. וואָפסי (ופסי) — אין כומעש ווערט דער נאָמען געבראַכט ווי דעם פאָטערנאָמען פון איינעם פון די צוועלף מעראַגלים, וועלכע מוישע האָט געשיקט אויסצושפּירן דאָס לאַנד קענאַאַן: נחבי בן ופסי פון שייוועט נאַפטאָלי. ווי א פּערזענלעכער נאָמען איז וואָפסי שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, אָבער ווי א פאַמיליע־נאָמען איז ער איצט באַוווּסט. לעמאָשל, דער פאַמיליע־נאָמען פון דעם פאָלקס־אַרטיסט פון פססר שלוימע מיכאָעלס און פון זײַן ברודער מייער סעמיאָנאָוויטש וואָווסי, דעם גענעראַל־מאַיאָר פון מעדיצינישער דינסט, הויפּט־טעראַפּעווט פון דער סאָוועטישער ארמיי בעשאַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

דער פאַמיליע־נאָמען וואָפסי טרעפט זיך אויך אין וואַריאַנטן: וואָווסי, וואָוושע און וואָוושין. זײַן באַדײַט איז ניט קלאָר. מעגלעך, אז ער איז געבילדעט פונעם וואָרט אפס (עפעס) — „גאָרניט, סע פעלט אויס". ווײַל אין דער העברעיִשער גראַמאַטיק ווערן די אויסיעס א, ה, ו, י אָפט פאַרביטן איינע דורך דער אנדערער.

4. לאַפּידוס (לפידות) — ווער געדענקט איצט, אז דאָס איז דער פּערזענלעכער נאָמען פון דווירעס האַנוויִעס מאַן[2], וועלכער איז מיט גאָרנישט ניט באַוווּסט, אויסער מיט דעם, וואָס ער איז געווען דער מאַן פון א באַרימטער אין דער ייִדישער געשיכטע פרוי, איינע פון די שאָפטים פונעם ייִדישן פאָלק.

דער באַטײַט פון לאַפּידוס איז „פאַקעלן". מיטן נאָמען „איישעט לאַפּידאָט" (אשת לפידות) ווערט איצט אין ייִסראָעל אָנגערופן א פרוי — א ברען, א פרוי א קאָזאַק (איבערגעפּראַזירט פון לפיד אש — א פײַער־פאַקעל)[3].

5. עפראָן (עפרון) — דער נאָמען פונעם אייגנטימער פון דער מעאָראַס האַמאַכפּיילאַ (מערת המכפלה), וועלכער האָט זי פאַרקויפט אווראָמען, קעדיי ער זאָל באַהאַלטן אין איר זײַן פאַרשטאָרבענע פרוי סאָרע.

ווי א פאַמיליע־נאָמען איז עפראָן באַוווּסט, ווי, לעמאָשל, דער פאַמיליע־נאָמען פונעם פעטערבורגער אַרויסגעבער, וועלכער האָט אינײנעם מיט בראָקהאַוזן אַרויסגעלאָזט סאָף פאָריקן יאָרהונדערט די 86־בענדיקע רוסישע ענציקלאָפּעדיע. עפראָן איז אויך דער פאַמיליע־נאָמען פון דער רוסישער דיכטערן אדעלינא יעפימאָוונא אדאַליס (איר ליטעראַרישער פּסעוודאָנים).

---

[1] זע: שופטים, פרק ב, פסוק יב': „ויעזבו את ה' ויעבדו לבעל ולעשתרות" — „און זיי האָבן פאַרלאָזט גאָט און געדינט צו באַאל און צו אשטוירעס", אויך מלכים א' פרק טז, פסוק לב.

[2] שופטים, פרק ג, פסוק ד'.

[3] זע פ. ל. שפירא. מלון עברי־רוסי, מוסקבה, 1963, דף 97.

דער באַטײַט פון עפראָן — א פארקלענערונגס־פאָרם פונעם וואָרט אָפער (עפר) — א יונגער הירש.

דעם פאמיליע־נאָמען עפראָן איז ניט צו פארבײַטן מיטן פאמיליע־נאָמען עפראָס (אפרת) און עפרוסי (אפרתי), וועלכער שטאמט פון אן אנדער שוירעש — פון א נאָמען פון א שטאָט אין יעהודע.

6. עלצאָפען (אלצפן) — דער נאָמען פון א לייווי, וואָס ווערט דערמאָנט אין טאנאך צוויי מאָל. איין מאָל — אין „שמות" ווי „אלצפן" און א צווייט מאָל אין „דברי הימים" ווי „אליצפן".

הײַנט איז טעטיק אין מאָסקווע א קינסטלער־גראפיקער מיכאיל איסאקאָוויטש עלצאָפען. דעם דאָזיקן פאמיליע־נאָמען איז צו טרעפן אויך אין אנדערע שטעט.

דער באַטײַט פון עלצאָפען איז — „דער פארבאָרגענער גאָט". ווײַטער ברענגען מיר נאָך אייניקע זעלטענע יידישע פאמיליע־נעמען, וועלכע מע קאָן טרעפן בא אונדז אין לאנד.

7. אוויראם (אבירם) — דער נאָמען פון איינעם פון די בניי רעווּוען, וועלכע האָבן בעראָש מיט קוירעכן זיך קעגנגעשטעלט דער אליינהערשאפט פון מוישען און זײַנען לויטן כומעש אײַנגעזונקען געוואָרן אין דער ערד.

8. אמראם (עמרם) — דער נאָמען פון מוישע ראַביינוס פאָטער, באַטײַט „דאָס גרויסע פאָלק".

9. אווידאָן (אבידן) — דער נאָמען פונעם נאָסי פון שייוועט ביניאָמין, באַטײַט: „דאָנס פאָטער".

10. אוויאָסאר (אביתר) — דער נאָמען פון א קויהען אין דער צײַט פון דאָוויד האמעלעך.

11. דועל (דעואל) — דעם פאָטערנאָמען פונעם נאָסי פון דעם שייוועט גד — אליסף בן דעואל. דער באַטײַט: דעו־אל — „דערקענט גאָט".

א. פריבלודע

בראָניק

די צאָל ייִדן אין דער וועלט

נײַע אָנגאבן

לויט די אָנגאבן פונעם „ייִדישן יאָרבוך", וואָס איז לעצטנס דערשינען אין אמעריקע, באטרעפט איצט די ייִדישע באפעלקערונג אין דער וועלט 14.236.240 מענטשן. 6.000.000 פון דער אלגעמיינער צאָל ייִדן לעבן אין אמעריקע, 2.644.000 — אין סאָוועטנפארבאנד. דאָס דריטע אָרט לויט דער צאָל ייִדן פארנעמט ייִסראָעל — סאכאקל 2.362.000 נעפאשעס.

אין פראנקרײַך לעבן הײַנט 550.000 ייִדן, אין ארגענטינע א האלבער מיליאָן. אין ענגלאנד באטרעפט די צאָל ייִדן 410.000, אין קאנאדע 300.000 נעפאשעס.

קלענערע קאָנטינגענטן ייִדן ציילט מען איצט אָן אין אזעלכע לענדער, ווי בראזיל (150.000), רומעניע (100.000), טשילי (38 טויזנט), מאראָקאָ (35 טויזנט), ווענעצועלא (12 טויזנט), שפאניע (9 טויזנט), איראן (8 טויזנט), בולגאריע (7 טויזנט), גריכנלאנד (6.500).

ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אין אויסלאנד

אין עלף שפראכן

אין ניו־יאָרק איז ארויס פון דרוק אן אלבאָם, אין וועלכן ס'ווערט געבראכט אין עלף שפראכן הירש גליקס ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וועלכע איז אין די יאָרן פון קאמף קעגן די היטלעריסטן געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „הימן פון ייִדישן ווידערשטאנד".

הירש גליק, דער העלדישער געטאָ־קעמפער, איז טראגיש אומגעקומען אין אווגוסט 1944.

מאטעריאלן וועגן די פראָצעסן איבער היטלעריסטישע פארברעכער

אין פארלאג „אוניווערסיטי־פרעסע אמסטערדאם" איז דערשינען דער אכטער באנד פון דער סעריע „אורטיילן איבער נאצישע פארברעכער", רעדאגירט דורך די יוריסטן ריטער און פוקס.

אין באנד זײַנען אײַנגעשלאָסן מאטעריאלן פון 39 פראָצעסן, צווישן זיי דער אורטייל איבער אילזע קאָך — דער סאדיסטישער מערדערן אינעם בוכענוואלדער טויט־לאגער, וועלכע האָט פראָדוצירט אבאזשורן פון מענטשלעכער הויט.

„פופציק יאָר פערעץ־הירשביין־טעאטער"

אונטער אזא נאָמען איז אין די פאראייניקטע שטאטן דערשינען אן אלבאָם לעקאָוועד דעם 50־טן יאָרטאָג, זינט ס'איז אנטשטאנען דער טעאטער, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט פערעץ הירשביין.

אין אלבאָם גייען ארײַן מאטעריאלן צו דער געשיכטע פונעם טעאטער, פאָטאָגראפיעס, סצענעס פון פיעסן פון די ייִדישע שרײַבער און דראמאטורגן — פערעץ, שאָלעם־אליי̆כעם, מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם אש, ה. לייוויק, פערעץ הירשביין און אנדערע.

די געשיכטע פון ייִדן אין דײַטשלאנד

דער פארלאג „בערקעל" האָט ארויסגעגעבן אין אן ענגלישער איבערזעצונג דאָס בוך פון לודוויק ראָזענטאל „ווי איז עס מעגלעך געווען".

אין דער אויסגאבע שילדערט דער אווטאָר די געשיכטע פון ייִדן אין דײַטשלאנד, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע צײַטן ביז דער הערשאפט פון די דײַטשישע נאציסטן.

■

דאָס איז פּיקאַנט

די „סודעס" פון שעפערישקייט

מיר שליסן איין דאָס וואָרט „סודעס" אין גענדזנפיסלעך, ווײַל ווי אין דער פּראָזע, אַזוי אויך אין דער פּאָעזיע זײַנען ניטאָ און קאָנען ניט זײַן קיין אַלגעמיינע קלאָלים, וועלכע זאָלן קאָנען ווערן אָנגעווענדט פון דעם אָדער יענעם שעפער. דער שעפערישער „סאָד" פון יעדן קינסטלער איז ביז גאָר אינדיווידועל.

מיר ברענגען דאָ אייניקע אַרויסזאָגונגען פון א ריי אָנגעזעענע שרײַבער אַף דער דאָזיקער טעמע, וועלכע שטעלן בעלי־סאָפעק מיט זיך פאָר א אינ־טערעס.

די געבורט־ווייען באַם שאַפן

בלויז איינצלנע גרויסע קינסטלער האָט זיך לײַכט געשריבן. אַלס קלאַל אָבער איז דער פּראָצעס פון שאַפן בא יעדן קינסטלער זייער א שווערער. די געבורט־ווייען זײַנען א באַשטאַנדטייל פון זייער שאַפונג. אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם, צום בײַ־שפּיל, לעוו טאָלסטאָי: „אַרבעטן און פּײַניקן זיך בײַסן שרײַבן איז דאָס סאַמע בעסטע, וואָס איך טו אַף דער וועלט".

פלאָבערס פּײַנט, וועלכע האָבן געהאַט א מעגלעכקייט נאָענט באַאָבאַכטן דעם פּראָצעס פון זײַן שאַפונג, ווײַזן אָן, אַז פלאָבערס לײַדן זײַנען געווען פאַרבונדן מיט געפינען די נייטיקע פּאַסיקע ווער־טער. „פון דעם מינדסטן פעלער, — דערציילט זאָליאַ, — פלעגט פלאָבער אַרײַנפאַלן אין ייִעש. ער פלעגט זיך פּײַניקן, גלײַך ער וואָלט באַגאַנגען א פאַרברעכן".

ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, נאָר די געבורט־ווייען באַם שאַפן זײַנען בא שרײַבער, און ניט בלויז בא שרײַבער, פאַרבונדן אויך מיט פרייד.

דער שרײַבער איז אײנצײַטיק א דענקער, א קינסטלער און א קריטיקער

„בא שרײַבער, — האָט געזאָגט אַלעקסיי טאָלס־טאָי, — דאַרפן אינעם פּראָצעס פון שאַפן אייִנצײַ־טיק אָנטיילנעמען אי דער קינסטלער, אי דער דענ־קער, אי דער קריטיקער. אַזויאַרום, שטעלט מיט זיך פאָר דער שרײַבער א מין דרײַלינג. דער דענ־קער איז אַקטיוו, מוטיק, ער ווייסט, „צוליב וואָס" ער שרײַבט, ער זעט פאָר זיך דעם ציל און שטעלט פאָר זיך פּראָבלעמען. דער קינסטלער איז עמאָ־ציאָנעל, צאַרט, ער איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, „וויאַזוי צו שרײַבן"... דער קריטיקער דאַרף זײַן קליגער פונעם דענקער און טאַלאַנטפולער פו־נעם קינסטלער, נאָר ער איז ניט קיין שעפער, ער איז ניט אַקטיוו, ער איז אומראַכמאָנעסדיק".

לערנט זיך אויס ריכטיק דענקען

„איידער איר וועט אָנהייבן שרײַבן, דאַרפט איר זיך אויסלערנען ריכטיק דענקען", — האָט געראַטן זײַנע נאָכפאָלגער איינער פון די פּאָעטן פון אַל־טערטום.

באַם גענױאַלן פיזיאָלאָג איוואַן פּאַוולאָוו איז געווען א דעוויז: „אײַלן זיך דענקען — הייסט שלעכט דענ־קען".

טשעכאָווס פאָרנאָטירונגען

בלעטערנדיק טשעכאָווס נאָטיץ־ביכלעך, דרינגען מיר אַרײַן ניט בלויז אין זײַן שעפערישער לאַבאָ־ראַטאָריע, נאָר אין א געוויסער מאָס אויך אין זײַן אינערלעכער וועלט.

אָט זײַנען אייניקע פון זײַנע פאַרנאָטירונגען:

„דער פאַרלאַנג צו דינען דעם אַלגעמיינעם וווּיל־זײַן דאַרף ווערן א נויטבאַדערפעניש פאַר דער נע־שאָמע, א באַדינג פאַרן פּערזענלעכן גליק; אויב אָבער דאָס קומט ניט פונעם פאַרלאַנג, נאָר פון טעאָרעטישע צי אַנדערע באַהויפּטונגען, איז עס ניט דאָס".

„דער מענטש וועט בלויז דאַן ווערן בעסער, ווען מיר וועלן אים באַווײַזן, ווער ער איז".

„מע דאַרף דערצײַען אינעם מענטשן געוויסן און לויטערקייט פון געדאַנק".

טורגעניעווס אויפן פון שרײַבן

„איך באַשרײַב קיינמאָל ניט קיין רעאַלע, קאָנ־קרעטע מענטשן, — האָט וועגן זיך געזאָגט טורגע־ניעוו. — איך בין ניט קיין פאָטאָגראַף. ווען איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט מאָלן רעאַל לעבעדיקע מענטשן,

וואָלט איך צוליב דעם בלויז געדארפט באקענען זיך אין מעשעך פון א יאָר מיט א פופציק טאָן, קעדיי דערלערנען דעם טיפּאַזש.

נאָר אזוי טורגעניעוו איז געווען א גרויסער קינסטלער און ניט קיין פאָטאָגראַף, האָט ער זיך צוגעקוקט צו פארשיידענע מענטשן, זיך צוגעהערט צו זיי, אויפגעכאַפּט זייערע רייד, מאנירן, זשעסטן. דאָס דערזעענע און דערהערטע האָט זיך אָפּגעזעצט אין זײַן זיקאָרן, ווי א גרויסער ארכיוו. אָנהייבנ־דיק א ווערק, האָט טורגעניעוו קיינמאָל ניט געוווסט, מיט וואָס און וויאזוי וועט זיך עס פארענדיקן, ווײַל ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט פאר זיך קיין גרייטע פאבולע, גרייטע קאָנפליקטן, ווי מיר זעען עס אין סכעמאטישע ווערק. טורגעניעווס אויפמערק־זאַמקייט פלעגט פּאַשעט צוציִען אוועלכער־ניט־איז אינטערעסאַנטער, ניט געוויינלעכער מענטש.

„דער דאָזיקער מענטש האָט באהערשט אלע מײַנע געדאנקען, — האָט טורגעניעוו דערציילט איינעם פון זײַנע פרײַנט, — און ער פארפאָלגט מיך באטאָג און באנאכט. און אזוי וועט עס דויערן, ביז איך וועל זיך פון אים ניט באפרײַען".

סאָפקאָלסאָף האלט דער קינסטלער ניט אויס און הייבט אָן באשרײַבן די ביִאָגראַפיע פונעם העלד. דאָ נעמט שוין דעם אויבנאָן די שעפערישע פאנטאַ־זיע. דער קאָנקרעטער מענטש פארשווינדט, די שעפערישע פאנטאַזיע פונעם קינסטלער זאָגט אים אונטער, וועלכע זײַנען די עלטערן פונעם העלד, מיט וואָס האָבן זיי זיך באשעפטיקט, זייערע געוווינ־הייטן, זייער אַרט לעבן. עס קומען אויף נײַע גע־שטאַלטן. קעדיי זיי ניט איבערפלאָנטערן, פלעגט טורגעניעוו אויף יעדן איינעם פון זיי פארפירן א באזונדערן „איניען", ווי אויף א באשולדיקטן אין געריכט, פארשרײַבן אויף באזונדערע בלעטלעך פאפיר זייער ביִאָגראַפיע, זייערע געוווינהייטן, טאַטן.

וועגן „גראַמען" און „פּאָעזיע"

א בריוו פון שאָלעם־אליינכעמען צו ראַווניצקין

ליבסטער בר־קצין![1]

אײַער בריוו האָב איך ערהאַלטן. די צען טעג האָט איר אויסגעהאַלטן, ווי אַן ערלעכער ייִד האַלט אויס בהייב*. זײַט איר אוואדע א מאזיק, און איך האָב אײַך ליב!

וועגן אונדזער טאָרג קאָן זײַן, אז מיר וועלן דורכקומען. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז ס'איז נאָך ניט פארטיק דער באָרשטש? ווארט צו א קאַפּעלע. ער וועט נאָך א ביסעלע א זיד טאָן — וועט עס פארטיק ווערן — וועט מען אײַך דערלאַנגען — וועט איר עסן צעזעצטערהייט. אצינד דארף איך אײַך א ביסל אונטערזייפן פאר א פאָר ווערטער, וועלכע איר האָט ארײַנגערוקט אין אײַער לעצטן בריוו.

„איך ווייס דאָך, — זאָגט איר, — אז איר זײַט אין פּאָעזיע שוואך, און ווער שמועסט אין פראָזאישער פּאָעזיע"...

[1] באר קאצין (ראַווניצקי).
* דרײַ טעג פון פײַניקן זיך.

סע קומט אײַך פּעטש, ניט ווײַל איר זאָגט אף מיר אזעלכס. — ניין! דערפאר קומט אײַך ברעכן ביינער, וואָס איר טשעפּעט צונויף „גראַמען" מיט „פּאָעזיע" און מיינט, אז קוים גראַמט עמעצער גוט, איז ער שוין א פּאָעט. צום בײַשפּיל, איר „פּריזנאַיעט", אז א שרײַבער בין איך יאָ, הייסט עס, אז איך בין א כודאָזשניק און א פּאָעט. נאָר אזוי מײַנע סטיכעס זײַנען ניט געלונגען, בין איך שוין באַ אײַך אויס פּאָעט? טורגעניעוו אויך ניט? קארל עמיל פראנצאָז ניט? כאַלילע! זעט איר, צונזער איז יאָ א פּאָעט, ווײַל סע גראַמט זיך באַ אים. ניט אנדערש! דערום, אז מײַן „בינטל בלומען" איז סטיכאָטוואָרעניע ו פּראָזע און אזוי קיין סטיכעס קען איך גלאט ניט שרײַבן, לאָכיין דארף מײַן פּאָעזישע פּראָזע זײַן ערגער פון צונזערס פּראָ־זאִישער פּאָעזיע. קלאָר ווי דער טאָג! פרישמאַנס עטלעכע נאָוועלעלעך אינעם האָסיף (פּאַראַיאָרן) זײַנען פיל פּאָעזישער פון אלע גראַמען פונעם „וועקער" מיטן „הויז־פרײַנד" צוזאַמען. נאָר אזוי זיי זײַנען נאָוועלן, זײַנען דאָך אָן גראַמען, לאָכיין איז פרישמאַן ניט קיין פּאָעט און זאטולאָווסקי מיט זײַן „שטראַם־גראַם מאַך מיר א לעטניק" איז גע־וויס א פּאָעט. אזוי איז נאָך אײַער מעשוגענעם סייכל? איאָ? היט זשע זיך פארן שארף פונעם שפּיץ פון דער פּעדער.

ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם

קיורי און מאַיאַקאָווסקי

קעדיי ארויסבאקומען דעם ערשטן גראם ראַדי, האָבן די פראנצויזישע געלערנטע פּיער און מאַריע קיורי, ווי באוווסט, איבערגעארבעט אין זייער קליי־נער לאַבאָראַטאָריע אכט טאָן ראַדי־ערץ.

אין א פערטל יאָרהונדערט ארום האָט מאַיאַקאָוו־סקי פארקערפּערט דעם דאָזיקן ברייט באוווסטן פאַקט, וועלכער האָט אים איבעראַשט, אין פאָלגנדע פּאָעטישע שורעס:

Поэзия —
та же добыча радия.
В грамм добыча,
в год труды.
Изводишь,
единого слова ради,
тысячи тонн
словесной руды [1]

וועגן פּאָעטישער פּינקטלעכקייט

„אָן עכט קינסטלערישע איבערצײַגונג קאָן מען פארגלײַכן מיט א פאָרטרעט, וועלכן ס'האָט געמאַכט א קינסטלער, און אין קיין שום פאַל ניט מיט קיין פאָטאָגראַפיע. א פאָטאָגראַפיע קאָן צומאָל זײַן זייער א געלונגענע, א מײַסטערישע, אָבער דער פאָטאָגראַף האָט דאָך קיינמאָל ניט „איבערגעקאָכט"

[1] דיכטונג — איז דאָס זעלבע, ווי ארויסבאקומען ראַדי. א גראם באקומט זיך פון א יאָר ארבעט. פירסט איבער צוליב איין־איינציק וואָרט טויזנטער טאָן וואָרט־ערץ.

אין זיך דאָס געשטאלט, ווי דאָס קומט פאַר באַם קינסטלער. וואָס טיפער און אָנגעשטרענגטער דער קינסטלער דרינגט אַרײַן אינעם טאָך פון דעם, וואָס ער שפיגלט אָפּ, אַלץ פרײַער איז זײַן מײַסטערשאפט, אַלץ פּינקטלעכער איז דאָס אָפּגעשפיגלטע. די פּינקטלעכקײַט באַקומט זיך באַ אים ניט פון דעם, וואָס ער האָט מעכאַניש בלינד איבערגעזעצט דעם אָריגינאַל. פּאָעטישע פּינקטלעכקײַט גיט זיך בלויז אײַן דעם, ווען עס שעפערישע פאַנטאַזיע עס באַזירט זיך אָף דער טיפער און אַלזײַטיקער דערלערנונג פונעם קעגנשטאַנד, וואָס ער נעמט זיך אים באַמאָלן" (ס. מאַרשאַק).

גלײבט דער האַנט

אין לעוו טאָלסטאָיס מוזיי אין מאָסקווע ווערן אָפּגעהיט די מאַנוסקריפּטן פונעם גרויסן שרײַבער. מיט טיפער אַכטונג און פּלאַטער פון דער נעשאָמע בלעטערן מיר דעם קסאַוויאַד פון זײַן באַרימטן ראָמאַן „טכ׳אַס־האַמייסים" („וואָסקרעסעניע"): ערשטער וואַריאַנט, צווייטער, דריטער, פערטער... אייניקע טאָלסטאָיס ווערק ציילן אָן ביז 15 וואַריאַנטן. די אויספאָרשער פון טאָלסטאָיס שאַפונג האָבן אַנטדעקט באַ אים אַן אַרטיקל אין 90 וואַריאַנטן.

איסאַק באַבעל האָט איבערגעשריבן די ניט גרויסע דערציילונג זײַנע „ליובקע קאָזאַק" 22 מאָל. די אַלע 22 וואַריאַנטן פון „ליובקע קאָזאַק" האָבן זיך פאַרהיט אינעם שרײַבערס ליטעראַרישער יערושע.

דער באַווּסטער סאָוועטישער שרײַבער, דער אַקאַדעמיקער לעאָניד לעאָנאָוו אייצעט:

„א ווערק דאַרף מען איבערשרײַבן אַזויפיל מאָל, וויפל ס׳איז נייטיק, אָף צו דערפירן יעדן געדאַנק אין אים, ביז ער וועט ווערן לאָגיש קלאָר און פאַרפולקומט. באַמיט זיך וואָס מער איבערשרײַבן מיט דער אייגענער האַנט. דאָס אויג איז שטענדיק א פּאָרעץ, גליטשט זיך איבער דער שורע און שעפּטשעט אײַך אָן אויפהער אָפן אויער: „ניט שלעכט. ניט שלעכט". די האַנט אָבער איז א שוואַרצאַרבעטער: באַם איבערשרײַבן פילט זי זיך פּאָשעט אַרײַ־

בערשלעפּן פון איין אָרט אָפן אַנדערן איבעריקע זאַכן. זי וועט זיך באַמיִען אונטערוועגנס באַפרײַען זיך פון זיי. טרויט אָן דער האַנט".

אייניקע שוואַכקײַטן באַ שרײַבער

אין די בריוו און אין אַנדערע ליטעראַרישע דאָקומענטן ווערט דערציילט וועגן אייניקע קליינע שוואַכקײַטן באַ שרײַבער און דיכטער. דער פראַנצויזישער שרײַבער מאַרסעל פּרוסט פלעגט שאַפן אין א צימער, אין וועלכן די ווענט זײַנען געווען געמאַכט פון קאָרקעס, וואָס לאָזן ניט דורך קיין קלאַנגען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שרײַבט איליאַ ערענבורג:

„וועגן פּרוסטס שוואַכקײַט ריידן זייער אָפט די עסטעטן. זיי פאַרגעסן אָבער דערבײַ, אַז דער זעלבער פּרוסט, פאַר דעם, ווי ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זײַן קאַמער מיט די קאָרקענע ווענט, האָט ער געלעבט צווישן מענטשן און גלענצנד דערלערנט די געזעלשאַפט פון פראַנקרײַך".

דער גרויסער ענגלישער דיכטער דזשאָרדזש בײַראָן, איידער ער פלעגט זיך זעצן שרײַבן, פלעגט ער אָפּריִער זיך גוט דערקונדיקן, צי איז ניטאָ אין דער נאָענט קיין... זאַלצמעסטל. די אָנוועזנהײַט פון זאַלץ פלעגט אים דערפירן ביז מעשוגאַס. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען פון געבוירן א הינקעדיקער, האָט ער זײַנערצײַט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע שווימער. דעם 3 מײַ 1810 יאָר איז ער אַריבערגעשווומען פון אייראָפּע קיין אַזיע דורך דעם דאַרדאַנעלן־דורכגוס, וועלכער טיילט זיך אויס מיט זײַן האַסטיקן שטראָם. ביז אים האָט עס נאָך קיינער ניט געוואָגט טאָן.

ערנעסט העמינגוועי פלעגט שרײַבן זײַנע ווערק מיט א בלײַשטיפט און שטייענדיק, אָנשטאָט א טיש האָט אים געדינט א שטענדער.

דיקענס פלעגט נאָך יעדע פּופּציק אָנגעשריבענע שורעס אויסטרינקען א הייסע גלאָז טיי.

י. גינעווסקי

ד. גראַזאָווסקע

אונדזערע לייענער

צ ווישן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ זײַנען פאַראַן סײַ עלטערע מענטשן, וועלכע קענען גוט די קליינע פּינטעלעך, סײַ יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך ערשט ניט לאַנג אויסגעלערנט לייענען ייִדיש — טאַקע פונעם זשורנאַל. זיי אַלע פאַראייניקט דער אינטערעס צום ייִדישן געדרוקטן וואָרט. יעדערער פון זיי וואַרט מיט אומגעדולד אַפן פאָלגנדיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, און די מערהײַט לייענט אים פון טאָוול ביז טאָוול.

אַף יעדער רובריק פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַף יעדער נײַ ווערק רופן זיך אָפּ די לייענער. מע לויבט, מע קריטיקירט, מע דיסקוטירט, קיינער בלײַבט ניט גלײַכגילטיק.

ווען אין א וועלכער־ניט־איז שטאָט קומט צו פאָרן דער ייִדישער טעאַטער, ווען עס טרעטן ארויס ייִדי־שע זינגער, באַקומען מיר טייקעף בריוו פון אונדזערע לייענער — נאָטיצן פאַר דער כראָניק פונעם זשורנאַל.

נאָכשפּירנדיק נאָך די מאַטעריאַלן פון דער רובריק „אַף די שפּורן פון געשעענעם“, דערמאָנען זיך אייניקע לייענער דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיי מיט יאָרן צוריק. זיי דערמאָנען זיך אין מענטשן, וועלכע האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, פאַרטיידיקט אונדזער היימלאַנד. זיי שטעלן אויף אין זיקאָרן סײַ אייגענע אופטוען, סײַ העלדנטאַטן פון כאַווײרים און שיקן צו זייערע דערינערונגען.

ניט אַלץ קען מען אויסנוצן פאַרן זשורנאַל. איי־ניקע געשעענישן כאַזערן זיך איבער, אייניקע מאַ־טעריאַלן זײַנען אָנגעשריבן ניט צוגעגנגלעך פאַרן זשורנאַל. וויכטיק איז אָבער, וואָס דאָס איבערגע־לייענטע אין דער רובריק וועקט דעם געדאַנק און דעם געפיל.

די לייענער רעאַגירן זייער אַקטיוו אַף די „קאָ־מענטאַרן פון רעדאַקציע“. עס קומען אָן א סאַך בריוו, אין וועלכע זיי זאָגן זיך ארויס ארום די פראַגן פונעם קאַמף מיט דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע און ציִוניזם, דערציילן וועגן שכיינים און באַקאַנטע, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם סאָוועטנפאַר־באַנד און, אַנטוישנדיק זיך אין די „גליקן“, ווילן זיי זיך אומקערן צוריק אַהיים.

■

עס קומען אויך אָן בריוו פון ייִסראָעל, פון גע־וועזענע בירגער פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט איז איי־נער פון זיי:

„כאָשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

איך ווענדע זיך צו אײַך מיט א ביטע אין נאָמען פון מײַן מישפּאָכע און פון טויזנטער אַנדערע, וועלכע לעבן איצט אין ייִסראָעל. העלפט אונדז זיך ארויסרײַסן פונעם „גאַניידן“. יעדערער פון אונדז איז גרייט צו לעבן אין א באַליביקער געגנט — דאָרט, ווו עס סאַרפּען די היצן, אָדער דאָרט, ווו די קעלטן זײַנען גרויס, אַבי זיך אומקערן אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד. איך בעט אײַך זייער ניט אָפּזאָגן אונדז און העלפן פאַרווירקלעכן אונדזער טרוים.

ווײַטער שרײַבט זיך אונטער אונדזער גאַנצע מישפּאָכע ז י ל ב ע ר ש ט יי ן“ (כסימעס)

■

אָפט קומען אָן בריוו, וועלכע האָבן ניט קיין די־רעקטע שײַכעס צו דער עצעם אַרבעט פון דער רעדאַקציע.

אַן אינוואַליד פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע בעט, אַז די רעדאַקציע זאָל אים מיטהעלפן באַקומען א באַקוועמערע דירע. א יונגער לייענער וויל זיך באַקאַנען מיט די טעאָרעטישע אַרבעטן פונעם אַקאַ־דעמיקער לאַנדאַו און וואָלט געוועזן זייער דאַנקבאַר, ווען מע שיקט אים ארויס א רעקאָמענדיר־צעטל.

אין דער רובריק „ווערק פון אונדזערע לייענער“ זײַנען געוועזן געדרוקט דערציילונגען פון נעכאַמע סיראָטינע. נאָך דער פּובליקאַציע איז אין רעדאַקציע אָנגעקומען א בריוו פון דעם כאַווער יאָפע פון ראָסטאָוו, אַן אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדי־שער מילכאָמע. ער האָט געדינט אינאיינעם מיט פיי־

סעך סיראָטינען, זיי זײַנען געווען באפרײַנדעט, און דער שלאכט־כאַווער האָט אים דערציילט, אז זײַנע א שוועסטער איז א ייִדישע אקטריסע. ער בעט זיך דערוויסן, צי נעכאמע סיראָטינע איז ווירקלעך די שוועסטער פון זײַן פרײַנט, און אויב יאָ, זאָל זי מיטיילן יענעמס איצטיקן אדרעס.

די רעדאקציע האָט פעסטגעשטעלט, אז דאָס איז טאקע דער זעלבער סיראָטין, וועלכער לעבט איצט אין קיִעוו, און זי האָט אוועקגעשיקט קיין ראָסטאָוו זײַן אדרעס. אזוי האָבן זיך אָפּגעזוכט צוויי שלאכט־כאַווײרים.

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט באקומען א בריוו פון א לייענער מאָרדכע באריל, וועלכער לעבט אין סיביר אין א ווײַטן דאָרף קור־לאקאָוואָ, 300 קילאָמעטער פון דער באַן, בא דער אנגארא. א געוועזענער טראקטאָריסט, איצט א פענ־סיאָנער, זעצט ער פאָר זײַן ארבעט איניינעם מיט דער פרוי און די קינדער — סאכאקל 10 מענטשן.

די פאשיסטן האָבן אויסגעהארגעט מאָרדכע בא־רילס עלטערן און קרויווים. ווען ער האָט זיך אָנגע־פרעגט אין מײַרעוו־אוקראַיִנע, ווו ער האָט אמאָל געלעבט, האָט מען אים געענטפערט, אז קיינער איז ניט פארבליבן, בלויז איין שוועסטער, פריידל, האָט זיך געראטעוועט, און זי איז אריבערגעפאָרן קיין מאָנטרעאל. ער האָפט טאקע, אז כאָטש די איינע פון זײַנע שוועסטער לעבט נאָך, ער ווייסט אָבער ניט, וויאזוי זי צו געפינען, און בעט די רעדאקציע אים מיטהעלפן.

אין דער דאָזיקער אומגעבונג איז צוניץ געקומען דאָס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" פארמאָגט אקטיווע לייענער אין 30 לענדער פון דער וועלט. די רע־דאקציע האָט אָנגעשריבן דעם מאָנטרעאלער (אין קאנאדע) לייענער כאַיִם גאמוס, וועלכער שרײַבט אונדז פון צײַט צו צײַט, און געבעטן, ער זאָל זיך דערוויסן די איינצלהײַטן פונעם איניִען.

ס'האָט לאנג ניט געדויערט, און די רעדאקציע האָט באקומען אַן ענטפער. איצט ווייסט שוין מאָרדכע באריל דעם אדרעס פון זײַן שוועסטער פריידל.

אָט איז זײַן ענטפער אָף אונדזער לעצטן בריוו:

„כאָשעווע פרײַנט!

הײַנט איז בא מיר דער סאמע גליקלעכסטער טאָג אין מײַן לעבן. אדאנק אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" און אדאנק דעם כאַווער כאַיִם גאמוס פון מאָנטרעאל האָב איך געפונען מײַן איינציקע שווע־סטער, וועלכע איך האָב לאנג באוויינט. טײַערע פרײַנט, איך בין אזוי איבערראשט, אז עס פעלן מיר ווערטער, איך זאָל אײַך קענען באדאנקען. עס האָט מיט מיר געטראָפן א נעס, אין וועלכן איך גלייב נאָך ניט.

מיט בעסטע ווּנטשן

מאָטל באריל".

שפּעטער האָט אונדז דער כאַווער באריל צוגע־שיקט „פיקטשעס" פון זײַן שוועסטער מיט איר געזינד.

אין רעדאקציע קומען אָן בריוו פון לייענער פון גאָר דער וועלט. די ווערק פון די ייִדישע סאָוועַ־טישע שרײַבער זײַנען ברייט באוווּסט אין אויסלאנד. אָט זײַנען צוויי אינטערעסאנטע לייענער־גרוסן.

דעם ערשטן בריוו בעט מען איבערגעבן ז. וועַנ־דראָפּס טאָכטער.

„טײַערע כאַווערטע!

מיר אינפאָרמירן אײַך, אז א גרופּע פּראָגרעסיווע ייִדישע ארבעטער און פאָלקס־מענטשן פון ניו־יאָרק האָבן געגרינדעט א לייען־קרײַז אפן נאָמען פון אײַער פאָטער ז. וועַנדראָף. מיר ווילן אזויארום פארייביקן דעם נאָמען פונעם טאלאנטפולן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער.

באַם ערשטן אָוונט האָבן מיר געלייענט זײַן בוך „אונדזער גאס" און דיסקוטירט ארום אים. דעם צווייטן אָוונט — נאָכאמאָל געלייענט אינעם זעלבן בוך עטלעכע דערציילונגען.

מיר ווען מיט קאָוועד דערמאָנען דעם נאָמען ז. וועַנדראָף בא יעדער געלעגנהײַט.

מיט כאַווערישן גרוס

מישע בערגער".

דער צווייטער בריוו

„טײַערע פרײַנט, הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד"!

מײַן נאָמען איז שמועל צירולניק. איך בין געבוירן געוואָרן אינעם זעלבן שטעטעלע האליסקאָוו, ווו עס איז געבוירן לייב קוויטקאָ.

איך בין אוועקגעפאָרן פונעם שטעטעלע אין 1913.

איך וויל גרינדן א ייִדישן קולטור־קלוב אפן נאָ־מען פון מײַן יוגנט־כאַווער לייבעלע קוויטקאָ — דאָ אין לאָס־אנדזשעלעס, ווו איך לעב שוין אריבער 30 יאָר.

מײַן ציל איז צו פארייביקן דעם נאָמען פון מײַן פרײַנט און לאנדסמאַן, דעם גרויסן סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער.

מיט קולטור־גרוס

שמועל צירולניק".

כראניק

די גאַס טראָגט דעם נאָמען פון לייזער פאַפערניקן

אין מאָסקווע איז מען צוגעטראָטן צו רעקאָנסטרויִרן די גאַס, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד לייזער פאַפערניק. די קילאָמעטערדיקע מאַגיסטראַל וועט נאָך דער רעקאָנסטרוקציע ווערן אין צוויי מאָל ברייטער, זי וועט דינען אַלס קנופּ־וועג צו פאַרייניקן דעם ריאַזאַנער פּראָספּעקט מיט דער גרויסער וועשניאַקאָווער גאַס.

אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדישע שרײַבער

עס איז דערשינען דער 7־טער באַנד פון דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע", צווישן אַנדערע גייען אין אים אַרײַן אָפּהאַנדלונגען וועגן מאָרדכע ספּעקטאָרן, עזראַ פינינבערגן, איציק פעפערן, עליע ספּיוואַקן.

אינטערנאַציאָנאַלע פרײַנטשאַפט

א קלוב פון אינטערנאַציאָנאַלער פרײַנטשאַפט האָבן אָרגאַניזירט די שילער פונעם ייִשעוו בידזשאַן. די מיטגלידער פונעם קלוב שרײַבן זיך איבער רעגולער מיט די פּיאָנערן און שילער פון אשכאַבאַד, באַקו, מינסק און אַנדערע שטעט.

ניט לאַנג צוריק האָבן די שילער פון בידזשאַן באַקומען פון דעם ריגער פּיאָנערן־הויז א באַנדעראָל מיט ביכער פון לעטישע דיכטער, פאָטאָגראַפיעס פון קוראָרטן, מוזייען, טעאַטערס און שולן פון דער בײַבאַלטישער סאָוועטישער רעפּובליק.

א באַנדעראָל מיט אינטערעסאַנטע ביכער איז אַהער אָנגעקומען פון די שילער פון דער ווילניוסער שול אָף זשערמענײַטעס נאָמען.

די בידזשאַנער שילער האָבן אַרויסגעשיקט קיין ריגע און ווילניוס פאָטאָגראַפיעס פון ביראָבידזשאַן און פון אַנדערע שטעט פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, עקזעמפּלאַרן פון די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן" און „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ", פאַרשיידענע סווועניִרן.

נײַס פון אויסלאַנד

א פּאָעט און געזעלשאַפטלעכער טוער

דער פּאָרזיצער פונעם ייִדישן פאַרבאַנד אין איראַק מאיִר שאול באַסרי איז באַקאַנט ניט נאָר אַלס אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער, נאָר אויך אַלס אָנגעזעענער דיכטער. ווי עס טיילט מיט דער זשורנאַל, וועלכן עס גיט אַרויס אין פראַנצויזיש דאָס איראַקישע קולטור־מיניסטעריום, האָבן אין איראַק באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג מ. ש. באַסריס צוויי לידערזאַמלונגען, וועלכע זײַנען דאָרט לעצטנס דערשינען, און זײַן באַנד „אָריגינעלע פּאָעמעס". מ. ש. באַסרי האָט זיך אויך קוינע־שעם געווען מיט גלענצנדע איבערזעצונגען פון וויקטאָר הוגאָ, אַנאַטאָל פראַנס און באָדלער אָף דער אַראַבישער שפּראַך.

צוויי ליטעראַרישע אויסשטעלונגען

אין מײַנץ

די אַלמאָנע פון ליאָן פויכטוואַנגער, די 87־יאָריקע מאַרטאַ פויכטוואַנגער, האָט נאָך 36 יאָר וווינען אין אַמעריקע זיך ווידער באַזעצט אין דער דײַטשישער פעדעראַלער רעפּובליק.

לויט דער אײַנלאַדונג פון דער ליטעראַטור־אַקאַדעמיע איז מאַרטאַ פויכטוואַנגער געקומען קיין מײַנץ, וווּ זי האָט זיך באַטייליקט אין דער דערעפענונג פון אַן אויסשטעלונג פון ליאָן פויכטוואַנגערס אַרכיוו.

איצט איז זי קוראַטאָר פון דער פויכטוואַנגער־ביבליאָטעק, וועלכע פאַרמאָגט א ביכער־אוצר פון 30 טויזנט בענדער.

אין בעלגראַד

אין זאַל פון דער ייִדישער געמיינדע אין בעלגראַד איז געעפנט געוואָרן א ביכער־אויסשטעלונג פונעם באַוווּסטן שרײַבער און מעדיקער איסאַק סאַמאָקאָווליע, אָרגאַניזירט פונעם אָרטיקן ייִדישן היסטאָרישן מוזיי. ביז אַהער איז די אויסשטעלונג עקספּאָנירט געוואָרן אינעם ליטעראַטור־מוזיי פון באָסניע און הערצעגאָווינע און אין סאַראַיעוואָ.

אין נאָמען פונעם פאַרבאַנד פון די ייִדישע געמיינדעס האָט די אויסשטעלונג געעפנט דער אינזשעניער אַלעקסאַנדער מאָשיק.

מיט א וואָרט וועגן לעבן און שאַפן פון איסאַק סאַמאָקאָווליע איז אַרויסגעטראָטן דער שרײַבער בראַנקאָ, וו. ראַדיטשעוויטש.

א קאָלעקציע פון מעדאַלן

דער מוזיי אין אָקספאָרד האָט באַקומען אַלס מאַטאָנע זילבערנע מעדאַלן, וועלכע האָבן געהערט צו מענאַשע בען ייִסראָעל — א ייִדישן געלערנטן פון ספּאַרדישן אָפּשטאַם (XVII יאָרהונדערט).

מענאַשע בען ייִסראָעל האָט די מעדאַלן באַקומען פון קראָמוועלן. איצט זײַנען זיי א טייל פון א קאָלעקציע „די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק אין מעדאַלן".

א ראַסיסטישער באַשלוס

מיט 78 שטימען קעגן 70 האָט די פאַרזאַמלונג פונעם שרײַבערפאַרבאַנד פון ייִסראָעל אָנגענומען א ראַסיסטישן באַשלוס ניט אָנצונעמען אין זײַנע רייען אַראַבישע שרײַבער און פּאָעטן.

די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען שטורמיש. א סך שרײַבער האָבן געפאָדערט אָנצושליסן זייערע אַראַבישע קאָלעגן צום פאַרבאַנד. דאָס ראָוו אָבער האָבן אָנגענומען א פּראָצעדור־מאַנעווער, וואָס האָט ניט דערמעגלעכט אָפּצוהאַלטן א דעבאַטע, און, ווי געזאָגט, איז מיט א קליינער מערהײַט אָנגענומען געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער באַשלוס.

רעאַגירנדיק דערויף, האָבן דרײַ שרײַבער — דוד אבידן, אורי בענשטיין און משה דור — געמאָלדן, אַז זיי פאַרלאָזן דעם פאַרבאַנד.

■

פאַרשיידנס

14 פליגלדיקע בענדער

ווער פון אונדז האָט אין דער קינדהײט ניט געכאַפּט קיין פלאַטערלעך, פּאַטשקענדיק דערבײַ די פינגער אין א קוים באַמערקבארן זילבערנעם שטויב — מיקראָסקאָפּישע ליסקעלעך... אָט זיי טאַקע האָבן עס געדינט אלס הויפּט־מאַטעריאַל באַם שאַפן די וווּנדער־שײנע געמעלן.

„קאָלעקציע פון אייראָפּעיִשע שמעטערלינגען און פלאַטערלעך" — אַזוי הייסן די 14 בענדער, אין הילעס פון דיקן רויטן לעדער און באַגילדעטע רוקנס. אופהייבן אָט די אוניקאַלע, די אייִנציקע אין דער וועלט „אויסגאַבע" איז ניט יעדערער בעקויעך.

די פלאַטערלעך זײַנען אָנגעמאָלט מיט דער הילף פון טראַנספּערט — דאָס הייסט דורכן אריבערטראָגן די מיקראָסקאָפּישע ליסקעלעך פון די פליגעלעך אפן פּאַפּיר. די איבעריקע דעטאַלן זײַנען צוגעמאָלט מיט אַקוואַרעל־פארבן. אָף יעדן זײַטל — אייןצוויי פלאַטערלעך. דאָ דערנעבן זײַנען אָנגעמאָלט געוויקסן.

14 יאָר האָט געאַרבעט דער אומבאַוווּסטער מײַסטער פון סאָף XVIII יאָרהונדערט איבער אָט די וווּנדער־שײנע אלבאָמען. אין הונדערט יאָר ארום האָט מען געפּרווּט מאַכן עפּעס ענלעכס, נאָר ס׳האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. וויִאַזוי, מיט וועלכע אינסטרומענטן האָט דער אווטאָר פון די 14 בענדער אריבערגעטראָגן אפן געמעל די ליסקעלעך, וואָס אָן א מיקראָסקאָפּ זעט מען זיי ניט אָן, בלײַבט ביז איצט א רעטעניש.

הײַנט־צו־טאָג געפינען זיך די „ביכער" מיט געמעלן פון פיל טויזנטער פלאַטערלעך אין מאָסקווער דאַרווין־מוזיי.

א זאמלער פון אפאָריזמען

דער געוועזענער לענינגראַדער זשורנאַליסט א. ב. לאָיעוו, וואָס איז שוין אלט מער פון 70 יאָר, קלײַבט דאָס גאַנצע לעבן אפאָריזמען. 70 טויזנט אידיִאָמען, טרעפלעכע אויסדרוקן, ארויסזאָגונגען פון גרויסע מענטשן פון דער פארגאַנגענהײט און פון אונדזערע מיטצײַטלער גייען ארײַן אין זײַן אוניקאַלער קאָלעקציע.

אלעקסאַנדער באָריסאָוויטש פארמאָגט אויך א גרויסע ביבליִאָטעק פון אפאָריסטיק. ער איז דער אייגנטימער פון די זעלטנסטע פּערִיאָדישע אויסגאַבעס פאַר די יאָרן 1905 — 1907, וואָס די מערהײַט פון זיי האָבן די צארישע טשינאָווניקעס פארניכטעט און קאָנפיסקירט. די אלע מאַטעריאַלן זײַנען געוועז פאָרגעשטעלט אָף די טעמאַטישע אויסשטעלונגען, וואָס לאָיעוו האָט אָרגאַניזירט, — „לענין און דאָס בוך", „ערעוו דעם אָקטיאַבער", „די פּאָליטישע סאַטירע אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע", „קינדער און דאָס בוך".

העכער צוואַנציק יאָר ארבעט פרוכטבאַר אונטער דער אָנפירונג פון דעם דאָזיקן קאָלעקציִאָנער א גרופּע זאַמלער פון אפאָריזמען באַם לענינגראַדער הויז פון געלערנטע.

(„וועטשערניאיא מאָסקווא")

דער פּראָטאָטיפּ פון טאַטיאַנאַ לארינא

אייניקע פרעגן, צי איז נאַטאַליא פאָנוויזינא ווירקלעך דער פּראָטאָטיפּ פון דער פּושקינישער טאַטיאַנע?

דער באַגריף „פּראָטאָטיפּ" אין באַצוג צו א באַליביק געשטאַלט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור איז גענוג באַדינגלעך. אויך אין געגעבענעם פאַל, ווי ס׳האָט באַשטעטיקט דער אווטאָר, איז דאָס געשטאַלט פון טאַטיאַנען ביז גאָר א פאַראַלגעמײנערטס. פונדעסטוועגן האָט נאַטאַליא דמיטרִיעוונא פאָנוויזינא געשריבן אי. פּושטשינען: „אײַער פרײַנט אלעקסאַנדער סערגייעוויטש האָט ווי א פּאָעט גלענצנדיק און ריכטיק אופגעכאַפּט מײַן הייסן, טרוימערישן כאַראַקטער...". איר גורל און כאַראַקטער האָבן טאַקע אינדערעמעסן א סאָך אלגעמײנס מיט דער פּושקינישער טאַטיאַנען. נאָך גאָר א יונגע האָט זי כאַסענע געהאַט פארן העלד פון דער מילכאָמע פון 1812 יאָר א. א. פאָנווויזין — א פּלעמעניק פונעם באַוווּסטן שרײַבער. אין עטלעכע יאָר ארום האָט זי אָף א באַל באַגעגנט אייִנעם א רוטבערק, אין וועלכן זי איז נאָך ביז איר הייראַט געווען פארליבט, און האָט אָפּגעוואָרפן זײַן אופגעפלאַמטע ליבע. אין 1826 יאָר פאָרט זי נאָך אין פארשיקונג קיין סיביר איר פארמישפּעטן מאַן, א מיטגליד פון א געהיימער געזעלשאַפט. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט אי. אי. פּושטשינען, וועמענס ווײַב זי איז געוואָרן נאָכן טויט פונעם ערשטן מאַן.

נאַטאַליא דמיטרִיעוונא איז געווען ניט קיין געוויינלעכע פרוי. אין טאָבאָלסק האָט זי זיך באַגעגנט מיט די פּעטראַשעווצעס, צווישן וועלכע ס׳איז געווען דאָסטאָיעווסקי; מיט איר האָט זיך איבערגעשריבן ל. נ. טאָלסטאָי.

דאָס גאַנצע לעבן איז נ. ד. פאָנוויזינא געווען איבערצײַגט, אז גראָד זי איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון טאַטיאַנען.

ווי מע האָט אָבער מיטגעטיילט אינעם מעלוכע־מוזיי פון א. ס. פּושקינען, זײַנען קיין דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן איר באַקאַנטשאַפט מיטן גרויסן פּאָעט, ניט פאַראַן.

(„וועטשערניאיא מאָסקווא").

ראַסיסטן־לינגוויסטן

פאַר דער לעצטער צײַט האָבן די דאָרעם־אַפֿריקאַנישע ראַסיסטן שטאַרק ליב באַקומען לינגוויסטיק. זיי באַזײַטיקן פֿונעם באַנוץ אײַנע ווערטער און דערפֿינדן נײַע. דער לעצטער לינגוויסטישער טריוק פֿון די ראַסיסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן אָף אַ געזעצגעבערישן אופֿן באַזײַטיקט פֿון דער אָפֿיציעלער שפּראַך דאָס וואָרט „קאַפֿר".

„קאַפֿר", וואָס שטאַמט פֿון דער אַראַבישער שפּראַך, באַטײַט „ניט־גלייביקער". מיט דער צײַט האָט דאָס וואָרט באַקומען דעם בײַטאַם פֿון אַ באַליידיקונג. האָבן די דאָרעם־אַפֿריקאַנישע ראַסיסטן באַשטימט דערווײַזן דער גאַנצער וועלט, וואָס פֿאַראַ „גוטינקע" זיי זײַנען בענעגייע צו דער אָרטיקער שוואַרצער באַפֿעלקערונג. פֿון הײַנט און אָף ווײַטער טאָר קיינער אין דער דאָרעם־אַפֿריקאַנישער רעפּובליק ניט וואַגן אָנרופֿן אין אָפֿיציעלע דאָקומענטן אַן אַפֿריקאַנער „קאַפֿר". איצט רופֿט מען זיי אַלע „באַנטו" — „מענטשן".

פֿרייט זיך, אַפֿריקאַנער, דאַנקט אײַערע ווײַסע „באַלטוווּעניקעס", איר זײַט איצט „מענטשן"! די ראַסיסטן־לינגוויסטן דערלויבן אײַך זײַן „מענטשן"... פֿון צווייטן סאָרט. דער ווײַסער פּאָליציי־מאַן וועט אײַך איצט איידל אָנרופֿן „באַנטו", און דערנאָך אײַך אַ נעריק טאָן מיט דער דובינקע בלויז פֿאַר דעם, וואָס אײַער הויט איז שוואַרץ. אינעם געריכט־אורטייל, וואָס וועט אײַך פֿאַרשיקן אָף קאַטאָרגע, וועט דאָס אַלטע וואָרט „אַבאָריגען" פֿאַרביטן ווערן אָף אַ נײַ וואָרט — „באַנטו". אין דער „רעזערוואַציע פֿאַר שוואַרצהויטיקע", וואָס איז ענלעך אָף אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועט אײַך זײַן אָנגענעם צו וויסן, אַז איר זײַט איצט ניט קיין „קאַפֿר".

ניין, זאָגט ניט, די „גוטסקײַט" פֿון די ראַסיסטן־לינגוויסטן האָט גאָר קיין גרענעץ ניט!

י. שטיקאַנאָוו („איזוועסטיע")

פּאַטאַקאָפּיעס פֿון ביכער

ניט ווייניק יאָרן פֿלעגן אָפּט פֿאַטערן די אַמאָליקע איבערשרײַבער אָף מאַכן איין קאָפּיע פֿון אַ ליטעראַריש ווערק. און הײַנט־צו־טאָג קאָן איין מיטאַרבעטער פֿונעם אָפּטייל פֿון מיקראָ־פּאַטאָ־קאָפּירונג בא דער אַלפֿאַרבאַנדישער מעלוכע־ביבליאָטעק אָף וו. אי. לענינס נאָמען פֿאַר איין אַרבעטסטאָג מאַכן עטלעכע קאָפּיעס פֿון אַ פֿאָליאַנט מיט הונדערטער זײַטן.

די מיקראָפֿילמען, וואָס ווערן דאָ געמאַכט פֿון אוניקאַלע און געשריבענע פֿון דער האַנט ביכער, באַקומען די גרעסטע ביבליאָטעקן פֿון העכער 30 לענדער פֿון דער וועלט. אַרום הונדערט אַבאָנענטן — אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן, וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישע אינסטיטוטן פֿונעם לאַנד — באַקומען דורך דער פּאַטשט קאָפּיעס פֿון אויסגאַבעס אָף די סאַמע פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿט־געביטן.

אין דער ביבליאָטעק אַרבעט אַ זאַל פֿון רעפּראָגראַפֿיע. דעם לייענער איז גענוג אויסקלײַבן אינעם לייענזאַל דעם נייטיקן בוך און מאַכן אַ באַשטעלונג. די רעפּראָדוקציע פֿון די נייטיקע זײַטן פֿונעם בוך וועט אָף דער עלעקטראָגראַפֿישער מאַשינקע צוגעגרייט ווערן נאָך אין דעם זעלבן טאָג.

אַ יאָרהונדערט פֿון איבערזעצונגען

די יונעסקאָ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם 23־טן באַנד «Index translationum» — דעם יערלעכן צווישנפֿעלקערלעכן ספּראַוואָטשניק פֿון דער ליטעראַטור, וועלכע איז איבערגעזעצט אָף אַנדערע שפּראַכן.

אין 1970 יאָר איז אין 73 לענדער איבערגעזעצט געוואָרן 41.322 ביכער־נעמען. (אין 1969 יאָר איז אין 65 לענדער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן 38.172 איבערזעצונגען). לויט דער צאָל איבערגעזעצטע ביכער גייען די לענדער אין אַזאַ אָרדענונג: דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד, די דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, די פֿעדעראַטיווע רעפּובליק פֿון דײַטשלאַנד, שפּאַניע, די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, יאַפּאַניע, פֿראַנקרײַך, די נידערלאַנדן, איטאַליע, די שווייץ און טשעכאָסלאָוואַקיע.

צווישן די אווטאָרן, וואָס ווערן אָפּטער פֿון אַנדערע איבערזעצט, בלײַבט, ווי פֿריִער, אויפֿן ערשטן אָרט וו. אי. לענין. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿײַערונג פֿון זײַן הונדערטסטן געבורטסטאָג האָט די צאָל איבערזעצונגען פֿון זײַנע ווערק זיך פֿאַרגרעסערט מער ווי אין צוויי מאָל (448 אַנשטאָט 202 אין 1969 יאָר).

ווי פֿריִער, זײַנען אַמערסטנס פּאָפּולער שעקספּיר (141 איבערזעצונגען), זשיול ווערן (128), זש. סימענאָן (119), עניד בלײַטאָן (108), אַגאַטאַ קריסטי (95), דאָסטאָיעווסקי (78), דיקענס (77), באַלזאַק (75), מאַרק טווען (71), העמינגוועי (68), פּירל באַק (65), סטיינבעק (61), אַנדערסען (56), סטיווענסאָן (55), טשייז (53), דיומאַ — דער פֿאָטער (51), הוגאָ (47), מאָפּאַסאַן (46), ס. מאָעם (46), גרים (43).

פֿון די אַלטערטימלעכע אווטאָרן פֿאַרנעמען אַן אַלציין אָרט פּלאַטאָן און האָמער (צו 48 איבערזעצונגען), נאָך זיי גייען ציצעראָן (34), אַריסטאָטעל (30) און סאָפֿאָקל (30).

„נײַס פֿון יונעסקאָ"

העמינגוועיס בריוו פֿאַרקויפֿט אָף אַן אַוקציאָן

אַכט בריוו פֿון ערנעסט העמינגוועי, אַדרעסירט דעם ביאָגראַף פֿונעם אַמעריקאַנישן שרײַבער סקאָט פֿיצדזשעראַלדן, זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אָף אַן אַוקציאָן פֿאַר 12 טויזנט דאָלאַר.

די בריוו פֿאַרן פֿעריִאָד פֿון 1949 ביזן 1951 יאָר זײַנען פֿון אַ דורכויס פּערזענלעכן כאַראַקטער און האָבן אַ שײַכעס צו די באַציִונגען צווישן ביידע שרײַבער. דער אייגנטימער פֿון די בריוו איז געוואָרן איינער אַ ביכער־הענדלער פֿון באָסטאָן.

(טאַסס)

כראָניק

א בוך פון צווײ ייִדישע דיכטער־פּראָנטאָוויקעס

דער קיִעווער מעלוכע־פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" האָט אַרויסגעגעבן אין דער איבערזעצונג אויף אוקראַיִניש א לידער־זאמלונג „האָריזאָנט", וועלכע שליסט אײַן די ווערק פון צוויי ייִדישע דיכטער — מוישע כאַשטשעוואַצקי און שימען גאָלדענבערג.

פאַרשיידענע ניט נאָר לויטן עלטער, נאָר, דעריקער, לויט דעם כאראקטער פון זייער שאפונג, האָבן כאַשטשעוואַצקי און גאָלדענבערג דאָך געהאַט געמיינזאַמס אין זייער גוירל: געבוירן געוואָרן און געלעבט אין אוקראַיִנע, אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר אונדזער סאָציִאַליסטיש היימלאַנד.

אויך איצט האָט זיי פאַרייניקט דאָס בוך, וואָס איז דערשינען לעקאָוועד זייער ליכטיקן אָנדענק.

די לידער זײַנען אין דער זאַמלונג געגעבן אין דער איבערזעצונג פון יו. קאָרעצקי, א. קאַצנעלסאָן, וו. גוזשווי, ל. קאָוואַלטשוק, אָ. נאָוויצקי אאַ.

געווידמעט עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשעס 60־טן געבורטסטאָג

אין מאָסקווער צענטראַלן ליטעראַטן־הויז איז פאָרגעקומען א גרויסער אָוונט, געווידמעט דעם 60־טן געבורטסטאָג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן שרײַבער עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, אויף וועלכן עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל שרײַבער און זשורנאַליסטן פון דער הויפּטשטאָט, קונסט־טוער, ווי אויך דעם שרײַבערס פראָנט־כאַווײרים, וועלכע לעבן איצט אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד.

געעפנט דעם אָוונט האָט דער לענינגראַדער שרײַבער דאַניִיל גראַנין. וועגן עמ. קאַזאַקעוויטשעס שעפערישן וועג, וועגן זײַנע ווערק, וואָס זײַנען אַרײַן אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער פילנאַציִאָנאַלער ליטעראַטור, האָבן גערעדט וועניאַמין קאַווערין, איראַקלי אַנדראָניקאָוו, מאַרגאַריטאַ אַליגער, דמיטרי דאַנין, יעווגעני וואָראָביאָוו, אידאַ ראַדוואָלינאַ (וועלכע האָט, צווישן אַנדערס, זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּעריאָד, ווען קאַזאַקעוויטש האָט געוווינט אין בירָאָבידזשאַן, אויף דעם שרײַבערס ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן אין ייִדיש, אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטער נאָוועלע, פאַרעפנטלעכט אין כאַרקאָוו אין דער ייִדישער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע").

אין נאָמען פון דעם שרײַבערס געוועזענע שלאַכט־כאַווײרים איז אַרויסגעטראָטן דער פּאָלקאָווניק א. פּאַנאָמאַריאָוו. ער האָט דערציילט וועגן קאַזאַקעוויטשעס העלדישקײַט אויף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן זײַן פילזײַטיקער באַגאַבונג אַלס מיליטערמאַן.

אין די וועסטיבולן פונעם שרײַבער־הויז זײַנען געווען אויסגעשטעלט עמ. קאַזאַקעוויטשעס ביכער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, מאַנוסקריפּטן, פאָטאָגראַפיעס און פיל אַנדערע עקספּאָנאַטן, וואָס שילדערן דאָס לעבן און דאָס שאַפן פונעם גרויסן שרײַבער.

נײַעס פון אויסלאַנד

דער יובילײ פון אוורהאָם קוואַטערקאָ

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פוילן, די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" און אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער פוילישער הויפּטשטאָט האָבן פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 60־טן געבורטסטאָג פונעם באַקאַנטן זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכן טוער אוורהאָם קוואַטערקאָ.

א. קוואַטערקאָ שטאַמט פון אַן אַרבעטער־מישפּאָכע. צו 19 יאָר טרעט ער אַרײַן אינעם קאָמוניסטישן פאַרבאַנד פון דער פוילישער יוגנט. אין 1939, נאָכן היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פוילן, פאַרלאָזט ער זײַן היימשטאָט, דערקלײַבט זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו ער זעצט פאָר זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט אינעם פאַרבאַנד פון די פוילישע פאַטריִאָטן.

נאָך דער מילכאָמע קערט זיך קוואַטערקאָ צוריק אום קיין פוילן. אינגיכן טרעט ער אַרײַן אין דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, און אין 1948 — אין דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אין יענע יאָרן פירט ער אַן אַקטיווע אַרבעט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן, באַטייליקט זיך גלײַכצײַטיק אין דער פוילישער פּרעסע, באַזונדערס אין דער ייִדישער.

אָנהייבנדיק פון 1950 און ביז הײַנטיקן טאָג איז דער באַל־יויוול ענג פאַרבונדן מיט דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" אַלס איינער פון אירע אַקטיווסטע מיטאַרבעטער.

אוורהאָם קוואַטערקאָ איז באַלוינט מיט עטלעכע מעלוכישע אויסצייכענונגען, צווישן זיי מיטן אָרדען פון ווידערגעבורט פון פוילן, מיט דער מעדאַל „1000 יאָר פוילישע מעלוכעשאַפט".

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק אוורהאָם קוואַטערקאָ מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און פיל פּרוקטבאַרע יאָרן אין זײַן זשורנאַליסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט.

פרײַנטשאַפט און אָנערקענונג

ווי עס טיילט מיט די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", איז אין א לייענער־קרײַז אויפן נאָמען פון סאָרע ראָטבוים, וועלכער פונקציאָנירט אין דער שטאָט וורָאָצלאַוו, דורכגעפירט געוואָרן אַן אָוונט, געווידמעט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

געעפנט דעם אָוונט האָט לייב טשאַפּער, וועלכער האָט דערציילט וועגן א ריי ווערק פון סאָוועטישע שרײַבער, פאַרעפנטלעכטע אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די מיטגלידער פונעם לייענער־קרײַז הערש מאַרטענפעלד, הענריך טראַלער, בינייאָמין טאַרגאָנוניק, לעאָן רײַזמאַן האָבן אויף דער באַגעגעניש פאָרגעלייענט מאָזי קאָבריאַנסקיס דערציילונג „מע מוז קאַשערן דאָס מויל", מוישע טייפס באַלאַדע „דעם קלעזמערס אייניקל", די נאָוועלע פון יויסעף בורג „סינע", דעם מאָנאָלאָג פון יאָשע רוביאַן „שמערל קאָטלעט" אאַ.

דער אָוונט איז געווען אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

■

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אַפֿן קאַלענדאַר

אין 1903, מיט 70 יאָר צוריק, איז אין טשערניכאָוו (אוקראַינע) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער דראַמאַטורג, מעשאָלים־שרײַבער מוישע גערשענזאָן.

לויט דער בילדונג א פּעדאַגאָג (געענדיקט דעם קיִעווער ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט), איז ער לויטן פאַך און באַרוף געווען א פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער. נאָך אַלס סטודענט האָט ער געשאַפן באַם אינסטיטוט א קינסטלערישע אַמאַטאָרן־גרופּע („מעשולאַכעס"), ווו ער איז געווען רעזשיסער און אַקטיאָר אין אײנאַקטערס, מיניאַטורן און אַנדערע סצענקעס, וועלכע ער אַליין האָט געשריבן.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מוישע גערשענזאָן זיך אויסגעטיילט אַלס טאַלאַנטפולער יונגער ייִדישער שרײַבער אַף אוקראַינע. זײַן ליטעראַרישן טאַלאַנט האָט ער געווידמעט דעריקער דער דראַמאַטורגיע און טיילווײַז אויך דעם מעשאָלים־זשאַנער. זײַן ערשטע פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" איז געשטעלט געוואָרן אַף דער בינע פֿונעם מאָסקווער גאָסעט אונטער דער רעזשי פֿון בינִיאָמין זוסקין און אין קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אין 1939 האָט מ. גערשענזאָן גענומען אַן אָנטייל אין א קאָנקורס פֿונעם מאָסקווער רוסישן מיניאַטורן־טעאַטער אַף אַן אײנאַקטער. זײַן פּיעסע „דער דירעקטאָר" האָט באַקומען די דריטע פּרעמיע און איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין רעפּערטואַר.

מ. גערשענזאָנס פּיעסן זײַנען פאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין באַזונדערע ביכער און אין זשורנאַלן. מיר ברענגען דאָ א קורצע רעשימע פֿון זײַנע פּיעסן: „אוטיל". „בא דער גרענעץ". אײנאַקטער. „דער דראַמסקער שנײַדער" (קאָמיטראַגעדיע אָן דרײַ אַקטן). „הערשעלע אָסטראָפּאָליער". א פֿאָלקס־שפּיל אין דרײַ אַקטן. „באַם דניעסטער". אײנאַקטער. „כעלעמער כאַכאָמים". קאָמעדיע. זײַנע מעשאָלים זײַנען געווען געדרוקט אין די אַלמאַנאַכן „היימלאַנד" (מאָסקווע, 1943) און „דער שטערן" (קיִעוו, 1947).

מוישע גערשענזאָן איז געפֿאַלן מיט א העלדנטויט אין דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע דעם 16 אַפּרעל 1943.

האַיאָר ווערט 150 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן (דעם 12 אַפּרעל 1823, מאָסקווע) דער קלאַסיקער פֿון דער רוסישער דראַמאַטורגיע אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש אָסטראָווסקי.

די ערשטע ווערק פֿון א. אָסטראָווסקי האָבן זיך באַוויזן אין דער מאָסקווער פּרעסע אין 1847. אָבער די אָנערקענונג פֿון זײַן גרויסן טאַלאַנט האָט אים געבראַכט די פּיעסע „אײגענע מענטשן — וועלן מיר זיך אויסגלײַכן". די פּיעסע האָט ער פאַרענדיקט אין 1849, נאָר זי איז פאַרבאָטן געוואָרן מיצאַד דעם אימפּעראַטאָר ניקאָלײַ I. אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַף דער בינע איז זי ערשט אין 11 יאָר אַרום.

דער גרויסער דראַמאַטורג האָט באַהאַנדלט אין זײַן שאַפונג די וויכטיקסטע סאָציאַלע און מאָראַלע פּראָבלעמען פֿון זײַן צײַט. זײַנע פּיעסן זײַנען געווען אַן עמעסער מישפּעט איבער דעם דעספּאָטיזם און דער מאַכט פֿון געלט. אין סאָף פֿון די 50 — 60־ער יאָרן איז א. אָסטראָווסקי אין זײַנע ווערק אַרויסגעטראָטן מיט

די אידייען פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט, מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון דעמאָקראַטישע אידעאַלן. אַזעלכע זײַנען די פּיעסן „א לוינבאַר אָרט" (1857), „דאָס געוויטער" (1860), „קאָזמאַ זאַכאַריטש מינין — סוכאָרוקאָוו" (1862) אאַ. נ. א. דאָבראָליובאָוו האָט הויך אָפּגעשאַצט דעם לעבנס־עמעס און די קינסטלערישע פֿולקומהײַט פֿון אָסטראָווסקיס פּיעסן, באַזונדערס פֿון דער פּיעסע „דאָס געוויטער".

די דראַמאַטישע ווערק „וועלף און שאָף" (1875), „א קאַלע אָן נאַדן" (1879) דערציילן וועגן די שאַרפֿע קאָנפֿליקטן, וועלכע זײַנען אויפֿגעקומען אין שײַכעס מיט דער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד.

א. אָסטראָווסקיס בערעך 50 פּיעסן זײַנען געלייגט אין גרונט פֿונעם קלאַסישן רעפּערטואַר פֿון די רוסישע טעאַטערן.

אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש אָסטראָווסקי איז געשטאָרבן דעם 14 יוני 1886 אין שטשעליקאָוואָ, קאָסטראָמער גוב. (הײַנט אָסטראָווסקי־ראַיאָן פֿון קאָסטראָמער געגנט).

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ТЕМА II. Продовольственные и промышленные товары.

Прочтите и переведите устно на русский язык

טעקסט נומער 6.

א. אין א פראָדוקטן־מאגאזין

אונדזער פאמיליע וווינט אין א נײַעם מיקראָ־ראַיאָן פון מאָסקווע. קעגניבער אונדזער הויז שטייט א צוועלפשטאָקיקער מויער. דעם גאנצן אונטערשטן שטאָק זײַנעם פארנעמט א פראָדוקטן־מאגאזין. ער איז אָפן פון אכט אזייגער אינדערפרי ביז נײַן אזייגער אפדערנאכט. ער האָט דרײַ ארײַנגענג.

רעכטס — דער ארײַנגאנג אינעם אָפטייל „פלייש, פיש". דאָ קען מען קריגן רינדערן פלייש, שעפסנפלייש, כאזער־פלייש, געקוילעטע אויפעס — הינער, קאטשקעס, גענדז, אָפט אפילע אינדיקעס. ניט גאָר זעלטן איז דאָ פאראן אין פארקויף לעבעדיקע פיש, דערהויפט קארפ, העכט, לעשטש. שטענדיק איז צו קריגן געפרוירענע פיש, צום מיינסטן — פון די יאם־סאָרטן: זילבערדיקן כעק, פלאָנדערקעס (קאָמבעלע), שטאָקפיש, סקומבריע. מע פארקויפט דאָ אויך אלערליי מינים הערינג, גערייכערטע פיש־פראָדוקטן. אף די פאָליצעס איז צו זען בלעכענע פושקעלעך מיט פארשיידענע פיש־קאָנסערוון — סארדינען, שפראָטן, קילקע, סטאווערידע אא. אינעם זעלבן אָפטייל איז פאראן אויך רינדערן פעטס, כאזער־שמאלץ, בוימל, עסיק.

פאראן אויך א ברייטער אויסוואל פון ווורשטן: „באזונדערער", טיי־ווורשט, מילכיקער ווורשט, עסטיש־ווורשט, „היימישער", אויך געוויאלעטע ווורשטן.

לינקס — דער ארײַנגאנג אינעם אָפטייל „גרינס, אויבסן". דאָ קריגט איר פון גרינסן — קארטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל, מייערן, בורעקעס, ווײַס קרויט, בלומענקרויט, געזײַערט קרויט, געזײַערטע אוגערקעס און פאָמידאָרן (טאָמאטן), אום זומער אויך פרישע אוגערקעס און פרישע פאָמידאָרן; פון אויבסן — עפל, ציטרוס־פרוכטן (לימענעס, מאראנצן, זעלטענער — מאנדארינקעס), אום זומער אויך בארן, פלוימען, קארשן, ווײַנשל, אבריקאָסן, פערשקעס. שטענדיק פארקויפט מען דאָ פארשיידענע געטריקנטע פרוכטן, אויך קאָמפאָטן און אײַנגע־מאכצן (אין גלעזערנע סלויען און אין בלעכענע פושקעס).

אינדערמיט — דער ארײַנגאנג אינעם אָפטייל „מילך". דאָ קאָנט איר שטענדיק קויפן מילך — אין פלעשער, אין פאפירענער פאקונג, קאָנדענסירטע מילך אין בלעכענע פושקעלעך. געפרײַעטע מילך, קעפיר, זויערמילך, צוואָרעך (ווײַסן קעז), אלערליי סאָרטן הארטער קעז — האָלענדישן, רוסלענדישן, סאָוועטישן, קאָסטראָמער, פאָשעכאָנער אא., אין פאפירענער פא־קונג — אויך געשמעלצטן קעז.

אין דורכגאנג צווישן רעכטן און מיטלסדיקן אָפטייל — א קלענערע סעקציע פאר זיסווארג (קאָנדיטערײַ). די קוינים קויפן דאָ קאָנפעקטן, צוקערקעס, זיסע געבעקסן, מארמע־לאד, צוקער, ווײַן. מע קריגט דאָ אויך מעל און גרויפן, רײַז, לאָקשן, מאקאראָנען, האגאם אזעלכע פראָדוקטן געהערן ניט צו זיסווארג.

Слова и словосочетания:

1) אָפטייל מ ־ן; 2) רינדערן פלייש; 3) שעפסנפלייש ז; 4) געקוילעטע אויפעס; 5) פאַראַן אין פארקויף; 6) צום מיינסטן; 7) שטאָקפיש מ ־; 8) גערייכערטער; 9) אא.; 10) רינ־דערן פעטס; 11) כאזער־שמאלץ וו; 12) ווורשט מ ־ן; 13) עסטיש־ווורשט מ; 14) בלומענ־קרויט ז; 15) געזײַערט קרויט; 16) געזײַערטע אוגערקעס; 17) געפרײַעטע מילך; 18) צוואָ־רעך מ; 19) קוינע מ (קוינים); 20) האגאם.

Их перевод:

1) отдел; 2) говядина (*дословно*: говяжье мясо); 3) баранина; 4) битая птица (*дословно*: резаные птицы); 5) имеется в продаже; 6) главным образом; 7) треска; 8) копчёный; 9) = **און אנדערע** — и другие; 10) говяжий жир; 11) свиное сало; 12) колбаса; 13) столовая колбаса; 14) цветная капуста; 15) квашеная капуста; 16) соленые огурцы; 17) топленое молоко; 18) творог; 19) покупатель; 20) хотя.

Упражнения:

1) Сравните сочетания:

שטענדיק איז צו קריגן געפרוירענע פיש; אַף די פּאָליצעס **איז צו זען** בלעכענע פושקעלעך מיט פיש־קאָנסערוון.

Как перевести выделенные сочетания?

2) Впишите в ваш словарик названия продуктов, встречающиеся в тексте 6, если до этого вы их не знали.

3) Следующий разговор переведите письменно на еврейский язык:

— Где вы завтракаете, обедаете и ужинаете? — Я завтракаю и ужинаю дома, а обедаю в столовой нашего завода. — Что подают у вас к завтраку, к ужину? — К завтраку — кофе с молоком, хлеб с маслом, яичницу, иногда кашу — рисовую или манную; к ужину — жареную или фаршированную рыбу, молоко или чай, к чаю — сыр, белый хлеб, иногда печенье. — Что вы берете в столовой к обеду? — Салат, борщ или суп, на второе — котлеты или жаркое, потом компот или чай с печеньем.

Слова и словосочетания:

1) завтракать; 2) обедать; 3) ужинать; 4) завтрак; 5) обед; 6) ужин; 7) столовая; 8) кофе; 9) яичница; 10) иногда; 11) рисовая каша; 12) манная каша; 13) фаршированная рыба; 14) борщ; 15) суп; 16) на второе; 17) жаркое.

Их перевод:

1) עסן פרישטיק, פרישטיקן; 2) עסן מיטיק, מיטיקן; 3) עסן וועטשערע [אָונטברויט]; 4) פרישטיק מ ־ן; 5) מיטיק מ ־ן; 6) וועטשערע וו ־ס; 7) גאָרקיך וו ־ן; 8) קאווע וו; 9) פרעזשעניצע וו ־ס [פאנקוכן מ ־ס]; 10) אמאָל; 11) רײַזקאשע וו ־ס [א קאשע פון רײַז]; 12) מאנע־קאשע וו ־ס [א קאשע פון מאנע־גרײַפּלעך]; 13) געפילטע פיש; 14) באָרשטש מ ־ן; 15) זופּ מ ־ן; 16) דאָס צווייטע געריכט; 17) ראָסלפלייש מ ־ן.

Переведите устно на русский язык:

טעקסט נומער 7.

ב. אין אן אוניווערמאַג

אפן ראָג פון אונדזער גאַס איז דאָ ניט לאַנג אויסגעבויט א צווייסטאָקיקער, א באַגלאָזטער פון אויבן ביז אראָפּ אוניווערמאַג, אן אוניווערסאַלער מאגאזין. ער האַנדלט מיט אינדוסטריעלע סכוירעס. כוץ עסנווארג, קאָנט איר דאָ קריגן אלץ, וואָס ס׳איז נייטיק צום לעבן. גאַנצע 15 סעקציעס האָט דער אוניווערמאַג. אין יעדער סעקציע איז מיט גרויסע אויסיעס אויפגעשריבן איבער דער גאַנצער וואַנט, מיט וואָס זי האַנדלט. מיר לייענען אזעלכע אויפשריפטן: „האַלבאָשע״, „שוכווארג״, „צעלניק״ (גאַלאַנטעריי), „צײַגן״, „קאַנצעליארישע ארטיקלען״, „ביכער״, „טעלעוויזאָרס און ראַדיאָ־אויפנעמערס״, „עלעקטרישע מאַכשירים״, „כעמישע סכוירעס״, „געפעס״, „רײַזע־ארטיקלען, מאַטאָנעס, סוווענירן״, „הויזווירטשאפטלעכע סכוירעס״, „ספּאָרטיווע ארטיקלען״, „מוזיק״, „שפּילכלעך״.

די גרעסטע סעקציע איז די ערשטע. זי פארנעמט א האַלב פונעם אייבערשטן שטאָק. דאָ פארקויפט מען מענער־קליידער — אָנצוגן (קאָסטיומען), ווינטער־מאַנטלען, זומער־מאַנטלען, דעמיסעזאָנע מאַנטלען, אויך — באַזונדער — הויזן, פּידזשאַקעס פון אלערליי פאַסאָנען; דאַמען־קליידער. אין דער דאָזיקער סעקציע איז שטענדיק טומלדיק. בא די קאַסעס שטייען דאָרט אָפט לאַנגע רייען, באַזונדערס — אין די שאַבעסדיקע טעג.

אין אייניקע סעקציעס פונעם אוניווערמאַג וועט מען אינגיכן אײַנפירן זעלבסטבאַדינונג. דאָס וועט פארלײַכטערן די ארבעט פון די פארקויפער, און דאָס וועט זײַן באַקוועמער אויך פאר די קוינים.

(Слова и их перевод — в следующем номере)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

לאָמיר זינגען נײַע לידער

כ'וואָלט מײַן ליד...

ווערטער און מוזיק פון עסטער רימער (אַרגענטינע) **באַאַרבעט** דינאָווי קאַמפּאַנייעץ



כ'וואָלט מײַן ליד געטראָגן
זיך לערנען בא די פייגל, —
זייער שווּנג פאַרמאָגן
און פליִען פול מיט פריידן,

שעפּן בלוי פון הימל,
פאַרלויפן אַלע וועגן,
און קושן יעדער בלימל
און טראָגן פרייד אַנטקעגן.

כ'האָב ליב דעם באַרג, די הייכן
אַזוי ווי מײַן לעבן.
כ'האָב ליב די ברייטע טײַכן,
וואָס צום יאַם זיי שטרעבן.

נאָר ליבער מיר פון אַלץ
עס איז די ערד די טרײַע,
פּאַשעט ברויט און זאַלץ
און אַ מענטש אַ פרײַער.

■

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Подписано к печати 18/III 1973 г. Формат 70×108[1]/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 98.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

30-летие восстания в варшавском гетто. Фрагменты из поэмы И. Фефера «Тени варшавского гетто», из романа П. Маркиша «Поступь поколений», из драматической поэмы С. Галкина «Не щадя жизнь».

Рассказы Б. Миллера, А. Гонтаря, М. Лева.

Стихи Ш. Чернявского, Х. Мальтинского, Г. Релеса, И. Бронфмана.

Трибуна жизни

У. Гуральник. Защита диссертации о Шолом-Алейхеме в Институте мировой литературы.

А. Вергелис. Письма из Европы (продолжение).

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

М. Шапиро. О некоторых нормативных вопросах еврейского языка.

А. Раскин. Вариант «Тевье молочника» на древнееврейском языке.

Отвечаем на вопросы наших читателей. З. Дичаров. «Еврейский вопрос», и кто на нем наживает политический капитал.

Краткие рецензии. Наши сообщения. Почта «Советиш геймланд». Хроника. Разное. Заметки на календаре.

Беседы о еврейском языке.